STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02647

DI GESHIKHTE FUN DER YIDISHER ARBETER-BAVEGUNG IN RUSLAND

N. A. Buchbinder

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. א. בוכבינדער

די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד

לויט ניט-געדרוקטע
אַרכיוו-מאַטעריאַלן

יידיש דוד רויבעל

ווילנע — 1931

פאַרלאַג „טאָמאָר"

PRINTED IN POLAND

N· A· Buchbinder — Di geszichte fun der idiszer arbeter-
bawegung in Rusland·

Czcionkami zecerni „T o m o r", Wilno, Szopena 1
Drukarnia Wyd. „Wilner Radjo", Wilno,

אינהאַלט:

זייט:

הקדמה 5

קאַפּיטל איינס — דאָס סאָציאַל-עקאָנאָמישע לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד אין XIX י"ה 7

קאַפּיטל צוויי — די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין די 70ער יאָרן 19

קאַפּיטל דריי — די יידישע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין די 80ער און 90ער יאָרן. די תקופה פון פּראָפּאַגאַנדע. . . . 50

קאַפּיטל פיר — דער סוף פון די 90ער יאָרן. די שטרייק-באַוועגונג. דער איבערגאַנג פון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע . . . 61

קאַפּיטל פינף — די ערשטע פּרוּוון צו פאַראייניקן די יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קרייזלעך. די ווילנער באַראַטונג. דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי 77

קאַפּיטל זעקס — דער 2ער, 3ער און 4ער צוזאַמענפאָרן פון „בונד". די נאַציאָנאַלע פראַגע אויפן 3טן און 4טן צוזאַמענפאָר. די עוואָלוציע פון „בונד" אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די רעזאָלוציע פון 4טן צוזאַמענפאָר וועגן פעדעראַטיוון בוי פון רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי 94

קאַפּיטל זיבן — די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין ראַיאָן פון „בונד" אין די יאָרן 1890—1904 113

סאַפּיטל אכט — די זובאַטאָווושטשינע און די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג. 203

קאַפּיטל ניין — דער טעראָריזם אין „בונד". די פייערונג פון 1טן מאַי 1902 אין ווילנע. הירש לעקערטס אַטענטאַט אויפן ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר פאָן-וואַל. די פינפטע קאָנפערענץ פון „בונד" אין בערדיטשעוו. דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". די בונדישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע אין ריגע 286

זייט:

קאפיטל צען — די פאָלעמיק צווישן „בונד" און „איסקראַ" נאָכן פערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד". דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. „בונד" טרעט אַרויס פון רוסלענדער סאָצ.-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. דער פּאָלעסיער און צפון-מערבדיקער קאָמיטעט פון רוסלענדישער סאָצ.-דעמ. אַרב.-פּאַרטיי. דער קעשענעווער און האָמלער פּאָגראָמען. די רוסיש-יאַפּאָנישע מלחמה. די יאַקוטער געשעענישן. דער 1טער מאַי. די ביאַליסטאָקער שחיטה . 300

קאַפּיטל עלף — 1905 יאָר. 9טער יאַנואַר. דער אויפשטאַנד אין לאָדז. די געשעענישן אין אָדעס, דווינסק און וואַרשע. די אָקטאָבער-טעג. די זעלבסטשוץ. דער אַלגעמיינער שטרייק אין דעצעמבער. . 326

קאַפּיטל צוועלף — דער אַרויסטריט פון „בונד" אויף דער לעגאַלער פּאָליטישער אַרענע. די פאַראייניקונג פון „בונד" און רוסלענדער סאָצ.-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. די רעאָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי אויף יסודות פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם. דער אָנטייל פון „בונד" אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. די צענטראַליזירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די בערשטער און גאַרבער. די באַציִונג פון „בונד" צו די אַרבעטער-ראַטן. די וואַלן אין I, II, III דומעס . . 360

קאַפּיטל דרייצן — „חובבי ציון". ד"ר ט. הערצלס פּאָליטישער ציוניזם. „חרות". קרייזלעך „פּועלי-ציון". די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי. די יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטיי „פּועלי-ציון". די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי („סערפּ"). די יידישע בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען: „דער פאַרבאַנד צו דערגרייכן גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין רוסלאַנד", „די יידישע פאָלקס-גרופּע", „פאָלקספּאַרטיי", „די רוסלענדישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע". זייער פּראָגראַם און אָנטייל אין די געשעענישן פון 1905—1907. 386

קאַפּיטל פערצן — די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין די יאָרן פון רעאַקציע 406

קאַפּיטל פופצן — די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין די יאָרן פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה 428

זוכצעטל 432

הקדמה

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ טייל פון אַ פאַרטראַכטער אַרבעט „די געשיכטע פון די יידן אין רוסלאַנד", וואָס ווערט דורך מיר באַטראַכט אין ליכט פון מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון דער געשיכטע.

אין מיין אַרבעט האָב איך, אַחוץ דער פאַרעפנטלעכטער ליטעראַטור, ברייט אויסגענוצט די ניט־צוטריטלעכע פאַר־רעוואָלוציאָנערע מאַטעריאַלן פון אַרכיוו פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

נאָכפאָלגנדיק שריט ביי שריט איבער דעם דאָרן־וועג, וואָס דער יידישער אַרבעטער אין רוסלאַנד איז דורכגעגאַנגען, פרייענדיק זיך מיט זיינע נצחונות, טרויערנדיק איבער זיינע מפּלות, האָב איך אַלץ מער זיך דורכגעדרונגען מיט ליבע צו אים.

אָט די אומגעהייערע אָנשטרענגונגען פון אָט די פּאַריער, וועלכע האָבן געקאָנט באַקעמפן די בירגערלעכע רעכטלאָזיקייט, עקאָנאָמישן יאָך און דורותדיקע הערשאַפט פון אָבערגלויבענישן, גיבן צו אַ גוואַלטיקע מוטיקייט פון גייסט.

דער דערשלאָגענער, דער דערדריקטער, דער דערנידעריקסטער שקלאַף איז געוואָרן דער שטאָלצער און דרייסטער קעמפער פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דער אויטאָר וואָלט זיין אויפגאַבע גערעכנט פאַר דערפילט ביזן סוף, ווען די געפילן פון אָט דעם מין וואָלטן זיך אין אַ פולער מאָס אויך איבערגעגעבן דעם לייענער.

נ. א. בוכבינדער.

קאַפּיטל איינס

דאָס סאָציאַל-עקאָנאָמישע לעבן פון די יידן אין XIX יאָרהונדערט. — דער יידישער לעבנסשטייגער אין דער פאַר-רעפאָרם-צייט. — זיין צעפאַלונג אונטער דער ווירקונג פון דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד. — דער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון די יידישע אַרבעטער אין סוף פון XIX יאָרהונדערט. — דער אָנטייל פון יידן אין מסחר, אין לאַנדווירטשאַפט, האַנטווערק און פאַבריק-אינדוסטריע. — דער יידישער האַנטווערקער און פאַבריק-אַרבעטער. — די אַרבעטס-באַדינגונגען. — דער אַרבעטס-לוין. — דער אַרבעטס-טאָג. — די וואוינונגס-באַדינגונגען.

אין XIX יאָרהונדערט זיינען אין לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד פאָרגעקומען געוואַלטיקע ענדערונגען. אין דער פאַר-רעפאָרם-צייט [1] האָבן די יידן מערסטנטייל געוווינט אין די דערפער און אין די שטעטלעך. די גרעסטע טייל האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדל און פאַרמיטלעריי: זיי פלעגן אויפקויפן ביי די פריצים און ביי די פויערים די תבואה, זי איבערפאַרקויפן די גרעסערע סוחרים, און זיי צושטעלן פאַרשיידענע האַנטווערק-אויסאַרבעטונגען. די גרויסע סוחרים ווידער (זיי זיינען געווען ניט פיל) האָבן געפירט מסחר מיט אויסלאַנד: זיי פלעגן טראַנספּאָרטירן תבואה און געהילץ קיין דאַנציג, קיניגסבערג, פאָרן אויף די יאַרידים אין לייפּציג. אַן אַנדער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג פלעגט נעמען פאַרשיידענע רעגירונגס-אַרענדעס, פאַדריאַדן און ליפערונגען פלעגט האַלטן קרעטשמעס, די פּאָסט, שענקען וכדומה. דער אינערלעכער מסחר האָט זיך געהאַלטן אויף די יאַרידים, וואָס פלעגן פאָרקומען אין באַשטימטע צייטן און פאַרשיידענע ערטער. די פויערים פלעגן אַהין ברענגען זייערע פּראָדוקטן, זיי אויסטוישן, פאַרקויפן און איינהאַנדלען פאַר זיך די נייטיקע מכשירים און פּראָדוקטן. דער האַנטווערקער-קלאַס איז ביי די יידן געווען ניט קיין גרויסער. מלאָכה האָבן די יידן געהאַלטן פאַר אַ מחיה בזויה, וואָס פּאַסט פאַר דעם המון. צו דער מלאָכה האָט מען

[1] אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס הערשאַפט איז אונטערן דרוק פון רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג פון די פאָלקס-מאַסן איינגעפירט געוואָרן אייניקע רעפאָרמען: דאָס באַפרייען די פויערים פון לייב-אייגנטום, רעפאָרם אין געריכטס-וועזן אאַז"וו. דער איבערזעצער.

זיך באַצויגן מיט ביטול און זי פאַרמיאוסט. אין דעם יידישן קהילה־לעבן האָט די בורזשואזיע, וואָס האָט אין אירע הענט געהאַט די גאַנצע מאַכט איבערן קהל, באַגרענעצט די האַנטווערקער אין זייערע רעכט, און אין אייניקע פאַלן אַרויפגעלייגט אויף זיי ספּעציעלע הויכע שטייערן. זיי פלעגן זיי אויך אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן און זייערע קינדער פאַר קאַנטאָניסטן, אין אַ גרעסערער צאָל, איידער די קינדער פון אַנדערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין יענער צייט איז צווישן יידן געווען אַ גרויסע צאָל פאַרשיידענע כלי־קודש: רבנים, שוחטים, מגידים וכדומה. ביז דער פאַר־רעפאָרם־צייט איז דער ווילזיין פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען אַ שלעכטער; כמעט אַלע האָבן געלעבט אין שרעקלעכן דחקות.

די 60ער און ווייטערע יאָרן פון XIX יאָרהונדערט, וואָס ווערן באַצייכנט אַלס געוואַלטיקער אויפשטייג און וווּקס פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, האָט שטאַרק אויפגעטרייסלט דעם אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער. מיט דעם אָפּשאַפן דאָס לייב־אייגנטום און מיט דעם אָנהייב פון אינטענסיוון בוי פון דער אייזנבאַן־נעץ, איז די יידישע באַפעלקערונג אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אירע לעבנספאָרמען. די פריערדיקע פרנסות זייערע האָבן צו גאָרנישט ניט געפּאַסט. דער פּריץ, לעבן וועלכן עס פלעגט פריער האָבן פרנסה די יידישע באַפעלקערונג פון שטעטל, זייענדיק זיינע פאַרמיטלער און צושטעלער, האָט זיך שוין איצט אין זיי ניט געניייטיקט: אויסמיידנדיק די קליינע איבערפאַרקויפער האָט ער אַליין אָנגעהויבן פאַרקויפן זיין תבואה און זי עקספּאָרטירן קיין אויסלאַנד. פון די שטעטלעך און דערפער האָט די יידישע באַפעלקערונג אָנגעהויבן עמיגרירן אין די גרויסע שטעט. אין אַ פאַרהעלטענישמעסיק קורצער צייט האָט זיך געבילדעט אַ גאַנצע ריי גרויסע יידישע צענטרען אין די שטעט. אַרויסגעשלאָגן פון דער געוויינלעכער פּאָזיציע, האָט די יידישע באַפעלקערונג פאַרגעסן אין די פריערדיקע אָבערגלויבענישן און זיך שטאַרק גענומען צו דער מלאכה. אינגיכן איז ביי יידן אויסגעוואַקסן אַ באַדייטנדיקער קלאַס פון האַנטווערקער. אין סוף פון XIX יאָרהונדערט איז ער שוין געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז געווען פאַרמשפּט אויף געפערלעכער קאָנקורענץ. אין דער זעלבער צייט איז אויך אויסגעוואַקסן דער קלאַס פון יידישע לוין־אַרבעטער: עס האָט זיך באַוויזן אַ באַדייטנדער יידישער האַנטווערקער־פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אינגיכן אָנגעהויבן פירן אַן אָרגאַניזירטן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף.

אין די זעכציקער יאָרן האָט דער יידישער גרויס־קאַפּיטאַל זיך געוואָרפן אויף דער אייזנבאַן־בוי־ווערק, דער אָרגאַניזאַציע פון די בענק, אַקציען־געזעלשאַפטן וכדומה. די רעגירונג האָט עס זייער שטאַרק גע־

שטיצט: נייטיקנדיק זיך אין קאפיטאלן, האט זי זיי געגעבן פארשיידענע קאנצעסיעס און פריווילעגיעס. די גאלדענע תקופה פון דעם יידישן סוחרטום האט אבער לאנג ניט געדויערט. שוין אינם סוף פון די זעכציקער יארן, נאך קאראקאזאוום שאס, ווע עס האט זיך אנגעהויבן די רעאקציע פון דער רעגירונג און דער געזעלשאפט, האט זיך אנגעהויבן א צוריקמארש פון דער רעגירונגס־פאליטיק אויך אין דער יידן־פראגע. די פאליטיק פון פארשיידענע באגרענעצונגען האט דערגרייכט איר העכסטע שטופע אין די אכציקער יארן. דער באדייטנדיקער קלאס פון די קריסטלעכע קאפיטאליסטן, וואס האט געשטאמט פון דעם אדל און שטאטבירגערטום, האט גענומען געוואלדעווען, וואס די „זשידעס" האבן פארכאפט אין זייערע הענט דעם האנדל און די אינדוסטריע, וועגן דער יידישער חוצפה און „גוואלט" וכדומה.

אין דער צייט פון אלעקסאנדער דעם דריטן ווערן ארויסגעגעבן די באוואוסטע „צייטווייליקע תקנות" פון 3 מאי 1882 יאר. די יידן איז פארבאטן צו באזעצן זיך אין די דערפער פון „יידישן תחום", קויפן ערד, ארענדירן פאלווארקן אדער צו פארוואלטן מיט גיטער. אין דער צייט פון זיין הערשונג אין 1881 קומט פאר א גאנצע ריי פון יידישע פאגראמען, און אין יאר 1891 דער שוידערלעכער גירוש מאסקווע.

לויט די דאטן פון דער אלגעמיינער פאלקצציילונג, וועלכע איז פארגעקומען אין סוף פון XIX יארהונדערט, איז דער פראפעסיאנעלער צוזאמענשטעל פון דער יידישער באפעלקערונג אין רוסלאנד געווען אזא:



דער אַנטייל פון די יידן אין ערדאַרבעט אין רוסלאַנד איז ניט געווען גרויס. אין אָנהייב XIX יאָרהונדערט, אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן און ניקאָלאַי דעם ערשטן, האָט די רעגירונג צוגעצויגן די יידישע באַפעלקערונג צו דער ערד־אַרבעט. זי האָט זיי באַשטימט געוויסע ערד־שטחים און זיי געגעבן פאַרשיידענע פּריווילעגיעס, דערהויפּט זיי באַפרייט פון דער שווערער 25יאָריקער מיליטער־דינסט. אַדאַנק דעם איז געשאַפן געוואָרן אַ געוויסע צאָל יידישע ערד־אַרבעטער. און דאָך איז אין דער צווייטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט די פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וואָס איז פריער גענויגט געווען אונטערצושטיצן און פּריווילעגירן די ערד־אַרבעט צווישן יידן, מיטאַמאָל זיך שטאַרק געענדערט, און אַדאַנק די אַזוי גערופענע „צייטווייליקע תקנות” פון 3 מאַי 1882 יאָר, ווי מיר האָבן עס פריער געזאָגט, איז יידן פאַרבאָטן געוואָרן צו באַזעצן זיך אין די דערפער פון תחום, קויפן ערד אָדער זי אַרענדירן און האַלטן מיט גיטער. אַדאַנק דעם דאָזיקן געזעץ האָט זיך דער ווייטערדיקער וווקס פון יידישן פּויערטום אָפּגעשטעלט.

אין סוף פון XIX יאָרהונדערט האָבן אין רוסלאַנד געלעבט ביי ערד־אַרבעט:

	נפשות
ערד־אַרבעט אין די קאָלאָניעס	51.539
מיט פאַרשיידענע צווייגן ביי לאַנדווירטשאַפט	64.563
ערד־גיטער אין אַרענדע	19.930
פעלד־אַרבעט	12.901
ס"ה . .	148.933 [1]

די לפי־ערכדיקע אויסרעכענונג פון דער צאָל פון די איינוווינער אין די קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך ווירקלעך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט אין פולן זין פון וואָרט, איז פאָלגנדיקער:

גובערניעס	צאָל פאַמיליעס	צאָל נפשות
צפון און דרום־מערבדיקע . .	2.841	17.568
כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער	3.982	23.520
בעסאַראַביע	674	3.301
פוילן	1.430	7.150
ס"ה . .	8.927	51.539 [2]

וועגן דער צאָל נפשות, וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט אין פאַרשיידענע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, פאַרמאָגן מיר פאָלגנדיקע

1 זאַמלונג פון מאַטעריאַלן וועגן דער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד (פאַרלאַג יק"א, פעטערבורג, 904, ב' 1, ז' 10 (רוסיש).

2 דאָרט ז' 7.

דאטן, וואס זיינען געזאמלט געוואָרן דורך די קאָרעספּאָנדענטן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט (יק"א).

גערטנעריי און פרוכטצוכט	11.299
מילך־ווירטשאַפט און פאַכטעריי . .	7.454
טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס	1.695
וויינגערטנעריי און וויינפּראָדוקציע .	780
בינענצוכט	200
פאַרשיידענע ספּעציעלע קולטורן . .	93
ס"ה . .	21.521 [1]

די אויספאָרשונג, וואס די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענטן האָבן דורכגעפירט אין סוף פון XIX יאָרהונדערט, האָט קלאָר געמאַכט דאָס טרויעריקע בילד וועגן דעם שרעקלעכן מצב פון די יידישע קאָלאָניעס. די סיסטעם פון דער ווירטשאַפט איז געווען א רויעבערישע, דאָס באַארבעטן די ערד א פּרימיטיווע, זיי פלעגן זי באַארבעטן פּונקט אזוי ווי די שכנים פּויערים. און ניט געקוקט, וואס דער שטח ערד פון די קאָלאָניעס איז געווען א באַגרענעצטער, האָט מען דאָך זיך ניט באַנוצט מיט דער קולטורעלער סיסטעם פון באַארבעטן די ערד, מען האָט אפילו ראַציאָנעל ניט אויסגענוצט דעם אופן פון אקער־פעלדער וכדומה. די אקער־פעלדער פלעגט מען אָן אויפהער פאַרזייען. אין כערסאָנער און בעסאַראַבער גובערניעס איז דאָס באַמיסטיקן די פעלדער געווען לחלוטין אומבאַקאַנט. און וואס מער די באַפעלקערונג אין די קאָלאָניעס האָט זיך פאַרמערט און דער ערד־שטח אויף יעדן נפש האָט זיך פאַרקלענערט, אלץ ערגער איז געוואָרן דער עקאָנאָמישער מצב פון די קאָלאָניסטן [2].

ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, איז האַנטווערקעריי געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די יידן. די קאָרעספּאָנדענטן פון יק"א האָבן פאַררעגיסטרירט 500.986 יידן האַנטווערקער, וואס האָבן אויסגעמאַכט 13,2% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג [3]. אין 25 גובערניעס פון מערב־רוסלאַנד האָבן די האַנטווערקער אויסגעמאַכט לפי־ערך פון $1/_{10}$ ביז $1/5$ פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג [4].

געוויינלעך זיינען די יידישע וואַרשטאַטן געווען קליינע, מיט איינעם אָדער עטלעכע אַרבעטער. צוזאַמען מיט דעם באַלעבאָס פלעגן אויך אַרבעטן זיינע קינדער.

1 דאָרט ז' 9.
2 דאָרט ז' 29.
3 דאָרט ז' 189.
4 דאָרט ז' 190.

דער מצב פון דעם יידישן האנטווערקער איז געווען א קלאָגעדיקער, אדאנק דער גרויסער קאָנקורענץ און דעם נידעריקן ניוואָ פון זיין טעכניק. א באַלמעלאָכע האָט נאָך ניט באַוויזן גרינטלעך אויסצולערנען זיך דעם פאַך, האָט ער שוין אויפגעעפנט א ווארשטאט און געשטרעבט ווערן א באַלעבאָס.

די קאַפּיטאַליזירונג פון דעם האַנטווערק האָט געבראַכט דערצו, אז מען האָט געמוזט פאַרבייטן דעם איינפאַכן, פרימיטיוון אופן פון ארבעט און פאַרקויפן די פּראָדוקטן אויף א מער קאָמפּליצירטערן. לעבן דעם באַלמעלאָכע, וועלכער פלעגט ארבעטן פאַר דעם קאָנסומענט, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן באַלמעלאָכעס, וואָס פלעגן ארבעטן סחורות פאַר די יארידים. אלס פּועל־יוצא האָט זיך אָנגעהויבן באַמערקן א מאַסן־פּראָדוקציע פאַר די מאַגאַזינען און פאַר דעם ארויספיר אין די וויטע קאַנטן פון לאַנד. אין אָט דעם פאַל איז שוין דער האַנטווערקער אינגאַנצן געווען אָפּגעריסן פון דירעקטן פאַרבּרויכער, און מערסטנטייל געארבעט מיט רוישטאָפן, וואָס דער אונטערנעמער פלעגט אים צושטעלן. זיין לאַגע ווערט איצט אזא, אז הגם ער איז א קליין באַלעבעסל, שיידט ער זיך פונדעסטוועגן שטאַרק ניט אָפּ פון דעם לוין־ארבעטער. „זיי אונטערשיידן זיך פון די אמתע פאַבריק־ארבעטער בלויז דערמיט, וואָס זיי קומט דורכאויס אוים צו ארבעטן ביי א סך ערגערע היגיענישע אומשטענדן, ווי אין דער פאַבריק, וואָס זייער ארבעטסלוין איז א סך א קלענערער, און וואָס זייערע מאַטעריעלע אינטערעסן ווערן וויניקער אָפּגעהיט און באַשיצט דורך די עקסיסטירנדיקע געזעצן, איידער די אינטערעסן און דאָס געזונט פון די פאַבריק־ארבעטער" [1].

אין דער האַנטווערקעריי איז אין א גרויסער מאָס געווען פאַרשפּרייט די ארבעט פון פרויען און קינדער. אין אייניקע גובערניעס האָט זיך אין א גאַנצער ריי פאַלן באַמערקט דער פאַקט, אז די צאָל לערנייִנגלעך איז געווען גרעסער פון דער צאָל ארבעטער. דאָס איז געווען אדאַנק דעם, וואָס די באַדינגונגען פון דער האַנטווערק־פּראָדוקציע אין אָט די גובערניעס האָבן געצוווּנגען די באַלעבאַטים ניט אזוי צו זאָרגן וועגן דער קוואַליטעט פון די פּראָדוקטן, ווי וועגן זייער ביליקן פּרייז. וועגן דעם אָנטייל פון פרויען אין האַנטווערקעריי לייענען מיר אין דעם אויבנדערמאָנטן „זאַמלבוך וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד" אָט וואָס: „ערשט דאָ ניט לאַנג איז א יידישע פרוי א האַנטווערקערין געווען א זעלטנהייט: די יידישע פרוי פלעגט זיך מערסטנטייל

---

1 דאָרט ז' 219.

פארנעמען מסחר, מיט שענקעריי, קרעטשמעס, איינפארן אד"גל. מלאכה ווידער האט זיך גערעכנט פאר א מחיה בזויה, וואס דערנידעריקט דעם כבוד פון א פרוי „פון פיינערן יחוס". איצט ווידער האבן זיך די באדינגונגען ראדיקאל געענדערט: וואס ווייטער וואקסט אלץ מער די פאדערונג אויף פרויען־ארבעט, און וואס ווייטער ווארפט די יידישע פרוי אוועק אירע פאראורטיילן און אונטערן דרוק פון דער נויט ווערט זי ארייגעשטויסן אין די רייען פון די פראפעסיאנעלע ארבעטערינס". אין 25 גובערניעס איז פארנאטירט געווארן 76,548 ארבעטערינס. דאס הייסט 15,3% פון דער גאנצער צאל יידישע האנטווערקער[1]. ס'רוב זיינען דאס געווען מאדיסטקעס, שניידערינס, וועשנייערינס, זאקנמאכערקעס, הענטשקעמאכערקעס, טאבאק־ארבעטערינס אאז"וו.

זייער קנאפ איז געווען די צאל יידישע ארבעטער אין די פאבריקן און זאוואדן. לויט די ידיעות פון די יק"א־קארעספאנדענטן, זיינען ביי את דער ארבעט אינגאנצן געווען באשעפטיקט 33,933 מאן, צווישן זיי — מענער 20.081, פרויען — 6.586, קינדער — יינגלעך 2.407 און מיידלעך 2.841.

די יידן האבן דערהויפט געארבעט אין די יידישע פאבריקן. אין פוילן איז די צאל יידישע ארבעט אין די ניט־יידישע פאבריקן געווען די מינימאלסטע. „אין 311 ניט־יידישע פאבריקן מיט דאמף איז בסך־הכל געווען 353 יידישע ארבעטער, און אין 140 ניט־יידישע פאבריקן אן דאמף — 74 יידישע ארבעטער, ד"ה כמעט ווייניקער ווי איין ארבעטער אויף איין ניט־יידישער פאבריק.

די יידן געפינען גיכער א פלאץ צו ארבעטן אין די יידישע פאבריקן אן דאמף, איידער אויף די פאבריקן מיט דאמף. אזוי איז צווישן די 27.582 ארבעטער, וואס האבן געארבעט אין די יידישע פאבריקן מיט דאמף, אינגאנצן געווען 5.236 יידישע ארבעטער, ד"ה 18,9% פון דער אלגעמיינער צאל ארבעטער; אויף די יידישע פאבריקן אן דאמף איז צווישן די 15.429 ארבעטער געווען 6718 יידן ארבעטער אדער 43,7% פון דער אלגעמיינער צאל.

און איבערגייענדיק צו באזונדערע ראיאנען און פונקטן, מערקן מיר כמעט אומעטום די זעלבע ערשיינונג: אומעטום שפילן די יידן די צווייטראנגיקע ראלע אין דער פאבריק־אינדוסטריע"[2].

---

1 דארט ז' 205.

2 דארט ב' II, 115.

און ריידנדיק וועגן דעם פראפעסיאנעלן צוזאמענשטעל פון דער יידישער באפעלקערונג, דארף מען נאך אנווייזן אויף א קליינער צאל יידן שוואַרץ־אַרבעטער. די ייק״א־קאָרעספּאָנדענטן האָבן אין 15 גובערניעס פון תחום און אין 10 גובערניעס פון פוילן (אָן אָדעס, לאָדז, קיעוו, מאָ־הילעוו און קאָוונע, פון וועלכע עס זיינען קיין ידיעות ניט געווען) אָנגע־ציילט ניט ווייניקער פון 105.000 מאן, ד״ה בערך 2 פּראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין אַט די גובערניעס. דאָס זיינען געווען: פורמאַנעס, פּאָסאַזשיר־ און משא־באַלעגאָלעס, וואַסערפירער, וואַסער־טרעגער, טראַטואַר־טרייבער, האָלץ־העקער, ברוקירער, ערדגרעבער, שמאָ־טע־קלייבער, טרעגער, טאָגאַרבעטער און באַטראַקער אויף פעלדאַרבעט [1].

צום סוף מוזן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן אויף די אַרבעטס־באַדינגונגען פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט: אויף דעם אַרבעטסטאָג, אַרבעטס־לוין אאז״וו. מען דאַרף באַמערקן, אַז דער מצב פון דעם יידישן אַרבעטער איז געווען אַ סך אַן ערגערער ווי ביי דעם רוסישן אַרבעטער. דאָרט האָט, לכל־הפחות, עקסיסטירט אַ פאַבריק־אינספּעקציע, וועלכע פלעגט אַכטונג געבן ס'זאָלן אָפּגעהיט ווערן די תקנות וועגן דער אַרבעט. ווי עס זאָל ניט זיין, האָבן זיי דאָך אין אַ געוויסער מאָס באַגרענעצט די עקספּלואַטאַציע. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, ווידער, וועלכער איז על־פּי רוב געווען באַ־שעפטיקט אין דער קליינער האַנטווערק־אינדוסטריע, איז געווען הפקר, און דער באַלעבאָס האָט אים געקאָנט עקספּלואַטירן, וויפיל זיין האַרץ האָט געוואָלט: ער האָט געאַרבעט אַזוי פיל, וויפיל דער באַלעבאָס האָט געוואָלט. אין האַמעל האָט, למשל, אין סוף פון די 90ער יאָרן דער אַר־בעטסטאָג געדויערט פון 8 אינדערפרי ביז 12 ביינאַכט, און דאָנערשטאָג ביז פאַרטאָג — אויף אַזאַ אופן איז דאָס געווען אַ 16—17 שעהדיקער אַרבעטסטאָג, די סטאָלאַרעס האָבן אויך געאַרבעט 17 שעה, די שוסטערס — 18 [2], בעקערס — 18 שעה [3] אאז״וו. אין אָנהייב פון 1900 יאָרן האָבן די שוסטערס אין מינסק געאַרבעט ביז שפּעט ביינאַכט און אין סעזאָן־צייט אַ גאַנצע נאַכט, די איינבינדער — 15—16 שעה, קירזשנערס — 15 שעה, וועבערס — 14 שעה, שלאָסערס — 18 שעה, צוקערניקעס (מיידלעך) — 20 שעה און אין סעזאָן־צייט אַ גאַנצע נאַכט [4]. אין קיעוו האָבן די שניי־דערס געאַרבעט 15—18 שעה [5], אין דווינסק אין זאַקס פאַבריק —

---

1 דאָרט ב׳ ו, ז׳ 394 און די 65טע טאַבעלע אין ב׳ II.

2 „פּ. היסט. רעוו. אַרכיוו״, נומ׳ 5, טייל 31, ז׳ 5, ב׳ 2, 1898 יאָר, ז׳ 23.

3 „פּאָסלעד. איזוועסטיא״, נומ׳ 108.

4 „דער אידישער אַרבייטער״ נומ׳ 10 און „דער מינסקער אַרבייטער״ נומ׳ 16.

5 „פּאָסלעד. איזוועסטיא״ נומ׳ 45.

15—16 שעה[1], אין זשיטאָמיר די בעלעכערס — 15—16 שעה[2], אין בערדיטשעוו די שוסטערס — 16—17 שעה[3], אין פּעטראָווקע די שניי־דערס — 18 שעה[4], אין ראָגאַטשאָוו די סטאָלאַרעס — 18 שעה[5], אין בערדיטשעוו האָט מען אין די וועשנייעריי־וואַרשטאַטן געאַרבעט פון גאַנץ פרי ביז האַלבער נאַכט (גאַנץ אָפט אַפילו שפּעטער פון האַלבער נאַכט), און דערביי זיינען ניט געווען קיין הפסקות אויף איבערבייסן און מיטאָג[6]. די טאָקאַרעס, שניצערס, נייטאָרינס פון אייבער־בגדים — 17—18 שעה, בעקערס — 18—20 שעה, אין דובראָוונע די וועבער — 20 שעה[7], וועשערס 13—14 שעה אין וואַסער, אין שאוול די האַנדלס־אָנגעשטעלטע — 18—20 שעה אאַז"וו.

מיר האָבן געבראַכט די דאַטן וועגן דער גרייס פון אַרבעטס־טאָג אין עטלעכע שטעט; מ'דאַרף אָבער אָנווייזן, אַז דאָס זעלביקע איז געווען אומעטום, וווּ נאָר עס האָט געאַרבעט דער יידישער אַרבעטער.

דער אַרבעטסלוין איז געווען זייער אַ נידעריקער. אין אָנפאַנג פון די 900 יאָרן האָט אַ שוסטער אין מינסק פאַרדינט ביז 6 רובל די וואָך, שלאָסערס, אין בעסערע צייטן און בעסערע אַרבעטער, 6 רובל די וואָך, נאָר אַזעלכע זיינען געווען ווייניק, אַנדערע האָבן פאַרדינט ווינציקער און ס'זיינען געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן פאַרדינען 2 רובל, צוקערקע־אַרבעטערינס 2—3 רובל אַ חודש, אויף מאַנאָסזאָנס שטריק־פאַבריק האָבן מיידלעך באַקומען פון 60 קאָפּ. ביז 1 רובל 20 קאָפּ. אַ וואָך, יינגלעך פון 50 קאָפּ. ביז 1 רובל די וואָך, דערוואַקסענע אַרבעטער פון אַ רובל 20 קאָפּ. ביז 2 רובל 50 קאָפּ.; אַרבעטער שלאָסאַרעס — פון 3 רובל ביז 5 אַ וואָך; איינבינדערס — 12—14 רובל אַ חודש, וועבער, די בעסטע, — 14 רובל אַ חודש, נאָר אַזעלכע איז געווען זייער ווייניק, ס'רוב האָט פאַר־דינט 10—12 רובל אַ חודש, אייניקע האָבן זיך באַנוגנט מיט 6—7 רובל אַ חודש; אין 1895 האָט מען פאַרדינט פון 6 ביז 14 רובל אַ חודש, אין 1898 לפי־ערך — 18 רובל, אין 1900 — ביז 24

---

1 „פּאָסלעד. איזוועסטיאַ" נומ' 47.

2 „ „ „ 86.

8 „ „ „ 89.

4 „ „ „ 93.

5 „ „ „ 94.

6 „ „ „ 113.

7 העניריך דאַגאַן: דער „יידישער פּראָלעטאַריאַט" (רוס׳ש), 1906, ז' 9,

רובל און אייניקע אפילו ביז 30 רובל [1]. אין זשיטאָמיר האָבן די בלעכערס פאַר אַ טאָג אַרבעט אויפן דאַך, אפילו אין די געפערלעכסטע חמימות, פאַרדינט ניט מער ווי אַ רובל אַ טאָג [2]. אין בערדיטשעוו האָבן דערוואַקסענע, 20—25־יעריקע האַנדלסאַנגעשטעלטע באַקומען מערסטנטייל פון 1 רובל 50 קאָפּ. ביז 2 רובל די וואָך; פּאַמיליע־מענטשן, וואָס האָבן שוין געהאַט אָפּגעאַרבעט אין געשעפט 15—20 יאָר, פלעגן באַקומען 4—5 רובל די וואָך [3]; דאָרטן פלעגט דער בעסטער אַרבעטער אין אַ וועשנייער־וואַרשטאַט פאַרדינען ניט מער ווי 4 רובל 50 קאָפּ. די וואָך, און די בעסטע אַרבעטערין ניט מער פון 8 רובל דעם חודש. ס'איז דאָ געווען אייינגעפירט שטיק־ און צאָל־אַרבעט [4]. אין האָמעל האָבן די בעקער אָנשטאָט געלט באַקומען קעסט [5]. אין טשענסטאָכאָוו האָבן די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון שטעקלעך און געשטעלן פאַר שירעמס, פאַר אַ 11½ שעהדיקן אַרבעטסטאָג באַקומען פון 4 ביז 5 רובל די וואָך, און די אַרבעטערינס פון 1 רובל 80 קאָפּ. ביז 2 רובל 50 קאָפּ. די וואָך. אייניקע אַרבעטערינס פלייסיקע און פלינקע אפילו ביז 3 רובל די וואָך [6]; אין ביאַליסטאָק האָבן די וועבער פאַר אַ 11 שעהדיקן אַרבעטסטאָג אין בעסטן פאַל פאַרדינט 1 רובל 20 קאָפּ. און אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן — 1 רובל 50 קאָפּ. זיי פלעגן באַקומען פאַר דעם שטיק, צו 9 קאָפּ. פאַר אַ שפּולקע, דערביי פלעגט מען אַ האַלבע קאָפּיקע אַראָפּרעכענען לטובת דעם מייסטער. שפּולערינס, וואָס יעדע איינע פלעגט אַרבעטן ביי צוויי שטולן, האָבן באַקומען צו 30 קאָפּ. אַ טאָג, אַנדערע אַרבעטערינס צו 3—4 רובל די וואָך [7]. דאָרט האָט אין יאַנקאָווסקיס טאַבאַק־פאַבריק אַ אַרבעטער באַקומען פון 1 רובל ביז 1 רובל 50 קאָפּ., אַרבעטערינס 30—40 קאָפּ. אַ טאָג [8]. אין ווילנע האָבן הענטשקעמאַכערס באַקומען 12, 10 און 8 רובל אַ חודש, אַרבעטערינס 6 רובל און ווייניקער [9]. אין דובראָוונע האָבן די וועבער פאַרדינט פון 75 קאָפּ. ביז 1 רובל

---

1 „דער אידישער אַרבייטער" נומ' 10 און דער „מינסקער אַרבייטער" נומ' 10.

2 „פּאָסלעד. איזוועסטיאַ" נומ' 80.

3 „ „ „ 89.

4 „ „ „ 113.

5 „ „ „ 108.

6 ד"ר ס. ר. לאַנדוי, „צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט". אָדעס, 1905, ז' 32.

7 דאָרט ז' 38—39.

8 דאָרט ז' 40.

9 „פּאָסלעד. איזוועסטיאַ" נומ' 157.

די וואך, און פון דעם האבן געדארפט לעבן פאמיליעס פון 6—8 נפשות [1]. דער ארבעטס־לוין האט סיי אין פאבריק סיי אין ווארשטאט לפי־ערך ניט איבערגעשטיגן די נארמע פון 3½ ביז 4 רובל די וואך; אפט זיינען די לוין־פרייזן געוועזן פון 2½ ביז 3 רובל, און די נידעריקע פון 1½ ביז 2 רובל [2]. אין ווילנע האבן די זאקנמאכערקעס פארדינט ביי א 8 רובל א חודש, אי דאס ניט פארעכנט די אפטע ארבעטסלאזיקייט און דריי־רובלדיקן שטייער פארן רעכט צו האלטן א מאשין [3], די „וואשאוואניקעס"־ארבעטער, וואס פלעגן זיך ספעציעל פארנעמען מיט אויסלאדעווען גע־הילץ פון טייך ווילִיע אויפן ברעג און עס צונויפלייגן — האבן אין ווילנע פארדינט פון 80 קאפ. ביז 1 רובל 20 קאפ. א טאג. די דאזיקע ארבעט איז געטאן געווארן ביי אויסערסט שרעקלעכע באדינגונגען: מען האט געמוזט 13—14 שעה א טאג ביז איבער די קני שטיין אין וואסער [4]. כדי צו געבן א פולקום בילד וועגן די באדינגונגען, אין וועלכע דעם יידישן ארבעטער איז אויסגעקומען צו ארבעטן, איז נייטיק צוצוגעבן, אז ס'איז אויסגעקומען צו ארבעטן ביי די ערגסטע אנטיסאניטארע באדינ־גונגען. די יידישע ארבעטער האבן געוווינט אין א שרעקלעכער ענגשאפט; אין שמוציקע דירות, אן לופט און ליכט. שווינדזוכט און אנדערע חולאתן האבן דא געהאט אברייט פעלד און זיי שנעל געטריבן צו אויס־שטארבונג און אנטארטונג. דער באוווסטער יידישער עקאנאמיסט יעקב לעשטשינסקי האט זייער ריכטיק געשריבן וועגן דער לאגע פון דעם יידישן פראלעטאריאט:

„פאופעריזם — ארעמקייט און עלנט, נויט און הונגער אין פולסטן זין פוןווארט: שוויץ־סיסטעם — איינגעפאלענע ברוסטן, אויסגעטריקנטע אויגן, בלייכע מאגערע פנימער, קראנקע, שווינדזיכטיקע לונגען — אט דאס איז דאס בילד פון דער יידישער גאס, אט דאס זיינען די באדינגונ־גען, ביי וועלכע עס קומט אויס דעם יידישן פאבריק־פראלעטאריאט צו קעמפן פאר די סאציאלע רעפארמען, פאר דעם צוקונפטיקן אידעאל... און ווער עס קאן לויפט פון דער יידישער גאס, ווער נאר עס פארמאגט פיזישע קראפט און מאטעריעלע מיטלען, פארלאזט די יידישע גאס, זוכט, ווארפט זיך אין אלע עקן וועלט" [5].

---

1 הענריך דאגאן, ז' 9.

2 דארט ז' 9.

3 דארט ז' 12.

4 זאמלבוך יק"א, ב' I, ז' 405.

5 יעקב לעשטשינסקי, „דער אידישער ארבעטער", ז' 68.

א גאנץ פולע כאראקטעריסטיק פון די ארבעטס־באדינגונגען פון יידישן ארבעטער גיבן אויך פאלגנדיקע ווערטער, וועלכע מ. באלאבאנאוו האט ביי אן אנדער געלעגנהייט געזאגט וועגן דער לאגע פון די רוסישע פאבריק־ארבעטער.

„פון קיין שום זאך ניט באגרענעצטע ארבעטסצייט, נידעריקער אר־בעטסלוין, וואס האט קוים געקלעקט צו דערהאלטן דאס חיות, א ברייטע עקספלואטאציע פון פרויען־ און קינדער־ארבעט, פרימיטיווע טעכניק פון דער פראדוקציע, וואס האט פארוואנדלט די פאבריקן אין מאשינען אויף מאכן מענטשן פאר קאליקעס, אומענדלעכע שטראפן, די גאנצע פרא־צעדור פון אננעמען ארבעטער, וואס האט פארשקלאפט די ארבעטער, די דירות, אין וועלכע מענטשן האבן זיך געוואלגערט אזוי ווי נבלות, — אט דאס אלץ האט זיך געפילט אין בוכשטעבלעכסטן זין פון ווארט מיט מענטשן־בלוט, וואס ווערט אויסגעפאמפעט אויסגערעכנט, קאלטבלוטיק, מעשה באלעבאס, מיט א שיילאקישער אכזריות צום גורל פון אט די קרבנות פון וואמפירישן דארשט. קיין איין ליכטיק פינטעלע, אויף וועלכן דאס אויג זאל זיך קאנען אפרוען, גיט דאס דאזיקע בילד ניט. עס פארמאגט אין זיך אפילו ניט קיין סימן פון גלאנץ פון „ציוויליזאציע", קיין שפור ניט פון וועלכן ניט איז קולטורעלן צודעק, עס איז אזוי, ווי די מאמע דער קאפיטאליזם האט עס געהאט, אן שום באפוצונגען, נאך ניט אויסגעלערנט דעם שקר צו פראקלאמירן די „הארמאניע פון די אינטע־רעסן", פון סאציאלן שלום, וואס באזייטיקט אדער פארטעמפט דעם קלאסן־קאמף, און אנדערע פיינע זאכן, וואס עקסיסטירן בכלל ניט אין דער קאפיטאליסטישער נאטור. דער קאפיטאל טרעפט ניט אן אין קיין שום ווידערשטאנד, מיט וועלכן ער זאל זיך דארפן רעכענען. דער קאפי־טאל און די ארבעט שטייען איינער קעגן אנדערן, — דער קאפיטאל, צו וועמעס דינסט עס זיינען אלע קרעפטן פון דער וועלט, די ארבעט, וואס איז צוגעדריקט דורך דער עקאנאמישער אפהענגיקייט, א רעכטלאזע און א קראפטלאזע"[1].

---

1 מ. באלאבאנאוו, „געשיכטע פון ארבעטער־קלאס אין רוסלאנד", קיעוו, 1924, ט׳ 2, ז׳ 155—156.

קאַפּיטל צוויי

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן אין די 70ער יאָרן. — די קרייזל אין ווילנע, אין מינסק א. אַנד. שטעט. — זייער צונויפשטעל און כאַראַקטער פון טעטיקייט. — פּראָיעקט פון „סאָצ.-רעוו. פאַרבאַנד". — א. ליבערמאַן. — די זשורנאַלן „האמת" און „אסיפת חכמים" — מ. נ. דראַגאָמאַנאָוו און די יידן-פראַגע. — אַ פּרווו פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אויף יידיש אין 1880. — אויפרוף פון דער גרופּע יידן-סאָציאַליסטן. — דער דורכפאַל פון פּראָיעקט צו שאַפן אַ „פרייע יידישע דרוקעריי". — „אַרבעטער-צייטונג".

I

דער אָנהייב פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן די יידן אין רוסלאַנד איז געווען אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. דער גוואַלטיקער שטראָם פון „גיין אין פאָלק" האָט מיט זיך מיטגעצויגן די פילבאַרע יידישע יוגנט. דער צענטער, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, איז אין יענער צייט געווען די ווילנער ראַבינער-שול. ניט גאַנץ צופעליק איז זי געוואָרן די נעסט פון פאַרשפּרייטן די רעוואָלוציאָנערע אידעען: דאָרטן פלעגן זיך לערנען קינדער פון אָרעמע עלטערן, אָדער גאָר יתומים. אין דער אַטמאָספער פון דער ראַבינער-שול האָבן זיי איבערגעריסן מיט די אַלטע טראַדיציעס, זיי זיינען טיילווייז געשטאַנען אָן אַ זייט פון דער יידישער מאַסע, וואָס האָט געלעבט מיט די אַלטע, פאַרשימלטע פאָראורטיילן און מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אויסגעצייכנטן מאַטעריאַל פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָפּאַגאַנדיסט: זיי האָבן שנעל און לייכט אויפגענומען די נייע אידעען.

דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פירן אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, איז געווען דער שילער פון דער ווילנער ראַבינער-שול יאַנקל-אַבאַ פינקלשטיין. צום באַדויערן, איז וועגן אָט דעם מענטשן, וואָס פאַרדינט בלי-ספק אונזער אויפמערקזאַמקייט, פאַראַן זייער ווייניק מאַטעריאַל.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1851 יאָר און איז געווען אַ מעשטשאַן (בירגער) פון דער שטאָט וולאַדיסלאַוואָ, סוואַלקער גובערניע*.

אין דער ראַבינער־שול האָט זיך פינקלשטיין אויסגעצייכנט מיט זיין זעלבשטענדיקן, אומאָפּהענגיקן כאַראַקטער. דער פּאַרוואַלטער האָט פון אים זייער ניט געהאַלטן און אים פאַרשאַפט פיל עגמת־נפש: ער איז געווען חוצפהדיק, פלעגט עקשנותדיק ניט קומען צו דער אינדערפריעדי־קער תפילה (דאַוונען), און אָפט פלעגט ער אַליין, אָן דערלויבעניש, אַוועק־גיין אין שטאָט**, מען פלעגט אים אָפט באַשטראָפן. איינמאָל האָט דער קרייז־אינספּעקטאָר מיסלאַווסקי באַזוכט די שול און פאָרגעלייגט די שי־לער אָנשרייבן אַן ארבעט אויף דער טעמע: „וועגן דער אויפקלער־אַרבעט פון די ראַבינערס". פינקלשטיין האָט אין זיין ארבעט זיך באַנוצט מיט „חוצפהדיקע אויסדרוקן, אַרויסווייזנדיק זיין ניט אַכטונג צו דער קריסט־לעכער און יידישער אמונה".

אין 1872 האָט ער אין ווילנער ראַבינער־שול איינגעאָרדנט אַ ביב־ליאָטעק פון אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע ביכער. די ביכער פלעגט ער געבן לייענען די שילער פון דער ראַבינער־שול און אייניקע פּריוואַטע פּערזאָנען פאַר געצאָלט פון 50 קאָפּ. ביז 5 רובל, נאָר מער — אומזיסט. די ביבליאָטעק האָט ער געהאַלטן טיילוויז אין ראַבינער־שול און טייל־וויז אין דער דירה פון זיין פעטער.

זיין טעטיקייט האָט ער ניט באַגרענעצט בלויז מיט דעם איינאָר־דענען אַן אומלעגאַלע ביבליאָטעק, נאָר ער האָט פאַרטראַכט צו אָרגאַני־זירן אַ גרויסע בילדונג־געזעלשאַפט. בשעת דער הויז־אונטערזוכונג האָט מען ביי אים געפונען דעם סטאַטוט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. צום באַדויערן האָט ער זיך ניט אויפגעהיט צווישן די אַרכיוו־מאַטעריאַלן.

פינקלשטיין האָט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט די מאָסקווער רעוואָ־לוציאָנערע קרייזלעך פון די זיבעציקער יאָרן. דאָס זאָגט עדות די אויס־פאָרשונג, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז זיין ביבליאָטעק איז באַשטאַ־

* אין „ביכערוועלט" פון יאָר 1929 ברענגט פּ. קאָן אייניקע דאַטן וועגן פינקעלשטיינען.

** די ווילנער ראַבינער־שול איז געווען אַ פאַרמאַכטער לערן־אַנשטאַלט און ד· תלמידים האָבן אָן דערלויבעניש נים געטאָרט אַרויסגיין פון בנין פון דער שול. דער איבערזעצער.

נען פון ביכער, וואָס זיינען אים צוגעשיקט געוואָרן פון מאָסקווע דורך דעם סטודענט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט קלאַטשקאָ [1].

אין 1872 איז פינקלשטיינס טעטיקייט, ווייזט אויס אדאנק אַ מסירה, באַקאַנט געוואָרן דעם שול-דירעקטאָר. דאָס מיניסטעריום פון פאָלקס-בילדונג האָט אים אויסגעשלאָסן פון דער ראַבינער-שול, אָוועקרויבנדיק ביי אים דאָס רעכט זיך לערנען אין וועלכער ניט איז מיליטערישער אָדער ציווילער שול. נאָכדעם האָט דער ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר אים אַרויסגעשיקט פון ווילנער גובערניע צו זיך אהיים אין סוואַלקער גובערניע, אונטער פאָליציי-אויפזיכט.

נאָכדעם איז פינקלשטיין אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און איז אַ צייט געווען אַ סטודענט פון קיניגסבערגער אוניווערסיטעט. דאָרטן האָט ער ווייטער געאַרבעט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און דערהויפּט ביים טראַנספּאָרטירן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. ער האָט אַ סך אַרומגעוואַנדערט און אַלס עמיגראַנט געלעבט אין זשענעוו, לאָנדאָן, פּאַריז און בערלין [2].

---

[1] דער דאָזיקער קלאַטשקאָ איז געשטאַנען בראש פון דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט-קרייזל פון די „טשייקאָווצעס" און איז געווען אַ זעלטענער רעוואָלוציאָנערער טוער. אָ. וו. אַפּטעקמאַן שרייבט וועגן אים:

„קלאַטשקאָ איז אַ מענטש אַן אויסגעשולטער, אַן ענערגישער, מיט זעלטענע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן, אַן אומדערמידלעכער, האָט זיך דירעקט פאַרבונדן מיט די פעטערבורגער „טשייקאָווצעס"; זיי פלעגן אָפטמאָל קומען צו אים צו פאָרן קיין מאָסקווע, זיי פלעגן אים צושיקן טראַנספּאָרטן מיט ביכער, זיי האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון דער אויסלענדישער עמיגראַציע, מיט וועלכער ער האָט די גאַנצע צייט געהאַט פאַרבינדונגען... דאָס מאָסקווער קרייזל פון די „טשייקאָווצעס" איז געווען די טראַנזיט-סטאַנציע פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָפּאַגאַנדע אין אַלע רוסישע שטעט. אָט דאָס איז געווען דער צווייטער צוגאָב-שטאַב פון דעם רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד פון די 70 יאָרן און קלאַטשקאָ איז געווען דער פאַרדינטער אָנפירער פון אָט דעם שטאַב. אַ פאָרזיכטיקער, איז ער ניט איינמאָל דורכגעפאַלן, נאָר ער פלאָנטערט זיך לייכט אַרויס און בלייבט אויף דער פריי און פירט ווייטער אומדערמידלעך זיין ווייטערדיקע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, וואָס ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרצווייגט".

אָט ווי אַזוי ל. א. קאָרנילאָווא, אַ מיטגליד פון פעטערבורגער קרייזל פון די טשייקאָווצעס, כאַראַקטעריזירט קלאַטשקאָן: „אין דער יוגנט-באַוועגונג איז נאַטאַנסאָן אַ פאַנאַטיק, און דער צווייטער נאָך אים — איז קלאַטשקאָ, און ווען עס זאָלן זיין אַ סך אַזעלכע טוער, וואָלט דאָס פאַרווירקלעכן פון אונזער הייליקער זאַך אַוועק ווייט".

(וו. אַפּטעקמאַן, „די מאָסקווער רעוו. קרייזלעך", „רוסקאָיע פּראָשלאָיע", נום' 2, ז' 32).

[2] דעפּאַר. III אָפּטיילונג פון דער פּערזענלעכער קייזערלעכער קאַנצעלאַריע, III עקספּ. 1872, נום' 147. זע ב. פרומקין, „פון דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ביי יידן אין די 70ער יאָרן", „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ" 1911, ערשטע העפט, ז' 227, באַמערקונג.

II

נאכדעם ווי מען האט ארויסגעשיקט פינקלשטיינען האט זיך די רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע צווישן די שילער פון דער ווילנער ראבינער־שול צייטווייליק אפגעשטעלט, אבער אינגיכן איז זי ווידער באנייט געווארן.

איצט האט זי געפירט א תלמיד פון דער שול אהרון זונדעלעוויטש, נאכדעם אן אנגעזעענער פאלקספרייהייטלער (נאראדאוואליעץ).

אין 1872 האט ער ארום זיך פאראייניקט 15 מאן, דערהויפט שילער פון דער ראבינער־שול. די איבעריקע זיינען געווען גימנאזיסטן און רעאַליסטן. אין דעם קרייזל זיינען געווען: א. ליבערמאן, נאכדעם דער רעדאקטאר פון דעם ערשטן יידישן סאציאליסטישן ארגאן „האמת", א. זונדעלעוויטש, לעוו סעמען, ווײנער, יאכעלסאן, לייב דאווידאוויטש און אנדערע. בכלל איז זיין צוזאמענשטעל ניט געווען קיין באשטענדיקער; אייניקע זיינען אוועק, אנדערע, נייע, זיינען צוגעקומען: מערסטנטייל די לערניוגנט, וואס פלעגט אויף פעריען קומען צו פארן.

דאס קרייזל פלעגט זיך אלע טאג צונויפקומען ביי א. זונדעלעוויטשן אין דירה און דארט לייענען און זיך פונאנדערקלייבן אין דער אומלעגאלער ליטעראטור.

די ליטעראטור פלעגן זיי באקומען פון פעטערבורג; אדאנק אננא מיכאילאוונא עפשטיין האט זיך זיי איינגעגעבן צו פארבינדן זיך מיט די פעטערבורגער רעוואלוציאנערע טוער.

די מיטגלידער פון דעם קרייזל האבן געטרוימט וועגן א ברייטער ארבעט צווישן די יידישע מאסן.

„דעמאלט האט זיך געדוכט,—דערציילט א. זונדעלעוויטש,—אז לייכטער פאר אלץ איז אריינצודרינגען אין די ארבעטער־מאסן, ווען מען ווערט אליין אן ארבעטער. צוליב דעם האט מען געהאלטן, אז ס'איז זייער וויכטיק אויסלערנען זיך עפעס א מלאכה... מיר האבן געדונגען א יידן א שוסטער, וועלכער פלעגט אלע טאג קומען צו מיר אדער צו וו. י. יאכעלסאנען אהיים אויף א 2—3 שעה און לערנען אונז און נאך א 2—3 חברים שוסטעריי. דערביי האבן מיר אן ערפאלג געפרווט פראפאגאנדירן אונזער לערער" [1].

דאס קרייזל איז דורכגעפאלן ביי פאלגנדיקע באדינגונגען: עמעצער האט געמסרט דעם דירעקטאר פון ווילנער לערער־אינסטיטוט, אז צווישן

---

1 ב. פרומקין, „פון דער געשיכטע פון דער רעוו. באוועגונג צווישן יידן אין די 70ער יארן", „יעווריעיסקאיא סטארינא", 1911, חעפט I, ז' 225.

די שילער ווערט פארשפרייט אומלעגאלע ליטעראטור. די מיטגלידער פון פעדאגאגישן ראט פון דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט — יהושע שטיינבערג, וואל און אנד. — האבן אין דער נאכט פון 30 יוני 1875 יאר געמאכט אן אונטערזוכונג ביי די שילער. זיי האבן קאנטראלירט די זאכן, איבערגעקוקט די ביכער, די העפטן, וואס האבן געהערט צו די שילער. דער רעזולטאט פון דער דאזיקער אונטערזוכונג איז געווען, אז ביי דעם שילער פון I קלאס צונזער האבן זיי געפונען דאס אומלעגאלע ביכל: „1773—1873. צום אנדענק פון הונדערטסטן יארטאג פון פוגאטשאווס אויפשטאנד" צווייטע אויפלאגע, לאנדאן, און ביי דעם שילער פון II קלאס נחום ראבינאוויטש—„אפטריניקע" [1]. ביי דער 1טער אויספארשונג האבן זיי ערקלערט: דער ערשטער, אז די בראשור וועגן פוגאטשאוון האבן זיי צופעליק געפונען אין גאס, און דער צווייטער, אז ער האט דאס בוך „אפטריניקע" געקויפט אויפן מארק ביי אן אומבאקאנטן זעלנער. ביי דער צווייטער אויספארשונג האבן זיי שוין געזאגט עפעס אנדערש: צונזער האט געזאגט, אז דאס ביכל, וואס מען האט ביי אים געפונען, האט אים געגעבן דער געוועזענער שילער פון דער ראבינער־שול א. זונדעלעוויטש, וועלכן ער האט נעכטן באגעגנט און אים געזאגט, אז עם האט זיך געבילדעט א קרייז, אין וועלכן מען לייענט פארשיידענע ביכער „און מען באהאנדלט די גרויסע רעפארמען". זונדעלעוויטש האט פארגעלייגט צונזערן ווערן א מיטגליד פון דעם קרייז, און אים געגעבן די בראשור וועגן דער פוגאטשאוושטינע. ראבינאוויטש האט ערקלערט, אז דאס בוך „אפטריניקע" האט ער באקומען פון דעם שילער פון II קלאס וויינערן. וויינער האט לכתחילה געטענהט, אז עס איז א בילבול, נאר נאכדעם האט ער זיך מודה געווען, אז ער האט אים ווירקלעך געגעבן דאס דאזיקע בוך, וועלכן ער האט באקומען ביי א. זונדעלעוויטשן. וויינער האט באלד חרטה געקראגן, וואס ער האט ארויסגעגעבן זיין פריינט און אים באצייטנס מודיע געווען וועגן דעם. זיי האבן ביידע באוויזן צו אנטלויפן.

ליבערמאנען און יאכעלסאנען האט זיך אויך איינגעגעבן אנטרונען צו ווערן. די איבעריקע מיטגלידער פון קרייזל זיינען דער פאליציי געבליבן אומבאקאנט [2].

---

1 די ידיעה אין „וופעריאד", אז בשעת דער אונטערזוכונג האט מען ביי די שילער פון ווילנער לערער־אינסטיטוט געפונען דעם צווייטן באנד „וופעריאד" און די „מעשה פון פיר ברידער" — איז ניט ריכטיק.

2 רעפארטאמענט, III אפט. פון דער געהיימער קייזערלעכער קאנצעלאריע נומ׳ 144, 126 ט., 1874—1875; זע ב. פרומקין ציטאטן וועגן יאכעלסאנען, „בילאיע", נומ׳ פון יאר 1918, ארטיקל „די וויטע פארגאנגענהייט".

די אַלע, וואָס מען האָט ביי זיי געפונען אומלעגאַלע ליטעראַטור, זיינען באַשטראָפט געוואָרן: וויינער, וועלכער איז באַצייטנס אַנטלאָפן, איז הינטער די אויגן אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דעם אינסטיטוט אָן רעכט אריינצוטרעטן אין וועלכן ניט איז לערן־אַנשטאַלט. צונזערן האָט מען אריינגעזעצט אין קאַרצער אויף 24 שעה און ביי אים אָפּגענומען דאָס רעכט צו פאַרלאָזן די געביידע פון דעם אינסטיטוט אויף דער גאַנצער צייט פון די זומער־פעריען ביז דעם 1טן סעפּטעמבער, און ראַבינאָ־וויטשן — קאַרצער אויף גאַנצע צוויי וואָכן מיטן רעכט צו פאַרלאָזן די געביידע פון דעם אינסטיטוט בלויז אַלע שבת אויף דריי שעה, דערביי האָט ער אַלע מאָל געדאַרפט האָבן א באַזונדער דערלויבעניש דערויף. חוץ דעם איז דאָס אויפפירן זיך פון דיביידע שילער פאַרצייכנט געוואָרן אין שטראָף־זשורנאַלן און די באַלן זיינען פאַרקלענערט געוואָרן אויף צוויי פונקטן [1].

דאָס קרייזל האָט, לויט א. זונדעלעוויטשעס ווערטער, „דערהויפּט געהאַט די אויפגאַבן צו גיין אין פאָלק", דאָס הייסט, אַרבעטן צווישן דעם רוסישן פּויערטום; וואָס שייך דער אַרבעט צווישן דעם יידישן פאָלק, האָט דאָס קרייזל זיך ניט געשטעלט קיין באַזונדערע אויפגאַבן, און ווייטער פירן די אַרבעט צווישן יידן האָט קיינער פון די מיטגלידער ניט גערעכנט. אָן אויסנאַם איז בלויז געווען איין ליבערמאַן, וועמעס אַנשוױונגען האָבן, לויט זונדעלעוויטשעס ווערטער, „ניט געפונען קיין שום אָפּקלאַנג ביי קיינעם פון די דעמאָלטיקע מיטגלידער פון קרייזל". ליבערמאַנס שטאַנד־פונקט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געקוקט אויף דער אַרבעט צווישן יידן, ניט בלויז ווי אויף א מיטל צו ווערבירן קרעפטן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, נאָר אויך אַלס מיטל אויפצוהויבן דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין פון דעם יידנטום, וועמעס קולטור־נאַציאָנאַלע איינגעשאַפטן ער האָט הויך אָפּגעשאַצט אַלס פּראָגרעס און פאַק־טאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט בכלל [2].

III

באַלד נאָך דעם דורכפאַל פון ליבערמאַנס און זונדעלעוויטשעס קרייזל האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די יידן ווידער אויפ־געלעבט. דאָס מאָל האָט זי אָנגענומען א מער אָרגאַניזירטע פאָרם, זי

---

1 דאָרטן, ענין פון III אָפּט, ידיעה פון אויפזעער פון ווילנער קרייז־קוראַטאָ־ריום צום בילדונגס־מיניסטער פון 12 יולי 1875 יאָר, נומ' 103.

2 ב. פרומקין, „יעוור. סטאַרינאַ", ז' 228; זע יאָכעלסאָן אין אויבן־ציטירטן אַרטיקל.

האט פארכאפט א גרעסערע (לויט יענע צייטן) צאל מיטגלידער און זיך פארשפרייט אין עטלעכע שטעט.

דער וואס האט ווייטער געפירט די רעוואלוציאנערע ארבעט איז געווען ל. דאווידאוויטש, איינער פון די מיטגלידער פון ליבערמאנס און זונדעלעוויטשעס קרייזל. ס'האט זיך אים איינגעגעבן ארויסצודרייען זיך פון ארעסט. אז דער טומל, וואס איז ארויסגערופן געווארן אדאנק דעם אנטדעקן די רעוואלוציאנערע פראפאגאנדיסטישע ארבעט אין בנין פון ווילנער לערער־אינסטיטוט, האט זיך איינגעשטילט, האט דאווידאוויטש באשלאסן זי ווידער צו באנייען. עס האט זיך אים איינגעגעבן ניט נאר אוועקצושטעלן דאס קרייזל אין ווילנע, נייערט אויך צו בילדן נייע — אין יעלעץ, ארלאווער גובערניע, דווינסק, מינסק און גראדנע און זיי צו פאראייניקן אין איין ארגאניזאציע.

דאס ווילנער קרייזל איז דערהויפט באשטאנען פון די שילער פון ווילנער לערער־אינסטיטוט. צו דעם קרייזל האבן געהערט: אריה בענצעל, דוד קלאטשקא, לייב דאווידאוויטש, משה וואלפסאן, מיראן זונדעלעוויטש (אהרן זונדעלעוויטשעס א ברודער), קאפל אבראמאוויטש, אברהם רימאן, משה און ירמיהו וויינשטיין, מאיר בארעל, יאסל טריוויש, נאטע בענדין, נחום ברוידע, אסיפ און סאפיע ראוויטש, יאסל ראם, הערמאן סאיעט, אבא זאק, סאלאמאן קוראנסקי, ישעיה וויינער, מיראן עפשטיין, הירש ווינעל, ראבינאוויטש־טשארני און אנדערע; פריילינס: גיטע קרעמער, בערטע ארנשטאם, דבורה יאסיפאוויטש, רבקה קלעמבאצקאיא און גיטל גארדאן.

אין דווינסק האבן לויט דאווידאוויטשעס אויפטראג די רעוואלוציאנערע אגיטאציע געפירט אליהו סנאפ (א גימנאזיסט) און דמיטרי פאוולאוויטש בעליאיעוו.

זייער א טשעקאווע פיגור איז געווען אט דער השובער בירגער בעליאיעוו.

ער האט זיך ערצויגן אין נאווגאראדער גלחים־סעמינאר, דעם קורס האט ער ניט פארענדיקט. נאכדעם איז בעליאיעוו אוועק קיין פעטערבורג, ווו ער האט געוואלט אריין אין אוניווערסיטעט, אבער צוליב מאטעריעלע אומשטענדן האט ער עס ניט געטאן. א שטיק צייט איז ער געווען א פארוואלטער פון א גוט, איניקע חדשים האט ער געארבעט אין א הוטע, אלס שווארץ־ארבעטער, א האלב יאר האט ער געלעבט אין א דארף, ווו ער איז געווען א געהילף־שרייבער פון דער גמינע, און אין יאר 1874 איז ער געקומען קיין ווילנע, ווו ער האט געארבעט אלס שרייבער אין דער פאראייניקטער פאלאטע פון ציווילן און קרימינעלן געריכט.

נאָכדעם איז ער צוליב רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע אַריבערגעפאָרן קיין דווינסק.

כּדי צו שטיין נעענטער צו די אַרבעטער־מאַסן האָבן בעליאַיעוו און סנאָפּ זיך געשטעלט אַרבעטן אין אַ שלאָסער־וואַרשטאַט. דער וואַרשטאַט איז געווען ניט קיין גרויסער, בסך־הכּל האָבן דאָרט געאַרבעט 10—12 אַרבעטער.

אין מינסק האָבן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אָנגעפירט עווענטשיק און מיכאל ראַבינאָוויטש־טשאָרני, אַ געוועזענער סטודענט פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט.

ביידע האָבן געאַרבעט אין אַ שלאָסער־וואַרשטאַט, און אין אָוונט פלעגן זיי געבן לעקציעס אין אייניקע נגידישע הייזער.

לעבן זיי האָט זיך אָרגאַניזירט ניט קיין גרויס קרייזל, צו וועלכן עס זיינען צוגעשטאַנען צוויי פּראָפּאַגאַנדירטע אַרבעטער — די שמידן טשאַפּלעווסקי און מאַטמאַסעוויטש.

זיי פלעגן זיך צונויפקומען איינמאָל אין דער וואָך און לייענען אומלעגאַלע ליטעראַטור.

אין גראָדנער קרייזל זיינען געווען: אייזיק סלוצקי, קאָנסטאַנטין בעלסקי (אַ גימנאַזיסט), דוד און איסאַק רוטנשטיין, סאָלאָמאָן אַנדרעס, מאַרצעלי יאַנטשעווסקי, נאַגאָרסקי, שאַנטיר און נאָך.

אין יעלעץ איז דאָס קרייזל באַשטאַנען ס'רוב פון שטודירנדיקער יוגנט פון אַלעקסאַנדראָווער אייזנבאַן־שול. עס האָבן זיך אין דעם באַטייליקט: וואָלפסאָן, עליאַשבערג, אַרקאַדי מוד, קרעמער, יוחנן מאָוושאָוויטש, עדוואַרד זיידלער און אַנדערע.

מען האָט נאָך געמאַכט אַ פּרווו צו אָרגאַניזירן אַ קרייזל אין ביאַליסטאָק. צוליב דעם איז אַהין געפאָרן דער מיטגליד פון ווילנער קרייזל קלאַטשקאָ, עס האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן עס צו אָרגאַניזירן.

די קרייזלעך זיינען געווען פאַרבונדן צווישן זיך: זיי פלעגן זיך טוישן מיט ליטעראַטור, עטלעכע מאָל האָט זיי באַזוכט דאַווידאָוויטש.

זיי זיינען געווען פאַרבונדן מיט די פּעטערבורגער רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך. די פאַרבינדונג האָבן זיי געהאַט דורך דעם באַקאַנטן פּראָפּאַגאַנדיסט סטאַניסלאַוו בעלסקי, אַ סטודענט פון דער מיליטער־כירורגישער אַקאַדעמיע, וועלכער פלעגט זיי באַזאָרגן מיט ליטעראַטור.

פאַרשפּרייט זיינען געוואָרן די בראָשורן: „אַ מעשה וועגן אַ קאָפּיקע“, „די מעשה וועגן 4 ברידער“, „גאָט איז גאָט, און אַליין זיי ניט קיין שלימזל“, „די אַפּטריניקע“, „די קלוגע מעכאַניק“, „דער העלדישער סאָלדאַט“, „די גאָלדענע ערע“, „פּוגאַטשאָווטשינע“, „דער הונ־

גער אין סאמארע", „די פאריזער קאמונע", „וואס טוט זיך אין דעם היים?" (פון זשורנאל „ופעריאד"), דעם זשורנאל „ופעריאד" און אנדערע.

דאס ווילנער קרייזל איז אויך געווען פארבונדן מיט דער אויסלענדישער עמיגראציע: אייניקע מיטגלידער פלעגן קארעספאנדירן מיט ליבערמאנען, געשיקט קארעספאנדענצן אין זשורנאל „ופעריאד" און באקומען פון דארטן ליטעראטור.

ליבערמאן האט זיי צוגעשיקט דעם „סטאטוט" פון „סאציאל־רעוואלוציאנערן פארבאנד צווישן יידן אין רוסלאנד", וועלכן ער האט געהאט בדעה צו גרינדן.

מען האט אנגעמערקט צו עפענען אין דווינסק א שלאסער־ווארשטאט אויף קאמוניסטישע יסודות און אין ווילנע פונקט אזא ווארשטאט פון וועש, נאר צוליב מאנגל אין געלט האט זיך דאס ניט איינגעגעבן צו פארווירקלעכן.

מערקווערדיק איז דאס, וואס, באשליסנדיק צו פירן די פראפאגאנדע צווישן די יידישע מאסן, האט דאס ווילנער קרייזל געפונען פאר נייטיק זי צו פירן אויף יידיש, ד"ה דאס, וואס דער „בונד" האט נאכדעם דורכגעפירט אין ברייטסטן מאשטאב. אמת, לויט זונדעלעוויטשעס רייד [1], האט מען וועגן דעם זיך שטארק געאמפערט נאך אין קרייזל פון 1874 יאר, נאר איצט האט מען געמאכט אייניקע פראקטישע שריט און עס אנגעהויבן ארייננפירן אין לעבן. אזוי האט מען ביי וואלפסאנען בשעת אן אונטערזוכונג געפונען א כתב־יד אויף יידיש, דאס איז געווען אן איבערזעצונג פון אן אגיטאציע־בראשור. די דאזיקע איבערזעצונג האט ער געמאכט לויט דאווידאוויטשעס אויפטראג. אין דער בראשור „איז געווען באשריבן די קלאגעדיקע לאגע פון די יידן אין מערב־אייראפע, וואס האבן גערעכנט אונטער דעם שווערן יאך פון די שטייערן, און דערביי ווערן געפרעדיקט קאמוניסטישע און דעמאקראטישע אידעען" (באריכט פון ווילנער זשאנדארם־אנפירער לאסעוו פון 12 יוני 1876 יאר, נומ' 120).

אין מערץ 1876 האט מען אין ווילנע, מינסק, דינאבורג (דווינסק), גראדנע און יעלעץ דורכגעפירט א גאנצע ריי מאסן־רעוויזיעס, וועלכע האבן אינגאנצן חרוב געמאכט די רעוואלוציאנערע קרייזלעך.

כמעט אלע ארעסטירטע האבן זיך אפגעזאגט צו געבן וועלכע ניט איז דערקלערונגען. בלויז ראם, יאנטשעווסקי און קלאטשקא האבן געגעבן גרינטלעכע ידיעות. יאסל ראם, א שרייבער פון ווילנער אינשינערן־קרייז־

---

1 ב. פרומקין, „פון דער געשיכטע פון דער רעוואלוציאנערער־באוועגונג צווישן די יידן אין די 70ער יארן", „יעווו. סטאר.", 1911, העפט I.

פּראָוואָקאַטאָר, האָט ריידנדיק וועגן זונדעלעוויטשעס קרייזל, דערציילט, אַז ליבערמאַן האָט אים אָרגאַניזירט אין ווילנע און ער איז באַשטאַנען פון 10 מאַן, צווישן זיי איז געווען סאַנדלער (לייבע דאַווידאָוו, וועלכער איז אַנטלאָפן). סאַנדלער איז אַוועקגעפאָרן קיין מינסק מיט זיין, ראָמס, רעקאָמענדאַציע צו עווענטשיקן און דאָרטן געשאַפן אַ באַזונדער קרייזל. ראָם האָט ניט געוואָלט געהערן צו אָט דעם קרייזל, האַלטנדיק, אַז די מיטגלידער זיינען עמי־הארצים און אוממאָראַלישע, ער האָט געאַרבעט באַזונדער, און, ווערנדיק אַ סאָלדאַט, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די פויערים (די סאָלדאַטן) פאַרשטייען און באַנעמען אַלץ ניט ערגער פון די מיטגלידער פון קרייזל, און אַז זיי זיינען ניט צופרידן, וואָס מען האָט זיי גענומען פאַר סאָלדאַטן, און ער, ראָם, אַרבעט אין זיין סביבה אָן האַזארד און אָן געפאַר. מאַרצעלי יאַנטשעווסקי האָט אַרויסגעגעבן דאָס גראָדנער קרייזל און בשעת דער אויספאָרשונג דערציילט, אַז ביי סלוצקין און בעליאיעוון געפינט זיך אומלעגאַלע ליטעראַטור. קלאַטשקאָ האָט דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון ווילנער קרייזל און אָנגערופן אַ גאַנצע ריי מיטגלידער.

דער דורכפאַל איז געשען צוליב דעם, וואָס צוויי פּאָליציי־אַגענטן— די יידן מרדכי גלאָבוס און אברהם דיסלער — האָט זיך איינגעגעבן צו דערנעענטערן זיך מיט אייניקע מיטגלידער פון ווילנער קרייזל און אפילו ווערן מיטגלידער פון דעם קרייזל. אַדאַנק דעם האָט די פּאָליציי אויסגעצייכנט געוווסט וועגן דעם צוזאַמענשטעל און טעטיקייט פון דעם קרייזל.

איידער דער דורכפאַל איז געשען איז שוין ביי אייניקע געווען אַ חשד, אַז אין קרייזל איז אַריינגעדרונגען אַ פּראָוואָקאַטאָר און מען האָט אפילו אָנגענומען מיטלען אים צו דערוווייטערן. מער פון אַלץ האָט מען אין דעם חושד געווען מרדכי גלאָבוס. לויט קלאַטשקאָס ערקלערונגען האָט אים דאַווידאָוויטש געגעבן מישיאַק ער זאָל סמען גלאָבוסן, ער האָט דאָס ניט געטאָן, ווייל ער האָט דערצו ניט געהאַט קיין מוט.

דאַווידאָוויטש — דעם אַקטיווסטן טוער פון דעם קרייזל — האָט זיך איינגעגעבן אויסמיידן דעם אַרעסט: ער איז באַצייטנס אַנטלאָפן.

די מאַכט האָט זיך צו דעם דאָזיקן ענין באַצויגן מיט רחמים, מען האָט אים דערליידיקט אויף דעם אַדמיניסטראַטיוון אופן, און די אָנטיילנעמער האָבן לפי־ערך באַקומען אַ לייכטע שטראָף.

צו דער אויספאָרשונג זיינען צוגעצויגן געוואָרן 55 מאַן. בתוכם זייער פיל, וואָס האָבן גאָר קיין שום שייכות ניט געהאַט צו דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. באַקומען שטראָף האָבן: אַבראַמאָוויטש, יאַנ־

טשעוואסקי און בארעל — צו 6 חדשים טורמע, סלוצקי, אנדרעס און קאנ־סטאנטין בעלסקי — צו 2 חדשים, טריוואוש, בענדין, וויינשטיין, רימאן און זינדעלעוויטש — צו 1 חודש, זיידלער, וויינער, י. וויינשטיין, קאר־ראנסקי, זאק, סאיעט, אסיפ ראוויטש, נאטעק, קרעמער, ראם, ברוידע און סאפיע ראוויטש „האט מען געמאכט אן אויסרייד דורך זייערע פארוואל־טער"; חוצדעם האט מען די אלע, וואס מען האט צוגעצויגן צו דער אויס־פארשונג, געשטעלט אונטער פאליציייִשער אויפזיכט. מיכאיל ראבינא־וויטש־טשארני, וואלפסאן, בעלסקי סטאניסלאוו, ג. וואנעל זיינען פאר־שיקט געווארן: די ערשטע צוויי אין וויאטקער גובערניע און די איבעריקע אין ארכאנגעלסקער גוב.

פון זיי איז וואלפסאן אינגיכן אנטלאפן פון פארשיקונג קיין אויס־לאנד, און די איבעריקע זיינען דארט פארבליבן ביז מערץ 1881 יאר, ווען די באזונדערע באראטונג ביי לאריס־מעליקאוון האט זיי דערלויבט זיך אומצוקערן און זיך באזעצן „אין די מקומות, וואס האבן ניט קיין באשטענדיקע יידישע באפעלקערונג".

דער דורכפאל פון די קרייזלעך האט אבער אויף לאנג ניט אפגע־שטעלט די רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע צווישן דער יידישער באפעל־קערונג: אינגיכן האט דער פולקאווניק לאסעוו, וועלכער האט געפירט די אויספארשונג אין ווילנע, מודיע געווען אין דער 3טער אפטיילונג: „די פערזאנען, וואס זיינען באפרייט געווארן אין ווילנע, האבן זיך ווידער אנ־געהויבן צו פארזאמלען, דיספוטירן, לייענען פארבאטענע ביכער, בלייבנ־דיק ביי זייערע פריערדיקע איבערצייגונגען, נאר זיי פירן זיך אויף זייער פארזיכטיק".

אט אויף אזא אופן ווערט, לויט די אפיציעלע מאטעריאלן, געשיל־דערט די רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע צווישן די רוסישע יידן אין די זיבעציקער יארן. איז דאס אבער ריכטיק? ס'איז זייער שווער צו ענטפערן אויף אט דער פראגע, מחמת די ידיעות, וואס האבן זיך אויפגעהיט, זיינען זייער קנאפ. מ'קאן, למשל, צווייפלען, צי די דאזיקע קרייזלעך אין גראדנע, יעלעץ און דווינסק האבן טאקע געפירט א פראפאגאנדע צווישן יידן. וועט דאס דען ניט שטימען מער מיט דער ווירקלעכקייט, ווען מיר וועלן זאגן, אז זיי זיינען פשוט געווען אלרוסישע, וועלכע זיינען אין די זיבעציקער יארן אין דער עפאכע פון „גיין אין פאלק" געווען אין אזא גרויסער צאל? גיכער פון אלץ האט די מאכט קינסטלעך פאראייניקט די אלע דורכגעי־פאלענע קרייזלעך אין ווילנע, מינסק, יעלעץ, גראדנע און דווינסק און זיי מיט א כיוון פארגעשטעלט אלס איין גרויסן, צעווארפענעם איבער פאר־שיידענע שטעט „סאציאל־רעוואלוציאנערן־פארבאנד".

אלס כאראקטעריסטיק פון דער אידעאלאגיע פון די יידן־סאציאַ־ליסטן פון די 70ער יאָרן, איז אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנט דער „סטאטוט פון סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פארבאנד". אין אָט דעם סטאטוט געפינען מיר אידעען וועגן דער נייטיקייט צו פירן די פראָפּאגאנדע אויף יידיש און שאפן א יידישע פארטיי (א סעקציע), וואָס איז נאָכדעם גע־וואָרן די נשמה פון „בונד". זייער אינטערעסאנט איז די דעטאַליזירונג פון די פראגן וועגן אָרגאניזאציע און קאָנספּיראציע. די לעצטע דערמאָנט א ביסל אָן נעטשאיעווס קאָנספּיראציע. פאר דער געשיכטע פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן געדאנק איז דער דאָזיקער דאָקומענט אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנט. „דער סטאטוט וועגן דער אָרגאניזאציע פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פארבאנד צווישן יידן אין רוסלאנד" איז ביז איצט ניט געווען געדרוקט און ווערט דורך אונז אינגאנצן צום ערשטן מאָל פארעפנטלעכט:

1. אלגעמיינע הנחות

„מיר האלטן ניט פאר מעגלעך ניט בלויז די פארבעסערונג פון דער געזעלשאפטלעכער לאגע, נאָר דעם קיום גופא פון דער געזעלשאפט ביי די איצטיקע יסודות אירע פון מאָנאָפּאָל־אייגנטום און אלגעמיינער קאָנ־קורענץ.

מיר האלטן פאר מעגלעך דאָס ראטעווען די איצטיקע געזעל־שאפט פון אומפארמיידלעכן אונטערגאנג נאָר דורך א ראדיקאלער אי־בערקערעניש אין דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און פאמיליען־אָרדענונג, אין די אופנים פון אלגעמיינער סאָלידאריטעט. דעריבער זיינען מיר — **סאָציאַליסטן**.

מיר האלטן פאר אוממעגלעך צו דערגרייכן אָט די איבערקערעניש, וועלכע מיר האָבן אין זינען, אויף א פרידלעכן אופן און גרייטן צו א גוואלט־איבערקערעניש — די רעוואָלוציע — דעריבער זיינען מיר **סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן**.

מיר האָפן צו דערגרייכן אונזער ציל, ערשטנס, דורך דעם, וואָס מיר גרייטן זיך צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, צווייטנס, דערמיט, וואָס מיר גרייטן צו די סאָציאַלע רעוואָלוציע דורך דריי ניט טיילבארע מיטלען: **פּראָפּאגאנדע, אגיטאציע און אָרגאניזאציע**.

מיר גרייטן זיך צו צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אויסארבעטנדיק אין זיך: דאָס קלאָרע פאַרשטיין פון די פאָדערונגען פון סאָציאַליזם, סאָ־

לידאריטעט מיט אונזערע ברידער־סאָציאַליסטן, גרייט זיין אויף אַלץ אין קאמף מיט די שונאים.

אַלס סאָציאַליסטן, וואָס פארשטייען קלאָר די פאָדערונגען פון דעם סאָציאַליזם, רייסן מיר איבער מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט אירע געוווינהייטן, מנהגים און טראַדיציעס. און נאָר יענע געוווינהייטן פון דער אַלטער וועלט קאָנען איבערגיין אין דער נייער, וועלכע זיינען ניט סותר דער אַלגעמיינער סאָלידאַריטעט און אַלגעמיינער גלייכבארעכטיקונג פון די מיטגלידער פון דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. קיין שום זאַך האָט ניט די רעכט אויף עקסיסטענץ, אויב זי האָט ניט קיין ראַציאָנעלע בארעכטיקונג. — מיר פארגיינען איטלעכע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע אָדער אַנדער טראַדיציע, וועלכע קאָן נאָר זיין אַ שטער פאַר דער צווישנפעלקערישער פאַרברידערונג פון די ארבעטער, וואָס זיינען פאַראייניקט אין קאַמף מיט זייערע עקספּלואַטאַטאָרן.

אַלס סאָציאַליסטן, וואָס פארשטייען קלאָר די פאָדערונגען פון דעם סאָציאַליזם, קאָנען מיר אין אונזער קאַמף באַנוצן בלויז די מיטלען, וועלכע זיינען ניט סותר די אויפגאַבן פון סאָציאַליזם און באַפלעקן ניט זיין פאָן; מיר קאָנען אָנערקענען פאַר אונזערע פאַרבינדעטע און ברידער נאָר די פּערזאָנען, וועלכע זיינען באוווסטזיניק אָדער אינסטינקטיוו דורכגעדרונגען מיט די פאָדערונגען פון סאָציאַליסטישער סאָלידאַרישקייט. קיין שום עקאָנאָמישער אָדער פּאָליטישער מאָנאָפּאָל, קיין שום רודף אחרי הכבודיקע שטרעבונג צו פּערזענלעכער מאַכט, קיין שום עקספּלואַטאַציע פון ברידער און פאַרבינדעטע, קיין שום שקר פאַר די ברידער און פאַרבינדעטע איז ניט דערלאָזבאַר אין די רייען פון די אויפ־ריכטיקע סאָציאַליסטן. און נאָר כּדי אונטערצוהאַלטן די באַדייטונג און מאָראַלע ווירקונג פון דער פאָן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס איז אונז אַזוי טייער, פאַרפליכטן מיר זיך אויך אין קאַמף מיט די שונאים און בנוגע דער געזעלשאַפט, וואָס איז נאָך צו אונז אינדיפערענט צו אונז, זיך באַנוצן בלויז אין אויסערגעוויינלעכער נויט און מיט אַבאַזונדערער פאָרזיכטיקייט מיט יענע מיטלען, וואָס זיינען דערלויבט אין דער צייט פון סאָציאַלער מלחמה, נאָר וואָס דאָס ניט גענוג פאָרזיכטיקע באַנוצן זיך מיט זיי קאָן ווארפן אַ שאָטן אויף אונזער פאָן און שאַדטן די אידעאַלע צוציִונגס־קראַפט פון אונזער זאַך.

אַלס סאָלידאַרע מיט אונזערע ברידער־סאָציאַליסטן, נעמען מיר אויף זיך די מאָראַלישע פאַרפליכטונג אָפּצוגעבן אַלע אונזערע פיזישע, גייסטיקע און מאָראַלע כּחות אויף צוצוגרייטן די סאָציאַלע איבער־קערעניש און זי פאַרענדיקן, און מיר האַלטן דאָס ניט פאַר אַ פאַרדינסט

פֿון אונזער זייט, ניט פֿאַר אַ רעכט אויף וועלכער ניט איז גרויסער באַדייטונג אין די רייען פֿון די אָרגאַניזירנדע רעוואָלוציאָנערן. מיר האַלטן דאָס פֿאַר אַ פּשוטן און דירעקטן חוב פֿון איטלעכן פֿון אונז, אין נאָמען פֿון זיינע איבערצייגונגען אין דער אַלגעמיינער סאָלידאַרישקייט פֿון די סאָציאַליסטן.

אַלס **גרייטע אויף אַלץ** אין זייער קאַמף מיט די שונאים, דאַרפֿן זיך די סאָציאַליסטן לכתחילה צוגרייטן צו יעדער צופֿאַל און קרבן. אַרומגערינגלט מיט שטאַרקע שונאים און וויסנדיק, אַז אין קאַמף מוזן אַ סך אומקומען פֿריער, איידער דער ניצחון וועט זיין אויף זייער זייט, ווייסן די סאָציאַליסטן, אַז זייער מאַטעריעלער וווילזיין און דאָס וווילזיין פֿון זייערע נאָענטע מענטשן — קאָנען זיין אין אַ סכּנה, קאָנען און דאַרפֿן געבראַכט ווערן פֿאַר אַ קרבן, אויב דאָס וועט נאָר פֿאָדערן די זאַך, און אַז זיי האָבן זיך פֿאַרמשפּט אויף אָט די אַלע צופֿאַלן, וואָס קאָנען זיך מיט זיי טרעפֿן. די סאָציאַליסטן ווייסן, אַז אין פֿאַל ווען זיי פֿאַלן אַריין צו די שונאים קאָנען זיי ניט און דאַרפֿן ניט וואַרטן, ניט וועלן קיין רחמים פֿון די שונאים, וועלכע זיי האָבן אַליין דערקלערט אַן אומברחמנותדיקן קריג. זיי ווייסן דאָס, און צוליב דער גרויסער געפֿאַר האָבן זיי ניט די מינדסטע רעכט צו דערנידעריקן זייער פֿאָן, פֿאַרפּלעקן זייער זאַך מיט מוטלאָזיקייט, אַפֿילו ווען זיי קענען דערמיט ראַטעווען דאָס לעבן פֿון די סאַמע נאָענטסטע מענטשן.

נאָר דער קאָן אַריינגענומען ווערן אין די רייען פֿון די קעמפֿער פֿאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווער עס האָט אויף זיך גענומען די מאָראַלע פֿליכט אויסאַרבעטן אין זיך, אויף וויפֿל עס איז מעגלעך, דאָס אויפֿריכטיקע פֿאַרשטיין און דורכפֿירן אין לעבן די אידעען פֿון סאָציאַליזם, דעם הייסן געפֿיל און פּראַקטיק פֿון סאָלידאַרישקייט מיט די ברידער און אומדערמידלעכע ענערגיע אין קאַמף מיט די שונאים.

מיר גרייטן צו די סאָציאַלע רעוואָלוציע, ערשטנס, פֿירנדיק די **פּראָפּאַגאַנדע** פֿון די אידעען פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע צווישן די, וואָס זיינען אימשטאַנד אויפֿצונעמען אָט די אידעען. מיר גרייטן זי צו, צווייטנס, אויפֿרייצנדיק דעם האַס קעגן אָט די אַלע גרופּעס און אַנשטאַלטן, וועלכע האַלטן מיט זייער עקסיסטענץ אַליין אונטער דאָס עקסיסטירנדיקע סאָציאַלע רשעות, און כּדי אויפֿצורייצן אָט דעם האַס דינט אונז די **אַגיטאַציע** צווישן די יעניקע, וואָס ליידן אונטער דעם יאָך פֿון דער סאָציאַלער אומרעכט, נאָר ווייסן נאָך ניט וועגן דער נויטווענדיקייט צו קעמפֿן קעגן איר און אירע באַשיצער דורך אָנגרייפֿנדיקע מעשים, וואָס האָבן נאָך ניט אָנערקענט די מעגלעכקייט בייצוקומען זיי־

ערע שונאים, איב נאר דער אלגעמיינער קאמף וועט ווערן געשטיצט דורך אלעמען. מיר גרייטן, ענדלעך, צו די סאציאלע רעוואלוציע, פארבינדנדיק מיט א קרעפטיקער צוועקמעסיקער ארגאניזאציע אלע אירע קרעפטן, וועלכע באשטייען סיי פון די פערזאנען, וואס האבן זיך אין דער פולער מאס דורכגעדרונגען מיט אירע אויפגאבן, וואס האבן אויסגעארבעט אין זיך די געהעריקע סאלידארישקייט מיט זייערע ברידער און די געהעריקע ענערגיע אין קאמף מיט די שונאים, אזוי אויך פון די יעניקע, וועלכע גרייטן זיך בהדרגה צו צו דעם, נאר זיי האבן נאך ניט פארדינט דעם פולן צוטרוי פון אויסגעארבעטע סאציאליסטן רעוואלוציאנערן, אזוי אויך, ענדלעך, פון יעניקע, וועלכע שטעלן מיט זיך, אדאנק זייער לאגע און געזעלשאפטלעכע ליידן, פאר די נאטירלעכע פארבינדעטע פון דער סאציאלער רעוואלוציע, נאר זיי האבן ניט געקאנט אדער קאנען נאך ניט, אדאנק זייערע לעבנס־באדינגונגען, אויפנעמען די סאציאלע לערע.

דאס פאראייניקן פון די אויבנדערמאנטע דריי מיטלען פון צוגרייטן די סאציאלע רעוואלוציע האלטן מיר פאר דורכאויס נייטיק: אן פראפאגאנדע, וואס דערקלערט די פאדערונגען פון סאציאליזם, קאן אפילו א געלונגענער אויפרייס ברענגען צו נייע אומגליקן און די ארגאניזאציע קאן ווערן דאס געצייג פון כבוד־זוכער; אן אגיטאציע פאר אנגרייפנדיקע מעשים — קאן די פראפאגאנדע קיינמאל ניט ברענגען צו פראקטישע מעשים; אן ארגאניזאציע און דערפאלגרייכער צוגרייטונג פון רעוואלוציאנערן אויפרייס איז אוממעגלעך צוועקמעסיק צו פירן די פראפאגאנדע־ און אגיטאציע־ארבעט, ס'איז אוממעגלעך אפילו ווי עס באדארף צו זיין אפצוהיטן די פערזאן פון די סאציאלע רעוואלוציאנערן, כדי צו פארלענגערן ווי ווייט מעגלעך די צייט פון זייער טעטיקייט.

II. פראפאגאנדע און אגיטאציע

וועגן די פראקטישע אופנים ווי אזוי צו פירן די פראפאגאנדע און אגיטאציע לאזט זיך גארניט זאגן, הגם זיי זיינען אין איצטיקן מאמענט כמעט די הויפט־אויפגאבע פון דעם סאציאליסטישן טוער אין רוסלאנד. די אופנים, ווי אזוי זיי צו פירן, הענגען אינגאנצן אפ אזוי ווי פון די באדינגונגען, אין וועלכע עס געפינט זיך יעדע באזונדערע פערזאן, אזוי אויך פון די קולטורעלע באדינגונגען פון דעם באדן, ווו דעם פראפאגאנדיסט־אגיטאטאר קומט אויס צו ארבעטן. אפשאצנדיק דאס ערשטע און קאנענדיק גרינטלעך דאס צווייטע, קומט דעם סאציאליסט אויס צו פירן זיין ארבעט אין הסכם מיט אט די באדינגונגען, נאר אזוי, עס זאל ניט ברענגען

קיין שאַדן דער זאַך, אַז דעם מינדסטן קאָמפּראָמיס און אָפּנויג פון זיינע איבערציייגונגען צוליב דעם בלומרשטן ערפאָלג פון זיין אגיטאַציע. ווען דער טוער וויל אויסשפּרייטן זיין טעטיקייט אויף די שיכטן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע זיינען אים לחלוטין אומבאַקאַנט, מוז ער פריער גוט לערנען די סביבה, אין וועלכער עס וועט אים אויסקומען צו אַרבעטן; אויב ס'איז מעגלעך דאַרף ער זיך איינאייגענען אירע איינגנשאַפטן און אַריינטרעטן ווי אַן אייגענער מיטגליד פון אַט דער סביבה; און אויב דאָס איז אוממעגלעך, דאַרף ער אין אַט דער געזעלשאַפטלעכער לאַגע, אין וועלכער די אומשטענדן האָבן אים געשטעלט, זיך דערנעענטערן צו זיינע צוקונפטיקע חברים אַזוי, ער זאָל ביי זיי געפינען דעם פולן צוטרוי צו זיך, ווי צו אַ מענטשן. און נאָר דעמאָלט, ווען מען קען אין זיך דערציען דעם טאַלענט צו זיין אַן אייגענער אין דער סביבה, אין וועלכער די רעבנסט צו אַרבעטן, קאָן מען דאָרטן אַרבעטן מיט גרויס ערפאָלג.

III. די אָרגאַניזאַציע פון די סעקציעס און פעדעראַציעס צווישן די יידן פון מערב-קאַנט

מיר האָבן בדעה צו אָרגאַניזירן צווישן די יידן פון דעם מערב-קאַנט אַ גאַנצע ריי סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע סעקציעס, פעדערירטע, אַזוי ווי צווישן זיך, אַזוי אויך מיט ענלעכע יידישע סעקציעס אין אויסלאַנד אָדער מיט די סעקציעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד.

אָננעמענדיק, ווי עס איז אויבן געזאָגט, די יסודות פון דעם סאָציאַליזם אין זייער גאַנצער ברייט, לייקענען מיר מיט דעם אליין ניט נאָר אָפּ די שנאה און די קעגנזאַצן פון די נאַציאָנאַליטעטן, נאָר אויך זייער אָפּגעזונדערטקייט גופא אין דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. די סאָציאַליסטן פון אַלע נאַציעס און ראַסן שטעלן מיט זיך פאָר איין ברודערשאַפט. דער אונטערשייד פון די נאַציאָנאַלע און קולטורעלע באַדינגונגען מאַכט נאָר פאַרשיידנאַרטיק די סביבה, אין וועלכער עס קומט זיי אויס צו פירן זייער טעטיקייט, און אַט דער אייגנציקער אונטערשייד — געוויינלעך אַ ציטווייליקער, — רופט איצט אַרויס, אָפּהענגיק פון דעם אָרט און פון דער נאַציאָנאַליטעט, אַ געוויסע דיפערענציאַציע אין די אופנים פון דער טעטיקייט, און דאָס צווינגט אונז אויך אָנצורופן אונז יידישע סעקציע פון דער רוסישער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

איטלעכער פון אונז, אויב דאס לעבן וועט אים ברענגען אין אזא ארט, ווו דאס רוב סאציאליסטןריידן אויף אן אנדער שפראך, און באשטייען פון אן אנדער פאלק, דארף ער זיין פארפליכטעט צו געהערן צו דער סאציאל־רעוואלוציאנערער סעקציע, וועלכע איז דארטן טעטיק, און עס דארף אים גארניט איינפאלן, זיך אויסטיילן פון איר, אלס ייד. ספעציעל פאר רוס־לאנד, אויב עמעצער פון אונז וועט זיך געפינען אויסער די גרענעצן פון מערב־קאנט, דארף ער אפגעבן אלע זיינע כחות אויף צו ארבעטן צווישן די רוסן און צוזאמען מיט זיי פאר דער סאציאלער רעוואלוציע; נאר כל־זמן מיר געפינען זיך דא, איז צוליב דער נויטווענדיקייט פון פראפא־גאנדע און אגיטאציע צווישן די יידן אויף זייער שפראך, ביי באזונדערע קולטורעלע באדינגונגען, האבן מיר אויך אין זינען צו געבן דעם אנהייב פון דער ארגאניזאציע פון די כחות, וואס באשטימען זיך ספעציעל אויף צו ארבעטן אין אט דער סביבה.

די יידישע סעקציע פון די רוסישע סאציאליסטן פארנעמט זיך הויפטזעכלעך (אויב ניט דורכאוים) מיט פראפאגאנדע צווישן יידן, אנ־וועגנדיק איר טעטיקייט דערהויפט אויף די ארבעטער און דער ארעמער יוגנט. ביי א געלעגנהייט קאן מען אויך פארכאפן די שטודירנדיקע יוגנט פון די רעגיערונגס־לערנאנשטאלטן און די קליין־בורזשואזיע.

אלס איינוווינער פון באקאנטע קאנטן (ליטע, פוילן, אוקראינע, בעסאראביע, קאווקאז אד"גל) שליסן זיך די יידישע סאציאליסטן אין רוסלאנד, וועלכע האבן געבילדעט א באזונדער סעקציע, איינגאנצן אן אין די ארטיקע קרייזלעך פון די אנדערע נאציאנאליטעטן פון דעם זעלבן קאנט, כדי איינאיינעם מיט זיי צו ארבעטן אין אט די אלע פאלן, ווען עס ווערן פארויסגעזעצן וועלכע ניט איז סאציאליסטישע צווישנפעלקערישע צילן. אין אלע אזעלכע פאלן דארף די סעקציע פון די יידישע סאציאליסטן האבן אין זינען די אלגעמיינע ארטיקע סאציאליסטישע אינטערעסן נאר אלס רינג אין דער איינהייטלעכער אלוועלטלעכער סאציאל־רעוואלוציאנע־רער פארטיי. די יידישע סעקציע פארפליכטעט זיך מיטצוהעלפן מיט אלע כוחות און מיטלען אלע סעקציעס און מיטגלידער פון דער דאזיקער פארטיי, און אויך אין די אנדערע קאנטן פון רוסלאנד און פון אויסלאנד.

די סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן, וואס וווינען אין איין קליינער שטאט, אדער אין איין ראיאן פון א גרויסער שטאט, אויב נאר זיי זיינען זיכער אין זייער הסכמה בנוגע דעם באנעמען די סאציאלע אויפגאבן, בנוגע די פליכטן פון כאלידארישקייט צווישן זיך און בנוגע דער ענערגיע אין קאמף מיט די שונאים, בילדן איין סעקציע, וועלכע שטרעבט צו פעדערירן זיך מיט ענלעכע סעקציעס, שטרעבט צו פארברײ־

טערן זיך מיט צוציען נייע מיטגלידער פון די גרופּעס, וואָס ווערן דורך אירע מיטגלידער צוגעגרייט פאַר דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער זאַך, שטרעבט צוצוגרייטן די רעוואָלוציע דורך אַגיטאַציע און דורך פּערזענלעכער ווירקונג אויף די ליידנדיקע מאַסן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאַר די נאַטירלעכע פאַרבינדעטע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ביי דער ערשטער געלעגנהייט דאַרף מען, געוויינלעך, צווישן אַט די מאַסן בילדן צוגרייטונגס־גרופּעס אַן פון זיי אויסבילדן סעקציעס פון דעם פאַרבאַנד.

יעדער סעקציע איז פולבאַרעכטיקט אין איר ענינים־פירונג, אין די וואַלן פון פּערזאָנען, וואָס דאַרפן מיט איר אָנפירן, זי נעמט בלויז אויף זיך די פריוויליקע התחייבות אויסצופאָלגן די אַלגעמיינע באַשלוסן פון די פעדעראַציע־אָרגאַנען, כּל־זמן די סעקציע געפינט זיך אין איר (מיט דער רעכט אַרויסצוטרעטן פון איר, ווען זי געפינט פאַר נייטיק), אָדער פון די אָרגאַנען פון דעם גאַנצן פאַרבאַנד, אויב אַזעלכער וועט זיך שאַפן.

אַלע מיטגלידער פון דער סעקציע זיינען גלייכבאַרעכטיקט. יעדערער פון זיי איז מחויב אונטערצוּוואַרפן זיך דעם אַלגעמיינעם באַשלוס פון זיינע חברים און אויספירן זייערע דירעקטיוון, הגם ער איז אין אייניקע פּרטים ניט מסכּים מיט זיי. אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער סעקציע ווערן די אַלע פונקציעס און אַרבעטן פונאַנדערגעטיילט צווישן די מיטגלידער, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך — לויט דעם פּערזענלעכן פאַרלאַנג אָדער פעִיקייטן, אָבער אין דער זעלבער צייט דאַרף דאָס געטאָן ווערן מיט דעם באַשלוס פון דער סעקציע און מיט אַלעמענס הסכּמה; דאָס דאַרף געטאָן ווערן דערפאַר, אַז אַ סך זאָלן ניט טאָן דאָס, וואָס עס קאָן טאָן איינער און עס זאָלן ניט בלייבן אַזעלכע ענינים, וואָס קיינער האָט זיי ניט גענומען. אין פאַל ווען עס איז נייטיק ווערט די אַרבעט ספּעציאַליזירט, אָבער מען דאַרף זען, אַז די מיטגלידער זאָלן אין אַ געוויסער צייט זיך קאָנען טוישן. די פונקציעס, וואָס די מיטגלידער פירן אויס אין דער סעקציע, דאַרפן אינגאַנצן זיין אומאָפּהענגיק פון דער פּראָפּאַגאַנדע־ און אַגיטאַציע־טעטיקייט פון די מיטגלידער אין די צוגרייטונג־גרופּעס אָדער אויסער־האַלב פון זיי. אויף די וועכנטלעכע פאַרזאַמלונגען פון די סעקציעס גיט יעדער מיטגליד אָפּ אַ מונדלעכן באַריכט וועגן זיין טעטיקייט פאַר דער סעקציע און וועגן זיין פּראָפּאַגאַנדע־ און אַגיטאַציע־אַרבעט. די מיטגלידער פון דער סעקציע האָבן דאָס רעכט צו וויסן אַלע פּרטים פון אַט דער טעטיקייט, פּונקט אַזוי ווי אַלע פּרטים פון דער טעטיקייט פון אַנדערע סעקציעס פון דער פאַרטיי, וועלכע באַקומען זיך אין קרייזל, נאָר זיי נעמען אויף זיך די מאָראַלע אחריות ניט צו פרעגן ווען מען דאַרף ניט

יאָס, וואָס מען דערציילט ניט פריוויליק דעם גאנצן קרייזל. דעריבער דערציילט יעדער איינער וועגן זיין פראָפּאַגאַנדע־ און אַגיטאַציע־אַרבעט נאָר די פאַקטן, וועלכע ער געפינט פאַר צוועקמעסיק צו דערציילן, ער איז אָבער מחויב צו ענטפערן מיט פרטים, אויב די סעקציע וועט דאָס פאָדערן.

די סעקציע קומט זיך צונויף אַלע וואָך אויף אויסצוהערן באַריכטן, צוצונעמען נייע מיטגלידער און כדי זיך צונויפצוריידן וועגן דער אַלגע־מיינער אַרבעט. אויב ס׳איז מעגלעך דאַרפן אַלע מיטגלידער פון דער סעקציע בייזיין אויף דער פאַרזאַמלונג. דעריבער דאַרף די סעקציע, מחמת געפאַר, זיין ניט קיין גרויסע [1]. אין פאַל, ווען די צאָל מיטגלידער אין דער סעקציע שטייגט אַריבער די פעסטגעשטעלטע צאָל, למשל, אויף אָנדער־האַלבן מאָל, ווערט די סעקציע צעטיילט אויף צוויי. די דאָזיקע צוויי סעקציעס פעדערירן זיך, נאָר זיי פאַרזאַמלען זיך שוין באַזונדער, די פאַרבינדונגען ווערן שוין איינגעשטעלט מיט דער הילף פון דעלעגאַטן־פאַרזאַמלונגען. גלייכער איז מען זאָל ניט איינאָרדענען קיין אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון אַלע מיטגלידער פון עטלעכע פילצאָליקע סעקציעס, סיידן אין אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקן פאַל [2].

די סעקציע קלייבט פון זיך אויס דריי מענטשן, איינער פון זיי פירט אָן מיט דער אינערלעכער אַרבעט, איז אַ קאַסירער, גיט איבער די נייטיקע ידיעות אַלע מיטגלידער פון דער סעקציע און שטעלט מיט זיך פאָר די פאַרבינדונג צווישן די מיטגלידער אין דער צייט, ווען עס קומען ניט פאָר די פאַרזאַמלונגען פון די סעקציעס. דער צווייטער איז דער דעלעגאַט, ער האָט דעם קאָנטאַקט מיט די אַנדערע סעקציעס און ער דאַרף בכלל אָנ־פירן מיט אַלע אויסערלעכע ענינים. דער דריטער פאַרבייט דעם אָדער יענעם אין פאַל ווען מען מוז און העלפט זיי, אויב ס׳קלייבט זיך אָן אַ סך אַרבעט. די אַלע דריי קאָנען דורך דער סעקציע פאַרביטן ווערן מיט אַנ־דערע, אויף יעדער פאַרזאַמלונג ווערן זיי פון ס׳ניי באַשטעטיקט און אויף דער פאַרזאַמלונג שפּילן זיי קיין שום באַזונדערע ראָלע ניט.

דאָקומענטן דאַרפן זיין וואָס ווייניקער און זיי האַלטן ביי אַזעלכע פערזאָנען, וואָס פאַרנעמען זיך לחלוטין ניט מיט פּראָפּאַגאַנדע. די אַד־רעסן איז גלייכער צו געדענקען אויסווייניק.

די סעקציע סטאַרעט זיך ווי ווייט מעגלעך צו העלפן שאַפן ענלעכע סעקציעס אויך אין אַנדערע שטעט, ווו עס וווינען יידן, און פאַרבינדט

[1] גלייכער איז אַ „צאָל", צוליב געוויסע טעמים.

[2] וועגן דעם זע ביים סוף.

זיך מיט די סעקציעס פון אנדערע נאציאנאליטעטן. א מיטגליד פון א סעקציע פון אן אנדער נאציאנאליטעט, וועלכער געפינט זיך צייטווייליק אין אזא שטאט, וווּ עס געפינט זיך א יידישע סעקציע, איז יורידיש א מיט־גליד פון אט דער סעקציע און באטייליקט זיך אין איר טעטיקייט, אויב נאר ער איז באקאנט מיט דער שפראך און מיט די ארטיקע פארהעלטעניש.
ביים ארגאניזירן אזעלכע סעקציעס אין פארשיידענע נאענטע קאנטן (פון מערב־קאנט, פוילן, צענטראל־רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך), דארפן זיי שטרעבן צו שאפן א פעדעראציע, כדי זיי זאלן קאנען ארבעטן ווי ווייט מעגלעך אין קאנטאקט און הארמאניש.

די פעדערירטע סעקציעס פון איין שטאט אדער פון איין פּאוויאט קלייבן פון זיך אויס עטלעכע מענטשן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאר דעם „קאמיטעט פון נאכשפירן די געהיים־אגענטן און די אדמיניסטראציע", כדי קעגנווירקן די מיטלען, וואס די רעגירונג נעמט אן וכדומה. די צייט, וואס מען איז א מיטגליד פון אט דעם קאמיטעט, טאר מען זיך מיט פּראַ־פּאגאנדע ניט פארנעמען.

לייקענענדיק אין פּריוואט־אייגנטום, מוזן די סאציאליסטן קודם־כל זיך אפזאגן פון זייער פערזענלעכן אייגנטום און דאס איבערגעבן אין רשות פון זייער קרייזל, כדי מיט די מיטלען צו פירן ווען מען דארף די סאציאל־רעוואלוציאנערע ארבעט. פון צאלונגען אין דער אלגעמיינער קאסע טארן זיך ניט אפזאגן אפילו די סאציאליסטן, וואס האבן קוים אויף חיונה. דעריבער מוזן אין יעדער סעקציע ווערן איינגעפירט באשטענדיקע אפצאלונגען, זאל זיין אפילו די מינימאלסטע. דער גרעסטער טייל פון דער אלעמיינער קאסע (למשל 75%) ווערט אויסגעגעבן אויף די הצטרכותן פון דער סעקציע גופא, און די קלענערע גייט לטובת דער סאציאל־רעוואַ־לוציאנערער פארטיי. די בייטראגן קאנען זיין גלייכע פאר אלע מיטגלי־יער פון דער סעקציע אדער קרייזל.

די פעדעראציע פון די סעקציעס, וואס געפינען זיך נאענט איינע פון דער אנדערער, קלייבן אינאיינעם אויס א פערזאן, ווי ווייט מעגלעך אזא, וואס איז אויסער געפאר, דורך וועלכער די פעדעראציע שטעלט איין אירע פארבינדונגען מיט די אנדערע פעדעראציעס פון ווייטערע מקומות און מיט דעם אויסלענדישן צענטער.

די פעדעראציע ארדנט איין אין באשטימטע צייטן (למשל, איין מאל אין יאר) אדער ווען מען מוז אלגעמיינע פארזאמלונגען פון די דע־לעגאטן פון פארשיידענע סעקציעס און, אויב זי געפינט פאר נייטיק, אויך דאס באשטענדיקע בייזיין פון דעם פעדעראטיוון ראט פון דריי מיטגלי־

דער, וואס ווערן אויסגעקליבן אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג צוליב דער באקוועמלעכסטער פארבינדונג פון די סעקציעס צווישן זיך.

כדי צו פארברייטערן די ארגאניזאציע פירט יעדער מיטגליד, ווי ווייט מעגלעך, א פראפאגאנדע צווישן די פערזאנען, וואס זיינען צוטריט־לעך און מער גענייגט אויפצונעמען די סאציאל־רעוואלוציאנערע אידעען. אויף אזא אופן שאפט ער צוגרייטונג־גרופעס פון פערזאנען, וועלכע קאנען נאר אים אליין, אלס פארשטייער פון דער פארטיי, פארבינדן זיך מיט איר דורך אים, פירן דורך די פראפאגאנדע־ארבעט, וואס ער לייגט זיי פאר, זיי זאמלען געלט, גיבן איבער ביכער, און דער עיקר, זיי גרייטן זיך צו דורך דעם, וואס זיי לערנען דאס פאלק און די סאציאליסטישע ליטעראטור, ווי אויך א מלאכה, אויב דאס איז מעגלעך, און באקענען זיך מיט דער סאציאל־רעוואלוציאנערער טעטיקייט; צוליב פארזיכטיקייט און כדי די סאציאליסטישע טוער זאלן ניט זיין אין קיין געפאר, איז צומאל גלייכער, אז קיינער פון די פערזאנען פון די צוגריי־טונגס־גרופעס זאלן ניט וויסן, אז אין דעם ארט געפינט זיך א סאציאל־רעוואלוציאנערע סעקציע.

דער פראפאגאנדיסט האט דאס רעכט, לויט זיין איינזעען, צו פירן זיין פראפאגאנדע צווישן באזונדערע מענטשן אזוי, אז איינער זאל ניט וויסן פון דעם אנדערן, אדער זיי צעטיילן אין באזונדערע קליינע גרופעס, אדער גאר זיי פאראייניקן אין איין קרייזל, אין וועלכן זיי זאלן קאנען העלפן איינער דעם אנדערן אין זייער אנטוויקלונג.

ווען עס איז מעגלעך ווערן די מיטגלידער פון די גרופעס פארגע־לייגט פאר מיטגלידער פון די סעקציעס. דער, וואס לייגט פאר, איז מודיע די חברים אין דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון דער סעקציע אלע פרטים וועגן דער פערזאן, וועלכע ער לייגט פאר; דאס באשטעטיקן ווערט אפגעלייגט ביז דער צווייטער פארזאמלונג, כדי צו געבן די מעגלעכקייט די איבעריקע חברים צונויפנעמען ידיעות וועגן דער רעקאמענדירטער פערזאן. די רעקאמענדירטע פערזאן ווערט אנגענומען אין דער סעקציע בלויז ביי א איינשטימיקן באשלוס פון דער סעקציע, און דעמאלט ווערט זי א גלייכבארעכטיקטער מיט אלע איבעריקע חברים.

אויסער דער טעטיקייט אין די סעקציעס און אין די צוגרייטונגס־גרופעס, דארפן די מיטגלידער פון דער פארטיי ווי ווייט מעגלעך זיך באַ־מיען צו שליסן באקאנטשאפט מיט דער ארבעטער־באפעלקערונג, געווינען דעם פולן צוטרוי צו זיך אפילו ביי די מענטשן, וועלכע מען האלט, אז עס איז נאך אוממעגלעך אנהייבן צו פירן צווישן זיי א סאציאליסטישע פרא־פאגאנדע, און מען אגיטירט זיי ביי יעדער געלעגנהייט, כדי אין יעדער

מינוס, אין פאל פון אויסברוך, זאל מען קענען אויסשטעלן ניט בלויז אויף די מיטגלידער פון די סעקציעס און צוגרייטונגס-גרופעס, נאר אויך אויף א מער אדער ווייניקער באדייטנדיקן קאנטינגענט מענטשן, וועלכע וואלטן צוגעשטאנען צו דער רעוואלוציע אדאנק דער אלגעמיינער אויפגעבראכטקייט אויף דער עקסיסטירנדיקער ארדענונג אדער אדאנק די פערזענלעכע באציונגען מיט די מיטגלידער פון די סעקציעס.

די סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן האפן, אז עס וועט זיי קיינמאל ניט אויסקומען צו משפטן זייערע חברים פאר א פארברעך קעגן דער פארטיי. איטלעכער, וואס פילט, אז זיין ענערגיע אין קאמף ווערט אפגעשוואכט, אז ער איז ניט בכוח גובר זיין דעם נסיון איבערצורייסן מיט די אלטע טראדיציעס אדער מיט דעם בורזשואזן לעבן, האט דאס רעכט צו פארלאזן די רייען פון די קעמפער פאר דער נייער וועלט און פארבינדן זיין גורל מיט דעם גורל פון דער אלטער וועלט. ביי די ערשטע שריט פון אנטוויקלונג קאן די סעקציע אויך מיט א פשוטן איינשטימיקן באשלוס אויסשליסן פון אירע רייען א מיטגליד, וועלכער איז ביי אלע זיינע מעלות אזא, וואס מ'קאן ניט זיין זיכער מיט אים, אדער וואס איז צופיל נייגעריק, הגם ער האט געגעבן זיינע מאראלע התחייבותן. ס'איז אבער גאנץ פארשטענדלעך, אז די פערזאנען, וואס ווייסן פיל און פארלאזן די רייען פון דער געהיימער ארגאניזאציע, אז אויף אט די פערזאנען דארף מען האבן אן אויג. די פערזאנען ווידער, וואס טרעטן צייטווייליק אריין אין דער ארגאניזאציע מחמת נייגער אדער גאר מחמת בייזע כוונות, ווי אויך די פערזאנען, וועלכע האבן באשלאסן זי צו פארראטן, שטעלן זיך אליין אוועק אין די רייען פון דעם פארבאנדס שונאים, און די געהיימע ארגאניזאציע וועט זיך באציען צו זיי אומבארחמנותדיק. זיי מוזן ווערן אומשעדלעך. אין אזעלכע עקסטרע פאלן רופט מען צונויף א פארזאמלונג פון די דעלעגאטן פון די פעדערירטע סעקציעס און מען קלייבט, למשל, אויס זעקס מענטשן אויף צו באשטימען און אויספירן דעם פסק-דין. זייערע נעמען באלאטירן זיך אין אלע סעקציעס; דאס באשטימען און אויספירן פון דעם איינשטימיק אנגענומענעם פסק-דין ווערט איבערגעגעבן די יעניקע דריי מיטגלידער, וועלכע האבן באקומען די גרעסטע צאל שטימען. אויב די 6 אויסגעוויילטע מיטגלידער קאנען ניט קומען צו אן איינשטימיקן באשלוס, ווערט דער ענין געלאזט אן פאלגן. אין פאל פון אויסערגעוויינלעכער און באלדיקער געפאר, וואס דראט דער געזעלשאפט, נעמט דער מיטגליד אירער צו זיך נאך דריי חברים, באקאנט זיי מיט דעם גאנצן ענין און וואס ער דענקט צו טאן. ווען זיי קומען אלע דריי צו אן איינשטימיקן באשלוס, קאן דער איניציאטאר דורכ-

פירן זיין באשלוס און נאכדעם גיט ער זיך און זיינע 3 ראטגעבער איבער דעם משפט פון דער דעלעגאטן־פארזאמלונג. אויב זיי געפינען, אז דער ארויסטריט איז געווען שעדלעך פאר דער אלגעמיינער זאך, רופט מען צונויף אן עקסטרע אלגעמיינע פארזאמלונג פון די מיטגלידער, און אויב די פארזאמלונג וועט מיט ⅔ שטימען פאראורטיילן דעם ארויסטריט, וועלכן דער איניציאטאר מיט זיינע חברים האבן אונטערגענומען אויף זייער אייגענער אחריות, און געפינט ניט קיין שום מילדערנדיקע טעמים פאר אט דער טאט, ווערן זיי דורך דעם אליין אויסגעשלאסן פון דעם פארבאנד.

טבת תרל״ח (יאנואר 1876)[1].

יידישע סאציאליסטן".

יאנואר, 1876.

IV

דאווידאוויטש, איינער פון די אקטיווסטע אנטיילנעמער אין דער רעוואלוציאנערער פראפאגאנדע צווישן די יידן אין די 70ער יארן, האט נאכדעם איבערגעלעבט א שרעקלעכע גייסטיקע טראגעדיע. דער יידישער שרייבער מרדכי כהן, וועלכער האט אים אין יענע צייטן גוט געקענט, דערציילט וועגן אים אט וואס:

„אנטלויפנדיק באצייטנס און אויסמיידנדיק דעם ארעסט, איז דאוויד־דאוויטש אין 1876 פרייוויליק אריינגעטראטן אין טשערניאיעווס אפטיילונג. נאכדעם ווי דער סערביש־טערקישער קריג האט זיך פארענדיקט, האט ער זיך באזעצט אין קיעוו, ווו ער האט זיך באטייליקט אין די רע־וואלוציאנערע קרייזלעך. זייער אינטערעסאנט איז זיין אנטייל אין דעם באפרייען א פאליטישן ארעסטירטן פון דער טשיגירינער טורמע. דאווי־דאוויטש האט צוליב דעם אויסגעקליבן זייער א פארדרייטן וועג. ער איז געפארן קיין משוגירין (קיעווער גובערניע) און איז אוועק צו דעם סטא־ראסטע זיך נאכפרעגן, ווער פון די יידישע יונגעלייט האט זיך ניט גע־שטעלט צו דעם לעצטן פריזיוו. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז ניט גע־שטעלט האט זיך איינער א קיבריק. דאווידאוויטש טראכט ניט לאנג און גייט אוועק צו דער מיליטער־קאנטראלע, זאגט, אז ער איז קיבריק און

---

[1] דער אריגינאל איז געשריבן אויף רוסיש. מיר האבן זיך באנוצט מיט אן עקזעמפלאר, וואס עס האט אונז פריינטלעך געגעבן דער באוווסטער יידישער שריי־בער ב. ווינטשעווסקי (אמעריקע). אונטערגעשטראכן אין אריגינאל.

בעט מ'זאָל אים אונטערזוכן. מ'נעמט אים צו פּאַר אַ סאָלדאַט און, היות די רעקרוטן זיינען שוין אַלע געווען פונאַנדערגעשיקט, האָט מען אים, קיבריק־דאַווידאָוויטשן, איבערגעלאָזן אין אָרטיקן באַטאַליאָן. דער גענעי־טער אַגיטאַטאָר האָט באַלד זיך געשאַפן צווישן די סאָלדאַטן אַ קרייז חברים, און ווען מען האָט אים באַשטימט אין קאַראַול אין דער טורמע, האָט מען דעם „ענין" דערליידיקט. מען האָט אונטערגעצונדן אין הויף פון דער טורמע אַ הילצערנע קאַמער און בשעת דער פּאַניק איז דער פּאָליטיש אַרעסטירטער אַנטלאָפן.

דאָך איז קיבריק־דאַווידאָוויטש נאָך דער באַפרייונג פון דעם אַרעס־טירטן ווייטער געבליבן אין מיליטער. ער איז איבערגעפירט געוואָרן, אויב איך האָב קיין טעות ניט, קיין קאַזאַן, וווּ מען האָט אים באַשטימט אין אַ מיליטערישער פעלדשער־שול, ער האָט געענדיקט דאָס מיליטער־דינסט אַלס מיליטערישער פעלדשער" [1].

אין אָנהייב פון די 80ער יאָרן האָט זיך דאַווידאָוויטש, אונטערן איינדרוק פון די פּאָגראָמען, אינגאַנצן אַנטטוישט אין דער רעוואָלוציאָנע־רער אַרבעט. „ער איז אינגאַנצן אַוועק אין אַן אַנדער וועג, ער איז געוואָרן אַ יידישער נאַציאָנאַליסט און האָט באַשלאָסן זיך אָפּצוגעבן דער נאַציאָ־נאַלער אויפקלער־אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט. אין יענע יאָרן פלעגט אים שרעקלעך פייניקן אַלץ, וואָס האָט אים דערמאָנט וועגן זיינע יוגנט־יאָרן... ער האָט ניט געאַכט אין זיך דעם געוועזענעם רעוואָלוציאָנער. זיין אידעאַל איז געוואָרן דער טרוים וועגן גייסטיקןווידערגעבורט פון דעם יידישן פאָלק. און ער האָט זיך אינגאַנצן אומגעקערט צו דער ליטעראַטור און נאַציאָנאַלער שפּראַך" [2].

דאַווידאָוויטש האָט איבערגעזעצט אויף העברעיִש ספּענסערס „וועגן ערציִונג", און אָפּגעדרוקט אַ גאַנצע ריי קאָרעספּאָנדענצן אין „רוסקי יעווריי", „וואָסכאָד" און אין אַנדערע יידישע זשורנאַלן און בלעטער. לויט זיין איניציאַטיוו האָבן זיך געשאַפן אַ גאַנצע ריי קרייזלעך, וועלכע האָבן געשטרעבט צו פאַרשפּרייטן די העברעיִשע שפּראַך. געשטאָרבן איז דאַווידאָוויטש אין אָדעס אין 1898 יאָר.

---

1 „יעוור. סטאַרינאַ", 1911, העפט III, ז' 410.

2 דאָרט.

V

איינער פון די פיאנערן פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג צווישן יידן אין רוסלאנד איז געווען אהרון ליבערמאן[1]. אויבן האבן מיר אנגעוויזן, אז ער איז געווען א מיטגליד פון ווילנער קרייזל. אין היפוך צו זיינע חברים פון דעם קרייזל, האט ליבערמאן ארייגעטראגן די אידעע וועגן דער נויטווענדיקייט צו ארבעטן צווישן דער יידישער באפעלקערונג. זייענדיק נאכדעם אין אויסלאנד, האט ער געמאכט א פרווו צו פארווירקלעכן אט די אידעע זיינע אין א ברייטער מאס. אין 1876 האט ליבערמאן ארגאניזירט די יידישע ארבעטער אין לאנדאן אין א „געזעלשאפט פון יידישע סאציאליסטן" (Hebrew socialist Union). די געזעלשאפט האט איינגעאָרדנט עטלעכע גרויסע מיטינגען, לעקציעס, שמועסן און א פראפעסיאנעלן פאריין. קיין גרויסן ערפאלג האט די געזעלשאפט צווישן די עמיגראנטן ניט געהאט און אין א יאר ארום איז זי זיך איינגאנצן צעפאלן. מיט א קורצער צייט פאר דעם איז ליבערמאן, אדאנק די אינטריגעס און מיינונגס־פארשיידנקייטן, וואס זיינען אנטשטאנען צווישן אים און די אייבעריקע אנפירער פון דער „געזעלשאפט", ארויסגעטראטן פון איר און איז אוועקגעפארן פון לאנדאן קיין ווין.

זייער אן אינטערעסאנטע כאראקטעריסטיק ליבערמאנס געפינען מיר אין די זכרונות פון וו. טשערקעזאוו: „ליבערמאנען, — שרייבט ער, — האב איך באגעגנט אין לאנדאן אין 1876 יאר אין דער רעדאקציע פון „וופעריאד". די רעדאקציע, די מיטארבעטער און די זעצער האבן געוווינט אין איין הויז, אין א חברשער אלגעמיינער דירה. א חוץ לאווראוון זיינען מיר אלע געווען יונג, פול מיט רעוואלוציאנערן אידעאליזם; אונזער התלהבות האט גאר קיין גרענעץ ניט געהאט... ליבערמאן איז צווישן אונז געווען דער סאמע התלהבותדיקער. ער פלעגט ניט האלטן קיין פלאמיקע רעדעס, ער פלעגט אויך ניט פירן קיין היציקע, פארכאפנדיקע דעבאטן... דערצו איז ער געווען צו שעמעוודיק, עניוותדיק און קינדעריש איינפאך. זיין גאנץ וועזן איז אבער געווען פארכאפט פון איין געדאנק, פון איין

---

1 אהרון ליבערמאן איז געבוירן געווארן אין שטעטל לונע (גראדנער גוב'), א דערציִונג האט ער באקומען א טראדיציאנעלע. די קינדער־יארן האט ער פארבראכט צווישן פאנאטישע חסידים און זיך געפונען אונטער דער השפעה פון זיין זיידן א מקובל. שפעטער האט ער געלערנט אין א ישיבה, אין ווילנער ראבינער־שול, און עטלעכע יאר געווען א סטודענט פון פעטערבורגער טעכנאלאגישן אינסטיטוט, ער האט אים אבער ניט געענדיקט צוליב זיין שווערער מאטעריעלער לאגע. לעבנדיק אין אויסלאנד, האט ער זיך דערנענטערט מיט דער רעדאקציע „וופעריאד", דערהויפט מיט לאווראוון. אין 1880 יאר איז ער באגאנגען זעלבסטמארד אין ניו־יארק אויפן ראמאנטישן באדן.

שטרעבונג. דער געדאַנק איז געווען — די ברידערלעכקייט און די סאָלי־דאַרישקייט פון די פעלקער אויף דעם באָדן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט; זיין שטרעבונג איז געווען צו פירן די פּראָפּאַגאַנדע פון אָט די אידעען צווישן דעם יידישן פאָלק אויף זיין אייגענער שפּראַך... אין 1876 יאָר, בשעת ליבער־מאַן האָט צום ערשטן מאָל גענומען ריידן וועגן דעם, האָבן אַפילו זיינע יידישע חברים סאָציאַליסטן געהאַלטן, אַז אויב דאָס איז נישט קיין שעד־לעכער נאַציאָנאַליזם, איז עס אַלנפאַלס איבעריק און אַרויסגעוואָרפן אָנ־צוהויבן צו פּרעדיקן דעם סאָציאַליזם אויף דער יידישער שפּראַך. זייער פיל פון די בעסטע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אָן מורא געאַרבעט אין דער אַלרוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָבן אָפּגעפרעגט ליי־בערמאַנס מיינונג. איז וואָס זשע איז דער חידוש, וואָס די רוסישע חברים האָבן געקוקט אויף זיינע פּרוּוון מיט אַ גוטהאַרציקן הומאָר, האַלטנדיק, אַז די גאַנצע זאַך איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. אמת, די רוסישע חברים האָבן פּרינציפּיעל גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, און א. א. לינעוו איז גרייט געווען צו העלפן ליבערמאַנען דרוקן זיין אויפרוף און פּראָגראַם, און דאָך האָט ער וועגן ליבערמאַנס יידישן זשורנאַל, וועגן זיין פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם צווישן יידן שטענדיק גערעדט מיט אַ גוטהאַרציק שמייכעלע. אַפילו פּ. ל. לאַווראָוו מיט זיין אַלץ באַנעמענדיקן מוח האָט נישט פאַרזוים־געזען די רעזולטאַטן, וואָס ליבערמאַנס התחלות וועלן ברענגען"[1].

אין חודש מאַי 1877 האָט ליבערמאַן אַרויסגעלאָזט אין ווין דעם ערשטן נומער פון דעם יידיש־סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת":

„...נישט די נאַציאָנאַלע ליבע, — ווערט געזאָגט אין דעם פּראָס־פּעקט, — האָט אונז באַוויגן אַרויסצוגעבן אָט דעם זשורנאַל. מיר קאָנען אונזער פאָלק נישט שטעלן העכער פון אַן אַנדערן. מען טאָר נישט האַלטן פון איין פאָלק מער, ווי פון אַן אַנדערן, פּונקט ווי איין מענטש טאָר דאָס נישט טאָן בנוגע דעם אַנדערן. און נאָר די אַלמענטשלעכע ליבע, די ליבע צו די קינדער פון אונזער פאָלק, ווי צו מ ע נ ט ש ן, ווי אויך זייערע אומענד־לעכעליידן — צווינגט אונז צו זאָגן זיי אויף זייער שפּראַך דעם „אמת". וואָרעם אויב נישט מיר פאַר זיי, מיר, וואָס קענען זייער לעבן און זייערע ליידן — טאָ ווער זשע?"[2].

בסך־הכל האָבן דערשיינט דריי נומערן פון דעם „האמת"; אין זיי זיינען געווען אָפּגעדרוקט די אַרטיקלען: „דער קאַמף פאַר דער עקסיס־

---

1 ב. פרומקין, „פון דער געשיכטע פון רעוו. באַוועגונגען צווישן יידן אין די 70ער יאָרן", „יעוור. סטאַרינאַ" 1911, העפט II, ז' 235–236.

2 ציטירט לויט ס. ל. ציניבערגס אַרטיקל „די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען אין דער יידישער ליטעראַטור", „פּערעזשיטאָיע", ב' I, ז' 243—244.

טענץ און זיין באציִונג צו דער געזעלשאפט", „יאקאבים ביאגראפיע", „די סאציאלע לאגע פון די יידן אין אונגארן", „די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט אין מיטלאלטער", „די יידן אין ענגלאנד", „מאקקיאוועלליס סיסטעם", לידער אויף סאציאלע טעמעס, רעצענזיעס, א סאציאלער ראָמאן אאז"וו. דער זשורנאל האט ניט פארעפנטלעכט קיין באשטימטע פאָליטישע פראגראם, און האט בלויז גערעדט וועגן דער עקאנאמישער ניט גלייכקייט, וועגן דער צוקונפטיקער סאציאלער גערעכטיקייט, ברידערלעכקייט פון די פעלקער וכדומה.

נאָך דעם דריטן נומער האט זיך דער „האמת" אָפגעשטעלט, ווייל די רוסישע צענזור האט אים פארבאָטן אריינצופירן קיין רוסלאנד. באלד נאָכדעם איז ליבערמאן ארעסטירט געוואָרן דורך דער עסטרייכישער מאכט, ווערנדיק באשולדיקט אין באציונגען מיט אויסלענדישע רעוואָלוציאָנערן און אין אנטי־מלוכהשער פראָפאגאנדע [1].

נאָכדעם, ווי דער „האמת" האט זיך אָפגעשטעלט, האבן מ. ווינטשעווסקי און א. ראבינאָוויטש געפרווט ווייטער פירן די סאציאליסטישע אגיטאציע אויף העברעיִש. זיי האבן צוגערעדט א. ל. ראָדיקסאָנען, דעם רעדאקטאר פון דעם העברעיִשן זשורנאל „הקול", ער זאל ארויסגעבן א זשורנאל „אסֵפת חכמים" („פארזאמלונג פון חכמים"). שפעטער איז א. ראבינאָוויטש אוועק פון דער רעדאקציע און מ. ווינטשעווסקי איז אליין געווען דער פאקטישער רעדאקטאר פון דעם זשורנאל. אין „אספת חכמים" האבן מיטגעארבעט: משה־ליב ליליענבלום, ראבינאָוויטש, ד"ר קאמינער, שערעשעווסקי און אנדערע.

מיר ווען דאָ ברענגען צוויי פראגמענטן פון ווינטשעווסקיס ארטיקל „די ביאגראפיע פון לידוויג בערנע" און פון ד"ר קאמינערס ליד, וואָס גיבן א פארשטעלונג וועגן כאראקטער און אינהאלט פון דעם זשורנאל „אספת חכמים".

„...אָ דו, פארשיכורט און אָפגענארט פאלק! — שרייבט מ. ווינטשעווסקי, — א פאלק, וואס אזוי פיל שונאים פארפאלגן אים פון דרויסן און וואָס איז פון אינעווייניק פארוויקלט אין א נעץ פון פאָראורטיילן! דו, מיין פאלק, האסט ערשט אָנגעהויבן אויפעפענען דיינע אויגן, נאָר די שרייבער דיינע ווילן איבערגוואלט זיי ווידער פארמאכן און דיך

[1] ליבערמאן איז פארמשפט געוואָרן פאר ווינען אויף א פרעמדן פאס אויף איין חודש טורמע. ער איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורך דער בערלינער פאָליציי. דאָרט איז ער פארמשפט געוואָרן אויף נייז חדשים טורמע פאר אָרגאניזירן אן „אנטימלוכישע געזעלשאפט".

באַרפירן אויף אַ פאַלשן וועג (אַן אָנדייטונג אויף פּרץ סמאָלענסקין און זיין נאַציאָנאַליסטישע תורה). קער זיך, אָפּ מיין פאָלק, פון אָט די בעלי טובות דיינע, פאַרלאָז זיך ניט אויף זיי... כל־זמן עס האָט זיך נאָך אויפגעהיט לעבן אין דער שפראַך פון דיינע אָבות, פאָדער פון דיינע שריפטשטעלער געזונטע שפייז, דען די מטעמים, וואָס זיי גרייטן צו פון דיינעטוועגן, וועלן ניט שטילן דיין הונגער... בעסער פון אַלץ וואָלט געווען זיך ניט לאָזן פּענטען אין די ענגע צוימען פון דער העברעיִשער שפּראַך... באַנוגן זיך ניט מיט דיינע צעשטערער פון חסידיזם און פאַרפאַסער פון אָדעם און באַלאַדעם אין גייסט פון ניט־גלויבן. עפן אויף דיינע אויגן און זוך די פאַרענטפערונג פון דיינע גרויסע לעבנס־פראַגן... אויב דיינע „באַרימטע לייט" וועלן דיך געבן פרישע, געזונטע שפייז — איז גוט; אויב ניט — טאָ ווענד זיך צו דער דייטשישער און רוסישער ליטעראַטור. לערן און שטודיר בערנען, היינען, שעקספּירן, געטען, שילערן און לעסינגן, לערן זיך ביי בעלינסקין, פּיסאַרעוון און דאָבראָליובאָוון"[1].

אין זעקסטן נומער איז אָפּגעדרוקט אַ ליד פון ד"ר קאַמינער „עמק הבכא" — אַ געשריי פון דער אויפגעבראַכטער נשמה אויף דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. „אַרום זיך זע איך נאָר נויט, קראַנקהייטן, פינסטערקייט און גראָביונגישקייט. אומעטום רויבער, צבועקעס און בלוטזויגער. פון איין זייט ווילטאָג, שיכּרות, אויסגעלאַסנקייט, אומזיניקער לוקסוס, און פון דער צווייטער — מענטשן, וואָס גייען אויס פון הונגער, מענטשן וואָס האָבן ניט קיין ליכט און לופט... און איך, פלייש פון זייער פלייש, ביין פון זייער ביין, איך קען ניט שווייגן, איך שריי פון צער און צאָרן... אָט נעמט אייך, נעמט מיין בלוט, מיין נשמה. אָט האָט איר פייער פון צאָרן, נאָר קילט עס ניט אָפּ! ווייס ניט פון קיין רו, האַרץ דו מיינס! זיד און קאָך! שטיי פאַר דעם אמת און דעם שקר באַקעמף!"[2].

דער „אספּת חכמים" האָט, פּונקט, ווי דער „האמת", ניט געהאַט קיין באַשטימטע פּאָליטישע פּראָגראַם, מיר געפינען אין זיי בלויז רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, וועלכע זיי האָבן געוואָלט דערוועקן אין די לעזער. אָנרופן די דאָזיקע זשורנאַלן סאָציאַליסטישע קאָן מען נאָר מיט געוויסע באַוואָרענישן. מ. ווינטשעווסקי איז זיך אַליין מודה אין זיינע ערינערונגען, אַז דאָ איז גיכער געווען אַ סאָציאַליסטישע שטימונג, יונגער שוווּנג,

---

1 „אספּת חכמים", נומ' 4, מ. ווינטשעווסקיס אַרטיקל וועגן ל. בערנע, ציטירט פון ס. צינבערגס אַרטיקל „די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען אין דער ייד. ליטעראַטור", „פּערעזשיטאָיע", ב' 1, ז' 256.

2 ציִנבערג, ז' 257.

מיטגעפיל צו יעדער נאַוואַטאָרישקייט, צו יעדער רעוואָלוציאָנערן וואָרט, און האָט אין זיך געהאַט מער עלעמענטן פון פאַרניינונג פון דעם אַלטן, איידער אַ קלאָרע פאָרשטעלונג פון דער צוקונפט [1].

בסך־הכּל האָבן אין פאַרלויף פון 1879 דערשיינט אַכט נומערן פון דעם „אספת חכמים“. ווינטשעווסקי איז אַרעסטירט געוואָרן, ווייל בשעת מען האָט אַרעסטירט ליבערמאַנען, האָט מען ביי אים געפונען ווינטשעווסקיס בריוו.

מער קיין פּרוּוו אַרויסצוגעבן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור אויף העברעיִש זיינען שוין ניט געמאַכט געוואָרן. אין יאָר 1880 האָט אַ גרופּע יידן־סאָציאַליסטן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער יידישער אינטעליגענץ, אין וועלכן זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן „דעם דערוואַייטערן זיך פון די יידן־סאָציאַליסטן פון זייערע מאַסן“ און זיי גערופן צו אַרבעטן צווישן „די מאַסן פון אַרבעטער־יידן“ אויף „זשאַרגאָן“, אויף יידיש. צום סוף האָט די גרופּע אָנגעוויזן, אַז זי האָט באַשלאָסן צו גרינדן אין זשענעוו „אַ פרייע יידישע דרוקעריי“.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיקער אויפרוף איז דערשינען לויט מ. פּ. דראַגאָמאַנאָווס איניציאַטיוו [2]. דער דאָזיקער אוקראַיִנישער אָנגעזעענסטער געלערנטער, פּאָליטישער טוער און פּובליציסט האָט זיך באַצויגן מיט דעם גרעסטן ערנסט צו דער פראַגע וועגן סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידן. אַריינטראַכטנדיק זיך אין דער לאַגע פון די יידן אין אוקראַינע, האָט דראַגאָמאַנאָוו אין סוף פון די 70ער יאָרן אויפגעהערט זיי צו באַטראַכטן אַלס „פאָלק, וואָס באַשטייט דורכאויס פון עקספּלואַטאַטאָרן און פּאַראַזיטן, אַלס פאָלק פון רוכאויס אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן... דראַגאָמאַנאָוו האָט באַמערקט צווישן די יידן אין אוקראַינע אַחוץ די הענדלער, אַרענדאַרן, פּראָצענטניקעס — די פּראָלעטאַרישע מאַסע — די באַלמעלאָכעס, די אַרבעטער און די לערער. ער האָט באַרעכנט, אַז בלויז אַ דריטל (לפי ערך) פון דעם יידישן פאָלק זיינען עקספּלואַטאַטאָרס: די איבעריקע צוויי דריטל וואָלטן געקאָנט זיין אַ מאַטעריאַל פאַר סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אין זייער קלאַסן־קאַמף וואָלטן זיי געקאָנט זיין סאָלידאַריש מיט דעם פּויערטום. נאָר די צוויי דריטל פון דעם יידישן פאָלק זיינען אויך נאָענט צו זייער בורזשואַזיע, זיי לעבן אין פינסטערניש, אונטער דער מאַכט פון רעליגיעזע און נאַציאָ־

---

1 פּרומקין, דער צים. אַרטיקל, ז׳ 537.

2 „מ. פּ. דראַגאָמאַנאָוו“ פון ד. זאַסלאַווסקי, קיעוו 1924, פאַרלאַג „סאָראָבקאָפּ“, ז׳ 111,

נאַלע פּאַראורטיילן, און זיינען אָפּגעטיילט פון די איבעריקע פעלקער מיט אַ וואַנט פון קעגנזייטיקן ניט קענען און פאַרשטיין זיך. אויפוועקן אָט די מאַסע קאָנען נאָר די סאָציאַליסטן־יידן, און נאָר אויף דער שפּראַך פון אָט די מאַסן, אויף „זשאַרגאָן". די יידישע אינטעליגענטן, בתוכם אויך די סאָציאַליסטן, גייען אָבער אַוועק פון דער יידישער אָרעמקייט און זיינען איבערפול אין די רוסישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז געלאָזן אויף זיין אייגענעם באַראָט, איז דעריבער גייסטיק אָרעם, אידעיש פאַרבונדן מיט דער אַלטער יידישער וועלט" [1].

אונטערן איינפלוס פון אָט די געדאַנקען האָט דראַגאָמאַנאָוו אָרגאַניזירט אַ קליינע גרופּע סאָציאַליסטן־יידן, וועלכע האָט געדאַרפט פירן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון אוקראַינע און גאַליציע.

כּדי די אַרבעט זאָל געפירט ווערן מיט דערפאָלג האָט די גרופּע איינגעפונען, אַז אין דער ערשטער ריי מוז מען שאַפן אַ יידישע דרוקעריי אין אויסלאַנד. די איבעריקע עמיגראַנטן האָבן אָבער דעם דאָזיקן פּלאַן אויפגענומען זייער פיינדלעך. אויף אַ עמיגראַנטן־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער די גרופּע סאָציאַליסטן־יידן האָבן געפּרוווט באַגרינדן זייער פּראָגראַם, „איז די אויפנאַמע געווען אַזאַ, אַז אַפילו די ענערגישסטע מענטשן האָבן געדאַרפט אַראָפּלאָזן די הענט". „עס האָט זיך געדוכט, — האָט נאָכדעם דראַגאָמאַנאָוו געשריבן, — וואָס פאַר אַ קעגנערשאַפט האָט געקענט אַרויסרופן דער געדאַנק וועגן אַרויסגעבן די זעלבע „קלוגע מעכאַניק" נאָך אויף איין שפּראַך, אָדער, לאָמיר זאָגן, אַפילו אויף „זשאַרגאָן"? און דאָך דאַרף מען דאָס צושרייבן די אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען און טאַקטישקייט פון דער פערזאָן, וואָס איז געווען פאָרזיצער אויף דער אויבנדערמאָנטער פאַרזאַמלונג, וואָס זי האָט זיך ניט פאַרענדיקט מיט אַ סקאַנדאַל. מיט אַזאַ האַס און אויפגעבראַכטקייט האָבן זיך צו דעם באַצויגן די רעדנער פון די רוסישע און פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און דערהויפּט די יעניקע, וואָס זיינען פון יידישער אָפּשטאַמונג". די גאַנצע טעטיקייט פון דער גרופּע סאָציאַליסטן־יידן האָט זיך באַגרענעצט מיט דעם אַרויסלאָזן דעם אויבנדערמאָנטן אויפרוף. גרינדן אַ יידישע דרוקעריי האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן; פאַר אַזאַ „ענג נאַציאָנאַליסטישער" אונטערנעמונג האָט מען נישט געקענט געפינען ניט קיין מיטלען און ניט

[1] דאָרט,

קיין ארבעטער. אט דעם זעלטענעם פרווו איז באשערט געווען אויף א צייט פארשטילט צו ווערן [1].

דראגאמאנאווס אידעע וועגן דער נויטווענדיקייט צו פירן א רעװאלוציאנערע פראפאגאנדע צווישן די יידן אויף יידיש האבן די פאלקס־פרייהייטלער (נאראדאװאלצעס) געפרווט פארווירקלעכן אין יאר 1881 אין רוסלאנד. ניט באוווסט דורך וועמען * איז ארויסגעגעבן געווארן דער נומ׳ 1 פון העקטאגראפירטן ארגאן „ארבעטער־צייטונג", וועלכער האט געבראכט כמעט ווערטלעכע איבערזעצונגען פון צוויי ארטיקלען פון דער „ראבאטשאיא גאזעטא", וואס איז דערשינען אונטער זשעליאבאווס רעדאקציע. די „ארבעטער־צייטונג" איז, אפנים, ניט שטארק פארשפרייט געווארן. צוויי עקזעמפלארן פון אט דער אויסגאבע האט מען געפונען אין גראדנער גובערניע [2].

---

[1] זאסלאווסקי, ז׳ 112.

* קירזשניץ, „ביכער־וועלט". איבערז.

[2] וועגן דער „ארבעטער־צייטונג" זע ר. מ. קאנטארס ארטיקל אין נומ׳ 3 פון „יעווריעסקאיא ליעטאפיס".

קאַפּיטל דריי

די יידישע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין די 80ער און אָנהייב 90ער יאָרן אין ווילנע, מינסק און אין אַנדערע שטעט. — דער פּראָפּאַגאַנדע־פּעריאָד. — דער אינהאַלט פון דער פּראָפּאַגאַנדע. — דער כאַראַקטער פון די קרייזלעך אין אָט דעם פּעריאָד. — דאָס אָפּגעריסנקייט פון לעבן. — די קאָנספּיראַציע.

I

די רעאַקציע, וואָס האָט באַהערשט דאָס לאַנד אין די 80ער יאָרן, נאָך דער הריגה פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, פון איין זייט, און דאָס, וואָס די יידישע יוגנט איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען פון דער אַנדערער — האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זי איז שטיל געוואָרן, אָבער דאָך איז זי אינגאַנצן ניט פאַרניכט געוואָרן. עס בילדן זיך רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין איין שטאָט, אין דער אַנדערער, זיי ווערן שנעל ליקווידירט אדאַנק די פּאָליציייִשע פאַרפאָלגונגען, אָבער זייער אָרט בלייבט ניט אויף לאַנג פּוסט.

אַזעלכע קרייזלעך זיינען געווען אין מינסק, ווילנע, וואַרשע, האָמעל, ראָהאַטשאָוו, אָדעס און קרעמענטשוג.

אין 1880 האָט וולאַדימיר האָרנשטיין אָרגאַניזירט אַ קרייזל אין אָדעס. אין דעם קרייזל זיינען געווען: שמואל בערנשטיין, יצחק שטיינגלאַס, אָסיפּ גלאַס, פּנחס לעוויאַש, מרדכי און בנימין גרעטש און אַנדערע. דאָס קרייזל האָט געהאַט בדעה אַרויסצולאָזן אַן אומלעגאַלע צייטונג און איינאָרדענען אַן אומלעגאַלע דרוקעריי. פרילינג 1881 יאָר האָט דאָס קרייזל זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם אָרטיקן רוסישן קרייזל[1].

אין מינסק האָט די פּראָפּאַגאַנדע געפירט חיים כורגין. אין 1882 יאָר האָט מען אים צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איבערפירן קיין רוסלאַנד דעם עמיגראַנט לעוו האַרטמאַנס אַ בריוו און ער איז אַדמי־

1 „איבערזיכט פון די וויכטיקסטע אויספאָרשונגען", וועלכע זיינען געפירט געוואָרן דורך דער זשאַנדאַרמעריע־פאַרוואַלטונג נומ׳ 1, ז׳ 28.

ניסטראטיוו פארמשפט געוואָרן אויף 8 חדשים טורמע און אויף דריי יאָר פארשטארקטער פאָליציייִשער אויפזיכט. אָפּקומענדיק די שטראָף פון פאָליציייִשער אויפזיכט אין מינסק, האָט כורגין אָרגאניזירט עטלעכע קרייזלעך פון יידישע ארבעטער. זיין טעטיקייט האָט געהאט א גרויסן דערפאָלג: אין יאָר 1885 זיינען, לויט כורגינס ווערטער, אין זיינע קרייזלעך געווען אָרגאניזירט 160 מאן, א צאָל, וואָס איז אין יענע צייטן געווען א גוואלטיקע. אין כורגינס קרייזלעך האָבן זיך באטייליקט: ראובן פראָטאָס (א סטודענט פון פעטראָווער אקאדעמיע), סאָלאָמאָן מערלינסקי, סלעפּיאן, א געוועז. סטודענט, באָגדאנאָוויטש, 2—3 אומבאקאנטע סטודענטן, אייזיק רובין, עקיבא שמואלעוויטש און אנד. ער האָט געהאט פארבינדונגען מיט פעטערבורג, פון וואנען ער פלעגט באקומען פאָלקספרייהייטלעכע ליטעראטור. אדאנק דער גוטער קאָנספּיראציע זיינען די קרייזלעך א לענגערע צייט געווען אומבאקאנט דער זשאנדארמעריע.

זומער 1884 האָט אינגאנצן אומאָפּהענגיק פון כורגינען אָנגעהויבן אין מינסק צו פירן א פראָפּאגאנדע־ארבעט דער סטודענט פון דערפּטער אוניווערסיטעט עמיל אבראמאָוויטש. קומענדיק אויף די זומער־פעריען קיין מינסק, וווּ עס האָבן געוווינט זיין פאָטער, א צאָן־דאָקטאָר, און זיין שוועסטער, האָט ער זיך פארבונדן מיט די דרוקער־ארבעטער און זיי אָרגאניזירט אין א קרייזל, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט. אבראמאָוויטש איז געווען א באשיידענער מענטש, א פשוטער און א צוגעלאָזטער. אדאנק זיין זעלטענער צוציענדיקער פערזענלעכקייט האָט ער אין א קורצער צייט געוווּנען ביי די ארבעטער ליבע און אָנערקענונג.

„אבראמאָוויטש האָט געהאט א גרויסן איינפלוס אויף די ארבעטער, — שרייבט אין זיינע מעמוארן וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין מינסק י. הורוויטש, וועלכער האָט אים פערזענלעך נאָענט געקענט, — ניט נאָר אלס טאלענטפולער לעקטאָר, נאָר אויך אלס מענטש מיט אן אויסערגעוויינלעך פיינעם כאראקטער, וועלכער איז בלב ונפש איבערגעגעבן דער באוועגונג. דאָס איז געווען א דעמאָקראט, ניט נאָר אויף ווערטער, נאָר לויט זיין נאטור; עס האָט זיך אין אים ניט געמערקט קיין סימן פון א „גענעראל", מיט די ארבעטער האָט ער זיך געהאלטן פשוט, ווי א חבר, אָן דעם מינדסטן אווטאָריטעטן טאָן, ער האָט קיינמאָל ניט געווירקט מיט זיין אווטאָריטעט און די ארבעטער האָבן אים אויפריכטיק ליב געהאט און זיך באצויגן צו אים מיט גרויס אכטונג". אין איינעם פון זיינע באריכטן וועגן דער יידישער ארבעטער־באוועגונג כאראקטעריזירט דער באריכטער זשאנדארם זובאטאָוו אבראמאָוויטשן אלס זעלטענעם אידעאליסט. „...אבראמאָוויטש, לויטן פסעוודאָנים „דער ווייסער

שוסטער", — שרייבט זובאַטאָוו, — האָט פּרינציפּיעל ניט געהיילט קיין רייכע, און ביי די אָרעמע האָט ער קיין געלט ניט גענומען, זיין חיונה פלעגט ער ציען פון עפּעס אַ מלאָכה. ער פלעגט כּמעט הונגערן און איינגאַנצן זיך אָפּגעבן מיט פּראָפּאַגאַנדע. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ הייליקן און זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס יראת הכבוד"[1].

אין סוף זומער פון דעם אַנדערן יאָר האָט אַבראַמאָוויטש, פאַר זיין אָפּפאָר קיין דערפּט, צוגעצויגן צו דער אַרבעט אין די קרייזלעך י. הורוויטשן, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג געקומען צוריק פון פאַרשיקונג.

י. הורוויטש איז אין 1879 יאָר, זייענדיק אַ סטודענט פון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דרוקן פאָלקספרייהייטלעכע פּראָקלאַמאַציעס און איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין מינסק צו זיינע עלטערן, אונטער זייער אויפזיכט; אין 1881 ווערט ער ווידער באַשולדיקט אין פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יוגנט און ווערט פאַרשיקט אויף דריי יאָר אין מזרח-סיביר. ער איז צוריקגעקומען פון דער פאַרשיקונג ערשט אין 1885 יאָר. אין 1890 יאָר האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע, פון 1894 איז ער געווען פּראָפעסאָר אין טשיקאַגער אוניווערסיטעט*. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1924[2]. זומער

---

[1] היסטאָריש-רעוואָלוציאָנערער אַרכיוו פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט פון דער באַוונדערער אָפּטיילונג, ענין נומ׳ 5, טייל 48, פון 1898 יאָר, 72ער בויגן. אַבראַמאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין חודש יולי 1864 יאָר אין גראָדנע, ער האָט זיך געלערנט פון 1870 יאָר אין גראָדנער יידישער אָנפאַנג-שול, אין 1872 איז ער אַריין אין דער גימנאַזיע, וועלכע ער האָט געענדיקט אין 1882 יאָר. ער האָט שטודירט אין פּאַריזער מעדיצינישן פאַקולטעט און צוליב מאַנגל אין געלט-מיטלען האָט ער זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד אין יאָר 1884 און איז אַריין אין דערפּטער אוניווערסיטעט, וועלכן ער האָט געענדיקט (דעם מעדיצינישן פאַקולטעט) אין 1888 יאָר. אין 1889 יאָר איז אַבראַמאָוויטש אין קיעוו צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר פירן אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, איז אָפּגעזעסן אין טורמע 2 יאָר און איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף 4 יאָר קיין מזרח-סיביר. אין 1912 יאָר האָט מען אים ווידער געמשפּט אין יעקאַטערינאָסלאַוו. מען האָט ביי אים געפונען עטלעכע פּראָקלאַמאַציעס צו די פּויערים און אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן די לענער געשעענישן, וועלכע ער האָט געוואָלט שיקן אין דער „פּראַוודאַ" (אמת); אַבראַמאָוויטש איז ווידער פאַרשיקט געוואָרן אין מזרח-סיביר אויף 4 יאָר. אין 1914 יאָר איז ער פרייוויליק אַוועק אין דער מלחמה אַלס דאָקטאָר (היסט.-רעוו. אַרכיוו פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, ענין נומ׳ 97, I טייל, פון 1889 יאָר, 4 ענינים; נומ׳ 496 פון 1912; 5 ענינים; נומ׳ 607, 3 ענינים, 1897, און די מעמואַרן פון י. הורוויטש אין „בילאָיע", נומ׳ 6, פון 1907 יאָר).

* באַקאַנטער יידישער פּובליציסט און געלערנטער, באַקאַנט אונטערן נאָמען פּראָפ׳ יצחק-אייזיק הלוי הורוויץ. באַמ. פון איבערזעצער.

[2] היסט.-רעוו. אַרכיוו פון פּאָליצ.-דעפּאַר. נומ׳ 596, באַזונד. אָפּט., 1906 יאָר,

פון יאר 1886 זיינען אין די מינסקער קרייזלעך, מיט וועלכע י. הורוויטש האט אנגעפירט, געווען 130 מאן. אחוץ הורוויטשן האבן אין די קרייזלעך געארבעט זיין פרוי, געבוירן קושעלעווסקאיא, וועלכע איז מיט אים געווען בשעת זיין פארשיקונג, און זיין שוועסטער יעווגעניע. אין די דאזיקע קרייזלעך האבן זיך באטייליקט: לעוו אסיפאוויטש ראגאלער, י. רעזניק, יאנקל זווערין, זאק, חפץ, וועלכער איז געפאלן א קרבן אין די אקטאבער־טעג פון 1905 יאר פון די פאגראמשטשיקעס, און אנדערע.

אין מינסק איז אין 1887 יאר געווען נאך איין קרייזל, מיט וועלכן עס האט אנגעפירט אווסעי בעללאך, אן אנגעשטעלטער אין דער צייטונג „מינסקי ליסטאק". אין דעם דאזיקן קרייזל האבן זיך באטייליקט: מ. פאליאק, אנטאן פאוולאווסקי (א דראגיסט), חיים ליכטערמאן (א דראגיסט) און אנדערע. דאס קרייזל איז דורכגעפאלן צוליב פאליאקס מסירה אין 1888 יאר. בעללאך איז פארשיקט געווארן אויף 5 יאר אין מזרח־סיביר, ליכטערמאן איז אנטלאפן קיין אויסלאנד, פאוולאווסקי איז געבליבן אויף דער פריי אונטער פאליציייִשער אויפזיכט[1].

וועגן דער צייט, ווען עס האט זיך ארגאניזירט אין ווילנע דאס ערשטע קרייזל, זיינען פאראן ידיעות, וואס זיינען סותר איינע די אנדערע. אזוי וויל אקימאוו־מאכנאוועץ האבן, אז דאס ערשטע קרייזל האט זיך געבילדעט אין 1885 יאר. פון דער אנדערער זייט זעען מיר פון דעם באריכט, וואס דער „בונד" האט צוגעשטעלט דעם אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן קאנגרעס אין פאריז אין יאר 1900, אז דאס קרייזל האט זיך געבילדעט אין 1887 יאר. וועגן דעם, אז דאס קרייזל האט עקסיסטירט אין 1888 יאר, האבן מיר אויטענטישע מעמוארן פון י. הורוויטש: „...אין צוויי יאר ארום (ד"ה אין יאר 1888), — שרייבט ער, — האב איך אונטערגענומען א נסיעה איבער אלע צענטרען פון צפון־מערב־קאנט; אין ביאליסטאק און אין גראדנע זיינען לחלוטין ניט געווען קיין ארבעטער־קרייזלעך, און אין ווילנע האט מיר לעוו יאגיכעס (ליאווקע) דערציילט, אז ביי זיי איז פאראן א קרייזל פון 4 ארבעטער[2]. צוזאמען מיט יאגיכעסן האט אין ווילנע געפירט פראפאגאנדע צ. קאפעלזאן („טימאפיי"). אין יאר 1889 איז דאס קרייזל אויפגעדעקט געווארן אדאנק דער מסירה פון חיים גראץ, וועלכער האט, דרך אגב, דערקלערט, אז דאס קרייזל האט געהאט א סקלאד פון אומלעגאלע ליטעראטור און געהאט פארבינדונגען מיט די ווארשעווער קרייזלעך פון „פראלעטאריאט"[3].

---

1 „איבערזיכט פון די וויכטיקסטע אויספארשונגען", נומ' X, ז' 95—96.

2 י. הורוויטש, „די ערשטע יידישע קרייזלעך", „בילאיע", 1907, בוך 6.

3 „איבערזיכט פון די וויכטיקסטע אויספארשונגען", נומ' XIII, ז' 63.

לויט די ידיעות פון אקימאָוו־מאַכנאָוועץ איז אַבראַמאָוויטש אין די יאָרן 1886—87 ציטווייליק געקומען פון מינסק קיין ווילנע; ער האָט אָרגאַניזירט אַ קרייזל פון שטודירנדיקער יוגנט: פון גימנאַזיסטן, רעאַליסטן און שילער פון ווילנער לערער־אינסטיטוט[1]. אין אָנהייב פון די 90ער יאָרן איז אין ווילנע געווען אַ גאַנצע ריי אַרבעטער־קרייזלעך, וועלכע האָבן צוגעצויגן אַ באַדייטנדע צאָל אַרבעטער. די אינטעליגענטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די קרייזלעך, פלעגן זיך צונויפקומען אַלע שבת און זיך באַראָטן וועגן אַלגעמיינע פראַגן פון דער באַוועגונג: זיי פלעגן אויסאַרבעטן די פּראָגראַם פון די לעקציעס, פאַרשפּרייטן ליטעראַטור אאז״וו. אין יענער צייט האָבן אין ווילנע געפירט די פּראָפּאַגאַנדע די אינטעליגענטן: אַרקאַדי קרעמער, גאָזשאַנסקי („לנו״), מאַטל סרעדניצקאַ, ליובאַ לעווענסאָן (אייזנשטאַט), ש. אייזנשטאַט, מיל („דזשאָן״), צ. קאָפּעלזאָן, („טימאָפּיי״), מיטניק („גלעב״) און אַנדערע. די אַרבעטער־קרייזלעך זיינען געווען פאַראייניקט דורך דעם „צענטער״, וועלכער איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון באַזונדערע קרייזלעך.

אין האָמעל זיינען שוין אין אָנהייב פון די 90ער יאָר געווען קרייזלעך. זייער צוזאַמענשטעל איז געווען ניט קיין באַשטענדיקער, מערסטנטיילס פון שטודירנדיקער יוגנט. די קרייזלעך האָבן אַקטיוו געאַרבעט דערהויפּט אום זומער, בשעת די יוגנט פלעגט קומען צו פאָרן אויף פעריען פון די רעזידענץ־שטעט. אום האַרבסט, ווען זיי פלעגן אַוועקפאָרן, פלעגן זיך די קרייזלעך צעפאַלן[2]

אין 1890 האָט זיך אין וואַרשע געבילדעט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטיש קרייזל. די אָנטיילנעמער זיינען געווען די שטודירנדיקע יוגנט, וועלכע איז געקומען פון ליטע. זיי האָבן געוואָלט פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער מאַסע, נאָר זיי האָבן ניט געהאַט קיין באַקאַנטשאַפט מיט די אָרטיקע אַרבעטער. שפּעטער האָט זיך זיי איינגעגעבן צוציען צו דעם קרייזל עטלעכע אַרבעטער, געקומענע פון ליטע. אין 1892 יאָר האָט דאָס דאָזיקע קרייזל צוזאַמען מיט די פּוילישע סאָציאַליסטן אַרויסגעלאָזט צום ערשטן מאַי אַ העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציע אויף יידיש אין 150 עקזעמפּלאַרן. די אַרעסטן אין 1892 יאָר האָבן אינגאַנצן צעשטערט די אַרבעט, וועלכע האָט

---

1 אַקימאָוו (מאַכנאָוועץ), „סקיצע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד״, ז׳ 40.

2 היסט.־רעוו. אַרכיוו פון פּאָליצ.־דעפּאַרט., נומ׳ 5, טייל 31; זע „קראַסנאַיאַ לעטאָפּיס״, נומ׳ 2—3, נ. בוכבינדער, „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין האָמעל״.

זיך שוין אנגעהויבן איינצושטעלן. די פראפאגאנדירטע ארבעטער — בערך 20 מאן — זיינען צוגעשטאנען צו די פפ״ס[1].

אין 1882 איז אין קרעמענטשוג אויפגעדעקט געווארן א קרייזל פון שטודירנדיקער יוגנט — שילער פון קרעמענטשוגער רעאל־שול. דאס קרייזל איז באשטאנען פון חיים דאווידאוו ספיוואקאווסקי, חיים מאיסעיעוו יאראסלאווסקי, לאזאר וואלפאוו כאזאנאוויטש, נחום קאגאן, סאלאמאן ענטעליעוו גאלאצקי, סאוועלי מיראנאוויטש ברוסילאווסקי און אנדערע. דאס קרייזל האט געהאט א ביבליאטעק פון אומלעגאלע ביכער[2] און האט פארשפרייט א פראקלאמאציע, וועלכע האט זיך ניט אויפגעהיט, אונטערן טיטל: „נומ׳ 1. א פריי ווארט פון דער רעוואלוציאנערער יוגנט״. אין דער צייט פון דער אויספארשונג זיינען ספיוואקאווסקי, יאראסלאווסקי און כאזאנאוויטש אנטלאפן, אבוגאוו, גאלאצקי און ברוסילאווסקי זיינען פארמשפט געווארן אונטער באזונדערער פאליציייִשער אויפזיכט. קאגאן איז פארשיקט געווארן אויף 4 יאר אין מערב־סיביר.

אין 1882 האט דער סטודענט פון כארקאווער וועטערינארן אינסטיטוט אבראם יאסיפאוו מארגאלין ארגאניזירט אין ראהאטשאוו א קרייזל. אין אט דעם קרייזל האבן זיך באטייליקט: חיים בערקאוו לעווין, דוד זאלמאנאוו בראדסקי, איסאי נאומאוו וואלפין, אברהם־יוסף סאסין און אנדערע. דאס קרייזל האט איינגעארדנט אן אומלעגאלע ביבליאטעק. די מיטלען האבן זיי גענומען פון די חודשלעכע בייטראגן. די צאל פון די לייענער (אבאנענטן) האט דערגרייכט ביז 70. די זאמלונגען לטובת דער ביבליאטעק זיינען געמאכט געווארן ניט בלויז אין ראהאטשאוו, נאר אויך אין אנדערע שטעט: אין מינסק, באברויסק, מאהילעוו, ביאליסטאק, טשאוס און נאוואזיבקאוו. חוצדעם האט מארגאלין געהאט בדעה צו גרינדן א געזעלשאפט פון פארשפרייטן בילדונג צווישן דער יוגנט פון ביידע געשלעכטן, דעם סטאטוט פון אט דער געזעלשאפט האט מען ביי אים געפונען בשעת דער רעוויזיע. אז מארגאלין איז אוועקגעפארן קיין כארקאוו, האט ער ניט איבערגעריסן זיינע פארבינדונגען מיט ראהאטשאוו.

די זשאנדארמעריע האט אויפן גרונט פון אן איבערגעכאפטן בריוו באשולדיקט מארגאלינען, וואלפינען, לעווינען, בראדסקין, אברהם מאלקינען און פ. גראסמאנען אין אויסארבעטן דעם פלאן פון אטענטאטן

1 „דער יידישער ארבעטער״, נומ׳ 10, אלטער באקאנטער, „דער אנהייב פון דער יידישער באוועגונג אין ווארשע״.

2 „איבערזיכט פון די וויכטיקסטע אויספארשונגען פון דער זשאנדארם־פארוואלטונג״, III, ז׳ 60; ארכיוו פון פאליצ.־דעפארט. נומ׳ 89—713 (1889); דריטער ענין נומ׳ 612 (1882) און 328 (1890).

אויף אייניקע רעגירונגס־פּערזאָנען. מאַרגאָלין, לעווין און בראָדסקי זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף דריי יאָר, די ערשטע צוויי אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע, און די איבעריקע—אין אָלענעצקער. וואָלפּין, מאַלקין און גראָסמאַן זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער דער פּאָליציייִשער אויפזיכט אויף 2 יאָר [1].

אחוץ די אויבן אויסגערעכנטע יידישע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, זיינען נאָך אין די יאָרן, וואָס אינטערעסירן אונז, געווען קרייזלעך אין פּאָלטאַווע (1883), קישינעוו (1884), ניעזשין (1887), ריגע (1889) און מאָהילעוו (1889).

נאָר זייער צוזאַמענשטעל איז געווען אַ געמישטער, צוזאַמען מיט די יידן האָבן זיך באַטייליקט אויך אַנדערע, און די אַרבעט האָבן זיי געפירט ניט צווישן יידן.

II

וואָס־זשע פאַר אַן אינהאַלט האָט געהאַט די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט זיך געפירט אין די יידישע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין די 80ער און אָנהייב 90ער יאָרן?

כורגין אין מינסק און האָרנשטיין אין אָדעס האָבן געפירט אַ פאָלקספרייהייטלעכע פּראָפּאַגאַנדע, אַבראַמאָוויטש און הורוויטש זיינען געווען סאָציאַל־דעמאָקראַטן, נאָר זייער מאַרקסיזם, ווי הורוויטש איז זיך מודה, האָט נאָך געהאַט אין זיך אין אַ גענוגנדער מאָס פאָלקספרייהייטלעכקייט. די ווילנער און וואַרשעווער קרייזלעך פון די 90ער יאָרן זיינען געווען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע. די קרייזלעך פון דער שטודירנדיקער יוגנט פון יענער עפּאָכע זיינען דורכאויס געווען פאָלקספרייהייטלעכע. אין די אַרבעטער־קרייזלעך האָט מען געלייענט: זאַבאָווס „שמועסן וועגן דער נאַטור", „צוויי ברידער", „אָן אַן אויסוועג", „די כראָניק פון דאָרף סמורין", „איינער אין פעלד איז ניט קיין העלד", „עמאַ", „וואָס זאָל מען טאָן?", שטשעדרינס מעשהלעך, דיקשטיינס „פון וואָנעט איינער לעבט", „לוין־אַרבעט און מאַרקס קאַפּיטאַל", לאַסאַלס „די פּראָגראַם פון די אַרבעטער" און אַנדערע.

די פּראָפּאַגאַנדע איז געפירט געוואָרן אויף רוסיש, די וואָס האָבן ניט געקענט, האָט מען אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. ווייטער האָט מען די אַרבעטער געלערנט נאַטורוויסנשאַפט, אַריטמעטיק אאַז"וו. דורכ־

---

1 היסט. רעוו.-אַרכיוו פון פּאָליצ.-ד עפּ. נומ׳ IV, ענין נומ׳ 665 (1884).

גייענדיק מיט די ארבעטער אָט די עלעמענטארע לימודים, איז מען ערשט צוגעטראָטן צו באקענען זיי מיט דעם אינהאלט פון סאָציאליזם. אין מינסק, צום ביישפּיל, זיינען די קרייזלעך, וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן דורך י. הורוויטשן, געווען דרייערליי: 1) קרייזלעך, ווו מען האָט גע־לערנט די ארבעטער לייענען און שרייבן רוסיש, 2) קרייזלעך פון נאטור־ווּיסנשאפט און 3) סאָציאליסטישע קרייזלעך. נייע מענטשן האָט מען אָנגענומען בלויז אין די ערשטע צוויי קרייזלעך און אין די קרייזלעך פון דריטן טיפּ האָט מען אָנגענומען בלויז אזעלכע, וועלכע זיינען דורכגע־גאנגען דעם קורס פון קרייזל פון צווייטן טיפּ.

לויט דעם אינהאלט אירן, האָט זיך די פּראָפּאגאנדע, וועלכע מען האָט געפירט אין די יידיש־רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון דער, וועלכע מען האָט געפירט אין די רוסישע קרייזלעך. אלס יידישע קרייזלעך קאָן מען זיי רעכענען בלויז לויט די אָנטיילנעמער, ד"ה דערפאר, וואָס זיי האָבן ווערבירט זייערע מיטגלידער פון דער יידי־שער סביבה און געפירט זייער ארבעט צווישן דער יידישער באפעלקערונג. מערקווערדיק איז דאָס, וואָס אין י. הורוויטשעס קרייזלעך האָט זיך אָנ־געהויבן שפּירן די באדערפעניש אין ליטעראטור אויף יידיש: מען האָט באאויפטראָגט וואָלמאנען איבערזעצן אויף יידיש ביכלעך וועגן נאטור־וויסנשאפט, נאָר אדאנק מאנגל אין געלט זיינען זיי ניט ארויסגעגעבן געוואָרן.

די פּראָפּאגאנדע האָט געטראָגן אן אבסטראקטן כאראקטער. דעם אינהאלט אירן האָט מען ניט גענומען פון דעם ארבעטערס טאָג־טעגלעכן לעבן און דאָס האָט געבראכט דערצו, אז די קרייזלעך זיינען געווען אָפּ־געריסן פון די מאסן און האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אן אייגנארטיקע און אָפּגעזונדערטע וועלט.

די פּראָפּאגאנדע איז געווען דורכאויס אן עקאָנאָמישע. „וועגן אגיטאציע אויפן באָדן פון אנדערע געזעלשאפטלעכע אינטערעסן, — שרייבט ל. מארטאָוו, — אויפן באָדן פון פּאָליטישער, בירגערלעכער און נאציאָנאלער אונטערדריקונג, אויפן באָדן פון די קולטורעלע אינטערעסן— איז גאָר קיין רייד ניט געווען"

וואָס פאר א באדייטונג די ארבעטער האָבן צוגעגעבן די קרייזלעך, קאָנען מיר זען פון דער רעדע, וואָס אן ארבעטער האָט געהאלטן דעם 1טן מאי 1892 אין ווילנע.

„מיר קאָנען ניט זיצן מיט פארלייגטע הענט און ווארטן אויף הילף פון אויבן: נאָר פון אונז אליין איז אָפּהענגיק אונזער באפרייונג. יעדער איינציקער פון אונז דארף, אויף

וויפלער איז נאר ביכולת, לערנען זיך און אנדערע. און אויף אזא אופן מיטהעלפן צו שאפן אויף דער ערשטער צייט לכל־הפחות קליינע קרייזלעך. אט די דאזיקע קרייזלעך וועלן אונז אין דער צוקונפט געבן די פולע מעגלעכקייט צו פאראייניקן זיך און ווערן מיטגלידער פון דער גרויסער, אלוועלטלעכער קעמפנדיקער ארבעטער־פארטיי, וועלכע וועט, קעמפנדיק פאראייניקט, אויסקעמפן אירע מענטשלעכע רעכט. דעמאלט וועט פארווירקלעכט ווערן די אמתע פרייהייט, ברידערלעכקייט און גלייכהייט פאר דער גאנצער מענטשהייט, בתוכם אויך פאר די יידן"[1]

און דאך האט דער יידישער ארבעטער אין יענער צייט שוין געוווסט, אז זיין עקאנאמישע לאגע איז ענג פארבונדן מיט דער פאליטישער ארדענונג פון דעם לאנד, און דעריבער דארף מען פירן ניט בלויז אן עקאנאמישן, נאר אויך א פאליטישן קאמף

„אלזא, צו דער ארבעט, — איז געזאגט געווארן אין אן אנדער ועדע, — די גאנצע געבילדעטע וועלט גייט פארויס און דערנענטערט זיך צו דער צוקונפטיקער ארדענונג, און נאר אונזער טייער רוסלאנד איז נאך ווייט הינטערשטעליק. די טעטיקייט פון דער אינטעליגענץ לטובת דער אידעע פון סאציאליזם האט ניט געהאט קיין גלענצנדיקן דערפאלג, ווייל אירע אינטערעסן האבן זיך ניט טיף איינגעווארצלט אין דעם מאטעריעלן לעבן. נאר איצט, ווען דער ארבעטער הייבט זיך אן צו רירן, וועלן די ווערטער פון דער אינטעליגענץ געוויס ניט פאלן אויף אן אומפרוכטבארן באדן. אלזא, מיר מוזן מיט אונזערע יונגע קרעפטן אפרייניקן דעם וועג. פריער פון אלץ מוזן מיר דערציען אלע אונזערע שוועסטער און ברידער, זיי געבן צו פארשטיין, אז די באפרייונג פון איטלעכן ארבעטער באזונדער וועט געשען דעמאלט, ווען די גאנצע מאסע וועט ווערן באפרייט. אבער ביי אונז אין רוסלאנד שטערט אונז קודם־כל דאס, וואס מיר האבן ניט קיין פרייהייט פון פרעסע, פארזאמלונגען און ארגאניזאציע. דעריבער מוז אונזער ערשטער שריט זיין דאס אויסקעמפן א קאנסטיטוציע"[2].

די ערשטע יידישע פראפאגאנדיסטן האבן געהאלטן, אז זייער אויפגאבע איז צו אנטוויקלען איינצלנע ארבעטער, וועלכע זאלן נאכדעם קענען פירן די פראפאגאנדע אין די מאסן. דאך האט אפטמאל געטראפן, אז די פרא־

1 „ערשטער מאי, 1892. 4 רעדעס פון יידישע ארבעטער", זשענעוו, 1893, ז' 27.

2 דארט.

פאגאנדירט ארבעטער האבן נאכדעם ניט נאר ניט געפירט די ארבעט צווישן דער מאסע, נאר זיי פלעגן זיך אפרייסן פון דער לעצטער און זיך באַ־ציען צו איר מיט א מין ביטול. די שטרעבונג צום וויסן, וואס מען האט אין זיי דערוועקט, האט זיי געטריבן זיך ווייטער צו לערנען: ניט זעלטן פלעגט טרעפן, אז דער ארבעטער פלעגט אוועקווארפן זיין מלאכה און ווערן אן „עקסטערן". ס'האט זיך געשאפן א טיפ פון פארקריפלטע מענטשן.

די קרייזלעך פון דעם פעריאד, וואס מיר שטודירן, האבן זיך אויס־געצייכנט מיט זייער שטרענגער קאנספיראציע, דערהויפט האבן זיי זיך אויסגעצייכנט אין ווילנע: מארטאוו, וועלכער האט דעמאלט געארבעט אין ווילנע, דערציילט וועגן דעם אין זיינע „זכרונות פון א סאציאל־דעמאָ־קראט" פאלגנדיקע פרטים: „די קאנספיראציע איז געווען דער טרומף פון ווילנער סאציאל־דעמאקראטישן קרייזל, ווי אויך פון אייניקע אנדערע קרייזלעך, וועלכע זיינען אין פארשיידענע ערטער פון רוסלאנד צוגע־שטאנען אויפצולעבן די רעוואלוציאנערע פארטייען אין די רעשטלעך פון דער אלטער באוועגונג און אין דער אטמאספער, וואס איז פון לאנגע יארן געווען פארסמט דורך דעם צעפאלונגס־פעריאד פון דער פארטיי „פאלקס־פרייהייט" מיט דער דעגאיעווטשינע און אירע נאכפאלגן. דאס געזעץ פון לעבן פאר די ווידער געבוירענע רעוואלוציאנערע גרופעס איז געווען צו פארהוילן, ווי ווייט מעגלעך לענגער, די עצם עקסיסטענץ פון דער קראמאלער נעסט אין דעם אדער יענעם פונקט. און צוליב דעם האט מען זיי געדארפט גוט פארמאסקירן ניט נאר פאר די פשוטע בירגער, נאר אפילו פאר דער ברייטער „ראדיקאלער" סביבה. און הגם נאך געוויסע ערפאלגן פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פראפאגאנדע איז אוממעג־לעך ג'עווען אויסצובאהאלטן די באוועגונג, איז דאך אלץ נאך געבליבן, אז מען דארף זיך פירן אזוי, גלייך ווי מען וואלט אין שטאט גארנישט געוווסט, אז עס עקסיסטירט א סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציע. די לאנגע ארבעט אין איין פונקט האט אנטוויקלט די עלעמענטארע כללים פון קאנספיראציע ביז ווירטואזיטעט, און איך אליין האב עס נאכדעם געשפירט אויף זיך, ווי אזוי די דאזיקע עלעמענטארע כללים עסן זיך איין אין גאנצן וועזן. קיינמאל ניט אנרופן דעם אנדערן, אפילו די אפוועזנדע מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע, ביים אייגענעם נאמען (אפילו ווען עס קומט אויס ריידן אויג אויף אויג), ניט שרייבן אפילו ריין „אומשול־דיקע" בריוו, און אפילו אין די שיפרירטע בריוו ניט דערמאנען קיין נעמען; ניט באווייזן זיך אויף די גאסן מיט א פעקל, אין וועלכן עס זאל זיך אפילו געפינען א גאנץ געוויינלעכע זאך, זיך ניט באגריסן אין גאס, מיט

אַ פּריינטלעכן בליק אויך ניט, אַפילו ווען מען איז זיכער, אַז קיין שפּיאָנען זיינען ניטאָ, ניט גיין מיטן גראָדן וועג אַהין, וווּ דו דאַרפסט, אין צימער ריידן אין דער שטיל, — אָט די אַלע אויסערלעכע כּללים, צוזאַמען מיט דעם באַמיען זיך ניט צו שטעלן די חברים קיין שום „איבעריקע פראַגן", האָבן די טוער פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע פעסט איינגעאיינגנט אין זיך. מ׳קאָן פּאָזיטיוו פאַרזיכערן, אַז די דאָזיקע סיסטעם פון קאָנספּיראַציע, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דעם ערשטן קרייזל־פּעריאָד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעט, האָט ביי איר גאַנצער עלעמענטאַרישקייט פּאָרט דערגרייכט געוויסע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, — גענויער, אַ געוויסער רעזולטאַט איז דערגרייכט געוואָרן מיטן פּרייז פון פּטרן אַ געגוגגדן סכום פון גייסטיקער ענערגיע, וואָרעם ניין צענטל, קאָן זיין, פון די פאַרהיטונגס־מיטלען, וואָס מען האָט אָנגענומען אין יעדן באַזונדערן פאַל, זיינען גאָרניט געווען אַזוי נייטיק, דערפאַר אָבער איז דאָס איינע צענטל שטענדיק געווען צוועקמעסיק..." [1]

דער פּעריאָד פון דער פּראָפּאַגאַנדע ענדיקט זיך אין די יאָרן 1892—1893, ווען עס הייבט זיך אָן די נייע עפּאָכע, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דעם אַרויסטריט פון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן אין קאַמף פאַר זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן.

---

1 י. מאַרטאָוו, „זכרונות פון אַ סאָצ.־דעמאָקראַט", מאָסקווע, פאַרלאַג „קראַסנאַיאַ נאָוו", 1924, ז׳ 177—179 (פאַראַן אויך אויף יידיש, פאַרלאַג „וואָסטאָק". — איב.).

קאַפּיטל פיר

סוף פון די ניינציקער יאָרן. — מאַסן־שטרייק־באַוועגונגען. — דער איבער־גאַנג פון פּראָפּאַגאַנדע צו דער אַגיטאַציע. — „די אָפּאָזיציע". — דער ערשטער מאַי. — שטרייק־קאַסעס. — דאָס פאַרבייטן די רוסישע שפּראַך אויף דער יידישער. — דער וווקס פון דער יידישער ליטעראַטור. — „די זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן". — די ליטעראַטור־אַגיטאַציע. — דאָס ערשיינען פון דער „אַרבעטער שטימע". —

אין אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן האָט זיך אין יידישן „תחום המושב" אויפן עקאָנאָמישן באָדן אָנגעהויבן אַ גרויסע אַרבעטער־מאַסן־באַוועגונג. אין די יאָרן 1892—1893 הייבן די יידישע אַרבעטער פון ווילנע, מינסק, וואַרשע, סמאָרגאָן, האָמעל און פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך אָן צו פירן מיט די באַלעבאַטים אַ קאַמף פאַר פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע. דער קאַמף ווערט געפירט אונטערן לאָזונג, די באַלעבאַטים זאָלן אָפּהיטן דאָס געזעץ וועגן 10־שעהדיקן אַרבעטסטאָג. דאָס דאָזיקע געזעץ, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די צייטן פון יעקאַטערינע דער צווייטער, איז נאָכדעם אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן און קיינער האָט דאָס ניט אָפּגעהיט. איצט האָט אים עמעצער אַרויסדאָביוועט און ער דינט אַלס לאָזונג צו רעוואָלוציאָניזירן די מאַסן.

די מאַסן זיינען שנעל אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג. עס האָט זיך, לויט ב. מ. פרומקינס — דער היסטאָריקער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — טרעפלעכן אויסדרוק, אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון „שטרייקיזם". די שטרייקן זיינען געווען שטאַרק פּאָפּולער. די שטרייקנדיקע זיינען מאַסנווייז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט, אַראָפּגענומען די אַרבעטער, און אומעטום אָפּגעשטעלט די אַרבעט. די באַלעבאַטים האָבן געפּרוּווט פּראָטעסטירן, און האָבן אַפילו געפּרוּווט זיך ווענדן צו דער פּאָליציי נאָך הילף, נאָר די לעצטע האָט זיך אָפּגעזאָגט אינטערווענירן. זי האָט פאַרנומען אַ נייטראַלע פּאָזיציע און האָט דאָס דערקלערט דערמיט, אַז דער קאַמף איז ניט קיין פּאָליטישער, נאָר אַ ריין עקאָנאָמישער, וואָס איז אַן אינערלעכער יידישער ענין. די באַלעבאַטים

זיינען איבערראַשט געוואָרן און אָנגעהויבן נאָכצוגעבן. אין אַ קורצער צייט האָט זיך אַדאַנק דעם די אַרבעטער איינגעגעבן אויסצוקעמפן געווויסע הנחות מצד די באַלעבאַטים. די שטרייקן פלעגן אָפטמאָל אויסברעכן צוליב נישטיקע פאַלן. אין די פאַלן, ווען די באַלעבאַטים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, זיינען די שטרייקן געווען פאַרעקשנטע און קיינער פון די צדדים האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. די שטרייקנדיקע האָבן געהונגערט, נאָר זיי האָבן זיך געהאַלטן פעסט. אַזוי, למשל, האָבן אין יאָר 1892 די ווילנער שניידער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די פּאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט, און דאָס, וואָס דער שטרייק איז פאָרגעקומען אין ניט סעזאָן־צייט, ווען עס איז דאָ ווייניק אַרבעט, זיך פאַרט געהאַלטן אין משך פון זיבן וואָכן.

אָפטמאָל איז בעת די שטרייקן אָנגעווענדט געוואָרן עקאָנאָמישער טעראָר: מען האָט געשלאָגן די באַלעבאַטים און די שטרייקברעכער, אָפּגעגאָסן דאָס טייג מיט נאַפט, אויסגעזעצט די שויבן וכדומה. די אָרגאַניזאַציעס האָבן געדאַרפט אָנווענדן געגנוג כוחות, כדי אָפּצוהאַלטן די אַרבעטער פון אַזעלכע מעשים.

אָפטמאָל פלעגן די רבנים זיך אַריינמישן אין די שטרייקן. די באַלעבאַטים פלעגן זיך ווענדן צו זיי, אַז זיי זאָלן ווירקן אויף די אַרבעטער.

אין דער שטרייק־באַוועגונג איז אַריינגעצויגן געוואָרן די גאַנצע מאַסע. די פאָדערונגען זיינען געווען עלעמענטאַרע און פאַרשטענדלעכע פאַר אַלעמען; דעריבער האָבן האַנט ביי האַנט מיט די באַוווסטזיניקע אַרבעטער־סאָציאַליסטן אויך געקעמפט די רעליגיעזע אַרבעטער.

די באַוועגונג האָט געטראָגן אַ סטיכישן כאַראַקטער און זיך איינגיכן, ווי מיר האָבן שוין דאָס געזאָגט, צעגאָסן, ווי אַ ברייטע כוואַליע איבערן גאַנצן „תחום המושב”. קיין גענויע סטאַטיסטיק פון די שטרייקן פון דעם פעריאָד איז ניט פאַראַן. און מען האָט עס בשום אופן ניט געקאָנט טאָן, מחמת עס איז פשוט אוממעגלעך געווען אויסצורעכענען די גוואַלטיקע צאָל פון די שטרייקן, וואָס פלעגן אויסברעכן אַלע מאָל אין אַן אַנדער וואַרשטאַט. מ'קאָן בלויז קאָנסטאַטירן, אַז עס איז ניט געווען קיין איין בראַנזשע, וועלכע די שטרייקן האָבן אויסגעמיטן. פאַרויס זיינען געגאַנגען די שוסטער, סטאָלאַרעס, שניידערס, נאָכדעם די בערשטער, שטעפּער, שלאָסער, פּאַפּיראָסן־מאַכער, זאָקנמאַכערקעס, הענטשקע־אַרבעטערינס. לויט דעם באַריכט פון „בונד” צו דעם אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, האָט דער „פיבער” אַרומגעכאַפּט אַלע אַרבעטער.

אַזוי האָט דאָס געדויערט בערך דריי יאָר.

אין 1895 יאָר האָט זיך די רעגירונג געכאַפּט. זי האָט ערשט איצט באַמערקט, אַז די באוועגונג ווערט אַ מאַסן־באוועגונג, באַקומט אַ געפער־לעכן כאַראַקטער, און שטעלט מיט זיך פאָר אַ געפאַר פאַר די איינגע־שטעלטע „יסודות".

די רעגירונג גיט זיך איצט אַ וואָרף מיט שווערע רעפּרעסיעס אויף די אַרבעטער. די שטרייקער הייבט מען אָן אַרעסטירן, האַלטן לאַנג אין טורמע, און אין איניקע פאַלן ציט מען זיי צו צו געריכטלעכער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, אָבער מערסטנטיילס שיקט מען זיי אַדמיניסטראַטיוו אַרויס קיין סיביר. די דאָזיקע רעפּרעסיעס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין רעוואָלוציאָניזירן די אַרבעטער; זיי האָבן איצט פאַרשטאַנען, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף איז ענג פאַרבונדן מיט דעם פּאָליטישן קאַמף און מען קאָן איינעם פון אַנדערן ניט אָפּטיילן.

און דאָך האָבן די שטרייקן ניט אויפגעהערט. הגם זיי זיינען שוין איצט געווען אומלעגאַל, האָט מען זיי געפירט ווייטער, ניט געקוקט דערויף, וואָס די שטרייקער האָט געדראָט טורמע און פאַרשיקונג. פאַר דעם דאָזיקן פּעריאָד איז דער גרעסטער שטרייק פאָרגעקומען אין 1895 יאָר אין ביאַליסטאָק. 26000 וועבער (צווישן זיי בערך 3000 יידן) האָבן פאַרשטרייקט צוליב דעם, וואָס מען האָט איינגעפירט פאַבריק־ביכלעך, וועלכע די אַרבעטער האָבן געהאַלטן פאַר אַ נייער גזירה מצד זייערע עקס־פּלואַטאַטאָרן. דער שטרייק איז פאַרשפּילט געוואָרן. אין דעם זעלבן יאָר איז אין ווילנע אויסגעבראָכן אַ שטרייק פון 220 אַרבעטערינס אין עדל־שטיינס פּאַפּיראָסן־פאַבריק. דער שטרייק איז אויסגעבראָכן צוליב דעם, וואָס דער פאַבריקאַנט האָט געוואָלט פאַרבייטן די מענער־אַרבעטער אויף פרויען, כּדי דער אַרבעטסלוין זאָל זיין אַ קלענערער. ניט געקוקט אויף דער אינטערווענץ פון דעם רב, וועלכער האָט אין שול געהאַלטן אַ פייער־דיקע דרשה, פון דעם פאַבריק־אינספּעקטאָר און דער מאַכט, וועלכע האָט אַרעסטירט איניקע שטרייקער, איז דער שטרייק געוווּנען געוואָרן. אין יענער צייט האָט מיט דעם דאָזיקן שטרייק שטאַרק גערעשט.

* * *

אין דער עפּאָכע פון די עקאָנאָמישע שטרייקן האָבן אַ וויכטיקע ראָלע געשפּילט די „קאַמפּס־קאַסעס", אָדער די שטרייק־קאַסעס. זיי שטאַמען נאָך פון יענע „חברות", וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע היסטאָרישע פאַר־גאַנגענהייט אין לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד. מיטגלידער פון אָט די חברות זיינען געווען סיי די באַלעבאַטים סיי די אַרבעטער, דאָס זיינען

געווען אזא מין מיטלאַלטערלעכע „שול-חברות". מיט דער צייט האָבן זיי זיך אָבער פאַרוואַנדלט אין קאַסעס, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט נאָר אַרבעטער. די ערשטע קאַסע איז אַנטשטאַנען אין 1888 יאָר ביי די ווילנער זאָקנמאַכערקעס. נאָכדעם זיינען אַזעלכע קאַסעס געגרינדעט גע־וואָרן ביי די שניידער, שטעפּער און קאָנווערטן-מאַכערס [1]. עס האָבן זיך אויפגעהיט אייניקע טסאַטוטן פון אָט די קאַסעס. זייענדיק לכתּחילה קאַ־סעס פון קעגנזייטיקער הילף, האָבן זיי זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין קאַמף-אָרגאַניזאַציעס. די אויפגאַבן פון די „קאַסעס" זיינען געווען פאַרשטענדלעך און נאָענט די אַרבעטער און זיי זיינען גערן אַריינגעטראָטן אין זיי. אין די קאַמפּס-קאַסעס האָט מען צוגענומען אַלע אַרבעטער פון דעם פאַך. די אינטעליגענץ, וואָס האָט געאַרבעט אין דער יידישער אַר־בעטער-באַוועגונג, האָט זיך באַמיט אַריינצודרינגען אין די „קאַסעס", כּדי צו וועראַבירן דאָרטן מיטגלידער פאַר די קרייזלעך, ווי אויך אַריינצוֹ־ברענגען אָרדענונג אין דעם שטרייק-קאַמף, צוגעבן אים אַ פּלאַנמעסיקן כאַראַקטער.

* *
*

פאַר דעם פּעריאָד פון די יאָרן 1893—1897 האָט די שטרייק־כוואַליע אַרומגעכאַפּט ווילנע, האָמעל, וואַרשע, מינסק, סמאָרגאָן, אָשמענע, ווילקאָווישקי, קרעסלאַווקע, וויסטינעץ, בריסק, ביאַליסטאָק, קאָוונע, לאָדזש, גראָדנע, דווינסק, שאַוועל, וויטעבסק, סלאָנים, קרינקי, פּאָנע־וועזש, ווירבאַלן, קאַלוואַריע.

אין דעם דאָזיקן פּעריאָד איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די יידן געוואָרן אַ מאַרקסיסטישע, דער איינפלוס פון די פּאָלקספרייהייט־לער איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן.

דער אומדערוואַרטער סטיכישער וווּקס פון דער אַרבעטער-באַוועגונג האָט געטראָפן די אָנפירער ניט צוגעגרייט. דאָס איז פאַר זיי געווען אומדערוואַרט, ווייל דאָס אַלץ האָט ניט געשטימט מיט זייער וועלט־אָנשויונג, מיט זייערע פּלענער, אויסרעכענונגען און אידעאָלאָגיע. מען האָט געמוזט אויף גיך רעווידירן די אַלטע טעאָריע. ווי אַזוי האָבן זיי געקוקט אויף די אויפגאַבן פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס האָבן גע־אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער? זיי האָבן קולטיווירט באַזונדערע אַנטוויקלטע פּערזאָנען פון דער אַרבעטערשאַפט, צוציענדיק זיי אין די

1 „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג", העפט I, ז' 30.

קרייזלעך. איצט, אין דעם נייעם פעריאָד, גייען זיי אין די מאַסן און האַלטן אונטער צווישן די אַרבעטער דעם קאַמף און רעוואָלוציאָנערן גייסט, איצט באַמיען זיי זיך צו נעמען דעם שטרייק־קאַמף אין זייערע הענט, אָרגאַניזירן די אַרבעטער, אַרבעטן אויס די פאָדערונגען, קלייבן אויס די צייט, וואָס איז באַקוועם פאַר דעם שטרייק, פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים, מיט איין וואָרט, זיי רעגולירן די באַוועגונג פון יענער עפּאָכע. געוויינלעך האָט זיך דאָס זיי ניט אומעטום און ניט שטענדיק איינגעגעבן: אָפט זיינען די שטרייקן אויסגעבראָכן סטיכיש און זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון די אַרבעטער אַליין, אָן דער הילף פון דער אָרגאַניזאַציע. שטענדיק האָט אָבער די שטים פון דעם „קאָמיטעט" געהאַט אַ ווירקונג און זיין פאָרשטייער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע.

דער איבערגאַנג פון פּראָפּאַגאַנדע אין די ענגע קרייזלעך צו דער ברייטער אַגיטאַציע צווישן דער אַרבעטער־מאַסע האָט געפאָדערט אַ גרינטלעכע ענדערונג אין די אופנים פון דער אַרבעט, וואָס האָט זיך ביז איצט געפירט. דער פּלאַן פון דער רעפאָרם איז אָנגעמערקט געוואָרן דורך די אָנפירער פון דער ווילנער באַוועגונג אין פאָלגנדיקער פאָרם:

„ערשטנס מוז מען גרינטלעך רעאָרגאַניזירן די פאַך־קאַסעס און זיי פאַרוואַנדלען אין קאַמפס־געזעלשאַפטן, אויסוואָרצלענדיק פון זיי די לעצטע איבערבלייבסן פון די פרידלעכע קאַסעס פון קעגנזייטיקער הילף; צווייטנס, מוז איינגעשטעלט ווערן אַ דירעקטע פאַרבינדונג פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צענטער מיט אַט די קאַסעס, דורך באַשטענדיקע פאַרזאַמלונגען פון די אָנגעזעענע טוער פון יעדער קאַסע באַזונדער מיט די פאָרשטייער פון דעם צענטער (פאַרזאַמלונג פון אַגיטאַטאָרן); דריטנס, דאַרף מען צופּאַסן די קרייזלעך צו דער אויפגאַבע אויסצואַרבעטן אַרבעטער־אָנפירער פון אַ מאַסן־באַוועגונג; דעריבער דאַרף מען אין די קרייזלעך נאָר אָננעמען אַקטיווע אַרבעטער, וועלכע זיינען פעיִק און ווילן זיך פאַרנעמען מיט אַגיטאַציע; די אַרבעט אין די קרייזלעך דאַרף זיך באַפרייען פון אַקאַדעמישן און שול־כאַראַקטער און דערנעענטערן זיך צום לעבן; פערטנס, דאַרף די אַרבעט אין די קרייזלעך געפירט ווערן גרעסטנטיילס אויף זשאַרגאָן, כדי מען זאָל קענען צוציען צו זיי אַלע פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען פעיִק צו פירן אַן אַגיטאַציע־אַרבעט.

פאַר דער גרויסער צאָל מיטגלידער פון די קרייזלעך, וועלכע האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין פעיִקייטן צו אַגיטאַציע־אַרבעט און זיינען דעריבער געבליבן אין דרויסן, האָט מען געהאַט בדעה איינצואָרדענען פלי־פאַר־

זאמלונגען, אויף וועלכע מען האָט געדאַרפט האַלטן רעדעס, פירן שמועסן און לעקציעס אויף פּראָגראַם־טעמעס און וועגן אַקטועלע פראַגן..."[1].

דער איבערגאַנג פון דער פּראָפּאַגאַנדע אין די ענגע קרייזלעך צו דער אַגיטאַציע אין די ברייטע שיכטן פון דער אַרבעטער־מאַסע איז ניט אומעטום אַראָפּגעגאַנגען גלאַטיק, און ערטערווייז האָט דאָס אַרויסגע־רופן אַ שטאַרקע און איינפלוסרייכע אָפּאָזיציע. די אַרבעטער, וועלכע זיינען פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרן אין די קרייזלעך, זיינען מערסטנטייל גע־ווען קעגן דעם מען זאָל אַריינציען די מאַסן אין דעם שטרייק־קאַמף. זיי האָבן געטענהט, אַז מען מוז פריער אַנטוויקלען און אויפקלערן די פיג־בטערע מאַסן, און ערשט נאָכדעם זיי פירן צו דעם עקאָנאָמישן קאַמף; אַז די אַגיטאַציע ביי אַנדערע באַדינגונגען — איז שעדלעך און ציללאָז. אָט די דאָזיקע טענות זיינען אָפּט באַגלייט געוואָרן דורך שאַרפע און אומגע־רעכטע אָנפאַלן אויף דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אין יענער צייט גע־אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, אין דער יידישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער באַוועגונג.

מאַרטאָוו, וועלכער האָט אין יענער צייט געאַרבעט אין ווילנע, דערציילט אין זיינע „זכרונות" וועגן דער ווילנער „אָפּאָזיציע" אָט וואָס:

„...ווי נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַקענען די אַרבעטער־קרייז־לעך מיט דעם פּלאַן פון אונזער רעפאָרם, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן מצד דער באַדייטנדיקער מערהייט פון די מיטגלידער אויף אַ שטאַרקן ווידער־שטאַנד. דער געדאַנק, אַז פון היינט אָן וועלן זיך אין די קרייזלעך גרופּירן נאָר אַגיטאַטאָרן, און אַז די אַרבעט אין די קרייזלעך וועט האָבן די אויפ־גאַבע אָנצופירן מיט דער מאַסן־באַוועגונג, איז פאַר דער גרעסטער טייל פון דער אַרבעטער־יוגנט געווען ניט אָננעמבאַר. עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז פאַר זיי זיינען די קרייזלעך אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ מין זעלבסטצוועק, אַ מיטל אויסצובילדן זיך און פערזענלעך אַרויס פון דער פינסטערניש, אין וועלכער עס האָבן געלעבט די אַרבעטער־מאַסן, און פון דעם שטאַנדפּונקט האָבן זיי געקוקט אויף אונזער גאַנצער אַרבעט. אין פאַרלויף פון די דעבאַטן, וואָס האָבן זיך געפירט אויף אַ גאַנצער ריי פאַר־זאַמלונגען, איז פאַר אונז געווען זייער אומאָנגענעם צו זען דעם גרויסן תהום, וואָס האָט זיך געפונען צווישן אונזערע שטימונגען און די שטימונ־גען פון די אַרבעטער פון די קרייזלעך. מיר האָבן אויף זיי געקוקט ווי אויף מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט ברענגען אין באַוועגונג דעם גאַנצן

---

1 מאַרטאָוו, „זכרונות פון אַ סאָצ.־דעמ.", ז' 229.

קלאס, ווי אויף א געצייג אין די הענט פון דער רעוואלוציאנערער ארגאניזאציע; זיי ווידער האבן געקוקט אויף זיך, ווי אויף פערזאנען, וואס האבן זיך דערהויבן פון דער אפגעשטאנענער מאסע, און וואס שאפן א נייע קולטורעלע סביבה. נאר דאס איז נאך געווען א האלבער אומגליק. דאס אומגליק איז באשטאנען אין דעם, וואס זיי האבן פון דעם דאזיקן שטאנדפונקט ראציאנאליסטיש פשוט זיך פארגעשטעלט דעם פראצעס פון דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון זייער גאנצן קלאס; זיי האבן געהאלטן, אז מען דארף פארשפרייטן צווישן זיי די ידיעות און די נייע מאראלע באגריפן, וועלכע זיי אליין האבן דערגרייכט בשעתן לייענען און אויף די לעקציעס אין די קרייזלעך. מיט פארוואנדערונג איז אונז נאך די דעבאטן מיט זיי אויסגעקומען צו קאנסטאטירן, אז דער גאנצער מעטאד פון זייער סאציאלן געדאנקענגאנג איז אן אידעאליסטישער, און אז זייער סאציאליזם טראגט נאך אן אבסטראקטן אוטאפישן כאראקטער, און אז דער געדאנק, אז דורך דעם קלאסן־קאמף וועט מען איבעראנדערשן די ניט־קולטורעלע סביבה, אז זייער סאציאלע אויפוואכונג האט זיך גענומען אדאנק דעם פראטעסט קעגן אט דער אפגעשטאנענקייט, איז זיי נאך לחלוטין געווען פרעמד. דערהויפט האבן זיך „געבונטעוועט" די ארבעטערינס, וועלכע זיינען ווייניקער פאר די מענער געווען פארכאפט דורך דער פראפעסיאנעלער שטרייק־באוועגונג, וואס איר פראקטיק האט ווי ניט איז אריינגעטראגן געוויסע קארעקטיוון אין דער קרייזל־פסיכאלאגיע — פאר אט די אלע ארעמע מאדיסטקעס, זאקנמאכערקעס, פודעלעמאכערקעס און וועשנייטארינס האבן אונזערע קרייזלעך אויפגעעפנט א נייע וועלט פון גייסטיקע איבערלעבענישן, אריינפירנדיק זיי אין דעם קרייז פון אינטעליגענטער קולטור. זיי פלעגן שטארק לייענען די ביאגראפיעס פון די פאלקספרייהייטלער, פיסארעווס און דאבראלובאווס ארטיקלען, פאמיאלאווסקיס, אמולעווסקיס און שעלער־מיכאילאווס ראמאנען און אט דער דאזיקער מאטעריאל האט פיל מער, איידער דיקשטיינס „פון וואס איינער לעבט", אדער אקסלראד און פלעכאנאווס א בראשור, פארמירט זייער גאנצן גייסטיקן כאראקטער. די זעלבסטבילדונג אין דעם פיינסטן זין פון דעם ווארט איז פאר זיי געווען דער אלף און דער תיו פון דער סאציאליסטישער באוועגונג, און דער געדאנק וועגן דעם, אז אנשטאט דער אומאויפהערלעכער ארבעט איבער זיי, כדי זיי זאלן ווערן „קריטיש דענקענדיקע פערזענלעכקייטן", וועט מען גאר דארפן צוקלייבן אגיטאטארישע טאלאנטן און זיי געבן דעם מינימום וויסן, וואס איז נייטיק פאר דער דערפאלגרייכער ווירקונג אויף די מאסן, האבן זיי בשום אופן ניט געקענט פארטראגן.

די פיינטלעכע שטימונגען בנוגע אַט דער רעפאָרם האָבן זיך איינגיכן אָנגעהויבן אויסדריקן אין אַנאָנימע שריפטלעכע פּאַמפלעטן, וועלכע מען האָט אונטערן נאָמען „בריוו צו די אינטעליגענטן" גענומען פאַרשפרייטן צווישן די אַרבעטער. די פּאַמפלעטן זיינען שטאַרק געלייענט געוואָרן און האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג. דער אווטאָר פון אַט די פּאַמפלעטן, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן בלי־ספקדיקע פּאָלעמישע פעיקייטן און אַן אייגנאַרטיקע ערודיציע פון אַן איינגעגלויבטן אויטאָדידאַקט, איז אָנגעפאַלן אויף אונזער רעפאָרמאַטאָרישער פּראָגראַם, קריטיקירנדיק ניט בלויז די מעטאָדן אירע, נאָר אויך די צילן גופא. אַלס גרונטשטיין פון דער קריטיק איז גענומען געוואָרן לאַווראָווס הנחה, אַז דער פּראָגרעס באַשטייט אין דעם אויסאַרבעטן קריטיש־דענקענדע פּערזענלעכקייטן און אין וווקס פון זייער צאָל (די פּאַמפלעטן זיינען געווען איבערפולט מיט ציטאַטן פון די „היסטאָרישע בריוו"). צופּאַסנדיק אַט די מאַקסימע צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָנערקענט דער אווטאָר פון די „בריוו" די קרייזל־פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער איינציקסטער ראַציאָנעלסטער פאָרם, דורך וועלכער די סאָציאַליסטן דאַרפן ווירקן אויף דעם פּראָלעטאַריאַט. דער עיקר אָבער פון די דאָזיקע בריוו איז ניט באַשטאַנען פון אַט די אָרעמע געדאַנקען. זיי האָבן פּשוט געווימלט מיט פייערדיקע באַשולדיקונגען און רעוועלאַציעס פון אונזערע אייגענע שטרעבונגען. דער אווטאָר האָט אונז געמאָלט אַלס פאָרשטייער פון אַ בורזשואַזער שיכט, וועלכע איז פרעמד דעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע האָבן פּאַרטראַכט אויסצונוצן די אַרבעטער צוליב אונזערע אייגענע צילן, זיי פאַרוואַנדלען אין קאַנאָנען־פלייש פון דער רעוואָלוציע, דערפאַר ווילן מיר זיי האַלטן אין אומבאַוווּסטזיניקייט, כדי אויף אַזאַ אופן צו פאַרפעסטיקן אונזער פּאָליטישע הערשאַפט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַט די אַלע טענדענצן אונזערע האָט מען קעגנגעשטעלט די פּאָלקיסטישע אידעע וועגן די פליכטן פון דער אינטעליגענץ, וועלכע שטאַמט פון דער בורזשואַזיע, אומצוקערן אָן שום טענות דעם פאָלק זייער חוב, איבערגעבן די אַלע קענטענישן, וואָס זיי פאַרמאָגן, און מען האָט אונז פאָרגעלייגט מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון די פּרעטענזיעס אָנצופירן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג און קוקן אויף זיך, ווי אויף אַ דינסט־אַפּאַראַט, וועלכער דאַרף זיך געפינען אין רשות פון די אַרבעטער, וועלכע רייסן זיך אַרויס פון דער פינסטערניש. דאָס אַלץ איז, חזר איך איבער, געווען אָנגעשריבן זייער שניידיק, מיט פּאַטאָס און מיט דעמאַגאָגישע אויסרופן אַראָפּצוואַרפן דעם יאָך פון דער אינטעליגענץ, וואָס איז אויסן נאָר איר טובה. אונז איז ניט שווער געווען אויפצודעקן דעם אווטאָר פון אַט די שריפטן. דאָס איז געווען דער

שניצער אברהם גארדאן, וועלכער איז אמאל געווען אין די קרייזלעך פון דעם איבערגאנגס־פעריאד, בשעת די פאלקספרייהייטלער מיט די סאציאל־דעמאקראטן האבן נאך געארבעט צוזאמען אין ווילנע. אין אונזער ארבעט האט ער זיך ניט באטייליקט. א באלעזענער און א פעיקער, האט ער געמאכט אן איינדרוק פון א בייזן און פארביטערטן מענטשן; זיין וועלט־אנשויונג, א פארפלאנטערטע און א פארנעפלטע, האט זיך צונויפ־געשטעלט פון ברעקלעך פון פאלקיזם און וויסנשאפטלעכן סאציאליזם.

פון די פאמפלעטן איז א. גארדאן איבערגעגאנגען צו ארויסטרע־טונגען אויף פארזאמלונגען, וועלכע ער פלעגט צונויפרופן, און אויף וועלכע מיר פלעגן נאכדעם אויך אריינדרינגען. די דעבאטן אויף אט די פארזאמלונגען האבן אינגיכן אנגענומען א פארביטערטן כאראקטער, אין א געוויסער מאס אדאנק דער גאליקייט און דעמאגאגישן טאן פון א. גאר־דאנען אליין. ס׳רוב איז דער ערפאלג אויף אט די פארזאמלונגען געווען אויף זיין זייט: אונזערע ארבעטער, דערהויפט די ארבעטערינס, האבן מיט גרויס אינטערעס איינגעזאפט זיינע באשולדיקונגס־רעדעס. עס האט זיך אים, אגב, איינגעגעבן אפצוהאלטן איבער אונז א ניצחון אויף די אלגעמיינע פארזאמלונגען פון אייניקע פראפעסיאנעלע קאסעס, וווהין ער האט ניט געקוקט אויף דעם, וואס מיר האבן דאס ניט געוואלט, אריבער־געטראגן אונזער וויכוח״ [1].

אן אנדער אנטיילנעמער אין דער דעמאלטיקער באוועגונג, דער באוווסטער היסטאריקער פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, ב. פרומ־קין, כאראקטעריזירט גארדאנען אין די זעלבע נעגאטיווע שטריכן, ווי מארטאוו. „ער איז געווען אן אמתער מאניאק פון קרייזלעריי, א מענטש מיט א גוואלטיקער אייגנליבע, וועלכער האט ניט געקאנט שלום מאכן מיט דעם געדאנק, אז ער איז צוזאמען מיט זיינע אידעען אפגעשווענקט גע־ווארן דורך דער כוואליע פון דער נייער באוועגונג. מיט דעם פאנאטיזם פון סעקטאנטן איז ער צוזאמען מיט זיינע חברים ארויסגעטראטן קעגן דער פערזאן פון די אנפירער פון דער מאסן־באוועגונג, אזוי אויך קעגן די פרינציפן פון אט דער באוועגונג. לחלוטין אומפעיק צו באנעמען די פארשטעלונג וועגן קלאסן־קאמף, האט דער שניצער קעגן די נייע אידעען ארויסגעשטעלט די אלטע אמתן וועגן דער נייטיקייט „אויסצוארבעטן״ באוווסטזיניקע פערזענלעכקייטן. ניט לייקענענדיק אין דער נייטיקייט פון שטרייקן און פון א מאסן־באוועגונג, האט ער געפרעדיקט, אז אויף צו ארגאניזירן א שטרייק מוז מען אויך קודם־כל האבן פולקום באוווסטזיניקע

[1] ל. מארטאוו, „זכרונות פון א ס.־ד.״, ז״ז 230—233.

פערזאנען, און דעריבער דארף מען אפּווארטן מיט די שטרייקן, ביז עס וועלן זיך ניט אויסארבעטן א גענוגנדע צאל פון אזעלכע פערזאנען. עס איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז ס'איז אינגאנצן געווען אויסגעשלאסן צו דערגרייכן די געווונטשטע שטופע פון אנטוויקלונג, באנוצנדיק זיך מיט דער יידישער שפּראך. און ס'האט זיך באקומען א טעאריע פון קריזיסן אויף דער פארקערטער זייט. אין דער צייט, וואס לויט דער טעאריע פון די אנפירער פון דער נייער ריכטונג איז פון דער שטופע פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג און עקאנאמישן קאמף אפּהענגיק די שטופע פון דעם באוווסטזיין, האבן די פארשטייער פון אלטן שטאנדפּונקט געטענהט, אז פון דער שטופע פון אנטוויקלונג הענגט אפּ די מעגלעכקייט פון דעם עקאנאמישן קאמף" [1].

גארדאנס אגיטאציע האט געהאט ערפאלג. לכתחילה איז די אפּאזיציע אנטשטאנען אין ווילנע, און נאכדעם האט זי זיך אויך אריבערגעווארפן קיין גראדנע און אינגיכן האבן זיך די קרייזלעך אונטער דער ווירקונג פון דער „אפּאזיציע" אין ווילנע [2] אנגעהויבן צו צעפאלן, די ארבעטער זיינען אריבער צו דער „אפּאזיציע". מיט די אינטעליגענטן איז בלויז פארבליבן א קליין הייפל ארבעטער. עס איז ביי זיי געווען א געפאלענע שטימונג. די אגיטאציע פון דער „אפּאזיציע" האט געשפאלטן די באוועגונג. די אנהענגער פון דער „אפּאזיציע" האבן ארונטערגעריסן שטרייקן, אונטער זייער איינפלוס זיינען זיך צעפאלן די „קאמפּס-קאסעס" (למשל אין ווילנע — די קאסע פון די שניידער).

דאך האט די „אפּאזיציע" אינגיכן אנגעהויבן זיך צעפאלן: ניט האבנדיק קיין שטיצע צווישן די אינטעליגענטן, האט גארדאן ניט געקענט ארגאנזירן קיין ארבעטער-קרייזלעך. אין 1894 האט א טייל פון זיינע אנהענגער זיך אנגעשלאסן אין די פּפּ"ס, די איבעריקע האבן זיך אומגעקערט צוריק אין די פריערדיקע סאציאל-דעמאקראטישע ארגאניזאציעס [3].

---

1 ב. פרומקין, „פון דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג", „יעוור. סטארינא", 1913, ז' 259.

2 „די האפנונג", נומ' 14, ארטיקל פון פּ. פּ. „וועגן דער אפּאזיציע".

3 גארדאן האט זיך ווידער באוויזן אין די פרייהייטס-טעג פון 1905. ער האט דעמאלט ארויסגעלאזט א רוסיש בלעטל „אן עם-הארצישם לויט דער פארם און א זינלאזס לויטן אינהאלט. דאס בלעטל האט מען ניט באמערקט". („די האפנונג", נומ' 14, 1907, ארטיקל „די אפּאזיציע".)

* * *

די יידישע ארבעטער פלעגן אלע יאר פייערן דעם ערשטן מאי, דעם יום־טוב, וואס איז פראקלאמירט געווארן דורך דעם אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן קאנגרעס אין שטוטגארט אין 1889 יאר. ווי באוווסט, האבן אין רוסלאנד די ערשטע געפייערט דעם ערשטן מאי די פולישע, די צווייטע די יידישע און ענדלעך די דריטע די רוסישע ארבעטער. דאס ערשטע מאל האבן די יידישע ארבעטער געפייערט דעם ערשטן מאי אין ווילנע אין יאר 1892. עס האבן זיך באטייליקט בערך 100 מאן פון די מער באוווסטזיניקע ארבעטער. אויף דער „מאיאווקע" זיינען געהאלטן געווארן די באוווסטע „4 רעדעס פון יידישע ארבעטער".

אין די רעדעס פון די יידישע ארבעטער, וועלכע זיינען געהאלטן געווארן אויף דער פארזאמלונג פון ערשטן מאי אין ווילנע אין 1892 יאר, זעען מיר אן אויסערגעוויינלעכע שטרעבונג צום וויסן און דורשט נאך בילדונג.

„מיר האלטן, — האט געזאגט איין ארבעטער, — אז קיין גאט און קיין טייוול קאנען ניט באפרייען די אונטערדריקטע מאסן פון דעם יאך, וואס דריקט זיי צו דער ערד. בלויז די וויסנשאפט און די אייגענע ענערגיע קאנען אונז ארויספירן פון דער פינסטערניש צו דעם ליכט פון לעבן... דאס ליכט פון דער וויסנשאפט פון XIX יארהונדערט ווייזט אונז אן דעם וועג. די וויסנשאפט פירט אן מיט אונזער שיף, ווי א געניטער, פאר־שטאנדיקער און וואכזאמער קאפיטאן. ווי א ליבנדע מוטער, וועט אונז די וויסנשאפט אריבערטראגן דורך דעם ים־אוקינוס פון טרערן און ליידן אין דעם לאנד פון לעבן. גליקלעך איז דער, ווער עס פאלט ביי זיך ניט אראפ, וועמעס הארץ עס ציטערט ניט אפילו ביים דונערן פון הארמאטן, ביים בליצן פון פיינטלעכע באיאנעטן און אפילו דעמאלט, ווען דער שטורעם דראט צוצורייסן די זעגלען פון דער אומגליקלעכער שיף!.."

אין די רעדעס פון די יידישע ארבעטער זעט זיך דער ברענענדיקער האס צו דער זעלבסטהערשנדיקער ארדענונג, און די גרייטקייט אומצו־קומען אין קאמף מיט איר.

„א באוווסטזיניקער ארבעטער, — האט דער זעלבער רעדנער גע־זאגט, — טרעט שטענדיק ארויס אפן און פריי און זאגט דעם אמת, ניט שרעקנדיק זיך פאר טורמע, פאר פעסטונג, פאר סיביר, פאר די קוילן־גראבנס, ניט פאר אנגעלאדענע ביקסן, און אפילו פארן טויט אויך ניט. האבן מיר נאר אנגעטאן דעם פאנצער פון מענטשלעכקייט, באוואפנט מיט געוויסן — קאנען זיי דונערן פון זייערע הארמאטן, באשיטן אונז

מיט א האָגל קוילן: מיר וועלן אַלץ שטיין ווי א פעסטע וואנט, און וועלכער עס וועלן פלאצן די קוילן, עס וועלן זיך צעברעכן די שפּיזן און די גהינום־משרתים וועלן ענדלעך מיד ווערן אונז צו שמידן אין קייטן און אונז צו טיראַניזירן" [1].

אין די יאָרן 1893—1894 קומען דאָרטן ווידער פאַר פייערונגען פון דעם ערשטן מאַי. אין יאָר 1895 ווערט ער געפייערט אין ווילנע, מינסק, ווארשע און אין סמאָרגאָן. געלונגענער ווי אומעטום איז דער יום־טוב דורכגעגאנגען אין ווילנע. פון 500 מאַן, וועלכע זיינען געווען אָרגאַניזירט אין די אַרבעטער־קאַסעס, האָט מען איינגעלאַדן 250 מאַן. די פייערונג איז פאָרגעקומען אין צוויי פונקטן צו 125 מאַן אין יעדערן. אויף די רויטע פאָנעס, אונטער וועלכע די יידישע אַרבעטער האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף ביידע פונקטן, זיינען געווען יידישע אויפשריפטן: פון איין זייט „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך", און פון דער אַנדערער „מיר קעמפן פאַר א 10־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, פאַר הע־כערן דעם לוין און פאַר אַ בעסערער באַהאַנדלונג". עס זיינען געהאַלטן געוואָרן דריי רעדעס: 1) באַריכט פון דער טעטיקייט פאַר דעם פאַר־גאַנגענעם יאָר, 2) וועגן דער באַדייטונג פון אַרבעטער־יום־טוב דעם 1טן מאַי און 3) א פּאָליטישע רעדע. פון די אויפשריפטן אויף די פאָ־נעס זעט מען, אַז די אָנפירער האָבן זיך ניט באַשלאָסן אַרויסצושטעלן פּאָליטישע פאָדערונגען. „נאָר זייער מורא איז אינגאַנצן געווען אַ ניט באַגרינדעטע. די פּאָליטישע רעדע איז אויפגענומען געוואָרן מיט התפּעלות" [2]

דעם אַנדערן טאָג האָט מאַרטאָוו אויף דער פאַרזאַמלונג פון די אַגיטאַטאָרן געהאַלטן א רעדע, וועלכע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטווענ־דיקייט צו שאַפן א באַזונדערע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָר־גאַניזאַציע.

אין 1896 יאָר ווערט דער ערשטער מאַי געפייערט אין די אַלע שטעט, וווּ עס איז נאָר פאַראַן אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג [3]. די אָר־

1 „דער ערשטער מאַי 1892, 4 רעדעס פון יידישע אַרבעטער", זשענעווע 1893, ז' 11. זע ס. וואלק, „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דעם ערשטן מאַי", „קראַסנאַיאַ לעטאָפּיס" נומ' 4.

2 „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", העפט I, פעטערבורג, 1906, ז"ז 45—46.

3 דאָרט, ז' 55.

טיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַרויסגעלאָזן אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע צום ערשטן מאַי (ביאַליסטאָק) און אַ בראָשור (וואַרשע). אין מינסק האָבן זיך אין דער פייערונג באַטייליקט 300 פון די 1000 אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אין ווילנע — 540 מאַן, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דריי פונקטן. צווישן די לאָזונגען זיינען שוין אויך פאַראַן פּאָליטישע. די פּאָליטישע רעדעס האָט מען אויסגעהערט מיט באַגייסטערונג.

אין 1897 יאָר האָבן זיך צו דעם ערשטן מאַי שטאַרק געגרייט ביידע צדדים — די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע פון איין זייט, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן — פון דער אַנדערער. אין וואַרשע, אין ווילנע און אין ביאַליסטאָק זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן פּראָקלאַמאַציעס צום ערשטן מאַי. אין דעם טאָג זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען אין וואַרשע (העכער 200 מאַן), אין ביאַליסטאָק, אין מינסק (300), אין קאָוונע און אין פיל אַנדערע שטעט. אין ווילנע זיינען אויף די גאַסן געווען פאַרזאַמלט זייער פיל מיליטער און זשאַנדאַרמען; מען איז געווען געצוווּנגען צו פייערן דעם טאָג אין קליינע קרייזלעך. אין ווילנע און אין קיעוו האָט די מאַכט געדראָט מיט פּאָגראָמען. אין וואַרשע האָט די ליטווישע און יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (וועלכע האָבן בכלל די גאַנצע צייט געאַרבעט צוזאַמען) אַרויסגעלאָזן אַן אַנטיפּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציע אויף יידיש און אויף פּויליש. אויף דער מאַי־פייערונג פון די ליטווישע אַרבעטער האָט זיך באַטייליקט אַ דעלעגאַציע פון די יידישע אַרבעטער; מען האָט זי זייער וואַרעם אויפגענומען [1].

* * *

נאָכדעם, ווי מען איז איבערגעגאַנגען פון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע, ווערט די רוסישע שפּראַך פאַרביטן אויף דער יידישער. די סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געאַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, האָבן געפירט די פּראָפּאַגאַנדע אויסשליסלעך אויף רוסיש, די האַלב אַסימילירטע יידישע אינטעליגענטן האָבן דאָס ערשטע זיך גענומען אויסלערנען דעם יידישן אַרבעטער די רוסישע שפּראַך, גרייטנדיק אים פאַר אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, וועלכן עס וועט אפשר אויסקומען צו אַרבעטן אויסער דעם יידישן „תחום", ווו די באַפעלקערונג איז געווען דורכאויס אַ רוסישע. איצט אָבער, אין פּעריאָד פון אַגיטאַציע און פון מאַסן־באַוועגונג, קומען זיי צום געדאַנק, אַז גיין אין די מאַסן, פירן צווישן זיי אַן אַגיטאַציע קאָן

1 „מאַטער. צו דער געש. פון דער ייד. אַרב.־באַוו.", העפט I, ז' 60.

מען נאָר אויף יידיש, אויף דער איינציקער שפּראַך, וועלכע זיי פאַר־שטייען. די אינטעליגענץ אַליין נעמט זיך לערנען.

די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געפירט ניט נאָר אַ ברייטע מינדלעכע אַגיטאַציע, נאָר אויך אַ געדרוקטע — בלעטלעך, פּראָקלאַ־מאַציעס אאַז״וו — וועלכע זיי האָבן געדרוקט אויף אַ מימיאָגראַף אָדער אויף אַ העקטאָגראַף. ווענדנדיק זיך צו די אַרבעטער אויף אַ שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען, ווענן פראַגן פון אַלטעגלעכן לעבן, האָבן די פּראָק־לאַמאַציעס זיי גערופן צום קאַמף, זיי געלערנט, ווי אַזוי מען דאַרף קעמפן, געוועקט אין זיי דעם אינטערעס צו דעם, ווי אַזוי עס לעבן די אַרבע־טער אין די אַנדערע לענדער. די ווירקונג פון אַט דער ליטעראַטור איז געווען אַ באַדייטנדיקע.

אינגיכן האָט אָבער די פּראָקלאַמאַציע־ליטעראַטור שוין ניט געקאָנט באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די יידישע אַרבעטער. עס האָט זיך אָנגע־הויבן שפירן די באַדערפעניש אין אַן ערנסטן ביכל, און פאַר די סאָצי־אַליסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווי אַזוי דאָס צו באַפרידיקן. קיין פאַסנדיקע ליטעראַטור אויף יידיש איז דעמאָלט ניט געווען. דער יידישער ביכער־מאַרק איז געווען פאַרפולט מיט שונד־ און בולוואַר־ליטעראַטור פון שמרס שניט. און אָט ווערט אין יאָר 1895 אין ווילנע געשאַפן דער „זשאַרגאָ־נישער קאָמיטעט״. זיין ציל איז געווען אַרויסצוגעבן און צו פאַרשפּרייטן צווישן די אַרבעטער קינסטלערישע און פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכער אויף יידיש און אָרגאַניזירן יידישע ביבליאָטעקן אויף דער פּראָווינץ. דער „זשאַרגאָנישער קאָמיטעט״ האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין מינסק, אין ביאַליסטאָק און אין אייניקע אַנדערע שטעט. בראָש פון דעם קאָמי־טעט זיינען געשטאַנען: פּ. ראָזענטאַל (אַנמאַן), אַנאַ געלער (ראָזענטאַל), צילע קלים (גאָזשאַנסקאַ), צמח קאָפּעלזאָן („טימאָפיי״), באָרים לעווענ־סאָן, זיין שוועסטער בערטע (סטאָן). זיי זיינען געווען פאַרבונדן מיט די אָנפירער אין ווילנע אַלעקסאַנדער קרעמער („אַרקאַדי״), י. אייזענשטאַט („יודין״ און ליובע לעווענסאָן (אייזענשטאַט). מיט דער פאַרלעגערישער טעטיקייט פון די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן״ האָט אָנגעפירט פּ. ראָזענטאַל, מיט דער פאַרשפּרייטונג א. ראָזענבערג און צילע קלים. צוזאַמען מיט זיי האָבן געאַרבעט: א. ליטוואַק, ראובן אַמסטערדאַם, כאַצקל אוסישקין און קראַפּיוונער. די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן״ האָבן זיך פאַרבונדן מיט די יידישע שריפטשטעלער י. ל. פּרץ און דוד פּינסקי און האָבן פאַרשפּרייט זייערע שריפטן. גרויס ערפאָלג האָבן געהאַט די „יום־טוב־בלעטלעך״, וועלכע פּרץ האָט אַרויסגעגעבן. אַ שטיקל צייט זיינען אויך פּאָפּולער גע־

ווען די אמעריקאנישע סאציאליסטישע בראשורן; דער הויפט־חסרון פון די לעצטע איז געווען דאס, וואס אין זיי זיינען געווען זייער א סך ווער־טער, וועלכע דער יידישער ארבעטער אין רוסלאנד האט ניט פארשטאנען. און דערווייל איז די פאדערונג נאך ליטעראטור אלץ מער געוואקסן. פון אומעטום האט מען געפאדערט מ'זאל שיקן ביכער, נאר די ארגאניזאציע איז ניט געווען אימשטאנד זיי צו באפרידיקן. די „זשארגאנישע קאמי־טעטן" האבן אומלעגאל אפגעדרוקט עטלעכע בראשורן מיט אן אויפ־שריפט אויף דעם שער־בלאט „דערלויבט פון דער צענזור" און אנגעוויזן דעם אדרעס פון א לעגאלער דרוקעריי. דאס איז געווען אן אלט אויסגע־פרווווט מיטל, מיט וועלכן די רעוואלוציאנערן האבן זיך שוין פון לאנג באנוצט. די טשייקאווצעס אין די 70ער יארן האבן זיך שוין באנוצט מיט דעם. די „זשארגאנישע קאמיטעטן" זיינען געווען טעטיק ביז דעם יאר 1898 [1].

* *
*

אין יאר 1896 האבן די ארבעטער, אן דעם וויסן פון די אנפירער פון דער באוועגונג, געגרינדעט די ערשטע געדרוקטע צייטונג „ארבעטער־שטימע". דער איניציאטאר פון אט דער אונטערנעמונג איז געווען דער שלאסער ישראל־מיכל קאפלינסקי („לאנגזאם"), וועלכער איז דערנאך גע־ווארן א פראוואקאטאר. ער האט ניט געהאט קיין שום פארשטעלונג וועגן דרוקעריי־טעכניק. צו דער פארטראכטער זאך האט ער צוגעצויגן זיינע נאענטע חברים מיכאלן (אן איינבינדער), דעם זעצער מ. און דעם סטא־לער גרישע סאראקא; די ליטערארישע ארבעט האט מען איבערגעגעבן דעם אינטעליגענט נעמאנסקען (זעלדאוון).

קאפלינסקי האט געהאט בדעה צו דרוקן די צייטונג אויף א בא־זונדערן געשטעל (סטאנאק), וועלכן ער אליין האט דערפונדן. דער שריפט פאר דעם זשורנאל איז געגנבעט געווארן דורך דעם זעצער מ. אין דער דרוקעריי, ווו ער האט געארבעט. די דאזיקע ערשטע אומלעגאלע יידישע דרוקעריי אין רוסלאנד איז ארגאניזירט געווארן אויף פאלגנדיקן אופן:

„די סבעמע פון אט דעם „געשטעל" איז געווען זייער פרימיטיוו; זי איז באשטאנען פון איין אייזערן רעמל מיט צוויי וואליקעס. פון דעם שריפט ווערט אויסגעזעצט אן עמוד, וועלכער ווערט אריינגעשטעלט אין דעם אייזערנעם רעמל, וועלכעס נעמט אים פעסט ארום פון אלע זייטן;

---

[1] וועגן די „זשארגאנישע קאמיטעטן" זע א. ליטוואקס ארטיקל אין „רויטן פנקס" (אויך אין זיין באנד ארטיקלען און זכרונות „וואס געווען").

מיט דעם וואליק ווערט דער זאץ באדעקט מיט דרוקפארב, און דער בויגן פאפיר, וועלכער ווערט ארויפגעלייגט אויף דעם זאץ, ווערט שטארק צו־געדריקט צו דעם זאץ מיט דער הילף פון צווייטן וואליק און אויף אזא אופן באקומט זיך אן אפגעדרוקטע זייט".

נאר אינגיכן האט זיך ארויסגעוויזן, אז אט די דערפינדונג זיינע נייטיקט זיך אין א גאנצער ריי פארבעסערונגען. „די ראם איז ניט געווען גענוג פעסט און בעתן דרוק פלעגט זי זיך נאכגעבן, דער שריפט איז גע־ווען אן אלטער, א שטארק אפגענוצטער, די אותיות זיינען געווען אפגע־ריבענע, וועלכע האבן בשום אופן ניט געוואלט דינען דער רעוואלו־ציאנערער ארבעט. מען איז געקומען צום געדאנק, אוועקשטעלן דעם זאץ אויף א דיקן גלעזערנעם טאוול, און אייניקע ערטער אונטערקלעפן מיט פאפיר, כדי אפגעריבענע אותיות זאלן בעתן דרוק זיך ניט אראפפרעסן. שריפט איז געווען אזוי ווייניק, אז עס האט קוים געקלעקט אויף איין עמוד. נאר דאס סאמע אומאנגענעמסטע איז געווען דאס, וואס עס האט אויסגעפעלט דער אות „עין", וועלכער ווערט אין יידישן* זייער אפט באנוצט. און אט הייבט זיך אן אן אמת געיעג נאך אט דעם דאזיקן אות. ביי אט דער ארבעט איז גרישע אויף אזוי ווייט אוועק, אז ער האט אים אנגעהויבן ארויסצוויאגן פון די העברעישע ווערטער, און ניט געקוקט אויף דעם פראטעסט מיינעם, אויף די קארעקטור־בויגנס, האט זיך אים איינגעגעבן דורכצושמוגלען די א אנשטאט דעם ע אין דעם העברעישן ווארט „בעל־הבית" [1].

דאס ערשיינען פון דער „ארבעטער־שטימע" איז פאר די פארטיי־ארבעטער געווען אן איבערראשונג, די ארבעטער האבן זי אויפגענומען מיט גרויס פרייד און געהאט ביי זיי גרויס ערפאלג.

אויף דעם ערשטן צוזאמענפאר פון „בונד" אין 1897 יאר איז די „ארבעטער־שטימע" אנערקענט געווארן פאר דעם צענטראל־ארגאן פון דער פארטיי.

---

* דאס איז נאך געווען אין דער צייט ווען מען האט זיך באנוצט מיט דער אלטער ארטאגראפיע. באמ. פון איבערז.

1 י. נ. דאס אנטשטיין פון דער „ארבעטער־שטימע", זאמלבוך „פערעזשיטאיע" ב' I, ז"ז 269 און 272־ 273.

קאַפּיטל פינף

די ווילנער באַראַטונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך. — דער ערשטער פּרווו פון פאַראייניקונג: דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". — זיין צוזאַמענשטעל און זיינע באַשלוסן. — דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון רסדא"פּ. — דער חורבן פון „בונד" אין 1898.

אין סוף פון די ניינציקער יאָרן האָט אין די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין פאַרשיידענע שטעט, זיך אָנגעהויבן מערקן די באַדערפעניש זיך צו פאַראייניקן און בילדן איין פאַראייניקטע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע.

צום ערשטן מאָל איז דאָס אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין מאַרטאָווס רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אויף דער פאַרזאַמלונג פון 1טן מאַי 1895 יאָר אין ווילנע.

„...מיר דאַרפן דורכאויס אָנערקענען, — האָט מאַרטאָוו געזאָגט, — אַז אונזער ציל, דער ציל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס אַרבעטן אויף דער יידישער גאַס, איז מ'זאָל שאַפן אַ ספּעציעל יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאַרף זיין די אָנפירערין און דערציערין פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פאַר זיין עקאָנאָמישער, בירגערלעכער און פּאָליטישער באַפרייונג" 1.

אין דעם זעלבן יאָר איז אין ווילנע פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די פאָרשטייער פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון עטלעכע שטעט (מערסטנטיילס פון ווילנע; ס'האָבן זיך אויך באַטייליקט עטלעכע אַרבעטער־מיטגלידער פון דער אָר־טיקער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע). אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ, וועלכע האָט געדויערט 3 טעג, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַלע זיינען פולקום מסכּים, אַז עס איז נייטיק צו שאַפן אַ ספּעציעל יידישע סאָציאַל־

1 מאַרטאָוו, „דער איבערגאַנגס־פּונקט אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג", זע די „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער ייד. אַרב.־באַוו.", העפט 1, 1900.

דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, אויף צו אַנטוויקלען דעם פּאָליטישן און סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין פון די יידישע אַרבעטער. עס איז אויך גע־קומען צו אַ הסכם, אַז מען מוז באַזונדערס אונטערשטרייכן אין דער פּראָגראַם פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע די פאָדערונג וועגן בירגערלעכער גלייכבארעכטיקונג פאַר די יידן [1].

אין צוויי יאָר אַרום איז אין ווילנע פאָרגעקומען דער ערשטער צו־זאַמענפאָר פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס, וועלכער האָט געלייגט דעם גרונטשטיין .פון דעם „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע", און וועלכער האָט געשפּילט אַ גוואַלטיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער צוזאַמענפאָר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון 25טן ביזן 27טן סעפּטעמבער 1897. צונויפגעקומען איז מען זיך דריי מאָל. מ'פלעגט קומען אינדערפרי און אַוועקגיין פאַרנאַכט: דאָרט האָט מען אויך אָפּגע־געסן, כדי אַן איבעריק מאָל זיך ניט דרייען און דערמיט ניט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי. די זיצונגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף לוקישקעס אין אַ קליינער סאַלקע פון אַ האַנדלס־אָנגע־שטעלטן פון טאַבאַק־מאַגאַזין סעגאַלן. דער באַלעבאָס פון דעם צימער האָט זיך ניט באַטייליקט אין די זיצונגען [2].

לויט אַקימאָוו־מאַכנאָוועצס ווערטער [3], האָבן זיך אין דעם צוזאַ־מענפאָר באַטייליקט אַ מאַן 15, נאָר מוטניק, איינער פון די אָנטייל־נע־מער פון דעם צוזאַמענפאָר, שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז בסך־הכל זיינען געווען 11 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט די אָרגאַנען „דער יידישער אַרבעטער" און „אַרבעטער־שטימע" אין די שטעט ווילנע, מינסק, ביאַליסטאָק, קאָוונע, וואַרשע, וויטעבסק און די דרוקעריי „אַרבעטער־שטימע". צווישן אָט די עלף פּערזאָן זיינען געווען פיר אַרבעטער, צוויי אַרבעטערינס און די איבעריקע זיינען געווען אינטעליגענטן [4]. לויט

---

[1] „זשיזן" נומ' 2, לאָנדאָן (אַרטיקל פון נ. י. דער „בונד", ז' 99).

[2] א. קרעמער („די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע", נומ' 11, אַרט. „די גרינדונג פון „בונד") שרייבט, אַז דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין עטלעכע דירות, איינע האָט זיך געפונען אויף דער מיליאָנע־גאַס (לעבן דער ברייט־ער גאַס). לויט מוטניקס און אַקימאָווס ווערטער, איז דער צוזאַמענפאָר פאָרגעקומען אין איין קוואַרטיר, ביי אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטן אויף לוקישקעס.

[3] אַקימאָוו־מאַכנאָוועץ, „דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַ"פּ", „מינוווי־שיע גאָדי", נומ' 2, 1908, ז' 145.

[4] „די האָפנונג", נומ' 14, 1907.

א. קרעמערס ווערטער [1] האָבן אין דעם צוזאַמענפאָר זיך באַטייליקט פאָלגנדיקע פּערזאָנען: וולאַדימיר קאָסאָווסקי (לעווינסאָן, ווילנע), „טאַ־ראַם” (דוד קאַץ, ווילנע), א. קרעמער (ווילנע), „דזשאָן” (מיל, וואַרשע), צביה הורוויטש (וואַרשע?); אייניקע ווילן האָבן, אַז דער צווייטער דעלע־גאַט פון וואַרשע איז געווען ליאָלקאַ גאָלדמאַן, שפּעטער לעאָנטיעוו; אַקים, ער איז געווען אַ מיטגליד פון צ״ק פון דער רסדאַ״פּ, ליבערס אַ ברודער, וועלכער האָט געענדיקט די ווילנער האַנטווערקער־שול און איז אַריבער־געפאָרן קיין וואַרשע אויף פּאַרטיי־אַרבעט, ליזע, אַלטער דעם בערשטערס פרוי (קאָוונע), פּאַוועל בערמאַן (מינסק), ראָזע גרינבלאַט (ביאַליסטאָק, היינט אַבערסאָן, אַ ציוניסטקע, וווינט אין זשענעוו) און פון די בערשטער, וועלכע זיינען אין יענער צייט שוין ניט פאָרמעל געווען אָרגאַניזירט אין אַ פאַרבאַנד — אַבראַם (וואָלף אַלעקסאַנדריסקי, איצט אין אַמעריקע).

די איניציאַטיוו פון צונויפרופן דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט גע־הערט דער ווילנער גרופּע, וועלכע האָט שוין דעמאָלט געשפּילט די ראָלע פון אַ צענטער אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; פון ווילנע פלעגט מען אין פאַרשיידענע שטעט פון דעם יידישן „תחום המושב” שיקן אומ־לעגאַלע ליטעראַטור און אַגיטאַטאָרן.

די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך פון פאַרשיידענע שטעט האָבן שטענדיק געהאַט צווישן זיך אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט. בשעת עס פלעגן אויסברעכן שטרייקן, אָדער אין פאַל פון אַן אַרעסט פלעגן זיי איינע די אַנדערע העלפן מיט געלט, זיך טוישן מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור אאַז״וו. אויף אַזאַ אופן האָט אַ פאַראייניקונג צו יענער צייט פאַקטיש שוין עק־סיסטירט.

אויף דעם צוזאַמענפאָר האָט מען איינגעלאַדן בלויז די מער באַ־דייטנדע גרופּעס און נאָר די, וועלכע זיינען געווען גוט באַקאַנט די איני־ציאַטאָרן.

אויף די ערטער האָט מען פונאַנדערגעשיקט דעם סדר־היום פון דעם צוזאַמענפאָר, כדי מ׳זאָל אים קאָנען פריער אויף די ערטער באַהאַנדלען.

דער סדר־היום פון דעם צוזאַמענפאָר איז געווען פאָלגנדיקער: 1) די נויטווענדיקייט צו פאַראייניקן די יידישע אַרבעטער אין אַ ספּעציעלער אָרגאַניזאַציע, 2) דער נאָמען פון דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע, 3) די אונטערשריפטן פון די באַזונדערע אויסגאַבן אויף די ערטער, ווען עס וועט זיין אַ פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע, 4) די באַציִונג פון דער

[1] א. קרעמער, ציטירטער אַרטיקל ז׳ 53.

פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע צו די אַנדערע ניט־יידישע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס, וועלכע געפינען זיך אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד, 5) וועגן דעם כאַראַקטער און אינהאַלט פון דער יידישער ליטעראַטור, 6) דער צענטראַל־קאָמיטעט און זיינע פונקציעס. וואַלן פון אַ צ״ק.

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געעפנט מיט אַן אויספירלעכער רעדע פון דעם פאָרזיצער וועגן דער נויטווענדיקייט צו בילדן אַ פאַראייניקטע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. ער האָט אָנגעוויזן, אַז די פאַראייניקונג צווישן פאַרשיידענע שטעט עקסיסטירט שוין פאַקטיש, אַז מען דאַרף עס נאָר צוגעבן „הויט און ביינער", פאָרמולירן דאָס, וואָס עס איז שוין פאַראַן. אַזאַ פאַראייניקונג איז נייטיק צוליב פּאָליטישע טעמים, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע ריי פאַרשטאַרקטע רעפּרעסיעס, וועלכע קאָנען חרוב מאַכן די באַוועגונג, אויב זי וועט ניט זיין פאַראייניקט; כדי אויסצומיידן די געפאַר, דאַרף מען האָבן אַ קאָנספּיראַטיוון צענטער, וועלכער וועט אָנפירן מיט דער גאַנצער באַוועגונג, אַרויסשטעלן אומעטום אַלצאיינע פּאָליטישע פאָדערונגען און בפרט די פאָדערונגען וועגן דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן. ענדלעך וועט אויסקומען צו גרינדן אַ פאַראייניקטע רוסישע פּאַרטיי, און אין איר וועט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, אויב ער וועט אין איר אַריינטרעטן אַ פאַראייניקטער, קאָנען פאַרנעמען אַן אָנגעוויזענעם אָרט, ד״ה ער וועט אין איר קענען פאַרנעמען זיין אויטאָנאָמען אָרט [1].

זיין רעדע האָט ניט אַרויסגערופן קיין דעבאַטן. אַ גרויסע דיסקוסיע האָט אַרויסגערופן די פראַגע וועגן דעם נאָמען פון דער נייער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע. עס זיינען געווען עטלעכע פאָרשלאָגן. די דעבאַטן האָבן זיך דערהויפּט געפירט אַרום מילס פאָרשלאָג: 1) „פאַרבאַנד פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס אין רוסלאַנד", 2) „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד"; מען האָט אָנגענומען דעם צווייטן פאָרשלאָג.

זייער כאַראַקטעריסטיש זיינען די מאָטיוון, פאַרוואָס מילס פאָרשלאָג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. „די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע, — שרייבט די „אַרבעטער־שטימע" (נומ' 6), — איז אַ הייפעלע, וואָס אָנערקענט די פּרינציפּן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און וואָס זיינען די אָנפירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער אָדער יענער שטאָט, פון דעם אָדער יענעם ראַיאָן; אַ פאַרבאַנד פון אָט די גרופּעס וואָלט געווען אַ פאַרבאַנד פון יענע „שפּיצן", וועלכע שטייען בראש פון די וויניקע אָנפירער פון דעם אַר־

---

1 „אַרבעטער שטימע", נומ' 6.

בעטער־קלאס. פאר דער גאנצער ארבעטער־מאסע ווידער וואלט דארטן קיין צרט ניט געווען, און דאס איז ניט געווונטשן, ווייל דער בונד קען נאר דע־מאלט האבן א קראפט, ווען אין אים וועט אריין די גאנצע קעמפנדיקע מאסע, און ניט א הייפל אנפירער. דעמאלט וועט יעדער ארבעטער, וואס קעמפט פאר זיינע אלטעגלעכע אינטערעסן, וויסן און פילן, אז ער איז א מיטגליד פון אט דעם בונד. דעריבער האט דער צוזאמענפאר ניט אנגענומען דעם ערשטן פארשלאג און זיך אפגעשטעלט אויפן צווייטן נאמען, ער פאסט מער פאר דער ארגאניזאציע, וועלכע דער צוזאמענפאר האט געוואלט גרינדן. „דער אלגעמיינער יידישער ארבעטער־בונד" באטייט בוכשטעבלעך, אז דער בונד נעמט אין זיך אריין דעם גאנצן קעמפנדקן יידישן פראלעטאריאט, עפענענדיק ברייט די טירן פאר יעדן ארבעטער, וועלכער פאראייניקט זיך צום קאמף פון דעם פראלעטאריאט פאר א בעסערן לעבן. איטלעכער, וועלכער גארט נאך קאמף, וואס פילט די באדערפעניש אין אים — זאל ער אריינ־טרעטן אין בונד; ער וועט זיין א גלייכער און פולבארעכטיקטער מיטגליד פון דער ארגאניזאציע [1].

דער צוזאמענפאר האט אויף אזא אופן געפונען פאר ניט־באקוועם צו גרינדן א „פארבאנד פון יידישע סאציאל־דעמאקראטישע גרופעס", דערפאר, ווייל, ערשטנס, האט די סאציאל־דעמאקראטיע געהאט דעמאלט צווישן די יידישע ארבעטער זייער ווייניק נאכפאלגער, און אזא פארבאנד וואלט גע־ווען ווייניק פאפולער, און, צווייטנס, ווייל דער צוזאמענפאר האט גע־וואלט גרינדן אזא ארגאניזאציע, וואס זאל ניט זיין קיין זעלבשטענדיקע פארטיי, נאר בלויז א טייל פון דער איינציקער רוסישער סאציאל־דעמא־קראטישער ארבעטער־פארטיי, וועלכע האט געדארפט בקרוב געשאפן ווערן.

בנוגע דער פראגע „וועגן דער באציונג צו אנדערע ניט־יידישע רעוואָ־לוציאנערע גרופעס, האט דער צוזאמענפאר אויסגעקליבן דעם „פארבאנד פון די רוסישע סאציאל־דעמאקראטן" אלס דעם פארשטייער פון „בונד" אין אויסלאנד. וואס שייך די סאציאליסטישע גרופעס, וואס האבן געארבעט אין רוסלאנד, איז באשלאסן געווארן צו טאן אלץ, אז מען זאל זיך מיט זיי ענג פארבינדן.

ווייטער האט דער צוזאמענפאר אנגענומען פאלגנדיקן באשלוס: 1) צו דעם נאמען „בונד" נאכן ווארט „רוסלאנד" צוגעבן דאס ווארט „פוילן", 2) אלס די אפיציעלע ארגאנען רעכענען די „ארבעטער־שטימע" און דעם „יידישן ארבעטער"; 3) אויף די אויסגאבן פון די באזונדערע שטעט דארף

---

[1] די ציטאטע פון דער „ארבעטער־שטימע" ברענגען מיר לויט אקימאָוס צים. ארטיקל. מיר האבן עס פארגליכן מיטן אריגינאל און געמאכט איניקע אויסבעסערונגען.

זיין די אונטערשריפט: „אלגעמיינער יידישער ארבעטער־בונד אין רוסלאנד און אין פוילן" און דעם נאָמען פון דער שטאָט און פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע; 4) בנוגע דער פראַגע וועגן דער געדרוקטער ליטעראַטור האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגעמערקט אייניקע פראַגן, וועלכע מען האָט געדאַרפט באַלויכטן אין דער פעריאָדישער ליטעראַטור, און אייניקע ביכער, וועלכע זיינען נייטיק ארויסצוגעבן; 5) עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון פאָלגנדע פּערזאָנען: אַ. קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי (לעווינסאָן) און מוטניק („גלעב").

אַ צייט האָט זיך דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" געפונען אין ווילנע, נאָר נאָכדעם, ווען עס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אַ ריי ארעסטן, איז ער אריבערגעפאָרן קיין מינסק.

איינער פון די ערשטע שריט פון דעם „בונד" איז געווען דאָס ארויסשיקן אַ באַגריסונגס־טעלעגראַם דעם צוזאַמענפאָר פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכער איז פאָרגעקומען אין האַמבורג.

ד ידיעה וועגן דעם ערשטן צוזאַמענפאָר און וועגן דעם שאַפן דעם „בונד" איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג דורך אַלע באַוווּסטזיניקע יידישע ארבעטער. דער פאַרבאַנד פון יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין ווארשע האָט באַשלאָסן אריינצוטרעטן אין „בונד". דאָס זעלבע איז אויך געווען אין מינסק, בריסק און אין אַנדערע שטעט, ווו די אַלע גרופּעס, וואָס האָבן דאָרטן עקסיסטירט, האָבן זיך ערקלערט אַלס אָרטיקע קאָמיטעטן פון „בונד". בלויז אין האָמעל, ווהין עס איז ספּעציעל געפאָרן דער שליח פון צ"ק ארקאַדי קרעמער, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד. די דאָרטיקע טוער האָבן געטענהט, אז מען דאַרף בכלל ניט האָבן קיין ספּעציעלע יידישע אָרגאַניזאַציע [1].

דער ערשטער צוזאַמענפאָר און דאָס פּראָקלאַמירן דעם „בונד" האָט פאַר דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג געהאַט אַ גוואַלטיקע באַדייטונג. דער נאָענטסטער רעזולטאַט איז געווען דאָס סיסטעמאַטיזירן דאָס ארויסגעבן פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן דורך דעם צ"ק אין אַ גרויסער צאָל. נאָכדעם האָט מען געבראַכט אין אָרדענונג דאָס סיסטעמאַטישע צושטעלן פון די מאַטעריאַלן פאַר דער „ארבעטער־שטימע" און פאַר דעם „יידישן ארבעטער", וועלכע האָבן באַלויכטן די ארבעטס־באַדינגונגען פון די יידישע ארבעטער אין די פאַבריקן און ווארשטאַטן און דעם קאַמף, וואָס די יידישע ארבעטער האָבן

---

1 אַ. קרעמער, אויבן ציטירטער אַרטיקל.

געפירט קענען זיי. די הויפּט־פונקציע פון די אָרטיקע קאָמיטעטן איז געווען דאָס צושטעלן אינפאָרמאַציעס וועגן אַט די פראַגן. נאָכדעם האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פארבעסערט דעם אופן פון טראַנספּאָרטירן די אומלעגאַלע ליטעראַטור פון אויסלאַנד און דאָס צושטעלן זי די אָרטיקע קאָמיטעטן.

דער צ"ק פון „בונד" האָט גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל אין אָרגאַניזירן דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכער איז פאָרגעקומען אין מינסק אין 1898 יאָר. מצד דעם „בונד" האָבן זיך אין באַטייליקט: מוטניק („גלעב"), א. קרעמער („ארקאדי") און דער ארבעטער ש. קאַץ („שמואל דער שווארצער") [1]. דער צוזאַמענפאָר האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דער לאַגע פון „בונד" אין דער רוס. סאָצ.־דעמ. ארב.־פּארט. און האָט באַשלאָסן, אַז דער „בונד", זייענדיק אַ טייל פון דער פּאַרטיי, בלייבט אַן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, אַ זעלבשטענדיקע בלויז אין די פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

* * *

דער אינטענסיווער וווּקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געפערלעכע נאָכשפּירונג נאָך אַלע אָנטיילנעמער פון דער באַוועגונג.

די גאַנצע אויסשפּיר־טעטיקייט אין צפון־מערב־קאַנט איז איצט געווען קאָנצענטרירט אין מאָסקווע און איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אָנפירער פון דאָרטיקער זיכערהייט־אָפּטיילונג („אָכראַנע") ס. וו. זובאַטאָוו, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרטיליקן און אויסוואָרצלען דעם „בונד".

זובאַטאָוו האָט אויסגעבעסערט דעם אַפּאַראַט פון דער פּאָליצייִשער אַגענטור. ער האָט פאַרפּלאָנטערט דעם ראַיאָן פון „בונד" מיט אַ מענגע אַגענטן, וועלכע פלעגן אים טעלעגראַפיש און פער פּאָסט מודיע זיין די רעזולטאַטן פון זייער אויסשפּירונג. אין מאָסקווער זיכערהייטס־אָפּטיילונג זיינען די דאָזיקע באַזונדערע ידיעות סיסטעמאַטיזירט געוואָרן און האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די אַזוי גערופענע „טאָגביכער פון דער אויסשפּירונג". אויף אַזאַ אופן האָט זובאַטאָוו געהאַט אַ מין מאַפּע פון דער אומלעגאַלער

---

[1] וו. געווסקי, „סקיצן וועגן דער געשיכטע פון רק"פּ", ב' 1, ז' 147.

אַרבעט און האָט געקאָנט איינציייטיק קאָנטראָלירן און אָנפירן מיט דער טעטיקייט פון די פילערן אין פאַרשיידענע שטעט.

זובאַטאָווס אַגענטן האָבן איינגעפירט אַ נייעם מעטאָד פון שפּיאָנירן: פאַלנדיק אויף די שפּורן פון אַן אומלעגאַלן טוער, האָבן זיי אים ניט אַרעסטירט, נאָר געלאָזן אויף דער פריי. האַלטנדיק אים שטענדיק אויפן אויג, נאָכשפּירנדיק אים שריט ביי שריט, האָבן זיי פעסטגעשטעלט די אַלע פערזאָנען, מיט וועלכע דער אויסגעשפּירטער האָט געהאַט באַציִונגען.

די שפּיאָנען האָבן געאַרבעט אין אַ גאַנצער ריי שטעט און שטעטלעך: אין מינסק, באָברויסק, סוועניציאַן, באַראַנאָוויטש, לאָדז, וואַרשע, ביאַליסטאָק, דווינסק, קאָוונע, ווילנע, קיעוו, אָדעס, מאָסקווע, פעטערבורג, גראָדנע און בריאַנסק.

דער „בונד" האָט אינגיכן באַמערקט, אַז מען שפּיאָנירט אים שטאַרק נאָך און דער צ"ק האָט אַרויסגעלאָזט. אַ ספּעציעל בלעטל „וואָרנונג", אין וועלכן עס ווערט פאָרגעלייגט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס צו פאַרשטאַרקן די קאָנספּיראַציע.

אין מאַי 1897 האָבן די שפּיאָנען אויסגעשפּירט די פערזאָנען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם טראַנספּאָרטירן די אומלעגאַלע אויסגאַבן: באַנעוווּרן און מילן. נאָכשפּירנדיק נאָך זיי, האָבן זיי אויפן וועג געעפנט די וואַליזע (טשעמאָדאַן), וואָס באַנעוווּר האָט געהאַט אָפּגעשיקט קיין קיעוו. אין דער וואַליזע האָט זיך געפונען 1000 עקזעמפּלאַרן פון „פעטערבורגער אַרבעטער־בלעטל" (נומ' 2) און פאַרשיידענע זשענעווער אויסגאַבן. אין יוני האָבן זיי אויסגעשפּירט, אַז פרידמאַן, וועלכער איז געקומען פון ווילנע, האָט איינגעקויפט אין ביאַליסטאָק אין פאַרשיידענע קראָמען פאַרב און פּאַפּיר און עס האָט זיך זיי איינגעגעבן צו פאַלן אויף די שפּורן פון דער אומלעגאַלער דרוקעריי. ווייטער האָבן די שפּיאָנען אויסגעשפּירט, אַז ג. סאָראָקאַ האָט געבראַכט פון האָמעל קיין באָברויסק 4 פּוד פּאַפּיר אויף צו דרוקן אומלעגאַלע ליטעראַטור.

די שפּיאָנען, וועלכע זובאַטאָוו האָט אַראָפּגעשיקט קיין באָברויסק, זיינען זייער גיך דורכגעפאַלן. אין אַ קליין שטעטל, ווו יעדער נייער מענטש ווערט גיך באַמערקט, האָבן די אַגענטן צו זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט: זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דעם בעסטן האָטעל, געפירט זיך מיט דער ברייטער האַנט, געגאַנגען אין טעאַטער, ביי יעדן צוג זיינען זיי געווען אויף דעם וואָקזאַל, זיך אָפּגעזאָגט צו האָבן אַ מגע־ומשא מיט די פאַרשיידענע קאָמיסיאָנערן, וואָס האָבן געהאַט אַ דריסת הרגל אין דעם האָטעל. דאָס אַלץ האָט ביי דער האָטעל־אַדמיניסטראַציע

ארויסגערופן א חשד. די פאליציי האט זיך מיט זיי פאראינטערעסירט. אין שטאט האבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז די פרעמדע — זיינען שפיאנען, וועלכע וועלן קאנפיסקירן אין די קלייטן דאס גאלד און זילבער פון א נידעריקער פראבע, אז זיי קלייבן זיך צו בארויבן קליינערמאנס באנק־הויז אאז"וו. זובאטאוו האט געמוזט צוריק אפרופן די אגענטן און זיי פארבייטן מיט אנדערע, וועלכע האבן זיך דאס מאל שוין באזעצט אין פארשטאט.

דורכקוקנדיק די ראפארטן, וואס די אגענטן האבן צוגעשטעלט זובאטאוון, זעט מען, אז זובאטאוו האט בלויז געוווסט וועגן דעם אויסער־לעכן לעבן פון די קרייזלעך. ווען עס זאל ניט זיין קיין פראוואקאציע, וואלט ער בשום אופן ניט געקאנט ארייגדרינגען אין זייער אינעווייניקסטן לעבן.

זומער 1898 האט זובאטאוו שוין געהאט אין זיין רשות ידיעות וועגן זייער פיל פערזאנען, וואס האבן געהאט א שייכות צו דער אומלע־גאלער ארבעט, וועגן די מיטגלידער פון די צענטראלע קרייזלעך און וועגן די פארבינדונגען צווישן פארשיידענע שטעט און שטעטלעך.

חוצדעם איז ער געווען זיכער, אז ער איז געפאלן אויף די שפורן פון עטלעכע אומלעגאלע דרוקערייען.

האלטנדיק, אז אט די דאזיקע ידיעות זיינען גענוג, האט ער בא־שלאסן מיט איין קלאפ צו ליקווידירן דעם „בונד". אין דער נאכט פון 26טן יולי 1898 האט מען אונטער זובאטאווס אנפירונג דורכגעפירט אין עטלעכע שטעט איינצייטיק א גאנצע ריי רעוויזיעס און ארעסטן.

בסך־הכל זיינען ארעסטירט געווארן 55 מאן, דהיינו: אין מינסק — 17, אין באברויסק — 5, אין ווילנע — 7, אין ווארשע און אין לאדז — צו 10, אין באראנאוויטש — 3 און אין אדעס, גראדנע און בריאנסק צו איינעם.

נאכדעם האט מען צוליב דעם זעלבן ענין צוגעצויגן נאך איניקע פערזאן, הסך־הכל זיינען צוגעצויגן געווארן — 67 מאן [1].

---

1 אט איז דער פולער צעטל פון די באשולדיקטע: זאלצמאן העניע, קאפלאן דן, קאפלינסקי ישראל־מיכל, קייזער שלום, קריגעל מערע, לעווין אליהו, לעווינסאן מענדל, פאלאק משה, סאראקא הירש־וואלף, טשערניכאוו יעקב, שאפירא יונה, שערמאן יואל־דוד, באקשט משה, באנעוור בארים, ווילטער שפרה־גאלדע (געבוירענע יאזעפאוויטש), גאלאנדסקי הירש, גארדאן יעקב און שרה־רבקה, גארפיין שמואל, הורוויטש העלענע (געבוירן קושעלעווסקא), הורוויטש יעווגעניע, דימענט מאיר (מאקס), זשיזלין מאיר, זאקס לוויזע, קאיראווסקי רפאל, קאפלאן חיים, קאטשאנאוויטש ניסן, קרעמער אהרון, לעווי ראמאן, מירקין אברהם־איציק, מוטניק אברהם, מיכליצקא מרים, פסחזאן איסאק,

בשעת די רעוויזיעס האָט מען געפונען: אין מינסק ביי שערמאַנען אַ דרוקעריי מיט יידישן שריפט מיט אַ דאָפּלטן קאָמפּלעט מכשירים און אַן אויסגעזעצטע פּראָקלאַמאַציע. ביי שערמאַנען האָט מען אויך געפונען אַ גרויסע צאָל אומלעגאַלע ליטעראַטור אויף יידיש און רוסיש וועגן דער אַרבעטער־פראַגע, ביי רומיאַנצאָוון און ביי יעווגעניע אַרקאַדיעוונאַ הורוויטש — שיפרירטע צעטלעך; ביי סלוצקין — אַ גרויסע צאָל פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן ביי שערמאַנען אין דרוקעריי, ביי די איבעריקע אַרעסטירטע — אומלעגאַלע זשורנאַלן, מאַנוסקריפּטן און אַדרעסן.

אין דעם באַריכט פון דעם מאָסקווער אָבערפּאָליצמייסטער טרעפּאָוון צו דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט ווערן די רעוויזיעס פון דעם 26טן יולי פעסטגעשטעלט אויף אַזאַ אופן: אין באָברויסק האָבן ישראל־מיכל קאַפּלינסקי און מערע קריגעל „פּאַרנומען אַ דירה פון דריי צימערן מיט אַ קיך. דער ערשטער צימער האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער, ווי מען וואָלט דאָרט געוווינט און קיין שום זייטיקע זאַכן זיינען דאָרטן ניט געווען. אין דעם צווייטן צימער איז געשטאַנען אַ לענגלעכער טיש, די דעק פון דעם טיש האָט זיך געקענט פונאַנדערדרוקן אין דער לענג פון טיש; אונטער דער דעק איז געווען אַ קעסטל אין דער לענג פון דעם גאַנצן טיש, צוויי ווערשקעס די טיף. אין אָט דער פאַרטיפונג האָט זיך געפונען דער דרוק־אַפּאַראַט מיט אַלע מכשירים צום דרוקן. דאָ האָט זיך אויך געפונען אַ הילצערנער שנייד־וואַרשטאַט, צעוואָרפענע בויגנס פון אָפּגעדרוקטע פּאַפּיר, ריין דרוק־פּאַפּיר און פאַרשיידענע פּאַפּיר־אָפּשניטן. דער דאָזיקער צימער איז אפנים געווען דער וואַרשטאַט. אין דעם דריטן צימער זיינען ביי די ווענט געלעגן פּעקלעך פון אָפּגעדרוקטע עקזעמפּלאַרן פון דעם נומ׳ 9 פון דער אומלעגאַלער יידישער צייטונג „אַרבעטער שטימע" מיט דער דאַטע פון 10טן יולי 1898. בסך־הכל זיינען דאָרט געפונען געוואָרן בערך 600 עקזעמפּלאַרן. יעדער זשורנאַל האָט געהאַט 24 זייטן. דאָ זיינען אויך אויף דער פּאָדלאָגע געלעגן עטלעכע פּעקלעך שריפט,

---

פערעלמאַן יוסף, רעגענוועטער איציק, ריסקינד קונע, ראָגאַלער לעוו, רומיאַנצעוו פּיאָטר, סלוצקאַ בערטע, סלוצקי שמואל, סאָראָקאָ מערע (געבוירן וועוויער), סולסקי שמואל, טעומין איציק, אופלאַנד מענדל־אַהרון־מיכל, פין אברהם, פין רבקה (געבוירן ליאַס), פרענקין אליהו, פרומקין פרומע, פרומקין אַהרון־ברוך־אָשר, פרומקין ברוך, כאַווקינאַ זיסל, צעפּרינסקאַיאַ־צעקאָוואַיאַ אַננאַ, ציטראָן בלומע, שוואַרץ ברוך, דימענט (נאָך דער חתונה שאָסטאַק) העניע, גאָרדאָן פערל, טשערניאַווסקאַ לאה, שמואלזאָן בער, סטזשאַלקאָווסקי קלימענטי, קאַצענעלסאָן יעקב, קאַטשאַנאָוויטש וואָלף, בלומענפעלד שמואל, פרידכאָן אברהם, פערבער מרדכי, סעגאַל שיינע, כאַן וואָלף און טראַכטנבערג שרה.

איינגעוויקלט אין פאפיר, און אויסגעזעצטע עמודים. ביי איין וואנט איז געשטאנען א גרויסער פירקאנטיקער קאמאד (1 ארשין 6 ווערשקעס די ברייט און אנדערטהאלבן ארשין די לענג און די הייך), אין די אונטערשטע צוויי שופלאדן איז געלעגן מענער־ און פרויען־וועש און אין דעם אייבערשטן— לענגלע און אומלענגלע אויסגאבן און קאלירטע פאפיר אויף הילעס. די דעק פון דעם קאמאד איז געווען איינגעארדנט פונקט אזוי ווי די דעק פון דעם לענגלעכן טיש, און האט זיך פונאנדערגערוקט. אונטער דער דאזיקער דעק האבן זיך געפונען אכט קאסעס מיט יידישער שריפט, א קאסע מיט אראבישע ציפער, 5 גראם צייכנס, בערך 2 פוד שפאנעס, שפייצן, וכדומה, דריי ווערסטאטקעס און צוויי שפיגלען, איינער פאר דער ראם און דער צווייטער אויף פארב".

אין ביאליסטאק איז די דירה, אין וועלכער עס האבן גע־ וווינט ראובן פרידמאן און ר. י. סטראזש, באשטאנען „פון צוויי צי־ מערן מיט א קיך מיט א באזונדערן אריינגאנג. כדי צו פארמאסקירן זיין פארברעכערישע טעטיקייט האט פרידמאן געהאלטן אין קיך אן איינביני־ דער־ווארשטאט מיט א מענגע גרייטע העפטן. אין דעם שכנותדיקן צימער האבן זיך קיין שום פארדעכטיקע זאכן ניט געפונען. דער צימער האט אויסגעזען, ווי מען וואלט דארטן געוווינט. אין דעם צווייטן צימער איז געשטאנען א לענגלעכער טיש מיט א געהיים דעקל, וועלכע איז געלעגן לעבן דעם טיש; אין דער פארטיפונג פון אט דעם טיש איז געלעגן א קאסע מיט שריפט. ביי דער וואנט, קעגנאיבער דער טיר, איז געשטאנען א שאַ־ פע, מיט א טיר, וועלכע האט פארשטעלט צוויי פאליצעס, אויף וועלכע עס זיינען געווען צוויי שופלאדן. די דעקלעך פון די ביידע אויבנבאשריי־ בענע טישן האט מען געקענט, ווען מען האט גערארפט, צופעסטיקן מיט באזונדערע קייטעלעך, און אראפנעמען זיי האט געקענט בלויז דער, וועל־ כער האט געוווּסט דעם סעקרעט. אונטערן דעקל פון א טיש־שאפקעלע האבן זיך געפונען צוויי אויסגעזעצטע עמודים פון א פראקלאמאציע צו די ארבעטער פון דעם „פעטערבורגער קאמיטעט פון דער רוסלענדישער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי". חוץ דעם איז דא אויך געלעגן דער „געשטעל" מיט דעם וואליק אויף צו דרוקן. צו דעם אייבערשטן פלאנט פון דעם הינטערשטן טייל פון טיש איז געווען צוגעשלאגן א צעראטע, וועלכע מען האט אפנים ארויפגעלייגט אויף דעם בויגן פאפיר, און איבער דער צעראטע האט מען דורכגעפירט מיט דעם וואליק. אויף די אויבנדער־ מאנטע פאליצעס זיינען געלעגן עטלעכע פינקטלעך איינגעוויקלטע פעק־ לעך, דאס זיינען געווען: דאס קעפל פון דער צייטונג „ראבאטשעיע זנאמיא" און דאס שער־בלעטל, און די ערשטע פיר זייטן טעקסט פון

דער בראָשור: „די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע" און אַנדערע. אין די איבעריקע שופלאָדן פון דעם זעלבן טיש זיינען געלעגן פאַרשיידענע אינסטרומענטן. חוצדעם האָט מען אין דער דירה נאָך געפונען זייער פיל פאַרדעכטיקע, אָפּגעדרוקטע בויגנס און גאַנצע עקזעמפּלאַרן פון אייגענע אויסגאַבן און עטלעכע אויסגאַבן פון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך אַ לאָמפּ מיט אַ בלויען אַבאַזשור, וועלכער איז געשטאַנען אויפן פענסטער און געדינט פאַר אַ צייכן, ווען מ׳קאָן און ווען מען טאָר ניט באַזוכן די קוואַרטיר; בשעת דער רעוויזיע האָט סטראַזש, אַזוי ווי ניט אומישנע, צעבראָכן אָט דעם לאָמפּ" [1].

ביים רוב פון די איבעריקע אַרעסטירטע האָט מען געפונען אומלעגאַלע אויסגאַבן וועגן דער אַרבעטער־פראַגע אויף רוסיש, יידיש און דייטש.

אַלע אַרעסטירטע האָט מען אַראָפּגעבראַכט קיין מאָסווע און מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין איינצעלנע קאַמערן.

בשעתן פאַרהער האָבן זיי זיך געהאַלטן זייער פאַרזיכטיק. כמעט אַלע אַרעסטירטע האָבן געלייקנט, אַז זיי געהערן צום „בונד".

און בלויז די, וואָס מען האָט געכאַפּט ביי דער האַנט, די וואָס האָבן ניט געקענט לייקענען, אַז זיי האָבן ניט קיין באַציִונגען מיט דער אָרגאַניזאַציע האָט געגעבן מער אָדער ווייניקער אויספירלעכע דערקלערונגען, באַמיענדיק זיך דערביי זיי צוצוגעבן אַ פאַרפלאָנטערטן און אומקלאָרן כאַראַקטער, כדי אויף אַזאַ אופן אַראָפּפירן פון וועג די זשאַנדאַרן.

די אַרעסטירטע האָבן זיך געהאַלטן זייער מוטיק; בלויז איין באַנעווער, איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער אין „בונד", האָט ניט אויסגעהאַלטן און זיך „אונטערגעגעבן".

געפינענדיק זיך אין דער מאָסקווער טורמע, האָט באַנעוועור דערלאַנגט אויף דעם אַלערהעכסטן נאָמען אַ ביטע פון פאָלגנדיקן אינהאַלט: „זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט דעם קייזער, אימפּעראַטאָר און אַליינהערשער פון רוסלאַנד, ניקאָלאַי II. פון דעם פּאָליטישן אַרעסטירטן באַרים באַנעוואָרן — אַ ב י ט ע. איך חזר ניט איבער מיין געבעט וועגן מחילה: איך בין דאָס ניט ווערט. צוליב אַ פּערזענלעכן קאַפּריז האָב איך געבראַכט פאַר אַ קרבן דאָס לעבן פון מיינע עלטערן, דאָס לעבן פון מיינע ברידער און שוועסטער, דאָס לעבן פון מיין גאַנצן יידישן פאָלק, און, ענדלעך, דאָס לעבן פון די אַלע, וועלכע מאַטערן זיך צוליב מיר אין די תפיסות און אין די פאַרשיקונגען. איך בין געווען אַ בלינדער פאַנאַטיס

---

1 היסט.־רעוו.־ארכיוו נומ׳ 310, ב׳ 1, 1898, 4 ענינים, ז״ז 133—134.

און אַ לייכטזיניקער. איך האָב חרטה. דאָ ליג איך צו די פֿיס פֿון אייער קייזערלעכער מאַיעסטעט מיין בקשה וועגן דעם, אַז מען זאָל רחמנות האָבן אויף מיינע אומגליקלעכע עלטערן און זיי ראַטעווען פֿון דעם הונגער־טויט, וואָס דראָט זיי, דערמיט וואָס מען זאָל מיך באַפֿרייען ביז דער אורטייל וועט אַרויסגעטראָגן ווערן, כּדי איך זאָל זיי קאָנען העלפֿן, זיי איינאָרדענען. ווייל די גאַנצע צייט האָב איך אָנגעפֿירט מיט זייערע געשעפֿטן און געווען דער איינציקער שפּייזער זייערער, האָב איך זיי איצט איבערגעלאָזט אויף הפקר, פֿאַרמשפּטע אויף הונגער־טויט, וועגן וואָס עס זאָגט עדות די קורצע טעלעגראַמע, וואָס איך ליג דאָ דערביי. אייער קייזערלעכע מאַיעסטעט, איך וואָג דאָ נאָך אַמאָל איבערחזרן מיין בקשה, האָט רחמנות אויף מיינע עלטערן, לאָזט זיי שטענדיק בעטן גאָט פֿאַר אייך, שענקט מיר די מעגלעכקייט איך זאָל זיי ווי ס׳ניט איז איינאָרדענען. ליגנדיק מיינע גאַנצע האָפֿענונגען אויף אייער קייזערלעכער מאַיעסטעט, בלייב איך דער געטריי אונטערטעניקסטער באָרים זעלמאַנאָוויטש באַנעוווּר. סעפּטעמבער דעם 28טן, 1898 יאָר״.

באַנעוווּר האָט דערלאַנגט די בקשה וועגן באַגנעדיקונג אויס מורא, אַז צוליב זיין אַרעסט וועלן זיינע עלטערן ווערן בדיל־הדל. זיצנדיק אין טורמע האָט ער דערהאַלטן עטלעכע טעלעגראַמעס פֿון זיין פֿאָטער, אין וועלכע ער האָט אים געשריבן, אַז ער איז ערב באַנקראָט, אַז מען האָט אים אָפּגעשטעלט דעם קרעדיט אאז״וו.

גלייך נאָך דער ערשטער בקשה האָט באַנעוווּר דערלאַנגט אַ צווייטע, אָבער שוין אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. ער האָט זיך איצט משתדל געווען, מען זאָל אים איבערפֿירן אין דער ווילנער טורמע. די בקשה איז געווען אַזאַ:

„אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. פֿון פּאָליטישן אַרעסטירטן, וועלכער געפֿינט זיך ביי דער מאָסקווער צענטראַלער עטאַפּ־טורמע באָרים זעלמאַנאָוויטש באַנעוווּר. בקשה. זייענדיק פֿון 17 יאָר אָן דער איינציקער פֿאַרוואַלטער פֿון מיינע עלטערנס געשעפֿטן, וועלכע זיינען דער איינציקער קוואַל פֿון זייער עקסיסטענץ, זייענדק אויף אַזאַ אופֿן זייער איינציקער שפּייזער, האָב איך זיי איצט, צוליב מיין פּלוצלונגדיקן אַרעסט, געלאָזן אינגאַנצן ניט איינגעאָרדנט, ווייניק באַקאַנט מיט זייער געשעפֿט און פֿאַרמשפּט אויפֿן זיכערן אומקום. און דעריבער האָב איך דעם כּבֿוד צו בעטן דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט רחמנות האָבן אויף אָט די אומשולדיקע קרבּנות און מיר געבן די מעגלעכקייט, איבערפֿירנדיק מיך אין ווילנער טורמע, בשעת די זעונגען מיט די עלטערן זיי געבן וועלכע ניט איז אָנווייזונגען און עצות, כּדי זיי זאָלן ווי ס׳ניט איז ווייטער קאָנען פֿירן זיי־

ערע געשעפטן. אויף דער אומדירעקט ארויסגעזאָגטער מורא פון דער מאָסקווער גובערניאַלער זשאַנדאַרם־פאַרוואַלטונג, קאָן איך ערקלערן, אז איך טו גאָרנישט, כדי צו שטערן דעם גאַנג פון אויפקלערן דעם גאַנצן אמת, ווייל, ערשטנס, האָב איך, אַז דאָס וועט זיין לטובת מיר, און צווייטנס די שטראָף, וואָס דערוואַרט מיך, איז אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס האָט מיך שוין געטראָפן (אין אָריגינאַל דורכגעלאָזן). איך חזר איבער — לאָזט ניט אומקומען אַ גאַנצע פאַמיליע, לאָזט ניט אַ מענטשן ער זאָל פון זינען אראָפּ. איז ניט שוין זשע וועל איך אויך דאָ ניט געפינען קיין רחמנות און מענטשנפריינדלעכקייט? איך וויל דאָס ניט גלויבן און איך האָף. באָריס זעלמאַנאָוויטש באַנעווור. אָקטאָבער דעם 6טן 1898" [1].

באַנעוורס ביידע ביטעס זיינען ניט באַפרידיקט געוואָרן.

די אויספאָרשונג אין מאָסקווע איז געפירט געוואָרן זייער פאַמעלעך.

זובאַטאָוו האָט זי מיט אַלע מעגלעכקייטן פאַרצויגן, כדי אויף אַזאַ אופן צו צווינגען די אַרעסטירטע זיי זאָלן געבן ערקלערונגען. די אַרעסטירטע זיינען געווען פאַרמאַטערט און אויסגעשעפּט. וועגן זייער שטימונג זאָגט עדות פאָלגנדיקע ערקלערונג, וואָס קרעמער האָט געגעבן:

„אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אין ס. פּעטערבורג. ביטע פון דעם באַשולדיקטן לויט דעם אַרטיקל 318 פון שטראָף־קאָדעקס, אהרון יאָסעלעוויטש קרעמער. איך זיץ שוין פאַרשפּאַרט פופצן מיט אַ האַלבן חודש און די אויספאָרשונג וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן איך בין צוגעצויגן, האָט זיך נאָך ביז איצט ניט געענדיקט. מען האָט מיך דריי מאָל אויסגעפאָרשט: דאָס ערשטע מאָל אָנהייב סעפּטעמבער 1898. אויף דער דאָזיקער אויספאָרשונג האָב איך אין קורצע שטריכן דערציילט מיין לעבן פאַר דעם לעצטן יאָר ביז מיין אַרעסט. מען האָט מיך געפרעגט וועגן מיינע באַקאַנטע. עס איז אַריבער צען חדשים. אָנהייב יולי 1899 האָט מען מיך אויסגעפאָרשט דאָס צווייטע מאָל. צו מיין גרויס פאַרוווּנדערונג האָט מען מיר געשטעלט די זעלביקע פראַגן, וואָס אויף דער ערשטער אויספאָרשונג און נאָך איין נייע פראַגע. בשעת דער רעוויזיע האָט מען ביי מיר געפונען אַ שיפרירט צעטל, וועלכעס מען האָט פונאַנדערגעשיפרירט נאָך צום סוף פון 1898. וועגן אָט דעם צעטעלע האָט מען מיך דאָס אויסגעפאָרשט. ס'זיינען אַריבער נאָך דריטהאַלבן חדשים. אין סוף סעפּטעמבער פון 1899 האָט מען מיך אויסגעפאָרשט צום דריטן מאָל. ווידער די זעלבע פראַגן,

1. היסט.־רעוו. אַרכיוו, נומ׳ 310, טייל II, 1898, 4 ענינים, בויגן 59 און 64.

ווידער וועגן דעם זעלביקן צעטעלע. אגב האט מען מיר געשטעלט נאך איין פראגע. דאס אומענדלעכע זיצן פארשפארט האט ארויסגעריסן ביי איינעם פון די ארעסטירטע ניט קיין ריכטיקע דערקלערונג, וועלכע ער האט אין א פאר טעג ארום צוריקגעצויגן. וועגן אט דער דערקלערונג האט מען מיך דאס געפרעגט. פון יענער צייט זיינען שוין פארביי מער פון אנדערטהאלבן חדשים און מען האט מיך שוין מער ניט אויסגעפארשט; מיר איז אבער אויסגעקומען צו זיין אין דער זשאנדארם־פארוואלטונג. מען האט דארטן אגב אויך גערעדט וועגן אונזער ענין. אויף מיין באמערקונג, אז אזא לאנגע צייט זיצן פארשפארט ווירקט שרעקלעך אויף דעם געזונט, האט דער הער, וואס האט געפירט די אויספארשונג, אין ביישיין פון דעם הער געהילף־פראקוראר, געענטפערט: „מיר אינטערעסירן זיך מיט דעם ענין, און ניט מיט פערזאנען", און אויף מיין באמערקונג, פאר־וואס די אויספארשונג ציט זיך אזוי לאנג, אז זי וועט שטארבן מיט א נאטירלעכן טויט, האט דער הער, וואס האט געפירט די אויספארשונג, געזאגט: „גיכער וועט איר אלע אויסשטארבן, ווי די אויספארשונג". — נאך אט די ווערטער איז מיר אינגאנצן געווארן קלאר, אז דאס האלטן אונז אין טורמע איז נאר כדי צו פייניקן אונז. וואס שייך דער אויספאר־שונג גופא, האט זי בנוגע מיר גארניט אנטדעקט און ממלא געווען צו דעם אלעמען, וואס זי האט געוווסט בשעת מיין ארעסט. אויף וויפיל עס האט זיך מיר איינגעגעבן צו הערן וועגן די איבעריקע באשולדיקטע אין דעם זעלבן ענין, האט די אויספארשונג אויפגעטאן כמעט דאס זעלבע. אין צוזאמענהאנג מיט דעם ארויסגעזאגטן האב איך דעם כבוד אייך צו בעטן, צי איז ניט מעגלעך מיך ארויסצולאזן ביז דער צייט, ווען דער ענין וועט פארענדיקט ווערן, אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי, אויף ערבות אדער קויציע. אהרון יאסעלעוויטש קרעמער. דעם 9טן סעפ־טעמבער 1889".

זיין השתדלות איז אפגעווארפן געווארן.

אין זיינע לאנגע שמועסן מיט די ארעסטירטע האט זובאטאוו אנגע־הויבן צוצוזוכן אנהענגער פון זיין „טעאריע וועגן צאריזם".

וועגן דעם ריידן מיר בפרטיות אין דעם קאפיטל וועגן די פרוון איינצופלאנצן די „זובאטאוושטשינע" אין דער יידישער ארבעטער־באַ־וועגונג.

לויט דעם אלערהעכסטן באפעל פון דעם 11טן אפריל 1901 איז דער ענין וועגן „בונד" פון 1898 יאר דערליידיקט געווארן אדמי־ניסטראטיוו מיט פארעכענען די צייט, וואס מען איז אפגע־זעסן, אויף אזא אופן: 1) עס זיינען ארויסגעשיקט געווארן אין מזרח־

סיביר אונטער דער עפנטלעכער פּאָליציי־אויפזיכט: באָריס באַנעווער און יעווגעניע הורוויטש אויף פיר יאָר, ברוך שוואַרץ, מערע קריגעל און שפרה־גאָלדע ווילטער — אויף דריי יאָר; 2) אונטער עפנטלעכער פּאָליציי־אויפזיכט אין די שטעט, וועלכע די באַשולדיקטע וועלן זיך אויסקלייבן צום וווינען, זיינען פאַרשיקט געוואָרן: ישראל־מיכל קאַפּלינסקי אויף פיר יאָר, יואל־דוד שערמאַן, הירש און מערע סאַראָקאָ, אבראַם מוטניק, וועל מיטניקאָוויטש, איציק־מרדכי פסחזאָן, פּערל גאָרדאָן, חנה וואָלף, הירש גאָלאַנדסקי און מאיר זשיזלין — אויף דריי יאָר; מרדכי־מענדל בערבער, אברהם פרידמאַן, ברוך פרומקין, שמואל סלוצקי, העלענע הורוויטש, העניע־פייגע זאַלצמאַן, מאיר (מאַקס) דימענט און פיאָטר רומיאַנצעוו — אויף צוויי יאָר; שלום־אברהם קייזער, אברהם פין, בערטע סלוצקאָ און פרומע פרומקין — אויף איין יאָר; חוצדעם איז די אַלע פערזאָנען, חוץ קאַפּלינסקין, שערמאַנען, הירש און מערע סאַראָקאַ, געווען פאַרבאָטן פאַר דער צייט פון פּאָליציי־אויפזיכט צו וווינען אין די הויפּטשטעט, רעזידענץ־גובערניעס און אין די ערטער, ווו עס געפינען זיך פאַבריקן און ווו דער מיניסטער פון אינערן געפינט, אַז זיי קאָנען זיין שעדלעך.

ווייטער, דער ענין וועגן קרעמערן און לעווינסאָנען איז צוליב דעם, וואָס זיי זיינען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, אָפּגעשטעלט געוואָרן; אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן איז ער בנוגע: משה באָקשט, שרה־רבקה גאָרדאָן, שמואל גאָרפיין, לויזע זאַקס, רפאל קאַיראָווסקי, דן קאַפּלאַן, יעקב קאַצענעלסאָן, מאַריע מיסליצקאַ, משה־יאָסל פּערלמאַן, משה פּאָליאַק, קונע ריסקינד, איציק טעומין, מענדל אופלאַנד, רבקה פין, אליהו פרענקין, אהרון־ברוך פרומקין, זיסל כאַווקינאַ, אננאַ צעפּרינסקע־צעקאָוואַ־אַ, בלומע ציטראָן, יעקב טשערניכאָוו, לאה טשערניאַווסקאַ, בער שמואלזאָן, לייב ראָגאַלער, ניסן און וואָלף קאַטשאַנאָוויטש, ראָמאַן לעווי, שמואל בלומענפעלד, שרה טראַכטנבערג, איציק רעגנוועטער, שיינע־רויזע סעגאַל, חיים־קאַפּלאַן און אברהם־איציק מירקין.

כאַן, זשיזלין, העניע שאַסטאַק, קלימענטי סטרזשאַלקאָווסקי זיינען איינצייטיק געווען צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייער טעטיקייט אויך אין אַנדערע שטעט.

אַנטלאָפן ביזן אורטייל זיינען: א. קרעמער, לעווינסאָן, שוואַרץ, סאַראָקאָ, מוטניק און זאַלצמאַן.

אַט דער חורבן האָט, לויט די ידיעות פון די אַגענטן, געגעבן אַ גרויסן קלאַפּ דער באַוועגונג: „די ליקווידאַציע פון 26טן יולי האָט מיט זיך אוועקגעטראָגן אַלץ, וואָס איז נאָר געווען פעיִק, ענערגיש און

שטאַרק. עס איז געוואָרן טויט־שטיל. די פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אָנהענגער פון דער באַוועגונג און צונישט געמאַכט די מינדסטע איניציאַ־טיוו" [1]. „...דעם „בונד" איז אין יולי 1898 געגעבן זייער אַ געלונגענער און גוואַלטיקער קלאַפּ. די שעפער פון דער באַוועגונג, איר נשמה, אירע באַגייסטערער זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל. די באַוועגונג איז אַזוי ווי פּאַראַליזירט געוואָרן פון שרעק און איז אָפּגעשטאָרבן" [2].

זובאַטאָוו האָט געמיינט, אַז מיט די אַרעסטן פון 26טן יולי האָט ער דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג דערלאַנגט אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ, אַז זי וועט שוין ניט קענען קומען צו זיך. ער האָט אָבער אַ גרויסן טעות געהאַט.

אין דער ווירקלעכקייט איז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין יענער צייט געווען אויף אַזוי טיף אַריינגעדרונגען, זיך איינגעוואָרצלט אין די מאַסן, אַז עס האָבן איר שוין ניט געקאָנט שאַטן די אָדער יענע צייטווייליקע פאַרלוסטן.

אינגיכן איז אויסגעשטעלט געוואָרן אַ נייע אונטערערדישע דרוק־קעריי, וועלכע האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט אַ דאָפּלטער ענערגיע.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז פון אַט די פאַרלוסטן, וואָס ער האָט געליטן, פאַרהאַרטעוועט געוואָרן און אויסגעטיילט פון זיך נייע מענגעס קעמפער פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע [3].

---

1 היסט.־רעוו. אַרכיוו, ג. פּאָליציי־דעפּאַרט., נומ' 5, טייל 48, 1998, באַזונד. אָפּט., בויגן 33.

2 דאָרט, בויגן 77.

3 אַלס מאַטעריאַל פאַר דעם קאַפּיטל וועגן דעם דורכפאַל פון 1898 האָבן אונז געדינט די ענינים פון דעם היסטאָריש רעוו.־אַרכ. פון ג. פּאָליציי־דעפּ. נומ' 310, טייל I, II, בוכשטאַבן A, Б, B, באַנדן I, II, III, IV פון 1898 יאָר, 4 ענינים, און נומ' 5, טייל 21, בוכשטאַבן A, Б, B, Г, Д, E, Ж, З, И, K, ב' I, II, III, נומ' 5, טייל 25, באַנ־ III, בוכשטאַבן A, Б, נומ' 5, טייל 48, בוכשטאַבן A, Б, B, Г, Д, E, Ж, З, Я, באַנד I—IV, 1898.

קאַפּיטל זעקס

דער צווייטער, דריטער און פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". — זייער צוזאַמענשטעל און באַשלוסן. — די נאַציאָנאַלע פראַגע אויף דעם דריטן און פערטן צוזאַמענפאָר. — די עוואָלוציע פון „בונד" אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. — די רעזאָלוציע פון דעם IV צוזאַמענפאָר וועגן דעם פעדעראַ־טיוון בוי פון דער רסדא"פּ.

אין סעפּטעמבער 1898 יאָר, אין עטלעכע חדשים אַרום נאָך די יולי־דורכפאַלן, ווען עס איז אַרעסטירט געוואָרן דער גאַנצער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר, איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". נאָך דעם אַרעסט פון דעם צ"ק איז אויף דער פריי געבליבן דוד קאַץ („טאַראַס"), וועלכער איז געווען איינער פון די טוער, וואָס זיינען געווען נאָענט צום צענטער. ער האָט אויפגעהיט די אַלטע פאַרבינדונגען און לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו צונויפגערופן דעם צווייטן צוזאַמענ־פאָר, כּדי צוריק אויפצושטעלן די צעשטערטע אָרגאַניזאַציע. אויף דעם צוזאַמענפאָר זיינען געקומען זייער ווייניק דעלעגאַטן. אויף דעם צוזאַ־מענפאָר איז קלאָר געוואָרן, אַז ניט געקוקט אויף די אַרעסטן האָט זיך די אַרבעט ניט אָפּגעשטעלט. די צאָל פון די פּראָפּאַגאַנדירטע אַרבעטער פאַר־גרעסערט זיך, די צאָל פון די לייענער פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור איז פון דעם 1897 יאָר בערך אויסגעוואַקסן אויף צוויי־דריי מאָל, די שטרייק־באַוועגונג גייט דורך מיט דעם זעלבן דערפאָלג, ווי פריער. עס איז אַרויסגערוקט געוואָרן די פראַגע וועגן די באַציִונגען צו פּפּ"ס, נאָר ווייל די פראַגע איז געווען אויסערסט וויכטיק, האָט מען דעם באַשלוס וועגן אים אָפּגעלייגט ביז דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי [1].

אין דעצעמבער פון קומענדיקן (1899) יאָר ווערט קיין קאָוונע צונויפגערופן דער דריטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". כּדי אָפּצונאַרן די

[1] „זשיזן", נומ' 2 (לאָנדאָן), אַרט. פון נ. י. „דער בונד", ז"ז 103—104.

וואכזאמקייט פון דער „אבראנע" (זיכערהייטס־אפטייל), איז אין דעם אפיציעלן ביולעטען געווען אנגעוויזן, אז דער צוזאמענפאר איז פארגעקומען אין סוף יאנואר 1900 יאר. ער האט געדויערט דריי טעג. עס האבן זיך באטייליקט א מאן פופצן: „טאראס" (דוד קאץ, פון צענטראל־קאמ.), „דזשאן" (מיל, אויסלענדישער קאמיטעט), אלבערט זאלקינד (מינסק), „זלמן" (זינגער, פון די בערשטער), צביה הורוויטש (לאדז אדער ווארשע), פ. ראזנטאל, לעווין און „אבראם" (ביאליסטאק) און אנדערע [1].

דער סדר־היום איז געווען פאלגנדיקער: 1) באריכטן פון די ארטיקע סאציאל־דעמאקראטישע קאמיטעטן: א) וועגן דעם עקאנאמישן קאמף אין יעדער שטאט, ב) וועגן דעם אנטייל פון די ארטיקע סאציאל־דעמאקראטישע קאמיטעטן אין אט דעם קאמף, ג) וועגן די מיטלען, מיט וועלכע עס באנוצט זיך יעדער סאציאל־דעמאקראטישער קאמיטעט, כדי אויסצוארבעטן דעם פאליטישן זעלבסטבאוווסטזיין אין די ארבעטער־מאסן, ד) וועגן די עקאנאמישע און פאליטישע ארגאניזאציעס אין יעדער שטאט און זייערע קעגנזייטיקע באציִונגען, ה) וועגן דעם „רויטן קרייץ" אין יעדער שטאט און וועגן זיין ארגאניזאציע; 2) דער באריכט פון דעם אויסלענדישן קאמיטעט פון „בונד"; 3) באריכט פון צענטראל־קאמיטעט פון „בונד"; 4) דער עקאנאמישער קאמף און די „שטרייק־קאסעס"; 5) דער ערשטער מאי; 6) דער נאציאנאלער פונקט פון אונזער פראגראם און אונזערע ספעציעלע פאדערונגען אלס יידן; 7) אונזער באציִונג צו דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי (פפ"ס); 8) די באציִונג צווישן דעם אוסלענדישן קאמיטעט פון „בונד" און דעם צענטראל־קאמיטעט; 9) דער כאראקטער פון די זשורנאלן „דער יידישער ארבעטער" און די „ארבעטער־שטימע"; 10) וועגן די ארטיקע ארגאנען; 11) וועגן דעם אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן קאנגרעס אין פאריז; 12) די ארגאניזאציע פון דעם צענטראל־קאמיטעט און זיינע געלט־מיטלען; 13) וואלן פון צענטראל־קאמיטעט [2].

די גרעסטע אויפמערקזאמקייט האט דער צוזאמענפאר געשענקט דער נאציאנאלער פראגע. ארום דער דאזיקער פראגע האט זיך אנטוויקלט א גרויסע דעבאטע. דער רעפערענט פון דער נאציאנאלער פראגע איז געווען „דזשאן". ער האט פארטיידיקט דעם געדאנק, אז ס'איז נייטיק

1 זאמלבוך „רויטער פנקס" I, פארלאג „קולטור־ליגע", קיעוו (איבערגעדרוקט אין ווארשע), ארטיקל פון פ. ראזנטאל „דער ביאליסטאקער פעריאד פון „בונד".

2 „ראבאטשעיע דיעלא", נומ' 7 (1900), זשענעווע, ז"ז 45—46.

און ס'איז צייט אוועקצושטעלן אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע וועגן פאַרברייטערן דעם פונקט פון דער בונדישער פּראָגראַם מיט דעם אַרויס־שטעלן ספּעציעלע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון דעם יידישן פּראָלע־טאַריאַט און פאַרבייטן די פאָדערונג פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג מיט דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג.

„דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, — זאָגט דזשאָן, — דאַרף אַחוץ די גלייכע בירגערלעכע רעכט אויך פאָדערן גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט. עס איז ווייניק צו האָבן בירגערלעכע רעכט אויף דעם, אַז דער יידישער פּראָ־לעטאַריאַט זאָל קענען פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן. מיר זעען, אַז ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אין דייטשלאַנד האָבן אַלע בירגער, לויטן געזעץ נאָך, גלייכע רעכט, קאָן דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט זיך ניט באַנוצן מיט זיי אין דער מאָס, אין וועלכער עס באַנוצט זיך מיט זיי דער דייטשי־שער. דער פּוילישער אַרבעטער האָט פּונקט אַזוי ווי דער דייטשישער דאָס רעכט איינצואָרדענען פאַרזאַמלונגען, אָבער אויף די פאַרזאַמלונגען מוזן די דעבאַטן געפירט ווערן אויף דער דייטשישער שפּראַך, ד"ה די יעניקע, וואָס קענען ניט אַרויסזאָגן זייערע געדאַנקען אויף דייטש, האָבן פאַקטיש ניט דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין דער פאַרזאַמלונג. אויב דאָס איז מעגלעך בנוגע דעם פּוילישן אַרבעטער אין דייטשלאַנד, איז עס אַוודאי מעגלעך בנוגע דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד. וואָס־זשע פאַר אַ נוצן, פרעגט זיך, וועט דעם יידישן אַרבעטער געבן די פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, אויב אויף אַט די פאַרזאַמלונגען וועט ער מוזן ריידן אויף רוסיש, ד"ה אויף אַ שפּראַך, וואָס איז ניט פאַרשטענדלעך דער גרעסטער מערהייט פון די יידישע אַרבעטער? אויב די יידישע שפּראַך וועט ניט האָבן די זעלבע רעכט, ווי די רוסישע, וועט די פרייהייט פון פאַרזאַמלונ־גען פאַר דעם יידישן אַרבעטער זיין ניט מער, ווי אַ שיינע פראַזע..."

„ווייטער, — האָט דזשאָן געזאָגט, — דאַרפן מיר ניט פאַרגעסן, אַז דער „בונד" איז ניט קיין צייטווייליקע אָרגאַניזאַציע: עס קאָן זייער זיין, אַז די אומשטענדן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם יידישן אַרבעטער־„בונד", וועלן נאָך זייער לאַנג עקסיסטירן, און נאָך אַ לאַנגע צייט וועט זי עק־סיסטענץ פון דעם „בונד" זיין נייטיק פאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. מיר דאַרפן אַרויסשטעלן אויך אַזעלכע פאָדערונגען, וועלכע וועלן נייטיק זיין פאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט ערשט אין אַ צייט אַרום, פּונקט אַזוי ווי יעדע פּאַרטיי שטעלט אַרויס אין איר פּראָגראַם אַזעלכע פאָדע־רונגען, וועלכע קאָנען אין דעם איצטיקן מאָמענט ניט באַפרידיקט ווערן"[1].

[1] דאָרט, ז"ז 51—52.

דער גרעסטער טייל פון די דעלעגאטן האט זיך אבער באצויגן נעגא־טיוו צו דזשאנס פארשלאג. זייער קעגנערשאפט איז באשטאנען אין דעם, אז „מען מוז אויסמיידן אזעלכע פאדערונגען, וועלכע קאנען אפווענדן די אויפמערקזאמקייט פון דעם פראלעטאריאט פון זיינע קלאסן־אינטערעסן לטובת זיינע נאציאנאלע אינטערעסן". די נאענטע אויפגאבן פון דער סאציאל־דעמאקראטיע איז דאס ארפווארפן די זעלבסטהערשונג, אן אויפגאבע, אין וועלכער עס איז פאראינטערעסירט דער אלרוסלענדישער פראלעטאריאט אן אונטערשייד פון נאציאנאליטעט, דעריבער דארף מען זען אויסמיידן יעדע צעברעקלונג פון אונזערע כוחות, וואס קאן זיך זייער גריילעך טרעפן, ווען מיר וועלן שענקען אונזער אויפמערקזאמקייט די נאציאנאלע פאדערונגען. דאס קאן נאר פארשווערן דאס דערפילן פון אונ־זער נאענטסטער אויפגאבע — דאס ארפווארפן פון דעם צאריזם.

דער צוזאמענפאר האט באשלאסן צו לאזן די נאציאנאלע פראגע אין דער פראגראם פון „בונד" אין איר פריערדיקער פארמולירונג, דהיינו, אז דער „בונד" שטעלט ארויס צוזאמען מיט אלע זיינע פאדערונגען בלויז די פאדערונג פון די בירגערלעכע רעכט, און ניט פון נאציאנאלע.

בכלל האט דער צוזאמענפאר, — לויט די ווערטער פון פ. ראזנ־טאלן, — אויף אים געמאכט ניט קיין גוטן איינדרוק. עס האט זיך ניט געזען, אז מען זאל פריער זיך געווען גרייטן צו אים. די פראגן, וואס זיינען געשטאנען אויף דעם סדר־היום, זיינען אויף די ערטער פריער ניט באהאנדלט געווארן. אפילו די פראיעקטן פון די רעזאלוציעס זיינען אויך פריער ניט צוגעגרייט געווארן [1]. דאס אלץ דערקלערט זיך געווים מיט די באדינגונגען פון דער קאנספיראטיווער ארבעט און דער אייליקייט, מיט וועלכער מען האט געמוזט צונויפרופן דעם דריטן צוזאמענפאר.

מיר ברענגען דא די רעזאלוציעס, וואס זיינען אנגענומען געווארן אויפן דריטן צוזאמענפאר.

I. וועגן עקאנאמישן קאמף און די שטרייק־קאסעס [2]

דער צוזאמענפאר קוקט אויף דעם עקאנאמישן קאמף, ווי אויף איינעם פון די מיטלען אויף צו אנטוויקלען דעם פאליטישן און קלאסן־באַ־ווּסטזיין פון דער ארבעטער־מאסע.

---

[1] זאמלבוך „רויטער פנקס", I, פ. ראזנטאל, „זכרונות וועגן ביאליסטאקער פעריאד".

[2] „ראבאטשעיע דעלא", נומ׳ 7, אויגוסט 1900, זשענעווע, ז"ז 49—55.

וואָס שייך די שטרייק־קאַסעס, קאָן דער צוזאַמענפאָר ניט אָננעמען קיין שום אַלגעמיינעם באַשלוס פאַר אַלע פאַכן און אַלע שטעט.

II. וועגן ערשטן מאַי

נעבן יעדער שטאָט באַזונדער די פולע פרייהייט, ווי אַזוי צו פייערן דעם ערשטן מאַי.

דער צענטראַל־קאָמיטעט לאָזט אַרויס אין נאָמען פון „בונד" אַן אויפרוף צו דעם ערשטן מאַי.

אין די דאָזיקע אויפרופן דאַרפן אַרויסגעשטעלט ווערן פאָלגנדיקע פאָדערונגען: אַן אַכט־שעהדיקער אַרבעטסטאָג, פּאָליטישע פרייהייט, די בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן.

חוצדעם דאַרף מען אין זיי פּראָטעסטירן קעגן דעם פּאָליציייִשן ווילקיר. אויב די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי וועט פאַרשפּרייטן אַן אַלגעמיינעם אויפרוף, דאַרף דער „בונד" פאַרשפּרייטן אויך דעם דאָזיקן אויפרוף אויף יידיש. אויב עס וועט מעגלעך זיין אַרויסצולאָזן צום ערשטן מאַי אַ ספּעציעלן נומער פון דער „אַרבעטער־שטימע", האַלט דער צוזאַמענפאָר פאַר איבעריק אַרויסצולאָזן אַ ספּעציעלע בראָשור צום ערשטן מאַי.

אין די אָרטיקע פּראָקלאַמאַציעס דאַרף מען צווישן די איבעריקע פאָדערונגען אויך אַרויסשטעלן די פאָדערונג וועגן אַ 10שעהדיקן אַרבעטסטאָג און דערביי אָנווייזן, אַז דער ציל איז אַן 8־שעהדיקער אַרבעטסטאָג.

די שטעט, וואָס פאַרשפּרייטן אייגענע פּראָקלאַמאַציעס צום ערשטן מאַי, דאַרפן אויך פאַרשפּרייטן די פּראָקלאַמאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט.

III. די נאַציאָנאַלע פראַגע

דער „בונד" שטעלט אַרויס צווישן זיינע אַלע פּאָליטישע פאָדערונגען די פאָדערונג בלויז וועגן בירגערלעכער, אָבער ניט נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג.

כּדי צו געבן אַלע חברים די מעגלעכקייט זיך אַרויסצוזאָגן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווערט אין דעם „יידישן אַרבעטער" געעפנט אַן אָפּטיילונג אונטערן נאָמען „דיסקוסיע", אין וועלכער עס וועט ווערן באַהאַנדלט די נאַציאָנאַלע פראַגע. פאַר יעדער אַרויסגעזאָגטער מיינונג וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך דער אויטאָר.

IV. וועגן די באַציִונגען צו דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי

אויפּעפענען אין דעם „יידישן אַרבעטער" אַ פרייע דיסקוסיע, וווּ יעדער אויטאָר וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מיינונגען וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. היות דער „בונד" איז נייטיק אויף צו אַנטוויקלען דעם קלאַסן־באַוווּסטזיין פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, און היות די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי באַמיט זיך מיט אירע אָנפאַלן אָפּצושוואַכן זיין זעלבשטענדיקייט און אונטערגראָבן זיין עקסיסטענץ, באַשליסט דער צוזאַמענפאָר צו קעמפן קעגן אָט דער טאַקטיק פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט אַלע מיטלען.

V. די באַציִונגען צווישן דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע און דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דעם יידישן אַרבעטער־„בונד" אין רוסלאַנד און פּוילן

דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן, אַז די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע בלייבט, אַזוי פריער, אונזער (דעם „בונדס") פאָרשטייער אין אויסלאַנד און גיט אַרויס דעם אָרגאַן „דער יידישער אַרבעטער" אין נאָמען פון „בונד"; אויף איר לייגט דער צוזאַמענפאָר אַרויף די התחייבות אויסצוקלייבן אַ דעלעגאַציע פון „בונד" צו דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס וועט פאָרקומען אין פּאַריז. דערביי האָט דער צוזאַמענפאָר אויסגעדריקט זיין ווונטש, אַז צו דעם קאָנגרעס זאָל צוגעשטעלט ווערן אַ באַריכט לויט די ידיעות פון די אָרטיקע פאָרשטייער און לויט די מאַטעריאַלן, וועלכע וועלן צוגעשטעלט ווערן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט.

VI. דער כאַראַקטער פון די צייטונגען: „דער יידישער אַרבעטער" און „אַרבעטער־שטימע"

דער צוזאַמענפאָר באַשליסט: „דער יידישער אַרבעטער" דאַרף ווייטער טראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער, וואָס ביז אַהער. די אָפּטיילונג „וואָס הערט זיך אין רוסלאַנד" אין „יידישן אַרבעטער" האַלט דער צוזאַמענפאָר פאַר איבעריק. „דער יידישער אַרבעטער" דאַרף דערהויפּט געבן וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען און אַרטיקלען וועגן דעם לעבן אין אויסלאַנד. די קאָרעספּאָנדענץ פון רוסלאַנד וועגן דעם טאָג־טעגלעכן רעוואָלוציאָנערן קאַמף איז אינגאַנצן איבעריק.

VII. וועגן די אָרטיקע אָרגאַנען

כּדי צו באַפרידיקן די פאָדערונג אויף אַגיטאַציע־צייטונגען רעקאָמענדירט דער צוזאַמענפאָר די אָרטיקע קאָמיטעטן, זיי זאָלן אַרויסגעבן אָרטיקע צייטונגען. דאָס איז שוין באַשלאָסן געוואָרן אויף דעם פאַריקן צוזאַמענפאָר. צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים האָט מען געפונען פאַר נייטיק ניט צו פאַרעפנטלעכן דעם דאָזיקן באַשלוס, און דאָך איז ער דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן. די דאָזיקע אָרגאַנען דאַרפן זיך פאַרנעמען בלויז מיט די פראַגן, וועלכע האָבן אַ שייכות צום לעבן פון דער אָרטיקער אַרבעטער־מאַסע.

נאָכדעם איז אויסגעקליבן געוואָרן דער צענטראַל־קאָמיטעט.

אין סוף חודש מאַי 1900 ווערט אין ביאַליסטאָק צונויפגערופן דער IVטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". עס זיינען געקומען 24 דעלעגאַטן: לעווין און אננא ראָזנטאַל (ביאַליסטאָק), אהרון ווייינשטיין (ווילנע), קאָפּלינסקי (דווינסק), ליבער (מיכאַיל גאָלדמאַן, פון לאָדז), חיים זאַקאָן (וואַרשע), אַלטער (בערדיטשעוו), י. מיצקון (זשיטאָמיר), באַטווינניק (גראָדנע), „פּייווּל" (אַ שוסטער, קאָוונע), א. פּאָרטנאָי („נח") און פּ. ראָזנטאַל (צענטראַל־קאָמיטעט), פאָרשטייער פון וויטעבסק און מינסק, פון די לעדער־אַרבעטער — אַבראַם, פון די בערשטער — זלמן (זינגער), צוויי דעלעגאַטן פון האָמעל, איינער פון זיי איז געווען אַבעזגוז, סערגיי נעמאַנסקי (זעלדאָוו) און אַנד.[1]

דאָס צענטראַלע אָרט אויף דעם צוזאַמענפאָר האָט פאַרנומען די נאַציאָנאַלע פראַגע. אַרום אָט דער פראַגע האָט אויסגעבראָכן אַן אמתע מלחמה. אַלע דעלעגאַטן האָבן מסכּים געווען, אַז יעדע נאַציע „האָט, אַחוץ דער שטרעבונג צו פּאָליטישער, בירגערלעכער און עקאָנאָמישער פרייהייט און פולבאַרעכטיקונג, אויך נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, וואָס באַשטייען אין דעם, אַז אירע אייגנאַרטיקע און נאָענטע באַזונדערקייטן: די שפּראַך, טראַדיציעס, לעבנס־פאָרמען די קולטור בכלל, זאָלן האָבן די פולע פרייהייט פון עקסיסטענץ. הייסט דאָס, אַז דער „בונד" דאַרף, אין הסכּם מיט דעם גייסט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — קעמפן ניט נאָר מיט דער קלאַסן־, פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אונטערדריקונג, נאָר אויך מיט דער נאַציאָנאַלער". ווייטער, איז קיינער ניט געווען קעגן, אַז דער געדאַנק וועגן דעם, אַז דער פּאַראַגראַף פון דעם מאַניפעסט פון דער רסדא"פּ, וואָס זאָגט, אַז יעדע נאַציע האָט דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג, איז צו קורץ

---

1 ציטירטער אַרטיקל פון פּ. ראָזנטאַל אין „רויטן פּנקס".

און פאָדערט אַ מער גענויע אויפקלערונג. „אין אַזאַ לאַנד, ווי רוסלאַנד, ווו עס וווינען אַזוי פיל נאַציאָנאַליטעטן, קען די פראַגע וועגן זיי, אויב מען קאָן זי פאַרענטפערן, געלייזט ווערן נאָר אויף די יסודות, וועלכע זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף דעם בריגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָנגרעס בנוגע עסטרייך, וואָס דערמאָנט אַדאַנק איר פאַרשיידנפעלקערי־שער באַפעלקערונג רוסלאַנד. זי מוז זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פעדעראַציע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, מיט אַ פולער אווטאָנאָמיע פון יעדערער פון זיי אין די אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער נאַציאָנאַליטעט (שפראַך, בילדונג, קונסט אאַז״וו)״.

חילוקי־דעות אויף דעם פערטן צוזאַמענפאָר זיינען אַרויסגערופן געוואָרן ביים באַהאַנדלען די פראַגע, וואָס פאַר אַ ראָלע די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם דאַרף שפּילן אין דער פּראָפּאַגאַנדע און אין די פאָדערונגען פון „בונד״.

ליבער, וועלכער האָט אויף דעם פערטן צוזאַמענפאָר פאַרנומען די ראַדיקאַלסטע פּאָזיציע, האָט, פונקט אַזוי ווי דזשאָן אויף דעם דריטן צוזאַמענפאָר, פאַרגעלייגט צו פאַרבייטן די פאָדערונג וועגן בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג אויף דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכ־טיקונג. דערביי האָט ער איבערגעחזרט דזשאָנס מאָטיוון און פון זיין זייט צוגעגעבן: „אַלס דעם נאָענטסטן מינימום קאָן מען זיך באַפרידיקן מיט דער בירגערלעכער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג, אָבער אַלס מאַק־סימום מוז מען אַרויסשטעלן די פאָדערונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע... אונזער אויפגאַבע, וואָס איז שוין לאַנג צייטיק געוואָרן, און איז צום באַדויערן ביז היינט געשטעלט געוואָרן אין שאָטן, איז אין צוצוגרייטן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו דער נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע, צו אַנטוויקלען אין אים דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין. ביז איצט זיינען מיר אין אַ געוויסער מאָס געווען קאָסמאָפּאָליטן, — מיר מוזן ווערן נאַציאָנאַל. מורא האָבן פאַר אָט דאָס וואָרט איז נישטאָ וואָס. נאַציאָנאַל הייסט ניט נאַציאָנאַליסטיש. ווען וועלכער ניט איז קלאַס אָנערקענט זיין צוגעהעריקייט צו אַ באַשטימטער נאַציע, ווערט ער נאַציאָנאַל (למשל ווי די בעלגישע נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי); נאַציאָנאַליסטיש ווידער הייסט דער כּלל פון אַלע קלאַסן, אָדער די הערשאַפט פון איין נאַציע איבער דער אַנדערער. דער רעדנער האָט שטאַרק געפאָדערט, אַז דער „בונד״ זאָל סיי מינדלעך סיי אין דער ליטעראַטור פירן אַ פאַרשטאַרקטע נאַציאָנאַלע אַגיטאַציע און קענטיק אונטערשטרייכן די באַזונדערע, אונטערדריקטע לאַגע פון דער יידישער נאַציע, הויך פּראָטעסטירן קעגן אָט דער אונטער־

הדיקונג, זיך באקענען מיט דעם נאציאנאלן קאמף אין מערב־אייראפע, מיט איין ווארט, צוזאמען מיט דער אגיטאציע אויפן עקאנאמישן און פאליטישן באדן, זי אויך ברייט פירן אויף דעם נאציאנאלן. ער האט פארזיכערט, אז זי קאן בלויז אויפהייבן דעם פאליטישן באוווסטזיין און וועט אויף א האר ניט שטערן דעם קלאסן־באוווסטזיין, זי וועט אויך ניט ברענגען די אפגעזונדערטקייט" [1].

פונקט א פארקערטע שטעלונג האבן פארנומען פ. און א. ראזנטאל, לעווין, אבראם און אנד. „אין קעגנזאץ צו זייערע קעגנער, וועלכע האבן פארזיכערט, אז די נאציאנאלע פראגע ווערט אויפגעהויבן און ארויסגערוקט דורך דער יידישער ארבעטער־מאסע גופא, אדאנק דער ניט נארמאלער לאגע פון דעם יידישן פאלק, האבן זיי אנגעוויזן, אז די פרווון אנצוווארפן אויף דער יידישער ארבעטער־באוועגונג דעם נאציאנאלן שטראם שטאמט פון אויסלאנד, ווו די פראגע איז טאקע א ברענענדיקע און אן אקטועלע, אין דער צייט, וואס ביי אונז איז זי ביי איצטיקן מאמענט פרעמד דער מאסע, און די שטרעבונג קינסטלעך און פרייצייטיק זי ארויסצורופן וועט, אחוץ שאדן, גארנישט ניט ברענגען" [2].

דער צענטער בנוגע דער דאזיקער פראגע איז באשטאנען פון ווייַנשטיינען, זאקאנען, פארטנאיען און אנדערע. זיי זיינען ארויסגעטראטן קעגן דעם, אז די נאציאנאלע פראגע איז אראפגעבראכט געווארן צו אונז פון דרויסן, איז אונז אנגעווארפן פון אויסלאנד. „זאל זיין, אז די איניציאטיוו איז פון דארטן, אבער דער באדן גופא פאר אט דער פראגע איז געשאפן געווארן אדאנק די באדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט דער יידישער פראלעטאריאט אין רוסלאנד, אדאנק זיין רעכטלעכער און געזעלשאפטלעכער לאגע. די אומשטענדן, וועלכע האבן אין רוסלאנד ארויסגערופן דעם ציוניזם, און האבן געשאפן די פארשיידענע נאציאנאלע סאציאליסטישע פארטייען, האבן פריער אדער שפעטער געמוזט שטעלן אויך אויף דעם סדר־היום פון „בונד" די יידישע נאציאנאלע פראגע. דאס, וואס מען ווייזט אן, אז זי איז פרעמד דער מאסע, איז ניט מער, ווי א בויך־סברא און קאן קיינעם ניט איבערצייגן. פארקערט, די מאסע, ווי עס האט פריער גאנץ ריכטיק אנגעוויזן איינער פון די רעדנער פון אנדערן צד, איז אפילו צו נאציאנאליסטיש געשטימט, און די אויפגאבע פון דער סאציאל־דעמאקראטיע איז אויפצוקלערן, אז דער אמתער נאציא־

---

1 „4טער צוזאמענפאר פון אלגעמיינעם יידישן ארבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד". פארלאג פון „בונד", זשענעווע, 1901, ז' 12.

2 דארט.

נאַליזם איז ניט קיין שאָוויניזם. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד ליידט ניט נאָר אַלס פּראָלעטאַריאַט בכלל, נאָר אויך אַלס יידישער, אַלס אַזעלכער, וואָס געהער צו אַ נאַציע, וואָס ווערט אין רוסלאַנד פאַרפאָלגט. זיין נאַציאָנאַלן יאָך וועט ער ערשט דעמאָלט אַראָפּוואַרפן, ווען ער וועט זיך דערוויסן די סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען אָט דעם יאָך, און אונזער חוב איז צו העלפן אויסאַרבעטן אָט דעם באַוווסטזיין, דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין. מיט דעם אָ טערמין מיספּרויכט מען אָפט, אַריינלייגנדיק אין אים אַ ריין בורזשואַזן זינען, אַדאַנק דעם איז זייער לייכט צו דערווייזן, אַז די אַנטוויקלונג פון דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין ווירקט שעדלעך אויף דעם קלאַסן־באַוווסטזיין. און דאָ דאַרף מען, בנוגע דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, אונטער דעם פאַרשטיין: באַוווסטזיין פון דעם, אַז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס געהער צו אָט דער נאַציע, באַוווסטזיין פון אונטערדריקונג, וואָס נעמט זיך פון אָט דעם פאַקט, און דאָס באַוווסטזיניקע שטרעבן זי אַראָפּצוואַרפן (די אונטערדריקונג) און אויסקעמפן אַזעלכע פּאָליטישע רעכט, ביי וועלכע די אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט זאָל ניט אָנטרעפן אויף קיין שום שטערונגען. אויף אַזאַ אופן געפינט זיך די אַנטוויקלונג פון אַזאַ זעלבסטבאַוווסטזיין ניט אין קיין שום סתירה מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן באַוווסטזיין בכלל. פאַרקערט, דאָס לעצטע איז ניט מעגלעך אָן דעם ערשטן. און אַרבעטנדיק פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידעען און פּראָטעסטירנדיק קעגן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונגען, ווי אויף איינעם פון די אופנים פון אונטערדריקונג אין דער איצטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אַרבעטן מיר אין דער זעלבער צייט אויך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין. און מער אין דער ריכטונג קאָנען מיר און דאַרפן ניט טאָן, אויב מיר ווילן באמת ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין נאַציאָנאַליסטן" [1].

די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דעם צוזאַמענפאָר, שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָמפּראָמיס פון אָט די דריי שטרעמונגען.

דער פערטער צוזאַמענפאָר האָט געענדערט די אָנשויונגען פון „בונד" אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אין די ערשטע יאָרן פון „בונד" איז פאַר אים גאָרנישט געשטאַנען די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם. די בונדיסטן האָבן זיך באַנוגנט מיט דער נאַיִוער פאָרשטעלונג, אַז די באַוועגונג גופא איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, און מיט דעם פאַלן פון דעם צאַריזם וועט

---

[1] דאָרט, ז"ז 12—13.

אויך פאַלן די יידישע אונטערדרקונג און די יידישע רעכטלאָזיקייט, און ממילא וועט שוין ניט זיין די באַדערפעניש אין א באַזונדער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. אויף זייער אָרגאַניזאַציע האָבן זיי ממילא געקוקט, ווי אויף אַזעלכער, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אדאנק צייטווייליקע סיבות, און ווען זיי וועלן באַזייטיקט ווערן, וועט זי ממילא פאַרשווונדן ווערן. נאָר מיט דער צייט האָבן די דאָזיקע פּאַרשטעלונגען אָנגעהויבן אַרויסגעשטויסן צו ווערן. עס האָבן זיך געלאָזט הערן נאַציאָנאַליסטישע שטימען און סוף־כל־סוף האָבן אָט די וואַקלענישן זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס מען האָט אַריינגענומען אין דער פּראָגראַם פון „בונד" די פאָדערונג וועגן א נאַציאָנאַל־קולטורעלער אווטאָנאָמיע.

די צווייטע וויכטיקע רעזאָלוציע פון דעם פערטן צוזאַמענפאָר איז דער באַשלוס, אַז די רסדא"פ דאַרף זיין געבויט אויף פעדעראַטיווע יסודות. דאָס האָט אַרויסגערופן א גרויסן קאַמף צווישן „בונד" און דער „איסקרא", וועלכער האָט זיך סוף־כל־סוף פאַרענדיקט דערמיט, וואָס דער „בונד" איז אַרויסגעטראָטן פון דער רסדא"פ. גענויער וועגן אָט דער פראַגע וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ווייטער, אין דעם קאַפּיטל וועגן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדא"פ.

דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציעס:

I. וועגן שטרייקן

אָנערקענענדיק ווי פריער די שטרייקן אַלס איינע פון די וויכטיקסטע מיטלען אויף צו אַנטוויקלען דעם פּאָליטישן און קלאַסן־באַוווסטזיין פון די אַרבעטער־מאַסן און פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע, געפינט דאָך דער צוזאַמענפאָר פאַר נייטיק צו רעקאָמענדירן די קאָמיטעטן פאָלגנדיקע פּרינציפּן:

א) אָנווענדן דעם הויפּט־שטראָם פון די שטרייקן אין יענע צווייגן פון דער אינדוסטריע, וועלכע זיינען נאָך ניט פאַרכאַפּט דורך דער באַוועגונג אָדער דאָרט, ווו די אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען לפי־ערך אָפּגעשטאַנען.

ב) אין די פאַלן, ווען די באַלעבאַטים פּרוּוון זיך צו פאַרערגערן די עקסיסטירנדיקע באַדינגונגען, אָדער בטל מאַכן די אויסגעקעמפטע פאַרבעסערונגען, דאַרף מען זען אָנווענדן אַלע מיטלען און קרעפטן דאָס ניט צו דערלאָזן.

ג) אין די צווייגן פון דער אַרבעט, ווו דורך די שטרייקן איז לויט די באַדינגונגען פון דער שטאָט און דער צייט דערגרייכט געוואָרן דער

מאקסימאלער רעזולטאט אין זין פון פארבעסערן די ארבעטס־באדינגונגען און א געוויסע שטופע פון פאליטישן און קלאסן־באוווסטזיין — דארף מען זיין זייער פארזיכטיק ביים ארגאניזירן נייע שטרייקן.

II. עקאנאמישער טעראר

היות, ווי דער עקאנאמישער טעראר, סיי בנוגע די באלעבאטים, סיי בנוגע די שטרייקברעכער, פארטונקלט דעם סאציאל־דעמאקראטישן באַוווסטזיין פון די ארבעטער, דערנידעריקט זייער מאראלישן ניווא און דיסקרעדיטירט די ארבעטער־באוועגונג, — זאגט זיך דער צוזאמענפאר ארויס קעגן דעם עקאנאמישן טעראר.

III. וועגן די מיטלען קעגן די פאליציי־רעפרעסיעס

דער צוזאמענפאר רעקאמענדירט פאלגנדיקע מיטלען פון קאמף קעגן די פאליציי־רעפרעסיעס:

א) זיך באקלאגן לויטן געזעץ אין פאל פון וועלכער ניט איז רעפרעסיע.

ב) פובליקירן די פאקטן וועגן די פאליציי־רעפרעסיעס אין דער אויסלענדישער סאציאליסטישער און ניט־סאציאליסטישער פרעסע און אין די רוסישע און פוילישע אומלעגאלע אויסגאבן, און ווען דאס איז מעגלעך אויך אין די לעגאלע.

ג) ארויסלאזן פראקלאמאציעס צו דער ארבעטערשאפט און צו דער געזעלשאפט;

ד) אין אויסערגעוויינלעכע פאלן פון רעפרעסיעס איינארדענען דעמאנסטראציעס און פראטעסטן.

IV. וועגן דעמאנסטראציעס

אנערקענענדיק, ווי פריער, די גרויסע באדייטונג פון דעמאנסטראציעס און רעקאמענדירנדיק ווייטער באנוצן זיך מיט זיי, אלס קאמפס־מיטל, לייגט דער צוזאמענפאר פאר:

א) שטענדיק זיי ארגאניזירן;

ב) צוגעוווינען די מאסע צו קומען אויף דעמאנסטראציעס בלויז אין די פאלן, ווען די ארגאניזאציע רופט זיי;

ג) אין אויסערגעוויינלעכע פאלן איינארדענען דעמאנסטראציעס אומאפהענגיק פון דעם הסכם פון די קריסטלעכע ארגאניזאציעס, נאר רופן אויף זיי אויך די קריסטלעכע ארבעטער.

V. וועגן די מיטלען פון דעם פּאָליטישן קאַמף

דער בעסטער מיטל אויף אַריינצוציען די ברייטע מאַסן אין דער באַוועגונג איז דער עקאָנאָמישער קאַמף, אויפן באָדן פון וועלכן מ'דאַרף אַנטוויקלען די פּאָליטישע אַגיטאַציע, אויסברייטערנדיק זי אויסער די ראַמען פון דעם עקאָנאָמישן קאַמף, ס'איז אָבער ניט דורכאויס נייטיק צו פירן פון סאַמע אָנהייב די פּאָליטישע אַגיטאַציע בלויז אויפן באָדן פון דער עקאָנאָמישער.

אַלס מיטלען פון פּאָליטישן קאַמף האָט דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט:

א) די פּאָליטישע (מינדלעכע און שריפטלעכע) אַגיטאַציע;

ב) פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס;

ג) שטרייקן פון דעם ערשטן מאַי מיט אַרויסשטעלן פּאָליטישע פאָדערונגען.

וואָס שייך דעם טעראָר, אָנערקענט דער צוזאַמענפאָר, אַז

ד) די אָ ר ג א נ י ז א צ י ע ס דאַרפן ניט אָנווענדן דעם פּאַרטיי־דיקונגס־טעראָר אויף אָפּצוזאַמען פּראָוואָקאַטאָרן און באַזונדערס שעד־לעכע שפּיאָנען;

ה) אַז דער אָנגרייפנדיקער טעראָר, ווי אַ מיטל פון פּאָליטישן קאַמף, ווערט אָנערקענט פאַר ניט צייטמעסיק.

אָנערקענענדיק די נייטיקייט איבערצוגיין צו אַ מער אינטענסי־ווער פּאָליטישער אַגיטאַציע, רעקאָמענדירט דער צוזאַמענפאָר אויף צו אַנטוויקלען דעם פּאָליטישן באַוווסטזיין, פאָלגנדע פּראַקטישע מיטלען:

א) צוגעבן די אָרטיקע אָרגאַנען אַ מער פּאָליטישן כאַראַקטער;

ב) אין פאַל, ווען די טעראָריסטישע אַקטן חזרן זיך איבער, דאַרף מען זיך מיט זיי באַנוצן אויף צו אַנטוויקלען דורך פּראָקלאַמאַציעס דעם פּאָליטישן באַוווסטזיין;

ג) אָפּרופן זיך אויף אַלע פּאָליטישע און אַלגעמיינע געשעענישן, וואָס קענען אויסגענוצט ווערן אויף פּאָליטישער אַגיטאַציע, מיט אָרטיקע פּראָק־לאַמאַציעס, אויב דער צ"ק וועט ניט אָנערקענען די געשעעניש אויף אַזוי־פיל וויכטיק, ער זאָל זיך אָפּרופן מיט אַן אַלגעמיינער פּראָקלאַמאַציע.

ד) אָפּטער איינאָרדענען פּאָליטישע פייערונגען און זען, אַז די פּאָ־ליטישע קאַסעס זאָלן זיך פאַרגרעסערן;

ה) באַקעגנען אין אַ גרעסערער מאָס מיט די עקסיסטירנדיקע מלוכהשע און עזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און מיט זייערע חסרונות.

ביים באהאנדלען די פראגע וועגן דעם פאליטישן קאמף איז פאר־געלייגט און איינשטימיק אנגענומען געווארן פאלגנדיקע רעזאלוציע וועגן די פעברואר־ און מערץ־געשעענישן פון אט דעם יאר:

„דער צוזאמענפאר דריקט אויס די סאלידארישקייט פון דעם גאנצן ארגאניזירטן יידישן פראלעטאריאט מיט אונזערע רוסישע חברים אין זייער קאמף קעגן דער פאליטישער רעכטלאזיקייט פון די מאסן, וועלכע האט זיך דעריהויפט אינטענסיוו ארויסגעוויזן אין די לעצטע חדשים אין פעטערבורג, מאסקווע, קיעוו, כארקאוו און אין אנדערע שטעט. חוץ־דעם דריקט דער צוזאמענפאר אויס זיין סימפאטיע דער גאנצער סטו־דענטנשאפט, וואס קעמפט פאר דער אקאדעמישער פרייהייט און קעגן דעם פאליציייִשן ווילקיר".

VI. די נאציאנאלע פראגע אין דער פראגראם און טאקטיק פון „בונד"

דער צוזאמענפאר אנערקענט, אז לויטן זין פון דער סאציאל־דע־מאקראטישער פראגראם קאן ניט געמאלט זיין קיין שום אונטערדריקונג ניט נאר פון איין קלאס בנוגע דעם צווייטן, ניט נאר פון דער רעגירונג בנוגע די בירגער, נאר אויך פון איין נאציע בנוגע דער אנדערער, די הער־שאפט פון איין שפראך איבער דער אנדערער.

דער צוזאמענפאר אנערקענט, אז אזא מלוכה, ווי רוסלאנד, וואס באשטייט פון א מענגע פארשיידענע נאציאנאליטעטן, דארף זיך אין דער צוקונפט פארוואנדלען אין א פעדעראציע פון נאציאנאליטעטן מיט פולער נאציאנאלער אווטאנאמיע פאר יעדערער פון זיי, אומאפהענגיק פון דער טעריטאריע, אויף וועלכער זי וווינט.

דער צוזאמענפאר אנערקענט, אז דער באגריף „נאציאנאליטעט" קאן אנגעווענדט ווערן בנוגע דעם יידישן פאלק.

האלטנדיק דאך פאר פריצייטיק ביי די איצטיקע באדינגונגען ארויסצושטעלן די פאדערונג וועגן נאציאנאלער אווטאנאמיע פאר די יידן, געפינט איצט דער צוזאמענפאר פאר גענוגנד צו קעמפן פאר דעם אפשאפן די אלע אויסנאם־געזעצן קעגן די יידן, אנווייזן און פראטעס־טירן קעגן דער אונטערדריקונג פון דער יידישער נאציע, אויסמיידנדיק דעם פונאנדערבלאזן פון דעם נאציאנאלן געפיל, וואס קאן בלויז פאר־טונקלען דעם קלאסן־באוווסטזיין פון דעם יידישן פראלעטאריאט און פירן אים צום שאוויניזם.

VII. יועגן ענדערן דעם נאָמען פון „בונד"

ענדערן דעם איצטיקן נאָמען פון „בונד" אויף: „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד".

VIII. יועגן דער באַציִונג פון „בונד" צו דער ציוניסטישער באַוועגונג

דער צוזאַמענפאָר רעכנט דעם ציוניזם אַלס רעאַקציע פון די בור־זשואַזע קלאַסן קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און דער אומנאָרמאַלער רעכט־לאָזער לאַגע פון דעם יידישן פאָלק.

דער צוזאַמענפאָר געפינט, אַז דער ענדציל פון דעם פּאָליטישן ציוניזם — דאָס שאַפן אַ טעריטאָריע פאַר דעם יידישן פאָלק — אויף וויפיל זי וועט קאָנען אויפנעמען נאָר אַ קליינעם טייל פון דעם פאָלק, — איז אַן ענין, וואָס האָט ניט קיין גרויסע באַדייטונג און קאָן ניט פאַרענטפערן די „יידן-פראַגע", און אויף וויפיל מען פּרעטענדירט צו קאָנצענטרירן אויף איר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, אָדער לכל-הפּחות דעם גרעסטן טייל — פאַר אַן אוטאָפּיע, וואָס קאָן ניט פאַרווירקלעכט ווערן.

דער צוזאַמענפאָר האַלט, אַז די אַגיטאַציע פון די ציוניסטן בלאָזט פונאַנדער דעם נאַציאָנאַלן געפיל און קאָן זיין אַ שטער פאַר דער אַנט־וויקלונג פון דעם קלאַסן-באַוווסטזיין.

וואָס שייך דער קולטורעלער טעטיקייט פון אייניקע ציוניסטישע גרופּעס, באַציט זיך דער צוזאַמענפאָר צו זיי, פּונקט אַזוי ווי צו יעדער לעגאַלער טעטיקייט.

סיי אין די עקאָנאָמישע, סיי אין די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס אונ־זערע טאָרן די ציוניסטן בשום אופן ניט צוגעלאָזט ווערן.

IX. די באַציִונג פון „בונד" צו דער רוס. סאָצ.-דעמ. אַרב.-פּאַרטיי

פאָרשטעלנדיק זיך די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַט. אַרב.-פּאַרטיי ווי אַ פעדעראַטיווע פאַראייניקונג פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַר־טייען פון אַלע נאַציעס, וואָס לעבן אין דער רוסישער מלוכה, האָט דער צוזאַמענפאָר באַשלאָסן, אַז דער „בונד", אַלס פאָרשטייער פון דעם יידישן אַרבעטער-קלאַס, זאָל אַריינטרעטן אין איר, אַלס פעדעראַטיווער טייל און באַפולמעכטיקט דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד" דורכ־פירן דעם דאָזיקן באַשלוס אין לעבן.

X. די באציִונג צו די פוילישע סאָציאַליסטישע פארטייען

1. היות, ווי די „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין פוילן און ליטע" איז אַ סאָצ.־דעמ. פארטיי פון אַ נאַציע, וועלכע גייט אריין אין באשטאַנד פון דער רוסישער מלוכה, האַלט דער צוזאַמענפאָר פאַר מעגלעך, אַז דער „בונד" זאָל מיט איר אַריינטרעטן אין פעדעראַטיווע באַציִונגען.

2. פונאַנדערגייענדיק זיך מיט דער פארטיי „פּראָלעטאַריאַט" אין אייניקע טאַקטישע פראַגן, ווי למשל, וועגן טעראָר און דעמאָנסטראַציעס, האַלט דאָך דער צוזאַמענפאָר פאַר נייטיק אונטערצוהאַלטן מיט איר פריינדלעכע באַציִונגען, ווי מיט יעדער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע.

3. וואָס שייך דער פוילישער סאָציאַליסטישער פארטיי (פפ"ס) באַשליסט דער צוזאַמענפאָר אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס די באַדינגונגען האָבן זיך ניט געענדערט, איבערצולאָזן אין קראַפט די רעזאָלוציע פון דעם דריטן צוזאַמענפאָר.

XI. וועגן די צענטראַל=אָרגאַנען פון „בונד"

„די אַרבעטער־שטימע" „האָט אינגאַנצן באַפרידיקט די לייענער, פאַר וועלכע זי איז באַשטימט, נאָר זי נייטיקט זיך אין פאָלגנדיקע אויסבעסערונגען:

א) אַריינפירן אַן אָפּטיילונג פון אויסלענדישער כראָניק, אין וועלכער מ'זאָל געבן די וויכטיקסטע ידיעות פון אויסלענדישן לעבן.

ב) אַריינפירן אַ ביבליאָגראַפישע אָפּטיילונג, אין וועלכע מ'זאָל געבן קורצע רעצענזיעס וועגן אַלע אומלעגאַלע אויסגאַבן, בתוכם אויך וועגן די אָרטיקע אָרגאַנען פון „בונד".

ג) איינפירן אַן אָפּטיילונג וועגן דער טעטיקייט פון אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, פוילן און ליטע.

ד) צווישן די אַרטיקלען פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, וואָס ווילן אַנטוויקלען דעם באַוווּסטזיין פון בירגערלעכקייט, דאַרף מען אָפטער, ווי ביז איצט, דרוקן אַרטיקלען פון דעם יידישן לעבן.

ה) די קאָרעספּאָנדענצן פון די שטעט, וואָס האָבן אייגענע אָרגאַנען, דאַרפן טראָגן אַ מער אַלגעמיינעם כאַראַקטער".

„דער יידישער אַרבעטער" „באַפרידיקט ניט אין איצטיקן געשטאַלט די קאַטעגאָריע לייענער, פאַר וועלכע ער איז באַשטימט. דעריבער איז נייטיק אין אים איינצופירן פאָלגנדיקע ענדערונגען:

א) מאכן אים לויטן אינהאלט, לויט דער פאָרם און שפּראַך פאַר מער צוטריטלעך.

ב) פאַרעפנטלעכן אין אים ארטיקלען וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע און מלוכה־איינאָרדענונג פון די מערב־איירָאָפּעאישע לענדער און א וויסנ־שאפטלעכע באהאַנדלונג פון די פראַגן פון לעבן אין דער רוסישער מלוכה.

ג) אַרויסלאָזן אים אָפטער אבון קירצער".

XII. וועגן פאַרברייטערן די קאָמפּעטענצן פון די אָרטיקע אָרגאַנען

דער צוזאַמענפאַר אַנולירט דעם באשלוס פון דעם דריטן צוזאַמענ־פאָר וועגן דער קאָמפּעטענץ פון די אָרטיקע אָרגאַנען און דערלויבט צו דרוקן אין זיי ארטיקלען אויך פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, אָפּשטעלנדיק זיך מערסטנטיילס דאָך אויף פראַגן, וואָס טראָגן אַן אָרטיקן כאַראַקטער. מ'טאָר ניט דרוקן קיין קאָרעספּאָנדענצן פון אַנדערע שטעט נאָר פון דעם דעם טעטיקייטס־ראַיאָן פון די אָרטיקע קאָמיטעטן.

XIII. וועגן דער טעטיקייט פון „בונד" אין דרום־רוסלאַנד

היות ווי די באַדערפענישן פון דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג אין דרום־רוסלאַנד וואַקסן, באַשליסט דער צוזאַמענפאָר:

א) באַפולמעכטיקן דעם צענטראַל־קאָמיטעט, ער זאָל ווי ווייט מעג־לעך באַפרידיקן אָט די באַדערפענישן.

ב) אין יענע שטעט, ווו עס זיינען בלויז פאַראַן יידישע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, זען זיך באַמיען, מיט זייער הסכמה, בילדן קאָמיטעטן פון „בונד".

ג) אין די שטעט, ווו די יידישע אָרגאַניזאַציעס גייען אריין אין די פּאַרטיי־קאָמיטעטן, ווו זייערע באַדערפענישן קאָנען אינגאַנצן ווערן באַ־פרידיקט, ניט אָפּטיילנדיק זיי פון אָט די קאָמיטעטן, און דאָס אָפּטיילן זיי קאָן זיך שעדלעך אָפּרופן אויף דער טעטיקייט פון דער רוסישער ארבעטער־באַוועגונג, — דאַרף מען ניט בילדן קיין באַזונדערע קאָמיטעטן פון „בונד".

ד) קאָנספּיראַטיוו...

XIV. מיטלען ווי אַזוי צו געווינען די סימפּאַטיע פון דער געזעלשאַפט

היות, ווי די פּראָגראַם און די טאַקטיק פון „בונד" און די רעי־וואָלטאַטן, וואָס ער האָט דערגרייכט, האָבן געקאָנט און געמוזט אַרויסרופן

דעם מיטגעפיל פון דעם באדייטנדיקן טייל פון דער יידישער אינטעלי־גענץ, וואס איז זייער געוווּנטשן פאר דעם דערפאלג פון דער ארבעטער־באוועגונג, און היות ווי ביז איצט איז זייער ווייניק געטאן געווארן אויף צו באקענען אט די אינטעליגענץ מיט דער טעטיקייט פון „ב ו נ ד",

רעקאמענדירט דער צוזאמענפאר פאלגנדיקע מיטלען:

א) ארויסלאזן אן אויפרוף צו דער יידישער אינטעליגענץ אויף רוסיש און פויליש.

ב) ארויסלאזן דעם באריכט פון אונזער פערטן צוזאמענפאר אויף יידיש, רוסיש און פויליש.

ג) ארויסלאזן אין געוויסע פאלן אויפרופן צו דער אינטעליגענץ אויף יידיש, רוסיש און פויליש.

ד) פירן אן אינטענסיווע מינדלעכע אגיטאציע און פראפאגאנדע צווישן די אינטעליגענטע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג.

ה) ארויסשרייבן אומלעגאלע ליטעראטור פאר דער אינטעליגענץ.

ו) קאנספיראטיוו...

XV. דער יובליי־נומער פון דער „ארבעטער־שטימע"

דער צוזאמענפאר באשליסט ארויסצולאזן דעם נומ' 25 פון דער „ארבעטער־שטימע" אלס יובליי־נומער און, אויב ס'וועט זיין מעגלעך, פארעפנטלעכן אין אים, צווישן דעם איבעריקן מאטעריאל, די פראגראם פון „ב ו נ ד".

XVI. די גארבער

דער צוזאמענפאר רעקאמענדירט אלע קאמיטעטן ארויסצוווייזן זייער אויפמערקזאמקייט און הילף אט דעם יונגן און אויפריכטיקן פראפעסיאנעלן פאראיין:

א) לייגן מער אויפמערקזאמקייט אויף אויסבילדן אגיטאטארן צווישן די גארבער.

ב) צושטעלן רעגולער די ליטעראטור, וואס ווערט געשיקט פאר די גארבער. וואס שייך דער פראגע וועגן פארברייטערן די רובריק „וואס הערט זיך ביי די גארבער?" אין דער „ארבעטער־שטימע", וואס עס האט גע־פאדערט דער פארשטייער פון די גארבער, באשליסט דער צוזאמענפאר, אז די רובריק זאל בלייבן אין איר ביז־איצטיקער פארם.

בנוגע דער פראגע וועגן דעם, וואָס פאר א טיפ פון אָרגאַניזאַציע איז געוואונטשן פאר די יידישע גאַרבער: צי דאַרפן זיי זיין אָרגאַניזירט באַזונדער פון די קריסטלעכע, אָדער דער פאַראיין דאַרף אַננעמען סיי יידישע און סיי קריסטלעכע גאַרבער, מיטן באַדינג, אַז די יידישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך פאַראייניקן מיט די קריסטלעכע אין איין אַלגעמיינעם פעדעראַטיוון אַנשטאַלט, האָט דער צוזאַמענפאָר געפונען פאר געוואונטשן די צווייטע פאָרם[1].

---

1 „פערטער צוזאַמענפאָר פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד", פאַרלאַג פון „בונד", זשענעווע, 1901.

קאַפּיטל זיבן

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין 1890—1900 אין ווילנע, מינסק און האָמעל. — דער פּערסאָנעלער צוזאַמענשטעל פון די טוער אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, פּינסק, בריסק, וויטעבסק, ריגע. — די אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג אין ראַיאָן פון „בונד" פאַר די יאָרן 1897—1904 [1].

I

ווילנע

ווילנע איז די ערשטע שטאָט, ווו עס איז אַנטשטאַנען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. אין אָנהייב פון די 90ער יאָרן זיינען אין דער צענטראַל־גרופּע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָפּאַגאַנדע אין ווילנע, געווען: מאַרטאָוו, אַ. קרעמער, מ. ד. סרעדניצקאַ, פּאַליע גאָרדאָן, ס. גאָזשאַנסקי, צ. קאָפּעלזאָן, ליובע לעווינסאָן (אייזנשטאַט), י. ל. אייזנשטאַט (יודין), ש. פּעסקין און י. מיל. שפּעטער זיינען צוגעקומען: וול. קאָסאָווסקי (לעווינסאָן), א. מוטניקאָוויטש („גלעב"), טאָביאַס („מאַקס"), רעוועקאַ ליאַס, מינע וואָלק און דער סטודענט קאַץ.

„אַרום דעם דאָזיקן פּאַראייניקטן קרייזל, — דערציילט מאַרטאָוו, — האָבן זיך גרופּירט נאָך אַ צענדליק אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געווען מיט אים ענג פאַרבונדן, הגם ניט אַלע פּלעגן זיך רעגולער באַטייליקן אין אונזער אַרבעט. דאָס זיינען געווען: די רעאַל־שילער עליאַשבערג, א. טראָפּאָווסקי, מ. לוריע, סעליבער, ב. גאָלדמאַן (גאָרעוו) און א. שטעסעל, ל. בערנשטיין, אַן איבערזעצער און זשורנאַליסט, וואָס האָט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים ל. באָריסאָוויטש (ער האָט זיך פאַרקויפט צו וורַאנגלען און איז בורצעווס רעכטע האַנט אין דער צייטונג „אָבשטשעיע

---

[1] מחמת דעם, וואָס עס איז פאַראַן זייער ווייניק מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אויפגעהיט וועגן דער באַדייטנדיקער באַוועגונג אין ווילנע, וואַרשע, ביאַליסטאָק, לאָדז און אַנד. שטעט, האָבן מיר נים די מעגלעכקייט צו געבן אַ פול בילד וועגן אָט דער באַוועגונג.

דיעלאָ״), צעמאַכאָוויטש, י. ראָזנבערג, זעלדאָוו (נאָכדעם, אין סוף פון די 90ער יאָרן, אַ מיטגליד פון צ״ק פון „בונד״), פּייקעס (אַן אָנגעזעענער טוער פון דער „איסקראַ״ און פון דער מענשעוויסטישער פראַקציע ביז דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, ווען ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט).

ווייטער איז אין די פּעריאָדן פון די פעריען אונזער אָרגאַניזאַציע פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די צונויפגעפאָרענע סטודענטן און דורך די געבאָרענע ווילנער, דורך וועלכע אונזער אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די מאַרקסיסטן פון די אוניווערסיטעט־צענטרען. פון וואַרשע פלעגן קומען צו פאָרן י. וויטקינד און א. זאַלקינד; פון כאַרקאָוו — ל. ב. פיינבערג, א. לעווין (שפּעטער דער רעדאַקטאָר פון „יוזשני ראַבאָטשי״), א. פּ. לוריע, וועלכער איז שפּעטער אריבער צו די נ״ס (ער איז אין קרים דערשאָסן געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי אין 1921), פון קיעוו — דער סטודענט־מעדיקער י. מ. ליאַכאָווסקי. ענדלעך האָבן אין די נאָענטסטע פונקטן פון אונזער ראַיאָן געאַרבעט איינצלווייז ווילנער איינוווינער, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט קומען אין אונזער „הויפּטשטאָט״, כּדי צוזאַמען צו באַהאַנדלען די אַלע פראַגן, וואָס האָבן אונז אינטערעסירט. דאָס זיינען געווען די לערער פון די יידישע שולן א. פּאָרטנאָי, א. פין און גאָדלעווסקי, וועלכע האָבן געהאַט קוריאָזע סימעטרישע צונעמען: „דער לענגסטער״, „דער מיטעלער״ און „דער קליינער״, און די לערערינס פּ. אָ. גאָרדאָן און צ. קלים. א. פּאָרטנאָי („נח״) האָט נאָכדעם און ביז היינטיקן טאָג מיט כּבוד געטראָגן דעם אַמט פון אַ מיטגליד פון צ״ק פון „בונד״, לאַנגע יאָרן האָט ער געלעבט אומלעגאַל, און גאָדלעווסקי און פּ. אָ. גאָרדאָן האָבן אין אָנהייב פון די 1900 יאָרן אַ סך געאַרבעט אין די „איסקראַשע״ און מענשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס פון דרום־רוסלאַנד.

„אין מיינע צייטן איז אין דער אָנפירנדיקער גרופּע ניט געווען קיין איין אַרבעטער: לויט אונזער דעמאָלטיקן שטאַנדפּונקט, האָט אין דער דאָזיקער גרופּע זיך געקענט באַטייליקן אַזעלכער, וואָס באַזיצט אַ גענוג הויכן ניוואָ פון טעאָרעטישער אַנטוויקלונג און פון קאָנספּיראַטיווער געניטקייט. אין אמתן זיינען אייניקע אַרבעטער, וועלכע האָבן מער אָדער ווייניקער באַפרידיקט אָט די פאָדערונג, יאָ געווען. דאָס זיינען געווען די עלטסטע מיטגלידער פון די קרייזלעך פון זעלבסטבילדונג, וועלכע זיינען אין אָט די קרייזלעך אָפּגעווען צו דריי יאָר און מער. נאָר אַזוי ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, זיינען אָט די עלטסטע מיטגלידער פון די קרייזלעך אָדער געוואָרן אויס „אַרבעטער״ און זיינען געוואָרן אומאָפּהענגיקע מייסטערס, זיך אָפּגעריסן פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־מאַסע,

אַדער, ניט וועלנדיק דורכמאַכן אַט די עוואָלוציע, האָבן זיי עמיגרירט קיין אויסלאַנד (ס'רוב קיין אַמעריקע). פון די איבעריקע מער פּאָליטיש צייטיקע „אַלטע" אַרבעטער איז נאָכדעם אין יאָר 1894 דורך אונז אָרגאַ־ניזירט געוואָרן די צענטראַלע אַרבעטער־גרופּע, אין וועלכער א. קרעמער איז געווען דער פאַרשטייער פון אונזער צענטער, און וועלכע האָט גע־דאַרפט שפּילן אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער יעראַרכיע ניט קיין פול־באַרעכטיקטע ראָלע, נאָר גיכער אַ ראָלע פון אַ באַראַטנדיקער „צווייטער פּאַלאַטע". די מער איינפלוסרייכע מיטגלידער פון אַט דעם אַרבעטער־צענטער זיינען געווען: דער עלטסטער מיטגליד פון די אַרבעטער־קרייז־לעך, אַ באַיאָרטער פלייסער, סאָלאָמאָן (דער פאַמיליען־נאָמען איז מיר אומבאַקאַנט), אַ ברוגזער און האָט זייער ליב געהאַט צו הערשן; די ענטשקעמאַכערין צ. הורוויטש, שפּעטער אַ מיטגליד פון צ"ק פון „בונד" און ביז היינטיקן טאָג אַ מיטגלידערין פון דער רסדרא"פּ, די שניידערין צילע וואָלק און נאָך אַ צוויי־דריי אַרבעטער. צביה הורוויטש האָט זיך מיט איר פעסטן, גראַדליניקן כאַראַקטער און פּאָליטישן פאַרשטאַנד אויס־געצייכנט אין אַט דער גרופּע. נאָכדעם, ווי עס זיינען אַראָפּ פון דער סצע־נע די „אינטעליגענט געוואָרענע" פּראָלעטאַריער (מיכאל יוועליר, גוסטע, אַלטער און אַנד.), וואָס זיינען פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרן נאָך אין אָנהייב פון דעם צענדליק יאָר, איז זי צוזאַמען מיט דעם אויבנדערמאָנטן סאָלאָמאָנען געווען די סאַמע איינפלוסרייכע פיגור אין דער אַרבעטער־סביבה" [1].

אין די קרייזלעך האָבן זיך באַטייליקט: ראובן פרידמאַן, די שניי־דערין ראָזע סעגאַל (באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין פּאַריז), די שניידערין טערעזע, ישראל־מיכל קאַפּלינסקי, מיכ. פראַנקפורט, לעאָן גאָלדמאַן, נחום ליפשיץ, די שניידערן מאַריע זשעלודסקאַ (איר מאַן איז געווען דער בערשטער דוד קאַץ, „טאַראַס", אַ מיטגליד פון צ"ק פון „בונד"), משה דושקין („מאַקס"), נאַדעל און אַנד.

מינסק

אין מינסק האָט זיך די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג נעפירט זינט די 70ער יאָרן.

דאָס יאָר 1893 קען מען רעכענען פאַר דעם סוף פון דעם ערשטן פעריאָד פון קרייזל־פּראָפּאַגאַנדע און אַלס אָנהייב פון דער אַרבעטער־

---

1 ל. מאַרטאָוו, „זכרונות פון אַ סאָצ.־דעמאָקראַט".

מאסן־באוועגונג, וואס איז פארבונדן מיט דעם איבערגאנג צו אגיטאציע אין די מאסן אויפן באדן פון אירע עקאנאמישע נויטבאדערפענישן. די אינטעליגענץ, וועלכע איז געווען טעטיק אין דער באוועגונג, האט אין 1893 יאר גערופן די ארבעטער צום קאמף פאר א 12־שעהדיקן ארבעטס־טאג. זי האט זיי געגעבן צו פארשטיין דעם באטייט פון אט דעם לאזונג און געעצהט, אלס מיטל אים צו פארווירקלעכן, צו דערלאנגען א פעטי־ציע צו דעם גובערנאטאר וועגן צוריקשטעלן דעם געזעץ פון יעקאטערינע דער צווייטער וועגן דעם 12־שעהדיקן ארבעטס־טאג. די פעטיציע מיט דער מענגע חתימות האט געווירקט אויף דעם גובערנאטאר: ער האט ארויס־געגעבן א צירקוליאר, אין וועלכן ער האט פארגעלייגט דער פאליציי אכ־טונג צו געבן, אז מען זאל אויספילן דעם אויבנאנגעוויזענעם געזעץ. די ארבעטער זיינען צוזאמען מיט דער פאליציי ארומגעגאנגען איבער די ווארשטאטן אכטונג געבן, מ׳זאל דורכפירן אין לעבן דעם גובערנאטארס צירקוליאר. נאר די אומבאוווסטזיניקייט פון די יידישע ארבעטער איז נאך דעמאלט געווען אזוי גרויס, אז באלד ווי אט די אויפזעער פלעגן אוועקגיין, פלעגן זיי זיך ווידער שטעלן צו דער ארבעט. נאר אזעלכע פאלן זיינען בערך געווען ניט פיל [1].

אין יענע יאהרן האבן אין מינסק געארבעט פאלגנדע אינטעליגענטן: טעומין איציק, א געוועזענער סטודענט פון בערנער אוניווערסיטעט, פרומקין ברוך, זאק, אסטראגאווין, שמואל בערנשטיין, זיין פרוי, פרענ־קעל, טשערניאקאוו, קאנטאראוויטש, פריילין סלעפיאן, הורוויטש, יעווי־געניע אדאלפאוונא, די ארבעטער: בערמאן פאוול, א שלאסער, וואלין איציק, דער שוסטער חפץ, ראובן בעיגער [2].

ניט לאנג האט די פאליציי מיטגעהאלפן די ארבעטער, זי האט זיך אינגיכן געשטעלט אויף דעם צד פון די באלעבאטים, און דאס האט געצווונ־גען די ארבעטער צו וויסן, אז אויף דער הילף פון דער פאליציי דארף מען זיך ניט פארלאזן, אז נאר דורך דעם קאמף קאן מען זיך דערשלאגן בע־סערע לעבנס־באדינגונגען. און אט הייבט זיך סוף 1894 אן א ברייטע שטרייק־באוועגונג, וועלכע האט אריינגעצויגן א גרויסע צאל ארבעטער. אין צוזאמענהאנג דערמיט ווערן אויך שנעל פארשפרייט די קאמף־קאסעס, וועלכע ווערן זייער פאפולער צווישן די ארבעטער: ערב 1895 יאר האבן שוין די בערשטער, די איינבינדער, די שלאסער און זאקנמא־

---

1 „מינסקער ארבעטער“ נומ׳ 1 און „דער יידישער ארבעטער“ נומ׳ 10.

2 ד. היסטאריש־רעוו. ארכיוו פון געוו. פאליציי־דעפארט. נומ׳ 5, טייל 48, בוינן 73, אגענטור־ידיעות.

בערקעס געהאַט קאַסעס; אין 1895 האָבן אַזעלכע קאַסעס אויך געהאַט די שניידער, שוסטער, סטאָלאַרעס, גאַרבער, טאַבאַק־אַרבעטערינס און אַזוי ווייטער.

וועגן דעם, ווי די דאָזיקע קאַמפּס־קאַסעס זיינען געווען פּאָפּולער, קאָן מען זען פון פאָלגנדיקער טאַבעלע פון 1895 יאָר [1].

	צאָל אַרבעטער	צאָל פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער	ווי גרויס איז דער פּראָצ. פון די אָרג. אַרבעטער
בערשטער	45—40	45—40	100
איינבינדער	95	70	75
זאָקנמאַכערקעס	120	90	75
שלאָסערס	150	60	40
סטאָלערס	?	200	?
בלעכער.	60	30	50
שניידערקעס	?	80	?
גאַרבער.	18	18	100
שטריק־דרייער	12	12	100
קירזשנער	?	80	?
זייף־אַרבעטער	?	30—25	?
טאַבאַק־אַרבעטער	50	50	100
בעקערס.	?	20—15	?
זיסוואַרג־אַרבעטערינס . . .	?	10— 8	?
פאַרבערייען.	?	12—10	?
בסך־הכּל .	800		

דאָס גאַנצע יאָר 1895 איז אַריבער אין אומאויפהערלעכע שטרייקן, דער עיקר האָט מען אָפט געשטרייקט ביי די שוסטער. די אַרבעטער האָט זיך איינגעגעבן אויסצוקעמפן דאָס פאַרקירצן דעם אַרבעטס־טאָג אויף 2—3 שעה, ד"ה פון אַ 16—17־שעהדיקן אויף אַ 14־שעהדיקן. פון 45 שטרייקן, וואָס זייען פאַררעגיסטרירט געוואָרן פאַר די יאָרן 1894—1896, פאַלט די גרעסטע צאָל שטרייקן אויס אויף דעם יאָר 1895 [2]. די אַרבעטער האָבן בעת די שטרייקן אחוץ דעם פאַרקירצן דעם אַרבעטסטאָג אויך געפאָדערט דאָס פאַרגרעסערן דעם אַרבעטסלוין, העפלעכע באַציִונג. היגיענישע אַרבעטס־באַדינגונגען, בטל מאַכן די שטיק־אַרבעט אאַז"וו.

1 „דער יידישער אַרבעטער", נומ' 10.

2 „מאַטער. צו דער געש. פון דער ייד. אַרב.־באַוו.", העפט I, ז' 53, און און דער „ייד. אַרב." נומ' 10.

אין 1895 איז אין מינסק דאָס ערשטע מאָל געפייערט געוואָרן דער ערשטער מאַי. עס האָבן זיך באַטייליקט 40 אַרבעטער [1].

גאַנץ אָפט זיינען די שטרייקן באַגלייט געוואָרן מיט טעראָר אַזוי ווי מצד די באַלעבאַטים, אַזוי אויך מצד די אַרבעטער. די אַרבעטער פלעגן שלאָגן די באַלעבאַטים, אויסהאַקן די שויבן אין די וואַרשטאַטן. די באַלעבאַטים פון זייער זייט האָבן דאָס זעלביקע געטאָן בנוגע די שטרייקער. אַזוי, למשל, האָבן אין 1896, בשעת דעם שטרייק פון די שוסטער, די באַלעבאַטים אָרגאַניזירט אַ באַנדע כוליגאַנעס, וועלכע האָבן שטאַרק געשלאָגן די אַרבעטער, געכאַפּט זיי אין גאַס און מיט געוואַלט זיי געשלעפּט אין די וואַרשטאַטן און זיי געצווּנגען אַרבעטן; איינמאָל האָט דער באַלעבאָס פון אַ גאַרבעריי געצוווּנגען מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט די אַרבעטער זיי זאָלן אַרבעטן [2].

אין 1896 יאָר באַמערקט זיך די ירידה פון דער שטרייק־כוואַליע. הגם אין די יאָרן זיינען פאָרגעקומען עטלעכע שטרייקן, נאָר עס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט זייער ווייניק אַרבעטער.

צווישן די אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַמערקן אַ גרויסער אינטערעס צו קרייזל־אַרבעט. דאָך האָט זיך ניט איינגעגעבן צו באַפרידיקן אָט דעם אינטערעס אין דער פולער מאָס אַדאַנק דעם, וואָס פון איין זייט האָבן זיך פאַרשטאַרקט די פּאָליציי־רעפּרעסיעס, און אַדאַנק דעם מאַנגל אין אינטעליגענטע קרעפטן און פאַסיקער ליטעראַטור — פון דער אַנדערער זייט. פון 1000 אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן זיך אין די קרייזלעך באַטייליקט בסך־הכּל 155.

די באַלעבאַטים האָבן ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אויסצונוצן די ירידה פון דער שטרייק־באַוועגונג און זיך געאיילט צוריק איינצופירן די פריערדיקע אַרבעטס־באַדינגונגען.

די אַרבעטער זיינען געוואָרן אינדיפערענט צו די קאַמף־קאַסעס און אויפגעהערט צו צאָלן די ביישטײַערן. די קאַסעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו צעפאַלן.

דערווייל האָבן זיך די פּאָליציי־רעפּרעסיעס אַלץ מער פאַרשטאַרקט.

די לעגאַלע טעטיקייט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם פאַרווירקלעכן דאָס יעקאַטערינישע געזעץ וועגן איינפירן דעם 12־שעהדיקן

---

1 זע די פּראָקלאַמאַציע צום 1 מאַי פון 1898, ביילאַגע צום אַרטיקל פון נ. א. בוכבינדער „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין מינסק", „קראַסנאַיאַ לעטאָפּיס", נום׳ 5, און „דער יידישער אַרבעטער", נום׳ 10.

2 „דער יידישער אַרבעטער", נום׳ 1.

ארבעטס־טאָג, האָט לאַנג ניט געדויערט. מיטן אָנהייב פון דעם שטרייק־קאַמף האָבן זיך אויך אָנגעהויבן די פּאָליציי־רעפּרעסיעס.

מען האָט געמוזט פארשטאַרקן די קאָנספּיראַציע.

עס פארשטייט זיך, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט די השפּעה פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע געמוזט שטאַרק קלענער ווערן.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן מערקן די „אָפּאָזיציע" מצד אַ טייל פּראָפּאַגאַנדירטע ארבעטער.

אָט ווי אַזוי ב. פרומקין, וועלכער האָט אין יענער צייט געאַרבעט אין מינסק, כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן פּעריאָד:

„...עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין דער באַציִונג פון דער יידישער מאַסע צו די אַנשטאַלטן, וועלכע פירן אָן מיט דער באַוועגונג. אין דער ערשטער צייט פון דער דערפאָלגרייכער ארבעט זיינען די ווייניקע אַנשטאַלטן געווען נאָענט צו דער מאַסע, די ארבעט איז געווען אָן אָפענע, די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פלעגן אָפט פאָרקומען, און אויף זיי פלעגט מען באַהאַנדלען כמעט אַלע ניט קאָמפּליצירטע פראַגן פון דער באַוועגונג. מיט דער צייט זיינען די פונקציעס פון די אַנשטאַלטן קאָמפּליצירט געוואָרן, פיל פון זיי (ווי למשל די פאַרבינדונגען מיט אַנדערע שטעט, די זאָרג וועגן אומלעגאַלער ליטעראַטור וכדומה) האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די הענט פון יחידים, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די אָרטיקע קאָמיטעטן. אָט די קאָמיטעטן האָבן, אַדאַנק דעם, וואָס עס האָבן זיך געענדערט די אופנים פון דער ארבעט, צוזאַמען מיט די אַגיטאַטאָרן־קרייזלעך אָנגעהויבן אָנצוואַרפן דער מאַסע גרייטע דירעקטיוון, אויסטיילן, לויט דער אייגענער איניציאַטיוו, די אַגיטאַטאָרן. און ביי דער אומטעטיקייט פון דער מאַסע האָט זיך דאָס שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, און די גאַנצע ענערגיע, וואָס מען האָט פריער אויסגענוצט אויף די שטרייקן און די קאַמפּס־קאַסעס, איז איצט אינגאַנצן אָנגעווענדט געוואָרן אויף דער קריטיק. די פאָדערונג, אַז אין אַלע אַנשטאַלטן זאָלן זיין אויסגעוויילטע מענטשן, אַז מען זאָל אָפּגעבן באַריכטן פאַר דער אָרגאַניזירטער מאַסע און אָראָפּוואַרפן די הערשאַפט פון די אינטעליגענטן און פון די אַגיטאַטאָרן־פּראָפעסיאָנאַלן, — זיינען געוואָרן דער לאָזונג פון טאָג. די יידישע ארבעטער־מאַסע איז געווען דער אַקטיווער שעפער פון דער באַוועגונג און ניט געקאָנט שלום ווערן מיט דער ראָלע פון אַ פּאַסיווער טרעגערין פון אידעען. אין דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער באַוועגונג, אין די וואַלן האָט די מאַסע אַזוי ווי געפונען אַ נייעם געביט אויף אויסצונוצן אירע קרעפטן, נייע מעגלעכקייטן צו בלייבן די בויער פון דער אָרגאַניזאַציע. אָט די דאָזיקע אָפּאָזיציע האָט אין אַ קורצער צייט אָנגענו־

מען דעם זעלבן מאסן־כאראקטער, ווי מיט עטלעכע יאר פריער די באַוועגונג, וועלכע די אָפּאָזיציע האָט איצט קריטיקירט. די אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונג האָט ארומגעכאַפּט אַלע שטעט און שטעטלעך, ווו די באַוועגונג האָט עקסיסטירט, און האָט אומעטום געהאַט די זעלבע באַפאַרבונג. אַ באַזונדערן אינטערעס רופט ארויס די מינסקער אָפּאָזיציע מיט איר נאַציאָנאַליסטישער שאַטירונג. בראש פון איר איז געשטאַנען דער טאַלענטפולער פּאָעט וו., וועלכער איז צוליב זיין אפּיקורסות אויסגעשלאָסן געוואָרן פון וואָלאָזשינער ישיבה, זייער אַן עקספּאַנסיווער, וועלכער האָט ניט אָנערקענט קיין שום אָרגאַניזאַציע און קיין שום אַווטאָריטעט. אָט די אייגנשאַפטן זיינע מיט דעם אומגעהייערן טאַלענט פון אַ סאַטיריקער האָבן צוגעצויגן צו אים די מאַסע, וועלכע האָט זיך ארומגעטראָגן מיט ענלעכע שטימונגען. וו. האָט אָנגענומען אַלע לאָזונגען פון דער אָפּאָזיציע, וועגן וועלכער מיר האָבן אויבן גערעדט, נאָר ער האָט נאָך צום ערשטן מאָל ארויסגערוקט די באַשולדיקונג אין קאָסמאָפּאָליטיזם, ארויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז די באַוועגונג זאָל זיך נאַציאָנאַליזירן, דאָס הייסט, אַז עס זאָלן שטענדיק גענומען ווערן אין אכט די ספּעציעלע לעבנס־באַדינגונגען פון דער יידישער מאַסע. קיין נאַציאָנאַלע פּראָגראַם איז דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט געווען, עס זיינען בלויז געווען אידעאַליסטישע פאָדערונגען, אַז די טעטיקייט זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט דעם „יידישן גייסט" [1].

די „אָפּאָזיציע" האָט אין מינסק געדויערט ביי אַ יאָר צייט.

דער ערשטן מאַי 1896 איז אין מינסק געפייערט געוואָרן ביי אַ סך אַ גרעסערן עולם, איידער מיט אַ יאָר צוריק,— ניט געקוקט אויף די ארעסטן, וואָס זיינען ניט לאַנג פאָרגעקומען, האָבן פון 1000 אָרגאַניזירטע ארבעטער זיך באַטייליקט 300.

אין משך פון יאָר 1896 האָבן זיך געגרינדעט ניין נייע קאַמפּס־קאַסעס [2].

דעם ערשטן מערץ*. 1897 האָט מען איינגעאָרדנט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. עס האָבן זיך באַטייליקט 250 מאַן. מען האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" („פאָלקס־פרייהייט") און מען האָט

---

1 ב. פרומקין, „פון דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", „יעוור. סטאַרינאַ" 1912, ז' 260.

2 „דער יידישער אַרבעטער", נומ' 10.

* דעם 1 מערץ 1881 האָבן די פאָלקספרייהייטלער דערמאָרדעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. — אַנמ. פון איבערזעצער.

פארשפרייט אַ ספעציעל העקטאָגראַפירטע בראָשור וועגן דעם. די שטרייק־
באוועגונג, וועלכע איז אין יאָר 1896 געפאַלן, האָט זיך אין יאָר 1897
ווידער אויפגעהויבן. עס האָבן געשטרייקט די בערשטער, די ארבעטער
פון די טאַבאַק־פאַבריקן, די שטריק־דרייער, די שניידער, די איינבינדער,
די בלעכער, די שוסטער, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ 10־שעהדיקן אר־
בעטס־טאָג. אין דער פייערונג פון ערשטן מאַי האָבן זיך באַטייליקט 300
מאַן. די פאָליציי־רעפּרעסיעס האָבן זיך ווידער פארשטאַרקט: לויט דער
מסירה פון אַ באַלעבאָס האָט מען אין יאַנואַר ארעסטירט 11 מאַן. מען
האָט זיי באַשולדיקט, אַז אין יאָר 1895 האָבן זיי זיך באַטייליקט אין די
שטרייקן. די פאָליצייישע פאַרפאָלגונגען האָבן אויפגעבראַכט די ארבעטער
און זיי האָבן זייער גאַנצן צאָרן אויסגעלאָזט אויף די שפּיאָנען: אַזוי,
למשל, האָט אין יאָר 1897 עמעצער אָפּגעגאָסן מיט זאַלץ־זויער דעם
פּראָוואָקאַטאָר ראָלניק.

אין יאָר 1897 זיינען געקומען צו פאָרן קיין מינסק קרעמער, אַל־
בערט זאַלקינד, פּאָליאַ גאָרדאָן, וולאַדימיר לעווינסאָן (קאָסאָווסקי) און
נאָך אייניקע.

דאָס קומען פון נייע טוער, דערהויפּט פון דעם זעלטענעם אָרגאַני־
זאַטאָר א. קרעמערן, האָט קענטיק פאַרשטאַרקט די ארבעט פון דעם מינ־
סקער קאָמיטעט.

„די באַוווסטזיניקע ארבעטער,—לייענען מיר אין דעם באַריכט פון
דעם מינסקער קאָמיטעט, — האָבן אויפגענומען מיט גרויס פרייד די
ידיעה, אַז אין 1897 יאָר האָט זיך אין מינסק געגרינדעט דער „בונד".
זיי האָבן אין דעם גרינדן פון דעם „בונד" געזען אַ נייעם זיכערן שריט
אויפן וועג פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער באַפרייונג פון דעם
ארבעטער־קלאַס [1].

די ליטעראַטור, וואָס דער צ"ק האָט אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אויף
יידיש, האָט אינגאַנצן געשטימט מיט די באַדערפענישן פון די ארבעטער.
לויט די ווערטער פון דעם מינסקער קאָמיטעט „הייבט זיך פון דעם דאָ־
זיקן מאָמענט אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער מינסקער יידישער ארבעטער־
באַוועגונג" [2].

און דאָך האָט דער גרויסער ווירקונג פון דער ליטעראַטור געשטערט,
„ערשטנס, דאָס, וואָס זי איז שטענדיק געווען קנאַפּ און, צווייטנס, וואָס

1 „דער יידישער אַרבעטער" נומ' 10.

2 דאָרט.

א סך אינטעליגענטע אַרבעטער, וואָס האָבן זייער אַנטוויקלונג באַקומען אין די קרייזלעך, האָבן סקעפּטיש זיך באַצויגן צו דער ווירקונג פון דער ליטעראַטור אויף די אַרבעטער־מאַסן. זיי האָבן זיך ניט געקענט פאָר־שטעלן, אַז בלויז מיט ליטעראַטור אַליין, אָן דער הילף פון „לערער" און קרייזלעך, זאָלן די אַרבעטער קאָנען באַנעמען זייער קלאַסן־לאַגע"[1].

„...די צאָל אַרבעטער, וואָס לייענען אומלעגאַלע ליטעראַטור, איז אַלץ געוואַקסן. דאָס זעט מען פון דעם, וואָס בעת עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער אָרגאַן „די אַרבעטער־שטימע", האָט מען פאַר מינסק געדאַרפט האָבן בלויז עטלעכע עקזעמפּלאַרן און איצט (אין יאָר 1900) גאַנצע 100. מען וואָלט געקאָנט נאָך מער פאַרשפּרייטן, נאָר די פּשוטע אַרבעטער פאַרשטייען ניט דעם אינהאַלט און די שפּראַך פון דער „אַר־בעטער־שטימע"[2].

אין 1898 יאָר זיינען ערב דעם ערשטן מאַי פאַרשפּרייט געוואָרן די פּראָקלאַמאַציעס פון צ"ק אין דער צאָל פון 500 עקז. און 800 עקז. פון דעם מינסקער קאָמיטעט און אַ מענגע עקזעמפּלאַרן פון דער בראָ־שור „דער חלום פון ערב דעם ערשטן מאַי", וועלכע זיינען צעקלעפּט גע־וואָרן אויף אַלע ראָגן און לאַמטערן־סלופּעס. לויט די ידיעות פון די אַגענטן, זיינען פלוג־פאַרזאַמלונגען פאָרגעקומען אַפילו אין הויף פון דער זשאַנדאַרם־פאַרוואַלטונג[3]. די פּאָליציי האָט זיך געגרייט צו דעם דאָזיקן טאָג: אין די גאַסן זיינען אומעטום געווען פּאַטרולן און שפּיאָנען. דעריבער האָט מען דעם ערשטן מאַי ניט געקאָנט פייערן אונטערן פרייען הימל, אין וואַלד אָדער אין פעלד, און מען האָט געמוזט פייערן דעם יום־טוב אין דעם יאָר אויף קליינע פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען איינגעאָרדנט גע־וואָרן אין שטאָט ביי די אַרבעטער אין די דירות.

* * *

דעם 26 יולי 1898 יאָר איז פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזער דורכפאַל. זובאַטאָוון האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן די בונדישע דרוקעריי אין באָברויסק און אַרעסטירן אַ סך אָרטיקע אַקטיווע טוער[4].

---

1 „יידישער אַרבעטער", נומ' 10.

2 דאָרט.

3 היסט.־רעוו. אַרכיוו פון פּאָליצ.־דעפּ. נומ' IV, ענין נומ' 5, טייל 48, בויגן 76, אַגענט־ידיעות.

4 זע „קראַסנאַיאַ לעטאָפּיס", נומ' 4, נ. א. בוכבינדער: „דער חורבן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין 1898 יאָר".

די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין מינסק איז לפי־ערך גיך געקומען צו זיך: ס'זיינען פאַריבער 2—3 חדשים, און די ארעסטירטע האָבן פאַר־ביטן נייע מענטשן, וועלכע האָבן מיט גרויס ענערגיע זיך גענומען צוריק אויפצושטעלן די אָרגאַניזאַציע.

איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער פון דעם דאָזיקן פעריאָד פון דער מינסקער יידישער ארבעטער־באַוועגונג איז געווען דער ארבעטער נתן קיטאַיעוויטש. ער איז געבאָרן געוואָרן אין קוידענאָוו (מינסקער גוב.) אין אַן אָרעמער פאַמיליע און זיך דערצויגן אין שרעקלעכע באַדינגונגען. „צו ניין יאָר איז אים געשטאָרבן די מוטער. עס האָט זיך פאַר אים אָנ־געהויבן אַ שרעקלעכער גיהנום. דער פאָטער און די שטיפמוטער האָבן זיך צו אים אכזריותדיק באַצויגן. דער פאָטער פלעגט אים שלאָגן מכות־רצח. און דאָס יינגעלע האָט פיינט געקראָגן זיין פאָטער בתכלית השנאה פון זיין פאַרליטן קינדערש הערצל. ער פלעגט אַנטלויפן צום שכן, אַ שוס־טער — און דאָרט מיט פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס לייענען ביכלעך, הגם ער האָט זיי ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט, קיינער האָט זיך ניט פאַראינטערעסירט מיט זיין היציקער פאַנטאַזיע. די אומשטענדן האָבן גורם געווען, אַז עס זאָל זיך אין אים אַנטוויקלען אַ נייגונג צו טרוימען. ס'זיינען אַוועק פיר יאָר; ער האָט אַלץ געטרוימט; מען האָט אים אַלץ געשלאָגן. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז אַנטלאָפן פון דער היים. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון הונגער, פון בעטלען, פון פאַרוואָרלאָזטקייט, פון נעכט אונטערן פרייען הימל, פון פאָליציי־קאַזע. ער האָט אַלץ געזוכט די גליקלעכע וועלט, אין וועלכער עס איז ניטאָ קיין גוואַלט און ליידן, — און איז אָנגעקומען אין אַ בערשטער־פאַבריק. עס האָבן זיך אָנגעהויבן יאָרן פון ארבעט איבער די כוחות. דאָ האָט ער ווידער געליטן הונגער, די זעלביקע בייטש פון דעם אויפזעער און דאָס אָפּחוזקן פון זיין אָפּגעריסענער פיגור. דאָס יינגל איז געוואַקסן און ווילד געוואָרן. דורך די נעכט פלעגט ער לייענען פאַנטאַס־טישע ראָמאַנען אויף יידיש. די פאַבריק האָט זיך געשלאָסן. ווידער אַ סדרה פון זוכן ארבעט און ברויט. ער איז געוואָרן אַ טאָגאַרבעטער אין אַ טאַר־טאַק. דאָרט האָט געהערשט דער גייסט פון געשעפּט און הכנעה מצד די ארבעטער. דער טאַרטאַק האָט זיך געפונען אין וואַלד. עס איז ניט געווען קיין איין בוך, קיין איין פריילעך, מונטער געזיכט, פונקט אַ טויטער, גרענעצ־לאָזער גייסטיקער מדבר. ער איז געווען אַן אָפּגעפרעמדטער — האָט מען אים ניט ליב געהאַט, ער איז געוואָרן חוצפּהדיק — האָט מען אים אָנגע־הויבן צו פאַרפאָלגן. ער האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך אויפגעהאַנגען, — מען האָט אים אַראָפּגענומען פון שטריק און אָנגע־

הויבן מורא צו האָבן פאַר אים. עס האָט אים אויסגעפעלט אָטעם. מיט־אַמאָל איז אַהין געקומען צו פאָרן אַ מיידל, — אַ לעבנסלוסטיקע, אַ גוטע, אַ פריילעכע, עס האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, הייסע, באַגייסטערטע רייד: וועגן נויט, וועגן די ליידן פון דער מענטשהייט, וועגן דער מעגלעכקייט פון אַלגעמיינעם גליק און ליבע. זי האָט אים מיטגענומען קיין מינסק. מיט דער זשעדנעקייט פון אַ הונגעריקן וואָלף האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף בילדונג און געשלונגען אַלץ, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט. אינגיכן איז ער אַריינגעפאַלן אין קרייז פון די פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום יעווגעניע הורוויטש. דאָ איז אין זיין נשמה אַריין דער ברענענדיקער פונק פון פּראָטעסט, און פאַרזייט געוואָרן דער דורשט צום קאַמף מיט יענע פינסטערע באַדינגונגען, אין וועלכע ער האָט געלעבט, און אין וועלכע עס האָט געלעבט דאָס אַלץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט פון קינדוייז אָן. עס האָט זיך דורכגעטראָגן דער געוויטער פון דער ליקווידאַציע פון דעם 28 יולי. ער האָט אַוועקגעטראָגן זיינע גייסטיקע פריינט. עס איז געבליבן דער דורשט פון נקמה און דער באַוווסטזיין, אַז אויף אים ליגט איצט דער חוב ווייטער צו פירן די אָנגעהויבענע זאַך, און ער איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט"[1].

צוזאַמען מיט קיטאַיעוויטשן האָבן, ביים צוריק אויפשטעלן די חרובע אָרגאַניזאַציע, געאַרבעט סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש, אוזשדאַנסקי און לעאָן בערנשטיין. באַלד זיינען צו זיי צוגעשטאַנען סעלצאָווסקאַ, מעריזאָן (נאָכדעם זיינען זיי אַריבער צו די „פּאָלקספּרייהייטלער"), שלמה טשעמעריסקי, יודל וואָלין (ביידע זיינען נאָכדעם געווען „אומאָפּהענגיקע"), יאַנקל מינדל, דער אַרבעטער זווערין און אַבראַם קאַפּלאַן (שפּעטער אַ „פּאָלקספּרייהייטלער"). אָט דאָס דאָזיקע קרייזל איז געווען דער קערן פון דער שפּעטערדיקער מינסקער בונדישער אָרגאַניזאַציע [2].

דאָס קרייזל פלעגט זיך געוויינלעך צונויפקומען ביי קיטאַיעוויטשן.

די ערשטע צייט איז געווען זייער שווער צו אַרבעטן: עס איז ניט געווען ניט קיין געלט, ניט קיין מענטשן, ניט קיין פאַרבינדונגען.

מען האָט געפּרוּווט אַגיטירן די ישיבה־בחורים, נאָר מען האָט זיך באַלד געמוזט אָפּזאָגן פון דעם; „עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די לעצטע, אחוץ אייניקע אויסנאַמען, טויגן לחלוטין ניט פאַר פּיאָנערן פון דער וויַ־דערגעבוירענער באַוועגונג" [3].

---

1 „היסט.־רעוו. אַרכיוו, נומ' 5, טייל 43, 1898, באַזונד. אָפּס. אַגענטור־ידיעות.

2 דאָרט.

3 דאָרט.

אינגיכן האָט זיך דעם קרייזל איינגעגעבן זיך צו פאַרבינדן מיט די בערשטער, די טעטיקייט איז געוואָרן אַראַנק דעם לעבעדיקער און האָט זיך אָנגעהויבן מער באַפעסטיקן. די חברים, וואָס זיינען ארויס גאַנץ פון דער ליקווידאַציע, האָט מען צוריק אויפגעזוכט און זיי צוגעצויגן צו דער אַרבעט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין מינסק זיינען פאַראַן 300 פּראָפּאַ־גאַנדירטע אַרבעטער [1].

עס זיינען צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן די קאַמף־קאַסעס און דער „רויטער קרייז", עס זיינען אפילו אָרגאַניזירט געוואָרן קאַסעס אין די פאַכן, ווו פריער זיינען אַזעלכע ניט געווען.

די אַרבעטער זיינען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אין קרייזלעך פון דריי מדרגות: אין די קרייזלעך פון דער ערשטער מדרגה האָט מען גע־לערנט רוסיש. געלערנט האָבן געדונגענע לערער. אהין האָט געקאָנט אָנ־קומען ווער עס האָט געוואָלט; אין די קרייזלעך פון דער צווייטער מדרגה האָט מען געלייענט אומלעגאַלע ליטעראַטור, אין זיי האָבן זיך באַטייליקט אַגיטירטע און, ענדלעך, אין דער דריטער מדרגה האָט מען שטודירט די „ערפורטער פּראָגראַם" [2].

אין סוף פון 1899 יאָר איז אין מינסק געווען: קרייזלעך פון דער ערשטער מדרגה בערך 13 צוגרייטונגס־גרופּעס, אין דער צווייטער—5 און אין דער דריטער — 2 [3].

די אַרבעט אין מינסק האָט די גאַנצע צייט געליטן צוליב מאַנגל אין אינטעליגענטע קרעפטן. די געלט־מיטלען זיינען געווען מיזערע. לויט קיטאַיעוויטשעס פאָרשלאַג איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרפירן באַקאַנט־שאַפט אין די קרייזן פון דער ראַדיקאַלער בורזשואַזיע, מיט דער האָ־פענונג צו קריגן דאָרט געלט אויף דער אומלעגאַלער אַרבעט.

ביי דעם האָבן קיטאַיעוויטשן מיטגעהאָלפן די שוועסטער ליובע און בערטע בערנשטיין.

„לויט די אַגענטור־ידיעות, האָט די בורזשואַזיע מיט גרויס חשק זיך געלאָזט מעלקן. אויף אַזאַ אופן האָט די קאַסע פון דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע באַקומען אַ שטאַרקן צופלוס פון געלט־מיטלען" [4].

---

[1] דאָרט, ענין 34.

[2] היסט.־רעוו. אַרכיוו, ד. פּאָליצ.־דעפּאַר. נומ׳ 5, טייל 15, ב. Б, 1898; באַזונד. אָפּט., בויגנס 39—40, ידיעות פון מ. וואָלבושעוויטש.

[3] דאָרט.

[4] דאָרט, נומ׳ 5, טייל 48, באַזונד. אָפּט. בויגן 34.

ווינטער פון 1898 האָט זיך ווידער געבילדעט דער מינסקער קאָמי־טעט פון „בונד". פרילינג 1899 האָט זיך דעם מינסקער קאָמיטעט איינ־געגעבן צו פאַרבינדן זיך מיט דעם צ"ק פון „בונד": דער לעצטער האָט אלס זיין באַפולמעכטיקטן געשיקט קיין מינסק אַלבערט זאַלקינדן.

מיט זיין קומען האָט זיך אין דער מינסקער אָרגאַניזאַציע אָנגע־הויבן א חלוקי־דעות אין דער פראַגע וועגן ענדערן די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי־אַרבעט.

לויט די אַגענטור־ידיעות ווערט דער דאָזיקער קאַמף געשילדערט אויף אַזאַ אופן:

אַלבערט זאַלקינד האָט געפאָדערט מען זאָל איבערגיין פון ענגער קרייזל־פּראָפּאַגאַנדע צו ברייטער מאַסן־אַגיטאַציע. „גלייך אויף דער ערשטער זיצונג פון דעם מינסקער קאָמיטעט, נאָך א קלוגער, ווי מען זאָגט, רעדע, האָט ער דערקלערט, אַז די סיסטעם פון דעם קאָמיטעט גע־פעלט אים ניט, אַז אין דעם אַרבעטער דאַרף מען בלויז וועקן דעם קלאַסן־באַוווּסטזיין, און מיט אַלגעמיינער אויסבילדונג דאַרף מען זיך בכלל ניט פאַרנעמען. מען האָט אים אָנגערופן פירשט דונדוק, און קיינער האָט מיט אים לכתחילה ניט מסכים געווען; ער האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן. ווייטער האָט ער ווידער איינגעשפּאַרט, פעסט און קאַטעגאָריש־ערנסט געפאָדערט ענדערן די טאַקטיק. ענדלעך איז אין קאָמיטעט פאָרגעקומען א שפּאַלטונג און אויף זאַלקינדס צד זיינען אַריבער ראָזע סאַרשער, אוזש־דאַנסקי און אהרון פוטער. נאָכדעם האָט זיך אויך דער גאַנצער קאָמיטעט אונטערגעגעבן. ער האָט זיך געשראָקן אָנצוווערן די אומלעגאַלע זשאַר־גאָנישע ליטעראַטור, וועלכע דער צ"ק פלעגט צושיקן דעם קאָמיטעט דורך זאַלקינדן. דעמאָלט איז געשען א גאָר אומדערוואַרטע זאַך. פאַראַיאָרן פסח (אין יאָר 1899) האָבן די אַרבעטער איינגעאָרדנט א גרויסע פאַר־זאַמלונג און נאָך הייסע, פאַרביטערטע דעבאַטן, האָבן זיי באַשלאָסן אַראָפּצוּוואַרפן דעם קאָמיטעט, אויב ער וועט זיך ניט אומקערן צו דער אַלטער טאַקטיק. דער קאָמיטעט האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. זאַלקינד איז אָבער ניט פון די מענטשן, ער זאָל בלייבן שטיין אין מיטן וועג. ער האָט לאַנגזאַם און בהדרגה זיינס אויסגעפירט. זיין פראַזע: „דאַרף דען דער אַרבעטער אויך וויסן, אַז די ערד דרייט זיך?" — איז געוואָרן א שם דבר"[1].

דער קאַמף אין דער אָרגאַניזאַציע האָט געדויערט א גאַנצן זומער.

---

[1] דאָרט, בויגן 35.

קיטאַיעוויטש און זיינע אָנהענגער בערנשטיין, סאָלאָמאָן ראַבינאָ־וויטש און נאָך איניקע, וועלכע זיינען ניט געווען איינפאַרשטאַנדן מיט דער טעטיקייט פון דעם קאָמיטעט, זיינען פון אים ארויסגעטראָטן.

אין אויגוסט האָט קיטאַיעוויטש פאַרלאָזט מינסק [1].

ביז די חילוקי־דעות איז דער קאָמיטעט באַשטאַנען פון פאָלגנדע פּערזאָנען: קיטאַיעוויטש, אוזשדאַנסקי, לעאָן בערנשטיין, סאָלאָמאָן ראַ־בינאָוויטש, מאַטוסעוויטש (פראַנץ, אַ געהילף־בוכהאַלטער פון דער מינ־סקער אָפּטיילונג פון פויערים־באַנק), זאַלקינד, ראָזע סאָרשער, מרדכי קיסעל, אהרון פּוטער און נאָך צוויי ארבעטער. נאָך דער שפּאַלטונג און נאָכדעם, ווי קיטאַיעוויטש איז ארויסגעטראָטן פון דעם קאָמיטעט, איז ער באַשטאַנען פון: זאַלקינד, חיים עליאַשבערג (אַ געוו. סטודענט פון ריגער פּאָליטעכניקום), ברוך עלטערמאַן, הירש שאַכנאָוויטש (שפּעטער אַ „זובאַטאָוועץ"), מאַטוסעוויטש, ראָזע סאָרשער, מרדכי קיסעל (אַן אר־בעטער), אהרון פּוטער (אַן ארבעטער) און נאָך צוויי ארבעטער [2].

און דאָך איז אויך נאָך דער ענדערונג פון דעם קאָמיטעט דאָרט קיין שלום ניט געווען.

דער קאַמף האָט זיך אינגיכן ווידער צעפלאַקערט.

איצט האָט מיט דער „אָפּאָזיציע" אָנגעפירט שאַכנאָוויטש, וועלכער האָט אונטער דער ווירקונג פון מאַריע ווילבושעוויטש, וועלכע איז דע־מאָלט געקומען פון גראָדנע, אָנגעהויבן צו פירן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע־ארבעט אָן דעם וויסן פון דעם קאָמיטעט.

אין דעם קאָמיטעט גופא האָט זיך שאַכנאָוויטשן אינגיכן איינגע־געבן צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט.

„...היות ווי שאַכנאָוויטש האָט אדאַנק דער ווילבושעוויטש באַקומען געלט־מיטלען פאַר דעם קאָמיטעט, און וועלכע ער האָט זיך שטאַרק גע־נייטיקט, האָט שאַכנאָוויטשעס שטים באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג אין קאָמיטעט. און ווערנדיק דער באַגלויבטער אין דעם קאָמיטעט, האָט ער געקענט ווירקן אויף זיין ריכטליניע. אדאַנק דעם איז זאַלקינדס טאַקטיק פּראַקטיש ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן" [3].

לויט ווילבושעוויטשעס ווערטער האָט זיך דער קאָמיטעט געהאַלטן ביזן 1טן דעצעמבער 1899, ווען ער איז זיך צעפאַלן — ווייזט אויס, אונטער דער ווירקונג פון דעם אינערלעכן קאַמף און דער טויטקייט פון

---

1 דאָרט, בויגן 36.

2 דאָרט, בויגן 36—37.

3 דאָרט, בויגן 36.

דער באַוועגונג. פון דעצעמבער אָן האָט מיט גאַנצער טעטיקייט אין מינסק אָנגעפירט דער „פּראָפעסיאָנעלער ראַט" אָדער די „ראַזבאָרקע", וועלכע איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון אַרבעטער [1]. אין דער „ראַזבאָרקע" זיינען אַריין: 1) פון די שלאָסער — הירש שאַכנאָוויטש, 2) פון די בערשטער — אהרון פוטער און מרדכי קיסעל, 3) פון די סטאָלערס — אומבאַוווּסטע פּערזאָנען.

אין יאָר 1899 האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצולאָזן צוויי פּראָקלאַמאַציעס: 1) וועגן דעם ערשטן מאַי און 2) צו די שטובמאָלער [2].

די ראַזבאָרקע" איז באַשטאַנען פון 12 פּערזאָן. זי האָט געהאַט א „קאַמפּס־קאַסע" און א „רויטן קרייץ". די מיטלען פון די „קאַמפּס־קאַסעס" זיינען באַשטאַנען פון פינף־קאָפּיקענע אָפּצאָלונגען פון די אַרבעטער, און פון „רויטן קרייץ" — פון זאַמלונגען און נדבות [3].

אין פאַרלויף פון יאָר 1899 האָט זיך דער עקאָנאָמישער קאַמף אין מינסק ניט אָפּגעשטעלט; עס זיינען פאָרגעקומען א מענגע שטרייקן.

דעם 1טן מערץ, אין יאָרטאָג, ווען מען האָט ערמאָרדעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, און דעם 19טן אַפּריל, אין טאָג פון פאַלן פון לייב־אייזנטום, זיינען פאָרגעקומען גרויסע פאַרזאַמלונגען פון 200 ביז 300 מאַן.

די באַדערפעניש אין אומלעגאַלער ליטעראַטור איז געוואַקסן, און כדי אויף וויפיל ניט איז זי צו באַפרידיקן, איז דער מינסקער קאָמיטעט צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן בלעטלעך אונטערן נאָמען „אייניקייט". בסך־הכּל האָבן ערשיינט צוויי נומערן.

אין משך פון די יאָרן 1898—1900 האָבן, אחוץ די מיטגלידער פון קאָמיטעט, אין מינסק געאַרבעט: מאַקס בערמאַן (אַן אַרבעטער), חיים־הירש „מאַשקאַ", משהקע ווישטשינסקי (א שלאָסער), פּערטשיק (א סטאָלער), סאַשע לוריע (אַן אינטעליגענטקע), פּיאָטר וואַסיליעוויטש רומיאַנצעוו, ברוך גערציק (א שילער פון דער מינסקער גימנאַזיע), פּעסיע שאַכנאָוויטש, קאַצענעלסאָן (א געוו. סטודענט), זיין שוועסטער, בערל פּינקעל, יעקב קאַפּלאַן (א געוו. סטודענט פון קיעווער אוניווערסיטעט), ליובע

---

1 דאָרט.

2 זע בוכבינדערס אַרטיקל „וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין מינסק", „קראַסנ. לעט.", נומ' 5.

3 היסט.־רעוו. אַרכיוו, ענין נומ' 5, טייל 15, ב, Б, בוינן 39—40.

בערנשטיין, פריידע באמדאס, הענאך כאיוטין (א שלאָסער), אייזיק בער־קאָוויטש, שלמה משכיל־לאיתן, איציק רובענטשיק, ברוך לעוויטאַס, אנ־דרעי פאַוולאָוו בונגע, הירש רודערמאַן, ראָזע זעלדאָוויטש, איציק טעומין (א געוו. סטודענט פון בערנער אוניוו.), נוסיא קאַזאַראַנאָווסקאַ, מאַטילדע מייטשיק, אננא גערציק, „יאַקאָוו", „מאיר", ברוך פרומקין, אהרון־ברוך פרומקין (בארים ניקאָלאַיעוויטש), אננא שאָסטאַק (געבאָרן דימענט), אהרון ראָזנהויז, אליהו ווילענקין, מרדכי מעטעליצקי, יואל שערמאַן (סערמאַן), סערגיי פיליפּאָוו קאָוואַליק, וולאַדימיר מערעס, אהרון שקלאָווסקי, רעוועקאַ שקלאָווסקאַיאַ, לייב לעדער, מערע באַגדאַנאָוואַ, לאה־ציפּע עפּשטיין, ברוך סעלצאָווסקי, דוד ראַטנער, מאַריע ווילבושע־וויטש, סענדער פרומקין, דבורה לעדער, וואָלף טרוכנאָווסקי, אליהו־חיים לעווין, יהושע רובינשטיין, ליפּע דאָבין, משה קעסעל, אברהם־אליהו בע־נענזאָן, אסתר וואָלמאַן [1].

* *
*

דעם 28טן פעברואַר 1900 איז לויט דער מסירה פון א יידן א פּראָ־וואָקאַטאָר דורכגעפאַלן די מינסקער דרוקעריי.

בשעת דער רעוויזיע ביי ראַדקינען האָט מען אונטער דער קאַנאַפּע, אונטערן בעט און אויפן אויוון געפונען בערך 6 פוד יידישן און רוסישן שריפט, א העקטאָגראַף, פאַרב, א דרוק־וואַליק, צוויי מעטאַלענע ווינקלען, אויסגעזעצטע קעפּלעך אויף יידיש: „דער יידישער ארבעטער" און אויף רוסיש: „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" און קעפּלעך פון עפּעס אן אויסגאַבע אויף פּויליש. אחוץ די דרוק־מכשירים האָט מען נאָך געפונען א גרויסע צאָל אומלעגאַלע ליטעראַטור: פּראָקלאַמאַציעס, בראָשורן אאז"וו. אויף די אַלע זאַכן איז געווען דער שטעמפּל „מינסקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָמיטעט". בשעת דער רעוויזיע האָט מען געפונען דעם שטעמפּל פון „מינסקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָמיטעט".

אויף דער קוואַרטיר איז ארעסטירט געוואָרן דער באַלעבאָס פּייוויש אבראַמאָוו ראַדקין.

נאָכדעם האָט מען פאַרהאַלטן רייזע סאַרשער און שלמה משכיל־לאיתן, וועלכע זיינען געקומען צו ראַדקינען אין דירה.

---

[1] היסט.-רעוו. ארכיוו, ענין נומ' 5, ט' 16, ב. Б און נומ' 5, טייל 48, פאַרשייד. בוינ, און אגענטור־ידיעות.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטדעקונג פון דער דרוקעריי זיינען אין די קומענדיקע טעג פאָרגעקומען אַ גרויסע צאָל רעוויזיעס און אַרעסטן, אַדאַנק וועלכע עס זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן אַ סך אַקטיווע טוער[1].

בשעת עס איז פאָרגעקומען דער דורכפאַל פון דער דרוקעריי, איז מען געווען זיכער, אַז אַרויסגעגעבן האָט זי די באַלעבאָסטע פון דער דירה, און אין מינסקער קאָמיטעט איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן נוקם זיין זיך אין איר. מען האָט וועגן דעם אָנגעפרעגט ביי דעם צ"ק און ביי אייניקע אָרטיקע קאָמיטעטן. אַלע האָבן זיך צו דעם באַצויגן נעגאַטיוו און אָנגעוויזן, אַז אַזוי ווי די באַלעבאָסטע איז אַ קריסטין און די צייט איז איצט ערב־פסח, קאָן דאָס דערמאָרדן זי אויסגענוצט ווערן פאַר אַ נייעם בלוט־בילבול.

* *
*

נאָך דעם מערץ־דורכפאַל האָט זיך בראש פון דער מינסקער באַוועגונג געשטעלט פסח מעזשעוועצקי, „אַ גוטער טעאָרעטיקער פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם, אַן אינטעליגענטער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה" [2].

צוזאַמען מיט דעם שטעפּער הילע ראָזענבלום און דעם בערשטער „חנציע" האָט ער געשאַפן דעם קאָמיטעט.

דאָס ערשטע האָט זיך דער קאָמיטעט גענומען צום אָרגאַניזירן די שלאָסער, „אַלס פאַך, וואָס האָט זייער פיל אַרבעטער, וואָס זיינען אַמווייניקסטן פאַראייניקט און וואָס האָט פאַר דער לעצטער צייט געהאַט די גרעסטע פאַרלוסטן" [3].

---

1 אין דער נאַכט פון 6טן מערץ זיינען רעווידירט און אַרעסטירט געוואָרן: הירש שאַכנאָוויטש, אַננאַ שאָסטאַק (געבוירן דימענט), אַהרן ראָזנהויז, ברוך באַמדאַס, פעסיע שאַכנאָוויטש, ליובע בערנשטיין, איציק טעומין, אליהו ווילענקין, ברוך גערציק, לייב כאָכזען, מרדכי מעטעליצקי, ברוך פרומקין, משה פרידן; רעווידירט זיינען געוואָרן: פרומקין אַהרן־ברוך־אָשר, יואל שערמאַן (סערמאַן), חיים עליאַשבערג, סערגיי קאָוואַליק, וולאַדימיר מעדעם, גריגאָרי גערשוני, אַהרן שקלאָווסקי, רבקה שקלאָווסקי, לייב לעדער, מערע באָגדאַנאָוואַ, לאה־ציפּע עפּשטיין, ברוך סעלצאָווסקי, דוד ראַטנער, מאַריע ווילבושעוויטש, סענדער פרומקין, דבורה לעדער, וואָלף טרוכנאָווסקי, אליהו־חיים לעווין, הושע רובינשטיין, ליפּע דערבין, משה קעסעל, אברהם־אליהו בענענזאָן, אסתר וואָלמאַן.

2 ענין נומ' 5, טייל 16, ב. Б, בויגן 148 פון דער באַזונד. אָפּט. 1893, אַגענט.־ידיעות.

3 דאָרט, בויגן 149.

נאָכדעם האָט זיך דער קאָמיטעט פארבונדן מיט די שניידער (25 מאַן), מיט די איינבינדער (בערך 20 מאַן, זיי האָבן געהאַט צוויי קאָנספי־ראַטיווע קוואַרטירן), מיט די האַנדלס־אָנגעשטעלטע (30 מאַן), מיט די סטאָלערס (בערך 30 מאַן, זיי האָבן ווייניקער געליטן פון די דורכפאַלן, זיי האָבן געהאַט פיר קאָנספּראַטיווע קוואַרטירן), מיט די זעצער און מיט ־ער אינטעליגענץ, דורך די סטודענטן מערעס און קאַפּלאַן [1].

אַלס פּראָטעסט קעגן די מערץ־אַרעסטן האָט מען דעם 1טן מאַי איינגעאָרדנט אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע. אַדאַנק דער אומדערוואַרטער אָר־גאַניזאַציע האָבן זיך אין דער דעמאָנסטראַציע בסך־הכּל באַטייליקט 200 מאַן.

בשעת דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך געהערט פאָלגנדיקע אויס־רופן: „נידער מיטן דעספּאָטיזם, זאָל לעבן די פרייהייט פון וואָרט, פון פּרעסע, פון פאַרזאַמלונגען אאַז״וו״.

די דרייסטע און אָפענע אַרויסטרעטונג פון די אַרבעטער האָט אין שטאָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם, און צווישן די אַרבעטער האָט מען וועגן דעם זייער פיל גערעדט.

דער מינסקער קאָמיטעט האָט אין שייכות מיט דער דעמאָנסטראַציע אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעל בלעטל [2].

דער זומער און דער האַרבסט זיינען אַריבער אין אַן אויפגעלעבטער טעטיקייט ביים אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. עס האָבן זיך אָר־גאַניזירט די שלאָסער, די סטאָלער, די איינבינדער, די שוסטער, די שניי־דער, די מולערס און אַנדערע.

מען פלעגט אָפט איינאָרדענען גרויסע פאַרזאַמלונגען הינטער דער שטאָט — אין קאָמאַראָווקע און אין וואַלד.

אין יולי האָבן די גילזן־מאַכערינס געפייערט דעם יאָרטאָג פון זייער קאַסע. עס האָבן זיך באַטייליקט די מיטגלידער פון דער קאַסע: 25 מייד־לעך, 5 מענער, און אייניקע איינגעלאַדענע געסט. מעזשעוועצקי האָט אין זיין רעדע געטאַדלט די אַגיטאַציע פאַר לעגאַלער אַרבעט און גערופן צום פּאָליטישן קאַמף, פאַר דער פרייהייט פון וואָרט און פּרעסע, פון פאַר־זאַמלונגען אאַז״וו [3].

---

1 דאָרט.

2 „דער יידישער אַרבעטער", נומ׳ 10.

3 היסט.־רעוו. אַרכיוו פון פּאָליציי־דעפּ., טייל 48, 1898, באַזונד. אָפּט. בויגן 289, אַג.־ידיעות.

דעם 28 יולי איז לעבן מינסק אין וואלד פארגעקומען א גרויסע פארזאמלונג — פון א מאן 300—400. „יאקאוו", ארע פוטער, סאלאמאן ראבינאוויטש, כאציע און איטשע־מאיר האבן געהאלטן פייערדיקע רעדעס. נאכדעם האט דער עולם זיך אויסגעשטעלט אין רייען און אויפ־הייבנדיק אויף א שירעם א רויטע פעלערינע, האבן זיי זיך מיט רעוואלוציאָ־נערע לידער געלאזט גיין אין שטאט אריין [1].

שטרייקן זיינען אין דעם יאר פארגעקומען זייער ווייניק. אין סעפ־טעמבער האבן, אגב, געשטרייקט די גילזן־מאכערינס און די איינבינדער (פארשפילט), אין אקטאבער — די באלעגאלעס און די וועשנייערינס, אין דעצעמבער — אין דער פאבריק „ראסיא" (פארשפילט).

די באציאונגען צווישן דעם קאמיטעט און די ארבעטער האבן זיך זייער פארשארפט, אדאנק דעם, וואס דער קאמיטעט האט צו זיך ניט גע־וואלט ארייננעמען קיין ארבעטער. אין יולי האבן די סטאלערס, נאכדעם ווי מען האט אפגעווארפן זייער פאדערונג ארייננעמען זייער פארשטייער אין קאמיטעט, באשלאסן מער ניט צו באזוכן די פארזאמלונגען, וואס דער קאמיטעט ארדנט איין.

אין יאנואר 1901 האט דער אינטעליגענטן־קרייז, אין וועלכן עס האבן זיך באטייליקט: וואלין, קליוואנסקי, מעדעם (וועלכער איז אינגיכן ארעסטירט געווארן), אראן, טשעמעריסקי, סאלאמאן ראבינאוויטש, זיין שוועסטער האדע, קאליע, ניימאן, סימע, מערקע, בערטע, זינע, ניידיאנ־נאיא און ווערא, אויסגעארבעט פאלגנדיקע פראגראם פון די לעקציעס אין די קרייזלעך:

א. דער ציל פון די לעקציעס.

ביי דער ארבעטער־מאסן־באוועגונג, וואס האט זיך אנגעהויבן אין מינסק, גיט מען די מעגלעכקייט זיך צו אנטוויקלען ניט דער גאנצער מאסע, נאר בלויז יענע יחידים, וועלכע רוקן זיך ארויס פון צווישן איר אדאנק זייערע פעיקייטן און איבערגעגעבנקייט דער זאך, ד"ה די מאסן־אגי־טאטארן אדער די יעניקע, וואס זיינען פעיק צו ווערן מאסן־אגיטאטארן.

1) דער ציל פון די לעקציעס איז צו מאכן די טעטיקייט פון די אגי־טאטארן פאר א באוווסטזיניקע, זיי צוגעבן א געוויסן אינהאלט, און צו אנטוויקלען אין די אגיטאטארן דעם טעארעטישן סאציאל־דעמאקראטישן בליק אויף דער באוועגונג.

---

[1] דארט, בויגן 290, אג.־ידיעות.

היות, ווי אין אונזער באוועגונג באמערקן מיר איין אלגעמיינעם פרינציפ — דאס שטרעבן צו פארבייטן די מינדלעכע אגיטאציע און פראפאגאנדע מיט ליטעראטור, דארף איינער פון די צילן פון אט די לעקציעס זיין:

2) אנטוויקלען ביי די שילער די פעיקייט זעלבשטענדיק צו לייענען און קריטיש זיך פונאנדערקלייבן אין דעם איבערגעלייענטן.

היות ווי אין דער קריטישער ארבעט טרעפט זיך דער ארבעטער אן אויף פארשיידענע פראגן, סיי פראקטישע, סיי טעארעטישע, און חוצדעם, באקומט ער פון די פראקטישע שמועסן בלויז אפגעריסענע, שטיקלעך ידיעות, דארף די דריטע אויפגאבע פון דעם אינטעליגענט, וואס לערנט די ארבעטער, זיין:

3) דאס פארענטפערן אט די פראגן, וועלכע דאס לעבן שטעלט דעם ארבעטער, און די סיסטעמאטיזירונג פון יענע ידיעות, וועלכע דער ארבעטער באקומט אויסער דעם קרייזל.

ב. דער מעטאד פון די לעקציעס.

כדי צוצוגעוויינען דעם ארבעטער קריטיש זיך באציען צו דעם, וואס ער הערט אדער לייענט —

1) דארף מען בשעת די לעקציעס געבן די שילער די פולע מעגלעכקייט זעלבשטענדיק צו ענטפערן אויף די בארירטע פראגן.

די לעקציעס דארפן זיין זייער פאפולער. כדי צו דערגרייכן דאס —

2) דארף מען אילוסטרירן דעם ארויסגעזאגטן געדאנק מיט אזעלכע פאקטן, וואס זיינען נאענט באקאנט די שילער.

ג. די פראגראם פון די לעקציעס.

ביים צונויפשטעלן אט די פראגראם האבן די מחברים פון איר זיך גערעכנט מיט אט די צוויי סיבות:

1) צוליב פאליציייִשע און קווארטיר־באדינגונגען אין אונזער שטאט, ווערן די לעקציעס אין די קרייזלעך אפט איבערגעריסן; זייער זעלטן איז דער פאל, ווען א קרייזל לערנט זיך א לאנגע צייט אן אן איבעררייס, — דארפן מיר טייער האלטן יעדע לעקציע באזונדער. דעריבער איז די פראגראם כולל אין זיך נאר די פראגן, וואס זיינען באזונדערס וויכטיק, וואס זיינען נויטווענדיק.

2) די מחברים האבן זיך באמיט מסדר זיין די פראגן לויט דער לאגישער קאנסעקווענטקייט.

די פּראָגראַם ווערט, אין הסכם מיט די פּעיִקייטן פון די שילער, גע־טיילט אויף דריי אָפּטיילונגען.

די ערשטע אָפּטיילונג קאָן מען באַצייכענען אַלס „עקאָנאָמישע". די פּראָגראַם פון אָט דער אָפּטיילונג פאָדערט ניט מצד די שילער קיין שום צוגרייטונג, פּונקט אַזוי ווי ביי יעדער ווענדונג אונזערע צו אַ מאַסן־אַר־בעטער דאַרפן מיר קודם־כּל אים אויפקלערן דעם חילוק צווישן זיינע אינטערעסן און דעם באַלעבאָס אינטערעסן און די מיטלען פון קאַמף מיט דעם באַלעבאָס. די פאָרמולירונג פון דער פּראָגראַם פון דער ערשטער אָפּ־טיילונג איז אַזאַ:

I

א) די קעגנזײַטלעכקייט פון די אינטערעסן פון די באַלעבאַטים און די אַרבעטער: 1) דער אַרבעטס־לוין, 2) דער אַרבעטסטאָג, 3) דער מערווערט.

ב) די מיטלען פון קאַמף: 1) אַ סטיכישער און אַן אָרגאַניזירטער שטרייק, 2) פאַראיינען, 3) קאַסעס, 4) די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד, אַלס ביישפּיל.

ערשט נאָך אַ געוויסער צוגרייטונג און באַקענען זיך פון דעם אַר־בעטער מיט דעם אינהאַלט פון דער ערשטער פּראָגראַם־אָפּטיילונג, — פון דער עקאָנאָמישער — קומט דער אַרבעטער צום באַוווּסטזיין וועגן דער נויטווענדיקייט פון פּאָליטישן קאַמף. דעריבער איז די צווייטע אָפּטיי־לונג — אַ פּאָליטישע. די פּראָגראַם פון דער אָפּטיילונג גיט דעם אַרבעטער דעם באַוווּסטזיין וועגן די מיטלען פון פּאָליטישן קאַמף און ווערט בהדרגה צופירן זיין שכל צום פאַרשטיין דעם קלאַסן־קאַמף. די פאָרמולירונג פון דער צווייטער אָפּטיילונג איז פאָלגנדיקע.

II

א) די שטערונגען פון דעם עקאָנאָמישן קאַמף.

ב) די רעגירונג.

ג) דאָס פאָדערן צו באַזייטיקן די שטערונגען פון קאַמף: 1) פריי־הייט פון פאַרזאַמלונגען; 2 פרייהייט פון שטרייקן; 3) פרייהייט פון פאַראיינען; 4) פרייהייט פון וואָרט און פּרעסע.

ד) מיטלען פון קאַמף: 1) דעמאָנסטראַציעס, 2) פּראָקלאַמאַציעס, 3) דאָס פייערן דעם ערשטן מאַי.

ה) וועגן דעם רעוואָלוציאָנער — אַלס ניט קיין פּאַרטיי־מענטש.

די דריטע אָפּטיילונג, אַזוי צו זאָגן, די סאָציאַליסטישע, ווערט אַנט־

וויקלען אין די ארבעטער דעם קלאסן־זעלבסטבאוואוסטזיין און וועט געבן לכל־הפחות די עלעמענטארע פארשטעלונג וועגן די צילן און דער טאקטיק פון דער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער־פארטיי.

די פארמולירונג פון דער דריטער אפטיילונג איז פאלגנדיקע:

III

1) אויף וואס איז זיך סומך דער קאמף צווישן די קלאסן.

2) פריוואט־אייגנטום.

3) די אנטוויקלונג פון פריוואט־אייגנטום: 1) דער אוראלטער קאמוניזם; 2) די שקלאפעריי; 3) לייבאייגנטום; 4) קליין־פריוואט־אייגנטום און דאס פאלן פון דעם; 5) קאפיטאל, קאפיטאליזם.

4) די רעזולטאטן פון פריוואט־אייגנטום:

א) די געזעלשאפטלעכע פארטיילונג פון דער ארבעט.

ב) דער אויסטויש: 1) די אנטוויקלונג פון דעם אויסטויש; 2) דער אויסטויש בשעתן נאטורעלן פעריאד; 3) דאס געלט; 4) דער אויסטויש בשעתן געלט־פעריאד.

ג) די עקספלואטאציע און אירע פארמען: 1) בשעת דער מאנופאקטור; 2) די מאשין; 3) בשעת דער מאשין־פראדוקציע.

א) די פאלגן פון דער עקספלואטאציע ביים קאפיטאליזם: 1) פרויען־ און קינדער־ארבעט; 2) די רעזערוו־ארמיי פון ארבעטער; 3) די קאנצענטראציע פון קאפיטאל.

5) דער קאפיטאליזם פירט צום קאלעקטיוויזם.

6) דער כאציאליזם.

7) דאס פארווירקלעכן די סאציאלע רעוואלוציע.

8) די מיטלען, ווי צו דערגרייכן די סאציאליסטישע ארדענונג.

א) די ארגאניזאציע פון דעם ארבעטער־קלאס: 1) עקאנאמישע ארגאניזאציעס; 2) פאליטישע ארגאניזאציעס.

9) פאליטישע גלייכבארעכטיקונג.

10) די סאציאל־דעמאקראטיע.

11) די רוסישע רעוואלוציאנערע באוועגונג: 1) די רעוואלוציאנערע פארטיי; 2) די רוסישע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי; 3) די יידישע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי; 4) די פוילישע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי.

12) נאציאנאליטעט: 1) נאציאנאליזם; 2) סאציאליזם.

סוף דעצעמבער 1900 און אין יאנואר 1901 זיינען פארגעקומען גרויסע דורכפאלן. צווישן אנדערע איז אויך ארעסטירט געווארן מעדעם,

וועלכער האָט געפירט אַ ברייטע טעטיקייט אין דער מינסקער אָרגאַניזאַציע. זיין אַרעסט האָט אויף די אַרבעטער געמאַכט אַ גוואַלטיקן רושם. „זיין אַרעסט, — ווערט געזאָגט אין די אַגענטור־ידיעות, — האָט ביי אַלעמען אַראָפּגענומען דעם קאָפּ. די שטימונג איז אַ געדריקטע"[1]. מען האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו ריידן, אַז אין דער אָרגאַניזאַציע געפינט זיך אַ פּראָוואָקאַטאָר.

האָמעל

אין אָנהייב פון די 1890ער יאָרן זיינען שוין אין האָמעל געווען אינטעליגענטן־קרייזלעך. זיי האָבן אַלע דעמאָלט געטראָגן אַן אויסשליסלעכן בילדונגס־כאַראַקטער און האָבן זיך על־פּי רוב צונויפגעשטעלט פון דער יוגנט, וועלכע פלעגט קומען צו פאָרן אויף די פעריען.

צווישן זיי האָט זיך געמערקט אַ גרויסער אידעישער מישמאַש. דער גאַנצער אידעען־באַגאַזש אין די קרייזלעך איז באַשטאַנען, פון איין זייט, פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אַדאַנק דעם גירוש מאָסקווע און דער גאַנצער סיסטעם פון יידן־רדיפות אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן און, פון דער אַנדער זייט, פון עפּעס ניט באַשטימטס, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס אַ פאָרמלאָז געמיש פון פאַרשיידענע ברעקלעך פון שלעכט פאַרשטאַנענעם ליבעראַליזם און פאָלקיזם. דאָס אַלץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס אומבאַשטימטע שטרעבונגען צו באַפרייען זיך פון דעם צאַרישן דעספּאָטיזם.

גלייך נאָכדעם, ווי די זומער־פעריען האָבן זיך געענדיקט און די יוגנט פלעגט צוריק אַוועקפאָרן אין די הויפּטשטעט, פלעגן די קרייזלעך זיך צעפאַלן און אַלץ פלעגט ווידער אָפּשטאַרבן.

אין האַרבסט 1893 האָט זיך אין האָמעל, אונטער דער אומדירעקטער השפעה פון דעם מינסקער קרייזל מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, זיך געבילדעט אַ קרייזל פון 12 מאַן — אינטעליגענטן און אַרבעטער.

אָט וואָס עס דערציילן וועגן דעם די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אָט דעם קרייזל:

„וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, אַלס טעאָרעטיש גאַנצעס, אָט דאָס קרייזל, וואָס פאַר אַ פּראָגראַם פון טעטיקייט האָט ער זיך געשטעלט,

---

1 עניין נומ׳ 5, טייל 48, בויגן 301, באַז. אָפּט. 1898.

מיט וואס פאר א שלעכטס האט ער געוואלט קעמפן? עס איז זייער שווער צו ענטפערן דערויף, ווייל דעם קרייזל גופא איז דאס געווען אומבאוווסט. עס קאן גאר קיין רייד ניט זיין פון וועלכע ניט איז פעסטע און קלארע איבער־צייגונגען, פון וועלכער ניט איז באשטימטער טעטיקייט. דאס איז געווען א קרייזל פון מענטשן, וואס האבן ווייניק געוווסט, וואס האבן זיך געריסן, גע־שטרעבט צו עפעס, אין דער פינסטער זיך געצויגן צו עפעס א וועלט־אנשויונג, אויף עפעס א פעסטן וועג פון גייסטיקן לעבן. זיי פלעגן זיך אפט צונויפקו־מען, געלייענט די נייע זאכן פון בעלעטריסטיק, מיט גרוים חשק געלייענט די אומלעגאלע ליטעראטור, גערעדט וועגן דער אומגערעכטיקייט, וואס הערשט אויף דער וועלט, וועגן דער הייליקייט פון לעבן, וועגן דער אונ־טערדריקטער לאגע פון די ארבעטער, וועגן דעם דעספאטיזם פון דעם צא־ריזם, געלייענט טאלסטאיען, אפילו פארכאפט געווארן פון זיינע אידעען, גערעדט וועגן דער נייטיקייט פון קאמף, פון פלאנמעסיקער ארבעט, טאן, טאן, נאר די ווערטער זיינען טאקע געבליבן ווערטער, שיינע, קלינגעוור־דיקע, און ווייטער פון דעם האבן זיי ניט געקענט גיין, ווייל כדי צו פירן א פלאנמעסיקע ארבעט, דארף מען פריער אליין וויסן, וואס דו ווילסט, פארמאגן כאטש וועלכע ניט איז אנערקענטע, פעסטע איבערצייגונגען, און דאס האבן זיי ניט געהאט. דאס איז אפילו ניט געווען קיין קרייזל פון זעלבסטבילדונג, ווייל דארט איז ניט געפירט געווארן קיין שום ערנסטע, סיסטעמאטישע לעקציעס. דאס קרייזל האט אבער א באדייטונג דערפאר, וואס עס איז דער ערשטער פרווו צו פאראייניקן מענטשן צווישן זיך, כדי צוזאמען צו פירן אן אפאזיציאנעלע ארבעט, דערפאר, וואס דאס איז גע־ווען דאס קערנדל פון דער שפעטערדיקער ארגאניזירטער גרופע, וועלכע איז געקומען צו דער סאציאל־דעמאקראטישער פראגראם און וואס שטייט בראש פון דער ארבעטער־באוועגונג. נאך א גרעסערע און וויכטיקערע באדייטונג האט דאס דאזיקע קרייזל דערמיט, וואס, ניט געקוקט אויף דער נעפלדיקייט און ניט קלארקייט פון זייערע סאציאלע שטרעבונגען און ווונטשן, ניט געקוקט אויף דער אויסטערלישער בונטקייט און פארשיידנ־ארטיקייט פון די טעמעס און פראגן, וואס פלעגן דארט באריר טווערן, האט איבער דעם קרייזל געהערשט דער ארבעטער. די אלע וויכוחים וועגן אים, וועגן זיין לאגע זיינען געווען די אקס, ארום וועלכער אלץ האט זיך געדרייט". „...צי איז דאס געווען א צייכן פון דער צייט, צי איז דאס גע־ווען אונטער דער השפעה פון די ידיעות וועגן דער ארבעטער־באוועגונג, וואס האט זיך אנגעהויבן אין אנדערע שטעט, ווי דאס זאל ניט זיין, אבער וועגן דעם ארבעטער האט מען גערעדט, וועגן זיין לאגע האט מען דיספו־טירט מער ווי וועגן עפעס אנדערש. און דאס האט בהדרגה געבראכט צו

דעם, אז דער אינטערעס פון די אַרבעטער און דאָס פאַרבעסערן זייער ביטערן מצב איז געוואָרן דער "Credo„ פון דעם קרייזל"[1].

צו יענער צייט, ד"ה צום יאָר 1894, דאַרף מען אויך צורעכענען דעם אָנהייב פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין האָמעל.

די איניציאַטאָרן פון אָט דער באַוועגונג זיינען געוועזן די עטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אויבנדערמאָנטן קרייזל.

ביזן 1894 יאָר איז אין האָמעל ניט געווען קיין סימן פון אַן אַר־בעטער־באַוועגונג. די אַרבעטער האָבן ניט אָנערקענט זייער שווערע לאַגע און ניט געפּרוּווט זי צו פאַרבעסערן; די אינטעליגענץ ווידער האָט ניט באַטראַכט דעם יידישן אַרבעטער אַלס אַ רעאַלע קראַפט, וואָס האָט אַ באַ־דייטונג אין דעם קאַמף.

אין יאָר 1894 האָט אַדאַנק דער אַגיטאַציע פון די אַרבעטער — מיטגלידער פון דעם קרייזל — אויסגעבראָכן אַ שטרייק ביי די מולערס. באַטייליקט אין דעם שטרייק האָט זיך כמעט דער גאַנצער מאַלער־צעך — אַ מאַן 30—35. מען האָט געפאָדערט צו העכערן דעם אַרבעטס־לוין. דער שטרייק האָט געדויערט אָנדערטהאַלבן וואָכן און איז געווונען געוואָרן. גלייך נאָכדעם זיינען אויסגעבראָכן שטרייקן ביי די שלאָסער און די שניי־דער. דאָ האָבן די אַרבעטער געפאָדערט צו פאַרקירצן דעם אַרבעטסטאָג. אינטערעסאַנט זיינען די אומשטענדן, ביי וועלכע די שטרייקן האָבן זיך געפירט: די שטרייקער האָבן דערלאַנגט אַ פּעטיציע אין דער האַנטווערקער־פאַרוואַלטונג (אופּראַווע). אַ גרויסער עולם שטרייקער איז אַהין אַוועק און געבעטן, די פאַרוואַלטונג זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען. זיי האָבן זיך דער־שלאָגן, אַז עס זאָל איינגעשטעלט ווערן אַ 14שעהדיקער אַרבעטסטאָג. די דאָזיקע שטרייקן זיינען כאַראַקטעריסטיש מיט דעם, וואָס, אין פאַר־גלייך מיט די פריער פאָרגעקומענע שטרייקן, זיינען זיי ניט געווען קיין צופעליקע, זיינען פריער צוגעגרייט געוואָרן און זיינען געפירט געוואָרן מיט דער דירעקטער הילף פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קרייזל[2].

דער ערפאָלג פון די ערשטע שטרייקן האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע ריי שטרייקן, דערהויפּט, אין די קלענערע וואַרשטאַטן. זיי זיינען געווען שלעכט אָרגאַניזירט און האָבן זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. „...דער כאַראַקטער פון אָט די שטרייקן איז געווען זייער אַ פּרימיטיווער: ניט

---

1 „היסט.־רעוו. אַרכיוו פון פּאָליציי־דעפּאַרט. נומ' 5, טייל 31, 1898, באַזונד. אָפּט., בויגן 2, ב' 1. „די אַרבעטער־באַוועגונג אין האָמעל", באַריכט פון האָמלער קאָמיטעט פון „בונד" דעם אינטערנאַצ. סאָצ. קאָנגרעס אין פּאַריז.

2 דאָרט.

בלויז די מאסע, וועלכע איז געגאנגען נאך אירע אגיטאטארן, איז געווען אומבאוווסטזיניק, נאר די אגיטאטארן גופא, וועלכע האבן אנגעפירט אט די מאסע, האבן שלעכט פארשטאנען הן די טאקטיק, וועלכע מען דארף אנווענדן בשעתן שטרייק, הן ווי אזוי מען דארף בכלל פירן די אגיטאציע צווישן די ארבעטער [1].

די ארבעט פון דעם קרייזל האט זיך צעדרויבלט.

די פראפאגאנדע צווישן די ארבעטער איז געפירט געווארן אומגע־לומפערט. די פראקטישע טעטיקייט פון דעם קרייזל איז — „עפעס א פאראייניקונג פון א זאך, וואס לאזט זיך ניט פאראייניקן, עפעס א מין קרייזל־מאסן־ארבעט, א געמיש פון אגיטאציע מיט פראפאגאנדע; מיט איין ווארט, עס קרייצן זיך צונויף א סך וועגן, וועלכע פירן דאך צו ניש־טיקע רעזולטאטן. מען רופט צונויף א פארזאמלונג פון 100 ארבעטער, אויף וועלכער מ'שטעלט שארף אוועק די פראגע וועגן... דער נויטווענדי־קייט, אז די ארבעטער זאלן קענען לייענען און שרייבן, אלס די Conditio sine qua non פון דער באוועגונג"... „עס באקומען זיך אומדערוואַרטע און גלענצנדע רעזולטאטן: אדאנק דעם, וואס עס ווערט ניט געפירט קיין מאסן־אגיטאציע און די מאסע ווייס ניט פון דעם, שעפן די פראפעסיא־נעלע קאמפס־קאסעס זייערע מיטלען פון די אפצאלונגען פון עטלעכע מיטגלידער־אגיטאטארן און אנפירער פון די פאכן; אויף אזא אופן פאר־לירט די קאסע איר רעאלע פראפעסיאנעלע באדייטונג און זיי זיינען דע־ריבער ניט לעבנספעיק" [2].

דער עקאנאמישער קאמף איז אפגעשטארבן. די פאך־קאסעס זיינען זיך צעפאלן.

אזוי האט עס געדויערט אין משך פון די יארן 1895—1896

דאס קרייזל איז פאר דער צייט אין כמות זייער אויסגעוואקסן: פון 12 מאן איז עס אויסגעוואקסן ביז 30, דערביי האט זיך דער צוזאמענ־שטעל אפט געביטן.

די ארבעט האט זיך געפירט לויט דער אלטער סיסטעם: מען האט געלייענט וועגן אלגעמיינער געשיכטע, וועגן קולטור־געשיכטע, זיך פונאנ־דערגעקליבן אין טאלסטאי, באקל, דארווין, געלערנט די ארבעטער לייענען און שרייבן, געאגראפיע און אריטמעטיק.

---

1 דארט.

2 דארט.

צו ווינטער־צו פון יאר 1896 האט דאס קרייזל אנגעהויבן שוואך ווערן און די מיטגלידער זיינען געווארן אלץ קלענער און קלענער.

אנשטאט דעם קרייזל זיינען אנטשטאנען אנדערע, נאר אינגיכן זיינען זיי זיך אויך צעפאלן.

די מאסע איז ניט געווען צופרידן מיט דער אויסשליסלעכער ביל־דונגס־ארבעט פון די קרייזלעך.

מען האט אנערקענט די נויטווענדיקייט איבערצוגיין צו אנדערע מעטאדן, צו דעם דירעקטן קאמף פאר דעם פארבעסערן די לאגע פון די ארבעטער.

עס האט זיך אנגעהויבן א קריזיס אין דער האמלער יידישער אר־בעטער־באוועגונג.

* * *

זומער 1897 האט זיך אין האמעל געגרינדעט א גרופע פון סאציאל־דעמאקראטן, כמעט אויסשליסלעך פון אינטעליגענטן, וועלכע האבן בא־שלאסן אנהייבן צו פירן אן אגיטאציע צווישן די יידישע ארבעטער־מאסן אויף דעם באדן פון עקאנאמישע פאדערונגען.

די גרופע האט באשלאסן אינגאנצן איבערצורייסן מיט דעם פריער־דיקן פעריאד פון „קרייזלעריי“ און געבן דעם קאמף א מאסן־כא־ראקטער.

די דאזיקע גרופע האט ארגאניזירט די ארבעטער לויט די פאכן, אין יעדער פאך האט מען איינגעארדנט אן אייגענע קאמפס־קאסע; יעדער פאך האט געהאט זיין אנפירער אדער פארשטייער; פון צייט צו צייט פלעגט מען איינארדענען פארזאמלונגען פון אלע פארשטייער, אויף וועלכע מען פלעגט באהאנדלען די אלגעמיינע פראגן פון דער באוועגונג: דאס אוועקשטעלן די אגיטאציע, וכדומה.

אין משך פון זומער האט מען ארגאניזירט פינף פאכן מיט 100—120 מאן [1].

דער איבערגאנג אין א נייער פאזע פון אנטוויקלונג פון דער יידי־שער ארבעטער־באוועגונג, דאס ראדיקאלע איבעררייסן מיט דער סיסטעם פון „קרייזלעך“, האט אין דער גרופע ארויסגערופן אן „אפאזיציע“.

לויטן מוסטער פון ווילנע און מינסק, ווו עס זיינען פריער אויך געווען אזעלכע „אפאזיציעס“, האט זי געפרוווט פארטיידיקן די אפגע־

---

[1] דארט.

לעבטע ליניע, דערוויזנדיק, ווי די מאסע וועט ניט פארשטיין די נייטיקייט פון דעם עקאנאמישן קאמף, אז מען דארף, ווי פריער, אויסארבעטן אין די קרייזלעך ארבעטער־אינטעליגענטן, אז מען דארף זיך ניט „ארפלאזן" צו דער פינסטערער מאסע, נאר זי „אויפהויבן" צו זיך אאז"וו.

די „אפאזיציע" איז לויט איר צאל געווען אן אומבאדייטנדע און צו הארבסט־צו פון 1897 איז זי אינגאנצן אוועק פון דער ארבעט. געזיגט האבן די, וועלכע האבן געקעמפט פאר דער נייער פאזע אין דער יידישער ארבעטער־באוועגונג.

די גרופע האט אויסגעארבעט א פראגראם און טאקטיק פון איר טעטיקייט.

„...דער הויפט־יסוד פון דער פראגראם איז געווען דאס, אז פאר דער דערפאלגרייכער אנטוויקלונג פון דער באוועגונג איז נייטיק:

1) די אגיטאציע צווישן די מאסן דארף זיין פון א ריין עקאנאמישן כאראקטער.

2) די ארגאניזאציע פון די ארבעטער דארף זיין א פאכן־ארגאני־זאציע לויט זייערע פראפעסיאנעלע, אפילו טאג־טעגלעכע אינטערעסן.

3) די פארם פון דעם קאמף פון די ארבעטער פאר דעם פארבעסערן זייער לאגע דארף זיך אויסדריקן אין שטרייקן.

ווייטער איז מען דערווייל ניט געגאנגען.

כדי צו קאנצענטרירן די כוחות אין איין ריכטונג האט מען אוועק־געשטעלט אן א זייט אלע ארבעטן פון פראפאגאנדע, פון ארגאניזירן קרייזלעך פאר אנטוויקלונג, פון פארשפרייטן בילדונג אאז"וו.

דאס אליז האט מען אוועקגעשטעלט ווי א זאך, וואס איז ניט נייטיק, וואס שטערט נאר, וואס ציט אפ די אויפמערקזאמקייט פון דירעקטן קאמף און פארטונקלט דעם קלאסן־באוווסטזיין פון די מאסן. דאס פארלייענען איז פארגעקומען ניט אין די קרייזלעך, נאר אין די פאכן, ד"ה מען האט געלייענט מיט די ארבעטער פון יעדן פאך באזונדער, ווייל מען האט גע־האלטן פאר נייטיק בשעתן לייענען צו דערמאנען די ארבעטער וועגן זיי־ערע פאך־אינטערעסן, כדי זייער לאגע זאל דינען אלס אילוסטראציע צו די געדאנקען, וואס דער פארלייענער האט דא ארויסגעזאגט. די הויפט־טעטיקייט פון דער גרופע איז אבער געווען אין ווערבירן וואס מער אר־גאניזירטע ארבעטער אין די פאכן, און די ארגאניזאציע זאל ארומנעמען וואס מער ארגאניזירטע צעכן. נאכדעם, ווי דער פאך וועט שוין האבן א באדייטנדיקע צאל ארגאניזירטע מיטגלידער, האט מען גערעכנט צוצו־טרעטן צו דער פראקטישער ארבעט, דאס הייסט ערקלערן א שטרייק. פאר דעם ווינטער האט זיך דער גרופע איינגעגעבן צו ארגאניזירן כמעט אלע

פאכן געוויינלעך, איז די צאָל פון די מיטגלידער אין יעדן פאך געווען זייער א קליינע; אלע אָרגאַניזירטע פאכן האָבן געהאט זייערע קאַמפּס־קאַסעס״ [1].

אין יענער צייט האָט מען אָנגעהויבן צו פירן די אַגיטאַציע אויס־שליסלעך אויף יידיש.

אין דעם פּעריאָד פון 1897 ביז 1900 האָבן אין האָמעל אין פאר־שיידענע צייטן אַקטיוו געאַרבעט: 1) באַצאַל פּיינשטיין, 2) סאָלאָמאָן צייטלין, 3) מענדל מאַרשאַוו, 4) ישראל שאַדאָווסקי, 5) דאָבע גאָלדין, 6) אַלטער דראַבקין, 7) מענדל קאַנטאָר, 8) שלום אַספּיז, 9) נאַטע געזענצווי, 10) דוואָסיע באַגראַד, 11) ראָזע יאָפע, 12) ראָזע ראַבינקאָווא, 13) ש. ב. וואָלפסאָן, 14) מרדכי גורעוויטש, 15) ח. כייקין, 16) ר. גלאָבוס, 17) מ. ל. יאַנקאָווסקי, 18) ב. פּאָלייעווא, 19) בעלאַ קאַראַבאַטשקינאַ, 20) סאָלאָמאָן גינזבורג, 21) ט. הייליקמאַן, 22) רחל גורעוויטש, 23) י. דראַגונסקי, 24) מ. יעזערסקי, 25) זאַכאַראָוו און אַנד.[2].

לויט די אָגענטור־ידיעות האָבן די אַגיטאַציע אין די באַזונדערע פאכן געפירט: וויינשטיין — צווישן די סטאָלערס און שניידערס, יאָפע — צווישן די הוטמאַכערינס און מאָדיסטקעס, קוקוי — צווישן די שלאָסערס און שוסטערס [3].

ווינטער פון 1898 האָט זיך די גרופּע ערקלערט אַלס „האָמלער קאָמיטעט פון דער רסדא״פּ״.

בערך אין דער זעלבער צייט האָט דער צ״ק פון „בונד״ געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער האָמלער גרופּע, זי זאָל אַריינטרעטן אין „בונד״, נאָר צוליב מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אין אייניקע פּראָגראַם־פראַגן איז די פאַראייניקונג ניט פאָרגעקומען.

ביי דעם האָמלער קאָמיטעט האָט זיך געבילדעט „א רויטער קרייז״, אויף צו העלפן די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכער פלעגט זאַמלען געלט, וועש, קליידער וכדומה.

מיט דעם „רויטן קרייז״ האָט אָנגעפירט ראָזע יאָפע [4].

* * *

עס האָט זיך דערנעענטערט דער ערשטער מאַי פון 1898. דער האָמ־לער קאָמיטעט פון רסדא״פּ האָט באַשלאָסן אויסצונוצן דעם דאָזיקן טאָג

---

1 דאָרט.

2 דאָרט, בויגן 196 און אַנד. בויג.

3 דאָרט, בויגן 20, אַגענט.־ידיעות.

4 דאָרט, בויגן 5, אַגענט.־ידיעות.

אויף פאליטישער אגיטאציע. די דאזיקע פייערונג האט זיך אין האמעל אויסגעצייכנט איינגעגעבן.

„קיין שום גראנדיעזס, גלענצנדיקס איז דא ניט געווען, — דערציילט איין עדות, — קיין דעמאנסטראציעס האט מען ניט געמאכט, און דאך איז געווען אזוי פיל נחתדיקס, פריידיקס און גוטס אין אט דער באשיידענער פייערונג פון די ארבעטער, אין אט דעם ערשטן אויפגעוואכטן שטראל פון פאליטישן באוווסטזיין, פון דעם באוווסטזיין פון בירגערלעכער ווערדע ביי די ארבעטער.

דעם ערשטן מאי האבן זיך בייטאג אנגעהויבן זאמלען ארבעטער און ארבעטערינס הינטער דער שטאט אויף א גרינער, אפענער לאנקע. אלע זיינען געווען יום־טובדיק אנגעטאן מיט פריילעכע, שיינענדיקע פנימער. די וואס זיינען שוין דארט געווען, זיינען געלאפן אנטקעגן די פארשפעטיקטע חברים, זיך געקושט מיט זיי. עס האט געמאכט אן איינדרוק, אז עס קומט פאר עפעס א פריידיקס און א פייערלעכס.

געקומען זיינען א 250 מאן.

די פארזאמלטע האבן געבילדעט א לעבעדיקן קרייז. אינמיטן פון אט דעם קרייז האט אן ארבעטער פונאנדערגעוויקלט א רויטע פאן, אויף וועלכער עס איז געווען אנגעשריבן „אן 8־שעהדיקן ארבעטסטאג", „פאליטישע פרייהייט", „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט".

דער כאר האט אנגעהויבן זינגען און דער עולם האט מיטגעזונגען די שטארקע קלאנגען פון דער „שבועה". די מעכטיקע קלאנגען האבן זיך געטראגן אין דער לופטן. די שבועה פון אזוי פיל מענטשן, אז זיי זיינען גרייט צו קעמפן ביזן לעצטן טראפן בלוט, האט געמאכט א געוואלטיקן רושם.

מען האט געזונגען די „מארסעליעזע" און אנדערע רעוואלוציאנערע לידער, נאכדעם האט מען אנגעהויבן האלטן טאסטן: פאר דער בליִונג פון דער ארטיקער ארבעטער־באוועגונג, פאר דער אלרוסלענדישער און אינטערנאציאנאלער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, פאר דעם ארפווארפן דעם אבסאלוטיזם אאז"וו.

מען האט געהאלטן עטלעכע רעדעס, און אויפגעמונטערטע, אפגעפרישטע איז מען געגאנגען אהיים, אויפהיטנדיק אין זייערע הערצער אט די אלע האפענונגען און שטרעבונגען, וואס דער דאזיקער יום־טוב האט אין זיי דערוועקט.

ביינאכט האט א גרופע אינטעליגענטן שטיל געפייערט צוזאמען מיט דעם קאמיטעט דעם דאזיקן יום־טוב.

און לאנג נאך ווען אט די אלע, וואס זיינען דארטן געווען, גע־דענקען די ליכטיקע, גוטע מינוטן, וואס זיי איז אויסגעקומען איבער־צולעבן" [1].

די פייערונג פון דעם ערשטן מאי האט אויפגעהויבן די רעוואלו־ציאנערע שטימונג פון די ארבעטער, און די ארבעט איז פון איצט אן אוועק מיט א פארשטארקטן טעמפא.

* * *

עס איז זייער כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט, וואס גלייך נאך דעם דאזיקן ערשטן מאי האט מען אנגעהויבן זיך מער אינטערעסירן מיט דער קולטורעלער אנטוויקלונג פון די ארבעטער.

דער ביטול צו די קרייזלעך, וואס האט זיך פריער באמערקט, ווען מען האט זיך בראשו ורובו ארייננעטאן אין דער אגיטאציע און אין עקא־נאמישן קאמף, איז פארשוואונדן.

פאר די ווייניק־אנטוויקלטע ארבעטער האט מען ארגאניזירט עט־לעכע קרייזלעך, און פאר די מער אנטוויקלטע האט מען איינגעארדנט דיס־קוסיע־פארזאמלונגען. די ארבעט האבן געפירט די אינטעליגענטן.

„עס איז באשלאסן געווארן צו באקענען די ארבעטער מיט אלע וויכטיקע, אויסערגעוויינלעכע ערשיינונגען פון דעם געזעלשאפטלעכן לעבן, סיי פון דעם לעגאלן און סיי פון דעם אומלעגאלן, אין רוסלאנד און אין אויסלאנד [2].

מען האט געהאלטן, אז, וואס מער דער ארבעטער ווייס, אלץ מער פארשטייט ער; וואס מער ווייסן, אלץ מער באוווסטזיין, מען דארף נאר זען, אז די קולטורעלע ארבעט זאל ניט פארנעמען צו פיל ארט, זי זאל ניט אפשטופן דעם הויפט־ציל: דאס אויפוואכן פון דעם קלאסן־באוווסטזיין" [3]

אין די פאכן האט מען געפירט אן אינטענסיווע אגיטאציע, מען האט געזאמלט סטאטיסטישע ידיעות וועגן דער לאגע פון די ארבעטער, און אט די ידיעות האט מען ברייט אויסגענוצט בשעת דער אגיטאציע.

מען האט פארשפרייט א גרויסע צאל לעגאלע און אומלעגאלע לי־טעראטור.

---

[1] דארט, באריכט פון האמלער קאמ. פון „בונד" וועגן דער ארבעטער־באוועגונג אין האמעל.

[2] דארט.

[3] דארט.

מיט דער ביבליאָטעק האָבן אָנגעפירט פיינשטיין און מאַרשאָוו.

מען האָט אַפילו געמאַכט אַ פּרוּוו צו עפענען אַ לעגאַלע ביבליאָטעק, נאָר מען האָט זיך פון דעם געמוזט אָפּזאָגן.

זייער אינטערעסאַנט איז דער אינוועטאַר פון דער דעמאָלטיקער ביבליאָטעק פון דעם האָמלער קאָמיטעט:

לויט די אַגענטור־ידיעות איז זי אין אָנהייב 1900 באַשטאַנען פון: 1) דעמאָקראַטישע און רעאַקציאָנערע אַנטוויקלונג. 2) „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" נומ' 2. 3) ווער וועט דורכפירן די פּאָליטישע רעוואָלוציע? 4) „פּאַראָוס" (וופּעריאָד) נומ' 6. 5) פּ. ל. לאַווראָווס לעבן און טויט. 6) דער צענטער יאָרטאָג פון מאַראַזאָוו־שטרייק. 7) דער ענגלישער אַר־בעטער. 8) דאָס פאַבריק־געזעץ. 9) וואָס לערנט אונז דער ניקאָלסקער שטרייק. 10) דער לאָנדאָנער אַרבעטער־פאַנד. 11) די אויפגאַבן פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. 12) דער חלום ערב דעם ערשטן מאַי. 13) ווי דער מיניסטער זאָרגט וועגן די אַרבעטער. 14) די מערץ־רעוואָ־לוציע. 15) וועגן זין פון דער קאָנסטיטוציע. 16) דער אַרבעטסטאָג. 17) דער האָמלער סטאַטוט פון האַנטווערקערשן אַרב.־פאַראיין. 18) דער אַרבעטער אין די יאָרן 1896—1898. 19) דער שפּיאָן. 20) „ווי אַזוי איינער לעבט" און פאַרשיידענע פּראָקלאַמאַציעס, בסך־הכל בערך 200 ביכלעך, בראָ־שורן און פּראָקלאַמאַציעס, טיילווייז אויף רוסיש, אָבער מערסטנטיילס אויף ייִדיש [1].

צווישן די פּאַרטיי־טוער איז געווען זייער ווייניק אינטעליגענץ; דעריבער איז אינגיכן אַנטשטאַנען די פראַגע, וועגן צוגרייטן אַן אַרבע־טער־אינטעליגענץ, וועגן שאַפן ניט קיין גרויסן קאַדר אַרבעטער, וועלכע זאָלן אין פאַל פון אַ דורכפאַל קאָנען פאַרבייטן די אַרעסטירטע און זיך שטעלן בראש פון דער אָרגאַניזאַציע

דעריבער האָט זיך ביי די טוער פון דער דעמאָלטיקער האָמלער באַ־וועגונג באַמערקט אַ נייע ריכטונג, וועלכע האָט אַרויסגערוקט אַרבעטער בראש פון דער באַוועגונג. צען חברים, וועלכע זיינען אויסגעקליבן גע־וואָרן פון צווישן אַרבעטער, האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער ראָליע פון קאָמענדיקע אָנפירער. „די אינטעליגענטן־גרופּע האָט געדאַרפט צוזאַ־מען מיט דער אַרבעטער־גרופּע, וועלכע האָט זיך פון ס'ניי אָרגאַניזירט, באַהאַנדלען אַלע נייע און וויכטיקע פראַגן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין דער באַוועגונג, צו זוכן מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן די אַגיטאַציע.

---

[1] דאָרט, בויגן 9.

אָרגאַניזירן דעם קאַמף, זיך פונאַנדערקלייבן אין די טאַקטישע און פּראָ־גראַם־פראַגן, כּדי דורך אַ לעבעדיקן גערעדקען־אויסטויש צווישן די אַר־בעטער און אינטעליגענטן, דורך דער לעבעדיקער פּראַקטישער צוזאַמענ־אַרבעט, דורך דעם טעאָרעטישן און פּראַקטישן פּאַרקער מיט די אינטע־ליגענטן אויסצואַרבעטן פון די אַרבעטער גוטע פּראָפּאַגאַנדיסטן און גע־שיקטע און זעלבשטענדיקע אָנפירער פון דער באַוועגונג"[1].

* * *

מער פון אַלץ האָט דער האָמלער קאָמיטעט געשענקט זיין אויפ־מערקזאַמקייט דעם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער

אונטער זיין אָנפירונג זיינען פאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי שטרייקן.

זומער 1897 איז פאָרגעקומען דער שטרייק פון די סטאָלערס. זיי האָבן געפאָדערט, מען זאָל אָפּשאַפן די שטיק־אַרבעט, העכערן די וואָך־שכירות בערך אויף 40 פּראָצ., אַ נאָרמאַלן 14־שעהדיקן אַרבעטסטאָג מיט אָן איבערדייס (1 שעה אויף מיטאָג).

די שטרייקער האָבן זיך געהאַלטן אויסגעצייכנט גוט און כּמעט אַלע זייערע פאָדערונגען זיינען באַפרידיקט געוואָרן.

אין דעם שטרייק האָבן זיך באַטייליקט אַ מאַן 20—25[2].

דער דאָזיקער שטרייק איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגערוקט די פראַגע וועגן פּאָליטישער אַגיטאַציע. איצט האָט זיך די פּאָליציי אין האָמעל צום ערשטן מאָל אַריינגעמישט אין דעם שטרייק; מען האָט אַרעסטירט 6 אַרבעטער, וועלכע מען האָט אויף דעם אַנדערן טאָג באַפרייט.

דער דאָזיקער פאַקט האָט איבערצייגט די אַרבעטער, אַז אין זייער קאַמף מיט די באַלעבאַטים שטייט דער צאַרישער רעזשים אינגאַנצן אויפן צד פון זייערע קלאַסן־שונאים, און זיי זיינען געקומען צום אויס־פיר, אַז, כּדי דער קאַמף זאָל זיין דערפאָלגרייך, מוז מען קודם־כּל מאַכן אַ סוף צו די פּאָליטישע שטערונגען.

דער קאָמיטעט האָט אויסגענוצט אָט די שטימונגען פון די אַרבעטער און מיט אַלע מעגלעכקייטן זיי אונטערגעהאַלטן.

די גרויסע רעוויזיעס און אַרעסטן, וואָס זיינען אינגיכן פאָרגעקו־מען, האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די פראַגע וועגן פּאָליטישער אַגיטאַציע.

---

1 דאָרט, באַריכט פון האָמל. קאָמ. פון „בונד" וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין האָמעל.

2 דאָרט.

דער קאמיטעט האט באשלאסן דאס צו פארווירקלעכן און דאך איינגעפונען, אז זי, די פאליטישע אגיטאציע, „דארף ניט ווערן דער deus ex Machina, דארף זיך ניט אריינרייסן אלס זייטיקער און פרעמדער עלעמענט אין דעם אלגעמיינעם גאנג פון דער פאליטישער אגיטאציע; ער, דער פאליטישער באוווסטזיין, דארף ארויסגיין פון דעם באנעמען דעם עקאנאמישן קאמף, אלס באדינג, אן וועלכן דאס לעצטע איז אוממעגלעך; דער פאליטישער באוווסטזיין דארף קומען, ווי א רינג אין דער כסדרדיקייט פון דער באשטענדיקער אנטוויקלונג פון דעם ארבעטערס באוווסטזיין, סומך זייענדיק זיך אויף דעם באזיס פון יענער צייט: אויף דעם עקאנאמישן באוווסטזיין פון דער מאסע"[1].

דער קאמיטעט האט געפירט זיין ארבעט ניט נאר צווישן די יידישע, נאר אויך צווישן די רוסישע ארבעטער. אזוי האט ער פון זומער 1897 געהאט פעסטע פארבינדונגען מיט די ארבעטער פון די ארטיקע אייזנבאן־ווארשטאטן.

זומער און הארבסט פון 1898 צייכענען זיך אויס מיט שטענדיקע שטרייקן, זיי האבן אונטערגעהאלטן און פארשטארקט די קאמפסלוסטיקע, רעוואלוציאנערע שטימונג צווישן די האמלער ארבעטער, די באוועגונג „האט איבערגעלעבט איר האניק־חודש פון קאמף".

„די שטרייקן זיינען אין פארלויף פון זומער פארגעקומען אין פאלגנדיקע פאכן: 1) ביי די שטעפער — מען האט געפאדערט א 10־שעהדיקן ארבעטסטאג. ער האט געדויערט אנדערטהאלבן וואכן און זיך פארענדיקט מיט א זיג, הגם דער ווארשטאט, אין וועלכן עס האט אויסגעבראכן דער שטרייק, האט זיך אין א חודש ארום געשלאסן; 2) ביי די בערשטער — פארשפילט; 3) ביי די שניידער, וועלכע האבן געארבעט פאר די מאגאזינען, די אזוי גערופענע „טאנדעטערס", האבן זיך באטייליקט 30 מאן — מען האט געפאדערט א 12־שעהדיקן ארבעטסטאג און א הוספה. דער שטרייק איז טיילווייז געווונען געווארן: מען האט איינגעשטעלט א 14־שעהדיקן ארבעטסטאג, אנשטאט דעם פריערדיקן אומענדלעכן, כמעט מעת־לעתדיקן. דער דאזיקער שטרייק איז כאראקטעריסטיש דערמיט, וואס ער האט ארויסגערופן א קאאליציע פון די באלעבאטים; זיי האבן אלע געשווירן אין שול ביי א ספר־תורה, אין קיין פאל ניט נאכגעבן די ארבעטער, הגם זיי האבן דאך נאכגעגעבן. 4) מען האט אויסגעקעמפט, אז אין אלע ווארשטאטן האט מען אויפגעהערט צו ארבעטן אין די שבת־צונאכטס; 5) פאר די יידישע ימים־טובים, בשעת עס איז פאראן זייער

---

[1] דארט.

פיל ארבעט, הייבט מען אָן צו ארבעטן ביינאַכט. מען ארבעט ביז שפּעט ביינאַכט און אַמאָל אַפילו ביז פאַרטאָג, — צוליב דעם איז אין הארבסט ביי די שניידער אויסגעבראָכן אַ שטרייק, וועלכער האָט איינציייטיק ארומ־גענומען 7 ווארשטאַטן (אַ מאַן 30—35). מען האָט געפאָדערט אַ 14־שעהדיקן ארבעטסטאָג, דער שטרייק איז געווּנען געוואָרן; 6) אַ גאַנצע רייַ קליינע שטרייקן" [1].

עס לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף דעם שטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אין אווגוסט אין דעם גרעסטן שניידער־ווארשטאַט אין האָמעל, אין וועלכן די פּאָליציי האָט אינטערווענירט. מען האָט געפאָדערט אַ הוספה אויף דער שטיק־ארבעט. די ארבעטער, וועלכע האָבן געוואָרפן די ארבעט, זיינען ארעסטירט געוואָרן, מען האָט זיי געהאַלטן פארשפּאַרט אַ וואָך צייט און מען האָט זיך איבער זיי שטאַרק איזדעקעוועט. נאָכדעם האָט מען זיי צו־געצווּנגען צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער פרידנס־ריכטער האָט איין ארבעטער פארמשפּט אויף דריי חדשים טורמע, די איבעריקע—פון דריי וואָכן ביז דריי חדשים. ניט קוקנדיק דערויף האָט מען דעם שטרייק גע־ווּנען. אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דעם שטרייק האָט דער קאָמיטעט ארויס־געלאָזט צוויי פּראָקלאַמאַציעס: איינע וועגן דעם געריכט, די צווייטע מיט אַ רוף צו די ארבעטער, זיי זאָלן זיך פאַראייניקן אין קאַמף מיט די באַ־לעבאַטים [2].

ווינטער 1899 איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק ביי די שניידער, וועלכער איז טיילווייז געווּנען געוואָרן.

אין אויגוסט 1899 אי אויסגעבראָכן אַ שטרייק ביי די שניידער אין פינף ווארשטאַטן, מען האָט געפאָדערט צו העכערן דעם ארבעטסלוין. פינף מאַן זיינען פארהאַלטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי. אין צוזאַמענ־האַנג מיט דעם האָט מען ארויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע. דער שטרייק איז אויף דער העלפט געווּנען געוואָרן.

אין הארבסט, ערב די יידישע ימים־טובים, אין סאַמע סעזאָן־צייט, האָבן פארשטרייקט די שניידער פון 11 ווארשטאַטן, אַ מאַן 40, און איינ־צייטיק מיט זיי כמעט דער גאַנצער סטאָלער־פאַך.

דער שטרייק האָט געדויערט דריי וואָכן און זיך פאַרענדיקט דער־מיט, וואָס ביי די שניידער איז איינגעפירט געוואָרן אַ 13־שעהדיקער אר־בעטסטאָג און פאַר די סטאָלערס — אַ 12־שעהדיקער.

---

1 דאָרט.

2 דאָרט.

אַט דער דאָזיקער אומבאַדייטנדיקער זיג האָט דאָך געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל צוליב דעם, וואָס עס איז נאָרמירט געוואָרן דער ארבעטס־טאָג אין די דאָזיקע פאַכן, האָבן די אַרבעטער פון די אַנדערע פאַכן אָנגע־הויבן פאָדערן, אַז מען זאָל ביי זיי אויך נאָרמירן דעם אַרבעטסטאָג; און אַלס רעזולטאַט פון דעם האָט מען צו פרילינג 1900 אין אַלע פאַכן איינ־געפירט אַ 13־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, ד״ה פון 8 אַ זייגער אינדערפרי ביז 9 אַזייגער אינאָוונט [1].

דער זעקסיעריקער (פון 1894 ביז 1900) עקאָנאָמישער קאַמף פון די האָמלער אַרבעטער האָט באַדייטנד פאַרבעסערט זייער לאַגע.

אַזוי, למשל, האָט זיך „דער אַרבעטסלוין פאַרגרעסערט: ביי די שניי־דער 30%, ביי די שטיק־אַרבעטער — 35%—40; ביי די סטאָלערס — די שטיק־אַרבעט איינגאַנצן אָפּגעשאַפט, פאַר די, וואָס אַרבעטן אויף דער וואָך, זיינען די שכירות געהעכערט געוואָרן אויף 50%, קיין יאָר־אַרבע־טער זיינען איצט כמעט ניטאָ; ביי די שניידער איז דער אַרבעטס־טאָג, וואָס האָט געדויערט פון 8 אינדערפרי ביז 12 ביינאַכט, און דאָנערשטאָג — ביז פאַרטאָג, פאַרקלענערט פון 8 אינדערפרי ביז 9 אויפדערנאַכט, מיט אַ הפסקה פון איין שעה אויף מיטאָג; ביי די שוסטער האָט מען געהעכערט דעם לוין פאַר שטיק־אַרבעט ביז 15%, די יאָר־אַרבעטער פון 30 ביז 40 פראָצענט; ביי די שלאָסער איז דער לוין געשטיגן ביז 50 פראָצענט.

דער אַרבעטס־טאָג איז געענדערט געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן: ביי די שניידער אָנשטאָט די פריערדיקע 16—17 שעה — איצט 14—15 שעה; ביי די סטאָלער אָנשטאָט 17 שעה, פון 5 פאַרטאָג ביז 10 אָוונט, איז נאָרמירט געוואָרן אויף פון 6 אינדערפרי ביז 9 אָוונט און אום ווינטער פון 7 אינדערפרי ביז 8 אין אָוונט; ביי די שוסטער פון 6 אינדערפרי ביז 9 אינאָוונט, אָנשטאָט דעם פריערדיקן 18־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג; ביי די שלאָסערס אַ 14־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג. אַ הפסקה אויף מיטאָג איז איינגעפירט כמעט אין אַלע וואַרשטאַטן.

אַ פאַרבעסערונג איז אויך פאָרגעקומען אין דער באַהאַנדלונג פון די באַלעבאַטים בנוגע זייערע אַרבעטער: מען צאָלט רעגולערער, מ׳באַציט זיך אָנשטענדיקער, מען זאָגט שוין ניט אָפּ אַן אַרבעטער ווען עס פאַרגע־לוסט זיך" [2].

---

1 דאָרט.

2 דאָרט.

* *
*

פאר די עטלעכע יאר האט זיך די פארם פון דער ארגאניזאציע עטלעכע מאל געענדערט.

די ארעסטן, וועלכע זיינען פארגעקומען אין יאנואר 1898, האבן געצווונגען צו פארשטארקן די קאנספיראציע פון דער ארגאניזאציע, ווייל די דירעקטע פארבינדונגען מיט די ארבעטער זיינען געווארן געפערלעך; דערביי „איז די באוועגונג, וואס האט געהאלטן אין איין וואקסן, געווארן מער קאמפליצירט, זי האט זיך געניטיקט אין מער צייט און מענטשן, און מען האט געמוזט אנהייבן ראציאנעל פונאנדערטיילן די ארבעט. דעריבער קומט פאר פאלגנדיקע ענדערונג אין דער ארגאניזאציע: פון די בעסערע, מער באוווסטזיניקע ארבעטער ווערט ארגאניזירט א קאמיטעט, וועלכער דארף קאנטראלירן און אנפירן מיט דער באוועגונג אין די פאכן. אין דעם קאמיטעט האבן אנטייל גענומען עטלעכע אינטעליגענטן, וועלכע האבן אנגעפירט מיט דער ארבעט און האבן געדינט אלס דורכפירער פון יענע באשלוסן, וועלכע פלעגן פריער אנגענומען ווערן אויף דער פארזאמלונג פון דער גרופע".

אין סוף 1898 האט זיך די פארם פון דער ארגאניזאציע ווידער געענדערט.

„...די אינטעליגענטן האבן שוין ניט געטארט אזוי אפט זיך טרעפן מיט דער ארבעטער־גרופע, מען האט געדארפט איינפאכער מאכן די ארגאניזאציע, און די ארבעטער האבן נאך אנגעהויבן פאדערן א מער פערזענלעכן, דירעקטן אנטייל אין דער ארבעט, זיי האבן ניט געוואלט הכנעהדיק אויספאלגן די באשלוסן, וואס זיינען אנגענומען געווארן דורך די אינטעליגענטן. די ארגאניזאציע איז געצוווּנגען געווען זיך רעכענען דערמיט. אויף דער פאראייניקטער פארזאמלונג פון ביידע — פון די ארבעטער און אינטעליגענטן־גרופעס—זיינען דורך א געהיימער אפשטימונג אויסגעקליבן געווארן עטלעכע פערזאן אינטעליגענטן און ארבעטער, וועלכע האבן צונויפגעשטעלט א „פארבאנד", וועלכער איז געשטאנען בראש פון דער גאנצער האמלער ארבעטער־און אייזנבאנער־באוועגונג. ער דארף אויך וויסן אלץ, וואס האט א שייכות צו דער פאליטישער אגיטאציע. ספעציעל פאר דער ריין עקאנאמישער ארבעטער־באוועגונג האבן די ארבעטער דורך א געהיימער אפשטימונג אויסגעקליבן א באזונדערן קאמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אריין צו צוויי פערזאן פון יעדן פאך. דער קאמיטעט האט זעלבשטענדיק אנגעפירט מיט דער שטאטישער פראפעסיאנעלער באוועגונג.

צווישן דעם קאמיטעט און דעם „פארבאנד" איז געווען א פארמיט־לער — אן אינטעליגענט, וועלכער האט זיך אויך באטייליקט אין די זיצונ־גען פון דעם קאמיטעט. צוליב דער קאנספיראטיווער טאקטיק זיינען די קאמפס־קאסעס ליקווידירט געווארן, און פון די מזומנים, וואס זיינען גע־ווען אין די קאסעס, האט מען איינגעארדנט א „פאנד", וועלכער פלעגט האבן הכנסה פון די באשטענדיקע מיטלען פון דער ארגאניזאציע. דער דאזיקער „פאנד" איז געווען באשטימט אויף הילף אין פאל פון א שטרייק"[1].

באלד נאך די פארהאנדלונגען מיט דער קיעווער ארגאניזאציע, האט דער „פארבאנד" זיך אנגעהויבן אונטערצושרייבן אויף די פראקלאמא־ציעס „דער האמלער קאמיטעט פון דער רוסלענדישער סאציאל־דעמאקרא־טישער ארבעטער־פארטיי".

אין פרילינג 1900 האט די האמלער ס"ד־ארגאניזאציע זיך פאר־אייניקט מיט דעם „בונד".

דער וווקס פון דער ארבעטער־באוועגונג אין האמעל האט צוגע־צויגן אויף זיך זובאטאווס אויפמערקזאמקייט, און ער האט פארפלייצט האמעל מיט שפיאנען און אגענטן.

דעם פאליציי־דעפארטאמענט האט זיך איינגעגעבן ארייננצופירן א פראַ־וואקאטאר אין האמלער קאמיטעט, און, אנהייבנדיק פון יאר 1898, איז ער אויסגעצייכנט גוט געווען אינפארמירט וועגן באשטאנד פון האמלער אר־גאניזאציע און וועגן גאנג פון דער באוועגונג[2].

דעם 22 יאנואר 1898 זיינען אין האמעל געמאכט געווארן א גרויסע צאל רעוויזיעס און איינעם האט מען ארעסטירט.

ניט געקוקט אויף די רעפרעסיעס האט זיך דאך איינגעגעבן ברייט אוועקצושטעלן די געדרוקטע אגיטאציע.

די ערשטע העקטאגראפירטע פראקלאמאציע איז ארויסגעלאזט געווארן אין צוזאמענהאנג מיט דעם פראיעקטירטן שטרייק פון די שניי־דער, וועלכער איז צופעליק ניט צושטאנד געקומען צוליב דעם, וואס די צייט איז ניט געווען קיין פאסיקע.

נאכדעם זיינען פארשפרייט געווארן אויפרופן צו די אייזנבאנער אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס די אייזנבאן־אדמיניסטראציע האט אן א סיבה אפגעזאגט אן ארבעטער, וועגן די ארעסטן פון דעם 31 מערץ 1898 און 1 אקטאבער 1899.

---

1 דארט.

2 געגניער וועגן דעם דאזיקן פראוואקאטאר זע בוכבינדערס „די יידישע ארבע־טער־באוועגונג אין האמעל".

פרילינג 1900 האָט מען אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן נומער פון דעם פּעטריאָדישן זשורנאַל „דער קאַמף". לויט די אַגענטור־ידיעות האָבן אים צונויפגעשטעלט: ראַיסע יאָפע, שאַדאָווסקי און פיינשטיין.

אויפן גרונט פון די ידיעות וועגן דעם אַרבעטער־לעבן, וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן דורך דער אַנקעטע פון „קאַמפּס־פאַרבאַנד צו באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס", האָט מען אָנגעמערקט אַ גאַנצע סעריע פּראָקלאַמאַציעס איבער פאַרשיידענע פראַגן, וואָס צוליב די אַרעסטן האָט זיך ניט איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן.

די רעפּרעסיעס האָבן זיך געשאָטן אָן אַן אויפהער: אין דער נאַכט אויף דעם 31 מערץ 1899 זיינען אַרעסטירט געוואָרן 8 מאַן און רעוויזירט — 25, דעם 2 אָקטאָבער זיינען רעווידירט געוואָרן 46 און אַרעסטירט — 16, דעם 18 אָקטאָבער זיינען אַרעסטירט געוואָרן 5 מאַן און רעווידירט געוואָרן 40 מאַן. די דורכפאַלן האָבן גורם געווען אַ גרויסן קלאַפּ: עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן די בעסטע כוחות, און די אָרגאַניזאַציע איז צוליב דעם אינגאַנצן דעזאָרגאַניזירט געוואָרן.

סוף יאָר 1899 איז די באַוועגונג כמעט שטיל געוואָרן און זיך געפירט אין זייער אַ באַשיידענער מאָס. די פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך זיינען זיך צעפאַלן, די עקאָנאָמישע אַגיטאַציע האָט כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט, קיין גרויסע שטרייקן זיינען שוין ניט פאָרגעקומען. מיט איין וואָרט, אַ פולע ירידה פון דער באַוועגונג. טיילווייז איז דאָס פאָרגעקומען אַדאַנק דעם קריזיס, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעבראָכן אין גאַנץ רוסלאַנד.

פרילינג 1900 האָט די באַוועגונג אין האָמעל ווידער אויפגעלעבט און איצט אָנגענומען גאָר אַ ברייטע פאָרם. מיטגעהאָלפן דערצו האָט דער צופלוס פון נייע קרעפטן, דערהויפּט פון אַנדערע שטעט. לויט די אַגענטור־ידיעות, איז דער האָמלער קאָמיטעט דעמאָלט באַשטאַנען פון אָט די פּערזאָנען: כאַלאַמאָן צייטלין (אַ סטודענט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט), אַלטער דראַפּקין, ראַיסע יאָפע, יאַנקל נעבאַמקין, שמערל גינזבורג, בייקל פיינשטיין און ישראל־דוד שאַדאָווסקי [1].

דער קאָמיטעט האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט נאָוואָזיבקאָוו, ווילנע, מאָהילעוו, וועטקע, דווינסק, מינסק, כאַרקאָוו, קרעמענטשוג און קיעוו. ליטעראַטור פלעגט ער באַקומען פון בערלין פון דעם סטודענט פון דערפּטער אוניווערסיטעט פּיאָטר וולאַדימיראָוויטש קאַרפּאָוויטש און פון

---

1 היסט. רעוו. אַרכיוו, ענינים פון פּאָליציי־דעפּאַרט. נומ' 5, 1898, באַזונדער. טייל 31, בויגן ד, טייל ו, ענינים 3—4 און אַנד.

קיעוו. מיט דעם שטרייק־פאנד האט אנגעפירט דער סטאלער־ארבעטער משה סלאבאדאוו [1].

מען איז צוגעטראטן צו ארגאניזירן קאמפס־קאסעס אין פאלגנדע פאכן: 1) ביי די סטאלערס, 2) ביי די שניידער, 3) ביי די מאדיסטקעס און פוצערקעס (הוטנמאכער), 4) ביי די שלאסער און בלעכער, 5) ביי די טאנדעטניקעס, 6) ביי די שוסטער, 7) ביי די שטעפער און 8) ביי די מולערס. אין יאר 1900 איז אין האמעל געווען 350 ארגאניזירטע ארבעטער, וואס האבן געארבעט אין די ווארשטאטן, האבן זיך געפונען אין דער ארגאניזאציע.

א וויכטיקע געשעעניש אין יענער צייט איז געווען דער 27טער סעפטעמבער 1900, ווען דער סטאלער־פאך האט געפייערט דעם פערטן יארטאג פון זיין עקסיסטענץ. עס האבן זיך פארזאמלט הינטער דער שטאט א 60 ארבעטער, ס׳זיינען אויך געווען דעלעגאטן פון אנדערע פאכן, בסך הכל א מאן 70. מען האט געזונגען רעוואלוציאנערע לידער. י. שאדאווסקי און כ. פיינשטיין האבן געהאלטן רעדעס וועגן פאליטישן און עקאנאמישן קאמף. איין ארבעטער האט אין זיין רעדע איבערגעגעבן די געשיכטע פון דער באוועגונג צווישן די סטאלארעס. די פארזאמלטע האבן געהאט זייערע א פאן פון רויטן שטאף, אויף וועלכער עס זיינען מיט אייל־פארב געווען אויסגעמאלט אלס עמבלעם אייניקע אינסטרומענטן: א דלאט א, הובל, א זעג, א פענסטער, א שטול און א באנק. אין צענטער פון דער פאן איז איבער דעם גאנצן שטאף געווען אנגעשריבן מיט אייל־פארב: „פראלע־טאריער פון אלע לענדער פאראייניקט אייך!” און אונטן מיט בלויער פארב „פערטער יארטאג”. די פאן האט מען צוליב דעם גרויסן אינטע־רעס און קינסטלערישן ווערט פון איר נאך דער פייערונג ניט פארברענט, ווי מען פלעגט דאס טאן אלעמאל, נאר זי איבערגעגעבן דעם האמלער קא־מיטעט. די פייערונג האט געמאכט א גרויסן רושם אויף די ארבעטער. די פאליציי האט געוווסט, אז עס גרייט זיך א יום־טוב, נאר זי האט ניט גע־קאנט אויסשפירן דאס ארט פון דער פארזאמלונג.

„...דער דערמאנטער יום־טוב איז ארגאניזירט געווארן מיט בלעריליי פארזיכטיקייטן, — האט געשריבן דער זשאנדארם־פאלקאווניק וולאסיעוו אין פאליציי־דעפארטאמענט, — קיינער פון די פארזאמלטע האט ניט גע־טארט מיטברענגען מיט זיך קיין אומלעגאלע זאכן; קיינער פון די ארבע־

[1] דארט, ענינים 49—51.

טער פון סטאָליער־פאַך האָט ניט געוווּסט דאָס אָרט, וואָס איז באַשטימט פאַר דער פאַרזאַמלונג. אין שטאָט זיינען צעשטעלט געוואָרן באַזונדערע פּאַטרולן, וועלכע האָבן געשיקט די אַרבעטער פון איין פּונקט צו דעם צווייטן, און ערשט דער לעצטער פּאַטרול האָט אָנגעוויזן דאָס אָרט פון דער פאַרזאַמלונג; די אַרבעטער זיינען געגאַנגען איינציקווייז פון פאַרשיידענע שטאָט־טיילן; ניט ווייט פון דעם אָרט פון דער פאַרזאַמלונג איז געשטאַנען אַן אַרבעטער מיט אַ בינאָקל, וועלכער האָט געדאַרפט אין פאַל פון אַ סכנה געבן אַ סיגנאַל, און דעמאָלט וועט די פאָן, דער איינציקער באַווייז, אַז די פאַרזאַמלונג איז אַ פּאָליטישע, פאַרברענט ווערן אויף דעם שייטער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געברענט" [1].

אין פאַרלויף פון סעפּטעמבער האָט דער קאָמיטעט פאַרשפּרייט צוויי פּראָקלאַמאַציעס פון צ"ק פון „בונד": איינע — קעגן זובאַטאָוון, און די צווייטע — אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם משפּט, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע איבער די פּוילישע סאָציאַליסטן סווידערסקין און אַנד. (200 עקז.).

שאַדאָווסקי האָט אָנגעהויבן פירן אַן אַגיטאַציע צווישן די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ קרייזל. דעם 28טן סעפּטעמבער איז ער אַלס פאַרשטייער פון דעם קרייזל געפאָרן קיין מינסק (ווילנע? — איבערז.) אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די דעלעגאַטן פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע־אָרגאַניזאַציעס.

דעם 12טן נאָוועמבער איז, אונטער דער אָנפירונג פון אָט דעם קרייזל, אין האָמעל פאָרגעקומען דער ערשטער שטרייק פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע: די אָנגעשטעלטע אין אייזן־געשעפטן פון צייטלין און שקאָלניקאָוו, אַ מאַן 25, האָבן געוואָרפן די אַרבעט און אַרויסגעשטעלט פאָלגנדע פאָדערונגען: 1) אַז אין די זונטאָג־טעג און חגאות זאָלן די קראָמען זיין אָפן ניט פון 8 אַ זייגער אינדערפרי ביז 8 אינאָוונט, נאָר פון 12 ביז 6 פאַרנאַכט; 2) אַז אין די וואָכן־טעג זאָל מען זיין פאַרנומען פון 6 אינדערפרי ביז 6 אינאָוונט מיט די נייטיקע הפסקות אויף פרישטיק און מיטאָג, און אויף פרישטיק זאָלן די באַלעבאַטים באַזאָרגן די אָנגעשטעלטע מיט צוקער און 5 קאָפּיקעס אויף ברויט; 3) די באַציִונג פון די באַלעבאַטים צו די אָנגעשטעלטע זאָל זיין אַ העפלעכע. דער שטרייק האָט

---

[1] היסט.־רעוו. אַרכיוו, ענינים פון פּאָליצ.־דעפּ. נומ' 5, 1898, באַזונד. אָפּט. טייל 31, בויגן ד, באַנד ו, בויגן 92—93, באַריכט פון פאַרוואַלטער פון האָמעלער זשאַנד. אָפּט.

געדויערט 3—4 טעג און איז פארשפילט געווארן, אדאנק דעם, וואס צום שטרייק זיינען ניט צוגעשטאנען די אנגעשטעלטע פון די איבעריקע קראמען. דער דורכפאל פון אט דעם שטרייק האט געשטערט צו פירן די ווייטערדיקע אגיטאציע צווישן די האנדלס־אנגעשטעלטע.

פון די איבעריקע שטרייקן, וואס זיינען פארגעקומען אין יאר 1900, דארפן נאך דערמאנט ווערן פאלגנדע שטרייקן: דעם 30 מאי איז אויסגעבראכן א שטרייק ביי די גארבער, עס האבן פארשטרייקט 7 ארבעטער, וועלכע האבן געארבעט אין 4 ווארשטאטן; זיי האבן געפאדערט א לוין־הוספה. דער שטרייק איז פארשפילט געווארן. מען דארף באמערקן, אז בעת דעם דאזיקן שטרייק האט מען אנגעווענדט טעראר בנוגע די ארבעטער, וועלכע האבן ניט געוואלט צושטיין צום שטרייק: צוויי האט מען געשלאגן און צעבראכן זייער געצייג.

אין סעפטעמבער איז אויסגעבראכן א שטרייק ביי די סטאלארעס. אן ארבעטער האט פארשפעטיקט צו דער ארבעט, איז דער באלעבאס אנגעפאלן אויף אים און אים צעריסן דאס העמדל. די איבעריקע ארבעטער פון דעם ווארשטאט (5 מאן) האבן גלייך געווארפן די ארבעט און געפאדערט, דער באלעבאס זאל באצאלן פאר דער העמדל און די ארבעט זאל זיך אנהייבן מיט א האלבע שעה שפעטער. דער שטרייק האט געדויערט 9 טעג און דער באלעבאס האט נאכגעגעבן די פאדערונגען פון די ארבעטער [1].

ס'זיינען נאך פארגעקומען שטרייקן ביי די שלאסער, ביי די בעקער און טאנדעטניקעס, וואס ארבעטן פאר די מאגאזינען. מען האט געפאדערט א לוין־הוספה. די שטרייקן האט מען געוווּנען [2].

לויט דער איניציאטיוו פון דעם מיטגליד פון האמלער קאמיטעט ס. י. ציטלין, האט מען ארגאניזירט די אזויגערופענע „לייען־קרייזלעך". די אנפירער זיינען געווען: באסיע פאלייעווא, ש. וואלפסאן און דאבע גאלדינא.

סוף 1900 האט זובאטאוו איינגעפונען, אז ס'איז צייט צו ליקווידירן די האמלער באוועגונג, און, זייענדיק אדאנק דעם פראוואקאטאר, דעם מיטגליד פון האמלער קאמיטעט, גוט אינפארמירט וועגן די האמלער

1 „דער קאמף", נומ' 1.
2 דארט.

ארבעטער־טוער, האט ער אין דער נאכט פון 29טן דעצעמבער דורכגע־פירט גרויסע ארעסטן און רעוויזיעס [1].

די ארעסטן פון 29טן דעצעמבער פון כמעט דעם גאנצן קאמיטעט און א גאנצע ריי אקטיווע טוער האבן געמאכט א גאנצן חורבן פון דער האמלער באוועגונג.

ווארשע

די פיאנערן פון דער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעט צווישן די ווארשעווער יידישע ארבעטער זיינען געווען די צוגעפארענע ארבעטער, מיטגלידער פון די ווילנער סאציאל־דעמאקראטישע קרייזלעך. אין אנהייב פון די 90ער יארן געפינען מיר שוין אין ווארשע א גאנצע ריי קרייזלעך. אין פארלויף פון די יארן 1893—1894 האבן אין ווארשע געפירט די פראפאגאנדע־ארבעט די סטודענטן פון דעם ווארשעווער אוניווערסיטעט סטאניסלאוו גאלדבערג, וואצלאוו מוטערמילך, מיכאיל מוטערמילך, מאקסים עליאסזאן, יוליאן ראטשטאדט, בצלאל סטענצעל, מאוריקי הערץ און אקטיוו געארבעט אין די קרייזלעך האבן פעליציע בארבאנעל, מעליאנע באגוסלאווסקי, גאלדע דריבין, אסתר־פערל פיינשטיין, יוסף קוויאטעק, יעקב גאלדענבערג, פיאטר פזשעגאווסקי און אנדערע. אין יאר 1896 האט זיך די ס״ד גרופע פון די ווילנער, די יידישע גרופע פון פפ״ס און די ארטיקע ס״ד גרופע זיך פאראייניקט און געבילדעט דעם „יידישן ארבעטער־פארבאנד אין פוילן". דער „פארבאנד" האט ארויסגעלאזט עטלעכע פראקלאמאציעס. אין יאר 1897 איז זיך דער „פארבאנד" צעפאלן.

---

1 עס זיינען ארעסטירט געווארן: 1) סאלאמאן צייטלין, 2) כאצקל פיינשטיין, 3) מענדל מארשאוו, 4) ישראל־דוד שאדאווסקי, 5) דאבע גאלדין, 6) מענדל קאנטאר, 7) שלום אשפיז, 8) נאטע זעזענצוויי, 9) דוואסיע באגאראד, 10) ראיסע יאפע, 11) ראזא ראבינקאווא, 12) שמערל וואלפזאן, 13) מרדכי גורעוויטש, 14) חיים כייקין, 15) ראיסא גלאבוס, 16) מענדל יאקאווסקי.

עס זיינען רעווידירט געווארן: 1) משה שקאלניקאוו, 2) נחמה סאלאן, 3) ביילע קאראבאטשקין, 4) גיסע גאלדין, 5) נחמה הערץ, 6) שמעיה דראפקין, 7) זעלדע שקאלניקאוו, 8) י. ס. מאכאוו, 9) פרידה־לאה פרושינינא, 10) מענדל אעראוו, 11) יאסל פערעלמאן, 12) נחום העלפגאט, 13) שמעון געזענצוויי, 14) נח געזענצוויי, 15) שניאור־זלמן ליובין, 16) מאיר קאראבאטשקין, 17) איציק רימערמאן, 18) גאלדע וויליאטשער, 19) מינדל באגאראד, 20) זלמן ארא[illegible]ו, 21) אברהם סלאווין, 22) דוד ראיסקי, 23) חנה־גיטל לעסניק, 24) יאנקל קאגאן, 25) לייב דראפקין, 26) אלטער גלאבוס, 27) עטל הערץ, 28) מענדל פאזין, 29) דוד אראנזאן, 30) יודע קאגאן, 31) זלמן כייקין (ענין נומ' 5, טייל 31, באנד I, בוינן Г, באזונד. אפט. יאר 1898, בויגנס 195—197).

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע פון די ליטוואַקעס האָט איצט געביל־דעט דעם „יידישן אַרבעטער־פאַראיין אין פּוילן". צום סוף פון 1897 האָט זיך דער „פאַראיין" ערקלערט אַלס „וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד". אין די יאָרן 1898—1899 האָט ער אָרגאַניזירט אַ גרויסע צאָל שטרייקן, אין יאָר 1899 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „דעם וואַרשע־ווער אַרבעטער", וועלכן ער האָט געדרוקט אין דער אייגענער אומלעגאַ־לער דרוקעריי.

אין די יאָרן 1900—1901 האָבן אין דער וואַרשעווער באַוועגונג געאַרבעט: אלי רייך, חיים זאַקאַן, בנימין יאַנקעלעוויטש, איזראַיל בודינ־שטיין, נחמן ראַסטאָווסקי, זלמן דימשיץ, אפרים ביירעק, רחמיאל פּראָק־טאָווניקאָוו, אַבראַם באַטישלאַנסקי, מערע זשעלודסקאַ [1], ישראל אַל־פּערט, וואָלף רוטמאַן, מרדכי הערמעלין, ירוחם קוטאַס, אברהם שוואַרץ, מאַנעס ראָזנבוים, מ. קרעלמאַן, מ. וואָלטשינער, פּנחס ווינאָגראַדסקי, מאיר פייגלשטיין, רפאל זילבערשטיין, שלמה קאַמענטאָווסקי („שליאָמקע"), גאָמשע קראָל, דאָבע־גיטל גאָלדשטיין, די שילערינס פון וואַרשעווער אַקו־שערן־אינסטיטוט פּעסיע אייזנבערג, הדסה מאַנדלבוים, חנה מאַנדלבוים, דבורה שימשעלעוויש און העסיע שיפּרין, דער סטודענט פון וואַרשעווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט מאַרק אַבראַמאָוויטש, די סטודענטן פון וואַר־שעווער אוניווערסיטעט שבח דאַנישעווסקי און אַלעקסאַנדער זאַרכין, די איינבינדער ישראל וויינבערג און איציק קאַץ, די מאָדיסטינס מירע קוש־ליאַן און שיינע שאַפּיראָ, די אַקושערין מלכה מאַנדלבוים, חיה ליבער־מאַן, ליפּאַ נאָוואָגרודסקי, איסאַק פּסחזאָן, הירש ראַיסקי און שמואל נאַכאַמטשיק [2].

בעת דער רעוויזיע האָט מען ביי פּעסיע אייזנבערג געפונען אַ סקלאַד פון אומלעגאַלע ליטעראַטור אויף רוסיש, פּויליש און יידיש. דאָרט זיינען געווען 46 נעמען פון ביכער, בראָשורן, זשורנאַלן, צייטונגען און פּראָ־קלאַמאַציעס, בסך־הכל 406 עקז. און בריוו [3].

ביאַליסטאָק

אין יאָר 1895 האָבן די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער אין ביאַליסטאָק געפירט ליובאַ אייזנשטאַט (לעווינ־סאָן), שמואל גאָזשאַנסקי, אַלבערט און מאַשע זאַלקינד; זיי האָבן אָרגאַ־

1 איבערזיכט אאַז"ו נומ' XXIV, ז"ז 95—109; „דער יידישער אַרבעטער", נומ' 10.
2 איבערזיכט אאַז"ו נומ' XXV, ז"ז 97, 102.
3 דאָרט.

ניזירט עטלעכע קרייזלעך און א קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר, וווּ נחום ליפּשיץ האָט אויף א העקטאָגראַף געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס און בראָשורן. אין פעברואַר 1896 איז די דאָזיקע קוואַרטיר דורכגעפאַלן, און גלייך נאָכדעם זיינען אַרעסטירט געוואָרן אייזנשטאַט, גאָזשאַנסקי, ליפּשיץ, אַלבערט און מאַשע זאַלקינד און אַנדערע. אַלע זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין מזרח־סיביר.

די באַוועגונג אין ביאַליסטאָק איז דאָך אינגאַנצן ניט ליקווידירט געוואָרן און אינגיכן איז זי צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן. אין דעם פּעריאָד 1897—1900 האָבן אין ביאַליסטאָק אַקטיוו געאַרבעט: „אבראַם", לעווין („בענציע", א וועבער), מונועס (א וועבער), אננא און פּאַוועל ראָזנטאַל, י. איזביצקי (מיכאַלעוויטש) און אַנדערע [1].

פּינסק

אין פּינסק האָט אין יאָר 1897 עקסיסטירט אַן אַרבעטער־קרייזל. בראָש פון אָט דעם קרייזל זיינען געשטאַנען מאָטל און שמואל גרינפעלד, ביי זיי אין דירה פלעגן פאָרקומען די פאַרזאַמלונגען און מען פלעגט לייענען סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. די אַרבעטער פלעגן צאָלן צו 5 קאָפּיקעס א וואָך אין דער קאַסע פון דעם קרייזל. אין דעם קרייזל האָבן זיך באַטייליקט פאָלגנדע אַרבעטער: אַברהם־אבא קאָוואַזאַל (גאָבז), שמערל שרייבמאַן, שמואל פּושקאָ־קלאָפּאָוו (פּושקין) [2].

אין סוף פון די 90ער יאָרן האָט פעסיע אייזנבערג אָרגאַניזירט א קרייזל אין פּינסק. אריבערפאָרנדיק קיין וואַרשע, האָט זי ניט איבערגעריסן די באַציִונגען מיט דעם קרייזל און דאָס באַזאָרגט מיט געלט און ליטעראַטור און שיקן אהין אַגיטאַטאָרן [3].

בריסק

אין בריסק האָט זיך פון יאָר 1895 געפירט א סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער. אין יאָר 1897 זיינען דאָרט פאָרגעקומען א גאַנצע רייע שטרייקן אין די שניידעריי־, וועשנייעריי־ און אַנדערע וואַרשטאַטן. די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער האָבן געפירט: לאה איזביצקע, וועלכע האָט אַגיטירט אין די וועשנייעריי־וואַר־

1 זע פּ. ראָזענטאַלס אַרטיקל אין „רויטן פּנקס", I.

2 איבערזיכט אאַז"וו, נומ' XXI, ז"ז 64—65.

3 דאָרט, ז"ז 95—100.

שטאטן, די לערער יאסל איזביצקי, אבראם לעווין, יהושע סארנע, חיים גאלדאצקי; די מער אנטוויקלטע ארבעטער זיינען געווען: נחמן ליטוואק, יאנקל גרינבערג, גולניק, טאטארטשיק, סטאקלישסקי און דוד טייץ.

די פארזאמלונגען פלעגן פארקומען ביי די ארבעטער: אברהם סטאק־לישסקי (דער זעלבער — סטאקלינסקי און סטאקליץ), מענדל טאטאר־טשיק, לייב גולניק, שמעון און לאה בארלאס און שיינע ראזנבוים, און זומער — הינטער דער שטאט אין וואלד. אחוץ די אויבנאויסגערעכנטע האבן צו די קרייזלעך געהערט: יענטע־בײלע פאדאלעווסקא, רבקה ראז־זאווסקי, שרה פישמאן, ציפע סקאנאווער, לייב ראשקאן, יאכע בורשטיין, נתן גרינשטיין, שמחה גאלדפארב, יאנקל קראוועצקי (ער אויך — לענ־דער), פייוול טרייביטש [1].

וויטעבסק

דעם אנהייב פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פראפאגאנדע צווישן די וויטעבסקער ארבעטער האט אין סוף פון די 90ער יארן פארלייגט אברהם־מאיר אמסטערדאם. ער האט ארגאניזירט עטלעכע ארבעטער־קרייזלעך, איינגעארדנט פארזאמלונגען. אונטער זיין אנפירונג איז אויך פארגעקומען א גאנצע ריי געלונגענע שטרייקן, דערהויפט אין יאר 1897. א גרויסן אנטייל אין דער סאציאל־דעמאקראטישער באוועגונג אין ווי־טעבסק האבן גענומען אליקאץ און אלעקסאנדער טראפאווסקי. בשעת דער רעוויזיע, וואס מען האט געמאכט ביי דעם פעלדשער טירקלטויב, וועלכער האט געוווינט אין קרעמענטשוג, האט מען ביי אים געפונען טראפאווסקיס א שיפרירטן בריוו, אין וועלכן טראפאווסקי שרייבט טירקלטויבן וועגן דעם ערפאלג פון דער ארבעט אין וויטעבסק, אז מען האט איינגעארדנט 12 געהיימע קאסעס, אז ס'זיינען ארגאניזירט 400 ארבעטער (ער האט אים אויך געשריבן, אז ס'איז געבילדעט געווארן א קאמיטעט פון פיר אינטע־ליגענטן און פיר ארבעטער). אין סוף פון די 90ער יארן האבן זיך אין ווי־טעבסקער סאציאל־דעמאקראטישן קרייז באטייליקט: די אינטעליגענטן — זיסל און איידל שעוועלעוו, בערל צייטלין (א סטודענט פון מאסקווער אוניווערסיטעט, בשעת דער רעוויזיע האט מען ביי אים געפונען א גרויסע צאל ביכער וועגן דער ארבעטער־פראגע און נאטיצן וועגן שטרייקן אין

[1] דארט, ז"ז 66—67. ב. מיכאלעוויטש (י. איזביצקי) ווייזט אן אין זיינע „זכרונות פון א יידישן סאציאליסט" (ב' I, ווארשע, 1922), אז אין אנהייב פון די 90ער יארן איז געווען אן אנגעזעענע פראפאגאנדיסטין ראזא זוסמאן, וועלכע איז אין יאר 1895 באגאנגען זעלבסטמארד.

אויסלאַנד און אין רוסלאַנד), די אַרבעטער: וואָלף שאַליט, כאַצקל אוסיש־קין, הירש באַראַן, פּסח מעזשעוועצקי, ישעיה פרידמאַן, לייב בליאַכמאַן, איציק סטוקמאַן, בערל כאַווקין, לייב כאַבזיי, הירש ראָזנבוים, משה גאַר־בונאָוו, לייב רענזין, מענדל בים, משה כאַנין, לייזער קאָוואַלזאָן, אייזיק וויטענזאָן; מוניע ניידלין, יאַנקל־שלום פּאַגאַרעלסקי, אַבראַמי דימשיץ, מענדל לעווין, אַברהם־וואָלף קאַניוקאָוו (אָדער קאַניקאָוו), ראָדיע טער־מאַן און איידל גורעוויטש [1].

אין 1899 האָבן מיט דער וויטעבסקער באַוועגונג אָנגעפירט: זלמן נאַכמאַנסאָן און הירש לוריע. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַרבעטער־קרייזלעך, זיי באַזאָרגט מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור און געלייענט זיי לעקציעס. אין די דאָזיקע קרייזלעך האָבן זיך צווישן אַנדערע באַטייליקט: צאַלע מייטין, העניע גינזבורג, שרה עפּשטיין, רחל זעווין, אברהם לאַבוס, פאַניע קאַבעלניצקאַ, אידאַ גינזבורג, מאַניע קאַגאַן, רבקה קאַפּלאַן, סאָניע בע־לענקאַיאַ און איסאַק סאָסקין. ביי סאָסקינען אין דירה איז געווען דער סקלאַד פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור פון די קרייזלעך און אַ דרוק־קעריי. די איבעריקע אַקטיווע אַרבעטער זיינען געווען: לייב־אַהרן גורע־וויטש, מערל ברוסער, זלמן בעסקין, חנה ראָזנפעלד און אַנד. [2], זלמן ליוורהאַנט, שלמה לאַנדע און יונה באַגאַראַד. די זשאַנדאַרמעריע האָט באַמערקט, אַז מיט די אַלע האָבן באַציִונגען: חיה כײַקין, פערל גרינבלאַט, רחל זשעלעזניאַק, חנה סטערין, איציק שאַפּיראָ, מרדכי קאַמערמאַכער, אַהרון גאַטושקין, מירקע זעליגסאָן, פריידע קאַזאַנאָווסקע, פריידע פּיראַ־טינסקע. אין יאָר 1900 האָט די פּאָליציי געפונען אַ גרויסן טראַנספּאָרט אומלעגאַלע ליטעראַטור ביי אַהרון און שיינע גינזבורג [3].

ר י ג ע

אַן אַגיטאַציע צווישן די ריגער יידישע אַרבעטער האָט מען געפירט אין יאָר 1900. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן באַזונדערע קרייזלעך, מען האָט פאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור און פּראָקלאַמאַציעס. לויט דער אויספאָרשונג איז מען דערגאַנגען, אַז דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון אָט דער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען יאַנקל עפּשטיין, אַ געוועזענער מיטגליד

1 איבערזיכט אַז״ו, נומ׳ XXII און XXIII, ז״ז 110—112.

2 איבערזיכט אַז״ו, נומ׳ XXIV, ז״ז 87—91.

3 דאָרט.

פון דווינסקער קאָמיטעט פון „בונד”, וועלכער איז אַהער אַראָפּגעקומען פון וויטעבסק.

דאָס ערשטע קרייזל האָט מען געגרינדעט ביי די בלעכער. אין דעם קרייזל האָבן זיך באַטייליקט: אַברהם סינעלניקאָוו, הירש גערבער, יעקב סאַפּירסאָן, מרדכי אָפּנער, יעקב שוויכעט, הירש אײדלשטיין, משה בלאָוושטיין, חיים פּערלשטיין, אלי בראַווי, שמואל דאָברין, יהושע דוואָרעצקי, איציק זיידלמאַן און אַנדערע. נאָכדעם האָט עפּשטיין אָרגאַניזירט קרייזלעך פון די שטעפּער, שניידער און קירזשנער. צו דעם ערשטן קרייזל האָבן געהערט: זלמן בליאַכמאַן, חיים גאָרדאָן, אַברהם סאָלאָוויי, אָשר לעווי, דוד קוקליע, שלום באַרקאַן, בער סאָרקין, יאָסל אַפּט, חיים פּערלשטיין און שמעון פּאָז, אָדער ליפּשיץ; אין דעם שניידער־קרייזל האָבן זיך באַטייליקט: שמואל כאַצקאָוויטש, קדיש בורשטיין, הירש ראָכלין, בנימין ראַכלין, נתן פּעקלער, בנציון יאַלאָוו, לייב ריץ, שלום קאַרטון, רחמיאל אירז, איזראַיל זיסבלאַט, בנימין אַטקאַץ (קאַץ) און בער פּראַנק; אין דעם קירזשנער־קרייזל האָבן זיך באַטייליקט: איציק גאָלאַנדסקי, איציק געלצער, אַברהם קאַרפּעלעוו, ברוך זוסערסאָן, לאָזער פּאָק, הירש ענטין, אַברהם טאַבאַקסאָן (טאַבאַקסמאַן), מענדל פּינקלשטיין, משה קליימאַן, נחום שניאור און לייבע מייער. חוצדעם האָט זיך נאָך אָרגאַניזירט אַ „דאַמען”־שניידער קרייזל, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט: ליבקע גינצבורג, ראָכע פּעלמאַן, מושע עפּון, רחל ראַפּאָפּאָרט און בערטע דאָברין.

כדי צו פאַראייניקן די קרייזלעך האָט עפּשטיין געגרינדעט אַ צענטראַלן קאָמיטעט פון די אָנפירער און פון די מער פעיִקערע מיטגלידער פון די קרייזלעך. דער קאָמיטעט פלעגט קאָנטראָלירן די באַריכטן פון די קרייזלעך, באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דעם ערפאָלג פון דער פּראָפּאַגאַנדעטעטיקייט און וועגן דער וייטערדיקער אַגיטאַציע, זיך געזאָרגט וועגן ליטעראַטור וכדומה. ביי דעם קאָמיטעט איז געווען אַ קאַסע און אַ ביבליאָטעק, אָפּטיילונגען פון וועלכער עס האָבן זיך געפונען אין אַלע קרייזלעך. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון: קדיש בורשטיין, איציק געלצער, אַברהם קאַרפּעלאָוו, חיים פּערלשטיין, שמעון פּאָז, הירש גערבער, אַברהם סינעלניקאָוו, ליבקע גינצבורג, חיה עפּון, רחל ראַפּאָפּאָרט און פון איינעם אַ „סאָלאָמאָן”, דער הויפּט־אָנפירער פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע עפּשטיין, וועלכן עס האָט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, פאַרביטן דער סטודענט פון ריגער פּאָליטעכניקום אַלעקסאַנדער צייטלין, זיין מיטהעלפער איז געווען מאָיסיי מאַרגאָלים. די ליטעראַטור פלעגט באַקומען ליבקע גינצבורג, וועלכע פלעגט דעם טראַנספּאָרט איבערגעבן קאַרפּעלעוון, און דער לעצטער פלעגט זי איבערטראַנספּאָרטירן צו

געלצערן [1]. אין באַציִונגען מיט זיי זיינען געווען: דער סטודענט פון ריגער פּאָליטעכניקום סעמיאָן וויספּערעס, וועלכער האָט פאַרביטן צייטלינען, בשעת ער איז אָפּגעפאָרן קיין קאַווקאַז, און משה שפּור, וועלכער פלעגט באַקומען אומלעגאַלע ליטעראַטור פון קאַרפּעלעוון. בראש פון דעם קירזש־נער־קרייזל איז אין דער ערשטער צייט פון זיין אַנטשטיין געשטאַנען דער לערער יאָסל ראַזין, ביי וועלכן מען האָט געפונען איבער 50 רעוואָ־לוציאָנערע אויסגאַבן אויף רוסיש און אויף יידיש. א סך ליטעראַטור האָט מען אויך געפונען ביי געלצערן, גערבערן און בורשטיינען, און אין א קלענערער צאָל — ביי סאַלאָווייען, שויכעטן, פּאַזן, פּעקלערן, אָפּ־נערן, קוקליען און וויספּערעמען. בשעתן פאַרהער האָט זיך קיינער, אחוץ גאַלאַנדסקין און דוואָרעצקין, ניט אָנערקענט פאַר שולדיק [2].

אין יאָר 1901, נאָכן חורבן פון אָט די קרייזלעך, האָבן די מיט־גלידער, וואָס זיינען געבליבן אויף דער פריי, זיי ווידער אויפגעלעבט. אָנגעזעענע טוער זיינען געווען: גרשון פלודערמאַכער (א לערער) און לייבע רוטמאַן. אין דעם צענטראַלן קרייז זיינען אריין: זוסמאַן מענדעלעוו, די סטודענטן הערץ בורגין־גאַרדאָן, איליא קאַסטאַליאַניעץ, חיה הירש־פעלד, בערל רוסאַניק, הירש ענטין, איזראַיל יאַפינאַוו, איזראַיל זים־בלאַט. מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען: יאָסל און מאַשע זאַסטענקער. בערך אין 1901 זיינען די ריגער קרייזלעך אריין אין „בונד" [3].

II

די אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג אין דעם ראַיאָן פון „בונד" אין די יאָרן 1897—1904 [4].

פון סוף 1897 ביז זומער 1900

די אָרגאַניזאַציע

א) די קאַמפּס־קאַסעס

אין דעם יסוד פון דער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" ליגן די קאַמפּס־(שטרייק) קאַסעס. די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס עקסיסטירן דער־הויפּט אין דעם האַנטווערק, ווו די לפי־ערך ניט גרויסע צאָל באַשעפטיקטע

1 צווישן די ביכער איז געווען: „וואָס ווילן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד" „דער מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", „די פיר ברידער", „פרילינג־דערציילונגען", „וואָס דאַרף יעדער אַרבעטער וויסן און טאָן", „דער יידישער אַרבעטער" און אַנד.

2 איבערזיכט אַאַז"וו נומ' XXV, ז"ז 63—65.

3 דאָרט, נומ' XXVI, ז"ז 132—133.

4 אַרויסגענומען מיט קיצורים פון דעם „באַריכט פון „בונד" צו דעם אינטער־נאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז אין יאָר 1900".

אַרבעטער איז אַ גינסטיקער מאָמענט צו אָרגאַניזירן קאַסעס; וואָס אָנ־בעלאַנגט די פאַבריקן, איז דאָס אָרגאַניזירן אַזעלכע קאַסעס, צוליב דער גרויסער צאָל אַרבעטער, וואָס זיינען דאָרט באַשעפטיקט, פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, ווייל אדאַנק די פּאָליציייִשע באַדינגונגען, וואָס עקסיסטירן אין רוסלאַנד, זיינען אומלעגאַלע קאַסעס מיט אַ גרויסער צאָל אָנטיילנעמער כמעט אוממעגלעך. די קאַסעס האָבן אַ גרויסע פאַרשפּריי־טונג אויך אין אייניקע שטעט, נעמען אַרום אַ באַדייטנדיקע צאָל אַרבעטער, ווי מ'זעט דאָס פון פאָלגנדיקע ציפערן, וואָס ווייזן אָן די פּראָצענט־פאַרהעלטעניש פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער (די קאַסע־מיטגלידער) בנוגע דער גאַנצער צאָל אַרבעטער פון דער שטאָט: ביאַליסטאָק 20 פּראָצ. אָרגאַניזירטע אַרבעטער, ווילנע — 24 פּראָצ., האָמעל — כמעט 40 פּראָצ., מינסק — 30—35 פּראָצ. מיר וועלן אויך ברענגען די אַבסאָלוטע ציפערן פון דער צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער פאַר יענע שטעט און פאַכן, בנוגע וועלכע מיר האָבן לפי־ערך פּינקטלעכע ידיעות: דווינסק — 40 אָרגאַניזירטע אַרבעטער; ביאַליסטאָק — 1000; ווילנע 1400; האָמעל — 360; מינסק — ביי 1000; גאַרבער — 700 אָרגאַניזירטע אַרבעטער; בערשטער — 800 (60 פּראָצ. פון דער גאַנצער צאָל, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין דער בערשטער־פּראָדוקציע).

דער הויפּט־צוועק פון די קאַסעס — איז צו העלפן פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער. נאָר ס'וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז מיט דעם אַליין ווערט אויסגעשעפּט זייער באַטייט, אַז זיי דינען בלויז אַלס מיטל פון דעם עקאָנאָמישן קאַמף; פאַרקערט, די קאַסעס זיינען אויך אַזעלכע צענטערן, פון וועלכע עס גייט אַרויס אין דער בריי־טער מאַסע אַריין די פּראָפּאַגאַנדע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אי־דעען, און אַ שטאַרק מיטל צו אַנטוויקלען דעם קלאַסן־ און פּאָליטישן באַוווסטזיין פון די אַרבעטער. די קאַסעס זיינען כמעט שטענדיק פאַר־בונדן מיט די אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען באַשטימט אויף דורכצופירן אין דעם באַוווסטזיין פון די אַרבעטער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אי־דעען, און זיי אַנטוויקלען אין פּאָליטישן זין, ווי דאָס זיינען: די אומלע־גאַלע ביבליאָטעקן, קרייזלעך פון די בעסטע מיטגלידער פון די קאַסעס, ווו די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט ווערט געלייגט דערויף, אַז די אַרבעטער זאָלן באַנעמען די יסודות פון דעם סאָציאַליזם, „אַלגעמיינע פאַרלעזונגען" פאַר אַלע מיטגלידער פון דער קאַסע, ווו די לעקציעס טראָגן ניט קיין סיסטעמאַטישן כאַראַקטער און זיינען זייער פאַרשיידנאַרטיק. איינצייטיק מיט דעם עלעמענטאַרן שטודירן די פראַגע וועגן אַרבעטסלוין, אַרבעטס־טאָג און פון די ראשי פּרקים פון סאָציאַליזם ווערן ברייט אויסגעטייטשט

פון שטאַנדפּונקט פון די פּראָלעטאַרישע אינטערעסן די באַזונדערע באַ־לערנדיקע פאַקטן פון איצטיקן לעבן: די שטרייקן, וואָס גיבן אַ בולט בילד וועגן דער עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס און וואָס דעקט פאַר אים אויף די באַציִונג מצד דער רעגירונג, די שאַרפקייט פון די פּאָליציייִשע ווילקירלעכע רעפּרעסיעס, דעם פּאָליטישן דעספּאָטיזם וכדומה. חוצדעם, פייערן די קאַסעס זייערע קלאַסן־יובילייען, אויף וועלכע מען האַלט רעדעס אויף פּאָליטישע טעמעס. אויף אַזאַ אופן העלפן די קאַסעס, וואָס עפענען די טירן פאַר יעדן אַרבעטער, וואָס וויל זיך באַטיי־ליקן אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף, פון איין זייט, אים אין דעם קאַמף פאַר זיינע אַלטעגלעכע אינטערעסן, פון דער צווייטער זייט — שטרעבן זיי אויסצואַרבעטן פון אים אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און אים צוגרייטן צום באַנעמען די פּאָליטישע אויפגאַבן, וועלכע דאָס רוסישע לעבן שטעלט פאַר דעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט. די קאַמפּס־קאַסעס שטעלן מיט זיך פאַר אַ קאָמפּליצירטע איינהייט, וועלכע איז אין זיך כולל די עלעמענטן פון אַן עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע: מיט איין זייט אירער — מיט דער קאַסע אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט — קומט זי אין באַרירונג מיט דער ברייטער מאַסע, עפענענדיק צו איר, ד"ה צו דער „אייגענער" קאַסע, אַ צוטריט פאַר יעדן אַרבעטער, וואָס וויל קעמפן פאַרן אויסבעסערן זיין מאַטעריעלע לאַגע, ניט פאָדערנדיק פון אים גאָרנישט, אחוץ אָנשטענדיקייט, און צוזאָגנדיק אים צו פאַרטיידיקן זיינע עקאָנאָ־מישע אינטערעסן און — פון דער צווייטער זייט — מיט די אינסטיטו־ציעס, וואָס בילדן אַ פּאָליטישן איבערגעבוי פון דעם עקאָנאָמישן בנין פון דער „אייגענער" קאַסע—איז זי זיך סומך אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער און פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון „בונד", אין דער פּערזאָן פון די אָרטיקע קאָמיטעטן, צענטראַלן קאָמיטעט און פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע, און בילדן אין איר איין אָרגאַנישעס גאַנצעס. אין „בונד" געפינען מיר ניט יענע אָפּגעזונדערטקייט פון דער עקאָנאָמישער אָרגאַ־ניזאַציע פון דער פּאָליטישער, מיט וועלכער מיר טרעפן זיך אין אייניקע לענדער. דער „בונד" האָט זיך אַזוי צונויפגעשטעלט, אַז ס'איז שווער־פעסטצושטעלן, ווו עס ענדיקט זיך די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע זיינע און ווו עס הייבט זיך אָן די פּאָליטישע, און ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער „בונד" טראָגט אַ ריין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן און פּאָליטישן כאַראַק־טער, קאָן יעדער „מאַסן"־אַרבעטער (ד"ה אַזאַ אַרבעטער, ביי וועלכן דער קלאַסן־באַוווּסטזיין האָט נאָך ניט דערוואַכט) געפינען אַן אָרט, אויב ער וויל נאָר צושטיין צו דעם עקאָנאָמישן קאַמף. דער כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" ערקלערט זיך דער עיקר מיט די פּאָליטישע באַ־

דינגונגען פון רוסלאנד. דארט, ווו א געוויינלעכער אנטייל אין א שטרייק, וואס פארמאגט אין זיך אפילו א סימן פון פאליטישן כאראקטער, ווערט באשטראפט מיט טורמע אי דאס אן שום געריכט, נאר דורך דער פאליציי און זשאנדארמעריע, און אפטמאל ווערט מען אפילו פארמשפט פארשיקט צו ווערן קיין סיביר, דורך דער פארארדענונג פון דעו אינערן־מיניסטער (ווי דאס האט געטראפן בשעת דעם ביאליסטאקער וועבער־שטרייק אין 1893 יאר), מוזן די פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס קומען צו דער אנערקענונג פון פאליטישן קאמף מיט דער רעגירונג און אחוץ די עקאנאמישע אויפגאבן הייבן זיי אן זיך צו שטעלן אויך פאליטישע.

ב) די ארטיקע קאמיטעטן

אין אלע גוברניאלע שטעט און אין די פאוויאט־שטעט מיט אן אנגעזעענער ארבעטער־באוועגונג זיינען פאראן סאציאל־דעמאקראטישע קאמיטעטן, וועלכע שטייען בראש פון דער ארטיקער באוועגונג.

כדי צו אנטוויקלען דעם קלאסן־ און פאליטישן זעלבסטבאוווסטזיין פון די ארבעטער, ארדענען די ארטיקע קאמיטעטן איין קרייזלעך אויף צו לערנען די פראפאגאנדיסטישע סאציאליסטישע ליטעראטור, ארדענען איין פארלעזונגען, דערהויפט איף פאליטישע טעמעס, פארשפרייטן אומלעגאלע ליטעראטור, לאזן ארויס פראקלאמאציעס פון אלגעמיינעם כאראקטער, וואס האבן אין זינען אלע ארבעטער, און ניט די ארבעטער פון דעם אדער יענעם פאך (אזא כאראקטער טראגן דערהויפט די אויפרופן, וועלכע זיינען אויסן צו סטימולירן דעם עקאנאמישן קאמף), ארדענען איין פארזאמלונגען וועגן באזונדערס וויכטיקע פאקטן פונם רוסישן און אויסלענדישן לעבן, ארגאניזירן דעמאנסטראציעס און בפרט פייערונגען פון דעם ערשטן מאי, גיבן ארויס ארטיקע ארגאנען.

דער אנטייל פון די ארטיקע סאציאל־דעמאקראטישע קאמיטעטן אין דעם קאמף פון די ארבעטער פאר בעסערע עקאנאמישע באדינגונגען דריקט זיך אויס אין: 1) שטיצן די שטרייקער מיט געלט, 2) אין שטיצע מיט מענטשן, וואס דארפן דיסציפלינירן די אויפגעבראכטע מאסע, איינהאלטנדיק זי פון גוואלט־מיטלען און פארוואנדלענדיק איר סטיכישן צארן אין פרידלעכער און פארעקשנטער פארטיידיקונג פון אירע אינטערעסן, זיי שטעלן פעסט און פארמולירן אירע פאדערונגען, 3) אין פארשפרייטן פראקלאמאציעס צו די ארבעטער מיטן ציל ארויסצורופן א שטרייק אדער אין פארשפרייטן צווישן די ברייטע ארבעטער־שיכטן די פאדערונגען, וואס זיינען שוין ארויסגעשטעלט געווארן אין דער צייט פון דעם אדער יענעם שטרייק.

ג) דער צענטראל-קאָמיטעט

די אַלגעמיינע אָנפירערשאַפט מיטן „בונד" געהערט צו דעם צענ־טראל־קאָמיטעט, וועמעס טעטיקייט דריקט זיך דער עיקר אויס: 1) אין דער ליטעראַרישער און פאַרלעגערישער אַרבעט, וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם אַרויסגעבן דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון „בונד" „די אַרבעטער־שטימע", פון פּראָקלאַמאַציעס פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, אַגיטאַציע־ און פּראָפּאַ־גאַנדע־בראָשורן און אין דעם דרוקן אויפרופן פאַר די אָרטיקע קאָמי־טעטן. 2) אין דעם איבערפירן די אין אויסלאַנד אָפּגעדרוקטע אומלע־גאַלע ליטעראַטור און זי צושטעלן אין די שטעט און אין דעם פונאַנדער־שיקן די יידישע ליטעראַטור, וואָס ווערט אומלעגאַל אַרויסגעגעבן אין רוס־לאַנד. 3) אין די פאַרבינדונגען מיט די אָרטיקע קאָמיטעטן און מיט דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" און אין דרוקן די אָרטיקע אָרגאַנען, אויב די אָרטיקע קאָמיטעטן האָבן ניט קיין אייגענע דרוקערייען. דער צענטראַל־קאָמיטעט ווערט אויסגעקליבן דורך דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צוזאַמענפאָר אויף דער צייט פון איין צוזאַמענפאָר ביזן אַנדערן.

ד) דער אויסלענדישער קאָמיטעט

דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז דער פאָרשטייער פון „בונד" אין אויסלאַנד. זיין טעטיקייט דריקט זיך דער עיקר אויס: 1) אין דעם אַרויס־געבן דעם צווייטן אָפיציעלן אָרגאַן פון „בונד" „דער יידישער אַרבע־טער", 2) אין דעם אַרויסגעבן אַגיטאַציע־ און פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, 3) אין שטיצן די שטרייקן מיט געלט־מיטלען, 4) אין געלט־שטיצע פאַר די אַרעסטירטע און פאַרשיקטע חברים, 5) אין פאַרשפּרייטן אין אויס־לאַנד דורך דער פּרעסע ידיעות וועגן די צילן און וועגן דער טעטיקייט פון „בונד", 6) בילדן אין אויסלאַנד אָרגאַניזאַציעס פאַר ליטעראַרישער און מאַטעריעלער שטיצע פאַרן „בונד".

ה) דער צוזאַמענפאָר

דער העכסטער אָרגאַן פון „בונד" איז דער צוזאַמענפאָר פון די פאָרשטייער פון די אָרטיקע קאָמיטעטן און גרעסערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען אַרויס פון די גרענעצן פון איין שטאָט, — ווי דער „בערשטער בונד".

ו) אַנדערע אינסטיטוציעס

...פון די אַנדערע אינסטיטוציעס וועלן מיר נאָך אָנווייזן אויף די געהיימע געזעלשאַפטן פון „רויטן קרייץ", וועלכע עקסיסטירן אין איינציקע שטעט, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַלס ציל צו שטיצן די אַרעסטירטע און

פארשיקטע חברים; ווייטער אויף די געהיימע ביבליאָטעקן מיט צענזוריר־טע ביכער — אלגעמיינע (פאר אלע ארבעטער פון דער שטאָט) און פרי־וואטע (ביי די באזונדערע קאסעס), אויף די אלגעמיינע און פריוואטע ביבליאָטעקן פון אומלעגאלע ביכער און אויף די ביבליאָטעק־קאָמיסיעס, וואָס פירן אָן מיט דער ארבעט אין די ביבליאָטעקן...

די מיטלען פון עקאָנאָמישן קאמף

די מיטלען פון דעם עקאָנאָמישן קאמף זיינען:

1) די קאמפס־קאסעס; זיי זאמלען צונויף ידיעות וועגן דער לאגע פון די ארבעטער אין דעם אָדער יענעם פאך, אין דעם אָדער יענעם וואר־שטאט אָדער פאבריק. אויפן גרונט פון אָט די באקומענע ידיעות שטעלן זיי פעסט אָט די פארבעסערונגען, וועלכע מען קאָן אויסקעמפן מיט ער־פאלג, זיי באמיען זיך אויסצוקלייבן א מער פאסיקן מאָמענט פארן שטרייק; זיי שיקן פון זיך מענטשן צו פירן אַן אגיטאציע צווישן די אר־בעטער אויפן גרונט פון די מעגלעכע פארבעסערונגען, זיי אָרגאניזירן די געלט־שטיצע פאר די שטרייקער וכדומה.

2) פראָקלאמאציעס פון עקאָנאָמישן אינהאלט, וואָס רופן די אר־בעטער צום קאמף, פאר די מעגלעכע און פעסטגעשטעלטע פארבעסערונ־גען, אָדער אזעלכע פראָקלאמאציעס, וואָס רופן צו האלטן זיך פעסט פאר די פאָדערונגען, וואָס זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרן, ניט שרעקן זיך פאר די דראָונגען פון די באלעבאטים, פון דער פאליציי און זשאנדאר־מען, און ניט אָפּשרעקן זיך פאר די גוואלט־טאטן מצד דער מאכט.

3) פארזאמלונגען ערב און אין דער צייט פון דעם שטרייק, אויף וועלכע מען קלערט אויף די נויט פון די ארבעטער, עס ווערן פאָרמולירט די פאָדערונגען און עס ווערט אגיטירט אין נאָמען פון אָט די פאָדערונגען.

4) אין זייער זעלטענע פאלן, כדי אָפּצושרעקן די באלעבאטים, ווערט אויך באנוצט דער באָיקאָט, וואָס באשטייט אין דעם, אז ביי דעם מער איינגעשפארטן און חוצפהדיקן באלעבאָס נעמט מען צו די ארבעטער און מ׳זעט מיט אלע מיטלען ניט דערלאָזן, ער זאל קריגן אנדערע און אויף אזא אופן צווינגט מען אים צו פארמאכן זיין ווארשטאט.

פון די דורך אונז אָנגעוויזענע מיטלען פון עקאָנאָמישן קאמף האָט פאר דער לעצטער צייט א באזונדער באדייטנדיק אָרט פארנומען די פראָק־לאמאציע. די פאקטן באווייזן, אז אויף וויפיל עס פארברייטערט זיך דער עקאָנאָמישער קאמף, ווערט די צאל פון די ניט־אָרגאניזירטע ארבעטער, וואָס באטייליקן זיך אין די שטרייקן, אלץ גרעסער בנוגע דער צאל פון

די אָרגאַניזירטע (קאַסע־מיטגלידער) שטרייקער, אַזוי אַז די באַדייטונג פון די קאַסעס, אַלס מיטל פון עקאָנאָמישן קאַמף, ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלענער. דער צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט ווערט אַריבערגעטראָגן אין דער סביבה פון די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אַזוי, למשל, האָט אין יאָר 1899 די צאָל פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין ווילנע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די שטרייקן, אויסגעמאַכט קוים 21 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל שטרייקערס. און אויב די הויפּט־אַרמיי פון דעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט געפינט זיך מחוץ דער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע, מוז מען, ווען מ'וויל זיך ווענדן צו די אַרבעטער, אַלץ אָפטער און ברייטער זיך באַנוצן מיט די פּראָקלאַמאַציעס.

דער עצם פון דעם עקאָנאָמישן קאַמף דריקט זיך אויס אין דער פאָרם פון די שטרייקן.

די מיטלען פון פּאָליטישן קאַמף

די מיטלען פון פּאָליטישן קאַמף זיינען: 1) די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס רופן צו אָפענע אַרויסטרעטונגען אין נאָמען פון באַשטימטע פּאָליטישע פאָדערונגען און צו עפנטלעכע פּראָטעסטן קעגן דעם אָדער יענעם פאַל פון דעם פּאָליציייִשן ווילקיר, קעגן באַשטימטע גוואַלט־אַקטן מצד דער רעגירונג, קעגן די פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען בנוגע די אַרבעטער, קעגן דעם יאָך פון דעם מיליטאַריזם וכדומה; 2) די פאַרזאַמלונגען, וואָס גרייטן צו און אָרגאַניזירן די עפנטלעכע פּאָליטישע פּראָטעסטן.

דער פּאָליטישער קאַמף גופא דריקט זיך אויס אין דער פאָרם פון דעמאָנסטראַציעס, וואָס ווערן, אין דער מאָס פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַלץ אָפטער און אָפטער. דער שטאַנדפּונקט פון די אָנפירער פון „בונד" אויף די דעמאָנסטראַציעס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין נומ' 18 פון דער „אַרבעטער־שטימע" (יולי 1900). די באַדייטונג פון די דעמאָנסטראַציעס, ווערט דאָרט געזאָגט, באַשטייט אין פאָלגנדיקן: 1) זיי גיבן די מעגלעכקייט אָפן אַרויסצושטעלן פּאָליטישע פאָדערונגען דער רעגירונג; 2) זיי דינען אויך צו באַקענען די ברייטע שיכטן פון דער אַרבעטער־מאַסע מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע צילן און, הייסט עס, פאַר צוציען זיי אין די רייען פון דעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט; אין דער הינזיכט זיינען די דעמאָנסטראַציעס זייער וויכטיק, וואָרעם צוליב די עקזיסטירנדיקע פּאָליציייִשע באַדינגונגען אין רוסלאַנד איז אוממעגלעך זיך צו באַנוצן אין אַ ברייטער מאָס ניט מיט פאַרזאַמלונגען, ניט מיט ליטעראַטור אויף צוציען די מאַסע צו דער אַרבעטער־באַוועגונג;

3) די אפענע ארויסטרעטונגען פון דעם פראלעטאריאט ווירקט אויפמונ־טערנדיק אויף דער ליבעראלער אפאזיציע (דאקטוירים, אדוואקאטן און אנד.), וועלכע פילט שטארק דעם דרוק פון דער פאליטישער רעכטלאזיקייט און קאן דעריבער זיין דער פארבינדעטער פון דעם פראלעטאריאט אין קאמף פאר די פאליטישע רעכט; 4) די דעמאנסטראציעס רעוואלוציאני־זירן, פאראייניקן און אנטוויקלען פאליטיש די ארבעטער־מאסע און אר־בעטן, אויף אזא אופן, ביי איר אויס אזעלכע מעלות, וואס זיינען נייטיק פאר דעם אפענעם קאמף.

די מיטלען צו פארשפרייטן די סאצ.־דעמאקראטישע אידעען

די סאציאל־דעמאקראטישע אידעען ווערן פארשפרייט מיט דער הילף פון קרייזלעך פאר א ניט גרויסער צאל מער אנטוויקלטע ארבעטער, פון אלגעמיינע פארלעזונגען פאר א באדייטנד גרעסערן קרייז ווייניקער אנטוויקלטע ארבעטער, פון צייטונגען, פון אגיטאציע־ און פראפאגאנדע־ליטעראטור.

די מיטלען אויף צו אנטוויקלען דעם קלאסן־ און פאליטישן באוואוסטזיין

אויף צו אנטוויקלען די קלאסן־ און פאליטישן באוואוסטזיין דינען: 1) דער עקאנאמישער קאמף; די פאליציייִשע און רעגירונגס־רעפרעסיעס, וואס ווערן געוויינלעך אנגעווענדט בשעת די שטרייקן, דעקן אויף פאר דעם ארבעטער די אמתע באציִונג צו אים מצד דער רעגירונג און די אמטן, וועלכע זיינען איר אונטערגעווארפן, און ברענגען אים ביסלעכוויז צו דעם באוואוסטזיין וועגן די פעלערן פון דער עקסיסטירנדיקער פאליטישער אר־דענונג און דער נייטיקייט צו פירן א פאליטישן קאמף מיט איר; 2) די פארזאמלונגען, פייערונגען און מאניפעסטאציעס; 3) פראקלאמאציעס פון פאליטישן און עקאנאמישן כאראקטער; 4) די פעריאדישע ארגאנען און אגיטאציע־ און פראפאגאנדע־בראשורן; 5) אייגענע קאסעס און אינסטיטוציעס, וואס זיינען מיט זיי פארבונדן (קרייזלעך, אלגעמיינע פארלעזונגען, ביבליאטעקן מיט לעגאלע און אומלעגאלע ביכער).

די פעריאדישע ארגאנען

די אפיציעלע ארגאנען פון „בונד" זיינען „די ארבעטער־שטימע" און „דער יידישער ארבעטער". „די ארבעטער־שטימע" שענקט דער עיקר מער אויפמערקזאמקייט דער לאגע און דעם קאמף פון דעם רוסלענדישן

ארבעטער בכלל און פון דעם יידישן ארבעטער בפרט, באלויכט דעם דאָ־זיקן קאַמף, שטעלט און פאַרענטפערט די פראגן, וואָס באקומען זיך פון דער פּראַקטיק פון דער ארבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין פּוילן, און שענקט א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דער קריטיק פון דער עק־סיסטירנדיקער פּאָליטישער סיסטעם און דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער אידעע וועגן דער נייטיקייט פון פּאָליטישן קאַמף. אַן אַנגעזעען אָרט ווערט אין דער „ארבעטער־שטימע" געשענקט דער פארטיידיקונג פון די ספּעציעלע אינטערעסן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. אין דעם „יידישן ארבעטער" ווערט די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער לאַגע און דעם קאַמף פון דעם אויסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, די איבערזיכטן פון דעם לעבן אין אויסלאַנד בכלל און די פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיק־לען וועגן דער טעאָריע פון דער ארבעטער־באַוועגונג און וועגן אייניקע פראַגן פון דעם רוסישן און אויסלענדישן לעבן. אחוץ די אַלגעמיינע אָר־גאַנען, ערשיינען אויך אַרטיקע, וועלכע ווערן ארויסגעגעבן דורך די באַ־זונדערע קאָמיטעטן פון „בונד". דער וואַרשעווער קאָמיטעט גיט ארויס דעם „וואַרשעווער ארבעטער", דער ביאַליסטאָקער — דעם „ביאַליסטאָ־קער ארבעטער" און דעם פלוגבלאַט פון „ביאַליסטאָקער ארבעטער", דער ווילנער קאָמיטעט גיט ארויס דעם „קלאַסן־קאַמף", דער מינסקער — „דאָס פלוג־בלעטל", דער האָמלער — „דעם קאַמף", חוצדעם גיט ארויס „דער יידישער ארבעטער־בערשטער־בונד", וואָס גייט אריין אין „בונד" — זיין אָרגאַן „דעם וועקער".

דער „בונד" האָט דריי דרוקערייען (אומלעגאַלע — 2 אין רוסלאַנד און איינע אין אויסלאַנד).

די טעטיקייט פון „בונד" נעמט ארום דעם צפון־מערב־קאַנט (ווילנער, קאָוונער, מינסקער, גראָדנער, וויטעבסקער און מאָהילעווער גוב.) און דאָס רוסישע פּוילן (דערהויפּט סוואַלקער גוב., וואַרשע און לאָדז).

איצט וועלן מיר איבערגיין צום גענויען באריכט וועגן דער טעטי־קייט פון „בונד", אויף וויפיל זי האָט זיך אויסגעדריקט אין שטרייקן, פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס, ליטעראַרישער און פאַרלעגערישער ארבעט און אזוי ווייטער.

שטרייקן

די ידיעות, וואָס מיר באזיצן וועגן די שטרייקן, נעמען ארום דעם פעריאָד פון דריטהאַלבן יאָר, פון סוף 1897 ביז זומער 1900. צום באַ־דויערן זיינען די דאָזיקע ידיעות ניט קיין פולקומע און קאָנען בשום אופן

ניט געבן די גענויע פארשטעלונג וועגן דער גרויס פון דעם עקאנאמישן קאמף, וועלכן די יידישע ארבעטער פירן מיט זייערע עקספלואטירער. „תחילת 1898, לייענען מיר אין דער קארעספאנדענץ פון ביאליסטאק אין דעם נומער 8 פון דער „ארבעטער־שטימע", זיינען פארגעקומען אזוי פיל שטרייקן ביי די שפולערינס, אז עס איז ניטא קיין מעגלעכקייט ניט נאר ארומצורייֹדן יעדערן באזונדער, נאר אפילו פעסטצושטעלן זייער צאל". דאס זעלבע קאן מען אויך זאגן בנוגע אלע ווארשטאטן און פאבריקן, וואס זיינען פארכאפט געווארן דורך דער באוועגונג, און וועגן אלע שטעט, וואס גייען אריין אין דעם ראיאן פון דעם „בונדס" טעטיקייט. נאר אויב די מענגע קליינע שטרייקן ווערן ניט פארנאטירט צוליב זייער גרויסער צאל, בלייבן אפילו די גרעסערע שטרייקן, אדאנק די פאליטישע באדינגונגען אין רוסלאנד, ניט פאררעגיסטרירט: די ארטיקע ארגאניזאציעס זיינען אויף אזויפיל פארוואָרפן מיט ארבעט און אריינגעצויגן אין דעם קאמף, וואס פאדערט די אנשטרענגונג פון אלע זייערע כוחות, די דורכפאלן זיינען אזוי אפט. און אדאנק דעם ווערן די פארבינדונגען אין דער ארבעטער־סביבה אזוי אפט אפגעשוואכט, די דירעקטע אויספארשונג פון די ארבעטער — דער בעסטער אופן פון זאמלען די ידיעות — טרעפט אן אויף אזעלכע שווערע שטערונגען ביי דער הערשנדיקער פאליטישער סיסטעם, אז די ריכטיקע נאָטירונג פון די שטרייקן איז פשוט אוממעגלעך. און אפילו די ידיעות וועגן די פארעגיסטרירטע שטרייקן צייכענען זיך אויס מיט זייער ניט פולקומקייט. אזוי איז פון די 312 שטרייקן, וועגן וועלכע עס האט זיך אונז איינגעגעבן צו באקומען ידיעות, נאר אין 156 פאלן אנגעוויזן די צאל פון די שטרייקער, וואס קומען אוים אויף יעדן שטרייק באזונדער; די צייט, וויפיל דער שטרייק האט געדויערט, איז אנגעוויזן בלויז אין 89 פאלן, דער רעזולטאט איז באקאנט בלויז אין 262 פאלן. דעריבער קאן דער פאקטישער מאטעריאל, וועלכן מיר האבן געזאמלט, געבן זייער א קנאפע פארשטעלונג וועגן דער גרויס פון דער שטרייק־באוועגונג, וואס האט ארומגעכאפט דעם יידישן פראלעטאריאט.

די שטרייקן זיינע אויף אזוי פיל פארשפרייט געווארן און זיינען געווארן אזא מאָג־טעגלעכע דערשיינונג, אז ס'איז כמעט ניטא קיין איין בראנזשע אדער פאבריק מיט יידישע ארבעטער, וועלכע זאל ניט זיין אריינגעצויגן אין דעם עקאנאמישן קאמף. די ידיעות וועגן שטרייקן, וועלכע מיר באזיצן, האבן א שייכות צו 14 פאבריקן און 44 ווארשטאטן. פון די פאבריק־ארבעטער שטייען בראש פון דער שטרייק־באוועגונג די אר־בעטער און ארבעטערינס פון דער וועבער־אינדוסטריע, פון די טאבאק־

און שוועבעלעך־פאבריקן, די בערשטער און די גארבער; פונם האנטווער־קער־פראלעטאריאט האבן די גרעסטע ענערגיע און אויסגעהאלטנקייט אין דעם קאמף פאר זייערע מאטעריעלע אינטערעסן ארויסגעוויזן די שוסטער, שטעפער, סטאלער, שניידער און בעקער. פון דער אלגעמיינער צאל 312 פאררעגיסטרירטע שטרייקן זיינען 140 פארגעקומען אין פאב־ריקן, 169 אין די ווארשטאטן און 3 ביי די פונאנדערנעמער און צונויפ־שטעלער פון טראטוועס. פון דער אלגעמיינער צאל שטרייקער, וועלכע עס האט זיך איינגעגעבן צו פארנאטירן 27.890, זיינען געווען 14.032 פאבריק־ארבעטער, און 13.058 האנטווערקער־ארבעטער, דערביי איז די מיטעלע צאל פון די שטרייקער אויף יעדן שטרייק בערך 160 מאן ביי די פאבריק־ארבעטער און בערך 100 מאן ביי די האנטווערק־ארבעטער. די לפי־ערך קליינע צאל שטרייקער אויף איין שטרייק אין דער פאבריק־פראדוקציע דערקלערט זיך דערמיט, וואס אויף די גרויסע פאבריקן שטרייקן נאר באזונדערע אפטיילונגען, אין וועלכע עס זיינען באשעפ־טיקט ניט קיין גרויסע צאל ארבעטער, למשל, אין די וועבערייען פאר־שטרייקן נאר די שפולערינס אדער די קעטערינס, אויף די טאבאק־פאב־ריקן — נאר די פאפיראסן־מאכערס, די פאקערינס אאז״וו[1]. פאר דער האנטווערק־פראדוקציע דערקלערט זיך די לפי־ערך גרויסע צאל שטרייקער אויף יעדן שטרייק דערמיט, וואס אין די לעצטע יארן זיינען ביי די האנט־ווערק־ארבעטער שטארק פאפולער געווארן אלגעמיינע שטרייקן, וועלכע זיינען נייטיק צוליב דעם, ווייל אין א סך פאכן קאן, אדאנק דער שטאר־קער קאנקורענץ צווישן די באלעבאטים, דער עקאנאמישער קאמף האבן ערפאלג נאר אין דעם פאל, ווען מען ענדערט איינצייטיק די ארבעטס־באדינגונגען אין אלע, אדער, לכל הפחות, אין דעם רוב ווארשטאטן פון דעם פאך.

פון די 262 שטרייקן, די רעזולטאטן פון וועלכע עס זיינען באַ־וווסט, זיינען געווונען געווארן 91,2 פראצ. (239) און פארשפילט גע־ווארן — 8,8 פראצ. (23). ווען מיר פארגלייכן די ציפערן פאר די פאב־ריקן און ווארשטאטן באזונדער, זעען מיר אמאל א קליינעם איבערוואג אין דער אדער אין דער אנדערער זייט פון אט די אלגעמיינע ציפערן: פאר די פאבריקן 90 פראצ. געווונענע שטרייקן (113) און 10 פראצ. פאר־שפילטע (13), פאר די ווארשטאטן — 92,5 פראצ. געווונענע (124) און 7,5 פראצ. פארשפילטע (10). אויף אזא אופן איז די צאל געווונענע שטרייקן 9—12 מאל גרעסער איידער די צאל פון די פארשפילטע.

1 ביי אונז איז למשל רעגיסטרירט א שטרייק פון די שפולערינס אין 11 פאב־ריקן אין 1898, אין ביאליסטאק.

כּדי בעסער אָפּצושאַצן דעם דאָזיקן פאַקט דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט, אַז אין גרעסטן טייל גייען די שטרייקן ניט דורך אָן דער אינ־טערווענץ פון דער מאַכט לטובת די עקספּלואַטירער, און אַז דער פּראָצענט מפּלות וואָלט געווען נאָך קלענער, ווען די מאַכט זאָל ניט אויסאיבן איר דרוק אויף די שטרייקער.

דער אומבאַדייטנדיקער פּראָצענט פון מפּלות ערקלערט זיך דער עיקר: 1) מיט דעם איינפלוס פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע העלפן די שטרייקערס מיט אַגיטאַטאָרן און געלט־שטיצע, און וועלכע האַלטן אונ־טער דעם קאַמפּס־לוסט פון די שטרייקער מיט פאַרזאַמלונגען און אויפ־רופן, 2) מיט דער פּאָפּולאַריטעט פון די אַלגעמיינע שטרייקן, 3) מיט דער צעשפּליטערונג פון די באַלעבאַטים, וועלכע פלעגן נאָר אין זעלטענע פאַלן זיך צייטווייליק פאַראייניקן, כּדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער אָרגאַניזירטער ארבעטערשאַפט און 4) מיט דער אוממעגלעכקייט צו קריגן, אַדאַנק דער פאַרשפּרייטקייט פון דער ארבעטער־באַוועגונג, ארבע־טער, וואָס זאָלן פאַרבייטן די שטרייקער.

די גרעסטע צאָל שטרייקן זיינען פאָרגעקומען פאַר דעם פאַרקירצן דעם ארבעטסטאָג און העכערונג פון דעם ארבעטסלוין. אויף די שטרייקן, פון וועלכע עס זיינען פאַראַן ידיעות, וואָס פאַר אַ פאָדערונגען מען האָט אַרויסגעשטעלט, מאַכן די דאָזיקע צוויי הויפּט־פאָדערונגען אויס 66 פּראָצ. (פאַר די פאַבריקן) און 88 פּראָצ. פאַר די וואַרשטאַטן. די איבעריקע פאָ־דערונגען זיינען זייער פאַרשיידנאַרטיק: דאָס מבטל מאַכן די שטיק־אַר־בעט, צוריק צונעמען די חברים, וועלכע מען האָט אָפּגעזאָגט דערפאַר, וואָס זיי זיינען „בונטאַווּשטשיקעס", בעסערע באַהאַנדלונג, מעדיצינישע הילף (איינאָרדענען אַ שפּיטאָל, אומזיסטע רפואות, איינלאַדן אַ דאָקטאָר אין דער פאַבריק), פאַרקלענערן אָדער אינגאַנצן בטל מאַכן די שטראָפן, מבטל מאַכן די נאַכט־ און איבערשטונדן־ארבעט, מבטל מאַכן דאָס אויס־בראַקירן די ארבעט, דערהוייטערן די ניט באַליבטע מייסטערס, אויסצאָלן די גאַנצע שכירות (כּדי די ארבעטער זאָלן זיין אָפּהענגיק, פאַרהאַלטן אַ טייל באַלעבאַטים אַ טייל שכירות ביזן סוף פון זמן), דאָס מבטל מאַכן די פאַרמיטלעריי, בעסערע באַלייכטונג און אַז"וו.

ווען מיר זאָלן פאַרגלייכן צווישן זיך די צאָלן פון די שטרייקן פאַר די הויפּט־פאָדערונגען, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז אין די פאַבריקן האָט מען אָפטער געשטרייקט פאַר אַ לוין־העכערונג, איידער פאַר אַ קלענערן ארבעטסטאָג: 44,3 פּראָצ. פאַר אַ לוין־העכערונג און 21,6 פּראָצ. פאַר פאַרקלענערן דעם ארבעטסטאָג; אין די וואַרשטאַטן באַקומט זיך פונקט אַ פאַרקערט בילד: 56,6 פּראָצ. פאַר פאַרקלענערן דעם ארבעטסטאָג און

31,3 פראָצ. פאַר לוין־העכערונג. די דאָזיקע דערשיינונג דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אין דער צייט, וואָס אין די פאַבריקן אַרבעט מען בכלל בערך ניט מער פון 12 שעה, הערשט אין די וואַרשטאַטן אַ שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער־כּוחות דורך אַן אומגעהייער לאַנגן אַר־בעטסטאָג, דעריבער איז די הויפּט־פאָדערונג פון די וואַרשטאַט־אַרבעטער געווען דאָס פאַרקלענערן דעם אַרבעטסטאָג.

פון די איבעריקע פאָדערונגען וועלן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן אויף דער פאָדערונג פון צוריק צונעמען די אָפּגעזאָגטע חברים. די שטרייקן פאַר אָט דער פאָדערונג זיינען זייער אָפטע און דערגרייכן, למשל, פאַר די פאַבריקן אַ גענוג הויכע צאָל פון 9,6 פראָצ. די דאָזיקע שטרייקן זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָרעם זיי דינען אַלס בולטער באַווייז פון סאָ־לידאַרישקייט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביי די אַרבעטער, אַדאַנק די אָרגאַניזאַציעס און דעם עקאָנאָמישן קאַמף. ווי אַזוי פאַרביטערט זיינען צומאָל געווען די שטרייקן פאַר צונעמען צוריק די אָפּגעזאָגטע „בונטאָוו־שטשיקעס", ד"ה פון די סאַמע אַנטוויקלטסטע און טיכטיקסטע אַרבעטער, באַווייזן פאָלגנדיקע פאַקטן: אין יאָר 1898 האָט אין ביאַליסטאָק זיך פאַרענדיקט אַ שטרייק אין באָרוכינס וועבער־פאַבריק און דער באַלעבאָס האָט ניט געוואָלט צוריק צונעמען איינעם פון די שטרייקער; די אַרבע־טער האָבן ווידער פאַרשטרייקט און האָבן געשטרייקט 6 וואָכן און האָבן זיך אונטערגעגעבן בלויז אַדאַנק דעם, וואָס די קריסטלעכע אַרבעטער האָבן פאַרראַטן און זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט, ניט דערוואַרטנדיק זיך ביז די פאָדערונג פון די אַרבעטער וועט באַפרידיקט ווערן. אין סמאָר־גאָן האָבן אין יאָר 1899 די גאַרבער פאַרשטרייקט פאַר דעם, וואָס מען האָט אָפּגעזאָגט אַן אַרבעטער. דער שטרייק האָט געדויערט 7 וואָכן און זיך געענדיקט מיט ערפאָלג.

די פרויען האָבן אויך גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער שטרייק־באַוועגונג און אַרויסגעוויזן אַ גרויסע אויסגעהאַלטנקייט און ענערגיע אין דער פאַרטיידיקונג פון זייערע אינטערעסן. צום באַדויערן באַזיצן מיר זייער קנאַפּע ידיעות וועגן דער פרויען־אַרבעטער־באַוועגונג, די דאָ־זיקע ידיעות זיינען נאָר פון 10 פאַבריק־פּראָדוקציעס און פון 11 וואַרשטאַטן. בראש פון דער שטרייק־באַוועגונג שטייען די פּאַפּיראָסן־מאַכערינס, די שפּולערינס, די זאָקנמאַכערקעס און די אַרבעטערינס, וואָס אַרבעטן אין די שוועבל־פאַבריקן.

דאָס געפיל פון סאָלידאַרישקייט איז ביי די אַרבעטערינס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער שטרייק־באַוועגונג, זייער שטאַרק אַנט־וויקלט. מיר וועלן דאָ ברענגען אַ ביישפּיל פון אָט דער סאָלידאַרישקייט,

בשעת עס איז פארגעקומען א שטרייק אין דער גראָדנער טאבאק־פאבריק און דער באַלעבאָס האָט שוין געוואָלט נאָכגעבן אַלע פאָדערונגען, האָבן די פאפיראָסן־מאַכערינס ארויסגעשטעלט אַן אומבאַדינגטע פאָדערונג צו באַפרייען אַלע ארעסטירטע שטרייקערינס און האָבן דערביי ארויסגעוויזן אזא שטאנדהאַפטיקייט, אַז די מאַכט האָט באַפרידיקט זייער פאָדערונג. אין קאָוונע איז אין יאָר 1899 פאָרגעקומען א שטרייק פון 60 ארבעטערינס. די הויפּט־סיבה פון דעם דאָזיקן שטרייק איז געווען דאָס, וואָס מען האָט באַזייטיקט די „בונטאָוושטשיצע" און די ארבעטערינס האָבן געפאָדערט מען זאָל זי צוריק צונעמען; די ארבעטערינס האָבן זיך געהאַלטן פיר וואָכן און האָבן זייערס אויסגעפירט.

אחוץ די ארבעטער אין די פאבריקן און װארשטאַטן זיינען צו דעם עקאָנאָמישן קאַמף צוגעטראָטן אויך די האַנדלס־אָנגעשטעלטע און עקספּעדיענטקעס, די בוי־ארבעטער (מולערס און טשעסלערס) און די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע, דער סאַמע אומאַנטוויקלטסטער טייל פון דעם יידישע פּראָלעטאַריאַט, דער אַזויגערופענער לומפּן־פּראָלעטאַריער — די טרעגער, די קאַנזשאָרטניקעס (צונויפשטעלער און פונאַנדערנעמער פון טראַטוועס) און וואַשאָווניקעס (די פונאַנדערנעמער פון טראַטוועס) .

וועגן דער צייט, וויפיל די שטרייקן האָבן געדויערט, גיבן אונז א שטיקל פאָרשטעלונג פאָלגנדיקע דאַטן: די בערכדיקע דויער־צייט פון די שטרייקן אין די פאבריקן איז 18 טעג (862 טעג — 49 שטרייקן), אין די װארשטאַטן 21 מיט א האַלבן טאָג (817 טעג — 38 שטרייקן). פון 89 שטרייקן, די דויער־צייט פון וועלכע עס איז באַוווּסט, האָט 1 שטרייק געדויערט 18 וואָכן; 1 שטרייק — 15 וואָכן; 1 שטרייק — 13 וואָכן; 2 שטרייקן — צו 9 וואָכן (5 שטרייקן — 5,6 פּראָצ.); 12 שטרייקן (13,5 פּראָצ.) — 6—8 וואָכן; 22 שטרייקן (24,7 פּראָצ.) — 3—5 וואָכן; 30 שטרייקן (33,7 פּראָצ.) — 1—2 וואָכן; 20 שטרייקן (22,5 פּראָצ.) — ווינציקער פון איין וואָך.

צום סוף װעלן מיר נאָך באַמערקן, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף האָט אחוץ דעם, וואָס ער האָט מיטגעהאָלפן צו אַנטוויקלען דעם קלאַסן־און פּאָליטישן באַוווּסטזיין פון די יידישע ארבעטער, אויך באַדייטנד פאַרבעסערט זיין מאַטעריעלע לאַגע. כּדי דאָס צו באַשטעטיקן, איז גענוג צו ברענגען אייניקע דאַטן וועגן די פאַרבעסערונגען, וואָס די ארבעטער, למשל, פון ביאַליסטאָק, וויטעבסק און האָמעל האָבן באַקומען אַדאַנק די שטרייקן. אין 1900 האָבן די ביאַליסטאָקער וועבער אין אַלע פאבריקן זיך דערשלאָגן א 10־שעהדיקן ארבעטסטאָג אָנשטאָט דעם פריערדיקן 14־שעהדיקן און א לוין־העכערונג אויף 100 פּראָצ. (6—8 רובל א וואָך

אָנשטאָט 3—4 רובל). אין 1898 האָבן די וויטעבסקער אַרבעטער נאָך א ריי שטרייקן אויסגעקעמפט כמעט אין אַלע פאַכן אַן אַרבעטסטאָג פון 10—11—12 שעה (ריינע אַרבעט) אָנשטאָט 13—14—15—18 שעה, א לוין־העכערונג פון 30—100 פראָצ., דאָס אָפּשאַפן די איבערשעהן, רעגולער צאָלן די שכירות, אָפּשאַפן די נאַכט־אַרבעט (ביי די שניידער און מאָדיסטינס). אין האָמעל האָט דער עקאָנאָמישער קאַמף פאַר די יאָרן 1898—1899 געגעבן פאָלגנדע רעזולטאַטן: דער לוין האָט זיך ביי די שניידער געהעכערט אויף 30—40 פראָצ., ביי די סטאָלערס אויף 50 פראָצ. (די שטיק־אַרבעט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן), ביי די שוסטער אויף 15—40 פראָצ., ביי די שלאָסער אויף 50 פראָצ.; דער אַרבעטסטאָג איז פאַרקלענערט געוואָרן ביי די שניידער ביז 14—15 שעה (אָנשטאָט 17), ביי די שוסטער ביז 15 שעה (אָנשטאָט 18), ביי די שלאָסער ביז 14 שעה, ביי די שניידערינס ביז 13—14 שעה (אָנשטאָט 16); חוצדעם האָט זיך כמעט אומעטום איינגעגעבן אויסצוקעמפן א הפסקה אויף מיטאָג, דאָס רעגולערע אויסצאָלן די שכירות און אַ בעסערע באַהאַנדלונג.

דעמאָנסטראַציעס און פייערונגען

1. מאַי־דעמאָנסטראַציעס.

מאַי־דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען אין וואַרשע, ווילנע, מינסק און אין ראַיאָן פון דער בערשטער־פּראָדוקציע. אין יאָר 1898 האָבן מיר געהאַט איין דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען 300 מאַן; אין יאָר 1899 — 2 דעמאָנסטראַציעס מיט דער אַל־געמיינער צאָל אָנטיילנעמער פון 1800 מאַן, אין יאָר 1900 — 4 דעמאָנ־סטראַציעס — מיט דער אַלגעמיינער צאָל אָנטיילנעמער פון 3700 מאַן: בסך־הכל פאַר די יאָרן 1898—1899—1900 — 7 דעמאָנסטראַציעס, אין וועלכע עס האָבן זיך אין אַלגעמיין באַטייליקט 5.800 מאַן. די דע־מאָנסטראַציעס האָבן אומעטום געטראָגן כמעט איין און דעם זעלבן כאַ־ראַקטער: מען אזי געגאַנגען איבער די גאַסן, געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער, דרך אַגב, אויך די יידישע אַרבעטער־מאַרסעליעזע, געשריען: נידער מיט דעם דעספּאָטיזם! זאָל לעבן דער פּאָליטישער קאַמף! נידער מיט דעם קאַפּיטאַליזם! זאָל לעבן די אַרבעטער־באַוועגונג! און אז"וו. אין אייניקע ערטער האָבן זיך די דעמאָנסטראַציעס אויסגעצייכנט מיט באַזונדערע כאַראַקטעריסטישע פּרטים, פון וועלכע מיר וועלן פאַרציי־כענען די מער אינטערעסאַנטע: אין ווילנע האָט מען בעת דער מאַי־דע־מאָנסטראַציע פון יאָר 1900 אויפגעהויבן אַ רויטע פאָן. דעם 1טן מאַי

1899 האָבן די אַרבעטער אין אייניקע שטעט ניט געאַרבעט, דאָס איז גע־וועזן אין וואַרשע, וויטעבסק און אין אייניקע שטעטלעך פון דעם בער־שטער־ראַיאָן: אין איין שטעטל האָט מען געוואָרפן די אַרבעט מיט צוויי שעה פריער, און אין אַנדערע שטעטלעך האָט מען געאַרבעט נאָר אַ האַלבן טאָג (דער 1טער מאַי איז דאַן אויסגעפאַלן אום זונטאָג, ווען יידן אַרבעטן). אין וואַרשע זיינען די מאַי־דעמאָנסטראַציעס געווען אַלגעמיינע: פון יידן און פּאָליאַקן.

2. מאַי־פאַרזאַמלונגען.

דאָרט ווי עס איז, לויט די אָרטיקע אָדער אַנדערע באַדינגונגען, אוממעגלעך אַן עפנטלעכע אַרויסטרעטונג פון די אַרבעטער אין דער פאָרם פון אַ דעמאָנסטראַציע, פייערט מען דעם 1טן מאַי דורך פאַרזאַמלונגען, געוויינלעך אין וואַלד. דערביי ווערן געהאַלטן רעדעס וועגן דער באַדיי־טונג פון דעם ערשטן מאַי און אויף פּאָליטישע טעמעס, מען זינגט רע־וואָלוציאָנערע לידער, מען הייבט אויף אַ רויטע פאָן מיט אויפשריפטן: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך", „אַ 8־שעהדיקן אַר־בעטסטאָג, פּאָליטישע פרייהייט, בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן"; עס טרעפן אויך מער גענויע אויפשריפטן: „פרייהייט פון שטרייקן, פאַרזאַמלונגען, פאַראיינען און פּרעסע" וכדומה. צוליב דער גרויסער צאָל מאַי־פאַרזאַמלונגען און דער ניט גענויקייט פון די ידיעות וועגן זיי, האָבן מיר ניט די מעגלעכקייט צו ריידן וועגן זיי בפרטיות און בלויז אַלס ביישפּיל וועלן מיר אָנווייזן אויף אייניקע פון זיי און דאָס נאָר אויף די, וועגן וועלכע מיר האָבן גענויע ידיעות. דעם 1טן מאַי האָבן געפייערט: אין יאָר 1898 אין האָמעל — 250 אַרבעטער; אין יאָר 1899 אין ביאַ־ליסטאָק — 400 מאַן; אין וויטעבסק — 120 מאַן; אין יאָר 1900 אין לאָדז — 300 מאַן; אין דווינסק — 150 מאַן; אין גראָדנע — 130 מאַן, — אין די אַלע שטעט, וואָס מיר האָבן דאָ אָנגעוויזן, איז פאָרגע־קומען צו 1 מאַי־פאַרזאַמלונג. אין דעם זעלבן יאָר 1900 האָבן די בער־שטער געפייערט דעם ערשטן מאַי דורך עטלעכע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס זיינען אין אַלגעמיין געווען 600 מאַן.

3. דעמאָנסטראַציעס קעגן דער רעגירונג און פּאָליציייִשן ווילקיר.

די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען אין ווילנע (4 דע־מאָנסטראַציעס), אין גראָדנע (2), אין וויטעבסק (2) און אין ביאַליסטאָק (1). די אַרבעטער האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען האָט אַדמי־ניסטראַטיוו פאַרשיקט קיין סיביר פאַר פּאָליטישער טעטיקייט (אין ווילנע

און אין ביאַליסטאָק), קעגן דער פאַראָרדענונג פון דעם גובערנאַטאָר אַפּצולייגן די זיצונג פון דער אַרביטראַזש־קאָמיסיע, וועלכע האָט גע־דאַרפט ליקווידירן דעם סיכסוך צווישן די טאַבאַק־פאַבריקאַנטן און די שטרייקנדע פּאַפּיראָסן־מאַכערינס (אין גראָדנע), מען האָט געפאָדערט צו באַפרייען די אַרעסטירטע (ווילנע, גראָדנע), מען האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם מאָרד פון אַן אַרבעטער, וועלכער איז געשטאָרבן פון די קלעפּ, וועלכע ער האָט באַקומען אין פּאָליציי־צירקל, און אַ טויטן האָט מען אים אויפגעהאַנגען, כּדי צו פאַרווישן די שפּורן פון דעם מאָרד (ווי־טעבסק). די אַלע דעמאָנסטראַציעס האָבן געהאַט זייער פיל אַלגעמיינע שטריכן: מען איז מאַסנווייז געגאַנגען איבער די גאַסן, אָדער מען האָט זיך פאַרזאַמלט אויף דעם וואָקזאַל, מען האָט געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער, באַגריסט די פאַרשיקטע וכדומה. עס זיינען דערביי געווען אייניקע פּרטים, אויף וועלכע עס לוינט זיך אָפּצושטעלן — אַזוי איז אין פעברואַר 1899 אין ווילנע, אין טאָג, ווען מען האָט אַרויסגעשיקט די פּאָליטישע קיין סיביר, האָט זיך לעבן דער טורמע פאַרזאַמלט אַ מאַסע אַרבעטער, אַ מאַן 400; ווי נאָר מען האָט געעפנט דעם טויער פון דער טורמע און עס האָבן זיך באַוויזן די פּאָליטישע, באַגלייט פון דער וואַך, האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער „הוראַ", דער עולם האָט געפאָכט מיט טיכלעך, מיט די היטלען, עס האָבן זיך דערהערט רעוואָלוציאָנערע און אַנטי־מלוכהשע אויסרופן: „נידער מיט דעם שקר!", „נידער מיט דעם דעס־פּאָטיזם!", „נידער מיט דער זשאַנדאַרמעריע!", „זאָלן לעבן אונזערע ברי־דער!", זאָל לעבן די אַרבעטער־באַוועגונג!", „זאָל לעבן די „סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע!" און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום וואָקזאַל גלייך נאָך דער וואַך און די פּאָליטישע. בשעת אַן אַנדער דעמאָנסטראַציע אין ווילנע ביים אַרויסשיקן פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט מען אויפגעהויבן אַ רויטע פאָן. אין וויטעבסק האָט מען אויף דעם קבר פון דעם דערמאָר־דעטן אין פּאָליציי־צירקל אַרבעטער געהאַלטן פּאָליטישע רעדעס. עס האָבן ניט אויסגעפעלט קיין פאַלן, ווען די אַרבעטער האָבן אָנגעווענדט גוואַלט־מיטלען: אין וויטעבסק האָט מען דעמאָלירט די וווינונג פון דעם שפּיאָן, וועלכער האָט געמסרט דעם אַרבעטער, וועלכן מען האָט דערמאָרדעט אין דעם פּאָליציי־צירקל; אין ווילנע האָט מען דעמאָלירט דעם צירקל, ווו עס זיינען געזעסן די פּאָליטישע אַרעסטירטע; מען האָט פאַרוווּנדעט עט־לעכע פּאָליציאַנטן, געשלאָגן מכּות־רצח אַן אוריאַדניק. בסך־הכּל זיינען פאָרגעקומען 9 דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם ווילקיר פון דער מאַכט (8 אין 1899 און 1 — אין 1900) מיט דער אַלגעמיינער צאָל באַטייליקטע פון 5000 מאַן.

4. דעמאָנסטראַציעס בשעת לוויות.

דורך די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס פלעגן די ארבעטער פייערן דעם אָנדענק פון די געפאַלענע קעמפער פאַר דער ארבעטער־זאַך אָדער פון יענע חברים, וועלכע זיינען פאַר דער צייט געשטאָרבן פון שרעקלעך־שווערער ארבעט אָדער אין טורמע און פארשיקונג צוליב פּאָליטישער טעטיקייט. אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס זיינען אין די יאָרן 1899—1900 געווען אַכט (4 אין װאַרשע, 2 אין לאָדז און צו איינע אין דווינסק און אין סמאָרגאָן). די דעמאָנסטראַציעס אין דווינסק און אין סמאָרגאָן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די יידישע ארבעטער, עס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט 1.150 מאַן. מען איז געגאַנגען איבער דער שטאָט מיט רעוואָלוציאָנערע לידער און אויסרופן (צום ביישפּיל: „זאָלן לעבן די אָרגאַניזירטע ארבע־טער!"), געהאַלטן רעדעס אויף דעם בית־עולם. די דעמאָנסטראַציעס אין װאַרשע און אין לאָדז זיינען געווען אַלגעמיינע, עס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט פּוילישע און יידישע ארבעטער; אַחוץ די געוויינלעכע רעוואָ־לוציאָנערע לידער און אויסרופן זיינען נאָך געווען קרענץ מיט רויטע בענדער סיי פון די פּוילישע, סיי פון די יידישע ארבעטער. אין די פיר אַלגעמיינע דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך באַטייליקט ביי 3.400 מאַן; די צאָל מענטשן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די איבעריקע צוויי דעמאָנ־סטראַציעס, האָט זיך אונז נית איינגעגעבן פעסטצושטעלן.

מיר וועלן נאָך באַמערקן צוויי דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם מילי־טאַריזם, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין יאָר 1899 אין וויטעבסק און אין נעוועל. די דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען בשעת מען האָט טראַנס־פּאָרטירט די רעקרוטן. עס האָבן זיך באַטייליקט 400 מאַן.

אַזוי האָבן זיך אין די דעמאָנסטראַציעס בסך־הכל באַטייליקט 12.000 יידישע ארבעטער; אין דעם סכום גייען נית אריין די יידישע ארבעטער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די אַלגעמיינע דעמאָנסטראַ־ציעס צוזאַמען מיט די פּוילישע ארבעטער.

5. פייערונגען.

די פייערונגען, וועגן וועלכע מיר האָבן ידיעות, זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך די ארבעטער אין צוזאַמענהאַנג מיט וויכטיקע געשעענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דעם רוסישן און אין דעם אויסלענדישן לעבן: דאָס פייערן דעם ערשטן מאַרט, דעם 19טן פעברואַר (דעם טאָג פון דער פויערים־באַפרייונג), דעם יאָרטאָג נאָך דער הריגה פון די אָנ־פירער פון דער געוועזענער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „פּראָלע־

ריאט", דעם יובילײ פון דער רעוואָלוציע פון 1848 יאָר און דעם פופציק־יעריקן יובילײ זינט עס איז דערשינען דער „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ".

מיר פאַרמאָגן אײך ידיעות וועגן קאַסע־יובילײען, ד"ה פײערונגען, דורך וועלכע די אַרבעטער פײערן דעם טאָג ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן זײער קאַסע. פון 22 בײ אונז פאַררעגיסטרירטע פײערונגען מיט דער אַלגעמײנער צאָל 2.675 מאַן, — זײנען 12 קאַסע־פײערונגען. קאַסע־יובילײען זײנען געפײערט געוואָרן אין ווילנע און אין ביאַליסטאָק, די איבעריקע פײערונגען זײנען פאָרגעקומען אין ווילנע (3), אין מינסק (3), אין וואַרשע (2), אין ביאַליסטאָק (1) און אין וויטעבסק (1). לויט די יאָרן ווערן אָט די פײערונגען אײנגעטײלט אויף פאָלגנדיקן אופן: אין סוף 1897 — 1, אין 1898 — 4, אין 1899 — 14, אין 1900 — 3. די פײערונגען האָבן געהאַט דעם אַלגעמײנעם כאַראַקטער, וואָס מען האָט אויף זײ געהאַלטן רעדעס, דער עיקר, אויף פּאָליטישע טעמעס. אַזוי האָט מען אין ווילנע, אין יאָר 1898, אויף דער פײערונג פון 19 פעברואַר געהאַלטן אַ רעדע וועגן דער באַדײטונג פון דער פּויערים־באַפרײונג פאַר דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און פאַר דער יידישער בפרט; אין ווילנע ווידער האָט מען אין יאָר 1899 בשעת דער יובילײ־פײערונג פון 1848 יאָר געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער מען האָט דערצײלט די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע און דערקלערט איר באַדײטונג פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און די ראָלע, וועלכע די אַרבעטער וועלן דאַרפן שפּילן בעת דער פּאָליטישער באַפרײונג פון רוסלאַנד. דאָרטן האָט מען אין דעם זעלבן יאָר, בעת דער פײערונג פון 10־יאָריקן יובילײ פון דער שנײדער־קאַסע, געהאַלטן רעדעס וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און דער פּראָפעסיאָנעלער בפרט פאַר די לעצטע 10 יאָר, וועגן דער באַדײטונג פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס וכדומה. עס זײנען אויך געווען אײניקע אינטערעסאַנטע פּרטים. אַזוי האָט מען אין ווילנע, בשעת עס איז פאָרגעקומען די אויבנדערמאָנטע פײערונג פון דער שנײדער־קאַסע, די ווענט פון דעם צימער, ווו די פײערונג איז געווען, באַפּוצט מיט מאַרקס און לאַסאַלס בילדער און מיט רויטע פענער, אויף וועלכע עס איז געווען אויפגעשריבן „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראײניקט זיך!" וכדומה. עס זײנען אויך פאָרגעקומען פײערונגען לכבוד אַזעלכע פּאַסירונגען, וועלכע מיר האָבן ניט אָנגעוויזן: אין יאָר־טאָג פון ענגעלס טויט, אין יאָרטאָג פון דער פּראָקלאַמירונג פון דער פּאַריזער קאָמונע און אַז"וו. וואָס שײך די אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען בכלל, זײנען זײ פאָרגעקומען אַזוי אָפט און צוליב אַזעלכע פאַרשײדנערלײ

סיבות, אז עס איז פשוט אוממעגליך צו ריידן וועגן זיי. מיר וועלן דא נאר באמערקן, אז הגם מען האט געמוזט זיין געהיט און אלץ טאן אין געהיים, זיינען די פארזאמלונגען געווען גענוג גרויס, געוויינליך לויט דער רוסישער מאס; אזוי, למשל, זיינען אין גראדנע אין יאר 1899 פאר־געקומען צוויי פארזאמלונגען אין וואלד. די פארזאמלונגען זיינען צו־נויפגערופן געווארן דורך די פאפיראסן־מאכערינס פון שערעשעווסקיס טאבאק־פאבריק און אויף וועלכע מען האט באשלאסן צו שטרייקן; אין דער ערשטער פארזאמלונג האבן זיך באטייליקט 350 ארבעטערינס, און אויף דער צווייטער — ביז 600.

6. ליטעראטור.

די ליטעראַרישע טעטיקייט פון „בונד" האט זיך אויסגעדריקט אין דעם ארויסגעבן 6 צייטונגען, 1 פלוגבלעטל, 1 זשורנאל, פראקלאמאציעס און בראשורן [1]. ביז סעפטעמבער 1900 האבן דערשיינט: 13 נומערן (פון נומ' 6 ביז נומ' 18 איינשליסליך) פון דער „ארבעטער־שטימע" (אפי־ציעלער ארגאן פון „בונד"), 5 נומערן פון דעם „ווארשעווער ארבעטער" (ארגאן פון ווארשעווער קאמיטעט), 2 נומערן פון „ביאליסטאקער ארבע־טער" און 2 נומערן פון פלוגבלעטל פון דעם „ביאליסטאקער ארבעטער" (ארגאן פון ביאליסטאקער קאמיטעט), 2 נומערן פון „קלאסנקאמף" (ארגאן פון דעם ווילנער קאמיטעט), 2 נומערן „איינקייט" (ארגאן פון דעם מינסקער קאמיטעט), 6 נומערן „וועקער" (ארגאן פון דעם „בער־שטער־בונד") און 4 נומערן (פון נומ' 6 ביז נומ' 9 איינשליסליך) פון „יידישן ארבעטער" (אויסלענדישער ארגאן פון „בונד"). די אלע אויס־גאבן זיינען פארשפרייט געווארן אין רוסלאנד אין דער צאל פון 45.000 עקזעמפלארן און, אחוץ דעם „וועקער", „יידישער ארבעטער" און דעם ערשטן נומער פון „ביאליסטאקער ארבעטער", האבן זיי זיך אלע געדרוקט אין רוסלאנד אין די אומלעגאלע דרוקערייען פון „בונד". פאר די לעצטע דריטהאלבן יאר זיינען ארויסגעלאזט געווארן 74 פראקלאמאציעס (18

---

1 אין משך פון די חדשים סעפטעמבער, אקטאבער און נאוועמבער 1900 י. זיינען ערשינען 4 נייע צייטונגען: „פלוגבלעטל", מינסקער ארבעטער", ארויסגעגעבן דורך דעם מינסקער קאמיטעט פון „בונד", „דער קאמף", ארגאן פון האמלער קאמיטעט פון „בונד", און „גראדנער פאבריק־בלעטל", — די אלע צייטונגען האבן דערשיינט אין רוסלאנד. ווייטער האבן דערשיינט די נומערן 19 און 20 פון „דער ארבעטער־שטימע", דער נומ' 10 פון „יידישן ארבעטער", דער נומ' 3 פון „קלאסנקאמף", עס זיינען ארויסגעגעבן געווארן צוויי בראשורן: „די געשיכטע פון די ענגלישע ארבעטער־בונדן" און „דער ארבעטסטאג" (דריטע פארבעסערטע אויפלאגע) א.אנ"ד.

מאי־פראקלאמאציעס און 56 אנדערע). פון זיי זיינען 43, וועגן וועלכע עס זיינען פאראן גענויע ידיעות, ארויסגעלאזט געווארן אין דער צאל פון 47.750 עקז. און ווערן אזוי פונאנדערגעטיילט: 13 ערשטמאַיקע אין דער צאל פון 38.000 עקז. און 30 אלג. אין דער צאל פון 35.950 עקז.; עס פעלן ידיעות וועגן דער צאל עקז. פון 31 אויסגאבן (5 מאי־פראקלאמ. און 26 אלגע־מיינע). פאר אט דעם פעריאד האט מען ארויסגעגעבן 22 בראשורן אין דער צאל פון 66.000 עקז., פון זיי האט מען 8 ארויסגעגעבן אין רוסלאנד, אין דער צאל פון 1.400 עקז. און 14 — אין אויסלאנד אין דער צאל פון 52.000 עקזעמפלארן; די בראשורן זיינען פארשפרייט געווארן אין רוס־לאנד אין דער צאל פון 34.000 עקז. אויף אזא אופן איז דער אלגעמיינער סכום פון די צייטונגען או בראשורן אויף „זשארגאן", וואס זיינען פאר־שפרייט געווארן אין רוסלאנד — 82.000 עקז. (45.000, 34.000 און 3000), אריינרעכענענדיק צווישן זיי די 3000 עקזעמפלארן פון אמערי־קאנישע אויסגאבן. אלע פראקלאמאציעס און 8 בראשורן זיינען געדרוקט געווארן אין רוסלאנד אין די אומלעגאלע דרוקערייען פון „בונד"[1]. דער „בונד" האט אריבערגעפירט פון אויסלאנד און צוגעשטעלט אין די שטעט 6 פוד שריפט און 100 פוד אדער 200.000 בויגן אומלעגאלע ליטעראטור (יידישע און רוסישע), וואס מאכט אויס בערך 4 פוד א חודש.

די מאי־פראקלאמאציעס זיינען געווען אלגעמיינע (פון דעם צענ־טראל־קאמיטעט) און ארטיקע (פון ווילנער, ווארשעווער, מינסקער, ביא־ליסטאקער, לאדזער און וויטעבסקער קאמיטעטן). אין די אלגעמיינע מאי־אויפרופן זיינען געווען פאלגנדיקע פאדערונגען: 1) א 8־שעהדיקער אר־בעטס־טאג, 2) פרייהייט פון פארזאמלונגען, פאראיינען און שטרייקן, 3) פרייהייט פון ווארט, פרעסע, 4) אומבארירלעכקייט פון פערזאן, 5) אפשאפן דעם פאליצייישן ווילקיר, 6) א קאנסטיטוציע, 7) בירגער־לעכע גלייכבארעכטיקונג פון די יידן; אין די ארטיקע מאי־אויפרופן איז צווישן אנדערע פאדערונגען ארויסגעשטעלט געווארן די פאדערונג פון א 10שעהדיקן ארבעטסטאג, אלס קאמף־לאזונג פון אלטעגלעכן קאמף, און דעם 8־שעהדיקן ארבעטסטאג, אלס ציל. חוצדעם איז אין די מאי־אויפרופן שטענדיק אונטערגעשטראכן „געווארן דער ענדציל פון דער ארבעטער־באוועגונג — אפשאפן דעם קאפיטאליזם און פארווירקלעכן

---

[1] צייטונגען און בראשורן אויף זשארגאן האט מען אין רוסלאנד געדרוקט 46.000 עקז. אריינגערעכנט קיין רוסלאנד האט מען 36.000 עקז. יידישע ליטעראטור שוין צוזאמען מיט די אמעריקאנישע אויסגאבן.

דעם סאָציאַליזם. די אַלגעמיינע פּראָקלאַמאַציעס האָבן געטראָגן אַ פּאָלי־טישן און עקאָנאָמישן כאַראַקטער. די פּאָליטישע פּראָקלאַמאַציעס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט פאַרשיידענע פּאַסירונגען: צוליב גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, צוליב אַרעסטן און פאַרשיקונגען פון חברים, צוליבן אָפּפאָר פון רעקרוטן, צוליבן יאָרטאָג פון דער הריגה פון די אָנפירער פון דער געוועזענער פּוילישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" און אַז"וו. די אַלע אויפרופן האָבן געהאַט דעם אַלגעמיינעם שטריך, וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט דעם פּראָטעסט קעגן דער הערשנדיקער פּאָליטישער סיסטעם און גערופן די אַרבעטער, זיי זאָלן זיך פאַראייניקן און אָרגאַניזירן די קרעפטן צום קאַמף מיט דעם אַבסאָלוטיזם. די פּראָקלאַמאַציעס פון דעם עקאָנאָמישן כאַראַקטער האָבן געהאַט אין זינען אָדער אַלע אַרבעטער פון אַ געוויסן פאַך, אָדער בלויז די אַרבעטער פון דעם אָדער יענעם װאַר־שטאַט; אַנטהאַלטנדיק אין זיך די פאָרמולירונג פון די מאַטעריעלע פאַר־בעסערונגען, וועלכע מען קאָן אויסקעמפן אין דעם מאָמענט מיט אַן אויס־רעכענונג און ערפאָלג, האָבן די דאָזיקע אויפרופן געדינט אַלס רוף צו אַ שטרייק, אָדער אַלס איינלאַדונג (בשעתן שטרייק) זיך האַלטן ביי די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען, ניט קוקנדיק אויף דער איינגעשפּאַרטקייט פון די באַלעבאַטים, גוואַלט־טאַטן מצד דער מאַכט און מאַטעריעלע נייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אַרבעטסלאָזיקייט, אָדער זיי האָבן גע־האַט דעם ציל פון פּאָפּולאַריזירן אין די ברייטע אַרבעטער־מאַסן די פאָ־דערונגען, וועלכע זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין דעם אָדער יענעם שטרייק, און די אידעען פון דעם עקאָנאָמישן קאַמף בכלל. ס'זיינען אויך געווען אַ סך אויפרופן, וועלכע לאָזן זיך ניט איינשליסן אין די ראַמען, וועלכע מיר האָבן אָנגעוויזן, למשל, וועגן דעם קריזיס (וואַרשע, אין יאָר 1900), וועגן די פילאַנטראָפּישע פּלענער אין דער צייט פון דעם קריזיס; אין דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע, וועלכע איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן צו די וועבער, האָט זיך גערעדט וועגן דעם, אַז די פילאַנטראָפּיע איז אָנמעכטיק צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער, און אַז זייער גורל ליגט אין זייערע, אין די אַרבעטערס, הענט אַליין (לאָדז, 1899); צו די עלטערן פון די פּאַפּיראָסן־מאַכערינס בשעת דעם שטרייק אין שערעשעווסקיס טאַ־באַק־פאַבריק (גראָדנע, סעפּטעמבער 1899); די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע איז אַרויסגערופן געוואָרן אַדאַנק דעם, וואָס דער פאַבריקאַנט, וועלנדיק אויסאיבן אַ דרוק אויף די שטרייקערינס, האָט אָנגעהויבן אָפּצוזאָגן זייערע פאָטערס און די מוטערס, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן ניט געשטרייקט; אַן אויפרוף צו דער געזעלשאַפט זי זאָל העלפן דעם „רויטן קרייץ" (וויטעבסק, 1900) און אַז"וו. צום סוף וועלן

מיר נאָך באַמערקן, אַז די אָרטיקע קאָמיטעטן האָבן אויך אַרויסגעלאָזט עטלעכע פּראָקלאַמאַציעס אויף רוסיש און אויף פּויליש; דער וואַרשעווער קאָמיטעט האָט, למשל, אין 1898 אַרויסגעלאָזט אַ מאַי־אויפרוף אויף פּויליש; דער דווינסקער קאָמיטעט האָט אין יאָר 1900 אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף וועגן אַ שטרייק אויף רוסיש, דער וויטעבסקער קאָמיטעט האָט אין יאָר 1899 אַרויסגעלאָזן אַ מאַי־אויפרוף אויף רוסיש אאַז"וו. די דאָזיקע אויפרופן זיינען נייטיק צוליב דעם, וואָס אין אַ סך פאַכן אַרבעטן אי יידישע אי קריסטלעכע אַרבעטער, און דער ערפאָלג פון קאַמף הענגט אָפּ פון די פאַראייניקטע אָנשטרענגונגען.

די בראָשורן, וואָס דער „בונד" האָט אַרויסגעגעבן, זיינען אויך זייער פאַרשיידנאַרטיק לויט זייער אינהאַלט און זיינען אין זיך כולל די יסודות פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און קלאַסן־קאַמף (מאַרקס און ענגעלס, „דער מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", לאַסאַלס „דער וועזן פון דער קאָנסטיטוציע"), קאָנספּעקטן פון די יסודות פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אָנהייבן פון דעם סאָציאַליזם („אַרבעטסלוין", „דער אַרבעטסטאָג", „פון וואָס איינער לעבט", „וואָס יעדער אַרבעטער דאַרף וויסן און געדענקען"), קריטיק פון דער אינערלעכער פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג און וועגן דער הערשנדיקער סיסטעם אין רוסלאַנד בכלל („צירקוליאַר פון דעם אינערן־מיניסטער", „דער שטרייק פון שקר"), קריטיק פון די ענג־נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען אויף דער יידישער גאַס („ציוניזם אָדער סאָציאַליזם"), ווייטער איבער פּראָגראַם־ און טאַקטיק־פראַגן, וועלכע נעמען זיך פון דער פּראַקטיק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד („וואָס ווילן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", „דער קער־פונקט אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", „דער מאַרש פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קעגן דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן"), איבער דער געשיכטע פון דער מערב־אייראָפּעיִשער אַרבעטער־באַוועגונג („די מערץ־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד", „ווי אַזוי די ענגלישע אַרבעטער האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט"), וועגן דער באַדייטונג פון דעם מאַי־יום־טוב פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און פאַר דער רוסלענדישער בפרט („בראָשור צו דעם ערשטן מאַי") אאַז"וו.

אַ גרויסער טייל פון די אָנגעוויזענע בראָשורן און עטלעכע נומערן פון די צייטונגען און זשורנאַלן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד". וועגן דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט קאָן מען אורטיילן לויט פאָלגנדיקע דאַטן: פון דער צווייטער העלפט פון 1898 ביז אויגוסט 1900 האָט ער אַרויסגעגעבן

112 בויגן, וועלכע קאָנען כראָנאָלאָגיש איינגעטיילט ווערן אויף אזא אופן: אין 1898 — 11½ בויגן, אין 1899 — 67½ בויגן און אין דער ערשטער העלפט 1900 — 33 בויגן; די אלגעמיינע צאָל עקזעמפּלאָרן, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט, איז 62.900. די פינאַנסן פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פאר די לעצטע צוויי יאָר (פון דעם 1טן יולי 1898 ביז דעם 1טן יולי 1900) באטרעפן: 16.681 פראנק מיט 28 סאַנטים הכנסה און 15.495 פראנק מיט 46 סאַנטים — הוצאה.

צום סוף ווילן מיר באמערקן, אַז ניט קוקנדיק אויף אלע אָנשטרענגונגען צו פארברייטערן זיין ליטעראַרישע און פארלעגערישע טעטיקייט, איז דער „בונד" ניט געווען בכוח צו באפרידיקן די אַלץ מער וואַקסנדיקע באדערפעניש פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין ליטעראַטור; ווי גרויס די דאָזיקע באדערפעניש איז — קאָן מען זען פון דעם, וואָס לויט די באַריכטן פון די אָרטיקע קאָמיטעטן צו דעם 2טן צוזאַמענפאָר פון „בונד", איז די צאָל פון די לייענער פון אומלעגאַלער ליטעראַטור אין יאָר 1898 2—3 מאָל אויסגעוואַקסן לגבי דער צאָל לייענער אין יאָר 1897. אויף דעם 3טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (אין יאַנואַר 1900) האָבן אלע אין איין קול געטענהט, אַז „די שטרעבונג צו וויסן, צו אַנטוויקלונג האָט זיך צווישן די יידישע ארבעטער אויף אַזוי פיל פארשטאַרקט, אַז קיין איינציקער אָרטיקער קאָמיטעט איז ניט אימשטאַנד צו באפרידיקן די פאָדערונג אויף אומלעגאַלער ליטעראַטור. עס פאָדערט זיך ניט בלויז אומלעגאַלע ליטעראַטור, נאָר בכלל אַ געדרוקט וואָרט, און די עקסיסטירנדיקע ארבעטער־ביבליאָטעקן קאָנען ניט באפרידיקן אַלע פאָדערונגען".

פון אפּריל 1901 ביז יולי 1903[1]

„די בולטסטע פאַקטן פון דעם דאָזיקן פעריאָד זיינען דאָס פאַרברייטערן דעם ראַיאָן פון „בונד", דאָס פאַרשטאַרקן זיך פון דעם פּאָליטישן קאַמף און דער שנעלער וווּקס פון דער ליטעראַרישער טעטיקייט.

אין ליטע פאַרשפּרייט זיך די ארבעטער־באַוועגונג אין די שטעטלעך און יעדע מער אָדער ווייניקער באַדייטנדע שטאָט ווערט אַ צענטער, וועלכער באַדינט אַ גרעסערן אָדער אַ קלענערן ראַיאָן פון דער באַוועגונג אין די אַרומיקע שטעטלעך. דער ברייטער אויסגוס פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף שאַפט אַ וויכטיקן קוואַל פון רעוואָלוציאָנערער ענערגיע. באַזונדערס צייכענען זיך אין דער הינזיכט אויס מאָהילעווער, מינסקער און קאָוונער גובערניעס. אין מאָהילעוו בילדעט זיך אַ קאָמיטעט, עס שאַפן

---

[1] „מאַטער. צו דער געשיכטע פון דער ייד. אַרב.־באַוו.", העפט 1, ז"ז 123—140.

זיך אָרגאַניזאַציעס אין אָרשע, שקלאָוו, פּינסק, באָברויסק, שאַוועל, פּאָ־נעוועזש אאַז"וו. אין פּוילן וואַרפט זיך די באַוועגונג אַריבער פון וואַרשע און לאָדז אויף דער „פּראָווינץ"; עס בילדן זיך בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין שעדלעץ, אין פּלאָצק; די וואַרשעווער און לאָדזער קאָמיטעטן ווערן צענטרען, וועלכע פאַרשפּרייטן זייער טעטיקייט אויף די שטעטלעך פּאָבי־אַניץ, זגערזש, ביאַלע און אַנדערע. אין סוואַלקער גובערניע פאַרשפּרייט זיך די באַוועגונג איבער די גרענעצן פון דער בערשטער־פּראָדוקציע און פאַרכאַפּט די אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן; עס בילדן זיך אָרגאַניזאַציעס אין סוואַלק, מאַריאַמפּאָל. פון דער צווייטער זייט פאַרשפּרייט זיך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אונטער דער אָנפירערשאַפט פון „בונד" איבער דרום־מערב־רוסלאַנד; עס בילדן זיך בונדישע קאָמיטעטן אין זשי־טאָמיר און אין בערדיטשעוו, אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע אין אָדעס, עס בילדן זיך גרופּעס אין קיעוו און אין קיעווער גובערניע, וועלכע שטייען צו צו דעם „בונד"; אַזעלכע גרופּעס אַנטשטייען אויך אין טשערניגאָווער, וואָלינער, פּאָדאָלער און פּאָלטאַווער גובערניעס. די טעטיקייט פון „בונד" פאַרשפּרייט זיך אויך אויף ליפלאַנד און קורלאַנד און ווערט קאָנצענ־טרירט אין ריגע, ליבוי און מיטוי. דער אַנטוויקלונג פון דער טעטיקייט אין דעם ראַיאָן האָט זייער געשטערט דאָס, וואָס דער דאָזיקער ראַיאָן געפינט זיך אויסער דעם „תחום המושב" און די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער געפינען זיך שטענדיק אונטער דער געפאַר אַרויסגעשיקט צו ווערן.

די באַוועגונג ווערט ניט בלויז פאַרברייטערט, נאָר וואָס ווייטער ווערט זי אַלץ טיפער. אין דער הינזיכט ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט דאָס פאַרשטאַרקן זיך פון דעם פּאָליטישן קאַמף. די פּאָליטישע פּראָטעסטן קומען פאָר ביי פאַרשיידענערליי פאַלן און באַווייזן, אַז די אָנפירער פון דער באַוועגונג קאָנען אויסנוצן די געזעלשאַפטלעכע ערשיינונגען אויף צו רעוואָלוציאָניזירן די אַרבעטער־מאַסן. די גאַסן־דעמאָנסטראַציעס ווערן אָפטער. צו די פריערדיקע מיטלען פון דעם פּאָליטישן קאַמף קומען צו נייע: מאַניפעסטאַציעס אין טעאַטער, אין די שולן און פּאָליטישע שטרייקן (אין לאָדז — 2, אין סמאָרגאָן — 1, אין האָמעל 2, אין וועטקע, אין ווילנע). די רעוואָלוציאָנערע יום־טובים ווערן אַלץ מער פּאָפּולער און ווערן אַ געוויינלעכע ערשיינונג אין „בונד"; דער 19טער פעברואַר, דער געדענק־טאָג פון די דעקאַבריסטן, „פּראָלעטאַריאַטשיקעס" אאַז"וו ווערן געפייערט אין אַלע שטעט און שטעטלעך. חוצדעם זיינען געפייערט געוואָרן דער פינף־יעריקער יובילייַ פון „בונד", דער יובילייַ פון דער „אַרבעטער־שטימע", אומעטום זיינען פאָרגעקומען פייערלעכע פאַרזאַמלונגען, אויף

וועלכע מען האט געהאלטן פאליטישע רעדעס. די מינדלעכע אגיטאציע גייט דורך מיט גרויס ערפאלג און נעמט ארום א גרויסן קרייז פראגן. אויף די פארזאמלונגען, וועלכע ווערן אן אפטע ערשיינונג און שטארק באזוכט, האלט מען רעדעס וועגן די אקטועלסטע פראגן: וועגן דער זעלבסט־הערשאפט, סאציאליזם, ציוניזם, נאציאנאלער פראגע, טעראר, זובאטאוו־שטשינע אאז"וו. אין דער זעלבער צייט פארגרעסערט זיך די פראקלא־מאציע־ליטעראטור, וועלכע רופט זיך אפ אויף די וויכטיקסטע געשעענישן און ערשיינונגען פון דעם פאליטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן: דער חורבן פון פינלאנד, די ראסטאווער געשעענישן, די זלאטאוסטער הריגה, דער קישענעווער פאגראם, די סטודענטן־אומרוען, די באגרענעצונגען פון די רעכט פון די יידן אויף בילדונג, דאס איינפירן די פארשטארקטע אויפ־זיכט, דער יארטאג פון דעם מארד פון די „פראלעטאריאטשיקעס", די „אומאפהענגיקע", די ציוניסטישע אויסגעלאסנקייט אאז"וו. צוזאמען מיט דעם איכותדיקן וווקס פון דער ליטעראטור, וואס זאגט עדות אויף דער פארדאפלטקייט און קאמפליצירטקייט פון די אויפגאבן, וואקסט אויך איר צאל, אלס רעזולטאט פון דער פארגרעסערטער אוידיטאריע; אלסביישפיל קאנען מיר נעמען די מאי־פראקלאמאציע פון דעם צענטראל־קאמיטעט פון 1903 יאר. זי איז פארשפרייט געווארן אין דער צאל פון 70.000 עקזעמ־פלארן, אין דער צייט וואס די פאראיאריקע איז פארשפרייט געווארן אין 20.000 עקז.

די פארשטארקונג פון דער מאסן־באוועגונג האט געבראכט דערצו, אז פון איין זייט האט דער אזוי גערופענער „ארגאניזירטער" ארבעטער אויפגעהערט צו זיין דער ליבלינגס־אביעקט פון דער רעוואלוציאנערער אגי־טאציע און, פון דער אנדערער זייט — האט זיך געענדערט דער קריטעריום פון ארגאניזירטקייט. אויב פריער האט מען אין פיל שטעט געהאלטן, אז אן ארגאניזירטער איז יעדער ארבעטער, וואס געהער צו וועלכער ניט איז פראפעסיאנעלער קאסע, האט דער דאזיקער סימן אנגעהויבן שפילן א צווייט־ראנגיקע ראלע, אפטרעטנדיק דאס ארט אנדערע סימנים, וועלכע ווארייִרן זיך אפהענגיק פון די ארטיקע באדינגונגען. פאר אזעלכע סימנים האלט מען: דאס רעגולערע לייענען אומלעגאלע ליטעראטור, דאס אפטע באזוכן פארזאמלונגען, טאן עפעס פאר דער ארבעטער־באוועגונג, אפצאל אין דער פאליטישער קאסע, אין „רויטן קרייז", געהערן צו א פראפאגאנ־דע־קרייזל אאז"וו. און צוזאמען מיט דעם איז באדייטנדיק אויסגעוואקסן די צאל ארבעטער, וואס ווערן דירעקט אגיטירט דורך די אגיטאטארן; נאר ווי גרויס עס זאל ניט זיין דער דאזיקער קרייז מענטשן, באגרענעצט זיך דאך ניט די מינדלעכע אגיטאציע בלויז מיט דעם אליין, און אויף די פאר־

זאמלונגען ווערן אין א באדייטנדיקער מאס אויך איינגעלאדן די ניט־אר־גאניזירטע ארבעטער, ד״ה אזעלכע ארבעטער, וועגן וועלכע מען האט קיין שום אנדערע ידיעות ניט, אחוץ די זיכערקייט, אז זיי זיינען פאליטיש ערלעך און מען קאן זיך אויף זיי פארלאזן.

דער וווקס פון דער באוועגונג האט גורם געווען איינע פון די וויכ־טיקסטע אויפגאבן, צוצוגרייטן א גרעסערן קאנטיגענט אגיטאטארן און צו־צוציען די אינטעליגענץ צו דער ארבעט. אויף צוצוגרייטן אגיטאטארן האט מען פארברייטערט די נעץ פון די פראפאגאנדע־קרייזלעך, נאר דער מאנגל אין אינטעליגענטע כוחות גיט ניט די מעגלעכקייט אוועקצושטעלן די זאך ווי עס באדארף צו זיין. כדי צוצוציען די אינטעליגענץ איז מען צוגעטראטן ארויסצוגעבן א גאנצע ריי אויסגאבן אויף רוסיש און אויף פויליש, וועלכע האבן געדארפט, פון איין זייט, באקענען די ברייטע קרייזן פון דער אינטעליגענץ מיט דער טעטיקייט און מיט די אויפגאבן פון „בונד", און, פון דער צווייטער זייט, אפציען די אינטעליגענץ פון דעם ציוניזם. א גרויסע ראלע האבן אין דער הינזיכט פון געווינען די סימפאטיעס פון דער אינטעליגענץ צו דעם „בונד" געשפילט די בראשורן: „אויפרוף צו דער יידישער אינטעליגענץ", וועלכע איז ערשינען אין דריי אויפלא־געס, „באריכט פון IV צוזאמענפאר פון „בונד" (2 אויפלאגעס), „צו דער פראגע וועגן נאציאנאלער אויטאנאמיע און ארגאניזאציאנעלער פעדע־ראציע", ווייטער, דאס פעריאדישע בלעטל „פאסלעדניא איזוועסטיא" (לעצטע ידיעות), איבערגעזעצטע ארטיקלען פון דער „ארבעטער־שטימע" וועגן דער פראגראם און טאקטיק־פראגן און רעפעראטן וועגן פארשיידענע פראגן (אין אויסלאנד און דער עיקר אין רוסלאנד). אינטעליגענטישע גרופעס האבן זיך געגרינדעט אין קיעוו, פעטערבורג, מאסקווע און ריגע. עס האט זיך אנגעהויבן א ברייטע באוועגונג, אנגעפירט פון „בונד", צווישן דער יידישער איטעליגענץ אין פוילן, דערהויפט צווישן דער סטודענטנ־שאפט. אין אלע שטעט, וווּ עס זיינען פאראן בונדישע ארגאניזאציעס, הייבט זיך אן אן אינטענסיווע ארבעט צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט פון די מיטלשולן: עס בילדן זיך קרייזלעך, וועלכע לאזן ארויס בלעטלעך, וואס זאמלען געלט א.אז״וו.

אין דער זעלבער צייט באמיט זיך דער „בונד" צו שטעלן זיך בראש פון אלע אונטערדריקטע שיכטן פון דעם יידישן פאלק, צו רעוואלוציאניזירן און נעמען אונטער זיין השפעה דעם אפאזיציאנעלן טייל פון דער יידישער געזעלשאפט. דעריבער האט ער זיך געווענדט צו דער יידישער געזעל־שאפט און זי גערופן צום קאמף מיט דעם אבסאלוטיזם טאקע אין נאמען פון אירע אינטערעסן. אלס טיפישער מוסטער פון אזעלכע ווענדונגען קאן

דינען דער אויפרוף צו דער יידישער געזעלשאַפט וועגן באַגרענעצן די רעכט פון די יידן אויף בילדונג. די דאָזיקע טעטיקייט פון „בונד" האָט אָבער ניט געהאַט קיין גרויסן ערפאָלג טיילווייז צוליב דער פּאָליטישער אומאַנטוויקלטקייט פון דער רוסישער בורזשואַזיע בכלל און דער ספּעציפישער אייגנאַרט פון דער יידישער בורזשואַזיע בפרט, טיילווייז צוליב דעם, וואָס צווישן דער יידישער בורזשואַזיע זיינען שטאַרק פאַרשפּרייט די ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען, וועלכע פּרעדיקן דעם פּאָליטישן אינדיפערענטיזם און זיין אונטערטעניק דער זעלבסטהערשנדיקער רעגירונג. מיט אָט די ריכטונגען קומט דעם „בונד" אויס צו פירן אַן אומאויפהערלעכן קאַמף [1] ניט נאָר דערפאַר, וואָס זיי ציען אָפּ די יידישע אינטעליגענץ פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זיי הייבן אָן צו זוכן אַ שטיצפּונקט צווישן די יידישע אַרבעטער. די דאָזיקע טענדענץ פון דעם ציוניזם האָט זיך באַזונדערס בולט אַרויסגעוויזן אין סוף פון דעם דאָזיקן פּעריאָד, ווען די אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַוויזן די ציוניסטן, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט ווערט אַ געזעלשאַפטלעכע קראַפט, וועלכע עס לוינט זייער אַריינצוקריגן אין די הענט, און אויף אַזאַ אופן טרעפן צוויי האָזן מיט איינמאָל: אַ סוף מאַכן מיטן קלאַסן־קאַמף אין דעם יידישן פאָלק אָדער אין ערגסטן פאַל אים דערניעדרירן ביז דער מדרגה פון קאַמף פאַר קליינלעכע עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען, און דעראַבערן אַן אַרמיי פון אָנהענגער. דער שאַרפסטער אויסדריק פון אָט דעם „אַרבעטער־ציוניזם" איז דעמאָלט געווען די אָרגאַניזאַציע פון „פּועלי־ציון", וועלכע האָט באַלד נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם נאָך מער אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

דער קעשענעווער פּאָגראָם, וועלכער האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַרשטאַרקט דעם ציוניזם, האָט, פון דער צווייטער זייט, אויך פאַר־

1 אין דעם דאָזיקן קאַמף שפּילט די גרעסטע ראָלע די מינדלעכע אַגיטאַציע. די בונדישע אַגיטאַטאָרן נוצן אויס יעדע פּאַסיקע געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן קעגן די ציוניסטן: זיי דרינגען אַריין אויף די לעגאַלע פאַרזאַמלונגען, וואָס די ציוניסטן רופן צונויף, ווי דאָס איז געשען אין ווילנע, מינסק, ביאַליסטאָק און אין אַנדערע ערטער, און דאָרט פאַרפירן זיי דיספּוטן מיט די מנהיגים פון דעם ציוניזם. דאָ קאָן מען אָנווייזן אויף דער השפּעה פון „בונד" אויף די ניט־פּראָלעטאַרישע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. די השפּעה איז גענוג באַדייטנדיק. דערהויפּט האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן בשעת די קעשענעווער געשעענישן. דער אויפרוף פון „בונד" וועגן דעם פּאָגראָם האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקע פאַראינטערעסירונג, ער איז געלייענט געוואָרן מאַסנווייז. יעדערער האָט זיך אינטערעסירט, וואָס דער „בונד" וועט זאָגן וועגן דעם פּאָגראָם. די ווירקונג פון „בונד" איז אַרויס ווייט פון די גרעניצן פון זיין ראיאָן, וואָס מ'קאָן זען פון די גרופּעס מיטפילנדיקע, וואָס האָבן זיך געגרינדעט אין פּעטערבורג, מאָסקווע און אין אַנדערע שטעט.

שטאַרקט די יידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און צונישט געמאַכט אַלע רעגירונגס־פּלענער. די שענדלעכע אויפפירונג פון אַ טייל פון דער יידישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט ערקלערט אַ קרייץ־צוג קעגן די יידישע סאָציאַ־ליסטן און וועלכע האָט דערקלערט דעם פאַרראַט און שפּאָינערייַ אַלס מעלות טובות, האָט נאָך שאַרפער אונטערגעשטראָכן די קלאַסן־קעגנזאַצן אין דעם יידישן פאָלק; דער פאַקט, אַז רעגירונגס־אַגענטן האָבן זיך באַטייליקט אין דער אָרגאַניזאַציע און אין דעם מאַכן די קעשענעווער שחיטה, דער פאַקט, וואָס רעגירונגס־אַגענטן האָבן אין פאַרשיידענע שטעט פאַר־שפּרייט קלאַנגען וועגן פּאָגראָמען, וואָס גרייטן זיך, מיט דעם ציל אַרויס־צורופן אומעטום אַן אומרויִקע שטימונג און דערמיט שטערן דעם רע־וואָלוציאָנערן אויפברויז, — דאָס אַלץ האָט נאָך שטאַרקער און שאַר־פער אַנטפּלעקט דעם מיאוסן פּרצוף פון דער הערשנדיקער אָרדענונג; ווייטער, איז דער קעשענעווער פּאָגראָם געוועזן זייער אַ גוטער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דער פּאָליטישער אַגיטאַציע. אחוץ דעם צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די אַרבעטער און צו דער יידישער אינטעליגענץ, האָבן זיך אויף דעם קעשענעווער פּאָגראָם אויך אָפּגערופן אַ כּך אָרטיקע קאָמיטעטן פון „בונד“. פּראָקלאַמאַציעס האָבן אַרויסגעלאָזן די האָמלער, קאָוונער, ווילנער, בערדיטשעווער, זשיטאָ־מירער קאָמיטעטן, די אָדעסער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“ און אַנד. כּמעט אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון דעם ראַיאָן פון „בונד“ האָט מען איינ־געאָרדנט מאַסן־פאַרזאַמלונגען וועגן דעם קעשענעווער פּאָגראָם. אין דער זעלבער צייט האָט דער ווייטערער גאַנג פון די געשעענישן געגעבן אַ קלאָרן אומצווייידייטיקן באַווייז, אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן; מיר האָבן דאָ אין זין די דעמאָנסטראַציעס אין בערדיטשעוו, וואַרשע, לאָדז, וועלכע זיינען פאָרגעקומען גלייך נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם, דאָס פייערן דעם ערשטן מאַי, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ גאַנצער ריי שטרייקן אין דעם גאַנצן ראַיאָן פון „בונד“, און דאָס באַערן דעם אָנדענק פון הירש לעקערט. מיט דעם קעשענעווער פּאָגראָם האָט זיך איבערגעחזרט נאָך אין אַ שטאַרקערער מאָס די געשיכטע נאָכדעם, ווי מען האָט אין ווילנע געשמיסן די אַרעסטירטע. נאָך דער ווילנער עקזעקוציע האָט זיך אייניקע געדוכט, אַז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג וועט אַוועק אויף דעם וועג פון טעראָריסטישן קאַמף, אויף וועלכן זי האָט — לויט דער מיינונג פון איינקע — געדאַרפט פאַרלירן אַ גרויסן טייל פון איר ענערגיע, און לויט דער מיינונג פון אַנדערע — שעפּן נייע כּוחות, און אַז אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג וועט קומען אַ לאַנגדויערנדיקע

רעפּרעסיע (?). די געשעענישן האָבן ניט באַשטעטיקט אָט די דערוואַר־טונגען. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז אַוועק מיט נאָך אַ שנעלערן טעמפּאָ. ניט מער ווי אין עטלעכע חדשים אַרום קומט פאָר אויף די ווילנער גאַסן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די גרוילן פון דעם רעגירונגס־קאַניבאַליזם, אַ דעמאָנסטראַטיווער צוג פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע גיבן אָפּ דעם לעצטן כבוד זייערן אַ געשטאָרבענעם חבר (די דעמאָנסטראַ־ציע אויף שלמהס לוויה).

פונקט אַזוי ווי אין די פריערדיקע יאָרן, האָט דער יידישער פּראָלע־טאַריאַט אויך אין דעם איצטיקן פּעריאָד ניט איינמאָל אויסגענוצט די פּאַסיקע פאַלן, כדי אַרויסצווייזן זיין סאָלידאַרישקייט מיט דעם פּראָ־לעטאַריאַט פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד. אָט זיינען עטלעכע פאַקטן: דער באַגריסונג־אַדרעס, וואָס דער בערדיטשעווער קאָמיטעט האָט געשיקט די ראָסטאָווער אַרבעטער נאָך די ראָסטאָווער געשעענישן, די דעמאָנסטראַציע אין טעאַטער, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם קיעווער קאָמיטעט אַלס פּראָטעסט קעגן דער זלאַטאָוסטער הריגה, די אויפרופן פון האָמלער און קאָוונער קאָמיטעטן וועגן דער זלאַטאָוסטער הריגה, די איינצייטיקע שטרייקן אין האָמעל און אין וועטקע, וועלכע זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט די ראָסטאָווער גע־שעענישן און זלאַטאָוסטער הריגה און אַנדערע [1].

וואָס שייך דעם עקאָנאָמישן קאַמף, איז ער געפירט געוואָרן גאַנץ אינטענסיוו. פון אַלע פאַקטן לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף דעם אָנווענדן דעם באָיקאָט אין 2 פאַלן (אין ביאַליסטאָק און אין האָמעל) און דעם אַלגעמיינעם שטרייק פון די זאָקנמאַכערקעס מיט 2.500 אָנטיילנעמער. דער לעצטער שטרייק ציט צו די אויפמערקזאַמקייט דערמיט, וואָס עס איז זייער שווער צו אַרבעטן צווישן די זאָקנמאַכערקעס (דאָס וואָס זיי זיינען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע שטעטלעך און אין דעם דאָזיקן פאַך הערשט די סיסטעם פון שטוב־אַרבעט).

די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" האָבן געהאַט אַ גוטע פּעולה אין זין פון צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי אַרבעטן. עס האָט זיך פאַרברייטערט און פאַרבעסערט די אָרגאַניזאַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע

---

[1] מיר וועלן נאָך אָנווייזן אויף דעם איינטאָגיקן שטרייק פון 12 אויגוסט אין בערדיטשעוו, וועלכער איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם אָרטיקן קאָמיטעט פון „בונד", אויף אויסצודריקן מיטגעפיל די אָדעסער, קאַווקאַזער און קיעווער שטרייקער און דע־מאָנסטראַנטן און פּראָטעסטירן קעגן די גוואַלטאַקטן, וואָס מען האָט אָנגעווענדט בנוגע זיי. אין אָט דעם איינטאָגיקן שטרייק האָבן זיך באַטייליקט העכער 3000 אַרבעטער און אַרבעטאָרינס, בתוכם 400 קריסטלעכע.

רעוואָלוציאָנערן (פונקציאָנאַרן), וועלכע איז שטענדיק געווען דער הויפּט־יסוד פון דעם „בונדס" טעטיקייט. דאָס פאַרשטאַרקן זיך פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָבן אין אַ געוויסער מאָס מיטגעהאָלפן די אַנטלאָפענע פון סיביר. וועגן דעם אופן פון צופּאַסן זיך פון די אָרגאַניזאַציעס קאָן מען זען פון דעם, אַז ניט קוקנדיק אויף דער פאַרשטאַרקטער אויפזיכט און די פאַרשטאַרקטע פּאָליציייִשע פאַרפאָלגונגען, האָט זיך דאָך איינגעגעבן איינצואָרדענען גרויסע פאַרזאַמלונגען, ווי, למשל, די פאַרזאַמלונגען: אין לאָדז — 3000 מאַן, אין ביאַליסטאָק — 1500 מאַן און אַנדערע.

מיר ווילן נאָך צוגעבן עטלעכע ווערטער וועגן דער ליטעראַטור; די „אַרבעטער־שטימע" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אָפטער און אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט. דער אינהאַלט איז באַדייטנד פאַרברייטערט געוואָרן. עס ווערן אַלץ אָפטער געגעבן אַרטיקלען וועגן פּראָגראַם־ און טאַקטיק־פראַגן, וועגן די געשעענישן אין דעם רוסלענדישן לעבן און וועגן ספּעציעלע יידישע פראַגן. כדי זיך צו באַקענען מיט דעם כאַראַקטער פון דער „אַרבעטער־שטימע" ווילן מיר דאָ ברענגען אַ קורצע רשימה פון אַרטיקלען, וועלכע זיינען געדרוקט אין איינעם פון די נומערן פון אָט דעם אָרגאַן: וועגן דער „זעמסטווע", וועגן דעם נייעם אופן פון געריכטס־פאַרהאַנדלונגען איבער פּאָליטישע ענינים, וועגן דער פאַרשטאַרקטער אויפזיכט, וועגן דעמאָנסטראַציעס, דער סאָציאַליזם און די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, וועגן דער לאַגע פון „בונד" און דער פּאַרטיי, וועגן אָרגאַניזירטער נקמה, וועגן די דאָרפס־ווירטשאַפט־לעכע קאָמיטעטן, וועגן די „פועלי ציון", וועגן „פּפּ"ס", וועגן קעשענעווער פּאָגראָם, וועגן דער יידישער לעגאַלער פרעסע אאַז"וו. כמעט אין יעדן נומער איז דאָ אַ כראָניק פון דעם רוסישן לעבן. די „אַרבעטער־שטימע" איז אין דער צייט געדרוקט געוואָרן אין אַ צאָל פון 2.500 עקזעמפּלאַרן. די אָרטיקע אָרגאַנען האָבן צום סוף פון דעם פּעריאָד, וואָס מיר באַטראַכטן דאָ, אָנגעהויבן צו דערשיינען זעלטענער, אַן אויסנאַם איז נאָר דער „וואַרשעווער אַרבעטער". עס זיינען געוואָרן פּאָפּולער די „פּלוגבלעטלעך", דורך וועלכע מ'קלערט אויף די פּראָגראַם און די פּראַקטישע פראַגן. די פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור האָט זיך באַרייכערט דורך אַ סך נייע ווערק („די ערפורטער פּראָגראַם", „די סאָציאַלע רעוואָלוציע" פון קאַוטסקי, „די רעליגיע און די קלאַסן־קעגנזאַצן" און אַנדערע).

איצט ווילן מיר געבן אַ קורצן און פאַקטישן איבערזיכט פון דער באַוועגונג ביז יוני 1903. מיר באַוואָרענען זיך, אַז דער איבערזיכט איז ניט קיין פולער.

1. דער ראיאָן פון „בונד"

א) ווילנע (סווענציאַן און אנד.), קאָוונע (פּאָנעוועזש, ווילקאָמיר, שאַוועל, אָניקשט, קיידאַן, יאַנאָווע, שאַט, אוטיאַן...), גראָדנע (קאַרטוז־בערעזע און אנד.), באַליסטאָק, דווינסק (רעזשיצע), מינסק (באָריסאָוו, פּינסק, מאָזיר, באָברויסק, פּאַריטש...), וויטעבסק (בעשענקאָוויטש, ליאָזנע, ליאַדי), וואַרשע לאָדז, שעדלעץ, פּלאָצק, סוואַלק, מאַריאַמפּאָל, האָמעל (דאָבריאַנקע, וועטקע), מאָהילעוו (שקלאָוו, אָרשע, ביכאָוו, קאָפּוסט), זשיטאָמיר, בערדיטשעוו, אָדעס, נעזשין, בעלאָצערקאָוו, פּאָדאָ־לער גובערניע (וויניצע, בראַצלאַוו, טולטשין, נעמיראָוו), לוצק — וואָ־לינער גוב.

ב) דער בערשטער ראַיאָן: נעוועל, קרעסלאַווקע, ווילקאָ־ווישקי, קאַלוואַריע, וולאַדיסלאַוואָוו, ווערזשבאָלאָווע, וויסטינעץ, מעז־ריטש, טראָסטיאַן, קנישין.

ג) דער גאַרבער־ראַיאָן: סמאָרגאָן, אָשמענע, קרינקי, זאַב־לודאָווע, שישלאָוויטשי און אנד.

2. דער פּאָליטישער קאַמף

גאַסן־דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען 30. אין 25 האָבן זיך אין אַלגעמיין באַטייליקט 7.520 מאַן; וועגן 5 איז ניט באַוווסט, וויפיל מענטשן עס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט. מאַניפעסטאַציעס אין די טע־אַטערן און שולן זיינען געווען 14, פּאָליטישע שטרייקן — 6, אין 5 פון זיי האָבן זיך באַטייליקט 6500 מאַן. די פּאָליטישע שטרייקן זיינען פאָר־געקומען אין ווילנע, — 1500 מאַן (אין לעקערטס יאָרצייט), אין לאָדז — 2 צו 1500 מאַן, אַלס פּראָטעסט קעגן די פּאָליציייִשע פאַרפאָלגונגען, אין האָמעל — 2 צו 1000 מאַן — אין צוזאַמענהאַנג מיט די ראָסטאָווער געשעענישן און זלאַטאָוסטער הריגה, אין וועטקע — אין צוזאַמענהאַנג מיט דער זלאָטאָוסטער הריגה. פאַרזאַמלונגען זיינען פאַררעגיסטרירט געוואָרן 260, בנוגע 224 ווייסן מיר די צאָל אָנטיילנעמער, דער אַלגע־מיינער סכום — 36.900 מאַן.

ביז	50	מאַן	46	פאַרזאַמלונגען
"	100	"	74	"
"	500	"	72	"
"	1000	"	9	"
פון	1200	"	1	"
"	2000	"	2	"
"	3000	"	1	"

דאָס אַלץ, וואָס עס איז דאָ געזאָגט געוואָרן, האָט ניט קיין שייכות מיט דער פּייערונג פון דעם ערשטן מאַי, וועגן וועלכער מיר האָבן פאָלגנ־דיקע דאַטן: דעמאָנסטראַציעס זיינען געווען 10; די צאָל פון די דעמאָנ־סטראַנטן איז זייער שווער פעסטצושטעלן; עס איז בלויז באַוווסט די מער אָדער ווייניקערע צאָל פון דעם דעמאָנסטראַציע־קערן: אָט זיינען אייניקע צאָלן: אין וואַרשע (1903 י.) איז דער קערן באַשטאַנען פון שטאַרקע 1000 מאַן, אין דווינסק (1902) — פון 700 מאַן, אין מינסק (1902) — פון 500 מאַן אאַז"וו. פאַרזאַמלונגען זיינען געווען 11, שטרייקן — 19, אין 12 פון זיי האָבן זיך באַטייליקט 10.550 מאַן.

3. דער עקאָנאָמישער קאַמף

שטרייקן זיינען פאַררעגיסטרירט געוואָרן 172. אין 127, וועגן וועלכע עס איז באַוווסט די צאָל באַטייליקטע, האָבן זיך באַטייליקט 8.632 מאַן; דאָ ווערט ניט פאַררעכנט דער שטרייק פון די זאָקנמאַכער־קעס אין דער צאָל פון 2.500 באַטייליקטע. דער רעזולטאַט איז באַ־וווסט בנוגע 95 שטרייקן: 80 — מיט 4.746 שטרייקער — זיינען געוווּנען געוואָרן, 12 — מיט 1.760 מאַן — זיינען פאַרשפּילט געוואָרן, און 3 — מיט 195 מאַן, — האָבן זיך פאַרענדיקט מיט א טיילווייזן ניצחון. אין די שטעט, ווו די באַוועגונג עקסיסטירט שוין לאַנג, האָבן די שטרייקן מערסטנטייל געטראָגן א פאַרטיידיקונג־כאַראַקטער, און אין די שטעט מיט א יונגער באַוועגונג (בערדיטשעוו, זשיטאָמיר, און אַנדערע) — אַן אָנ־גרייפנדיקן כאַראַקטער. די הויפּט־פאָדערונגען זיינען געווען: לוין־העכע־רונג, דאָס פאַרקירצן דעם אַרבעטסטאָג, צוריקנעמען די אָפּגעזאָגטע אַר־בעטער, דערוווייטערן די מייסטער אאַז"וו. מען דאַרף באַמערקן, אַז אין צוויי פאַלן איז אָגעווענדט געוואָרן דער באָיקאָט: אין ביאַליסטאָק האָט מען באָיקאָטירט יאַנאָווסקיס טאַבאַק־אויסאַרבעטונגען, אין האָמעל — די טערקישע בעקעריי; דער באָיקאָט האָט געהאַט ערפאָלג בלויז אין דעם ערשטן פאַל. חוצדעם האָט מען אין דעם ראַיאָן פון „בונד" זיך בכלל אָפּט באַנוצט מיט דעם מיטל פון באָיקאָט, וועלכער פלעגט אָננעמען פאַר־שיידענע פאָרמען. די אָרגאַניזאַציעס פלעגן, למשל, ניט צולאָזן קיין אַר־בעטער צו אַרבעטן ביי געוויסע באַלעבאַטים.

4. די ליטעראַטור

ביז יוני 1903 איז פון דער „אַרבעטער־שטימע" דערשינען צען נומערן אין דער צאָל פון 21.000 עקז. פון פאַרשיידענע אָרטיקע אויס־

גאבן (צייטונגען און פלוגבלעטלעך) — 32 אין דער צאָל פון 40.650 עקז. בראָשורן זיינען (אין רוסלאַנד) דערשינען 5 : 3 אויף יידיש — 5.500 עקז. און 2 — אויף רוסיש — 4.400 עקז. פראָקלאַמאַציעס : אָרטיקע — 83 אין דער צאָל פון 143.150 עקז., פון צענטראַל־קאָמיטעט — 9 אין דער צאָל פון 31.800 עקזעמפּלאַרן. בסך־הכּל 101 פּראָקלאַמאַציעס אין דער צאָל פון 347.150 עקז. — די ליטעראַרישע טעטיקייט פון דעם אויס־לענדישן קאָמיטעט פון „בונד" האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם אַרויס־געבן דעם „יידישן אַרבעטער" (3 נומערן אין 7, 9 און 11 בויגן אין8^2), „פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ" 137 נומערן, און בראָשורן: 27 אויף יידיש, 6 אויף פּויליש, 8 אויף רוסיש, — פאַר דער זעלבער צייט זיינען ער־שינען 5 נומערן פון „וועקער" (פון נומ' 9 ביז נומ' 13), דער אָרגאַן פון „בערשטער בונד". די ערשטע פינף האָבן זיך געדרוקט אין רוסלאַנד, דער לעצטער אין אויסלאַנד.

5. די פאָרם פון דער אָרגאַניזאַציע

בראש פון דער אָרטיקער באַוועגונג פון יעדער שטאָט שטייט אַ קאָ־מיטעט, וועלכער פירט אויך אָן מיט דער אַרבעט פון די אַרומיקע שטעט־לעך. אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון דעם קאָמיטעט געפינט זיך די אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג, וועלכע פירט דורך אין לעבן די באַשלוסן פון דעם קאָמיטעט. אין אייניקע ערטער האָט די אַגיטאַטאָרן־פאַרזאַמלונג שטים־רעכט אין אייניקע פּראַקטישע פראַגן. אחוץ די דאָזיקע אינסטי־טוציעס, וואָס פירן אָן מיט דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין דער גאַנצער שטאָט, זיינען נאָך פאַראַן פאַך־צענטרען, פאַר דער זעלבער אַרבעט אין באַזונדערע פאַכן. נאָכדעם גייען די קרייזלעך, וועלכע זיינען צונויפגעשטעלט פון אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן, וועלכע דינען אַלס הילף־אָרגאַנען אויף צו פירן די אַגיטאַציע אין די ברייטע מאַסן פון די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער; פּאָליטישע קאַסעס, ד"ה מאַסן־אָרגאַני־זאַציעס פון מער באַוווסטזיניקע אַרבעטער; געזעלשאַפטן צו שטיצן די פּאָליטישע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע (רויטער קרייז).

6. צאָל פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער

די צאָל פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער לאָזט זיך ניט גענוי פעסט־שטעלן, נאָר לויט דער סאַמע באַשיידנסטער אויסרעכענונג איז זי נישט נידעריקער פון 30.000 מאַן.

7. צאָל פון אַרעסטירטע

לויט די סאַמע ניט פולע דאַטן איז די צאָל פון די אַרעסטירטע 2180 מאַן.

8. סאָצ.-דעמ. פּראָפ.-פאַראייגען

אין „בונד" גייען נאָך אַריין צוויי סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען: דער בערשטער־פאַראיין און דער גאַרבער־פאַראיין.

9. באַציִונגען מיט אַנדערע טיילן פון דער פּאַרטיי

די באַציִונגען מיט די אַנדערע טיילן פון דער פּאַרטיי האָבן אַראָנגעדער דעזאָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי (ד"ה פון דער רסדא"פּ) געטראָגן אַ ניט רעגולערן כאַראַקטער און האָבן זיך אויסגעדריקט אין פאַרשיידענער הילף די באַזונדערע קאָמיטעטן. וועגן דעם אַנטייל פון „בונד" אין די פּרוּוון צוריק אויפצושטעלן די פּאַרטיי (זיין ראָלע אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער מערץ־קאָנפערענץ פון 1902 יאָר, זיין אַנטייל אין דעם אָרג. קאָמ.) וועלן מיר דאָ ניט ריידן.

די באַציִונג צו דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אויסגעדריקט אין די געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען אויף די דעמאָנסטראַציעס, אין דעם איינאָרדענען געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען און אין דעם העלפן איינער דעם אַנדערן אין פאַרשיידענע פאַלן".

פון יוני 1903 ביז יולי 1904[1]

דער פּאָליטישער קאַמף

„דער פּאָליטישער קאַמף האָט זיך אויסערלעך אויסגעדריקט דורך פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס און פּאָליטישע שטרייקן. עס ווערן רעגיסטרירט בלויז די פאַרזאַמלונגען, וועלכע ווערן ספּעציעל צונויפגערופן צוליב דער אָדער יענער פּאָליטישער סיבה, עס ווערן אָבער ניט רעגיסטרירט יענע פאַרזאַמלונגען, וועלכע קומען פאָר יעדן טאָג און ווערן אַרויסגערופן דורך דער פאַקטישער פונקציאָנירונג פון דער אָרגאַניזאַציע, אַזעלכע זיינען די פּעריאָדישע פאַרזאַמלונגען פון די אַגיטאַטאָרן, פון די מער באַוווּסטזיניקע אַרבעטער פון דעם אָדער יענעם פאַך אאַז"וו. די צאָל פון אַזעלכע פאַרזאַמלונגען אין „בונד" איז קאָלאָסאַל און עס ווערט

---

1 אַרויסגענומען מיט קיצורים פון דעם „באַריכט פון „בונד" צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם", זשענעווע, אַווג. 1904, „בונד".

ניט געפירט קיין סטאטיסטיק וועגן זיי. פאליטישע שטרייקן זיינען ארגאניזירט געווארן כדי צו פראטעסטירן קעגן אן אויסערגעוויינלעכן גוואלטטאט מצד דער פאליציי, אויף אויסצודריקן סאלידארישקייט מיט אנדערע ארבעטער (למשל, מיט די אדעסער, קאווקאזער און קיעווער שטרייקער אין דער צייט פון די דרום-שטרייקן אום זומער 1903), אין אנדענק פון וועלכן ניט איז אויסערגעוויינלעכן פאקט פון רעוואלוציאנערן קאמף (למשל, אין יארטאג, ווען מען האט אויפגעהאנגען לעקערטן) אאז"וו. די דעמאנסטראציעס האבן, ביי אייניקע אויסנאמען, געטראגן א כאראקטער פון גאסן-אומרוען, מיט רויטע פאנעס, מיט רעוואלוציאנערע אויפשריפטן אויף זיי, מיט פראצעסיעס איבער די גאסן און אנדערע. צווישן זיי זיינען געווען עטלעכע אזויגערופענע „מאניפעסטאציעס"; דאס זיינען די זעלבע דעמאנסטראציעס, נאר ניט אונטערן פרייען הימל: אין טעאטער, אין שול; אזעלכע זיינען, למשל, די קאוונער מאניפעסטאציע אין טעאטער צוליב דער זלאטאוסטער הריגה, און אין די אדעסער שולן בשעת מען האט געלייענט דעם קייזערלעכן מאניפעסט פון 26 פעברואר 1903, בשעת די דעמאנסטראנטן האבן געווארפן צווישן דעם עולם פראקלאמאציעס און מיט רעוואלוציאנערע אויסרופן פראטעסטירט קעגן דער זעלבסטהערשאפט...

...עס זיינען רעגיסטרירט: 429 פארזאמלונגען, אין 418 פון זיי האבן זיך באטייליקט 74.162 מאן; 45 דעמאנסטראציעס (אריינגערעכנט די „מאניפעסטאציעס"), אין 31 פון זיי האבן אין אלגעמיין זיך באטייליקט 20.430 מאן; 41 פאליטישע שטרייקן (אריינגערעכנט 35 מאישטרייקן), אין 31 פון זיי האבן זיך באטייליקט 23.035 מאן; פון 11 פארזאמלונגען, 14 דעמאנסטראציעס און 10 שטרייקן איז די צאל אנטיילנעמער ניט אנגעגעבן. פארזאמלונגען, אין וועלכע עס האבן זיך באטייליקט 1000 מאן און מער, זיינען געווען 12: 2 פארזאמלונגען צו 1000 מאן, 3 — 1300 מאן, 1 — 1500 מאן, 1 — 1600 מאן, 1 — 2000 מאן, 1 — 2400 מאן, 1 — 3000 מאן, 2 — צו 4000 מאן. דעמאנסטראציעס מיטן אנטייל פון 1000 מאן זיינען געווען 5: פון 1000, 1500, 2000, 3000 און 5000 מאן. שטרייקן, אין וועלכע עס האבן זיך באטייליקט מער פון 1000 מאן, זיינען געווען 9: 3 צו 1000 מאן, 1 — 1100 מאן, 3 — 1500 מאן, 1 — 3000 מאן, 1 — 4000 מאן.

דער עקאנאמישער קאמף

עס זיינען רעגיסטרירט 109 שטרייקן. אין 101 שטרייקס האבן זיך באטייליקט 24.124 מאן. גרעסערע שטרייקן זיינען געווען דריי: פון 2000,

3000 און פון 10.000 מאן. פון 8 שטרייקן איז די צאל אנטיילנעמער נים אנגעגעבן געווארן.

אגיטאציע אין צוזאמענהאנג מיט דעם פאגראם

...די ידיעות, וועלכע ס'זיינען פאראן וועגן דער אגיטאציע אין צוזאמענהאנג מיט די פאגראמען, זיינען, צום באדויערן, זייער ארעם. עס זיינען פארעגיסטרירט: 12 פארזאמלונגען מיט דער אלגעמיינער צאל אנטיילנעמער פון 2700 מאן; 1 דעמאנסטראציע, — אין וועלכער עס האבן זיך באטייליקט 3000 מאן, 23 אויפרופן, פון וועלכע 16 זיינען ארויסגעגעבן געווארן אין דער צאל פון 97.750 עקז. אין דער דאזיקער צאל גייען אריין 3 פראקלאמאציעס, וועלכע עס האט ארויסגעגעבן דער צענטראל-קאמיטעט פון „בונד" אין 10 טויזנט, 30 טויזנט און 35 טויזנט עקזעמפלארן. די זעלבסטשוץ איז אין אדעס באשטאנען פון 400 מאן, אין קרעסלאווקע (וויטעבסקער גוב.) פון 250 מאן (צווישן זיי 30 קריסטן), אין קאפוסט (מאהילעווער גוב.) פון 200 מאן (צווישן זיי 150 קריסטן). באדייטנדע זעלבסטשוץ-אפטיילונגען זיינען געווען ארגאניזירט אין קיעוו, בערדיטשעוו, אין מאהילעווער גוב., ביאליסטאק און אין אנדערע שטעט. מיר ווילן נאך באמערקן, אז דעם זעלבסטשוץ האט זיך איינגעגעבן צו דערשטיקן אין סאמע אנהייב די פרווון צו מאכן פאגראמען אין פאריטש, מינסקער גוב., און אז דער האמלער קאמיטעט פון „בונד" האט באקומען באגריסונג-אדרעסן פון כארקאווער און טיפליסער קאמיטעטן פון דער רסדא"פ און כארקאווער קאמיטעט פון דער „פארטיי סאציאליסטן-רעוואלוציאנערן" — פאר דעם ארויסווייזן א ווידערשטאנד די פאגראמשטשיקעס.

פראפאגאנדע אין מיליטער

די ארבעט אין דער ארמיי האט זיך אויסגעדריקט אין פאלגנדיקן: מען פלעגט איינארדענען פארזאמלונגען פון די, וואס האבן זיך געדארפט שטעלן צום מיליטער. מען פלעגט פארשפרייטן פראקלאמאציעס אויף די קאנטראל-פונקטן. מען פלעגט ארגאניזירן קרייזלעך פון זעלנער אויף צו פירן אן אגיטאציע אין דער ארמיי. מען האט פארשפרייט סאציאליסטישע ליטעראטור צווישן די זעלנער. מען האט ארויסגעלאזט ספעציעלע פראקלאמאציעס צו די זעלנער. מען האט טעכניש צוגעהאלפן די „מיליטער-רעוואלוציאנערע גרופעס", וועלכע האבן זיך געשטעלט די ספעציעלע אויפגאבע צו ארבעטן צווישן דער ארמיי. קיין סטאטיסטישע דאטן וועגן

דער ארבעט פון „בונד" אין דער ארמיי האבן מיר כמעט ניט. נאר ווי ווייט ענערגיש די דאזיקע טעטיקייט איז געפירט געווארן קאן מען זען פון דעם, וואס דאס רוב פון די מיליטער־צירקולארן זיינען געווענדט קעגן די זעלנער־יידן, וועלכע די מאכט האט געשטעלט אין א באזונדערער אויסנאם־לאגע און פארפאלגן זיי אויף דעם שארפסטן אופן. עס זיינען בלויז פארעגיסטרירט געווארן 4 אויפרופן צו די סאלדאטן און 1 צו די אפיצירן, די 4 אויפרופן זיינען ארויסגעלאזט געווארן אין דער צאל פון 4.200 עקז. פאראיארן אקטאבער האט דער צענטראל־קאמיטעט פון „בונד" ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע צו די רעקרוטן אין 20.000 עקז. (אזעלכע פראקלאמאציעס לאזט ער ארויס אלע יאר אין דער צייט פון די קאנטראל־פארזאמלונגען).

אגיטאציע קעגן דער מלחמה

עס זיינען רעגיסטרירט: 5 דעמאנסטראציעס, אין 3 פון וועלכע עס האבן זיך אין אלגעמיין באטייליקט 550 מאן; 5 פארזאמלונגען מיט דער אלגעמיינער צאל פון 935 מאן; 16 אויפרופן, פון זיי צוויי פון צענטראל־קאמיטעט פון „בונד" (1 — אין 2 אויפלאגן, דער צווייטער — אין 3; פון אט די 5 אויפלאגן איז איינע ארויסגעגאנגען אין 17.000 עקז., די 2טע אין 2.500, די צאל פון די איבעריקע 3 אויפלאגן איז ניט אנגעגעבן) און 14 זיינען ארויסגעגעבן געווארן דורך די ארטיקע קאמיטעטן פון „בונד" אין דער צאל פון 32.500 עקזעמפלארן.

דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס

בשעת עס איז ענדלעך פעסטגעשטעלט געווארן די טאג־ארדענונג פון דעם אמסטערדאמער קאנגרעס, האט מען אנגעהויבן צונויפרופן ספעציעלע פארזאמלונגען אויף צו באהאנדלען די דאזיקע טאג־ארדענונג. עס זיינען רעגיסטרירט 11 פארזאמלונגען. אין 9 פון זיי האבן זיך באטייליקט 1.440 מאן. אויף אייניקע פארזאמלונגען זיינען אנגענומען געווארן באגריסונג־רעזאלוציעס צום אמסטערדאמער קאנגרעס.

דאס ארויסטרעטן פון „בונד" פון דער רסדא"פ

...ווי נאר עס איז פארעפנטלעכט געווארן וועגן דער ארויסטרעטונג פון „בונד" פון דער רוסלענדישער סאצ.־דעמ. ארבעטער־פארטיי, האט דער צענטראל־קאמיטעט פון „בונד" אפעלירט צו דעם ארגאניזירטן יידישן פראלעטאריאט און אים איבערגעגעבן צו אורטיילן וועגן דער אויפ־

פירונג פון דער בונדישער דעלעגאציע אויף דעם 2טן צוזאמענפאר פון דער רוסלענדישער פארטיי. אין אלע שטעט זיינען צונויפגערופן געווארן די אגיטאטארן-פארזאמלונגען, ד"ה פון די מער אנטוויקלטע ארבעטער. אויף אט די פארזאמלונגען האט מען געלייענט דעם באריכט וועגן צווייטן צוזאמענפאר פון דער רוסל. פארטיי, מען האט באהאנדלט די אויפפירונג פון דער בונדישער דעלעגאציע אויף דעם צוזאמענפאר און מען האט אנגענומען געהעריקע רעזאלוציעס. אלע פארזאמלונגען, וועלכע זיינען פארגעקומען אין דעם ראיאן פון „בונד", האבן מסכים געווען מיט דער אויפפירונג פון דער בונדישער דעלעגאציע אויף דעם צווייטן צוזאמענפאר און אנערקענט, אז זי האט געטאן אלץ, וואס עס איז נאר מעגלעך געווען, כדי אויסצומיידן די שפאלטונג, און דאס ארויסטרעטן פון „בונד" פון דער רוסל. פארטיי איז געווען אן אקט פון נויטווענדיקייט. עס זיינען רעגיסטרירט: 42 פארזאמלונגען פון אגיטאטארן; אויף 40 פון זיי האבן זיך באטייליקט 2.162 מאן. אין צוזאמענהאנג מיט דעם ארויסטרעטן פון „בונד" פון דער רוסל. סאצ. דעמ. ארב.-פארטיי האט דער צענטראל-קאמיטעט פון „בונד" ארויסגעלאזט אן אויפרוף אין דער צאל פון 35.000 עקזעמפלארן.

די קאסע

א) אין דער קאסע פון דעם צענטראל-קאמיטעט פון „בונד" איז פון דעם 10טן מערץ 1903 ביזן 1טן יולי 1904, ד"ה אין פארלויף פון 15 חדשים, איינגעפלאסן 19.132 רובל מיט 39 קאפ. = 47.831 פראנק.

ב) אין די קאסעס פון אייניקע ארטיקע קאמיטעטן פון „בונד" איז איינגעפלאסן (מיר האבן זייער ארעמע ידיעות, וועלכע מיר ברענגען דאך אלס ביישפיל): אין האמלער קאמיטעט — פון 1טן סעפטעמבער 1903 ביז יולי 1904 (10 חדשים) — 2.999 רובל מיט 86 קאפ. = 7.449 פראנק מיט 70 סאנטים; דווינסקער קאמיטעט פון דעם 1טן אווגוסט 1903 ביזן 1טן מאי 1904 (9 חדשים) — 1.425 רובל מיט 12 קאפ. = 3.562 פראנק מיט 80 ס.; בערדיטשעווער קאמיטעט פון דעם 15טן אווגוסט 1903 ביזן 15 יאנואר 1904 (5 חדשים) — 445 רובל מיט 82 קאפ. = 1.114 פר. 55 ס.; זשיטאמירער קאמיטעט — פון דעם 1טן יאנואר ביזן 1טן יוני 1903 (5 חדשים) — 398 רובל מיט 48 קאפ. = 996 פר. 20 ס.; לאדזער קאמיטעט פון דעם 1טן פעברואר ביזן 16טן מאי 1904 (פערטהאלבן חדשים) —

351 רובל מיט 53 קאפ. = 878 פר. 85 ס.; מינסקער קאמיטעט פון דעם 20טן פעברואר ביזן 4טן מאי 1904 (2⅓ חדשים) 509 רובל מיט 79 קאפ. = 1.274 פר. 50 ס.; קיעווער סאציאל־דעמאקראטישע גרופע פון דעם 15טן נאוועמבער 1903 ביזן 1טן מערץ 1904 (פערטהאלבן חדשים) — 1.138 רובל מיט 37 קאפ. = 2.845 פר. 95 ס.; פאניעוועזשער סאציאל־דעמ. ארגאניזאציע פון דעם 1טן יוני ביזן 10טן סעפטעמבער 1903 (3⅓ חדשים) — 140 ר. מיט 35 קאפ. = 350 פר. 90 ס.; פינסקער ס"ד־ארגאניזאציע פון דעם 2טן פעברואר ביזן 20טן יוני 1904 (4⅔ חדשים) — 92 ר. מיט 46 קאפ. = 231 פר. 15 ס.; אדעסער ס"ד־ארגאניזאציע פאר די לעצטע 8 חדשים — בערך 700 רובל = 1.750 פראנק; מאהילעווער קאמיטעט פון דעם 1טן סעפטעמבער 1903 ביזן 1טן מאי 1904 (8 חדשים) — 1.071 רובל מיט 59 קאפ. = 2679 פראנק.

ג) אין דער קאסע פון דעם אויסלענדישן קאמיטעט פון „בונד" איז איינגעפלאסן: פאר דעם יאר 1903 — 45.192 פר. 31 ס. (אריינגערעכנט פאר די ארעסטירטע 3.844 פר. 74 ס.); פאר דעם ערשטן האלבן יאר 1904 (פון דעם 1טן יאנואר ביזן 1טן יולי) — 30.551 פר. 18 ס. (אריינגערעכנט פאר די ארעסטירטע 2.069 פר. 24 ס.).

ליטעראטור

א) אין רוסלאנד: 5 נומערן „ארבעטער־שטימע" (נומ' 33—37) אין דער צאל פון 12.500 עקזעמפלארן; 3 נומערן „דער בונד" (נומ' 1—3) אין דער צאל פון 18.000 עקז.; 13 נומערן פון דעם „ווארשעווער ארבעטער" (ארגאן פון ווארשעווער קאמיטעט פון „בונד"), די צאל עקז. ניט באוווסט; 10 בראשורן (3 אויף יידיש, 7 אויף רוסיש), פון וועלכע 5 זיינען ארויסגעגעבן געווארן אין דער צאל פון 14.000 עקז.; אייניקע באזונדערע אפצוגן פון דער „ארבעטער־שטימע" און פון „בונד", פון זיי זיינען 3 אפצוגן פון „בונד" אין דער צאל פון 10.000 עקז.; 305 פראקלאמאציעס, פון זיי 241 אין 686.775 עקז.; 31 בלעטלעך, פון וועלכע 24 אין 44.435 עקז.

ב) אין אויסלאנד: 15 נומערן פון דעם „יידישן ארבעטער" אין 1500 עקז.; נומער 1 „Głos Bundu" אין 1500 עקז.; נומערן 1—3 „וועסטניק בונדא" — 10.500 עקז.; 61 נומערן פון „פאסלעד. איזוועסטיא" (נומ' 128—188), בערך צו 4000 עקז. פון יעדן נומער; 32 בראשורן (17 יידישע, 10 רוסישע, 5 פוילישע) — 139.000 עקז.;

4 בלעטלעך 14.000 עקז.; 1 אויפרוף (ארויסגעגעבן אויף פויליש אין אויפרוף פון צ״ק פון „בונד״) — אין 2000 עקז.

צאל פון די ארגאניזירטע ארבעטער

די צאל פון די ארגאניזירטע ארבעטער לאזט זיך ניט גענוי פעסט־שטעלן, נאר לויט דער באשיידנסטער אויסרעכענונג, איז זי בשום אופן ניט ווינציקער פון 30.000 מאן.

הילף־קאסעס פאר פארשיקטע און ארעסטירטע

כמעט ביי אלע קאמיטעטן פון „בונד״ געפינען זיך ספעציעלע הילף־קאסעס פאר די ארעסטירטע און פארשיקטע חברים. וועגן די הכנסות פון אט די קאסעס האבן מיר זייער קארגע ידיעות. מיר וועלן אלס ביישפיל ברענגען אייניקע דאטן. עס זיינען איינגעפלאסן אין די קאסעס: ביים קאוונער קאמיטעט פון דעם 1טן סעפטעמבער 1903 ביזן 1טן יאנואר 1904 (4 חדשים) — 901 רובל מיט 33½ קאפ = 2253 פר. 35 ס.; ביים ווילנער קאמיטעט פון 1טן פעברואר ביזן 1טן יוני 1904 (4 חדשים) — 737 ר. 20 ק. = 1.834 פר.; ביים דווינסקער קאמיטעט פון 1טן יאנואר ביזן 1טן מאי 1904 (4 חדשים) — 282 ר. 17 ק. = 705 פר. 35 ס.; ביים מאהילעווער קאמיטעט פון 1טן אקטאבער 1903 ביזן 1טן מאי 1904 (7 חדשים) — 464 ר. 68 ק. = 1.161 פר. 70 ס.; ביים וויטעבסקער קאמיטעט פון 1טן סעפ־טעמבער 1903 ביזן 1טן מערץ 1904 (6 חדשים) — 848 ר. 18 ק. = 2120 פר. 35 ס.; ביים בערדיטשעווער קאמיטעט פון 1טן אויגוסט 1903 ביזן 1טן יאנואר 1904 (5 חדשים) — 170 ר. 20 ק. = 425 פר. 50 ס.; ביים האמלער קאמיטעט פון 1טן יולי 1903 ביזן 1טן פעברואר 1904 (7 חדשים) — 395 ר. 50 ק. = 988 פר. 75 ס.

קאַפּיטל אַכט

די פּרווון אויפצוואַרפן די „זובאַטאָוושטשינע" דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. — „די יידישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי". — איר פּראָגראַם. — די „אומאָפּהענגיקע" אין מינסק, ווילנע, אָדעס און באָברויסק. — דער ניט־געלונגענער פּרווו צו אָרגאַניזירן אַן „אומאָפּהענגיקע" אָרגאַניזאַציע אין דווינסק. — די סיבות פון דעם צייטווייליקן דערפאָלג פון די „אומאָפּהענגיקע". — דער סוף פון די „אומאָפּהענגיקע".

אום האַרבסט 1897 האָט דער פּאַרוואַלטער פון דער מאָסקווער זיכערהייטס־אָפּטיילונג („אָכראַנע") זובאַטאָוו מיט דער באַוויליקונג פון דעם מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש און פון מאָסקווער פּאָליצמייסטער טרעפּאָוו אָנגעהויבן אַ „נייעם קורס" פון דער זשאַנדאַרמישער פּאָליטיק, וועלכע איז באַשטאַנען אין דעם איינפלאַנצן צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט דורך אים און דורך זיינע אַגענטן די אידעע פון אַ „לעגאַלער אַרבעטער־באַוועגונג".

זובאַטאָוו האָט ווערבירט אָנהענגער פאַר זיין נייער אידעע דערהויפּט צווישן די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די מאָסקווער טורמעס.

זומער 1898 האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַרעסטירן בערך 70 בונדיסטן, ליקווידירן אַ דרוקעריי און זייער פיל אומלעגאַלע ליטעראַטור.

צווישן די אַרעסטירטע זיינען געווען אַלטע און אָנגעזעענע טוער פון „בונד". די לאַנגע געשפּרעכן, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיי, וועלכע האָבן געטראָגן אַן אָפנהאַרציקן כאַראַקטער, האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די אַרעסטירטע: אייניקע האָבן אַ ביסל אָנגעהויבן קווענקלען אין זייערע פריערדיקע איבערצייגונגען, די אַנדערע ווידער זיינען אַן באַוואָרענישן געוואָרן זיינע הייסע און באַגייסטערטע אָנהענגער: זעלטן ווער האָט געקענט ביישטיין קעגן זיינע זיסע רייד.

וועגן דעם כאַראַקטער און תוך פון זיינע אויספאָרשונגען־געשפּרעכן האָט זובאַטאָוו אינפאָרמירט דעם אָנפירער פון דער באַזונדערער אָפּטיילונג פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט ראַטאַיעוו דורך פאָלגנדיקע מערקווערדיקע פּרטים:

...לויט מיין מיינונג באשטייט דער גאנצער תוך פון דעם ענין אין דעם וואס מען דארף אפטיילן דעם לעצטן (אנטימלוכישן) עלעמענט פון דער מאסע. בשעת די אויספארשונגען פיר איך דאס דורך — קאן איך פארזיכערן — מיט גלענצנדיקן ערפאלג. אין דער רוסישער באוועגונג, און, מ׳קאן זאגן, אויך אין דער יידישער, איבערצייג איך דעם עולם מיט ערפאלג, אז די ארבעטער־באוועגונג איז איינס און די סאציאל־דעמאקראטישע — איז עפעס אנדערש. דארט איז דער ציל — די קאפיקע, און דא — די אידעאלאגישע טעאריע. דער ארבעטער דארף שטרעבן צו ביר־גערלעכער אויסגלייכונג מיט די אזויגערופענע „פריווילעגירטע" קלאסן (וואס פאדערט גארניט נאך קיין סאציאליזם ניט קיין פאליטישע פרייהייט, ווי אויך ניט קיין שכל, קיין וויסן און קיין זעלבסטעטיקייט); די סאציאל־דעמאקראטן ווידער איגנארירן זיינע דירעקטע אינטערעסן און רופן אים ער זאל העלפן די „פריווילעגירטע" קלאסן דערגרייכן זייערע אינטערעסן (מאכן א רעוואלוציע), צוזאגנדיק אים אויף נאכדעם גאלדענע בערג. און בלויז די נארישקייט און די גרויקייט פון די ארבעטער מאכט זיי אפנים פאר אומפעיק צו זען אט די מאכינאציע און להכעיס דעם שכל הישר ווארפן זיי אוועק זייערע טאגטעגלעכע אינטערעסן און לאזן זיך יאגן נאך נעכטיקע טעג.

מיט דעם אלעמען זיינען אלע מסכים און הייבן זיך אן קלאגן, אז „ווי אזוי האבן זיי דאס אליין ניט באמערקט".

אבער דא שווימט ארויס די פראגע: צי וועט די רעגירונג גלויבן אונזער קארעקטקייט און אונז דערלויבן וועלכע ניט איז אינסטיטוציעס פון זעלבסטהילף (קאנסום־פאראיינען, קאסעס פון קעגנזייטיקער הילף, ביוראס פון יורידישער הילף וכדומה?) איך ענטפער דערויף, אז אט די פראגע קאן פארענטפערט ווערן בלויז פראקטיש: מען קאן אנהייבן ערלויבן בלויז די, וועמען דו קענסט, און באנוצן זיך מיט דעם אין ברייטן זינען פון ווארט קאן מען נאך ניט, ווייל די ארבעטער האבן דערווייל נאך זייער ווייניק אנערקענט זייערע ווירקלעכע אינטערעסן, און זיי הערן זיך נאך אלץ צו צו די איבערגעטוענע ארבעטער־אינטעליגענטן, וועלכע מיס־ברויכן נאך דערצו מיט די אומלעגאלע אינסטיטוציעס לטובת זייערע אייגענע אינטערעסן, וועלכע, פירנדיק א מלחמה מיט דער רעגירונג, טוען דערמיט אין דער באוועגונג א בערישע טובה דעם ארבעטער. דאס מאכט א מאגישע ווירקונג און אויפגערעגט הייבן די לייט אן צו טענהן, אז אויב די רעגירונג איז טאקע באמת אזא און מען האסט ניט די ארבעטער, דאן קאן גאר קיין רייד ניט זיין פון א באוועגונג. נאר דאס האבן זיי ניט גע־ווסט... ווי געפעלט דאס אייך? און גלייך נאכדעם גייט אוועק א סדרה

ערקלערונגען... אין דער יידישער פראַגע איז אויך די זעלבע געשיכטע, זי איז בלויז קאָמפּליצירטער אַדאַנק די נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און אַנדערע אייגנאַרטיקייטן. נאָר נאָכדעם, ווי דאָס אַלץ ווערט דערקלערט, ביי אַ העפּ־לעכער, אַפילו האַרציקער באַציִונג צו זיי, גיבן זיך די אַרעסטירטע אונ־טער און גייען אַפילו איבער אויף דעם אַקטיוון באָדן לטובת דער רע־גירונג.

רעזומירנדיק דאָס אַלץ, וויל איך זאָגן איינס: מ׳דאַרף די יידן אַ גלעט טאָן. נאָכדעם קאָן מען פון זיי אַפילו דרייען שטריק. אַדאַנק דעם, וואָס זיי ווילנען אַזוי געדיכט, וועט די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט צו זיי מאָמענטאַל איבערגעגעבן ווערן אין אַלע ווינקעלעך און אַלע וועלן וועגן דעם וויסן. צעגליט דעם המון מיט אייער אויפמערקזאַמקייט און די מאַסע וועט גיין נאָך אייך, און אַדאַנק דעם, וואָס זיי ווילנען אַזוי געדיכט, וועלן זיי אייך אַליין אַרויסגעבן די רעוואָלוציאָנערן.

אַלזאָ ווערט די פראַגע זייער לייכט פאַרענטפערט: טראָגט אַריין אייער מוח און האַרץ אין דעם קאַמף (אַנשטאָט דער טרוקענער פאָרמאַ־ליטעט), גיט פשוטע מיטלען לטובת זיי, און איר — זייט דער האַר פון דער לאַגע" [1].

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס קענען די אַרעסטירטע בשעתן דורכפאַל פון יאָר 1898 זיינען געווען ערנסטע באַוויזן, זיינען זיי דאָך אָפּגעקומען מיט נישטיקע שטראָפן: מען האָט זיי געשטעלט אונטער פאָליציי־אויפ־זיכט, בלויז אייניקע פון זיי האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר. אַפנים זובאַ־טאָוו האָט געוואָלט געבן אַ מעגלעכקייט זיינע אָנהענגער, וואָס גיכער דורכצופירן זיינע אידעען.

ער האָט ניט געהאַט קיין טעות: ווי נאָר זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין מינסק, האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן פירן אַן אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע. די זובאַטאָווצעס זיינען אַריין אין דער אַלטער אָרגאַניזאַציע און, אויף אַזאַ אופן, אָנגעהויבן אויפצורייסן דעם „בונד" פון אינעווייניק.

אַלס יסוד פון זייער פּראָפּאַגאַנדע האָבן זיי, לויט זובאַטאָווס ווער־טער, גענומען פאָלגנדע הנחות: „1) פאַרבייטן די רעוואָלוציאָנערע לערע אויף אַן עוואָלוציאָנערער, און, הייסט עס, ניט אָנערקענען, אַלס היפּוך צו די רעוואָלוציאָנערן, אַלע פאָרמען און אופנים פון גוואַלט, 2) דאָס פּרעדיקן די מעלה פון דער זעלבסטהערשנדיקער פאָרם פון פאַרוואַלטונג אויפן געביט פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, אַלס פאָרם, וואָס לויט איר

---

1 היסט.־רעוו. אַרכיוו, ענינים פון פאָליצ.־דעפּ., נומ׳ 5, טייל 48, י. 1898, באַזונד. אָפּט., בויגן 23—24.

קלאסנקלאזיקייט האט זי אין זיך סימנים פון בוררות, און איז דעריבער פיינדלעך די גוואלט־מיטלען און גענייגט צו גערעכטיקייט, 3) דאס ערקלערן דעם חילוק צווישן דער רעוואלוציאנערער ארבעטער־באוועגונג, וועלכע נעמט זיך פון די סאציאליסטישע יסודות, און דער פראפעסיאנעלער, וועלכע האלט זיך אויף די פרינציפן פון דער קאפיטאליסטישער ארדענונג: די ערשטע פארנעמט זיך מיט דער רעפארם פון אלע קלאסן פון דער געזעלשאפט, און די צווייטע בלויז מיט די אייגענע דירעקטע אינטערעסן, 4) די פעסטע ערקלערונג, אז די גרענעצן פון דער זעלבסטעטיקייט, ענדיקן זיך דארט, ווו עס הייבן זיך אן די רעכט פון דער מאכט, איבערגיין אט די גרענעץ איז אנערקענט אלס ניט דערלאזבארע אומפאראנטווארטלעכקייט — אלץ דארף גיין צו דער מאכט און דורך דער מאכט [1].

איינגיכן האבן זיי באקומען די מעגלעכקייט אויסצופרווון אויף וויפיל זובאטאווס קורס איז „שטאנדהאפטיק": אין קרעסלאווקע איז פארגעקומען אן עקאנאמישער שטרייק פון די בערשטער, און זובאטאווס אנהענגער האבן געוואלט זיך באנוצן מיט זיין הילף, ער זאל נויטן די באלעבאטים זיי זאלן נאכגעבן און אדאנק דעם צו געווינען דעם איינפלוס אין דעם אלטן בערשטער־פאראיין. „אין שטעטל קרעסלאווקע, וויטעבסקער גוב., — האט שאכנאוויטש געשריבן צו זובאטאוון, — דויערט שוין 16 וואכן דער שטרייק פון 250 בערשטער. גורם געווען דעם דאזיקן שטרייק האבן נאר די פאבריקאנטן. מיט 16 וואכן צוריק האט דער פאבריקאנט כורין (חיים), דערוויסנדיק זיך, אז זיינע ארבעטער האבן באשלאסן מער זיך ניט באנוצן מיט שטרייקן, באשלאסן דאס אויסצונוצן. נישט קוקנדיק דערויף, וואס אנדערע פאבריקאנטן צאלן צו 4 רובל פאר יעדן אויסגעארבעטן פוד, האט כורין געצאלט נאר 2 רובל 50 קאפ. פאר אזא פוד, און מחמת דעם איז דער פארדינסט פון די ארבעטער פון זיין פאבריק שטענדיק געווען קלענער איידער פון די אנדערע פאבריקן. נאר כורין האט זיך ניט באנוגנט מיט דעם און אנהייב היינטיקן זומער האט ער איינגעפירט ענדערונגען אין דער ארבעט, וועלכע האבן זי אויף אזויפיל פארערגערט, אז דער נישטיקער פארדינסט זייערער האט זיך געמוזט פארקלענערן אויף 40 פראצ., און דערביי האט ער נאך געפאדערט פון די ארבעטער זיי זאלן אויסהאלטן די וועכטער אויף זייער חשבון; אז מען

---

1 היסט.־רעוו. ארכיוו, ענינים פון פאליצ.־דעפ., נומ' 538, 1908 י., באזונד. אפט. באריכט פון ס. זובאטאוון צו דעם דירעקטאר פון פאליצ.־דעפ. פון 4 אקט. 1903, בויגן 2 3.

זאל ארבעטן מיט זייער געצייג; זיי זאלן איינקויפן פארשיידענע פאליסיקייטן, וואס זיינען נייטיק אויף צו שמירן דאס געצייג, אויף באלייכטונג אאז"ו, וואס איז אין קיין שום פאבריק אין גאנץ רוסלאנד ניט איינגעפירט. אז די ארבעטער זיינען איינגעגאנגען אויף אייניקע באדינגונגען, האט ער זיי אלעמען אפגעזאגט און ערקלערט, אז ער וועט זיך ניט באַרויקן, ביז ער וועט זען די ארבעטער וואלגערנדיק זיך אין די גאסן פון הונגער און (זיי) וועלן פרעסן איינער דעם צווייטן לעבעדיקערהייט.

באלד נאך דער דאזיקער אכזריותדיקער ערקלערונג, האבן זיך די ארבעטער געווענדט צו דעם פאבריק־אינספעקטער מיט א ביטע, ער זאל זיך אננעמען פאר זיי, נאר דער לעצטער האט ערקלערט, אז פון די אלע 300 פאבריקאנטן פון זיין גובערניע איז דאס דער ביטערסטער און שאקלהאפטיקסטער, און הגם די ארבעטער זיינען פולקום גערעכט, קאן ער זיי גארנישט העלפן אין זייער נויט. און אט איז שוין העכער דריי חדשים, ווי 250 מאן הונגערן איבערן קאפריז פון דעם פאבריקאנט און ער גייט ארום ניט באשטראפט.

איך געפין, אז דער דאזיקער פאקט איז זייער וויכטיק און אט פארוואס: ווען איר, הער אנפירער, וואלט זיך ארייננגעמישט אין אט דעם ענין און גענויט דעם פאבריקאנט אפשטעלן זיינע אומגעזעצלעכע מעשים בנוגע צו די ארבעטער, וואלט דאס צוגעגרייט א באדן אויף דורכצופירן צווישן די בערשטער אייערע (אהא!) אנשויונגען וועגן דער מעגלעכקייט און נויטווענדיקייט צו ארבעטן לעגאל. איך בין זיכער, אז דער בערשטערפאראיין וואלט קארדינאל געענדערט זיין טאקטיק און וואלט געווארן פולקום כשר און לעגאל... איך בעט אייך, הער אנפירער, עפעס וואס אונטערצונעמען, כדי א סוף מאכן צו אט דעם אומגליק"[1].

זובאטאוו האט וועגן דעם געבעטן דעם פאליציי־דעפארטאמענט ער זאל אינטערוועגירן אין אט דעם קאנפליקט, קאמאנדירנדיק דעם פארוטשיק ספירידאוויטשן, ער זאל זיך מיט דעם באקאנען אויף דעם ארט. „אין דעם איצטיקן מאמענט, — האט זובאטאוו געשריבן אין דעם פאליציי־דעפארטאמענט, — קאן דער דאזיקער פאל האבן א טיפע פאליטישע באדייטונג אין זין פון שטארקן דעם גלויבן צווישן די ארבעטער אין דער אביעקטיווקייט פון דער רעגירונג"[2]. דאך האט דער פאליציי־דעפארטאמענט זיך ניט געקענט באשליסן אפן צו סאנקציאנירן דעם נייעם קורס פון דער זשאנדארם־פאליטיק — פון פאליצייישן סאציאליזם", און מען

1 היסט.־רעוו. ארכיוו, ענינים פון פאליצ.־דעפ., נומ' 533, באזונד. אפט., 1908, י.

2 דארט.

האָט מודיע געווען זובאַטאָוון, אַז קאָמאַנדירן דעם פּאָרוטשיק ספּירי־דאָוויטשן אין שטעטל קרעסלאָווקע, כּדי צו קאָנטראָלירן שאַכנאָוויטשעס ידיעות און טאָן עפּעס פאַר דעם שטרייק, „איז זייער אומבאַקוועם״[1].

זובאַטאָווס אַנהענגער, אָדער די „עקאָנאָמיסטן״, ווי מען האָט זיי גערופן אין די אַגענטור־מיטטיילונגען אין דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, האָבן געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג צווישן די מינסקער יידישע אַרבעטער. זייער ווירקונג איז זייער שנעל געוואַקסן. צו אַווגוסט 1901 האָבן זיי דערגרייכט זעקס פאַכן: די איינבינדער, שלאָסער, סטאָלער, מולער, בער־שטער און בלעכער. די „עקאָנאָמיסטן״ האָבן געפירט זייער אַגיטאַציע גאַנץ אָפן, זייענדיק זיכער, אַז עס דראָט זיי ניט קיין שום געפאַר.

אין דער מינסקער אָרגאַניזאַציע פון „בונד״ האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד אַ גרויסן טייל מיטגלידער. דער קאַמף האָט זיך געפירט מיט גרויס לײַדנשאַפט און פאַרביטערטקייט, עס האָבן זיך געשאָטן באַשולדיקונגען איינע קעגן די אַנדערע. וועגן דעם כאַראַקטער און אינהאַלט פון אָט דעם קאַמף קאָן מען האָבן אַ ידיעה פון די פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע דער מינסקער קאָמיטעט פון „בונד״ האָט צוליב דעם אַרויסגעלאָזט אין יאָר 1901[2].

פילנדיק זיך גענוג זיכער און פעסט, האָבן די „זובאַטאָווצעס״ באַ־שלאָסן אַרויסצוטרעטן פון „בונד״ און בילדן אַ נייע פּאָליטישע פּאַרטיי. זומער 1901 האָבן זיי בראָש מיט מאַשע ווילבושעוויטש, וואָלין, גאָלד־בערג, טשעמעריסקי און אַנד. אַרויסגעלאָזן אַ מאַניפעסט און די פּראָ־גראַם פון דער „יידישער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי״.

די יידישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי [3]

די אָנשויונגען פון דער פּאַרטיי

I מיר האַלטן:

א) אַז קיין שום טעאָריע איז אויף אַזויפיל ניט מעכטיק און אומ־באַשטרייטבאַר ריכטיק, אַז זי זאָל געבן דאָס רעכט אירע אָנהענגער צו

---

1 דאָרט, בויגן 128.

2 זע נ. בוכבינדער, „די יידישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי״, „קראַסנאַיאַ לעטאָפּיס״ נומ׳ 2—3, ביילאַגע: דאָרט ווערט געבראַכט דער טעקסט פון אָט די פּראָק־לאַמאַציעס.

3 העקטאָגראַפירט, 4 זייטן, אויף 1 זייט, 25 × 9. דער אָריגינאַל אויף רוסיש געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון היסט.־רעוו. אַרכיוו.

פירן די אומבאוווסטזיניקע מאסע נאך זיך צו דעם ציל, וועלכן די מאסע פארשטייט ניט;

ב) אז דער יידישער ארבעטער־קלאס פאדערט אין דעם איצטיקן מאמענט ברויט און וויסן, און אז די דאזיקע פאדערונגען דארפן באפריי־דיקט ווערן;

ג) אז עס איז א פ א ר ב רע ך צו ברענגען אלס קרבן די מאטעריעלע אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאס פאר אזעלכע פאליטישע צילן, וועלכע זיינען אים אין איצטיקן מאמענט פרעמד;

ד) אז דער ארבעטער האט, ווי יעדער מענטש, דאס רעכט צו זיין אן אנהענגער פון וועלכער ניט איז פאליטישער פארטיי, און האט דאך דאס רעכט צו פארטיידיקן זיינע עקאנאמישע און קולטורעלע אינטערעסן און זיין א פולקום גלייכבארעכטיקטער מיטגליד פון די עקאנאמישע און קולטורעלע ארגאניזאציעס.

ה) אז די עקאנאמישע און קולטורעלע ארגאניזאציעס דארפן פאר אים ווערן נויטווענדיק, אזוי ווי לופט און וואסער, דארפן רעגולירן זיינע עקאנאמישע אינטערעסן, אים געבן וויסן, און זיי קאנען ווערן אזעלכע נאר אין דעם פאל, ווען זיי וועלן ווערן א זעלבסטצוועק, און ניט דינען אלס ווערקצייג פון וועלכער ניט איז פאליטישער פארטיי.

II. מיר האלטן פאר ניט נארמאל די איצטיקע לאגע, וואס די עקא־נאמישע ארגאניזאציעס געפינען זיך אונטער דער אנפירערשאפט פון „בונד", וועלכער איז לויט זיין הויפט־מהות און פאליטישע צילן א פאלי־טישע ארגאניזאציע, אט פאר וואס:

א) די עקאנאמישע טעטיקייט איז פאר דעם „בונד" הויפטזאכלעך א מיטל צו רעוואלוציאניזירן די ארבעטער־מאסן, און דעריבער איגנארירט דער „בונד" מיט זיין עקאנאמישער טעטיקייט זייער פיל אקציעס, וועלכע זיינען דורכאויס נוצלעך פאר דער ארבעטער־מאסע;

ב) דער „בונד", צונעמענדיק אן ארבעטער, וועלכער זוכט נאר ברויט און וויסן, אין זיינע, לויטן מאכן־ארבעטערס שטאנדפונקט, ריין עקאנאמישע ארגאניזאציעס, ווארפט ארויף אויף דעם ארבעטער זיינע פאליטישע אנשויונגען און צילן, ניט רעכענענדיק זיך מיט זיין פסיכיק, צוגעבונדנקייטן און שטרעבונגען. ארבעטער מיט ניט „בונדישע" אנשויונ־גען נעמט מען אין די עקאנאמישע ארגאניזאציעס פון „בונד" ניט אן, און דעם אינערטן קאנסערוואטיוון טייל פון דער ארבעטער־מאסע שרעקט מען אפ מיט זייער רעפוטאציע פון א פאליטישער פארטיי. אלס פועל־יוצא

ווירקט די דאָזיקע טאַקטיק פון „בונד" שעדלעך אויף דער אָרגאַניזירטער מאַסע און באַגייט זיך אַכזריותדיק בנוגע די איבעריקע אַרבעטער, וועלכע זוכן אויך אַ בונד מיט זייערע אָרגאַניזירטע חברים;

ג) דער „בונד" אַנטוויקלט די אַרבעטער איינזייטיק, אָפּצוימענדיק זיי פון די ניט־„בונדיסטישע" אַנשווינגען און ברענגט, אויף אַזאַ אופן, אַריין אין די אַרבעטער־מאַסן דעם גייסט פון פאַרשקלאַפונג;

ד) דער „בונד" לאָזט ניט צו צו דער מאַסע קיין אינטעליגענטע און נוציקע קרעפטן, וועלכע זיינען ניט איינשטימיק מיט זיינע פּאָליטישע אַנשווינגען. דער „בונד" האָט אויסגעפּילט זיין גרויסע היסטאָרישע מיסיע, אַנטוויקלענדיק דעם גייסט פון אומצופרידנקייט מיט זייער עקאָנאָמישער לאַגע אין דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר ווען דאָס איז שוין דערגרייכט געוואָרן און די גאַנצע אַרבעטער־מאַסע שטרעבט צו אָרגאַניזאַציע, איז געוואָרן אוממעגלעך צו האַלטן די עקאָנאָמישע און קולטורעלע טעטיקייט אין דעם פּאָליטישן קלעם פון דעם „בונד".

די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי

1) די יידישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי שטעלט זיך פאַר אַ ציל אויפצוהייבן דעם מאַטעריעלן און קולטורעלן ניוואָ פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט מיט דער הילף פון קולטורעלע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, אומלעגאַלע און לעגאַלע, אויף וויפיל דאָס וועט מעגלעך זיין. אין דער פּראַקטיק ווערט דער דאָזיקער ציל דערפירט: א) צו אַנטוויקלען ברייטע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס (טרייד־יוניאָנס, קאַסעס, קלובן, אַסאָציאַציעס), ב) צו אַנטוויקלען אין דעם אַרבעטער־קלאַס וויסנשאַפטלעכע און פּראָפעסיאָנעלע בילדונג און צו ערציען אים פאַר דעם קאָלעקטיוון לעבן.

2) די פּאַרטיי אַלס גאַנצע שטעלט פאַר זיך ניט אַרויס קיין שום פּאָליטישע צילן און באַרירט די פּאָליטישע פראַגן אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי באַרירן די אַלטעגלעכע אינטערעסן פון די אַרבעטער.

3) די פּאַרטיי פאַראייניקט פאַר דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער טעטיקייט אַלע אַרבעטער פון וועלכער ניט איז פּאָליטישע אַנשווינגען און אַזעלכע, וועלכע זיינען אינגאַנצן פּאָליטיש ניט אָריענטירט.

4) די אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי איז אַ דעמאָקראַטישע, ד"ה זי ווערט אָנגעפירט פון אונטן און ניט פון אויבן.

יידישע אומאפהענגיקע ארבעטער־פארטיי

גלייך נאכדעם, ווי עס איז פארעפנטלעכט געווארן דער מאניפעסט און די פראגראם, האבן זיך די פאכן, וואס האבן זיך געפונען אונטער דער השפעה פון די „אומאפהענגיקע", געווענדט מיט א ביטע צום אנפירער פון מינסקער זשאנדארם־פארוואלטונג, דעם פאלקאוויק וואסיליעוו, ער זאל ערלויבן א „בעראטונג פון ארבעטער אונטער דער אנפירונג פון אווטאריטעטע פערזאנען, לויטן מוסטער פון מאסקווע", און איינציטיק צו דעם גובערנאטאר מיט א השתדלות צו באשטעטיקן דעם פראיעקט פון קלוב פון די יידישע האנטווערקער.

זיי האבן געהאט ברעה אויפצועפענען א ווארשטאט פאר די ארבעטסלאזע מיטגלידער, ארויסגעבן אויף יידיש א צייטונג כאטש איינמאל אין וואך, פארשפרייטן לעגאלע ביכער, געבן יורידישע הילף אונטער דער אנפירונג פון „חשובע, געניטע יוריסטן, וועלכע פאסן זיך פאר דער גרופע לויט זייער ריכטונג" אאז"וו.

„די אומאפהענגיקע" האבן אלע וואך גאנץ אפן איינגעארדנט גרויסע ארבעטער־פארזאמלונגען אין דעם גרויסן זאל פון „פאריז". די בונדיסטן האבן געפרווט ארויסטרעטן אויף אט די פארזאמלונגען, זיי האבן קריטיקירט דעם שטאנדפונקט פון די „אומאפהענגיקע" און אנטוויקלט זייער רעוואלוציאנערע פראגראם. דאך פלעגט מען זיי אין א טאג צוויי ארום ארעסטירן און פארשיקן קיין סיביר. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז אויף די פארזאמלונגען זיינען בייגעווען „דעם קיסרס אויגן און אויערן", וועלכע פלעגן געשיקט ווערן דורך זייערע פריינט אין די בלויע מונדירן [1].

אונטערן איינפלוס פון דער אגיטאציע פון די „אומאפהענגיקע" האבן אין מינסק כמעט ניט אויפגעהערט די שטרייקן. די באלעבאטים פון די קליינע ווארשטאטן, וועלכע זיינען אינפארמירט געווען וועגן די פארבינדונגען פון די „אומאפהענגיקע" מיט דער פאליציי, זיינען געגאנגען אויף הנחות. אין פארלויף פון א קורצער צייט האט זיך די „אומאפהענגיקע" איינגעגעבן צו דערשלאגן זיך אין א גאנצער ריי אונטערנעמונגען באדייטנדע פארבעסערונגען פאר די ארבעטער. די דאזיקע ערפאלגן האבן מיטגעהאלפן דעם שנעלן וווקס פון דער צאל שטרייקן, און אינגיכן האט זיך אנגעהויבן מערקן א מין שטרייק־ספארט. די „אומאפהענגיקע" זיינען געווען אין שטענדיקן קאנטאקט מיט וואסיליעוון און זובאטאוון.

---

[1] „איסקרא", נומ' 9, און „פאסל, איזוו.", נומ' 81.

„...פעסטשטעלנדיק מיט דער הילף פון אויספארשונגען, וועלכע זיינען געמאכט געווארן אין דער פארוואלטונג, וואס איז מיר אנפאר־טרויט, — האט דעם 27טן דעצעמבער 1901 וואסיליעוו געשריבן צו דעם קאמאנדיר פון דעם באזונדערן זשאנדארם־קארפוס, — די שווערע לאגע פון די ארבעטער, אין וועלכע זיי האבן זיך געפונען, האב איך געפרווווט ערלויבן צו לעזן אט די פראגע אויף א פרידלעכן אופן, שטעלנדיק זיך פאר א ציל, פון איין זייט, צו פארבעסערן די לאגע פון דעם ארבעטער, און פון דער אנדערער זייט — אים אפרייסן פון דער פאליטיק

דאס לעבן האט באוויזן, אז די פארזאמלונגען פון די פויערים, קליינבירגער און אנדערע ניט אדעליקע שטאנדן, וועלכע ווערן דערלויבט דורך דער מאכט, זיינען ביז איצט ניט געווען דער מקור פון אנטירעגי־רונגס־אגיטאציע, דעריבער האב איך פארגעלייגט, אויף אייגענער ריזיקע, אנהייבן דאס צו טאן אויך אין באצוג צו די ארבעטער און איינצייטיק צוטרעטן צום קאמף מיט די רעוואלוציאנערע סאציאל־דעמאקראטישע גרופעס, ארויסשטעלנדיק קעגן די לעצטע אן ארגאניזירטע עקאנאמישע פארטיי.

צוליב דעם האב איך דערלויבט, עס זאלן זיך ארגאניזירן די ארבע־טער, וועלכע האבן זיך אפגעזאגט פון דער פאליטישער פראפאגאנדע און ווילן בלויז אויף א לעגאלן וועג פארבעסערן זייער לאגע.

לכתחילה האב איך דערלאזן נאר אזעלכע ארבעטער־פארזאמלונגען, ווו מען האט באהאנדלט זייער מאטעריעלע לאגע און די מיטלען ווי אזוי זי אויסצובעסערן, דערביי האבן זיי פון זיך אויסגעקליבן עטלעכע פער־זאן, וועלכע האבן געבילדעט א מין קאמיטעט. דער דאזיקער קאמיטעט האט אנגעפירט מיט דער טעטיקייט פון דער גרופע, אכטונג געגעבן, אז די דעבאטן זאלן געפירט ווערן ריכטיק, אויף דער ארדענונג אין זאל און פעסטגעשטעלט די פראגן, וועלכע האבן געפאדערט, מען זאל זיי באהאנד־לען צוזאמען מיט די באלעבאטים. וועגן דעם רעזולטאט פון דער פאר־זאמלונג פלעגט מיר אפגעבן א באריכט א מיטגליד פון אויסגעקליבענעם קאמיטעט און אנגעוויזן אויף די אקטועלסטע פראגן, וועלכע זיינען דורך זיי באהאנדלט געווארן, נאר דאס לעזן זיי איז מעגלעך נאר מיט דעם אנטייל פון די באלעבאטים. נאכדעם האב איך צונויפגערופן די באלע־באטים און פארפירט מיט זיי א געשפרעך וועגן די ווונטשן פון זייערע ארבעטער, אבער צווינגען וועלכן ניט איז פון די צדדים ער זאל אויספירן די פארשטענדיקונג צווישן די באלעבאטים און די ארבעטער איז, מחמת דעם פעלן פון וועלכן ניט איז געזעץ, וועלכער זאל געבן א קראפט אזעלכע באשלוסן, — אוממעגלעך.

איך בין אליין געווען אויף אַט די פארזאמלונגען און האָב זיך פערזענלעך איבערצייגט, אז די דאָזיקע פארזאמלונגען האָבן געבראכט א סך נוצן דערמיט, וואָס די אַרבעטער, זעענדיק די מעגלעכקייט צו אַר־בעטן אויף דעם לעגאַלן באָדן, זאָגן זיך אָפּ פון זייערע לערער די רעוואָ־לוציאָנערן און טרעטן אריין אין דער פארטיי פון די עקאָנאָמיסטן, און ניט קוקנדיק אויף די אַלע רעוואָלוציאָנערע רעדעס פון די בעסטע רעדנער פון די סאָציאַל־דעמאָקראטן און רעוואָלוציאָנערן, זיינען זיי געבליבן טריי זייער נייער פארטיי און עס זיינען געווען פאלן, ווען זיי פלעגן שלאָגן די רעוואָלוציאָנערע רעדנער פאר זייערע רעדעס קעגן דער רעגירונג.

אויף אזא אופן האָבן זיך די אַרבעטער, פארבעסערנדיק זייער לאַגע מאַטעריעל און צוגעוויינענדיק זיך צו אַנדערע באַציִונגען צו זייערע באַ־לעבאַטים, וועמעס געשעפטן זיי האָבן אָנגעהויבן צו פארשטיין און אָנערקענען אדאַנק די קענטנשאַפט — דאָס ניט זייטיקע באהאנדלונגען פון זייערע פאָדערונ־גען, ניט נאָר אָפּגעזאָגט פון דער פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע, נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן צו זען אין דער רעגירונג די ניט פאראינטערעסירטע מאַכט, וועלכע זאָרגט פאַר די אינטערעסן פון אַלע בירגער און שטרעבט צו פארבעסערן די לאַגע פון איטלעכן באַזונדער.

אזא מין טעטיקייט האָט געהאָלפן די אַרבעטער, זיי זאָלן אָנערקענען אויף וויפיל עס לוינט זיך ניט פאר זיי דער אומלעגאַלער וועג, ווי, אחוץ טורמע און אומגליקן, האָבן זיי, ניט קוקנדיק אויף די גאָלדענע בערג, וואָס די אָנפירער האָבן זיי צוגעזאָגט, ניט באַקומען"[1].

א פולע פאַרשטעלונג וועגן דער אינטערווענץ פון דער פּאָליציי אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג גיט זובאַטאָווס בריוו צו דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט פון 23 יוני 1901, וועלכן מיר ברענגען, מחמת זיין גרויסן אינטערעס, אינגאַנצן.

„אין סוף אַפּריל פון פאַריקן יאָר האָט זיך מיר איינגעגעבן פער־זענלעך זיך צו באַקענען מיט דעם אָנפירער פון מינסקער גובערניאַלער זשאַנדאַרמעריע־פאַרוואַלטונג, פּאָלקאָווניק ניקיטע וואַסיליעוויטש וואַ־סיליעוו, וועלכער איז דורכגעפאָרן דורך מאָסקווע, און פאַר די עטלעכע מאָל, וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט, האָט זיך מיר איינגעגעבן צו דערנענטערן זיך מיט אים אויפן באָדן פון געמיינזאַמען פאַרשטיין די קעגנוואַרטיקע, אַזוי־גערופענע, אַרבעטער־באַוועגונג. אַט די דאָזיקע סאָלידאַרישקייט אין אונזערע אָנשויונגען איז מיר דערהויפּט געווען צוציענד ווייל, אַזוי ווי

---

[1] ענינים פון היסטאָריש־רעוו. אַרכיוו, ענינים פון פּאָליצ.־דעפּ., נומ׳ 987, 1901 י., באַזונד. אָפּט., בויגן 10—12.

עס איז באַוווּסט דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, האָבן זיך אין מינסק געפונען פיל פון די, וואָס זיינען פאַראיאָרן פרילינג אַרעסטירט געוואָרן, און צווישן זיי אויך מאַריע ווילבושעוויטש, וועלכע האָבן אין אַ געשפּרעך מיט מיר מסכּים געווען מיט מיין באַנעמען די קעגנוואַרטיקע לאַגע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און זיינען ניט בלויז געבליבן טריי אָט דער באַהויפּטונג, נאָר זיי זיינען געוואָרן אַקטיווע דורכפירער פון איר אין לעבן.

דער פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט אַן עכט רוסישן פאַרשטאַנד, מיט אַ גוואַלטיקער ענערגיע און ערנסטער אָנערקענונג פון זיין אַמט און אויטאָריטעט פון זיין מונדיר, האָט נאָך זיין אָנקומען קיין מינסק איינגעשטעלט זעלטן גוטע באַציִונגען מיט דעם אָרטיקן גובערנאַטאָר, דעם פירשט טרובעצקאָי. אָט דאָס לעצטע האָט פאַר אים אַ באַזונדער באַדייטונג, ווייל די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג נעמט אין מינסק אַרום די האַנטווערקער, וועמעס פאַרהעלטענישן צו די באַלע־באַטים ווערן רעגולירט דורך דעם האַנטווערקער־סטאַטוט, די אויפזיכט ווידער מ'זאָל דעם לעצטן אָפּהיטן ווערט דורכגעפירט ניט דורך דער פאַבריק־אינספּעקציע, נאָר דורך דער פּאָליציי, וועלכע איז אינגאַנצן אונ־טערגעוואָרפן דעם גובערנאַטאָר. די פּאָליטישע אינטערעסן פון דער גובערניע האָבן פון דעם פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו געפאָדערט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמע באַציִונג צו דער טעטיקייט פון דער פּאָליציי אין אָט דער ריכטונג און זיין דירעקטע אינטערווענץ אין אָט דער טעטיקייט. ביי אַזאַ באַנעמען די לאַגע — איז אין מאַי־חודש פון היי־יאָר פאָרגעקומען אַ שטרייק פון די שלאָסער אין מינסק אין דער צאָל פון עטלעכע הונדערט מאַן, וועלכע האָבן געוואָלט באַגרענעצן די צייט פון דער אַרבעט לויטן געזעץ (אין הסכּם מיט אַרטיקל 431 פון דעם האַנטווערקער־סטאַטוט) ביז 12 שעה אַנשטאָט די פּראַקטיקירטע 14 שעה. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט דער פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו אויסגעדריקט זיין ווונטש צו זען ביי זיך אַ דעפּוטאַציע פון די שלאָסער, כּדי איינצייטיק מיט זיי אויך איינ־לאַדן צו זיך די פאָרשטייער פון די באַלעבאַטים. אַ גרופּע פּערזאָנען, וועלכע זיינען מיינע אָנהענגער מיט מאַריע ווילבושעוויטש בראש, האָט אָנגעהויבן צו פירן אַן אינטענסיווע אַגיטאַציע און גאַנצע טעג, ביז זיי זיינען הייזעריק געוואָרן, אָנגעהויבן צו דערווייזן אויף וויפיל נוצלעך עס איז די אינטערווענץ פון פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו אין דעם שטרייק; פון דער אַנדערער זייט, האָבן די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַטאָרן אַרויס־געוויזן אַזאַ קלאָרן פאַרשטאַנד פון דער לאַגע, אַז זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס און זיך מיט אַלע כּוחות געפּרוּווט אָפּצושרעקן די מאַסע,

מורא האבנדיק זי זאל חלילה ניט איינגיין אויף דעם פארשלאג פון דעם זשאנדארמעריע־פאלקאווניק, וועלכער האט ניט אויפגעהערט אלע טאג צו שיקן נאך די ארבעטער, איינלאדנדיק זיי זאלן קומען צו אים. דאס אלץ האט זיך דאך פארענדיקט דערמיט, וואס די ארבעטער האבן צונויפגערופן א פארזאמלונג, אויסגעקליבן א דעפוטאציע און זי געשיקט לויט דער באשטימונג. אויף דער זיצונג אין דער זשאנדארמעריע־פארוואלטונג האט מען די ארבעטער געגעבן צו פארשטיין די גאנצע ניט ריכטיקייט פון אליין אוועקווארפן די ארבעט, און די באלעבאטים — די אומגעזעצלעכקייט פון זייערע פאדערונגען. און אויפן ארט האט מען פארגעלייגט: — די ערשטע זאלן זיך שטעלן צו דער ארבעט, און די צווייטע — איינצופירן א געזעצלעכן ארבעטסטאג, וועגן וואס ביידע צדדים וועלן ווערן אפיציעל באקאנט־געמאכט דורך א באזונדערער מודעה פון דעם מינסקער גובערנאטאר פירשט טרובעצקאי, וועלכע וועט ווערן אויפגעהאנגען אין אלע פארשטרייקטע ווארשטאטן. אוונטצייט איז אזא מודעה אויפגעהאנגען געווארן און אינדערפרי האבן זיך די ארבעטער געשטעלט צו דער ארבעט. אדאנק דער שנעלער און ערפאלגרייכער דערליידיקונג פון את דעם ענין, האבן די פארביסענע אגיטאטארן זיך געריסן די האר פון קאפ, ניט זייענדיק אימשטאנד איבערצוטראגן את דעם, ווי זיי האבן זיך אליין אויסגעדריקט, „פאליטישן פאטש אין פנים". פון דער אנדער זייט האבן די ארבעטער מאסנווייז אנגעהויבן צו קומען אויף די קווארטירן פון די פארשטייער פון דער פריילעכער טאקטיק, וועלנדיק ארומריידן און זיך באקענען מיט די נייע מיטלען פון דער טעטיקייט.

דער באשריבענער אינצידענט האט דערוויזן, אויף וויפיל די שטימונג פון דער מאסע איז ווייט פון דעם רעוואלוציאנערן. די ארבעטער האבן פון אים פארשטאנען, אז די ארבעטער־באוועגונג האט קיין שייכות ניט מיט דער קאנסטיטוציע, און קאן זיך גיין מיט איר גאנג ביי יעדער מלוכה־ארדענונג, און עס האט זיך ביי זיי אנטוויקלט אזא חשק צו לויפן צו דעם פאלקאווניק וואסיליעוו, ווי די רעוואלוציאנערן דריקן זיך אויס, „נאך א נדבהלע", אז עס קומט אויס זיי איינצוהאלטן מיט גוואלט. פון דער אנדערער זייט האבן אלע רעוואלוציאנער געשטימטע ארבעטער נאך את דעם אינצידענט זיך אנגעהויבן צו באציען מיט ביטול צו דעם מין שטרייקן, טענהנדיק: „אונז איז ניט אינטערעסאנט די עקאנאמישע פארבעסערונג פון די מאסן, מיט דעם זאלן זיך פארנעמען די ליבעראלן; מיר דארפן די פאליטישע דערציונג פון דעם פאלק, און את די אזויגערופענע „וואסיליעווער" שטרייקן פארטרייבן אינגאנצן דעם רעוואלוציאנערן גייסט". וואס שייך די רעוואלוציאנערע קרעפטן פון מינסק איז, לויט די

ידיעות פון מיין קאָרעספּאָנדענט, געפינען זיך דאָרטן ביי היינטיקן טאָג ניט קיין שום ערנסטע רעוואָלוציאָנערע טוער און עם זיינען בלויז פאַראַן עטלעכע אגיטאַטאָרן מיט דעם יונגן סאָלאָמאָן טשעמעריסקי בראש, וועלכע באַמיען זיך אַזוי אָדער אנדערש צו ווירקן אויף דער ארבעטער־מאַסע.

אַט ביי אַזאַ לאַגע האָט זיך אין מינסק אָפּגעשפּילט די געשיכטע מיט די אָנגעשטעלטע... פּאָראויסזעענדיק די מעגלעכקייט פון אַ שטרייק, האָט דער פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו באַשלאָסן אים צו פאַרהיטן אויף אַ פרידלעכן אופן; צוליב דעם האָט ער גערופן צו זיך די אָנגעשטעלטע, זיך דורכגעשמועסט מיט זיי און באַשלאָסן צונויפרופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די אָנגעשטעלטע און באַהאַנדלען זייער פראַגע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט ער צו יעדן אָנגעשטעלטן באַזונדער געשיקט אַן איינלאַדונגס־קאַרטע מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „ג. ה. מען לאַדט אייך איין צו קומען שבת דעם 11טן יוני האַלב צוויי אַ זייגער ביי טאָג אין דעם זאַל „פּאַריז" אויף צו באַהאַנדלען אייניקע פראַגן, וואָס זיינען נוגע די אָנגעשטעלטע פון דער שטאָט מינסק. ביים אריינגאַנג דורכאויס ווייזן אַט די קאַרטע". די גרופּע פון דער פרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע, באַטראַכטנדיק דאָס אַלס מעגלעכקייט אוועקצושטעלן די אָנגעשטעלטע אויף אַ לעגאַלן באָדן און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די עקסיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציע פון די אָנגעשטעלטע איז זייער שוואַך, זי אָטעמט נאָר פון איין אומלעגאַלקייט און איז ניט פעיִק צו געבן עפּעס פּראַקטיש־נוצלעכס אין עקאָנאָמישן זינען, האָט זי אָנגעהויבן פירן אַן אַגיטאַציע מען זאָל שטיצן וואַסיליעווס פאָרשלאָג, הגם זיי האָבן זיך ניט גערעכנט אויף קיין ערפאָלג, ווייל די ידיעה וועגן אַט דער איינלאַדונג האָבן זיי באַקומען שפּעט און די צייט איז געווען אַ קורצע. די רעוואָלוציאָנערן ווידער האָבן באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן די אָנגעשטעלטע זיי זאָלן גיין אויף דער פאַרזאַמלונג, און דערמיט ווייזן וואַסיליעוון זייער פאַראַכטונג און אים עפנטלעך, אַזוי צו זאָגן, פאַרשעמען: אַזוי פיל פּאָמפּע און פייערלעכע שטימונג האָט ער געהאַט בעת דער צוגרייטונג, און אינמיטן דעריִנען וועט ער בלייבן אין זאַל איינינקער אַליין!

אין באַשטימטן טאָג און שעה האָבן זיך געעפנט די טירן פון דעם זאַל „פּאַריז". די אַגיטאַציע פון דער פרידלעכער גרופּע האָט אויפגעטאָן דאָס, וואָס בערך 400 מאַן פון דער מאַסע זיינען געקומען אויף דער פאַרזאַמלונג. וואָס שייך ווידער די אָרגאַניזירטע, איז, אונטערן איינפלוס פון די אַגיטאַטאָרן, קיינער פון זיי ניט געקומען.

ווען עס האָט זיך נאָך גרויס מי איינגעגעבן איינצושטעלן די אָרדענונג, האָט דער פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו אָנגעהויבן זיין רעדע. ער האָט

גערעדט לאנג, שיין, היים און פייערדיק, ער האט דערוויזן די שעדלעכ־קייט פון דעם פאליטישן קאמף, דערקלערט, פארוואס די אינטעליגענץ שטייט צו צו דער ארבעטער־באוועגונג, זיי גערופן זיי זאלן זוכן דעם לעגאלן וועג צו באפרידיקן זייערע אינטערעסן, זיי צוגעזאגט זיין הילף צו יעדער צייט און ביי יעדער גערעכטער פאדערונג. ער האט זיי געווארנט, אז יעדע אומלעגאלע טעטיקייט וועט ער פארפאלגן אויף דעם הארבסטן אופן און זי אויסווארצלען מיט די שטרענגסטע מיטלען, ער האט אויס־גערדיקט זיין טיפסטן צער צוליב דעם, וואס די בעסטע מענטשן, די סאמע פעיקסטע, טיכטיקע און מסירת־נפשדיקע קומען אומזיסט און אומנישט אום אין די טורמעס, און עס איז קיין אנדער אויסוועג ניטא, צו באפרייען די מלוכה פון זייער שעדלעכער טעטיקייט, ווי דאס ארויס־שיקן זיי אין די וויטסטע, פארווארפנסטע ערטער פון דעם לאנד; גע־בעטן אלעמען צו ארבעטן אויף דעם פרידלעכן אופן און צוגעזאגט די פארזאמלטע זיך היים נעמען צו זייער זאך. דער גאנצער זאל האט אויפגע־ציטערט פון די גוואלטיקע אפלאדיסמענטן, וועלכע זיינען געווען אן ענט־פער אויף זיין רעדע. דער עולם האט אים שיר ניט צעריסן און פון גרויס התפעלות אים געוואלט הייבן אין דער לופטן. אויף מאנטאג איז באשלאסן געווארן צו רופן א פארזאמלונג, אויף וועלכער מען וועט דארפן ענדגילטיק אויסארבעטן די פאדערונגען, און נאכדעם וועט דער פאלקאווניק וואסיליעוו זיין דער בורר.

„וואונדערלעך איז די פסיכאלאגיע פון דעם המון, — באמערקט מיין קארעספאנדענט, — אט אפלאדירט ער דעם רעוואלוציאנער, און אט איז ער גרייט הייבן אין דער לופטן א זשאנדארמעריע־פאלקאווניק!"

אין אוונט פון דעם אויבנבאשריבענעם טאג איז די גאנצע שטאט געווען אזוי ווי עלעקטריזירט; עס הייבן זיך אן ריידערייען וועגן דעם, אז מען מוז ענדערן די אלטע טאקטיק, ווארעם די אבסטרוקציעס זיינען שוין אוממעגלעך, אויב די רעוואלוציאנערן ווילן נאר ניט אינגאנצן ארויסלאזן די מאסע פון זייערע הענט.

דער באשריבענער קאמף פון דעם רעוואלוציאנערן עלעמענט מיט דעם פראפעסיאנעלן — אין מינסק; די פולע דערנידערונג פון דעם ערשטן אין מאסקווע; די ענלעכע אמפעריייען אין כארקאוו צווישן די מיטגלידער פון געזעלשאפט פון קעגנזייטיקער הילף מיט די פראפאגאנ־דיסטן; די לעבעדיקע ארטעל־באוועגונג אין אדעס, וועלכע איז אינגאנצן אפגעפרעמדט פון דער פאליטיק — זיינען סימנים פון דער אויפוואכונג פון דער ארבעטער־מאסע און פון איר ווילן זיך שטעלן אויף אירע אייגענע פיס מחוץ דער אויפזיכט פון די רעוואלוציאנערן און אונטער דעם שוץ

פון דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג. בכלל דאַרף מען אָנערקענען, אַז די אַלע איצטיקע בונטן און די איבעריקע אומאָרדענונגען קומען פאַר אויסער דעם באַוווסטזיניקן אָנטייל פון די מאַסן, נאָר אויסשליסלעך אונטער דער ווירקונג פון די אויסערלעכע פאַקטאָרן און אויפן באָדן פון זייער פינסטערקייט און דאָס פעלן פון אַ גענוגנדיקער אויפמערקזאַמקייט צו די נאָענטסטע נייטן פון דעם אַרבעטס־פאָלק און פון אַ ריכטיקער אוטאָריטעטער אָנפירונג מיט זיינע אינטערעסן" [1].

אויף זובאַטאָווס בריוו האָט דער דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַר־טאַמענט ס. ע. זוואָלינסקי געמאַכט אַ באַמערקונג: „דאָס זיינען זייער אינטערעסאַנטע פרוון. אָבער מען קאָן זיי, געוויינלעך, דערלאָזן נאָר דאָרט, וווּ עס זיינען פאַראַן פאַרשטאַנדיקע מענטשן און זיי ווייסן וועגן וואָס און ווי אַזוי צו ריידן".

דאָך גיט ניט אַלץ אין דעם דאָזיקן בריוו אונז אַ ריכטיקע פאָר־שטעלונג וועגן דער דעמאָלטיקער לאַגע אין מינסק. אָט לאָמיר נעמען דאָס אָרט, וווּ עס רעדט זיך וועגן וואַסיליעווס אַרויסטרעטונג אויף דער פאַרזאַמלונג פון די אָנגעשטעלטע און וועגן דער ווירקונג, וואָס זיין רעדע האָט געמאַכט. וועגן דעם איז פאַראַן אַן עדות־ראיה אין אַן אַנדער קוועלע: אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דעם „מינסקער אַרבעטער". לויט די ווערטער פון דעם קאָרעספּאָנדענט זעט די זאַך אויס אַ ביסל אַנדערש.

„...וואַסיליעוו האָט איינגעאָרדנט אין דעם זאַל „פּאַריז" אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון די אָנגעשטעלטע און האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ פייער־דיקע רעדע. ער האָט גערעדט זייער ווייך און קלוגיטשק, ער האָט געוואָרנט פאַר די „פאַרשאָלטענע אַגיטאַטאָרן" און געעצהט, מען זאָל נאָר אים פאָלגן, ווייל נאָר ער, וואַסיליעוו, איז ווירקלעך אימשטאַנד צו פאַרבעסערן זייער לאַגע, נאָר אויב זיי וועלן, חס וחלילה, ניט פאָלגן זיין עצה און וועלן גיין נאָך די רעוואָלוציאָנערן, וועט ער פאַר זיי עפענען די שבעה מדורי גיהנום און זיי דערטרינקען אין אַ ים פון לייד און פּיין. אויף די אָנגעשטעלטע האָט אָבער זיין רעדע ניט געמאַכט קיין באַזונדערס שטאַרקן רושם. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי האָבן פאַר זיך אַ באַשיצער פון די באַ־לעבאַטימס אינטערעסן, וועלכער האָט אָנגעטאָן אַ מאַסקע, כדי זיכערער צו פאַרניכטן זייער באַוועגונג, אַז וואַסיליעוו האַלט אַ רעדע פאַר די אָנגעשטעלטע ניט דערפאַר, וואָס ער איז אויסן זייער טובה, נאָר דער־

1 ענינים פון היסט.־רעוו. אַרכיוו, פון געה. פּאָליצ.־דעפּ., נומ' 5, טייל 16, ב. ו, בויגן 28—31.

פאר, וואָס די זשאנדארמען פון די העכערע פענסטער האָבן אים באַפוילן אזוי צו ריידן".

„...זיי פארשטייען גוט די קונצן פון דעם צארס געטרייע משרתים, זיי זעען, ווי אזוי דער בארג פון וואסיליעווס און זובאטאָווס צוזאָגעכצן האָט געבוירן א מויז, די „הילף־קאסעס", און זיי באמערקן שוין די פאסטקע, אין וועלכער די זשאנדארן ווילן זיי פארנארן. דעריבער לאָבן זיי פון זייערע רעדעס, פון זייערע צוזאָגעכצן און עצות און גייען פאָראויס מיטן וועג פון קאמף. דעם 23טן יוני 1901 האָבן די אָנגעשטעלטע געפייערט דעם ערשטן יאָרטאָג פון דער גרינדונג פון זייער פאראיין; זיי זיינען געווען באגייסטערט פון די גרויסע דערפאָלגן, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן פאר אזא קורצער צייט. זיי האָבן זיך דערשלאָגן באדייטנדיקע פארבעסערונגען פון זייער עקאָנאָמישער לאגע, זיינען אויסגעוואקסן אין גייסטיקן זין, און פילן אין זיך גענוג קראפט כדי מיט נאָך מער באגייסטערונג און ענערגיע פירן ווייטער דעם קאמף פאר דער קארדינאלער פארבעסערונג פון זייער עקאָנאָמישער לאגע און פאר דער באפרייונג פון אונטער דעם פּאָליטישן יאָך" [1].

אין דער ווייטערדיקער מיטטיילונג אין דעם פּאָליציי־דעפּארטאַמענט פון 27טן יוני 1901 האָט ס. זובאטאָוו מודיע געווען וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע ער האָט באקומען פון מאָסקווע: „מיט די אָנגעשטעלטע איז נאָך דערוויַיל גאָרניט. די אויסגעקליבענע פאָרשטייער, וועלכע האָבן געדארפט אזעלכע זיין, אין עקסטרעאָרדינארע פאלן, זיינען ערגעץ פארפאלן געוואָרן און דערוויַיל איז נאָך אלץ גאָרנישט מיט נישט. דעם 21טן יוני האָט דער פּאָלקאָווניק וואסיליעוו איינגעלאדן צו זיך די באלעבאטים. יענע האָבן ניט געוואָלט קומען. ער האָט ביי זיי גענומען אונטערשריפטן און דעמאָלט ערשט זיינען געקומען א מאן 30. ער האָט זיך צו זיי געווענדט מיט אן איבערצייגנדיקער רעדע. זיי האָבן אויסגעהערט און געשוויגן. עס האָט זיך באקומען א היפוך פון דעם לעצטן אינצידענט — דאָרט האָב די ארבעטער אפּלאָדירט דעם זשאנדארמעריעפּאָלקאָווניק, און דאָ האָבן די באלעבאטים הכנעהדיק זיך געבייזערט. אויף דעם פּאָלקאָווניק וואסיליעווס פראגע, וואָס זיי, די באלעבאטים, ווילן, אויף וואָס זיי גייען איין און אויף וואָס נישט, איז ניט געווען קיין איינשטימיקער ענטפער, אלע 30 באלעבאטים האָבן סותר געווען איינער דעם אנדערן, און יעדערער האָט אָפּגעוואָרפן די מיינונגען פון זיין קאָנקורענט. געענדיקט האָט זיך דאָס מיט דעם, וואָס וואסיליעוו האָט זיי

[1] „מינסקער ארבעטער", נומ' 4, ציטירט לויט די „פּאָסל. איזוועסטיא", נומ' 55.

פאַרפליכטעט מיט אַן אונטערשריפט צו קומען דעם קומענדיקן דאָנערשטאָג אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג („אופּראַווע”), ווו מען וועט זיי דערקלערן די ווירקלעכע לאַגע. אויף דעם 24טן יוני איז באַשטימט דער שטרייק פון די סטאָלאַרעס אין צאָל פון 1000 מאַן. נאָכדעם, ווי די שלאָסערס האָבן געוווּנען, האָבן די סטאָלאַרעס זיך אָנגעהויבן קאָכן. אַלע שבת און אינדערוואָכן זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער, און די ניט־אָרגאַניזירטע מאַסע האָט אָנגעהויבן פאָדערן אַ שטרייק. דער אָרגאַניזירטער טייל האָט, צוליב געלט־שוועריקייטן, איינגעהאַלטן די מאַסע און זי אָפּגערעדט פון שטרייק. די אָנגעשטרענגטקייט פון דער שטימונג איז אַזאַ, אַז עס איז אוממעגלעך זיי איינצוהאַלטן, און דעריבער, כדי אויסצומיידן אַ סטיכישן שטרייק, ווערט ערקלערט אַן אָרגאַניזירטער. אויף דער פראַגע, ווי אַזוי די פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע וועלן זיך האַלטן אין דעם פאַל, אויב דער פאָלקאָווניק וואַסיליעוו וועט זיך אַריינמישן אין דעם שטרייק, זיינען זיי לכתחילה אויפגעבראַכט געוועזן פון דעם איינעם געדאַנק וועגן אַזאַ מעגלעכקייט, ווייל זיי האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אָנקומען נאָך זיין טובה, און אַז מען האָט געטענהט, אַז אַזאַ מעגלעכקייט קאָן יאָ זיין, ווי דאָס איז שוין איינמאָל געווען, בשעת די ניט־אָרגאַניזירטע מאַסע האָט זיך גאָר אַנדערש באַצויגן צו וואַסיליעווס אינטערווענץ (אַפּלאָדיסמענטן און התפעלות), האָבן זיי געענטפערט מיט אַ פאָרשלאָג איינצואָרדענען אַ דעמאָנסטראַציע קעגן אים. און ווען מען האָט דעם אָרגאַניזירטן טייל אָנגעוויזן, אַז די ניט־אָרגאַניזירטע מאַסע וועט איגנאָרירן די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע און וועט אַלצאיינס גיין נאָך דעם פאָלקאָווניק, אויב ער וועט זיך אַריינמישן, ווייל דאָס איז געוואָרן זיין סיסטעם, האָט זי, דער אָרגאַניזירטער טייל, באַשלאָסן צו פאָדערן פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, פון פרעסע, פון וואָרט וכדומה אַזעלכע נאַרישקייטן. די אָנהענגער פון דער פרידלעכער פראָגראַם האָבן אויף דעם געענטפערט מיט אַ געלעכטער, וואָרעם עס איז פשוט לעכערלעך געווען צוצוזען, ווי אַזוי מענטשן, פראַקטישע, קלוגע, ווערן מיטאַמאָל קינדער און הייבן אָן פּלאַפּלען, ווען עס קומט נאָר צו רייד וועגן אַזעלכע זאַכן, צו וועלכע זיי זיינען ניט געוווינט, און דער עיקר, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער רעגירונגס־מאַכט. סוף־כל־סוף האָבן די אָרגאַניזירטע סטאָלאַרעס באַשלאָסן: אויב דער פאָלקאָווניק וואַסיליעוו וועט זיך אַריינמישן אין דעם שטרייק, וועט זיי רופן און פאָדערן פון זיי ערקלערונגען, גיין צו אים מיט די בעסטע אָרגאַניזירטע קרעפטן און אים ערקלערן זייערע פאָדערונגען, און אויב וואַסיליעוו וועט וועלן זיין דער שיידריכטער, זאָל מען אָננעמען זיין באַשלוס נאָר אין דעם פאַל,

אויב ער וועט באַפרידיקן זייערע פאָדערונגען, און אויב ניט — פירן ווייטער דעם שטרייק. אויב די אַרבעטער וועלן זיין קאָרעקט, וועט, געוויינלעך, אַלץ דורכגיין גוט, פאַרשטאַנדיק און וועט האָבן אַ גוטע פּעולה אויף ווייטער, נאָר עס איז זייער שווער צו גלויבן אין זייער קאָרעקטקייט און באַרויִקן זיך וועט מען ערשט קענען דעמאָלט, ווען אַלץ וועט זיך ענדיקן בכי טוב". אָט דאָ ענדיקט זיך די מיטטיילונג פון דעם „אומאָפּהענגיקן", דעם קאָרעספּאָנדענט. ווייטער קומען זובאַטאָווס זייער אינטערעסאַנטע אויספירונגען: „פון אָט דער אויפדיכטיקער, פולקום אָביעקטיווער באַשרייבונג פון דער לאַגע אין מינסק ווערט קלאָר דער גאַנצער פּלאָנטער אירער. די באַשליסנדיקע ראָלע געהערט פאָרט דער גרויער ניט־אָרגאַניזירטער מאַסע, וועלכע גייט אויף יעדן מעגלעכן סקאַנדאַל און איז לגמרי ניט פעיִק צו וועלכער ניט איז זינלעכער סיסטעמאַטישער טעטיקייט. לעבן איר שטייט אַ גרופּע מענטשן, וועלכע זיינען להוט צו אוזורפּירן איר ווילן און שטימונג לטובת זייערע פּאַרטיי־צוועקן, און דאָ אין איין שורה מיט זיי — אַ פאָרשטייער פון דער רעגירונגס־מאַכט, וועמעס גוטע כוונות די אוזורפּאַטאָרן ווילן פּאַראַליזירן דורך אַ געהעריקער אַרויספאָדערונג פון די מאַסן אויף אַ סקאַנדאַל, וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז ער קאָן ניט, לויט זיין אָפיציעלן אַמט, זיך באַציִען צו דעם גלייכגילטיק, און אויספילנדיק זיינע פליכטן, ניט אָפּנויגן זיך פון דער עצם פראַגע; און פון דער אַנדערער זייט, איז די ניט־אָרגאַניזירטע מאַסע אפילו ניט פעיִק צו פאָרמולירן אירע נייטן און פאָדערונגען בשעת די אויפזיכט־אַדמיניסטראַציע פאַרלאַנגט דאָס פון זיי, אַזוי, אַז דער לעצטער קומט אויס ניט נאָר מיטצוהעלפן עס זאָלן באַפרידיקט ווערן די גערעכטע פאָדערונגען, נאָר אויך פטרן צייט און קרעפטן אויף פעסטצושטעלן אָט די פאָדערונגען; מיט איין וואָרט, נאָר אַן אויסערסט אויפמערקזאַמע, אַלזייטיקע און מסירת־נפשדיקע באַציִונג פון דער זשאַנדאַרמעריע־מאַכט צו דער זאַך קאָן ברענגען אָט דעם גאַנצן פּלאָנטער פון די פאַרהעלטענישן אין אָרדענונג און זיי דערפירן צו אַ גוטן און פרידלעכן סוף. די אַרבעט איז זייער אַ שווערע, אַ דריבנע און אַ אומרויִקע, נאָר דערפאַר איז זי די איינציקע פּראָדוקטיווע ביי דעם איצטיקן ניוואָ פון דער אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן. אַ געוויסע פאַרלייכטערונג אין אָט דער אַרבעט קאָן זיין דאָס באַווייזן זיך פון אַ נייע גרופּע פּערזאָנען, וועלכע איז פרעמד דעם ראַדיקאַליזם, וואָס ווערנדיק אַ מיטהעלפערין דער רעגירונגס־מאַכט, זאָל זיין אַ קאָנקורענטין די רעוואָלוציאָנערן אין ענין פון אָנפירן מיט דער ניט־אָרגאַניזירטער מאַסע. דאָס אָרגאַניזירן אָט אַזאַ קראַפט איז די אויפגאַבע פון איצטיקן מאָמענט. זי וועט פאַרלייכטערן די טעטיקייט פון דער רעגירונגס־מאַכט, פּאַראַליזירן די רעוואָלוציאָנערן

און העלפן דער מאַסע אין זין פון פאַרבעסערן איר מאַטעריעלע (לאַגע?)״ [1].

אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן באַ־אומרויִקן מיט וואַסיליעווס טעטיקייט. מען האָט זיך צו איר באַצויגן ניט מיט אַזאַ צוטרוי, ווי זובאַטאָוו. אויף דעם ציטירטן בריוו זובאַטאָווס איז געמאַכט געוואָרן פאָלגנדיקע באַמערקונג־רעזאָלוציע: „איך האָב אַ ביסל מורא, אַז פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו זאָל ניט אַוועק צו ווייט״.

אַן אַ־מבאַוווסטער קאָרעספּאָנדענט האָט דעם 10טן יולי 1901 גע־שריבן צו זובאַטאָוון פון מינסק: „באַגריסט מיך מיטן זיג, מיט אַ גרויסן זיג. דערגרייכט געוואָרן איז ער אויף פאָלגנדיקן אופן: איך בין צוגע־טראָטן צו דעם, כּדי אויפצורעגן די מאַסע. פיר הויפּט־פּאָבן — די סטאָ־לאַרעס, שלאָסערס, איינבינדער און בערשטער — זיינען געוואָרן אויפ־געבראַכט אויף דער אָרגאַניזאַציע (דער רעוואָלוציאָנערער) און האָבן געוואָלט אַרויסטרעטן פון איר און בלויז מיט גרוים מי האָט זיך מיר איינגעגעבן זיי צוריקצוהאַלטן פון דעם. טשעמעריסקי איז אינגאַנצן אַרי־בער אין אונזער גלויבן; איך ווייס ניט, צי האָט ער זיך פאַרליבט אָדער זיך ווירקלעך איבערצייגט, נאָר ער איז געוואָרן דער פּלאַמיקסטער פּרעדי־קער פון דעם שטאַנדפּונקט, וועלכן איך פאַרטיידיק. זייענדיק אַ מיטגליד פון דעם מינסקער קאָמיטעט, האָט ער דעם לעצטן דערפירט ביז אַזאַ שטופּע, אַז די קאָמיטעט־מיטגלידער האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט אַר־בעטן און אַזוי ווי צעטראָגענע אָנגעהויבן אַרומלויפן איינער צום צווייטן מיט דער פראַגע, ווי אַזוי זיך אַרויסראַטעווען פון אָט דעם מצב. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז זיי האָבן, פאַרגעסנדיק אַלע קאָנספּיראַציעס, זיך אַלע פאַרזאַמלט ביי מיר, כּדי צו קומען צו וועלכן ניט איז הסכּם. מ׳דאַרף מודה זיין, אַז דער קאַמף איז געווען אַ שווערער. מיר זיינען אָפּ־געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און מיר איז אויסגעקומען צו ריידן 12 שעה דורכאַנאַנד. עס האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג. די אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן, אַז עס איז נייטיק צו האָבן לעגאַלע אינסטיטוציעס און לעגאַ־ליזירן די באַוועגונג, אַ לעגאַליזאַציע אַ בהדרגהדיקע און אַ סיסטעמאַ־טישע, און ניט קיין שנעלע און אומגעלומפּערטע, כּדי דערמיט אינגאַנצן ניט צעמישן די מוחות פון דער מאַסע. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פון לעגאַלער טעטיקייט; די דאָזיקע אַרבעט האָט מען אַרויפגעלייגט אויף מיר און אויף טשעמעריסקין מיט דער פּליכט צושטעלן די רעזולטאַטן דעם קאָמיטעט. עס איז אויך באַשלאָסן

[1] ענינים נומ׳ 5, טייל 16, בויגן ד, באַז. אָפּס., 1898, בויגן 34—36.

געוואָרן צו שיקן אַ מענטשן אין צענטראַל־קאָמיטעט, כּדי אים מודיע זיין וועגן אַלץ, וואָס עס איז געשען, און אויסהערן זיין מיינונג וועגן דעם. איך האָב איצט אַ גוואַלטיקן איינפלוס, און מען מוז זיך זייער פאָרזיכטיק רעכענען מיט מיר. קיינמאָל האָט נאָך מינסק ניט איבערגעלעבט אַזאַ קריטישן מאָמענט, ווי איצט. מען דאַרף מודה זיין, אַז ערשט דאָ ניט לאַנג האָט זיך נאָך ניט געגלויבט, אַז אַלץ וועט צוגיין אַזוי שנעל; איך בעט אייך, ביי גאָט, זעט נאָר, איר זאָלט איצט קיינעם ניט אַרעסטירן; אין מינסק טאָר מען עס איצט ניט טאָן, דאָס וואָלט געווען אַ שרעקלעכער פּאָליטישער פעלער. וואַרט צו אַ ביסל. די אַרבעט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, נאָר מ'קאָן שוין פאָראויסזען זייער אַ סך. בענטשט מיך און העלפט נאָר דערמאָלט, ווען איך וועל אייך בעטן וועגן דעם"[1].

דער זעלבער קאָרעספּאָנדענט האָט געשריבן: „...ביי אונז האָט זיך אַלץ אַזוי גוט אַוועקגעשטעלט און אַזוי ווייט אַוועק, אַז מען דאַרף מיך שוין דאָ ניט האָבן. די פאַרזאַמלונגען פון די סטאָלאַרעס גייען דורך אויסגעצייכנט. אינטעליגענטע קרעפטן זיינען צוגעקומען. די מענטשן האָבן זיך באמת פאַראינטערעסירט און אָנגעהויבן צו אַרבעטן. עס האָט זיך באַקומען אַן ערלויבעניש פאַר אַלע האַנטווערק־אַרבעטער זיך צו פאַרזאַמלען אין פּריוואַטע דירות, יעדעס מאָל דאַרף מען בלויז מיט עטלעכע שעה פריער מודיע זיין אין צירקל, אַז אין דער און דער שעה אויף דעם און דעם אָרט וועט פאָרקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. שבת דעם 20טן אָקטאָבער איז ערלויבט אַ ליטעראַרישער אָוונט פאַר די אַרבעטער אין דעם זאַל „פּאַריז", אויף וועלכן מען ערוואַרט 1000 אַרבעטער. די פּראָגראַם איז אַן אינטערעסאַנטע, מיט רעדעס און אַן אַרבעטער־כאָר; חוץ דעם האָט מען אַ קאָמיסיע פון אַרבעטער איבערגעגעבן צו קאָנטראָלירן צי עס ווערט אָפּגעהיט דער 12־שעהדיקער אַרבעטסטאָג, און אין פאַל ווען מען איז אויף אים עובר, דאַרפן זיי געבן צו וויסן דער פּאָליציי, זי זאָל צונויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל. דער פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו איז אַ זעלטענער מענטש, ער טוט מער, ווי ער איז ביד. איך דערקען אים גאָרניט. ער האָט מער־קווערדיק אויפגעכאַפּט דעם גייסט פון דער באַוועגונג און איז אויסערגעוויינלעך קאָנסעקווענט. מיט איין וואָרט: דער סאַמע נייטיקסטער און טיכטיקער מענטש. דער עולם האָט זיך אויף אַזויפיל ערצויגן, אַז ער האָט אַוועקגעוואָרפן אַלע פאָראורטיילן, ער רעדט זיך

1 היסט.־רעוו. אַרכיוו, ענינים פון פּאָליצ.־דעפּ., נומ' 5, טייל 16, 1898, באַז. אָפּט., בויגן 52—54, באַריכט פון ס. זובאַטאָוו צום פּאָליצ.־דעפּ. פון 12 יולי 1901, נומ' 9647. דער אויסצוג פון דעם דאָזיקן בריוו איז, וואָרשיינלעך, מ. ווילבושעוויטש.

זייער ליבלעך צונויף מיט דער מאכט און האט אינגאנצן גאר פארגעסן אין זיין אקארשט ניט לאנגער שנאה און פאראכטונג צו דער רעגירונג. די באציִונגען צו אונזער גרופע האבן זיך שטארק געענדערט. די אויס־געשרייען „נידער!” הערט מען שוין ניט. די מולערס זיינען שוין כמעט אלע אונזערע, די איינבינדער אויך, די שלאסער — בלב ונפש, די סטא־לארעס — א העלפט, די אנגעשטעלטע — א העלפט, די בלעכערס — כמעט אלע. מיר האבן דערוואַרט, אז די קאמפאניע וועט זיך איבעריוירן, זיך איבערקאכן, זיך איבערגאגערן און קומען צו זיך, און זיך אומקערן אינגאנצן אן אונזעריקע. אזוי איז דאס טאקע געשען. מיט דער „אומאפ־העננגיקער ארבעטער־פארטיי” רעכנט מען זיך ווי מיט א קראפט. איבער דעם גאנצן צפון־מערבדיקן קאנט גייען ארום פלאי־פלאימדיקע לעגענדעס. א סך קומען אהער צו פארן, כדי זיך איבערצייגן אויפן ארט, דערביי פארן אייניקע אוועק מיט ציין־קריצעניש, און די אנדערע מיט א גאנצן ים ספקות. דער „בונד” ארבעט זייער אינטענסיוו. עס זיינען פון ערגעץ אנגעקומען נייע קרעפטן און די, וואס האבן פריער געשוויגן, האבן אנ־געהויבן ריידן. די דעמאקראטישע אינטעליגענץ איז פול מיט האס, נאר פאר אונזער באוועגונג איז דאס איצט כמעט ניט שעדלעך, און מיר אלע באציען זיך צו דעם גאנץ קאלטבלוטיק. אונזער גאנצער כוח איז איצט נאר אין דער לעגאליזאציע און אין דער פרעסע. איך וועל ניט פארהוילן, אז א שטיקל צייט האט ביי אונז אלעמען געהערשט אזא פיינלעכע און שווערע שטימונג, אז אפט פלעגן מיר אין זיך פארשעלטן, וואס מיר האבן גאר אנגעהויבן אט די זאך. דאס איז געווען אין דער צייט, ווען עס זיינען פארגעקומען שרעקלעכע רייסערייען אין די פאכן גופא. סיי „זייערע”, סיי „אונזערע” זיינען ארויס פון די כלים און אפטמאל פלעגט קומען צו בלוטיקע געשלעגן. א ברודער איז אויפגעשטאנען קעגן זיין ברודער און מיט א בלינדער פארביטערטקייט פארסמט איינער דעם צווייטן דאס לעבן. פון דעם „בונדס” זייט האט זיך אנטוויקלט א געפערלעך נאכ־שפיאנירן, כדי זיך צו דערוויסן, וואס ביי אונז טוט זיך, און עס איז שוין דערגאנגען ביז פראוואקאציעס. מיט איין ווארט, א שמוציקער אפווארף־גרוב אנשטאט א אידעע; אזא שנאה — אנשטאט ליבע און שלום; אזא פלאנטער און כאאס פון די געדאנקען — אנשטאט קלארקייט, אז פאר מיינע פילבארע נערוון איז דאס געווען אן אמתער סם. נאר איצט האט זיך דאס איינגעשטילט. מען איז געקומען צום שכל — און „דער אויפ־געבראוזטער ים” האט זיך בארויִקט”[1].

---

[1] דארט, בויגנס 74—75, מיטטיילונג פון ס. זובאטאוו צו דעם פאליצ.־דעפ. פון 18 אקטאבער 1901, נומ׳ 13.266.

אין א בריוו צו זובאַטאָוון פון דער זעלבער פערזאָן ווערט גע־
שריבן: „...שבת דעם 20טן אָקטאָבער איז פאָרגעקומען דער ארבעטער־
אָוונט, פון וועלכן איך האָב אייך פריער געשריבן, ד"ה דער יום־טוב פון
אונזער אומאָפּהענגיקער פּאַרטיי. עס זיינען געווען בערך 1500 ארבעטער
און א מענגע דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ. דער איינדרוק איז געווען
א גוואַלטיקער און די אידעע פון לעגאַליזאַציע האָט מנצח געווען פיל
מוחות און די בונדיסטן האָבן זיך געפונען אין א שרעקלעך אומאָנגע־
נעמער לאַגע. א גאַנצע וואָך פאַר דעם יום־טוב האָבן זיי אַגיטירט קעגן
אָט דעם אָוונט. אייניקע זיינען דערגאַנגען צו אַזאַ פאַנאַטיזם, אַז זיי
פלעגן זיך געהיים פאַרזאַמלען און פאַרברענען די בילעטן, וואָס זיי האָבן
געקויפט אויפן אָוונט; אייניקע האָבן אויפגעקויפט בילעטן און אין די
טיי־הייזער זיי פאַר אַלעמען אין די אויגן צעריסן. דער קאָמיטעט האָט
מיט א כיוון באַשטימט אויף אָט דעם אָוונט פאַרזאַמלונגען כמעט אין
אַלע פאַכן. צווישן דער מאַסע האָט מען פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די פינף־
קאָפּיקענע, וועלכע מען נעמט פון יעדן בילעט, וועלן איבערגיין אין רשות
פון פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו. די אָרגאַניזירטע ארבעטער האָבן געברענט
צו נעמען נקמה פון אָט די „לעגאַליזאַטאָרן" און „צעשטערער". אויף
מיר האָט מען ווידער געמאַכט אַן אָנפאַל, אָבער ניט קיין געלונגענעם.
מען האָט געוואָלט שלאָגן צוויי מיידלעך „בונדאָווקעס", וועלכע האָבן זיך
באַטייליקט אין דעם כאָר. מיט איין וואָרט, מען האָט געטאָן אַלץ, וואָס
עס האָט זיך נאָר געלאָזט, כדי צו ווירקן אויף דעם עולם, נאָר עס האָט
זיך זיי ניט איינגעגעבן. ביי דעם אַריינגאַנג זיינען פאָרגעקומען שרעק־
לעכע סקאַנדאַלן. די אומגליקלעכע פּאָליציאַנטן זיינען פשוט צעריסן גע־
וואָרן אויף שטיקער פון דעם שרעקלעכן געדראַנג פון דעם עולם, וואָס
האָט זיך געוואָלט אַריינרייסן. א טויזנט־קעפּיקער עולם איז געשטאַנען
אינדרויסן מיט דער האָפענונג, אפשר וועט זיך פּאָרט איינגעבן אַריינ־
צובאַקומען זיך. די וואָס זיינען געווען אויף דעם אָוונט האָבן זיך גע־
פילט פריי און זיך פריי געהאַלטן, און ניט געקוקט אויף דעם, האָט קיינער
ניט עובר געווען אויף דעם, וואָס עס איז געווען דערלויבט. מען האָט
געהאַלטן זייער פיינע רעדעס און אַלס רעזולטאַט האָט זיך באַקומען
א פולקומער נצחון פון דער לעגאַליזאַציע. אינמיטן אָוונט זיינען גע־
קומען צו פאָרן דער פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו מיט דעם פּאָליצמייסטער,
נאָר זיי זיינען געווען אַזויפיל טאַקטיש, אַז זיי זיינען ניט אַריינ־
געגאַנגען אין זאַל, זיי האָבן גערעדט נאָר מיט מיר אין דער גאַרדעראָבע,
געבעטן מען זאָל זיך גוט אויפפירן, און באַפוילן די פּריסטאַווס זיי זאָלן
ניט אַריינגיין אינעווייניק אין זאַל אַריין. דער יום־טוב האָט געהאַט

אַ מוראַדיקע אַגיטאַציע־באַדייטונג, וועלכע עס איז לגמרי שווער געווען צו דערוואַרטן. דעם קומענדיקן שבת, דעם 27טן אָקטאָבער, עפענען זיך אויף פאַרזאַמלונגען און שמועסן פאַר די אַרבעטער פון אַלע פאַכן.

לייענט איבער אין דעם לעצטן נומער „בודושטשנאָסט״* דעם אַר־טיקל וועגן דעם קלוב פון די סטאָלאַרעס, — זייער אינטערעסאַנט. אויב די רעגירונג וועט זיך איצט נאָר ניט דערשרעקן, און וועט ניט צוריקציען דאָס געגעבענע, וועט זי מאַכן אַ גוזאַלטיקע איבערקערעניש אין גאַנץ רוסלאַנד. לויט מיין מיינונג איז איצט נייטיק אַ צוזאַמענפאָר פון זשאַנדאַרמען, וווּ זיי זאָלן באַקומען די געהעריקע אינסטרוקציע, ווי אַזוי זיך צו האַלטן אין באַצוג צו דער עקאָנאָמישער באַוועגונג, און דער עיקר אין דער צייט פון אַ שטרייק״ [1].

דאָך זיינען די פאַרזאַמלונגען פון די „אומאָפּהענגיקע״ ניט אַלע מאָל אַראָפּ גלאַטיק.

דעם 30טן מאַי 1902, דעם צווייטן טאָג שבועות, האָבן זיי אין מינסק איינגעאָרדנט אַן „אַרבעטער־יום־טוב״, עס האָבן זיך באַ־טייליקט אַן ערך 800—1000 אַרבעטער. דער „יום־טוב״ האָט ביי די „בונדיסטן״ אַרויסגערופן אַ גרויסן פאַרדרוס, ווייל ער איז פאָרגעקומען אין צוויי טעג אַרום נאָכדעם, ווי מען האָט אין ווילנע אויפגעהאַנגען דעם אַרבעטער הירש לעקערט, וועלכער האָט געשאָסן אויף דעם ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָן־וואַל, פאַר זיין באַפעל צו שמייסן די דע־מאָנסטראַנטן. די בונדיסטן האָבן באַשלאָסן אַראָפּצורייסן אָט דעם „אַר־בעטער־יום־טוב״. בשעת מען האָט געלייענט דעם באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון די „אומאָפּהענגיקע״, האָט מען איבער דעם גאַנצן זאַל פונאַנדערגעוואָרפן פּראָקלאַמאַציעס פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״ וועגן לעקערטס שאָס, און עס האָבן זיך דערהערט אויסרופן: „נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט!״, „נידער מיט די „זובאַטאָווצעס!״, „נידער מיט די „אומאָפּהענגיקע!״. עס האָט אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. דער עולם האָט זיך אַ צעשראָקענער אַ וואָרף געטאָן צו די טירן און פענסטער. מען האָט גלייך אַרויסגערופן פּאָליציי.

---

* אַ רוסיש־יידישער זשורנאַל מיט דערגרייכעריש ציוניסטישע טענדענצן, דער־שיינט אין פּעטערבורג, אין יאָר 1901. באַמ. פון איבערזעצער.

1 דאָרט, מיטטיילונג פון ס. זובאַטאָוון צום פּאָליצ.־דעפּ. פון 24 אָקט. 1901 נומ׳ 13461.

וועגן דער ווייטערדיקער טעטיקייט פון די „אומאפהענגיקע" דער־ציילט וואסיליעוו אין זיין באריכט צו דעם פאליציי־דעפארטאמענט פון 1טן נאוועמבער 1902 פאלגנדעס:

„...עס איז פאראן א פארטיי־קאמיטעט, וועלכער באשטייט פון פארשטייער פון מינסקער, אדעסער און ווילנער ארבעטער־קאמיטעטן אין דער צאל פון צען פערזאן און פון אן אויספיר־ביורא, וועלכע געפינט זיך אין מינסק ביי דעם ערשטן צוזאמענפאר פון דעם פארטיי־קאמיטעט. די אויספיר־ביורא באשטייט פון 6 פערזאן, זי פירט אן מיט אלע פארטיי־ענינים, גיט ארויס פאלעמישע ליטעראטור קעגן די רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס, שיקט אגיטאטארן, האט פארבינדונגען מיט די שטעט, וווּ די עקאנאמישע באוועגונג עקסיסטירט שוין און וווּ אזעלכע הייבט זיך ערשט אן, ארדנט איין פארטיי־דיסקוסיעס, ד"ה זי לאדט איין די אר־בעטער, וועלכע זי האלט פאר פעיקע, אויף די דיסקוסיעס וועגן פארטיי־פראגן, כדי אויסצואַרבעטן פון זיי אידעיִשע אנפירער פון דער פראפע־סיאנעלער באוועגונג אאז"וו אאז"וו. נאך א גאנץ יאר אינערלעכער אר־בעט האט די מינסקער ארגאניזאציע אנגענומען פאלגנדיקע פארמען:

די ארבעטער און די אנגעשטעלטע ארגאניזירן זיך לויט די פאכן אין פאראיינען. ניט אלע ארבעטער פון פאך טרעטן אריין אין דעם פאראיין, נאר ער האט אן איינפלוס אויף אלע איבעריקע ארבעטער.

די מיטגלידער פון די פאראיינען קלייבן אויס א פארוואלטונג, וועלכע באשטייט פון 8 ביז 10 מאן.

די פארוואלטונג אדער דער אזוי־גערופענער „ראט" פירט אן מיט אלע ענינים פון דעם פאך, גיט אכטונג אויף אלע, וואס טוט זיך אין די ווארשטאטן, ליקווידירט די מיספארשטייענישן, וואס קומען פאר צווישן די באלעבאטים און די ארבעטער, ווערבירט נייע מיטגלידער אין פאראיין, ארדנט איין פאך־פארזאמלונגען, פירט אן מיט דער ביבליאטעק, וועלכע איז פאראן ביי יעדער פאראיין און פאראיין־קאסע.

די קאסע איז באשטימט נאר אויף דעם פאל פון א שטרייק. און יעדער פאראיינס־מיטגליד צאלט אין איר צו 5 קאפיקעס א וואך. יעדער פאראיין איז אויטאנאם אין זיין טעטיקייט, נאר ער איז פארבונדן מיט די איבעריקע פאראיינען דורך דעם ארבעטער־קאמיטעט, וועלכער בא־שטייט פון פארשטייער פון אלע פאראיינען.

די פארשטייער קלייבן אויס די „ראטן" צו איינעם אדער צו צוויי פון א פאראיין, און דער קאמיטעט אליין קאאפטירט צו זיך אזעלכע מענטשן, וועלכע ער האלט פאר נוצלעכע.

דער אַרבעטער־קאָמיטעט פירט אָן מיט די אַלגעמיינע ענינים פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס.

ביי דעם קאָמיטעט געפינט זיך אַ קולטור־קאָמיסיע, וועלכע באַ־שטייט פון אייניקע מיטגלידער פון קאָמיטעט און עטלעכע אינטעליגענטן, וועלכע סימפּאַטיזירן דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

די קולטור־קאָמיסיע אָרדנט איין אַלגעמיינע פאָרלעזונגען, לעק־ציעס, רעפעראַטן וועגן פראַגן, וואָס אינטערעסירן דעם אַרבעטער. ביי דעם קאָמיטעט געפינט זיך אַן אַגיטאַטאָרן־קאָמיסיע, וועלכע גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיט אַגיטירן די אַרבעטער, זיי זאָלן בילדן נייע פאַראיינען אין די פאַכן, וועלכע זיינען נאָך ביז איצט ניט אָרגאַניזירט געוואָרן אָדער וועלכע זיינען אָרגאַניזירט דורך דעם „בונד". דער קאָמיטעט אָרדנט צומאָל איין אַלגעמיינע פאַכן־פאַרזאַמלונגען, אויף צו באַהאַנדלען די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער און געפינען מיטלען ווי אַזוי זי צו פאַרבעסערן.

אַזוי האָט דער קאָמיטעט צונויפגעשטעלט סטאַטוטן צום באַ־שטעטיקן: עפענען אַ „געזעלשאַפט פון יידישע האַנטווערקער־אַרבעטער און אַרבעטערינס אין דער שטאָט מינסק" און אַ „געזעלשאַפט פון יידישע אָנגעשטעלטע אין דער שטאָט מינסק". דער קאָמיטעט גיט אַרויס אַ בלעטל אונטערן נאָמען „אַרבעטס־מאַרק", עס דערשיינט צוויי מאָל אין חודש. אין דעם בלעטל ווערן געדרוקט ידיעות וועגן דעם אַרבעטסלוין פון די אַרבעטער פאַר יעדע צוויי וואָכן און אַלע אינטערעסאַנטע פאַלן פון דעם אַרבעטער־לעבן. דאָס בלעטל איז אַזוי ווי אַ מין רעוועלאַציע פון אַלע טונקעלע געשיכטעס, וואָס קומען פאָר סיי מצד די באַלעבאַטים צו זיי־ערע אַרבעטער, סיי וועגן די געשיכטעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ ביי די אַר־בעטער גופא. דער קאָמיטעט לאָזט אַרויס אויפרופן פון פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער צו די אַרבעטער פון איין פאַך אָדער צו אַלע אַרבעטער פון דער שטאָט. אַזוי האָט ער פאַר די לעצטע דריי חדשים אַרויסגעלאָזט: אַן אויפרוף צו אַלע אַרבעטער וועגן דער אַרבעטסלאָזיקייט אין 1600 עק־זעמפּלאַרן, צו די אָנגעשטעלטע וועגן פאַרקירצן דעם אַרבעטסטאָג אין די קלייטן אין 1000 עקז., צו די שניידערינס וועגן דער באַדייטונג פון דער פאַראיין פאַר די אַרבעטערינס אין 400 עקזעמפּלאַרן, צו די בוי־אַרבעטער וועגן דער קולטורעלער טעטיקייט פון דעם פאַראיין—אין 600 עקזעמפּלאַרן.

דער קאָמיטעט באַקומט 10 פּראָצענט פון דער קאַסע פון יעדן פאַראיין אויף זיינע הוצאות און אָרדנט אַמאָל איין טאַנץ־אָוונטן אָדער קאָנצערטן און די הכנסה נעמט ער פאַר זיך. פון צייט צו צייט אָרדנט

דער קאמיטעט איין ארבעטער־יום־טובים. דער ארבעטער־קאמיטעט שיקט אין דעם פארטיי־קאמיטעט דריי פארשטייער, דורך וועלכע ער איז פאר־בונדן מיט דער יידישער אומאפהענגיקער ארבעטער־פארטיי.

די באציונגען צווישן די באלעבאטים און דער ארבעטער־ארגאני־זאציע האבן באקומען א באשטימטע פארם און האבן אנגעווירן דעם צופעליקן כאראקטער. אויב צווישן א באלעבאס און אן ארבעטער קומט פאר וועלכער ניט איז צוזאמענשטויס, מעלדעט דער ארבעטער וועגן דעם גלייך דעם ראט פון זיין פאך. דער ראט שיקט דעם באלעבאס א בריוו מיט א שטעמפל פון פאראיין, צום ביישפיל, מיט פאלגנדיקן אינהאלט: ג. ה. סלעפיאן. דער „פאראיין פון די שניידער" האט זיך דערוווסט, אז איר האט ארויסגעטריבן אייער ארבעטערין פאר דעם באשטימטן טערמין, אן שום וויכטיקער אורזאך, דראענדיק זי דערביי מיט קלעפ, און דעריבער האט דער „פאראיין פון די שניידער" דעם כבוד אייך צו בעטן, איר זאלט געבן דערקלערונגען וועגן דעם דאזיקן שריט אייערן.

מיט אכטונג „פאראיין פון די שניידער". 14 מאי 1902 יאר. מינסק. (אין דעם בריוו ווערט שטענדיק אנגעוויזן דער אדרעס פון דעם פאראיין).

אויב דער באלעבאס נעמט אין אכט די מעלדונג פון דעם ראט, דעמאלט קומט זיך צונויף דער באלעבאס מיט א פארשטייער פון פאראיין און דער קאנפליקט ווערט ערליידיקט דורך אונטערהאנדלונגען, און אויב מען האט צו קיין הסכם ניט געקענט קומען, ווערט דער ענין איבערגעגעבן צו א שיד־געריכט.

דאס שיד־געריכט ווערט צונויפגעשטעלט אויף אזא אופן: א פאר־שטייער פון די באלעבאטים און א פארשטייער פון די ארבעטער קלייבן צוזאמען אויס צוויי ניט־פאראינטערעסירטע פערזאנען (געוויינלעך איין באלעבאס און איין ארבעטער), דערציילן אים די סיבה פון דעם קאנפליקט און ביידע צדדים מוזן זיך אונטערווארפן זייער באשלוס, ווי ער זאל ניט באפרידיקן איינעם פון די צדדים. אויב דער באלעבאס, באקומענדיק די איינלאדונג פון דעם פאראיין צו ערקלערן די סיבה פון קאנפליקט, לייגט דערויף ניט קיין אכט, שיקט דער ראט א צווייטן בריוו, צום ביי־שפיל: ג. ה. פאדאלסקי. דער פאראיין פון די אנגעשטעלטע האט געהאט דעם כבוד אין פאריקן בריוו פון 4טן אפריל היי־יאר בעטן אייך, איר זאלט ערקלערן, פארוואס איר האט אפגעזאגט אייער אנגעשטעלטן אינ־מיטן יאר, באשולדיקנדיק אים אין גנבה, ניט האבנדיק דערצו קיין שום באווייזן. דער פאראיין האט ביז היינט ניט געהאט דעם כבוד צו באקומען פון אייך אן ענטפער, און דעריבער בעט ער אייך, איר זאלט באלד צוריקנעמען דעם אנגעשטעלטן און דערמיט אראפנעמען פון דעם געלי־

טענעם די פאלשע באשולדיקונג. אין קענגפאל וועט דער פאראיין זיין געצוואונגען צו ערקלערן בײ איך א שטרייק. מיט אכטונג „פאראיין פון אנגעשטעלטע", 10 אפריל 1902. מינסק. אויב דער באלעבאס ענטפערט ניט אויף דעם צווייטן בריוו, שיקט אים דער פאראיין א מעלדונג וועגן א שטרייק, ווי למשל: ג. ה. העלער! מיט דעם האט דער „פאראיין פון אנגעשטעלטע" דעם כבוד אייך צו ערקלערן פאלגנדעס: אדאנק דעם, וואס אויף אלע ווענדונגען פון דעם פאראיין און זיין ביטע איר זאלט ענדערן אייער אויפפירונג בנוגע אייערע אנגעשטעלטע, האבן מיר ניט באקומען קיין שום ענטפער, איז דער פאראיין געצוואונגען צו ערקלערן בײ אייך א שטרייק, וועלכער וועט זיך אנהייבן דעם 20טן אווגוסט. די פאדערונגען זיינען פאלגנדע: 1) אפלאזן אייערע אנגעשטעלטע 11 אזייגער בײנאכט, נאכן פארמאכן די קראם, און ניט צווינגען זיי צו ארבעטן ביז 2 אזייגער בײנאכט, ווי דאס פראקטיקירט זיך בײ אייך. 2) צאלן די שכירות אייערע אנגעשטעלטע רעגולער, 2 מאל אין חודש, און ניט צאלן ביסלעכווייז און פארשלעפן דעם חשבון אויף א גאנץ יאר. 3) ניט צווינגען אייערע אנגעשטעלטע צו טאן הויז־ארבעט, ווי: וואשן די דילן, הייצן די אויוונס אין אייער דירה אאז"וו. מיט אכטונג „פאראיין פון די אנגעשטעלטע". 15 אווגוסט 1902. מינסק.

אויב נאך אזא ערקלערונג טוט דער באלעבאס גארנישט, כדי דאס צו פארמיידן, ערקלערט דער ראט די ארבעטער, אדער די אנגעשטעלטע, אז זיי זאלן צו דער באשטימטער צייט ווארפן די ארבעט, וואס זיי פירן פינקטלעך אויס.

דער שטרייק ענדיקט זיך אדער דורך אונטערהאנדלונגען אדער דורך א שיד־געריכט, אדער ער דויערט אזוי לאנג, ביז איינער פון די צדדים ווערט מיד. נאר אזא אויסגאנג טרעפט זייער זעלטן. געוויינלעך דערליידיקט דאס שיד־געריכט דעם ענין. וועגן די נייע באדינגונגען ווערט געמאכט אן אפמאך צווישן די באלעבאטים און דעם פאראיין, און אונטער דעם אפמאך שרייבן זיך אונטער דער פארשטייער פון פאראיין און דער באלעבאס, אדער זיין פארטרעטער. אט אזוי פירט זיך יעדער פאראיין אין פאל פון א קאנפליקט מיט די באלעבאטים פון יעדן ווארשטאט.

אויב דער פאראיין געפינט איין, אז מען מוז ענדערן די ארבעטס־באדינגונגען אין דעם גאנצן פאך און מען מוז דעריבער ערקלערן אן אלגעמיינעם שטרייק, גיט ער איבער דעם דאזיקן פראיעקט צו באטראכטן דעם ארבעטער־קאמיטעט.

דער קאמיטעט באטראכט דעם דאזיקן ענין און אויב ער געפינט, אז ער לייגט זיך אויף דעם שכל און מען קען אים דורכפירן, גיט ער

דערויף זיין הסכמה און שטיצע. אזוי האט, למשל, דער פאראיין פון די מאָדיסטינס (ד"ה פון די היטלמאכערינס) איינגעפונען, אז דער ארבעטס־טאָג אין זייער פאַך איז א צו לאנגער (ער דויערט פון 9 אזייגער אינדער־פרי ביז 12 און 1 אזייגער ביינאכט) און האט באשלאסן מיט דער הסכמה פון דעם קאָמיטעט צו דערקלערן א שטרייק פאר א נאָרמאלן ארבעטסטאָג.

אלע באלעבאטים האט מען איינצייטיק פונאנדערגעשיקט בריוו מיט פאָלגנדיקן אינהאלט: ג. ה. ג... דערמיט האט דער „פאראיין פון די מאָדיסטינס" דעם כבוד אייך צו מעלדן, אז עס איז דערקלערט געוואָרן אן אלגעמיינער שטרייק פון די מינסקער מאָדיסטינס, וועלכער דארף זיך אָנהייבן דעם 5טן סעפטעמבער. דער פאראיין פאָדערט: 1) א נאָרמאלן ארבעטסטאָג פון 9 אזייגער אינדערפרי ביז 9 אזייגער אינאָוונט מיט 2 שעה אויף פרישטיק און מיטאָג. 2) העפלעכע באציִונג צו די ארבעטע־רינס. מיט אכטונג: דער פאראיין פון די מאָדיסטינס. 1 סעפטעמבער 1902 מינסק.

דעם 5טן סעפטעמבער איז קיין איין מאָדיסטין ניט געגאנגען צו רינס. מיט אכטונג: „דער פאראיין פון די מאָדיסטינס". 1 סעפטעמבער און אין די איבעריקע — 2.

די באלעבאָסטעס פון די ווארשטאטן האָבן אָנגעהויבן צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט דעם פאראיין פון די מאָדיסטינס און געשלאָסן מיט זיי אָט דעם געשריבענעם אָפּמאַך: דעם 6טן סעפטעמבער 1902 יאָר איז געשלאָסן געוואָרן אן אָפּמאַך צווישן דער פרוי נ. און דעם „פאראיין פון מאָדיסטינס" לויט פאָלגנדיקע באדינגונגען: 1) דער ארבעטסטאָג הייבט זיך אָן 9 אזייגער אינדערפרי און ענדיקט זיך 9 אזייגער אינאָוונט, אחוץ אין די דריי סעזאָן־חדשים: אפריל, מאי און סעפטעמבער, ווען די אר־בעט דויערט ביז 10 אזייגער אינאָוונט. 2) די צייט פון אָפּרו: אויף פרי־שטיק א האלבע שעה — פון 11 ביז האלב צוועלף, אויף מיטאָג אָנ־דערטהאלבן שעה — פון 4 אזייגער בייטאָג ביז האלב זעקס. 3) צווישן דער באלעבאָסטע און די ארבעטערינס דארפן זיין העפלעכע באציִונגען. פאר דעם אויספילן די אויבן אָנגעוויזענע באדינגונגען האפט — אונ־טערשריפט פון דער באלעבאָסטע... אונטערשריפט פון פאָרשטייער פון פאראיין...

ווענן יעדן שטרייק און די רעזולטאטן פון אים דרוקט מען אין דעם „ארבעטס־מארק", און אויף אזא אופן ווערט די ארבעטער־מאסע צוגעוויינט צו דער פאָרם פון קאָלעקטיווע באציִונגען מיט זייערע בא־לעבאטים.

אין דער שטאָט מינסק זיינען אָרגאַניזירט, לויט דער דאָזיקער פּראָגראַם, 15 פאַכן, דהיינו: די סטאָלער, די שלאָסער, די איינבינדער, די שוסטער, די מאָדיסטינס, די שניידערינס, די שטעפּער, די בוי־אַרבע־טער, די אַנגעשטעלטע, די טאַבאַק־אַרבעטער, די פּאָטאָגראַפן, די גילזן־מאַכערינס, די וועשנייטאָרינס, די בעקערינס און די זאָקנמאַכערקעס.

ניט אָרגאַניזירט זיינען געבליבן פאָלגנדיקע פינף פאַכן: מענער־שניידער, בלעכערס, בעקערס, קירזשנער, קאָנפעקטן־מאַכערינס, נאָר אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן די דאָזיקע פינף פאַכן אויך ווערן אָר־גאַניזירט" [1].

* * *

די אָנגעזעענסטע פיגור אין דער „יידישער אומאָפּהענגיקער אַר־בעטער־פּאַרטיי" איז געווען מאַריע וואָלפאָוונאַ ווילבושעוויטש. זי איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1879 אין גראָדנע, איר פאָטער האָט געהאַט אַ מיל און אַ גוט אין „לאָסאָסנאָ" לעבן גראָדנע. איר שוואַכער געזונט האָט איר געשטערט צו באַזוכן די גימנאַזיע, און זי האָט געלערנט אין דער היים. נאָכדעם פלעגט זי פאָרן קיין פעטערבורג זיך קורירן ביי די רעזידענץ־פּראָפעסאָרן פון היסטעריע. מיט איר פלעגן אָפט טרעפן נערוון־אַטאַקן [2]. די עקזאַלטירטע, נערוועזע, היסטערישע 19יאָריקע מיידל איז אינגאַנצן אַרונטערגעפאַלן אונטער זובאַטאָווס השפּעה: די לאַנגע גע־שפּרעכן מיט אים האָבן זי געמאַכט פאַר זיין באַגייסטערטע אָנהענגערין.

די „יידישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי" האָט איר אַ סך צו פאַרדאַנקען.

זי האָט פאַרמאָגט גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן און אַן אומ־דערשעפּלעכע ענערגיע. און דערצו נאָך איז זי געווען אַ זעלטענע רעד־נערין.

מ. ווילבושעוויטש איז אַרעסטירט געוואָרן אין מינסק דעם 7טן מערץ 1900.

בעתן פאַרהער האָט זי געגעבן די גענויסטע ערקלערונגען.

זובאַטאָוו, געראַרדי און אַנדערע זשאַנדאַרמען זיינען געווען אַנטז־ציקט פון איר אויפפירונג.

---

[1] היסט.־רעוו. אַרכיוו, ענין וועגן די אומאָפּהענגיקע (געהיים־אָפּטיילונג), בויגן 48—51.

[2] היסט־רעוו. אַרכיוו, ענינים פון פּאָליצ.־דעפּ., נומ' 103, 1898, באַזונד. אָפּט־בויגנס 10—11, מיטטיילונג פון הויפּט פון פעטערב. זיכערהייט־אָפּט. צום פּאָליצ.־דעפּ. פון 9 אָקט. 1898, נומ' 14526.

אזוי האט ווילבושעוויטש, למשל, געגעבן וויכטיקע ידיעות וועגן דער פערזאן, וועלכע די זשאנדארמעריע האט געהאלטן פאר דעם ארגא־ניזאטאר פון דער דרוקעריי אין באברויסק, מינסק און גראדנע.

„זייער א ליבער פארשוין איז אט די מאניטשקע ווילבושעוויטש, — לייענען מיר אין די אגענטור־ידיעות פון מאסקווע פון 30טן מערץ 1900 (זובאטאווס), — וואס זיצט דא. אין א געשפרעך מיט מיר האט זי מיר דערציילט זייער פיל וועגן חיימען, מיינענדיק, אז קוים האבן מיר אים אפגעלאזט, וועלן מיר אים שוין ניט פאקן. ער איז א הייסער אנהענגער פון טעראר און א דם־שונא פון די סאציאל־דעמאקראטן. אין דער פארטיי דרייט ער זיך פון עלטער פון 18 יאר אן (איצט איז ער ביי די 40) און ווייס, לויט זיינע ווערטער, אלע פרטים פון די געוועזענע טעראריסטישע אונטערנעמונגען. פון די פערזאנען, וועלכע וועלן מיט אים זיך פארבינדן, פאדערט ער, זיי זאלן זיין פריי פון ליבע־פארבינדונגען, אלקאהאל אאז״וו. ער לעבט שטענדיק אומלעגאל און אין פארשיידענע שטעט אונטער פאר־שיידענע פאמיליעס. ער איז געווען אי אין יעקאטערינאסלאוו, אי אין טאמבאוו, אי אין מינסק, אי אין באברויסק אאז״וו״ [1].

אן אנדערש מאל שרייבט זובאטאוו: „...נעכטן האט מאניטשקע ווילבושעוויטש (דאס איז גאנץ געהיים) ערקלערט מינדלעך (דאס וועט קומען נאך די אגענטור־ידיעות) אלץ און אלע וועגן דער מינסקער ליק־ווידאציע. גערארדים אויפגאבע איז אריינפירן אלץ אין די פרעמדע פראטאקאלן, ניט אנווייזנדיק די קוועלע. אלזא, מינסק איז געראטעוועט. בשעתן קומענדיקן סעאנס וועלן מיר מיט איר ריידן וועגן גראדנע. איך האב איר דערציילט וועגן דער דארטיקער ליקווידאציע, און זי האט ער־קלערט, אז מען האט בלויז פארנומען די ארבעטער, און די אינטעליגענטן האט מען ניט אנגערירט. איך וועל זיך באמיען זיך איבערצייגן, זי זאל אנרופן אט די נעמען.

אין מינסק אונטערשיידט מען די סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן פון די פאלקספרייהייטלער, פארשטייענדיק אונטער דעם לעצטן בלויז די „חיימאווצעס״ (אלע תלמידים חיימס, וועלכער איז ניט קיין אנדערער, ווי יעפים (חיים) האלפערין, וואס האט 5 יאר אומלעגאל געוווינט אין מינסק), וועלכע טיילן זיך אויף טעארעטיקער פון דער פאלקספרייהייט און אויף טעראריסטן. די אינטעליגענטסטע אין דער שטאט זיינען — עליאסבערג און זאלקינד. דער קאמיטעט איז זיך צעפאלן און עס עקסיסטירט בלויז אן „ארבעטער־אפטיילונג״ (ד״ה א טייל פון קא־

---

[1] היסט.־רעוו. ארכיוו, ענין נומ׳ 5, טייל 15, ב. Б, 1898, בויגן 18, באז. אפט.

מיטעט, וואָס באַשטייט דורכאויס פון אַרבעטער, ווייל די אינטעליגענץ האָט זיך דערשראָקן נאָך דעם פּאָגראָם פון יאָר 1898 און איז אַוועק פון קאָמיטעט), וועלכער רופט זיך מיטן נאָמען „אַרבעטער־ראַט". די נעמען אָדער אַדרעסן און סימנים פון די מיטגלידער פון אָט דעם ראַט האָט זי אָנגעגעבן. זי איז זיך משתדל פאַר די אַרבעטער (דערהויפּט די יונגע), וועלכע זיינען פאַרפירט געוואָרן דורך די אָנפירער, און בעט מען זאָל זיי ניט אַרעסטירן, און דערפאַר רופט זי אָן די אמתע שולדיקע"[1].

„...גערארדי איז היינט אַוועקגעפלויגן פון אונז (פון מאָסקווע) קיין קאָוונע, ווייל שראַם האָט זיך געפונען. פאַר דעם האָט ער געהאַט א געשפּרעך מיט מאַניטשקען, וועלכע האָט, מורא האָבנדיק, טאָמער פאָרט ער אַוועק און ער וועט ניט באַוויזן זיך צונויפריידן מיט איר, זיך אַליין אַרויסגערופן אויף א פאַרהער. אָנגערעדט האָט ער (זי) א תהום. דער ענין שטעלט זיך אַוועק אויסערגעוויינלעך אָריגינעל. לויט איר מיינונג, האָבן די שולדיקע זיך געדאַרפט אַליין מעלדן, זעענדיק, ווי מען אַרעסטירט אומשולדיקע. זיי האָבן זיך ניט געמאָלדן, ווייזט זי רויק אָן אויף זיי. זי איז גרייט, באַלד, ווי עס וועט זיך ענדיקן איר שטראָף, וועגן דעם שריט אירן צו דערציילן עפנטלעך אַלעמען אין מינסק. די טורמע און פאַרשיקונג איז זי גרייט איבערצוקומען הכנעהדיק און (אָן נ. ב.), וועלכע ניט איז פּריווילעגיעס. נאָך דעם באַריכט וועגן איר דעם מיניסטער, האָט ד. ס. אָנערקענט איר אויפפירונג — אַלס טאַט פון אַן אידעישן מענטשן און געבעטן ניט צו פאַרהאַלטן אַזעלכע אַרבעטער. זי האָט אויך בדעה אָנצוווייזן אַלע אירע באַקאַנטשאַפטן אין גראָדנע. דערוויסנדיק זיך, אַז געראַרדי פאָרט „נעמען" חיימען און קיין קאָוונע, האָט זי געזאָגט, אַז „דאָרטן אַרבעט מען שוין לאַנג און אויסגעצייכנט"[2]. „...מאַניטשקען האָב איך באַאַרבעט אין אַזאַ מאָס, אַז זי איז געוואָרן אַן איבערצייגטע מאָנאַרכיסטין"[3]. „...מאַניטשקע וועט עפנטלעך דערקלערן, אַז זי האָט אַלץ געזאָגט און האָט בדעה צו פירן א קאַמף מיט די ניט זיכערע עלעמענטן"[4].

אין דעם אַרכיוו פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָבן זיך אויפגעהיט קאָפּיעס פון עטלעכע בריוו, וואָס ווילבושעוויטש האָט געשריבן צו זובאַטאָוון[5].

---

1 דאָרט, בויגן 2—3, אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל.
2 דאָרט, ענין 38, אַגענטור־ידיעות פון מאָסקווע פון 2 אַפּריל, 1902.
3 דאָרט.
4 דאָרט.
5 פאַרעפנטלעכט דורך ד. זאַסלאַווסקין אין זשורנאַל „בילאָיע", 1918, נומ' 3.

אויפן גרונט פון אָט די בריוו קאָן מען משער זיין, אַז ווילבושע־וויטש איז געווען אַן אַנאַייגננוציקע טיכטיקע מיטאַרבעטערין פון זובאַ־טאָווס זשאַנדאַרם־טעטיקייט: זי האָט אינפאָרמירט דעם פּאָליציי־דע־פּאַרטאַמענט וועגן אַלץ, אים באַקאַנט מיט אַלע פּרטים פון דעם גאַנג פון דער באַוועגונג אַאַז״וו.

בנוגע די באַציִונגען פון מ. ווילבושעוויטש צו דעם פּאָליציי־דע־פּאַרטאַמענט קומט ד. זאַסלאַווסקי צו אָט דעם אויספיר:

„...אויב דער ערשטער פּאַרראַט, וועגן וועלכן ווילבושעוויטש דער־מאָנט, האָט באַאומרויִקט איר געוויסן, איז דער ווייטערדיקער פּאַרראַט בנוגע אירע נעכטיקע פריינט און חברים שוין געגאַנגען אַ סך לייכטער. ווילבושעוויטש האָט זיך אַריינגעטאָן אין ענין פון געהיימער מסירה און העלפט טיכטיק דער זיכערהייטס־אָפּטיילונג. ביז דער לעצטער צייט האָבן מענטשן, וואָס האָבן גוט געקענט מאַריע ווילבושעוויטש, פאַרזיכערט, אַז זי האָט, פּונקט אַזוי ווי די איבעריקע „אומאָפּהענגיקע", קיין שייכות ניט געהאַט צו די אַרעסטן, אַז זיי זיינען בלויז געווען אויפריכטיקע טוער פון דער לעגאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. מ. ווילבושעוויטשעס בריוו באַ־ווייזן, אַז זי איז געווען זייער אַ טיכטיקע, הגם, קאָן זיין, אומאַייגננוציקע מיטאַרבעטערין פון דער „אָכראַנקע", און לויט אירע אָנווייזונגען זיינען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אייניקע אָנגעזעענע בונ־דיסטן". „...ווילבושעוויטש ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אַריינגעצויגן אין פּאַרראַט. אירע בריוו זיינען איבערפולט מיט אָנווייזונגען וועגן די נעמען פון רעוואָלוציאָנערן. זי גיט אָן גענויע אַדרעסן, ווייזט אָן די סימנים, דעקט אויף די קאָנספּיראַטיווע „ביינעמען". אין אייניקע פאַלן בעט זי זובאַטאָוון ער זאָל אַרעסטירן אירע נאָענטע מענטשן, כדי אין די געשפּרעכן מיט אים זאָלן זיי זיך אָפּזאָגן פון זייערע סאָציאַליסטישע אָנ־שויונגען. אין אַנדערע פאַלן מסרט זי און פאַרראַט פון האַס צו דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג. זי דינט בלב ונפש דער זיכערהייט־אָפּטיילונג".

* * *

אין מאַי 1902 איז מאַריע ווילבושעוויטש אַרויסגערופן געוואָרן קיין פּעטערבורג דורך דעם אָנפירער פון דער באַזונדערער אָפּטיילונג פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט ראַטאַיעוון, כדי צו באַקענען דעם אינערן־מיניס־טער פּאָן־פּלעווע מיט דער טעטיקייט פון דער „יידישער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי".

פּלעווע האָט באַפולמעכטיקט מאַריע ווילבושעוויטש, זי זאָל קאָמאַנ־דירן איינעם פון די מיטגלידער פון דער „יידישער אומאָפּהענגיקער אַר־

בעטער-פּאַרטיי" קיין ווילנע „כּדי אוועקצושטעלן די גנעהעריקע אַרבעטער-באַוועגונג".

מען האָט אַהין געשיקט טשעמעריסקין מיט נאָך צוויי אַרבעטער. ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו קומען קיין ווילנע, ווי ער האָט אָנגעהויבן צו באַקומען דראָונגס-בריוו פון טעראָריסטן. אייניקע באַקאַנטע ציוניסטן האָבן געשיקט צו טשעמעריסקין אַזהרה-בריוולעך, אין וועלכע זיי האָבן אים געראָטן ניט צו פאָרן אויף אַ זיכערן טויט, און דאָך האָט ער פאָרט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ווילנע.

אין מינסק אויפן וואָקזאַל האָט אַן עולם פון 100 מאַן „אומאָפּ-הענגיקע" איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע לכּבוד טשעמעריסקין. דאָס באַגלייטן האָט געטראָגן אַזאַ טומלדיקן כאַראַקטער, אַז די אָרטיקע אייזנבאַן-מאַכט האָט געפונען פאַר נייטיק צו אַרעסטירן די באַגלייטער. טשעמעריסקי האָט באַוויזן אוועקצופאָרן און ניט ווערן אַרעסטירט, נאָר די פּאָליציי האָט געשיקט נאָך אים אַ טעלעגראַם, מ'זאָל אים אַרעסטירן, און אין מאָלאָדעטשנע האָט מען אים פאַרהאַלטן און צוריק אָפּגעשיקט קיין מינסק. לויט דער פאָדערונג פון דעם אָנפירער פון מינסקער זשאַנ-דאַרמעריע-פאַרוואַלטונג, כריפּאָוון, האָט מען אַלע אַרעסטירטע „אומ-אָפּהענגיקע" באַלד באַפרייט.

אין ווילנע האָט טשעמעריסקי זיך אינטענסיוו גענומען צו דער אַרבעט איינצופלאַנצן די אידעען פון די „אומאָפּהענגיקע". ער האָט אָפט איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען — גרויסע און קליינע, און אומדערמידלעך באַזוכט די פאַרזאַמלונגען, וועלכע עס האָבן איינגעאָרדנט די ציוניסטן און בונדיסטן, ער האָט אָרגאַניזירט אַ קליינע גרופּע „אומאָפּהענגיקע", וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן ליטעראַטור.

דאָך האָט אים דערוואַרט אַ פּולע מפּלה. ניט לאַנג פאַר טשעמע-ריסקים קומען האָט אין ווילנע געטראָפן דער פאַל, וואָס מען האָט דעם 1טן מאַי געשלאָגן די דעמאָנסטראַנטן, מען האָט בנוגע זיי אָנגעווענדט לייב-שטראָף (שמייסן), נאָכדעם דער אַטענטאַט אויף פאָן-וואַלן און לע-קערטס טויט, און די ווילנער אַרבעטער האָבן זייער פיינדלעך אויפגע-נומען יעדן פּרווו, וואָס האָט געשטאַמט פון דער מאַכט. די „אומאָפּהענ-גיקע" האָבן זיי געהאַלטן אַלס פּראָוואָקאַטאָרן און פאַר זובאַטאָווס אַגענטן. טשעמעריסקים בריוו צו די מינסקער „אומאָפּהענגיקע" זייַנען דורכגעדרונגען מיט אַנטטוישונג און יאוש. מיר ברענגען זיי דאָ אינ-גאַנצן, אָן שום קיצורים.

I

„...דאָ איז ניט יופּידיק. קיין אַרבעט איז אַלץ ניטאָ. קיין דירה איז אויך ניטאָ. דערווייל וווין איך אין אַ האָטעל. די לאַגע איז אַזאַ: מיט די בונדיסטן האָב איך זיך נאָך דערווייל ניט געטראָפן, ניט ווינסדיק ווי אַזוי צו זיי צוצוקומען. דאָס אַלץ, וואָס מען האָט דערציילט וועגן דער שטימונג פון דער ווילנער מאַסע, איז ריכטיק. אַלע זיינען פעסט איבער־צייגט, אַז מיר זיינען — פּשוטע פּראָוואָקאַטאָרן. די אַלע, וואָס טרעפן זיך מיט מיר, ראַטן, איך זאָל זיין פאָרזיכטיקער, ווייל מען וועט מיך „אוועקלייגן". שבת האָב איך געהאַט אַ פאַרזאַמלונג. עס זיינען געווען אַן ערך 25 מאַן, ציוניסטן, אַלע באַוווסטזיניקע. מיין רעפעראַט האָט גע־מאַכט אַן איינדרוק. היינט בין איך אויך פאַרנומען מיט זיי. עס ווערט דערוואַרט אַ הייסע שלאַכט. עס וועלן אויך זיין נייע, אַגב, איינער אַ קאָוונער, אַ שטאַרקער „אַנטיאַוטאָפּהעננגיקער". די אַלע יונגען וועלן בלתי־ספק זיין אונזערע, און אייניקע וועלן אַריבערגיין צו אונז, אָנער־קענענדיק אונזער גאַנצע וועלטאַנשויונג. אייניקע פון זיי זיינען אַקטיווע טוער פון „בונד". ערשט נאָר־וואָס האָט קונין (דער אָנפירער פון די אַר־בעטער־ציוניסטן אין ווילנע) מיר ערקלערט, אַז ער קלייבט זיך אַרויס־צוטרעטן קעגן מיר מיט אַ רעדע. עס וועט זיין נאָך איין סטודענט. עס וועט זיין זייער הייס.

מאָרגן, דינסטאָג, בין איך פאַרנומען. איך וועל האָבן אַ פאַרזאַמ־לונג פון אַרבעטער פון איין קאָנפעקטן־פאַבריק; די דאָזיקע פאַרזאַמלונג אָרדנט פאַר מיר איין איינער פון די ציוניסטן, וועלכע זיינען געווען אויף דער שבתדיקער פאַרזאַמלונג. עס וועלן דאָרט זיין אייניקע בונדיסטן, וואָס וועט מיר געבן די מעגלעכקייט זיך נעענטער באַקאָנען מיט דער ווילנער בונדישער מאַסע.

מיטוואָך דאַרף איך זיך זען מיט איינער אַ באַוווסטזיניקער בונ־דיסטין, מיט וועלכער איך בין נאָך באַקאַנט פון מינסק און וואָס כ'האָב דאָ צופעליק באַגעגנט. היינט, מאָנטאָג, דעם 10טן יוני, דאַרף איך 7 אַזייגער אינאָוונט זיך טרעפן מיט אַ בונדיסט, מיט וועלכן איך האָב זיך שוין געהאַט געטראָפן אין מינסק. די קאַשע ווערט פאַרקאָכט און איך בין זיכער, אַז איך וועל מיינס דורכפירן. דער „בונד" איז דאָ זייער שטאַרק. ער באַהערשט די מוחות. ער איז שטאַרק ניט אַזוי אין כמות, ווי דורך דער הערשנדער שטימונג. פאָן־וואַל און זיין פּאָליציי האָבן אַרויפגע־וואָרפן אַ פּאַניק אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג. מ'שרעקט זיך פאַר אַלץ. ביי די פרידלעכסטע ביילן זיך די פּויסטן. לעקערטס טויט האָט גע־

מאכט א גוואַלטיקן איינדרוק. און דאָך וועט מיין אַגיטאַציע פאַלן אויף א גוטן באָדן. עס איז נאָר שלעכט, וואָס איך אַליין הענג אין דער לופטן און האָב קיין אַרבעט ניט. איך האָב ניט באַוויזן אָוועקצושיקן מיין בריוו און דערציייל ווייטער. איך וועל אַלץ אין א סדר דערציילן וועגן דער נעכ־טיקער פאַרזאַמלונג. עס זיינען געוועזן עטלעכע נייע מענטשן און איך האָב געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אונזער פראָ־גראַם און טעטיקייט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דעבאַטן. דער ערשטער האָט גערעדט דער סטודענט. אַן אָפּגעריסענער נאַר. ער האָט זיך אַליין אָפּגעפרעגט, און מיר איז בלויז געבליבן פעסטצושטעלן אָט דעם פאַקט. עס האָבן גערעדט נאָך עטלעכע מענטשן און דער לעצטער, קונין, וועלכער האָט ערקלערט, אַז די ציוניסטן קאָנען ניט זיין קיין אַקטיווע מיטגלידער פון אונזער פאַרטיי, ווייל זיי זיינען פאַרנומען מיט וויכטיקערע זאַכן, וועלכע האָבן א גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג. ער האָט מיר אויך פאָר־געלייגט, איך זאָל דערווייזן, אַז מיר זיינען אומאָפּהענגיק פון דער זשאַנ־דאַרמעריע. אויף דער צווייטער פראַגע האָב איך געענטפערט, אַז איך בין ווירקלעך ניט בכוח צו דערווייזן, אַז איך בין ניט קיין גנב. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט מיך ניט פאַרשטאַנען, אַזוי האָט ער מיר הייגט ערקלערט. די מעשה איז אַזאַ: נעכטן האָט אויף דער פאַרזאַמלונג גע־רעדט אַן אַרבעטער, וועלכער האָט פאַרטיידיקט דעם „בונד" און אָנגע־וויזן אויף דער נייער טאַקטיק פון זיין טעטיקייט. איך האָב פשוט גע־רעכנט, אַז דער דאָזיקער אַרבעטער איז א ציוניסט א בונדאָוועץ. נאָך נאָך דער פאַרזאַמלונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז א בונדיסט און ניט קיין ציוניסט. עס האָט זיך מיר איינגעגעבן צו פאַרפירן מיט אים א געשפרעך. און ווייל עס איז געווען שפעט און עס איז געווען געפערלעך צו גיין און דערצו נאָך איז א הויז־וועכטער אַוועק נאָך א פּאָליציאַנט און מען האָט אונז אין יעדער מינוט געקאָנט כאַפּן, האָב איך איינגע־שטימט אַריינצוגיין צו אים. דער צימער איז זייער א קאָנספּיראַטיווער. מיר האָבן אָנגעהויבן צו ריידן. דער דאָזיקער מענטש איז איבערציינגט, אַז מיר זיינען פשוטע פּראָוואָקאַטאָרן. עס איז מיר געווען זייער שווער צו ריידן, ווייל ווען מען הייבט מיט מיר אָן צו ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן, קאָן איך גאָרנישט ענטפערן. דער געשפרעך איז געווען זייער און זייער א שאַרפער. אגב, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך קאָן זיך ריכטן, אַז מען וועט מיך הרגענען. איך האָב געזאָגט, אַז איך דערוואַרט דאָס. ער האָט געזאָגט, אַז מיט צוויי וואָכן צוריק האָט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז מאַניע איז אין ווילנע, האָט מען אים פאָרגעלייגט ער זאָל אָנטיילנעמען און איך דערמאָרדונג, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט (איך גלויב ניט).

אַז איך האָב אים געפֿרעגט, צי ער וועט מיר גלויבן, אויב איך וועל אים זאָגן, אַז די אַלע פּליאַטקעס וועגן אונז זיינען ניט מער ווי פּליאַטקעס — האָט ער געענטפֿערט, — יאָ, נאָר ניט אויפֿריכטיק. ענדלעך האָט דער געשפּרעך אָנגעהויבן טראָגן אַ מער פֿרידלעכן כאַראַקטער און פֿאַרטאָג האָבן מיר זיך זייער פֿריינדלעך געזעגנט, אָפּשטעלנדיק אַ צייט, ווען מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל טרעפֿן. ער האָט מיר אָבער פֿאָרגעלייגט, איך זאָל ביי אים בלייבן נעכטיקן, נאָר איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. ער מאַכט אַן איינדרוק פֿון אַ מענטשן פֿון די ס אַ מ ע העכסטע ראַנגען, אַ יונג, וואָס קאָן זיך באַהערשן. די גאַנצע צייט בין איך געווען איבערצייגט, אַז ער וויל מיך דערהרגענען, און דערצו נאָך וויל ער עס טאַקע שוין טאָן. אין קעשענע האָט ער געהאַט אַ רעוואָלווער. פֿאַרוואָס ער האָט מיך ניט דערהרגעט, ווייס איך ניט; איך דענק, אַז צוליב דעם איינדרוק, וואָס איך האָב אויף אים געמאַכט.

היינט אינדערפֿרי האָב איך זיך אָט־וואָס דערוווּסט: בשעת איך בין נאָך געשלאָפֿן אין האָטעל, האָט אין מיין צימער אָנגעקלאַפּט קונין. ער איז מיר געקומען זאָגן, אַז איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען זיין נעכטיקע פֿראַגע. אַזוי ווי עס איז דאָרטן נעכטן געזעסן אַ בונדיסט, האָט ער געוואָלט איך זאָל ריידן וועגן די אַלע פּליאַטקעס, וואָס גייען וועגן אונז אַרום. דערביי האָט ער מיר דערציילט אָט וואָס: נעכטן פֿאַרנאַכט האָט ער באַגעגנט אַ בונדישן אינטעליגענט און אים דערציילט, אַז היינט וועט פֿאָרקומען אַזאַ און אַזאַ פֿאַרזאַמלונג, און אים איינגעלאַדן צו קומען. יענער האָט געזאָגט, אַז ער האָט קיין צייט ניט, נאָר ער וועט שיקן אַן אַנדערן און דערביי צוגעגעבן: „א. איז געקומען — זייער גוט; איצט וועל זיי שוין אינגאַנצן פֿליען". קונין האָט אַרויסגעזאָגט זיין גרויס פֿאַרווונדערונג וועגן די לעצטע ווערטער און אָנגעוויזן, אַז אין מינסק שטייען מיר זייער פֿעסט. יענער האָט געפֿרעגט, אין וואָס באַשטייט אונזער ערפֿאָלג אין מינסק, און ער האָט באַקומען אַן ענטפֿער: „צי זיי האָבן עפּעס באַוויזן, ווייס איך ניט, נאָר דערפֿאַר האָבן זיי דאָרט עפּעס אויפֿגעטאָן: אין מינסק איז געווען דער „בונד", און איצט איז ער ניטאָ". יענער האָט שיר ניט געפּלאַצט פֿון פֿאַרדרוס. פּונקט האַלב 9 אַזייגער איז צו קונינען געקומען דער פֿאַרשוין, וואָס איז געווען אויף דער פֿאַרזאַמלונג, און צווישן זיי איז פֿאָרגעקומען אַזאַ געשפּרעך: דער בונדיסט האָט געפֿרעגט: „איר העלפֿט זיי געווים מיט, איר האָט 90 אַרבעטער און זיי וועלן אַלע געווים ווערן נייטראַלע". קונין האָט געענטפֿערט: „אונזערע אַרבעטער האָבן קיין אַנדער אויסוועג ניט און וועלן מסתמא צושטיין. דאָס איז זייער זאַך. איך העלף ניט, איך קעמף ניט מיט זיי; אויב זיי וועלן חרוב

מאַכן דעם „בונד" — איז אוודאי גוט, מיט מיר געהערט זיך דאָס ניט אָן". דער בונדיסט האָט געענטפערט, אַז דאָס איז ניט געפערלעך און האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז אַזעלכע ווערטער, וואָס ווערן אַרויסגערעדט דורך אַ בונדיסט, באַדייט דעם גרעסטן אידיאָטיזם פון „בונד", און זיך נאָך שאַרפער אויסגעדריקט, באַדייט דאָס די גרעסטע נבלה. קאָנטאָר איז געווען דערביי, ווען דער בונדיסט האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך, און ער האָט מורא געהאַט מיך צו לאָזן, נאָר ס'איז אים אומאָנגענעם געווען דאָס צו זאָגן. קונין און קאַנטאָר זייגען קעגן דעם, איך זאָל מיר דערלויבן אַזעלכע זאַכן, ווי גיין צו די בונדיסטן אַהיים; זיי האָבן מורא, אַז מען וועט מיך הרגענען, איידער איך וועל נאָך אָנהייבן עפּעס צו טאָן. נאָר וואָס קאָן איך טאָן? קונין לייגט פאָר אַרויסצולאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע, איידער די בונדיסטן וועלן עפּעס אויפטאָן, און אין איר מעלדן, אַז מיר דערוואַרטן דאָס. באַהאַנדלט דאָס. און צי קאָנט איר ניט אָנשרייבן אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער עס זאָלן קורץ און פּאָפּולער פאָרמולירט ווערן אונזערע שטרעבונגען און עס זאָל אויך זיין אַ רוף צו די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, זיי זאָלן אַריינטרעטן אין אונזערע רייען. איך דענק, אַז אַזעלכע פּראָקלאַמאַציעס וואָלטן געבראַכט זייער פיל נוצן. נאָר מען דאַרף נאָך צוואַרטן דעם רעזולטאַט פון אָט דער וואָך, אין משך פון וועלכער איך וועל נאָך האָבן עטלעכע טרעפונגען. פון די, וואָס זיינען נעכטן געווען אויף דער פאַרזאַמלונג, זיינען די אַרבעטער אַלע מיינע. איך האָב מורא, אַז קונין וועט נאָך באַקומען געשלאָגן. ס'אַ וואונדערלעכער, ווילער מענטש — איך האָב אים זייער ליב באַקומען. איך וועל קויפן עטלעכע פּאָסט־קאַרטלעך און וועל שרייבן אַלע טאָג. די לאַגע איז זייער אַן ערנסטע. דינסטאָג דעם 11טן יוני"[1].

II

אַ קאָפּיע פון אַ פּאָסט־קאַרטל פון 12 יוני 1902.

„נעכטן אינאָוונט האָב איך געהאַט אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער פון איין פאַבריק. אויסער צוויי שנעקעס, וועלכע האָבן מיר אויסגעדריקט אומצוטרוי, איז אַלעמען זייער געפעלן געווען, וואָס איך האָב זיי פאָרגעלייגט. היינט וועל איך זיך זען מיט איין בונדיסטין. די אַרבעט וועט געוויס אַרויף אויף אַ דרך, אויב נאָר מען וועט מיך ניט אַוועקשיקן אויף יענער וועלט. די אַקטיווע טוער זאָגן זיך ביסלעכווייז אַרויס דערפאַר, אַז

---

1 ענינים פון היסט.־רעוו. אַרכיוו, וועגן די אומאָפּהענגיקע, געהיימע צאַפּס., בויגנס 10—12.

מען זאָל זיך גרופּירן אַרום מיר און מיין פּאָן. עס איז אַ שרעקלעכע אַרבעטסלאָזיקייט. מענטשן פאַלן כּמעט אין די גאַסן. איך געפין זיך אונטערן איינדרוק פון דעם, וואָס איין מאַסע־אַרבעטער האָט מיר דערציילט אין טיי־הויז פון דער „געזעלשאַפט פאַר ניכטערקייט". יענע וואָך זיינען הונגעריקע אַרבעטער אָנגעפאַלן אויף אַ פור מיט ברויט און האָבן דאָס צעשלעפּט — דאָס האָבן געטאָן יידן. די רוסישע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן דאָס אָפּנעמען, און זיי זיינען ווי ס'איז ניט איז דורכגעקומען. מען האָט געוואָרט אויף אַ פּאָגראָם. די גאַנצע פּאָליציי איז אויף די פיס"[1].

III

„אַרבעטן אין ווילנע איז כּמעט אויסגעשלאָסן: אַ געפערלעכער באָיקאָט. די מאַסע זעען מיר ניט אין די אויגן. וויפיל מיר פּרוּוון זיך ניט צו שלעפּן מענטשן אויף אַגיטאַציע — גייען זיי ניט, און אויב עס גיט זיך שוין יאָ איין עמעצן צו פאַרטשעפּען, קומט ער שוין ניט דאָס צווייטע מאָל. די בונדיסטן לאָזן ניט און שרעקן אָפּ. זיי היטן מיין דירה און די, וואָס קומען צו מיר. די לאַגע איז דאָ אַ געפערלעכע. חושך מצרים. איינציקע רייסן אונזערע פּראָקלאַמאַציעס און לייענען זיי גאָרניט. די מערהייט צעטיילט זיך אויף צוויי קאַטעגאָריעס: איינציקע ווערן נאָכן איבערלייענען שרעקלעך אין כּעס, די אויגן גיסן זיך ביי זיי אָן מיט בלוט און שרייען: „עס קומט זיי אַזוי, לאָז מען זיי באָיקאָטירן!" די אַנדערע, מער ערנסטע, לייענען איבער, פאַרטראַכטן זיך און צעפּירן מיט די הענט: אַפּנים, ניט אויף דעם האָבן זיי געוואָרט. אין דער מאַסע שרעקט איינער דעם צווייטן אָפּ: „גיי ניט צו אים, מ'טאָר ניט, — מ'זאָגט, אַז עס איז אפילו. אַזוי אָנגעשריבן". דער „בונד" אַרבעט מעשים; ער טעראָריזירט די מאַסע; מ'שלאָגט געפערלעך; די טעג האָט מען איינעם אַ פרעמדן, ניט קיין ווילנער, אַ שלאָסער, געמאַכט דריי לעכער אין קאָפּ און אים איבערגעבראָכן די רעכטע האַנט, בלויז דערפאַר, וואָס ניט וויסנדיק גאָרנישט, האָט ער געאַרבעט אַ ביסל מער, ווי דאָס איז באַשטימט. אַזעלכע פאַקטן זיינען פאַראַן אין די מענגעס. די אַרבעטער זיינען די אמתע שקלאַפן: דער „בונד" האָט זיי ווירקלעך פאַרשקלאַפט. ערשט זייענדיק דאָ האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גוואַלטיקע ליכט אונזער פּאַרטיי ברענגט אַריין אין די מאַסן. זייענדיק דאָ, ווערסטו דורכגעדרונגען מיט אַ געפערלעכער שנאה, מיט אַ גוואַלטיקן דורשט נאָך נקמה בנוגע די פאַרפירער פון דער יידישער מאַסע. דאָ זיינען די בונדיסטן אמתע אַנטיסעמיטן. אָ! ווי עס גלוסט זיך נעמען נקמה פאַר אָט דער בלינדער מאַסע.

[1] דאָרט,

אונזער לאגע איז ווירקלעך א קריטישע, קיין שום צוטריט האבן מיר ניט צו די בונדיסטן, קיין שום מעגלעכקייט צו פירן צווישן זיי א מינדלעכע אגיטאציע. אין דער זעלבער צייט אָרדנט דער „בונד" איין איין פארזאמלונג נאך דער אנדערער, אויף וועלכע די אינטעליגענטן פאר־מולירן דעם באיקאט אויף דעם פאלגנדיקן אופן: „ווער עס וויל אים גיין הערן, דעם רעקאמענדירן מיר אים ניט אפענטפערן קיין איין וואָרט". און ווייל עס איז אוממעגלעך צו פירן צווישן די בונדיסטן א מינדלעכע אגי־טאציע, האבן מיר באשלאסן זי צו פארבייטן אויף א שריפטלעכער. מיר מוזן פארפלייצן די מאסע מיט ליטעראטור. מיר מוזן אין דער ליטעראטור דורכאוים ענטפערן אויף די אלע פראגן, וואס ווערן ארויסגערופן אין דער מאסע; קיין איין פראגע טאר ניט בלייבן אן אן ענטפער, קיין איין פאקט — ניט באלויכטן. מיר דארפן זיך פאר קיין זאך ניט אפשטעלן. מיר מוזן איינמאל פאר אלע מאל פארשטיין, אז מיר האבן צו טאן ניט מיט קיין קעגנער, נאר מיט א שונא. מיט דער הילף פון ליטעראטור מוזן מיר צע־שטערן דעם גלויבן פון דער מאסע אין „בונד". מיט דער הילף פון דער ליטעראטור דארפן מיר זיך אליין פאפולער מאכן. מיר האבן בא־שלאסן ארויסצולאזן א גאנצע ריי בראשורן: א פראגראם־בראשור, וועגן אונזער פראקטישער און עקאנאמישער טעטיקייט, וועגן דער ארגאניזאציע פון אונזער פארטיי און אז"וו. קודם־כל מוז מען האבן א פאפולערע בראשור, וועלכע זאל איבערגעבן אונזער פראגראם, אונזערע אנשויונגען, נאך דורכאוים אין דער זעלבער פארם, ווי מיר אגיטירן מינדלעך. אט דאס דארף זיין די סאמע הייסטע, די סאמע ווארעמסטע אגיטאציע. אזא בראשור וועט וואלין געווים קענען אנשרייבן. צום סוף וועט מען מוזן אנווייזן די סיבות, פארוואס מיר ארבעטן אין די שטעט, ווו די ארבעטער זיינען שוין ארגאניזירט, און ניט אין די שטעטלעך, ווו זיי זיינען נאך ניט ארגאניזירט. אן דער דאזיקער בראשור האבן מיר דא ניט וואס צו טאן. אפדרוקן דארף מען א פאר טויזנט עקזעמפלארן, מען דארף ניט זשאלעווען קיין מי — זי וועט זיך באצאלן.

דער מינסקער סאציאל־דעמאקראטישער קאמיטעט האט ארויסגע־לאזט א פראקלאמאציע צו די ווילנער ארבעטער וועגן אונז. מען האט זי פארשפרייט אויף אזא אופן, אז ניט מיר און ניט די ציוניסטן קאנען זי ניט באקומען. די, וואס האבן זי געלייענט, גיבן איבער, אז דארט ווערט וועגן אונז דערציילט שרעקלעכע זאכן. מען האט מיר צוגעזאגט זי צו באקומען. און ווי נאר איך וועל זי אייך צושיקן — גרייט גלייך צו אן ענטפער — א שארפן און פול מיט זידלערייען. איך חזר איבער נאך אמאל: קיין איין פאקט טארן מיר ניט איבערלאזן אן באלויכטונג, קיין

איין ארויסטריט — אן אן ענטפער. דא, למשל, פארשפרייט מען „ביו־לעטענען" פון דעם אויסלענדישן קאמיטעט פון „בונד", וועלכע האבן א גוואלטיקע ווירקונג אויף די מאסן, יעדעס ווארט ווערט געהאלטן ווי א הייליקייט, און מיר שווייגן... זיצנדיק אין מינסק, קאנט איר אפילו ניט האבן די מינדסטע פארשטעלונג וועגן דעם, אויף וויפיל נייטיק עס איז אזא ארבעט. איך ווייס, איר זייט קעגן אראפרייסנדיקער ליטעראטור, איר ווילט ניט קיין שמוץ, נאר דעמאלט וועט איר מיט אייער סענטימענטאלע פאליטיק פון אפשווייגן גארניט אויפטאן. אין ווילנע האט איר ניט אזעלכע מענטשן, ווי איך, וועלכע זאלן ארויסגיין פון סאמע הארץ פון „בונד" און זאלן האבן א מאראלישע ווירקונג אויף די מאסן. דא מוז מען זיך באשליסן אויף א באלאגערונג און אויף אן אנגריף"[1].

מיט דעם וויסן פון דער ארטיקער זשאנדארמעריע־אפטיילונג האט טשעמעריסקי איינגעארדנט פארזאמלונגען אין ווילנע. צום אנהייב האט די מאכט ניט געוווסט, ווי אזוי זי דארף זיך באציען צו טשעמעריסקין, און האט אנגעפרעגט אין פעטערבורג. צוליב דעם איז פון דעם פאליציי־דעפארטאמענט, פון לאפוכינען, אנגעקומען אן ענטפער, אז מען „דארף ניט ערלויבן טשעמעריסקין איינצוארדענען פארזאמלונגען און מאסוור־קעס, ווי אויך אים ניט ארויסווייזן קיין שום הילף אין אט דעם געביט און מ'קאן בלויז אים דערפאר ניט פארפאלגן". ניט באשליסנדיק זיך אפן צו סאנקציאנירן די טעטיקייט פון די „אומאפהענגיקע", האט דער פא־ליציי־דעפארטאמענט באפוילן צו קוקן דערויף פון צווישן די פינגער.

אין ווילנע האבן די „אומאפהענגיקע" פארשפרייט פאלגנדיקע פראקלאמאציע, וועלכע איז, לויט די אגענטור־ידיעות, אפגעדרוקט גע־ווארן אין דער צאל פון 900 עקזעמפלארן.

„יידישע אומאפהענגיקע ארבעטער־פארטיי. צו אלע ווילנער אר־בעטער און ארבעטערינס. עס ברויזט און עס רודערט אין דעם ווילנער ארבעטער־וועלטל. עס קומען פאר עקסטרע פארזאמלונגען, עס ווערן דער־ציילט פארשיידענע באבע־מעשיות; „זובאטאווצעס", „לעגאליזאטארן", „אומאפהענגיקע" — אט מיט די ווערטער איז אנגעפילט די לופט. מען דערציילט וועגן גאנצע ניין שפיאנען, אפילו באוואפנטע, וועלכע זיינען געקומען פארניכטן די ווילנער ארבעטער־באוועגונג. אין דער ווירקלעכ־קייט איז די סיבה פון דער גאנצער בהלה בלויז איין און איינציקער אגי־

---

[1] דארט, בויגן 25—26.

טאַטאָר פון דער „יידישער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי", וועלכער איז אַראָפּגעקומען קיין ווילנע. מער ניט ווי איין און איינציקער, און אַזאַ אימה האָט ער אָנגעוואָרפן. ווער איז דאָ שרעקלעך? ער אַליין? ניין. פאַר געוויסע פּערזאָנען איז שרעקלעך די זאַך, פאַר וועלכע ער קעמפט.

עס איז שווער דורכצופירן אַ נייעם געדאַנק אין דעם לעבן. די מאַסע, אַפילו די אָרגאַניזירטע, איז אין איר עצם — אַ קאָנסערוואַטיווע, האָט ליב דאָס אַלטע און קאָן ניט פאַרטראָגן קיין נייס. דער וועג פון דער יאַ"פּ איז געווען באַזונדערס שווער דערפאַר, וואָס די אויפגערייצטע אָנפירער פון „בונד" האָבן שטאַרק אָנגערייצט די מאַסע און האָבן ניט איבערגעקליבן די מיטלען קעגנצווווירקן קעגן דעם ערפאָלג פון דער נייער פּאַרטיי. אָט אַזוי איז דאָס געווען אין מינסק. מסירות און פּליאַטקעס, „באָיקאָט" און קלעפּ, אָט דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג האָט מען אויסגענוצט. נאָר דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן. שטאַלץ און מוטיק איז די יונגע פּאַרטיי געגאַנגען אַלץ פאָראויס. טריט ביי טריט, מיט דער הילף פון דערקלערונגען, דורך אַן אָפענער, ערלעכער טעטיקייט, האָט די דאָזיקע פּאַרטיי געוווּנען דעם צוטרוי פון די מאַסן. אָרגאַניזירנדיק זיך, איז די מאַסע מערסטנטייל אַריינגעטראָטן אין די „אומאָפּהענגיקע" פאַראיינען. צווישן דעם קאָמיטעט און דער ניט־אָרגאַניזירטער מאַסע האָט זיך געשאַפן אַזאַ ענגער קאָנטאַקט, אַז יעדער אַרבעטער ווייס, אַז בשעת אַ שטרייק אָדער אַן אַנדער פאַל דאַרף מען זיך ווענדן נאָך אַן עצה צו די פאָרשטייער פון יאַ"פּ. עס זיינען פאָרגעקומען צענדליקער עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, לעקציעס, וועלכע האָבן געבראַכט זייער אַ סך נוצן. איצט האָט שוין דער טומל אין מינסק זיך איינגעשטילט — מיר האָבן געזיגט.

אָנהייבנדיק אונזער טעטיקייט אין ווילנע, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָ וועט דער קאַמף זיין אַ סך שווערער. די אָנפירער פון ווילנער „בונד" זיינען געניטער פון די מינסקער אין דער הינזיכט, וואָס זיי ווייסן בעסער ווי אַזוי אויפצורייצן און אויפמונטערן די מאַסע; זיי האָבן זיך שוין געקענט לערנען אויף מעשה מינסק. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן ניט דערלאָזן די מאַסע זי זאָל זיך אַפילו באַקענען מיט די שטרעבונגען פון אונזער פּאַרטיי, ווייל זיי ווייסן אויסגעצייכנט גוט, אַז אויב די מאַסע וועט זיך מיט אונז באַקענען, וועט זי צושטיין צו אונז און קיין שום גוואַלדן און געשרייען וועלן זיי שוין ניט העלפן. אָנשטאָט דעם זיי זאָלן נאָכדעם האָבן אַן אַרבעט מיט דער מאַסע, וואָס איז פון זיי אַוועק, האָבן זיי פון סאַמע אָנהייב פאַרבאָטן די אַרבעטער זיך צו באַקענען מיט די נייע מיינונגען און דערקלערט אַ „באָיקאָט".

באיקאט. ס'ארא פיינע זאך דאס איז. פארענדיקט מיט איינמאל. צו וואס לאזן דאס הארץ וויי טאן. צו וואס פטרן אזוי פיל צייט צו ריידן מיט די טעמפע קעפ, מיט די ארבעטער! וואס פאר א עסק איז דאס צו לאזן זיך פארווארפן מיט ערקלערונגען, פארוואס, למשל, איז דער „בונד" גערעכט, און די „אומאפהענגיקע" ניט? וואס פאר א רעכענונג האט בכלל צו קעמפן מיט די נייע מיינונגען, וואס שמעקן ניט די אנפירער פון „בונד", נאר וואס קענען געפעלן ווערן דער מאסע? נאר צו וואס דאס אלץ, אז מיר קענען בעסער... ערקלערן א באיקאט. מ'קאן פשוט באפעלן די ארבעטער (זיי זיינען דאך ניט מער, ווי סאלדאטן) ניט באקענען זיך מיט די נייע מיינונגען, ניט טראכטן... נאר מ'קאן נאך דערציילן א באבע־מעשה, א נישט געשטויגענע מעשה וועגן פראוואקאטארן, שפיאנען, און פארטיק אן עסק. ניט טענהן, — אט דאס איז די הויפט־זאך

יא, באיקאט — עס איז א זעלטענע זאך פאר דעם „בונד", נאר פאר אייך, ווילנער ארבעטער און ארבעטערינס, איז דאס אן עוולה, א גע־פערלעכע עוולה דערפאר, וואס איר זייט גייסטיק אזוי פארשקלאפט, וואס אייך קען מען הייסן, פשוט באפעלן, אזוי ווי סאלדאטן, ניט ריידן, ניט באקענען זיך מיט קיין מענטשן, ניט רייהן, נאר פאלגן; און שענדלעך איז זי דערפאר, וואס אייערע גענעראלן און פאלקאווניקעס פון „בונד" האלטן אייך פאר אזעלכע טיפשים, אז זיי זיינען זיכער, אז מען קען אייך אונטערטראגן דעם גרעסטן שקר, און איר וועט דאס אויפנעמען און גלויבן אין דעם... דאס טוען מענטשן, וואס, לויט זייערע ווערטער, קעמפן זיי פאר פרייהייט פון געדאנק, פרייהייט פון ווארט, פרייהייט פון מיי־נונגען. די זעלביקע מענטשן טראגן אריין אין אייערע רייען דעם גייסט פון דער קאזארמע... פירן פאר דער נאז — אט דאס איז דער נאמען פון דער סיסטעם, וואס מיינט, אז די מאסע האט נאר פיס צו לויפן, די קעפ ווידער זיינען אזעלכע אומפארשטאנדיקע, אז מען קען זיי אנפילן מיט די גרעסטע שקרים.

אנהייבנדיק אונזער ארבעט אין ווילנע, האבן מיר אויך געוווסט, אז די לאגע פון אונזער ערשטן ווילנער אגיטאטאר וועט זיין זייער א גע־פערלעכע, מען קאן אים ניט בלויז באיקאטירן, נאר אפילו אויך דער־הרגענען. נו, איז וואס? אן א קאמף קאן קיין ניצחון ניט אפגעהאלטן ווערן, און אן א קרבן קאן קיין קאמף ניט זיין... אנשטאט איינעם, וועלן זיין אנדערע, נאר יענע העלדן, וואס וועלן אפטאן אזא זאך, און דער קאמיטעט, וואס וועט זיי שיקן דערויף, וועלן מיט דער צייט געקרוינט ווערן מיט האס און מיט שנאה.

נאָר מיר, — מיר גלויבן, אז אונזער ארבעט אין ווילנע גייט אדורך פיל רויקער, מיר גלויבן, אז די ווילנער ארבעטער זיינען גאָרניט אזעלכע נאַראָנים און זיינען אויף אזויפיל ניט פארגרעבט, ווי דאָס מיינען די, וואָס פירן זיי פאר דער נאָז. דער באַיקאָט וועט אייך ניט אָפשרעקן פון דענקען.

עס איז אין עטלעכע ווערטער שווער צו דערקלערן אונזער פּראָגראם, נאָר א פאַרשטעלונג וועגן איר קאָן מען געבן. מיר זאָגן, אז זיין א שטרייקער, ד"ה א מענטש, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט צו פאַר־אייניקן זיך מיט זיינע חברים לויטן פאַך, כדי זיך צו פארטיידיקן קעגן דער עקספּלואטאציע פון זיינע באַלעבאָטים, און זיין א סאָציאַל־דעמאָ־קראַט, ד"ה א מענטש, וועלכער שטרעבט לכתחילה צו א נייער אָרדענונג — דאָס זיינען צוויי לחלוטין פארשיידענע זאכן; אז אויב צו דער צאָל שטריי־קער געהערט שוין איצט די ברייטע מאַסע, איז די צאָל פון די אמתע, ניט אריינגעקלאַפּטע, סאָציאַל־דעמאָקראַטן זייער א קליינע; די איבעריקע מאַסע וויל זיך ניט מישן אין פּאָליטיק און אפילו די פּאָליטיש באַוווּסט־זיניקע אַרבעטער געהערן אויך ניט אַלע צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די עקאָנאָמישע פאַראיינען קענען זיין נאָרמאַל נאָר אין דעם פאַל, ווען זיי פאַראייניקן די גאַנצע מאַסע אָן אונטערשייד פון מיינונגען, ד"ה די אַלע, וועלכע ווילן קעמפן פאר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, און מאַכן איבער־גוואַלט אַלעמען פאר סאָציאַליסטן — איז אוממעגלעך. דעריבער זאָגן מיר, אז די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיין אומאָפּהענגיק פון וועלכער ניט איז פּאָליטישער פּאַרטיי בכלל; זיי טאָרן ניט זיין ניט קיין סאָציאַליסטישע און ניט קיין ציוניסטישע אאז"וו, נאָר פּשוט עקאָנאָמישע און דאַרפן דערביי אַרומנעמען די גאַנצע ברייטע מאַסע.

מיר זאָגן, אז ס'איז אינגאַנצן איבעריק, אז דער אַרבעטער, וואָס צאָלט פינף קאָפּיקעס אין דער קאַסע, זאָל באַקומען דעם נאָמען פון א סאָ־ציאַל־דעמאָקראַט, און צוליב אָט דעם נאָמען זאָל ער אמאָל פאַרשיקט ווערן קיין סיביר, ניט אָנהייבנדיק צו פאַרשטיין דעם זינען פון זיין אויפ־פירונג. זאָל יעדע זאַך אָנגערופן ווערן ביי איר נאָמען. זאָלן די פאַראיינען ניט הייסן קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע. עס פאַרשטייט זיך אַליין, אז אזעלכע פאַראיינען וועט די רעגירונג ניט אזוי פאַרפאָלגן און מיר קאָנען האָפן, אז זי וועט זיי אפילו לעגאַליזירן, ד"ה ערלויבן. און דאָס, וואָס די־לעגאַליזאַציע האָט זיך שוין אָנגעהויבן — קאָן מען שוין זען פון מינסק און מאָסקווע, און איר וועט עס אויך געוויס זען דאָ אין ווילנע.

ווילנער ארבעטער און ארבעטערינס, שרעקט אייך ניט צו פאר־טראכטן זיך, ניט געקוקט אויף דעם באיקאט. און דאס און נאר דאס דארפן מיר פון אייך.

קאמיטעט פון דער יידישער אומ־
אפהענגיקער ארבעטער־פארטיי.

20 יוני 1902 [1]

צוזאמען מיט טשעמעריסקין איז פון מיטוי געקומען קיין ווילנע דער „אומאפהענגיקער" „שמואל".

דאס איז געווען אן אויסערגעוויינלעכער ארבעטער, א מולער, א זעלטענער רעדנער, וועלכער האט ביי דער מאסע געהאט גרויס ערפאלג.

עס האט זיך אויפגעהיט זייער אן אינטערעסאנטער בריוו זיינער, וועלכער איז געשיקט געווארן צו די מינסקער חברים.

„ווידער ווילנע... ווידער בין איך אפגעריסן פון די, מיט וועלכע איך בין אזוי פארבונדן מיט מוח און הארץ, צו וועלכע עס ציט אזוי דאס הארץ. ווידער ווילנע... ווייסט, וואס דאס באדייט? ווידער אן פריינט, אן א ליב ווארט, אן יענעם גייסט, וואס הערשט אין מינסק, וועלכער צינדט אזוי אן און באגייסטערט... ווי אין א נעפל האבן מיר ארומגעבלאנקעט דעם ערשטן טאג, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען, איבער די ווילנער גאסן און עס האט געצויגן, פיינלעך געצויגן צו אייך... קיינמאל איז נאך אזוי פאסקודנע אויף דער נשמה ניט געווען. ווידער אט די קאלטע ארבעט, ארבעט, וואס פאדערט די גרעסטע קאלטבלוטיקייט, די גרעסטע זעלבסט־דערנידערונג, און דאס קענען דערשטיקן אין זיך יעדן ווייטאג־געשריי פון ברענענדער באליידיקונג. נאר עפעס שרעקלעכס איז דעמאלסט געשען מיט מיר. דו ווייסט, איך הייב דאך ניט אן צו פארשטיין, פון וואנען עס האט זיך צו מיר גענומען אט דער נייער געפיל, דער גלויבן, דער גרויסער גלויבן אין מיינע כוחות, אין דעם, אז איך וועל שאפן דאס, פאר־וואס איך האב מיך גענומען. איך פיל, אז מיין כאראקטער בייט זיך מיט יעדן טאג, ער ווערט שטארקער, שטארק ווי אייזן. דאס פערזענלעכע לעבן פארלירט אלץ מער דעם זין אין מיינע אויגן, איך קאן איצט אין זיך דער־שטיקן אלץ, וואס איז פריער געווען אומדענקבאר: איך קאן צוליב אונזער פארטיי דערשטיקן אין זיך יעדן געפיל, וואס קאן שטערן דער ארבעט, זי טארמאזירן; איך פיל, אז די פארטיי הייבט אן אויספילן מיין גאנצן

[1] דארם. דער אריגינאל איז אויף יידיש, איבערגעזעצט געווארן אין פאליצ.־דעפ.

מוח, מיין נשמה, מיינע געדאנקען, מיינע געפילן. פריער האָבן מיך גע־מאטערט פארשיידענע ספיקות, עס האט מיך צעמישט, אין קאָפּ זיינען געקראָכן פארשיידענע זאכן, איצט איז מיט דעם אלעמען געענדיקט, אלץ איז ביי מיר קלאָר און פעסט... און איך בין איצט גליקלעך, איך קאָן זיך איצט אָפּגעבן דער ארבעט מיט דעם גאנצן הארצן, מיט דער גאנצער נשמה. אלזאָ צו דעם באריכט!

דעם צווייטן טאָג נאָך אונזער קומען האָבן מיר צו אונז אין דירה איינגעלאַדן א מאַן 35, כדי זיי צו דערציילן, ווי אזוי מיר האָבן געפֿייערט דעם יאָרטאָג זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן אונזער פארטיי. צווישן זיי זיינען געווען א מאָן 15 בונדיסטן. איך האָב געעפֿנט די פארזאמלונג און אָנגעהויבן אָפּצוגעבן דעם באריכט. קיינמאָל האָב איך נאָך אזוי גוט ניט גערעדט. די בונדיסטן האָבן אָנגעהויבן צו מאכן איראָנישע באמער־קונגען, איך האָב זיי אָפּגעהאקט. מיין דערציילונג האט געמאכט א שטארקן רושם, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די בונדיסטן האָבן גע־שטערט. נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן שטעלן פראגן, און די דעבאטן האָבן זיך פארצויגן ביז 12 אזייגער ביינאכט. מען האט זיך נאָך ניט געהאט פונאנדערגעגאנגען, ערשט איין בונדיסט, וועלכער איז נאָך פריער גע־ווען אין מינסקער „ארבעטער־אָפּטיילונג", האט, ארומרינגלענדיק זיך מיט זיינע חברים, אָנגעהויבן היים צו דערווייזן, אז אַט די אלע ריידע־רייען און מעשהס — איז בלויז א פּראָוואָקאציע. טשעמעריסקי איז בלייך געוואָרן, נאָר ער האט געשוויגן. דער בונדיסט האט ווייטער גערעדט אלץ אין דעם זעלבן גייסט און פלוצלונג האט ער דערקלערט, אז ער קאָן דער־ווייזן, אז ווילבושעוויטש און טשעמעריסקי — זיינען פּראָוואָקאטאָרן. איך קאָן גאָרניט איבערגעבן, וואָס עס איז ביי די דאָזיקע ווערטער גע־שען! ערשט דאָ האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערזען, אז מיר האָבן דאָ מענטשן, וועלכע זיינען בלב ונפש איבערגעגעבן אונזער זאך: אַט אין דער מינוט האָבן זיי זיך ארויסגעוויזן. מיט צונויפגעביילטע פויסטן און מיט אויפגעבראכטע שטימען האָבן זיי אָנגעהויבן פאָדערן, אז די דאָזיקע ווערטער זאָלן גענומען ווערן צוריק. דער מיטגליד פון דעם ווילנער אר־בעטער־אָפּטייל האט מיט אַן אָפיציעלן טאָן ערקלערט, אז דעם מינסקערס ווערטער זיינען שקר וכזב. יענער איז פון דעם נאָך מער אריין אין רציחה און ערקלערט, אז ער וועט באשטעטיקן זיינע ווערטער מיט פאקטן. דאָ האט שוין טשעמעריסקי ניט אויסגעהאלטן, ארויסגעכאַפּט דעם קינ־זשאַל און זיך א וואָרף געטאָן צו אים מיט א געשריי: „אויב דו וועסט ניט דערווייזן דאָס, וואָס דו האסט געזאָגט, שטעך איך דיר אריין דעם מעסער אין הארצן". דער מינסקער האָט זיך דערשראָקן און געזאָגט, אז

אין אַ וואָך אַרום וועט ער דאָס באַווייזן. דאָס אַלץ איז עפּעס געווען אַזוי ווילד און שרעקלעך. זייט ניט אין כּעס אויף טשעמעריסקין פאַר אָט דעם טאַט זיינעם, מ'קאָן דאָך ניט אַלע מאָל לעבן נאָר מיטן שכל: די נערוון און דאָס בלוט ווילן אויך קומען צום וואָרט. אַוועקגעגאַנגען זיינען אַלע אויפגערעגט, אויפגעבראַכט, עלעקטריזירט, דריקנדיק אונז שטאַרק און פריינדלעך די האַנט. אַ מאָן זעקס אונזעריקע זיינען געבליבן און מיר זיינען אָפּגעזעסן ביז פאַרטאָג, אַרומריידנדיק דעם אינצידענט און וואָס עס קאָן פון דעם נאָך אַרויסקומען. היינט דאַרף ווידער פאָרקומען אַ פאַר־זאַמלונג שוין פון אַן אַגיטאַציע־כאַראַקטער. דער מינסקער איז אָפּגעפאָרן: אַפּנים, ער האָט מורא געהאַט דאָ צו פאַרבלייבן".[1]

טשעמעריסקיס פּעסעמיסטישע בריוו האָבן באַאומרויִקט די מינסקער. זיי האָבן באַשלאָסן צו שיקן גאָלדבערגן קיין ווילנע, כּדי צו קאָנטראָלירן ווי די פאַרטיי־אַרבעט איז דאָרט אַוועקגעשטעלט געוואָרן.

אין זיין באַריכט־בריוו וועגן ווילנע דערציילט גאָלדבערג אייניקע אינטערעסאַנטע באַאָבאַכטונגען זיינע פון דער ווילנער אַרבעטער־באַוועגונג. אַגב, האָט ער זעלטן גוט אויפגעכאַפּט, אַז צווישן די, וואָס פילן מיט די „אומאָפּהענגיקע", זיינען געווען באַיאָרטע מענטשן, געווען אַ סך „בעלדיקע", וועלכע האָבן ניט ליב געהאַט דעם „בונד" דערפאַר, וואָס ער האָט געזייט שנאה און האַס צו די באַלעבאַטים, „ער האָט גענויט צו קוקן אויף דעם באַלעבאָס ניט פּשוט, ווי אויף אַ קאָנטר־אַגענט, אַ קאָנקורענט, מיט וועלכן מען מוז זיך גוט אויסדינגען, דערפאַר אָבער זיך אויך האַלטן בנוגע אים דזשענטלמעניש, נאָר ווי אויף אַ חיה־רעה, וואָס פרעסט אויף די גאַנצע אַרבעט, און יעדער טאַט בנוגע אים איז באַרעכטיקט. דער „עלטסטער" הייבט אָן ליב האָבן זיין געשעפט, זיין פאַבריק, זיין אַרבעט, עס פאַרדריסט אים, אויב מען מאַכט אַ תּל פון דעם מאַטעריאַל, אויב די אַרבעט איז ניט גוט געמאַכט, פּונקט אַזוי ווי עס קאָן מיך פאַרדריסן, אויב אַ פּראָקלאַמאַציע ווערט ניט גוט צונויפגעשטעלט".

אין דעם באַריכט־בריוו צו די מינסקער „אומאָפּהענגיקע" שרייבט גאָלדבערג:

„אין ווילנע בין איך געווען בלויז איין שבתדיקן טאָג. איך האָב באַוויזן פריוואַט זיך דורכשמועסן מיט אַ צענדליק מענטשן, בין געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זיינען געקומען אַזעלכע, וואָס

---

[1] דאָרט, „בויגנס 38—40, „מיטטיילונג פון ס. זובאַטאָוו אין פּאָליצ.-דעפּ. פון 14 אויגוסט 1902, נומ׳ 8912.

זיינען באַקאַנט מיט אונזער פּראָגראַם, און אַזעלכע, וואָס הייבן גאָרנישט אָן צו וויסן. די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט מען איינגעאָרדנט לכבוד מיר. נאָכדעם בין איך געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אונזעריקע, אויף וועל־כער מען האָט אָנגענומען אייניקע באַשלוסן וועגן דער ווייטערדיקער אַרבעט אין ווילנע. איך בין געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער־ציוניסטן, מיט איין וואָרט איך האָב מיך באַמיט צוצוקוקן זיך צו די ווילנער. אַלעקסאַנדער טשעמעריסקין האָב איך שוין געטראָפן אַ באַרויִקטן און ער האָט שוין געהאַט אַן אויסזען פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. וואָס שייך די איבעריקע מיטגלידער פון אונזער אָפּטיילונג, — איין מולער און איין אָנגעשטעלטן, איז זייער שטימונג אַ באַפרידיקנדע. די גאַנצע קאָמפּאַניע אַרבעט זייער פיל, נאָר, צום באַדויערן, עסט זי זייער זעלטן מיטאָג, ווייל אַלע, חוץ איין טשע־מעריסקין, פאַרדינען גאָרנישט.

ביי טשעמעריסקין איז שוין **אויסגעלייגט געוואָרן דער ערשטער שטיין** פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס בויט זיך, און דאָס איז אַ גוואַלטיקער שריט פאָראויס: ער האָט שוין אַ קרייז (אַ מין ראַט). דער קרייז איז לעת־עתּה נאָך קיין גרויסער און באַשטייט אינגאַנצן פון זעקס מאַן (פון זיי זיינען דריי געבאָרענע ווילנער). עס איז אויך פאַראַן אַ דיסקוסיע פון 7 מאַן, הייסט עס בסך־הכּל 10 מאַן, וועלכע האָבן שוין צו אים אַ צוטרוי און גייען נאָך אים. די מענטשן פון דער דיסקוסיע וועלן בהדרגה אַריבער אין דעם קרייז און נאָר ערשט דעמאָלט, ווען זיי וועלן צוזאָגן זיך אינגאַנצן אָפּגעבן דער זאַך. עס קומט פאָר עפּעס ווי אַ מין הייליקן זיך אין מאָנאַכן־שטאַנד, אַפילו מיט אַ געוויסער פייערלעכער צערעמאָניע: דער וואָס טרעט אַריין אין דעם קרייז גיט אָפּ אַ שבועה. די אַלע, וואָס גייען אַריין אין דעם קרייז און אין דער דיס־קוסיע, זיינען מענטשן דערוואַקסענע און לעבעדיקע (דער אמתער טיפּ פון די ווילנער „לויפערס"): איטלעכער פון זיי וועט אין משך פון אַ האַלבן מעת־לעת קאָנען פאַרשפּרייטן ניט ווייניקער פון טויזנט פּראָ־קלאַמאַציעס, אַ פינף מאָל אַרומשפּרייזן גאַנץ ווילנע, זיך זען אויף דער בירזשע מיט אַ מענגע מענטשן, זיך צעאַמפּערן מיט הונדערט בונדיסטן; מיט איין וואָרט אַ גאַנץ באַקאַנטער טיפּ און הויפּטזעכלעך אַ ווילנער. אַזעלכע מענטשן זיינען פאַר דער באַוועגונג אַן אמתער אוצר; מ'דאַרף נאָר האָבן איבער זיי אַ שטאַרקע, פעסטע האַנט, אַז זיי זאָלן ווייט ניט אַוועקלויפן, זיי זאָלן ניט פאַרלויפן אַהין, וווּ מען דאַרף ניט, און בשעת די דעבאַטן ניט אַריין אין אַפּיקורסות. אויף דער פאַרזאַמלונג, וווּ איך האָב זיך באַטייליקט, זיינען געווען „שטעפּער", „עלטערע" און ציוניסטן.

אין ווילנע זיינען פאראן בערך 200 שטעפער, אחוץ לערנייִנגלעך. דער ארבעטסטאג איז א נארמאלער, דער ארבעטסלוין א הויכער, דער קולטורעלער ניווא העכער פון מיטלמעסיק. א פאך, וואס האט זייער פיל איבערגעלעבט, לאנג געקעמפט, וואס האט געגעבן זייער פיל ארעסטירטע; מענטשן, וואס זיינען געווינט צו ארגאניזאציע און דיסציפלין. מיט עטלעכע יאר צוריק, נאך דעם דורכפאל, האבן די „בעסערע" באשלאסן, אז מען דארף זיך ניט „צאצקען" מיט דער עקאנאמישער ארגאניזאציע און האבן געבילדעט א „פאליטישן קרייז", וועלכער האט גענומען אויף זיך צו פארשפרייטן אומלעגאלע ליטעראטור, זאמלען פאר דעם „רויטן קרייץ" און מער גארניט. די עקאנאמישע ארגאניזאציע איז אינגאנצן פארלאזט געווארן. די סיבות, וואס האבן געבראכט דערצו, זיינען פאלגנדע: ראשית, האבן די „בעסערע" איינגעפונען (און גאנץ ריכטיק), אז אין משך פון עטלעכע יאר וועט מען שוין מער ניט קענען פארבעסערן די עקאנאמישע לאגע, ווייל פון די באלעבאטים, וועלכע זיינען מערסטנטיילס ניט מער ווי פארמיטלער פון די מאגאזינען, האט מען שוין גענומען אלץ, וואס מען האט געקענט נעמען; והשנית, איז די גאנצע מאסע שוין געווארן גענוג קולטורעל, זיך צוגעוווינט צו א געמיינזאמער טעטיקייט און צו א געוויסן שטאנדארט, און ווען איינער פון די באלעבאטים וואלט עובר געווען אויף אט דעם שטאנדארט, וואלט מען ביי אים דורכגעפירט א שטרייק אן דער הילף פון כלערליי קאסעס און ארגאניזאציעס: דאס נייטיקע געלט וואלט געזאמלט געווארן איבער די ווארשטאטן; ווען ווער פון די ארבעטער וואלט עובר געווען אויף דעם שטאנדארט, קאן מען אים שטענדיק צווינגען מיט קראפט (אין אונזער קאנט איז די ווילנער באוועגונג בארימט מיט אירע שלעגערם); והשלישית, וועט דאס פארהיטן די אנפירער פון דורכפאלן צוליב קלייניקייטן. נאר דאס יאר פון קריזיס האט א וואקל געטאן דעם שטאנדארט און איניקע פערזאן האבן לעבן דעם פאליטישן קרייז און אינגאנצן אומאפהענגיק פון אים געבילדעט אן עקאנאמישן קרייז. געוויינלעך ווערט א קרייז אין פאראיין געוויילט דורך דער גאנצער מאסע, אבער דא האט דער קרייז, צוליב פאליציי־באדינגונגען, אזוי צו זאגן, אליין זיך באשטימט: אין אלע ווארשטאטן האט מען מודיע געווען, אז מען זאל צאלן פינף קאפיקעס א וואך, און די גאנצע מאסע האט געצאלט. מען האט געמאכט איניקע אנשטרענגונגען און דער שטאנדארט איז געבליבן אין קראפט. פון יענער צייט אן האט מען שוין מער ניט פונאנדערגעלאזן דעם עקאנאמישן קרייז, נאר ער האט זיך אנגעהויבן פילן פאריתומט, ווייל קיין שום פארבינדונגען מיט דעם קאמיטעט האט ער ניט געהאט: דער ווילנער סאציאל־דעמאקראטישער קא־

מיטעט האט קיין שום רעזאן ניט געהאט זיך צו פארבינדן מיט א ריין עקאנאמישער ארגאניזאציע. צוליב דעם אלעמען האט דער עקאנאמישער קרייז אנגעהויבן צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט דעם פאליטישן, וועלכער האט געהאט אלערליי פארבינדונגען. מען איז געקומען צו א הסכם, אז אייניקע מיטגלידער פון דעם פאליטישן קרייז זאלן אריין אין דעם עקאנאמישן, איינשטעלן פארשיידענע באציִונגען, דערפאר דארפן זיי באקומען לטובת זייער ארגאניזאציע 30 פראצ. פון דער הכנסה פון דעם עקאנאמישן קרייז. נאר אט זיינען עטלעכע עקאנאמיסטן אריבער צו די ציוניסטן, עס איז געקומען טשעמעריסקי, און די מיטגלידער פון עקאנאמישן קרייז האבן זיך אנגעהויבן צו פארקלערן: צי האבן זיי דאס רעכט אוועקצוגעבן 30 פראצ. פון דעם געלט, וואס איז געזאמלט פאר די נייטן פון דער עקאנאמישער ארגאניזאציע. אט איז די סיבה פארוואס דער גאנצער עקאנאמישער קרייז פון די שטעפער האלט איצט ערב אריבערגיין צו אונז.

איך גיי אריבער צו די „עלטסטע". אויף דער זעלבער פארזאמלונג האט מיך איבערראשט די גרויסע צאל, אין פארגלייך מיט מינסק, „בערדיקע" ארבעטער, וואס געפינען זיך אין דער באוועגונג און אינטערעסירן זיך מיט איר. עס ווייזט זיך ארויס, אז דאס איז דערפאר, וואס די אינדוסטריע אין ווילנע איז א גרעסערע און די באוועגונג איז אן עלטערע. דער ווילנער „בערדיקער" נעמט ניט קיין אקטיוון אנטייל אין דער באוועגונג, ער אינטערעסירט זיך אבער שטארק מיט איר. ער איז אן אויסגעצייכנטער פאסיווער מיטגליד, ער גיט אפ זיין דירה אויף אומלעגאלע פארזאמלונגען און לערנט, דוכט זיך, זיין זון לייענען פון דער אומלעגאלער ליטעראטור. זיי זיינען אומצופרידן מיטן „בונד" און דערפאר זיינען זיי טשעמעריסקים איבערגעגעבנסטע לייטענאנטן. עס געפעלט זיי ניט די גאנצע סיסטעם, ווי אזוי דער „בונד" ערציט די מאסע, אט די ערציִונג, וועלכע צווינגט צו קוקן אויף דעם באלעבאס ניט אזוי ווי אויף א קאנטראגענט, א קאנקורענט, מיט וועלכן מען דארף זיך גוט אויסדינגען, נאר דערפאר זיך אויפפירן דזשענטעלמעניש, נאר אזוי ווי אויף א חיה־רעה, וואס פרעסט אויף די גאנצע ארבעט און יעדער טאט בנוגע אים איז באַרעכטיקט. דער „עלטסטער" הייבט אן ליב צו האבן זיין געשעפט, זיין פאבריק, זיין ארבעט, עס פארדריסט אים אויב מען מאכט א תל פון דעם מאטעריאל, אויב די ארבעט איז ניט גוט געמאכט, פונקט אזוי פארדריסט מיך, אויב א פראקלאמאציע איז ניט גוט געמאכט. ער האט שוין נאר אן אנדער באציִונג צו דעם באלעבאס, שוין א מער פרידלעכע. איך האב פארשטאנען, אז ער דארף האבן גאר אן אנדער עקאנאמישע בא־

וועגונג: ניט קיין בונדישע, ניט אזא באוועגונג, וואס פראקלאמירט אלס איר פרינציפ דעם קריג, א פארביסענעם קריג אן א סוף, נאר א באוועגונג, וואס פארשפרעכט א סאציאלן שלום, אויף בכבודיקע באדינגונגען פאר דעם ארבעטער, ביי מענטשלעכע באציונגען פון ביידע צדדים, אט דאס דערוואַרט ער פון אונז.

וואס שייך די ציוניסטן, זיינען זיי אייניקער מאסן קעגן אונז דערפאר, וואס מיר זיינען זייערע נאטירלעכע קאנקורענטן, ציען ביי זיי אפ די קרעפטן אין דער פערזאן פון די אגיטאטארן און ארגאניזאטארן.

מיין ענדגילטיקע מיינונג וועגן ווילנע איז פאלגנדע: ערשטנס, איז א באדן דארט פאראן, און זייער א רייכער באדן; צווייטנס, זיינען די שוועריקייטן פון ארבעטן אין ווילנע זייער גרויס: עס קומט זיך אויס צו רעכענען מיט דעם קאנסערוואטיזם, מיטן באיקאט, מיט דער געזעלשאפטלעכער מיינונג, נאר קיין דירעקטע געפאר איז אין דעם ניטא. איצט איז שוין זיכער, אז דער בונדישער קאמיטעט האט נאך אונזער פראקלאמאציע אנגעהויבן אפהיטן טשעמעריסקין; דריטנס, איז די סיסטעם פון ווערבירן איין מענטשן נאכן צווייטן זייער א ריכטיקע. דער ווונטש צו האבן א ים מיט ליטעראטור פון ריין עקאנאמישן כאראקטער, איז ארויסגערופן דורך די אומשטענדן און איז דורכאויס גוטווענדיק”[1].

פון די אלע פארזאמלונגען, וואס די „אומאפהענגיקע” האבן איינגעארדנט אין ווילנע, לוינט זיך אפצושטעלן אויף דער, וואס איז פארקומען דעם 27טן יוני 1902. אט וואס ווילבושעוויטש, וועלכע האט ביי־געוווינט אט די פארזאמלונג, שרייבט צו זובאטאוון:

„...אויף דער פארזאמלונג זיינען געווען די בעסטע ציוניסטן און עטלעכע בונדיסטן, פון די וואס געהערן צו די „העכערע ראנגען”. דער „אומאפהענגיקער” יולי וואלין, וועלכער איז גראד געווען אין ווילנע, האט געלייענט זיין רעפעראט וועגן דער לעגאליזאציע, וועלכער האט ניט ארויסגערופן קיין שום דעבאטן, און זיין רעדע האט געמאכט זייער א שטארקן רושם. דאך האבן זיך אייניקע בונדיסטן אויפגעהויבן פון זייערע ערטער, האבן א שפיי געטאן, מיט פאראכטונג א ברום געטאן — „פראוואקאטאר!” און זיינען אוועק. נאכדעם האט זיך אויפגעהויבן א יונגערמאן און האט היים גענומען ריידן צו די פארזאמלטע וועגן די „שמיץ”, וועגן פאן־וואלן, וועגן לעקערטס ווונדערלעך העלדישן טויט,

---

1 דאָרט, ז״ז 30—32.

מיט ציטער און טרערן אין קול האט ער געפרעגט די פארזאמלטע, ווי קאנען זיי האבן געמיינזאמס מיט דער רעגירונג, וועלכע אוואנסירט נאך פאר „שמיץ", און גיט אָרדענס פאר „געהאנגענע". טעאָרעטיש זיינען די „אומאפהענגיקע" גערעכט: די זעלבסטהערשונג דארף לויטן פרינציפּ ניט מאטערן און הענגען מענטשן, אָבער אין דער פראקטיק ווערט נאָר דאָס געטאָן; דאָס לעבן איז שטארקער פון אלע פרינציפּן און טעאָריעס. פארוואָס זעען מיר אחוץ געוואלט גארניט ארום זיך? די צייט פון לאקייִשקייט און שקלאפעריי איז שוין אריבער, די יידן האָבן שוין אלץ איינס ניט וואָס אָנצוּווערן, איז דען שוין ניט גלייכער אומצוקומען מיט כבוד, איידער מיט שאנד. די „אומאפהענגיקע" זיינען דער וואָרעם פון דער רעוואָלוציע, זיי עקסיסטירן בלויז דערפאר, ווייל מען מוז מינן אונז קעמפן; מיט די „אומאפהענגיקע" רעכנט מען זיך נאָר צוליב דעם, ווייל מען מוז אוועקשטעלן א קאָנטרמינע קעגן „אונז". איך זאָג ניט, אז זיי זיינען פּראָוואָקאטאָרן, איך האָב ניט דאָס רעכט זיי אזוי צו רופן, ווייל איך קען זיי ניט פערזענלעך; נאָר איך ווייס נאָר איינס, אז מיט דער צייט וועלן זיי פארשטיין זייער פעלער, און דעמאָלט, קאָן זיין, וועט זיך צווישן זיי געפינען אזא הירש לעקערט און וועט מיט זיין בלוט אָפּוואשן אָט די שאנד, וועלכע זיי האָבן אזוי פרייוויליק און אזוי גערן ארויפגעלייגט אויף זייער קאָפּ. איך וויל בלויז, אז אָט די צייט זאָל וואָס גיכער קומען, עס זאָל זיך פארענדיקן אָט די שרעקלעכע צעשפּליטערונג, וועלכע ווערט מיט יעדן טאָג שטארקער אין דער ווילנער ארבעטער־מאסע. מיר, בונדיסטן, וועלן הויך האלטן אונזער פאָן, די פאָן, וואָס איז געפארבט מיט דעם בלוט פון פארשמיסענע מענטשן, מיט בלוט פון דעם געהאנגענעם מארטירער". זיינע אויפריכטיקע, פלאמיקע ווערטער האָבן אלעמען פארכישופט, און אלע זיינען אוועקגעגאנגען מיט א צווייענדיקן איינדרוק, — פון וואלינס קאלטער לאָגיק און בונדיסטישן הייסן רוף".

ווילבושעוויטש גיט צו אין איר בריוו: „איך האָב מיך צוגעקוקט צו די פּנימער פון די צוהערער, זיך איינגעטראכט אין די געשפּרעכן, וואָס האָבן זיך נאָכדעם אָנגעהויבן, און פאר מיר האָט זיך נאָך קלערער אוועקגעשטעלט דער אלטער אמת, אז די גאנצע רעוואָלוציאָנערע שטימונג האלט זיך דורכאויס אויף דעם „געפיל", וועלכן די רעפּרעסיעס גיבן צו וואָס ווייטער אלץ מער היץ, אונטערוואַרפנדיק נייע און גוטע הייץ־מאטעריאלן; די קלוגע רעוואָלוציאָנערן, ווידער, קאָנען גאנץ גוט פונאנדערבלאָזן דאָס פייער, און די ערלעכע און אויפריכטיקע יונגע קרעפטן שטיצן דאָס בלב ונפש. ארבעטן איצט אין ווילנע איז אויסערגעוויינלעך שווער, און איך באוונדער בלויז אלעקסאנדער טשעמעריסקין. די אגיטאציע אין

ווילנע איז מעגלעך נאר אן אלגעמיינע און א ברייטע, דעריבער דארף מען אנהייבן מיט מאסן־פארזאמלונגען, כדי מיט אייגמאל צווינגען די בונדיסטן זיי זאלן זיך רעכענען מיט דעם געשעענעם פאקט, און ניט מיט פוסטע ווערטער און צוזאגעכצן, וואס גיבן גארניט. מען דארף בילדן ניט קיין גרויסן צענטער, וועלכער זאל פירן די ברייטע אגיטאציע. באוווסטזיניקע טוער וועלן זיך ווידער אויסארבעטן שפעטער"[1].

בערך אין דער זעלבער צייט האט טשעמעריסקי געשריבן צו זו־באטאוון: „איך האב זיך אקארשט דערוווּסט וועגן איין „בונדישער" קאנספיראציע: עס איז פאראן א פראיעקט דערקלערן זייערע עקאנאמישע ארגאניזאציעס אלס אומאפהענגיקע פון זייערע פאליטישע, ד"ה די עקאנאמישע ארגאניזאציעס וועלן אנגעפירט ווערן דורך ספעציעלע קרייזן און וועלן אננעמען מענטשן פון פארשיידענע אנשויונגען און איבער־צייגונגען. און די פאליטיש אנטוויקלטע וועלן ארגאניזירט ווערן באזונ־דער, אין א זעלבשטענדיקער פאליטישער ארגאניזאציע. מיט דעם וויל דער „בונד" איינגאנצן גובר זיין די „אומאפהענגיקע". דערקלערנדיק זיינע ארגאניזאציעס אלס כלומרשט אומאפהענגיקע, וועט ער קענען פארריידן די מאסע, וועלכע וועט טענהן: „מיר זיינען דאך אומאפהענ־גיקע, נאר יענע זיינען פראוואקאטארן — און מיר ניט". אויב דער „בונד" וועט דורכפירן אט די דאזיקע גוט צוגעטראכטע אינטריגע, וועט ער אויף א געוויסער צייט, בלי שום ספק, פארבלענדן די אויגן פון דער מאסע. אלס קעגנמיטל לייגט טשעמעריסקי פאר: ערשטנס — וואס אפ־טער שרייבן אין דער ליטעראטור פון די „אומאפהענגיקע", אז אויב דער „בונד" וועט אפילו דערקלערן זיינע עקאנאמישע ארגאניזאציעס פאר־אומאפהענגיקע פון די פאליטישע, איז דאס פון זיין זייט בלויז א מאַ־נעוור; צווייטנס — איז נייטיק אים צו דערלויבן איבערצוגיין צו מאסן־פארזאמלונגען. דאס לעצטע איז זייער וויכטיק, ווייל צוליב דעם אויסער־געוויינלעכן אומצוטרוי, קאן מען צו דער מאסע פשוט ניט צוקומען. ביזן מאמענט פון דער אלגעמיינער פארזאמלונג, לייגט ער פאר איינצואָרדע־נען קליינע אגיטאציע־פארזאמלונגען און אויף אזא אופן קאמפלעקטירן א געהעריקע צאל מענטשן צו האלטן די ארדענונג. די פראגראם פון די פארזאמלונגען דארף אויסארבעטן א ספעציעלע קאמיסיע פון 6 מאן. ער האט בדעה צו ווענדן זיך צו דעם גענעראל טשערקאסאוו, ער זאל דערלויבן

---

1 ענין וועגן די אומאפהענגיקע, וועלכער געפינט זיך אין דער געהיים־אָפטיילונג פון ארכיוו פון פאליצ.־דעפ. זובאטאווס מיטטיילונג דעם פאליצ.־דעפ. פון 6 יוני 1902, נומ' 71.

אזעלכע פאַרזאַמלונגען. לויט טשעמעריסקיס ווערטער, האָט דער ציוניסטי־שער קאָמיטעט באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע קעגן דעם „בונד“, ווייל די בונדיסטן רייסן די ציוניסטישע ליטעראַטור, און אין דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע קריטיקירן די ערציִונג, וואָס דער „בונד“ גיט די מאַסן. די ציוניסטן האָבן בדעה זיך צו ווענדן צו די „אומאָפּהענגיקע“, זיי זאָלן פאַר זיי אָפּדרוקן די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע“ [1].

גאָלדבערג, וועלכער האָט זיך באַקאַנט מיט דער טעטיקייט אין ווילנע, האָט איינגעפונען, אַז „אַ באָדן איז דאָרט פאַראַן, און דער באָדן איז זייער אַ גוטער“.

אין דער הינזיכט איז ער זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט טשעמעריסקין.

מען דאַרף באַמערקן, אַז גערעכט איז געווען טשעמעריסקי. עס איז אַריבער עפּעס וויניקער פון אַ האַלב יאָר, און די „אומאָפּהענגיקע“ האָבן פאַרלאָזן ווילנע, ליידנדיק אַ פולקומע מפּלה.

פאַרלאָזנדיק זייער אַרבעט אין ווילנע, האָבן די „אומאָפּהענגיקע“ אַרויסגעלאָזט פאָלגנדע פּראָקלאַמאַציע אויף יידיש:

יידישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי

צו אונזערע פּאַרטיי־חברים

מיר שטעלן צייטווייליק אָפּ אונזער אַרבעט אין ווילנע און האַלטן פאַר נייטיק צו ערקלערן אונזערע פּאַרטיי־חברים, פאַרוואָס מיר טוען דאָס.

דער ציל פון אונזער פּאַרטיי־קאָמיטעט — איז צו שאַפן אַ ברייטע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און מיט דעם פאַרווירקלעכן זי באַקומען אַ לעגאַליזאַציע פון אָט דער באַוועגונג.

צוליב אָט דעם אַ ציל אונזערן האָבן מיר אָנגעהויבן אונזער אַרבעט אין ווילנע.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אָנשטאָט דעם, וואָס מ'זאָל פירן אַ פּראַקטישע און שעפערישע אַרבעט, איז אונז די גאַנצע צייט אויסגעקומען אָן אַן אויפהער צו קעמפן מיט שמוץ, מיט שקרים און רכילות, מיט וועלכע דער „בונד“ האָט עמערווייז געגאָסן אויף אונז אין קאַמף פאַר זיין עקסיסטענץ.

מיר וואָלטן זיך געוויינלעך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די שקרים און זידלערייען מצד דעם „בונד“, ווי מיר האָבן זיך פאַר דעם ניט אָפּגעשראָקן

---

[1] דאָרט.

אין אַנדערע שטעט, און וואָלטן ווייטער געפירט אונזער אַרבעט. נאָר אין ווילנע איז גאָר אַן אַנדער סיטואַציע.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיש אַרבעט שוין אין ווילנע 15—16 יאָר, איז די מאַסע נאָך אויף אַזוי פיל פינסטער, אומאַנטוויקלט און קאָנסערוואַטיוו, ווי אין קיין שטאָט, וווּ עס איז נאָר פאַראַן די מינדסטע פאַרשטעלונג וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ טעמ־פּע, אַ ניט־פעיִקע קריטיש זיך באַציִען, האָט זי שוין געציטערט פאַר דעם איינעם געדאַנק וועגן די „אומאָפּהענגיקע" איידער נאָך יענע זיינען גע־קומען קיין ווילנע.

דאָס איז געשען דערפאַר, וואָס די אָנפירער האָבן זיך דערשראָקן, (אַז) די מאַסע, וואָס איז אינסטינקטיוו פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלער באַווע־גונג, וועט זיך צוהערן צו די „אומאָפּהענגיקע" און וועט זיך לאָזן אויף זייער וועג. (און) זיי האָבן אָנגעווענדט אויסערגעוויינלעכע מאַסמיטלען: „דאָס זיינען פּראָוואָקאַטאָרן!" — האָבן זיי געטענהט צו דער מאַסע: — „גייט ניט צו זיי!", „רעדט ניט מיט זיי!", „דאָס זיינען שפּיאָנען!", „היט זיך פאַר זיי, אַנטלויפט פון זיי, זיי וועלן אייך אַרויסגעבן" — האָט זיך געהערט איבער גאַנץ ווילנע.

און דער צעשראָקענער אַרבעטער איז מיט שרעק געלאָפן, און האַס, און שנאה און טויזנטער קללות האָט ער פון גאַנצן האַרצן געשיקט אָט די פאַררעטער.

דער קאָמיטעט האָט איינגעזען, אַז ביי דעם זיג איבער דעם אָבער־גלויבישן שרעק פון דער מאַסע וועלן אונזערע קרעפטן אין ווילנע נאָך בלייבן אויף אַ לאַנגע צייט אַלס טויטער קאַפּיטאַל, און עס קומט בלויז אויס צו קעמפן קעגן דעם שמוץ, וועלכן דער „בונד" גרייט צו פאַר אונז.

און אַזוי ווי אונזער אויפגאַבע איז ניט דער קאַמף מיטן „בונד" און מיט דעם שמוץ, מיט וועלכן ער פאַרטיידיקט זיך, האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן אָפּצושטעלן דאָרט די אַרבעט און אויסנוצן זיינע כּוחות אין אַזאַ אָרט, וווּ זיי וועלן קענען ברענגען דער מאַסע אַווירקלעכע און פּראַק־טישע נוץ.

און ווען דער וווּקס פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין אַנ־דערע שטעט וועט מיט אַ גאַנצער ריי נוציקע אַרבעטער־אינסטיטוציעס פאַקטיש דערווייזן, אַז מיר זיינען געקומען ניט צעשטערן, נאָר בויען, וועט די אָבערגלויבישע שרעק פאַרשווינדן און מיר וועלן צוריקקומען

קיין ווילנע, נאָר שוין ניט צו זידלען זיך מיטן „בונד", נאָר כּדי צו שאַפן אַ לעבעדיקע, נוצלעכע אַרבעט אין דער מאַסע און פאַר דער מאַסע.

דער קאָמיטעט האָפט, אַז אונזערע פּאַרטיי־חברים וועלן פאַרשטיין די ריכטיקייט פון אונזער באַשלוס צו זאָגן ווילנע: „צום ווידערזען!"

קאָמיטעט פון דער יידישער אומ־
אָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי

5 פעוורואַל, 1903.

* * *

בּמעט איינצייטיק מיט טשעמעריסקין אין ווילנע האָט אין אָדעס אָנגעהויבן צו אַרבעטן דער „אומאָפּהענגיקער" מאיר קאַגאַן.

אַן אָנגעזעענער טוער פון דער אָרטיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכן די מאַכט האָט געזוכט, איז ער אַנטלאָפן געוואָרן און זיך אויסבאַהאַלטן אין מינסק. דאָ ווערט ער פאַרכאַפּט פון די „אומ־אָפּהענגיקע" און באַשליסט פאַרפלאַנצן זייערע אידעען אין אָדעס. עס האָט זיך אויפגעהיט זיינער אַ בריוו וועגן אָדעס. „...די אויפרעגונג בנוגע מיר ווערט אַלץ גרעסער, — האָט קאַגאַן געשריבן קיין מינסק, — פון איין זייט, האָבן אַלע יונגע רעוואָלוציאָנערן פאַר מיר מורא ווי פאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר און האָבן מורא איך זאָל זיי ניט אַרויסגעבן; פון דער אַנדערער זייט, זיינען זיי געצוווּנגען צו ריידן מיט מיר, ווייל די אָדעסער אַרבעטער־מאַסע, וועלכע האָט מיך פריער געקאָנט, אַלס אַקטיוון און ערלעכן טוער אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, קאָן ניט דערלאָזן דעם געדאַנק איך זאָל ווערן אַ שפּיאָן. זיי שטייען פּשוט צו און פאָדערן, איך זאָל זיי ערקלערן, וואָס ס'איז דאָ פאָרגעקומען, און איצט האָט די מאַסע שוין פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַן ערלעכער מענטש, איך בין בלויז געקומען מיט אַנדערע איבערצייגונגען, און מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן אונזער פּאַרטיי. אומעטום, וווּ מען קומט נאָר, הערט מען: אומאָפּהענגיקע... לעגאַליזאַציע... אאַז"וו. די אינטעליגענץ האָט זיך אויך אַ וויג געטאָן, מען האָט מיך פאַרוואָרפן מיט שמוץ, נאָר יעדע פּליאָטקע האָט מען מיר באַלד איבערגעגעבן און דעריבער איז מיר לייכט געווען זי אָפּצולייקענען. זיי האָבן זיך פּשוט געלאָזט אויף פאַרשיידענע נבלות, נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפן: די מאַסע טומלט און באַשיצט מיך. מען האָט באַשלאָסן מיר אָנברעכן די ביינער, נאָר אויף צו להכעיס, האָט מען דאָס איבערגעגעבן צו טאָן מיינע אַלטע פריינט — די מאָלער, און זיי האָבן

אנגעהויבן פראטעסטירן. דעמאלט האט מען אויף מיר גערופן א באיקאט, אזוי ווי ביי אייך אין מינסק. נאר אדאנק דעם האב איך נאך מער געוווּנען. אלע מאלערס פון דער דרום־רעוואלוציאנערער גרופע האבן זיך אפגעזאגט מיך צו באיקאטירן און אנגעהויבן דעמאנסטראטיוו צו שפאצירן מיט מיר אפן אין פארק, אלע זאלן זען. דער דאזיקער באיקאט האט ארויסגערופן א גרויסע רוגזה אין דער מאסע, וועלכע האט זיך ניט געוואלט אונטערווארפן דער דיסציפלין. איצט האב איך ערשט פארשטאנען, ווי גוט עס איז, אז מען האט א גוטן שם פון דער פארגאנגענהייט. איך בין געווארן מעסטער, שטארקער און אויסגעוואקסן גייסטיק, ווארעם דער קאמף, וואס איז פאר מיר דא צוגעגרייט, איז גאר ניט קיין לייכטער. אזעראווס בראשורן „דער קאלעקטיווער אפמאך״ ווערן דא שטארק געלייענט אין פאפאווס און וואכאוסקיס טאבאק־פאבריקן, ווו מען רייסט זיי פשוט פון די הענט. דער באדן פאר ארבעט אין אט די צוויי פאבריקן איז דער סאמע רייכסטער, און די ארבעטער, מיט וועלכע איך האב גערעדט, האבן מיך פארזיכערט, אז ווען עס זאל דא זיין א מעגלעכקייט צו ארבעטן (אין זין פון פאליצייישער דערלויבעניש), וואלטן די צוויי פאבריקן אינגאנצן אריבער צו אונז. באוווסטזיניקע, אנטוויקלטע ארבעטער איז אין יעדער פאבריק פאראן ניט מער פון 25 מאן, נאר ארבעטן ארבעטן העכער 1000 מאן אין יעדער פאבריק. די בלעך־פאבריקן, ווו איך האב פריער געארבעט, וואלטן אויך אריבער צו אונז, נאר דער אומגליק איז, וואס דארטן זיינען ניטא קיין גוטע אנפירער און צוגרייטן אזעלכע דארף צונעמען פיל צייט, הגם, לויט אייערע בריוו, האב איך שוין אויפגעטאן מעשים. איך מוז האבן רוסישע ליטעראטור, ווי אויך א טעארעטישן פארטיי־„בריוו״, וועלכן מען מוז אפדרוקן אויף רוסיש. צי קאן עמעצער פון אייך ניט קומען אהער; למשל, וואלין? מיט דעם גראף שוואלאוו דארף מען זיך דורכשמועסן, און איך קאן דאס ניט״.

קאגאנס ביטע איז דערפילט געווארן און וואלין איז קאמאנדירט געווארן קיין אדעס.

א מענטש מיט ארגאניזאטארישע פעיִקייטן, האט ער בריינג אוועקגעשטעלט די פראפאגאנדע פון די „אומאפהענגיקע״.

וואלין האט געלייגט דעם גרונטשטיין פון דער „אומאפהענגיקער ארבעטער־גרופע״ און געטרוימט וועגן א גרויסער טעגלעכער צייטונג, פון אן ארבעטער־ראט און א ראט פון אנפירער.

„דערציילן אייך גענוי די לאגע אין אדעס, — האט וואלין געשריבן קיין מינסק, — איז זייער א שווערע זאך; איר וועט מיר מוחל זיין, אויב איך וועל אין דעם דאזיקן בריוו מיינעם קיין גאנץ און קלאר בילד ניט

געבן. אין אָדעס איז, אייגנטלעך, קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־באַוועגונג ניטאָ; דאָ האָט מען קיין אַנונג ניט וועגן קאַסעס און אָרגאַניזאַציעס; שטרייקן קומען פאָר אַ סך, אָבער בלויז סטיכישע. אמת, עס איז פאַראַן אַ קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, אָבער זיין אָנטייל אין די שטרייקן באַגרענעצט זיך מיט אַ מיזערער געלט־שטיצע. רעוואָלוציאָניזירטע, נאָר ניט קיין פאַראייניקטע אין איין אָרגאַניזאַציע, אַרבעטער ציילט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָמיטעט, פּונקט אַזוי ווי די דרום־רוסישע גרופּע, בערך צו 1500 מאַן יעדערע, — אַ פּראָצענט לגבי דער אומגעהייערער צאָל אַרבעטער, — אַ נישטיקער.

די מערהייט פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער געהערט צו דער האַנטווערק־פּראָדוקציע. די גאַנצע אַרבעטער־מאַסע זוכט אַן אָרגאַניזאַציע אַ ריין עקאָנאָמישע. דוכט זיך, אַ זעלטענער באָדן פאַר אונזער באַוועגונג; דוכט זיך מיט אַ צענדליק ענערגישע און אַנטוויקלטע יונגע וואָלטן מיר דאָ געקענט שאַפן אַ גאַנצע ריי פאַראיינען, פאַרזאַמלונגען, מיר וואָלטן, דוכט זיך, געקענט ווערבירן אין אָט דער פיל טויזנט־קעפּיקער מאַסע אויך פּאַרטיי־מענטשן!

האָט אָבער מאיר פון סאַמע אָנהייב גענומען קעמפן מיט דער רעוואָלוציע. פאַרשטייט זיך, אַז באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ גוואַלד, באָיקאָט און קלעפּ. צום אָנהייב, קאָן זיין, האָט מען דאָס געדאַרפט, אָבער איצט איז די לאַגע אַזאַ: מיר האָבן ביי היינטיקן טאָג אַ מאַן 20 פּאַרטיי־יונגען פון די רעוואָלוציאָנערן, אָבער אָן אַ פּראַקטישער טעטיקייט וועסטו זיי לאַנג ניט פאַרהאַלטן; די שטענדיקע וויכּוחים, דעבאַטן און אָפטע צאַנקערייען זיינען אַלעמען שוין אויף אַזוי־פיל דערעסן, אַז אַפילו די סאַמע איבערגעגעבנסטע מענטשן הייבן אָן חושד צו זיין, אַז מיר זיינען געקומען בלויז אויפצוהויבן אַ טומל, און ניט עפּעס אויפצוטאָן... מאיר האָט מיך פון ערשטן טאָג אָן אָנגענומען די אייגענע פּאָזיציע, וואָס ער, ד״ה איך וועל אָנהייבן אַרומלויפן, הויבן שלעפּן אויף „אַגיטאַציע"... ער האָט געמיינט, אַז איך וועל פאַרשוויצן, שמאַיען, מיט דעם היטל אויפן קאָרק, פון איין טראַקטיר אין דעם צווייטן, כּדי זיך דאָרטן זען מיט אַ „פּאַרשוין", און דאָ אַ שמועס טאָן מיט אַ „מיידל". איך האָב אים, געוויינלעך, באַלד אָנגעהויבן איינצוהאַלטן. צום גליק איז צו אונז צוגעשטאַנען זייער אַן אינטעליגענטער אַרבעטער, זיסקע. דער דאָזיקער בחור, ווייזט זיך אַרויס, האָט נאָך פריער געפאָדערט, אַז עס קלעקט מיט דער אומגעלומפּערטער, סיסטעמלאָזער אַגיטאַציע, אַז עס איז נייטיק אַ פּראָפּאַגאַנדע, אַן אָרגאַניזאַציע און

א פראקטישע טעטיקייט, מיט איין ווארט, עפעס רעאלס. מיר האבן באַ־שלאסן תיכף צו גרינדן אן אומאפהענגיקע ארבעטער־גרופע. די גרופע נעמט אן אונזער פראגראם אינגאנצן. א גרויסע שוועריקייט איז ביי אונז מיט דער נאציאנאלער פראגע (דאס איז פאר אדעס אן אנגעווייטאגטע פראגע: אונזער פארטיי איז א יידישע, א נאציאנאלע, הגם ניט קיין נאציאנאליסטישע, און דא קאן מען קיין ריין־יידישע באוועגונג ניט פירן); מיר האבן זי נאך ניט באהאנדלט ווי עס באדארף צו זיין, דער־ריבער. וועל איך אייך וועגן דעם שרייבן א צווייט מאל. די גרופע וועט האבן א קאסע (א פארטיי־קאסע, וועלכע וועט זיך צונויפשטעלן פון די פראצענטער, וואס די עקאנאמישע קאסעס, מיט וועלכע זי פירט אן, וועלן אפרעכענען לטובת איר), א דיסקוסיע, לעקציעס, א ביבליאטעק מיט ביכער וועגן דער ארבעטער־פראגע אאז"וו. נאכדעם האט מען באשלאסן אנצוהויבן אין דער ברייטסטער פארם די לעגאליזאציע. א ברייטע אר־בעטער־באוועגונג איז דא מעגלעך בלויז א לעגאלע, אדעס איז לחלוטין ניט ענלעך אויף מינסק, און ארגאניזירן די אומלעגאלע פאראיינען איז פשוט אוממעגלעך. ביי דערלויבטע פארזאמלונגען קאן מען עס אויף האלב־לעגאלע יסודות יא טאן.

אלזא, מיר הייבן אן די לעגאליזאציע, און צום סאמע אנהייב וועלן מיר דאס טאן מיט א גרויסן רעש. איך האב קיין טעות ניט געהאט אין מיינע אויסרעכענונגען. אדעס איז אין קולטורעלן זין די סאמע העכסטע שטאט. מיר וועלן דא האבן זייער א גוטע אינטעליגענץ, די פארנעמסטע, אפילו פראפעסארן אויך. מיר וועלן האבן אונזער צייטונג „יוזשנאיע אבאזרעניע" (דרומדיקע איבערזיכט), א ריינע ארבעטער־צייטונג, וועלכע וועט ערשיינען לויטן מוסטער פון די אויסלענדישע צייטונגען. דאס איז א גרויסע צייטונג, וועלכע קאסט 2 קאפיקעס, און ווערט פארשפרייט אין א צאל פון דרייסיק טויזנט עקזעמפלארן. איך האב אויסגערעכנט, אז אין פארלויף פון אנדערטהאלבן חדשים וועט מען דא קענען ארגאניזירן אן ארבעטער־ראט און א ראט פון אנפירער. וואס שייך דער פארטיי, וועט זי קאנען פראגרעסירן נאר דאן, ווען עס וועט אוועקגעשטעלט ווערן א ברייטע לעגאליזאציע און ווען עס וועט זיין א גוטע ליטעראטור אויף רוסיש.

ווי איך האב אויסגערעכנט, איז דער יונגער שערמאן טאקע צוגע־שטאנען צו אונז. די קלוגסטע לייט פון דער היגער יידישער אינטעליגענץ (אחד־העם, דובנאוו) האבן זעלטן גוט באנומען אונזער זאך, און פילן איר שטארק מיט. ביי אחד־העמען בין איך כמעט יעדן אינדערפרי. מיר שמועסן בערך א שעה און איך גיי פון אים אוועק אן אנטציקטער. מיר

וועלן האבן געלט, אינטעליגענץ, מיר דארפן נאר האבן די הילף פון אויבן. איך בין נעכטן געווען ביים דעם גענעראל בעססאנאוון. עס ווייזט זיך ארויס, אז ער האט וועגן אונז ניט באקומען קיין שום אינסטרוקציע, נאר דאך האט ער מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך. דאס איז אן אלטער, שטאלצער גענעראל, וועלכער מאכט אן איינדרוק פון א ניט נארישן און שלויען מענטשן. מיר האבן געשמועסט אן אנדערטהאלבן שעה; צום סוף פון דעם געשפרעך האט ער מיר געזאגט: „אלעס, אלעס, בעסטעס, לאז אייך גאט העלפן איר זאלט מצליח זיין. וואס אנבעלאנגט מיר, איז וואס איך וועל נאר קאנען טאן, כדי אויסאיבן א דרוק אויף דעם שטאטהויפטמאן (גראדאנאטשאלניק), וועל איך טאן”. ער האט מיר געעצהט איך זאל זיך פערזענלעך מעלדן צו דעם ממלא־מקום פון דעם שטאטהויפטמאן — סטארקאוון. צום באדויערן, פארשטייט זיך דער לעצטער זייער ווייניק אין אזעלכע זאכן, און דערצו נאך איז ער א קאנצעלאריע־מענטש, און דעריבער וועט ער אן א פאפיר פון אויבן גארניט טאן, און א פארזאמלונג מוזן מיר האבן גאר אין דער קירצעסטער צייט. אונזערע אדרעסן, ד”ה מיינעם און פון דער פארטיי־קווארטיר, וועלכע עס האבן געדונגען אבראם קיליע און שיינע־חיה אינאיינעם מיט דער גרופע האט דער גענעראל בעססאנאוו איבערגעגעבן דער פאליציי און געהייסן אונז ניט צו באאומרויקן. דאך וועל איך די טעג פרווון אריינגיין צו סטארקאוון און אים דערקלערן אונזער ענין. וועגן מיר רעדט מען דא זייער פיל און מען אינטערעסירט זיך מיט מיין פערזאן: „דאס זייט איר אט דער וואלין, וואס אאז”וו”; דאס איז פאר אונז זייער גוט. וויכטיקע בריוו שיקט רעקאמענדירט און אדרעסירט: טיראספאלסקע נומ׳ 6, דירה 31, פאר מיר”.

אלם דערקלערונג צו דעם דאזיקן בריוו, האט זובאטאוו געשריבן צו ראטאיעוון, דארף מען מוסיף זיין אט וואס: „א דיסקוסיע הייסט — א גרופע פון אויספרווון; די מיטגלידער פון דער דיסקוסיע ווערן ערשט דעמאלט ווירקלעכע, ווען זיי זאגן צו אינגאנצן זיך אפגעבן דער ארבעט. זי האלט זיך אויף דעם יסוד פון דעם פרינציפ, אז יעדע באוועגונג, דערהויפט א יונגע, דארף האבן איר מאנאכן־ארדן, אלם עמבלעם פון איינקייט. אחד־העם (א פסעוודאנים) איז דער אנפירער פון דער איצטיקער יידישער ליטעראטור, א מאן פון אויסערגעוויינלעכער פאפולאריטעט; אין דער יידישער ליטעראטור פארנעמט ער כמעט דאס זעלבע ארט, וואס גראף טאלסטאי אין דער רוסישער. דובנאוו — איז דער בעסטער קענער פון דער יידישער געשיכטע, א טאלענטפולער פובליציסט, א נאציאנאליסט, וואס איז פונקט אזוי ווייט פון די רעוואלוציאנערן,

פונקט אזוי ווי פון די ציוניסטן. די אומאָפּהענגיקע זיינען זיכער, אז אַט די מענטשן, וועלכע שטייען העכער פון אַלע פּאַרטיי־דרייסעריייען, וועלן פאַרשטיין, וואָס פאַר א גרויסע נאַציאָנאַלע באַדייטונג קאָן האָבן זייער זאַך, און וואָס פאַר א גרויסער ענין איז פאַר דעם יידישן פאָלק דאָס געזונט מאכן זיין ארבעטער־קלאַס. לויט זייער איבערצייגונג, איז די ארבעטער־פראַגע פאַר זיך אַליין גאָרניט, אָבער פאַר דער נאַציאָנאַלער באוועגונג פון די יידן איז זי אַלץ".

אין דעם דאָזיקן בריוו וואָלינס פאַרדינט די אויפמערקזאַמקייט זיין אָנווייזונג, אז אחד־העם און דובנאָוו האָבן מיטגעפילט די אידעען פון די „אומאָפּהענגיקע".

פריער, אין טשעמעריסקיס בריוו, האָבן מיר געזען, אז אין ווילנע האָבן זיך די ציוניסטן אויך באַצויגן מיטפילנד צו זיי. לויט שאַיעוויטשעס ווערטער האָט דער צוזאַמענפאַר פון די ציוניסטישע קרייזלעך פון זעקס שטעט אין דער ליטע באַשלאָסן צו שטיצן די אומאָפּהענגיקע.

מען דאַרף באַמערקן, אז אַט די „אייניקייט" נעמט זיך, בלי־ספק, פון דעם, וואָס סיי די „אומאָפּהענגיקע", סיי די ציוניסטן האָבן געטראָגן אַן אַלצאיינע שנאה צום „בונד".

אַט די דאָזיקע, באמת רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, איז זיי געווען א שטיין אין וועג און זיי האָבן זיך געמיט זי צו פאַרניכטן.

אין קאַמף מיט דעם „בונד" האָבן זיך אויף דער יידישער גאַס סאָלידאַריזירט אַלע קאָנסערוואַטיווע פּאָליטישע קרעפטן, — די ציוניסטן, אחד־העם, דובנאָוו און די „אומאָפּהענגיקע".

וואָלין האָט געהאָפט, אז אין אָדעס וועט זיך אים איינגעבן צו אַנטוויקלען א ברייטע טעטיקייט און האָט זיך בלויז געניייטיקט אין דער הילף פון „אויבן". דאָך האָט ער זיך דאָס בשום אופן ניט געקענט דערשלאָגן. וואָלין האָט זיך דעריבער ווענן דעם געווענדט צו זובאַטאָוון מיט פאָלגנדן בריוו פון 4טן אווגוסט 1902.

„געוויס מעלדעט מען אייך פון מינסק וועגן אַלע אונזערע אָדעסער מעשהס, אזוי, אז איך דאַרף אייך שוין געוויס ניט באַשרייבן וועגן דעם, ווי עס האַלט דאָ. קורץ, איך האָב ניט דערוואַרט אזא דערפאָלג.

ערשט דריי וואָכן, ווי איך בין געקומען אַהער, און מיר האָבן שוין אין אָדעס אונזער פּאַרטיי און אונזער צוקונפט איז פאַרזיכערט! איך האָב צוגעצויגן דריי אינטעליגענטן פון דעם בעסערן טייל פון דער

אַדרעסער אינטעליגענץ, אַזוי, אַז איך וועל קענען אין דער נאָענטסטער צוקונפט, איבערלאָזנדיק די אַרבעט אין זיכערע הענט, אַוועקפאָרן קיין קיעוו און קיין כאַרקאָוו אָרגאַניזירן די פּאַרטיי. גענוי וועגן אַלעמען וועט איך מודיע זיין מ.

מיט דעם דאָזיקן בריוו צווינגט מיך צו ווענדן זיך צו אייך אַן עקסטרער ענין, און די מינסקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע דינט, אַלס פאַר־מיטלערין, איז צו פּאַוואָליעדיק.

איך רייד דאָ וועגן דער „לעגאַליזאַציע". די אָרטיקע רעוואָלוציאָ־נערן האָבן געוויינלעך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכן גוואַלד און געשריי. זיי לאָזן ארוים קעגן אונז פּראָקלאַמאַציעס (איינע לייג איך דאָ ביי), מיין נאָמען (אַלס קלוגער און פלינקער שפּיאָן) האָט מען צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט. געפערליך שטאַרק האָבן זיי אונז ניט געשאַדט, נאָר די אַרבעטער־מאַסע, אפילו די ניט־אָרגאַניזירטע, הייבט זיך אָן צו באַציען צו אונז מיט אַ געוויסער מורא. ביז מיר וועלן ניט אויפהערן נאָר ר י י ד ן, און ניט אָנהייבן עפּעס צו טאָן ממשותדיקס, וועט זיך אָט די באַציִונג צו אונז נאָך מער פאַרשטאַרקן.

מיר זיינען שוין ביד אָנהייבן דורכצופירן פאַרזאַמלונגען, און מיר מוזן דאָס אומבאַדינגט שוין טאָן. נאָר ווי אַזוי באַקומט מען די דערלויבעניש. שוואַלאָוו איז ניטאָ, עס פאַרבייט אים איינער סטאַרקאָוו, וועלכער איז, ווי מען זאָגט, אַ צו גרויסער פּחדן, ער זאָל עפּעס . וואָס פאָרנעמען אָן גראַף. בעססאָנאָוו האָט זיך באַצויגן צו מיר „גוטפריינד־לעך". ער האָט מיר געגעבן אַן ערלויבעניש צו האַלטן צוויי קוואַרטירן און פאַראָרדנט, אַז די פּאָליציי זאָל אַהין ניט קומען. אָבער מיט דעם עצם ענין אינטערעסירט ער זיך ניט. „אָ, מיר איז דאָס אַלץ באַקאַנט!" — זאָגט ער, הגם ער הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין אַ וואָרט. נאָר פאַראינטע־רעסירן אים איז פּאָרט מעגלעך, און איך האָב זיך געקליבן און אפילו אָנגעהויבן צו פּראָפּאַגאַנדירן אים, מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט, ביז שוואַלאָווס צוריקקומען, נעמען אויף זיך און פועלן ביי סטאַרקאָוון ער זאָל אונז געבן די ערלויבעניש אויף פאַרזאַמלונגען... מיטאַמאָל איז בעס־סאָנאָוו אויך אַוועקגעפאָרן אויף אַ חודש אויף אורלויב. איצט איז שוין אינגאַנצן ניטאָ צו ווענדן זיך צו ווענדן ניט נאָר נאָך אַן ערלויבעניש, נאָר אפילו נאָך דער מינדסטער קלייניקייט. אָט וועלן מיר די טעג, למשל, פאַרשפּרייטן אַ פּראָקלאַמאַציע, מען וועט געוויס פאַרהאַלטן עמעצן פון אונזערע אַרבעטער, און איך ווייס, באמונות, ניט צו וועמען איך דאַרף זיך ווענדן.

איך ווארט אויף אן ענטפער און אן עצה.
זייט געזונט. איך האף, אז איר וועט מיר ענטפערן...
מיין אדרעס: טיראספאלסקע נומ׳ 6 וו. 31.

פאר עפעס א טונקעלן ענין האבן די „אומאפהענגיקע״ אויסגעשלאסן וואלינען פון זייערע רייען. עס האט אים פארביטן חנא שאיעוויטש. ער האט זיך אטעסטירט אלס דאקטאר פון פילאסאפיע און מלוכה־וויסנשאפטן, נאר אין אדעס האט מען שטארק געשמועסט, אז עס הייבט זיך ניט אן.

ווען דעם האט אים מיט צער געשריבן זיין פרוי אין א בריוו פון 17טן יאנואר 1904 קיין קראסנאיארסק, וווהין מען האט אים פארשיקט.

ביז ער איז פארכאפט געווארן דורך דער אידעע פון א לעגאלער ארבעטער־באוועגונג איז שאיעוויטש געווען א ציוניסט און איז אלס דע־לעגאט פון אדעס געפארן קיין מינסק אויף דעם אלרוסלענדישן צוזא־מענפאר פון די ציוניסטן.

אין מינסק האט זיך שאיעוויטש באקאנט מיט מאשע ווילבושע־וויטש און לויט איר אויפטראג האט ער זיך גענומען צו שאפן אין אדעס אן אפטיילונג פון די „אומאפהענגיקע״.

ביי די ציוניסטן אין אדעס איז שאיעוויטש געווען אן אנגעזעענע פיגור.

ער איז געווען דער פארזיצער פון דעם קרייזל „אור ציון״, ער האט ארגאניזירט א ציוניסטישן פארלאג „התחיה״ און גענומען א לעבעדיקן אנטייל אין דער ביבליאטעק־קאמיסיע פון דער אדעסער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

שאיעוויטש האט געשפילט אן אנפירנדע ראלע אין דער ארטיקער ציוניסטישער באוועגונג: בשעתן ארעסט האט מען ביי אים צוגענומען א גרויסע קארעספאנדענץ מיט פארשיידענע ציוניסטישע טוער.

דאס, וואס זייענדיק אן אומאפהענגיקער, האט ער ניט איבערגעריסן מיט דער ציוניסטישער באוועגונג, איז זייער אן אינטערעסאנטער שטריך אויף אפצומאלן די אידעישע פיזיאנאמיע פון אט דעם פאליטישן טוער: שאיעוויטש האט גאנץ אויפריכטיק געמיינט, אז קעמפנדיק מיט דעם „בונד״, טוט ער א יידישע נאציאנאלע ארבעט, אז דאס פארניכטן די דאזיקע ארגאניזאציע וועט שאפן א באדן פון געזונטן נאציאנאלן לעבן פון די יידן.

דורך דעם האט ער געהאפט צוציען צו די ציוניסטן די יידישע ארבעטער, וועלכע זאגן זיך עקשנותדיק אפ אריינצוטרעטן אין אט דער פארטיי.

אין די פּראָקלאַמאַציעס פון די „אומאָפּהענגיקע" האָט זיך זייער פיל גערעדט וועגן קלאַסן־באַוווסטזיין פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועגן זיין פּאַראייניקונג און אָרגאַניזירן זיך פאַרן קאַמף פון זיין עקאָנאָמישער לאַגע, און זיי האָבן זאָרגפעליק פאַרשוויגן דעם ווירקלעכן ציל, צו וועלכן זיי האָבן געשטרעבט און וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען דאַרף מיט אַלע כּוחות און מיטלען צעשטערן די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט—דעם „בונד"—און אַריינציען די יידישע אַרבעטער אין דער ציוניסטישער פּאַרטיי.

אָט די דאָזיקע אויפגאַבע פון די „אומאָפּהענגיקע" ווערט אין דער פולסטער קלאָרקייט אַרויסגעזאָגט אין שאַיעוויטשעס אַ רעפעראַט „די יידישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי, איר פּראָגראַם, געשיכטע און באַדייטונג פאַר דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון דעם יידישן פאָלק", וועלכער האָט זיך אויפגעהיט צווישן שאַיעוויטשעס פּאַפּירן [1].

די „אומאָפּהענגיקע" האָבן אָרגאַניזירט אין אָדעס אַ „פּאַראיין פון מאַשינבויער און מעכאַנישע אַרבעטער", וועלכער האָט זיך איינגיכן אָנגעהויבן אַריינצומישן זיך אין די באַציִונגען צווישן די באַלעבאַטים און די אַרבעטער. אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אויך געאַרבעט אין נאָמען פון „אָדעסער אומאָפּהענגיקן אַרבעטער־קאָמיטעט"; אויף זייערע אויפרופן האָבן זיי געשטעלט דעם שטעמפּל פון אָט דעם קאָמיטעט [2].

שאַיעוויטשן צו הילף פלעגט קיין אָדעס קומען פון מינסק מאַשע ווילבושעוויטש און א. טשעמעריסקי.

ווילבושעוויטשעס קומען קיין אָדעס אין סעפּטעמבער 1902 האָט שטאַרק באַאומרויִקט די אָדעסער פּאָליציי. כּמעט יעדן טאָג זיינען ביי איר אויף דער קוואַרטיר אויף טיראַספּאָלער גאַס נומ' 6 פאָרגעקומען גרויסע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען (ביז 50 מאַן און מער); ווייסנדיק וועגן די באַציִונגען, וואָס ווילבושעוויטש האָט מיט דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, האָט די אָרטיקע זשאַנדאַרמעריע זיך ניט באַשלאָסן אָנצונעמען קעגן איר וועלכע ניט איז מיטלען, און האָט אָנגעפרעגט, ווי אַזוי זי דאַרף זיך נוהג זיין. אויף דעם האָט זיך באַקומען אַ באַרויִקנדיקער ענטפער פון דעם דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט לאָפּוכינען: „אָדעס, דעם זשאַנדאַרם־פּאָדפּאָלקאָווניק קריטסקי. די טעטיקייט פון דער ווילבושעוויטש איז מיר און דעם גראַף שוואַלאָוו פערזענלעך באַקאַנט. העלפט

1 זע ל. בוכבינדערס אַרטיקל וועגן דער זובאַטאָווטשינע „קראַסנאַיאַ לעטאָפּיס", נומ' 4.

2 היסט.־רעוו. אַרכיוו, ענינים פון פּאָליציי־דעפּאַרט. באַזונד. אָפּט. נומ' 538, 1908.

מיט דער ווילבושעוויטש, ווען עס וועט נייטיק זיין, מיט אלע מעגלעכקייטן. שטעלפארטרעטער פון דירעקטאר — לאפוכין״ [1].

דער איינפלוס פון די „אומאפהענגיקע״ אין אדעס איז שנעל גע־וואקסן.

לויט די אגענטור־ידיעות זיינען די טעטיקסטע מיטגלידער פון דער גרופע געווען: דער ארבעטער פון די קעסל־ווארשטאטן זלמן פרענקל, לייבע ריזשי, אברהם פוילישער, דער שלאסער פון די ווארשטאטן פון פרייוויליקן פלאט — איוואנאוו, דער טאקער פון די זעלבע ווארשטאטן — קאסטיטשענקא־קאוואלטשוק און איוואן ליקסמען (דער קאסירער פון דער גרופע) [2].

„...דא איז סוף ווינטער, — האט מען געשריבן פון אדעס צום צענטראל־קאמיטעט פון „בונד״, — אנטשטאנען א „זובאטאווישע״ גע־זעלשאפט, די אזוי־גערופענע „אומאפהענגיקע ארבעטער־פארטיי״. נאך אינמיטן ווינטער איז אהער געקומען פרוון דאס גליק וואלין. ער האט געהאט א קליינעם ערפאלג ביי דער יידישער אינטעליגענץ, צווישן וועלכער ער האט א געוויסע צייט געפירט אן אגיטאציע. איצט האבן די „אומאפ־הענגיקע״ געפונען צו זיך א גוטן חבר אין דער פערזאן פון ח. שאיעוויטשן. ערשט דא ניט לאנג איז אט דער שאיעוויטש אויסגעקליבן געווארן אלס דעלעגאט אויף דעם מינסקער צוזאמענפאר, און אזוי ווי דורך א כישוף האט ער, צוריקקומענדיק פון מינסק, אנגעהויבן, — אנשטאט צו רופן קיין ציון — רופן צו הילף... דער רוסישער זשאנדארמעריע. שאיעוויטש, וואס איז ביז איצט געווען א קעמפער פאר דער באפרייונג פון דעם יידישן פאלק, איז מיטאמאל געווארן א פארברענטער קאסמאפאליט: אויף פערעסיפ (א אדעסער פארשטאט, ווו עס געפינען זיך זייער פיל פאבריקן און זאוואדן) האט שאיעוויטש אנגעהויבן היים צו פרעדיקן צווישן די קריסטלעכע ארבעטער זיי זאלן איינארדענען שטרייקן, וועלכע זיי וועלן אויף זיכער קענען געווינען מיט דער הילף פון דעם אדער יענעם זשאנ־דארם (ער בארימט זיך דערמיט עפנטלעך). אויף די פארזאמלונגען, וועלכע ער ארדנט איין, וויל ער אלץ דערגיין ביי די ארבעטער, צי איז צווישן זיי ניט פאראן אזעלכע, וואס האבן „פליגן אין דער נאז״, ד״ה רעוואלו־ציאנערן, און בעט מען זאל זיי אנרופן ביי די „פאמיליענגעמען״ [3].

---

1 דארט.

2 דארט, נומ׳ 1390, 1903, באז. אפט., בויגן 1.

3 היסט.־רעוו. ארכיוו, ענינים פון פאליצ.־דעפ. נומ׳ 1700, באנד I, באזונד. אפט. 1902, א פערלוסטרירטער בריוו.

געארבעט האבן די „אומאפהענגיקע" אין אדעס האלב לעגאל: די מאכט פלעגט זיי ניט געבן קיין ערלויבעניש איינצוארדענען פארזאמלונגען אד"גל, נאר זי פלעגט זיי ניט פארפאלגן צוליב דעם.

דער פאליציי־דעפארטאמענט האט געגעבן צו וויסן דער אדעסער זשאנדארמעריע־פארוואלטונג, אז „געבן אט די פערזאנען ערלויבעניש אויף איינארדענען פארזאמלונגען און פארשפרייטן פראקלאמאציעס און זיי ארויסווייזן וועלכע ניט איז הילף איז ניט באקוועם, נאר דאך וואלט געווען זייער גוט, ניט פארפאלגנדיק זיי פאר אט אזא מין טעטיקייט, זיך באציען צו זיי מיט א געוויסער געדולדיקייט".

אין נאוועמבער 1902 האט זיך די אדעסער גרופע „אומאפהענגיקע" געווענדט צו דעם אדעסער שטאטהויפטמאן מיט א ביטע, ער זאל זיי אפיציעל ערלויבן איינארדענען אין אדעס, אין א ספעציעל געדונגענעם לאקאל, א פארזאמלונג, אויף וועלכער די ארבעטער וועלן זיך דורכשמועסן וועגן די פראגן פון זייער לעבן, לאפוכין האט וועגן דעם ענין דערקלערט, אז „אזעלכע פארזאמלונגען האבן שוין געקראגן זייער אנערקענונג מצד דעם מיניסטעריום פאר אינערלעכע ענינים, און ביי היינטיקן טאג קומען זיי פאר אין פעטערבורג און אין מינסק מיט דער געהעריקער ערלויבעניש, וועלכע ווערט געגעבן אויפן אלגעמיינעם גרונט פון ערלויבן פארוויילונגען, טאנץ־אוונטן אד"גל, און אז „מצד דעם מיניסטעריום וואלט ניט געווען קיין שטערונג צו באפרידיקן די השתדלות פון דער אומאפהענגיקער גרופע אין אדעס, ביי דער איסדריקלעכער באדינגונג, אז איינער פון די וואס זיינען זיך משתדל זאל זיין פערזענלעך באקאנט דעם שטאטהויפטמאן, און אז די פאראנטווארטלעכקייט פאר דער ארדענונג אויף דער פארזאמלונג זאלן אויף זיך נעמען די פערזאנען, וועלכע וועלן זיך משתדל זיין, מען זאל ערלויבן די פארזאמלונג"[1].

שאיעוויטשעס טעטיקייט אין אדעס איז, לויט זובאטאווס ווערטער, געווען אן ענערגישע און קלוגע[2].

ווערנדיק געשטיצט פון דעם ארטיקן הויפטמאן פון דער זיכער־הייטס־אפטיילונג וואסיליעוון, האט שאיעוויטש שנעל פארברייטערט זיין טעטיקייט.

אונטער דער ווירקונג פון די „אומאפהענגיקע" זיינען פארגעקומען שטרייקן: אין פריוום ניט גרויסן מעבאנישן ווארשטאט און אין סאקא־

---

1 היסט.־רעוו. ארכיוו, ענינים פון פאליצ.־דעפ. נומ' 538, באזונד. אפט., 1908.

2 דארט, נומ' 538, 1908, באז. אפט.

לאָוסקים קאָנסערוון־פאַבריק. אין אַפּריל איז אונטער שאיעוויטשעס אָנ־פירונג אין רעסעלס פאַבריק פאָרגעקומען אַ לאַנג־דויערנדיקער, עקשנות־דיקער שטרייק, בשעת וועלכן עס זיינען אָנגעווענדט געוואָרן גוואַלט־מיטלען קעגן די שטרייקברעכער; דעם שטרייק האָבן די אַרבעטער דאָך פאַרשפּילט.

דעם 1טן יולי איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק פון די פּאָרט־אַרבעטער, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט עקאָנאָמישע פאָדערונגען. צו זיי זיינען צו־געשטאַנען די אָנטרייבער און די קאָנדוקטאָרן פון דעם פערד־טראַמוויי, די אייזנבאַנער, די אַרבעטער פון דעם דאַמף־טראַמוויי, פון די שטיין־האַקע־רייען, די תבואה־אָנלאָדער, און די אַרבעטער פון אייניקע פאַבריקן און זאַוואָדן, צום 15טן יולי האָבן פאַרשטרייקט אַלע פאַבריקן, זאַוואָדן און ציַיטונג־דרוקערייען. אַ סך וואַרשטאַטן, די עלעקטרישע סטאַנציע, די בעקערייען, די רעסטאָראַציעס, די אייזנבאַן אויף קיעווער ליניע האָט זיך אָפּגעשטעלט, די פּאָסט האָט מען ניט צוגעשטעלט, מען האָט דער־וואַרט, אַז דער טעלעגראַף זאָל זיך אויך אָפּשטעלן. דער שטרייק איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער. עס זיינען פאָרגעקומען מיטינגען פון 8000 מאַן יעדערער.

אַרויסגערופן געוואָרן איז אָט דער שטרייק אַדאַנק דער אַגיטאַציע פון די „אומאָפּהענגיקע", וועלכע האָבן ניט פאָראויסגעזען די מעגלעכ־קייט פון דעם, אַז דער שטרייק קאָן אָננעמען אַזעלכע גראַנדיעזע פאָרמען. אינגיכן האָבן זיי פאַרלאָרן זייער גאַנצע השפּעה אויף דעם גאַנג פון דעם שטרייק און ער האָט אָנגענומען אַ סטיכישן כאַראַקטער.

צום אָנהייב האָבן די שטרייקער אַרויסגעשטעלט ריין עקאָנאָמישע פאָדערונגען, נאָר נאָכדעם, אונטער דעם דרוק פון די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן, האָבן די אַרבעטער צוגעגעבן צו זיי אויך פּאָליטישע פאָדערונגען.

די „אומאָפּהענגיקע", דערזעענדיק דעם וווּקס פון דעם איינפלוס, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אויף די שטרייקנדע אַרבעטער, האָבן גענומען ענערגיש קעמפן קעגן דעם און זיך געמיט צו געבן דער באַווע־גונג אַן עקאָנאָמישן כאַראַקטער.

„...די אַרבעטער זיינען ניט צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, האָבן זיך פאַרזאַמלט און באַהאַנדלט זייער לאַגע, — ווערט אָנגעוויזן אין אַ פּראָק־לאַמאַציע פון אָדעסער קאָמיטעט פון דער רסדא"פּ, — רעדנערס האָבן גע־רעדט. די „אומאָפּהענגיקע זובאַטאָווצעס" האָבן אָנגעווענדט אַלע מיט־לען אַראָפּצופירן די רעדעס אויף פּאָליטישע טעמעס. עס האָט זיך זיי איינגעגעבן אָפּצוציען דעם גרעסטן טייל פון דער גרויסער מאַסע, פון צווישן וועלכער עס האָבן זיך געהערט געשרייען: „מיר דאַרפן ניט קיין

פּאָליטיק... רעדט וועגן דעם איצטיקן ענין". יאָ, דער שטרייק איז געענ־דיקט, נאָר ווי אַזוי איז ער געענדיקט? די פינסטערע קראַפט פון דער אומ־באַוווסטזיניקער מאַסע האָט אונטער דעם דרוק פון דער קליקע „אומ־אָפּהענגיקע זובאַטאָווצעס" דאָס מאָל אָפּגעהאַלטן אַ שענדלעכן ניצחון. זי האָט געשריען „הוראַ!" נעמעשאַיעוון (דעם הויפּטמאַן פון דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן־ליניע. נ. ב.), וועלכער האָט אָפּגעוואָרפן אַלע פאָ־דערונגען פון די אַרבעטער, און שענדלעך אונטערגעשטעלט איר האַלז אונ־טער דעם פריערדיקן יאָך... די דערשלאָגנקייט, די אומאַנטוויקלטקייט פון דער אַרבעטער־מאַסע — אָט דאָס איז יענע גרויזאַמע פעסטונג, וועלכע דינט אַלס הויפּט־שוץ פאַר דער פאַרשקלאַפונג פון די אַרבעטער. אָט די פעסטונג היטן טאַקע אַזוי שטאַרק אָפּ די קאַפּיטאַליסטן, די צאַרישע רע־גירונג, און מיט זיי אינאיינעם זייערע משרתים — די „אומאָפּהענגיקע". איצט איז שוין פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס, ווען די רעדנער האָבן געפּרוּווט דורכזעצן אַן עפענונג אין אָט דער פעסטונג, זיך געמיט צו שטעמפּלען די זעלבסטהערשונג פון דעם צאַר און דעם קאַפּיטאַליזם, — האָט מען זיי געשטערט, האָט מען זיי איבערגעריסן, האָט מען זיי געצוווּנגען שווייגן... עס איז באַשייפּערלעך קלאָר, אַז די „אומאָפּהענגיקע זובאַטאָוו־צעס", איינהאַלטנדיק די אַרבעטער פון „פּאָליטיק" און פאַרשמעלערנדיק זייער קאַמף פאַר אַ געוויינלעכן שטרייק, גיבן זיי איבער אין דער האָפענונג־לאָזער שקלאַפערײַ צו דעם רויבערישן פאַרבאַנד פון די קאַפּיטאַליסטן און דער רעגירונג. חברים! מיר מוזן אויסקעמפן אַ דעמאָקראַטישע רע־פּובליק...

נידער מיט יעדער פאַרשווערונג אויף צו דעגראַדירן אייער קלאַסן־קאַמף ביז אַ שמאָל־עקאָנאָמישן!"[1].

וועגן אָט דער ראָלע פון די „אומאָפּהענגיקע" דערציילן אויך די דאָקומענטן, וועלכע האָבן זיך אויפגעהיט, דאָס זיינען די באַריכטן פון דעם הויפּטמאַן פון אָדעסער זיכערהייטס־אָפּטיילונג, וואַסיליעוון.

„לויט שאַיעוויטשעס ערקלערונגען, — האָט וואַסיליעוו דעם 13טן יולי טעלעגראַפירט לאָפּוכינען, — באַטייליקן זיך די „אומאָפּהענגיקע" אין שטרייק בלויז כּדי אָפּצוהאַלטן די איבעריקע[2]. ...דער איינציקער טאָרמאָזירנדיקער עלעמענט צווישן די שטרייקער זיינען די „אומאָפּהענ־

---

1 היסט.־רעוו. אַרכיוו, ענינים פון פּאָל.־דעפּ. נומ' 4, טייל 10, בויגן ד, 1905, באַז. אָפּט. בויגן 12.

2 דאָרט, בויגן 59.

גיקע״ [1]. ...באטראכטנדיס אלזייטיק די לאגע, — שרייבט וואסיליעוו אין פאליציי־דעפארטאמענט וועגן דער ספעציעלער בעראטונג ביי דעם אדע־סער שטאטהויפטמאן וועגן ליקווידירן די אומארדענונגען, — האט די אינדערפריעדיקע בעראטונג, אגב אורחא, אנערקענט די טעטיקייט פון די אומאפהענגיקע אלס א זייער נוצלעכע אין איצטיקן מאמענט, אלס מעסיקן עלעמענט, וואס האלט איין דעם המון פון ווילדע ארויסטרעטונגען, און דעריבער האט די בעראטונג, לויטן פארשלאג פון דעם הער פראקוראר פון דער פאלאטע, מיך געבעטן, איך זאל, אויב עס איז מעגלעך, איינלאדן דעם ה. שאיעוויטשן (דער לעצטער איז דא אלעמען באקאנט) און אים ראטן, ער זאל מיט אלע קרעפטן זען איינהאלטן דעם המון. — ווייסנדיק שוין פון לאנג, אז די טעטיקייט פון דעם אנפירער פון די אומאפהענגיקע און זיין פערזאן איז פאר קיינעם פון די אנוועזנדיקע אויף דער בעראטונג קיין סוד ניט, און נעמענדיק אין באטראכט די ערנסטקייט פון דער לאגע, האב איך צוגעזאגט פון מיין זייט צו טאן אלץ, וואס עס וועט זיך נאר לאזן טאן אין דער ריכטונג. דעריבער האב איך איינגעלאדן דעם ה. שא־יעוויטש צו זיך אין דער אפטיילונג, און איך האב אים געבעטן מיטצו־ווירקן דער אלגעמיינער בארויקונג, וואס ער האט צוגעזאגט אויסצופילן, און האט עס טאקע מקיים געווען״ [2].

פון אדעם פלעגן אין דעם פאליציי־דעפארטאמענט אן אויפהער זיך באקומען אומרויקע ידיעות וועגן דער לאגע אין אדעס:

„דער שטרייק ווערט בהדרגה פארוואנדלט אין אן אלגעמיינעם. די ארבעטער ווערן וואס ווייטער מער אויפגערייצט. נעכטן זיינען די שטריי־קער געווען אין עטלעכע פאבריקן און האבן אראפגענומען די ארבעטער. היינט האט מען צוויי מאל ארויסגערופן די פאליציי פונאנדערצוטרייבן דעם המון. היינט האבן זיך אן אכט טויזנט מאן פארזאמלט הינטער דער שטאט, מען האט ארויסגעפאדערט קאזאקן, דריי ראטעס פאלדאטן; ניין ראטעס שטייען גרייט אין לאגער. די רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס העצן צו אומארדענונגען. די קאמיסיע אונטערן פארזיץ פון שטאטהויפטמאן באטראכט די פאדערונגען פון די ארבעטער, האבנדיק בדעה, וואס עס וועט זיין מעגלעך צו באפרידיקן. די לאגע איז געווארן ערנסט. ראטמיס־טער וואסיליעוו״ [3].

---

[1] דארט, בויגן 65.

[2] דארט, בויגן 154.

[3] דארט, בויגן 81, טעלעגראמע פון 17 יולי 1903.

פּלעווע האָט געפאָדערט פון דער אָדעסער מאַכט זי זאָל אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען קעגן די שטרייקער.

„אָדעס. צום שטאָטהויפּטמאַן. איך לייג אייך פאָר אָנצונעמען די ענערגישסטע מיטלען קעגן די פּערזאָנען, וואָס העצן פאַר אַ שטרייק, דאָס זעלבע אויך בנוגע די אומאָפּהענגיקע און איינשטעלן אָרדענונג אויף די גאַסן, אפילו ווען עס וועט אויסקומען צו באַנוצן זיך מיט געווער. אינערן־מיניסטער פּלעווע" [1].

אַ צווייט מאָל האָט פּלעווע טעלעגראַפירט צו דעם אָדעסער שטאָט־הויפּטמאַן: „אייערע אונטערהאַנדלונגען מיט די טראַמוואַי־שטרייקער האַלט איך פאַר אַ ט ע ו ת ד י ק ן ט א ָ ט, ווייל בשעת עס קומען פאַר אומ־אָרדענונגען פון דעם המון טאָרף מען זאָרגן ניט וועגן ד י א ַ ר ב ע ט ע ר, נאָר וועגן א ַ י י נ ש ט ע ל ן ד י א ָ ר ד ע נ ו נ ג. דעריבער האַלט איך ווייטער, אַז עס ווערט נ י ט א ָ נ ג ע ו ו ע נ ד ט ד י ג ע ה ע ר י ק ע ע נ ע ר ג י ע. איך ב א ַ ו ו י ל י ק פ א ָ ר א ו י ס י ע ד ן ע נ ע ר ג י ש ן מ י ט ל. אינערן־מיניסטער פּלעווע" [2].

לאַפּוכין האָט פאָרגעלייגט מ'זאָל באַפרידיקן די עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון די שטרייקער.

„אָדעס. דעם הויפּטמאַן פון זיכערהייטס־אָפּטיילונג. אויף דעם נום' 995. עס איז געוווּנטשן וואָס גיכער צו באַפרידיקן די גערעכטע פאָדערונגען פון די אַרבעטער. דירעקטאָר לאַפּוכין" [3].

אין זיין טעלעגראַם פון 17טן יולי צו דעם אָדעסער שטאָטהויפּט־מאַן פאָדערט ער ווידער דאָס זעלבע: „היות ווי די שטרייקנדע האָבן אַרויסגעשטעלט עקאָנאָמישע פאָדערונגען און די פאָדערונגען זיינען מערסטנטייל גערעכטע, איז געוווּנטשן, וואָס שנעלער זיי צו באַטראַכטן און באַפרידיקן די גערעכטע. דירעקטאָר לאַפּוכין" [4].

דער וווּקס פון דער באַוועגונג האָט פּלעווע דערשראָקן און ער האָט באַשלאָסן אָנצונעמען רעפּרעסיווע מיטלען אויך בנוגע די „אומ־אָפּהענגיקע".

„אויב עס זיינען פאַראַן פאַקטישע באַווייזן, אַז דער שטרייק איז אַ רעזולטאַט פון דער אַגיטאַציע פון די „אומאָפּהענגיקע", — האָט לאַ־פּוכין דעם 14טן יולי טעלעגראַפירט צו דעם אָדעסער שטאָטהויפּטמאַן, —

---

1 דאָרט, בויגן 83, טעלעגראַם פון 17 יולי 1903.

2 דאָרט, 6—166, אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל.

3 דאָרט, בויגן 66, טעלעגראַם פון 15 יולי 1903.

4 דאָרט, בויגן 15.

דארף מען די אגיטאטארן, לויטן באפעל פון מיניסטער, פארהאלטן און ארויסשיקן" [1].

זובאטאוו, וועלכער האט זיך שטארק באאומרויִקט פון דער טעטיקייט פון די „אומאפהענגיקע", האט דעם 12טן יולי אנגעפרעגט וואסיליעוון: „אויב די איניציאטארן פון דעם שטרייק זיינען די „אומאפהענגיקע", לייגט פאר מ'זאל זיך שטעלן צוריק צו דער ארבעט, ווייל דעם שטאטהויפטמאן ווערט פארגעלייגט צו ארעסטירן די איניציאטארן. טעלעגראפירט, וואס פאר א שייכות עס האבן די אומאפהענגיקע צו דעם שטרייק" [2].

אלם ענטפער האט וואסיליעוו דעם 15טן יולי 1903 טעלעגראפירט:

„הגם די „אומאפהענגיקע" באטייליקן זיך אין דעם שטרייק, נאר זיי האלטן אבער איין די שטרייקער. ארעסטירן זיי איצט טאר מען ניט. עס זיינען אנגעקומען מיליטער־מאטראסן, מארגן ווען קומען נאך, דאס רעגט אויף די סאציאל־דעמאקראטן, זיי ווילן א צוזאמענשטויס, עס זיינען ארויסגערופן געווארן דריי ראטעס. די „אומאפהענגיקע" האב איך גענומען אין די הענט און פיר מיט זיי אן רויִק. אין שטאט ברויזט, עס הייבן זיך אן שטרייקן אין די פאבריקן. ראטמיסטער וואסיליעוו" .

און אין א צווייטער טעלעגראם פון 17טן יולי: „ביי דער מאכט האט זיך געשאפן א פאלשע מיינונג, אז די שטרייקן זיינען בלומרשט ארויסגערופן געווארן דורך די „אומאפהענגיקע" — אזעלכע קלאנגען פארשפרייטן די רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס, וועלכע באנוצן זיך מיט דער פירמע פון די „אומאפהענגיקע"; די לעצטע, דערהויפט שאיעוויטש, האלטן איין די שטרייקער, אנדערש וואלט שוין לאנג געקומען צו אומארדענונגען. ראטמיסטער וואסיליעוו" [3].

די ארטיקע מאכט איז געווען קעגן דער פארערונג פון דעם פאליציידעפארטאמענט אנצווענדן באלדיקע רעפרעסיעס קעגן די „אומאפהענגיקע", ווייל זיי האבן געהאלטן, אז דאס וועט צונעמען ביי דער באוועגונג אירע מעסיקע עלעמענטן און דערמיט אליין איר צוגעבן א שנעלערן טעמפא.

„...צוליב דער אומרויִקער שטימונג צווישן די ארבעטער־מאסן, אויף וועלכע די רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס ווילן איצט אויסשפרייטן זייער השפעה, — האט וואסיליעוו געשריבן צו לאפוכינען, — איז די

---

[1] דארט, בויגן 13.

[2] דארט, בויגן 11.

[3] דארט, בויגן 85.

טעטיקייט פון די „אומאפהענגיקע", אלס מעסיקע פראקציע, וועלכע האלט איין די ארבעטער, לויט מיין מיינונג, זייער געוווּנטשן; ווען מ'זאל זיי ארעסטירן און ארויסשיקן, קאן דאס פארמינערן די שאנסן די מאכט זאל קאנען איינהאלטן די ארדענונג און רויִקייט פון דער שטאט. אט די מיינונג מיינע, וועלכע איך האב ארויסגעזאגט פאר דעם שטאטהויפטמאן, איז באוויליקט געווארן דורך זיין עקסעלענץ" [1].

די ארטיקע אדמיניסטראציע האט באשלאסן צו ארעסטירן שאיעוויטשן, נאר זי האט זיך פריער וועגן דעם אנגעפרעגט ביי פלעווען.

„איר קענט ארעסטירן שאיעוויטשן, — האט פלעווע געענטפערט טעלעגראפיש, — און אוועקשטעלן די פראגע וועגן ארויסשיקן אים פאר דעם פאליציי־דעפארטאמענט. איצט זאלט איר אים לויט מיין פארארדענונג ארויסשיקן אין רשות פון וואלאגדער גובערנאטאר, ער זאל אים באזעצן אין אוסטסיסאלסקער פאוויאט" [2].

דעם 21טן יולי 1903 איז שאיעוויטש ארעסטירט געווארן און מען האט אים דורך מאסקווע פארשיקט קיין וואלאגדע. די באזונדערע בארא־טונג האט באשלאסן, צו פארשיקן אים אין מזרח־סיביר, אין קאלימער קאנט, יאקוטער געגנט אויף 5 יאר, אנהייבנדיק פון 28טן אווגוסט 1903.

אויפן וועג צום פארשיקונגס־ארט, האט זיך שאיעוויטש אפגע־שטעלט אין קראסנאיארסק און לויט א דאקטאר־צייגעניש האט מען אים דא געלאזן ביז פרילינג.

אין קראסנאיארסקער טורמע האט שאיעוויטש געפירט צווישן די ארעסטירטע א מאנארכיסטישע אגיטאציע.

„אין דער ארטיקער טורמע געפינט זיך, ביז עס וועט פארענדיקט ווערן זיין ענין, דער דאקטאר פון פילאזאפיע און מלוכה־רעכט הענריך שאיעוויטש, — האט דער אנפירער פון קראסנאיארסקער זיכערהייטס־אפטייל מודיע געווען, — אין דעם איצטיקן מאמענט שטעלט דער דאזי־קער שאיעוויטש מיט זיך פאר א מענטשן, וואס איז ענדגילטיק איבער־צייגט אין דעם, אז זיין פריערדיקע ריכטונג, וועלכע האט ארויסגערופן אזעלכע טרויעריקע פאר אים, פאר שאיעוויטשן, פאלגן, שטימט אינגאנצן ניט מיט זיין איצטיקן געדאנקען־גאנג, וועלכע פירט אים אוועק אויפן וועג פון גוטע כוונות פאר דער רעגירונג. דער דערמאנטער שאיעוויטש

---

1 היסט.־רעוו. ארכיוו, ענינים פון פאל.־דעפ. נומ' 1390, באזונד. אפט. 1903, און ענינים 2334, 1904, 3 ענינים.

2 דארט, בויגן 4.

שעמט זיך גאָרניט און רעכנט זיך צו צו דער גרופּע פון די קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערן און שטרעבט אָן אַלע זיינע כּוחות צו שאַפן דאָ אַ גרופּע אָנ־הענגער. עס קאָן זיין, אַז די דאָזיקע אויפפירונג שאיעוויטשעס איז בלויז צוליב דעם, ער זאָל געפינען ליטעראַטור־פּאָליטיק אין די אויגן און מען זאָל אים באַגנעדיקן, נאָר אַלנפאַלס, וואָס פאַר אַ ראָלע שאיעוויטש זאָל ניט שפּילן, איז ער פאַרט זייער אַן אינטערעסאַנטער סוביעקט פאַר דער זאַך"[1].

אין דעצעמבער 1903 האָט שאיעוויטש צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע אַרעסטירטע פון קראַסנאָיאַרסקער טורמע אָפּגעריכט אַ תּפילה פאַרן גע־זונט פון ניקאָלאַי דעם צווייטן און געבעטן דעם הויפּטמאַן פון דער טורמע „לייגן צו די פיס פון זיין אימפּעראַטאָרישער גרויסקייט דעם אויסדרוק פון אַלאונטערטעניקסטע געפילן"[2].

געריהרט פון זיין הנהגה, האָט דער הויפּטמאַן פון דער קראַסנאָיאַר־סקער „אָכראַנקע" (זיכערהייטס־אָפּטיילונג) אין יאַנואַר 1904 אפילו אָנגעהויבן זיך משתּדל צו זיין פאַר דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, מען זאָל שאיעוויטשן באַפרייען פון טורמע און אים לאָזן אונטער דער פּאָלי־צייישער השגחה אין קראַסנאָיאַרסק. דאָך האָט לאָפּוכין דאָס געהאַלטן פאַר אוממעגלעך און אָט די השתּדלות ניט באַפרידיקט[3].

לויטן מאַניפעסט פון 11טן אויגוסט 1904 איז שאיעוויטש באַפרייט געוואָרן פון זיין פאַרשיקונג אין מזרח־סיביר און פון עפנטלעכער פּאָליציי־השגחה; עס איז אים נאָר געווען פאַרבאָטן צו וווינען אין אָדעס און אין די רעזידענץ־שטעט אין משך פון 5 יאָר.

נאָך אַ גאַנצער ריי השתּדלותן מ'זאָל אָראָפּנעמען פון שאיעוויטשן דעם פאַרבאָט צו וווינען אין אָדעס, וווּ עס איז געבליבן זיין פאַמיליע, האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט דאָס ערלויבט מיט דעם באַדינג, ער זאָל געבן אַן אונטערשריפט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון פּאָליטישער טעטי־קייט. שאיעוויטש איז אויף דעם איינגעגאַנגען. אין „הסכּם מיט דעם פאָר־שלאָג פון דעם הער דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט וועגן באַדינג לויט וועלכן עס קאָן פון מיר אָראָפּגענומען ווערן די שווערע באַגרענעצונג אין די רעכט פון אויסקלייבן פאַר זיך אַ וווינאָרט, גיב איך די דאָזיקע אונטערשריפט דעם הער געהילף פון כערסאָנער גובערניאַלער זשאַנדאַר־מעריע־פאַרוואַלטונג אין דער שטאָט ניקאָלאַיעוו, אַז איך זאָג זיך אָפּ אין

---

1 היסט.־רעוו. אַרכיוו, ענינים פון פּאָליציי־דעפּ. נומ' 1390, באַזונד. אָפּט., 1903, בויגן 12.

2 היסט.־רעוו. אַרכיוו, פון פּאָל.־דעפּ. נומ' 2234, 1904, 3 ענינים.

3 דאָרט, נומ' 1390, באַז. אָפּט. 1903, בויגן 12.

דער צוקונפט פון וועלכער ניט איז אגיטיר־טעטיקייט און פון דער אזוי־גערופענער לעגאליזאציע פון דער ארבעטער־באוועגונג. ח. שאיעוויטש, ניקאלאיעוו דעם 31 דעצעמבער" [1].

„אונטערשרייבנדיק, לויט אייער עקסעלענצס באדינג, מיין רעזיגנאציע פון דער טעטיקייט, פאר וועלכער איך האב באצאלט מיט דעם פרייז פון דער רו פון מיין גאנצן לעבן, מיט מיין געזונט, וואס איך האב געפטרט זיצנדיק אין טורמע און אין פארשיקונג, האב איך דאך גע־מיינט, — שרייבט שאיעוויטש וועגן זיין רעזיגנאציע אין פאליציי־דע־פארטאמענט, — אז דורך אט דער רעזיגנאציע וועל איך צוריק באקומען די מעגלעכקייט צו לעבן מיט מיין פאמיליע, כאטש א ביסל פארריכטן מיין געזונט און מיינע צעשטערטע געשעפטן; און פאר אייער עקסעלענץ איז, אפנים, אויך געווען קלאר, אז, געבנדיק נאך א לאנגן און טיפן ישוב־הדעת מיין אונטערשריפט ניט צו נעמען קיין שום אנטייל אין דער לעגא־ליזאציע, פארשטיי איך די באדיטונג פון דער התחייבות, וואס איך האב אויף זיך גענומען, און עס קאן, געוויינלעך, גאר קיין רייד ניט זיין פון א שעדלעכער אדער פון וועלכער ניט איז אנדערער ווירקונג בכלל פון מיין זייט" [2].

שאיעוויטשעס פערזאן ווייזט זיך אין א פולער מאס ארויס פון פאלגנדיקער ביטע, וועלכע ער האט אין יאר 1904 דערלאנגט דעם פא־ליציי־דעפארטאמענט.

„זייט מיר מוחל פאר אט דער דרייסטקייט, מיט וועלכער איך האב זיך דערלויבט צו ווענדן צו אייער דורכלויכט מיט א פריוואטן בריוו, אנשטאט דער געוויינלעכער פארם פון א ביטע.

באוויזן האט מיך צו דעם דאס ניט וועלן דורכגיין דעם פיינלעכן וועג איבער די פארשיידענע אינסטאנצן מיט מיין ביטע, וועלכע נאר איר, הער מיניסטער, זייט אימשטאנד צו פארשטיין איר אמתן כאראקטער און געבן דערויף אייער געהעריקע מיינונג.

אייך איז וווילגעפעלן געווארן מיט א געהעריקער פארארדענונג מיך צו באפרייען פון דער טורמע און אין אקטאבער היי־יאר מיך בא־פרייען פון אונטער דער השגחה און פון פארשיקונג אין סיביר, וווהין איך בין פארשיקט געווארן דורך אייער פארשטארבענעם פארגייער וו. ק. פלעווע.

---

1 היסט.־רעוו. ארכיוו, ענינים פון פאל.־דעפ. נומ' 2234, 3 ענינים 1904.

2 דארט.

צי לויט דער טראַדיציע, צי, קאָן זיין, בנוגע מיר פּערזענלעך, האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט געשטעלט אַלס באַדינג פון מיין אומקערן זיך קיין רוסלאַנד דאָס פאַרבאָטן מיר צו וווינען אין אָדעס, אין מיין היימשטאָט, און אין ביידע רעזידענץ־שטעט.

אין די אַנאַלן פון דעם דעפּאַרטאַמענט האָבן זיך געוויס אויפגעהיט, איך ווייס נאָר ניט צי דאָס איז באַקאַנט אייער דורכלויכט, אַז איך בין פאַרשיקט געוואָרן לויט דער פּערזענלעכער פאָדערונג און פאַראָרדענונג פון דעם פאַ״שטאַרבענעם מיניסטער, וועלכער האָט זיך געפילט באַליידיקט דורך מיר (אין בריוו, וועלכע זיינען געווען ניט צו אים אדרעסירט).

מיין געדאַנקען־גאַנג, מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען כאַראַקטעריזירן זיך דורך דעם, וואָס איך האָב אָנגעפירט מיט די לעגאַליזאַטאָרישע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין גייסט פון איבערגעגעבנקייט דער זעלבסטהערשונג, שאַפנדיק דורך די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס (זובאַטאָווישע, ווי עס פלעגט זיי רופן די אומלעגאַלע פּרעסע), אַחוץ זייער דירעקטער אויפגאַבע, צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער, אויך אַ קעגנגעוויכט דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

מיין אַרבעט איז געפירט געוואָרן גאַנץ לעגאַל אונטער דער שוץ און מיטהילף פון מיניסטעריום פאַר אינערלעכע ענינים, און דאָך האָט דאָס מיר ניט געהאָלפן פון דער שטראָף, וועלכע מען גיט געוויינלעך פאַר אַ מלוכה־פאַרברעך.

דער נאָענטסטער אויסרייד דערצו זיינען געווען די פאָלקס־אומרוען אין אָדעס, די סיבות ווידער האָבן געטראָגן אַ ריין־פּערזענלעכן כאַראַקטער.

איך וועל ניט באַלעסטיקן אייער דורכלויכט מיט די פּרטים פון זיי, וואָס עס איז געווען, בפרט, ווען וועגן „טויטע דאַרף מען ריידן אָדער גוטס אָדער גאָרנישט".

מען האָט מיר ניט אינקרימינירט קיין שום באַשטימטן פאַרברעך, און מען האָט מיר אַפילו ניט געגעבן די מעגלעכקייט צו בעטן דעם קיסר ער זאָל מילדער מאַכן מיין שיקזאַל.

אויף מיין געוויסן איז ניט געווען דער מינדסטער פלעק אָדער זינד לגבי דעם טרעגער פון דער גרויסער אידעע פון זעלבסטהערשונג, וועמען און וועמעס דינסט איך האָב געפרוווט צו ווידמענען אַלע מיינע כוחות, און וואָס אַט די דינסט האָט מיך, להכעיס דעם שכל הישר, געבראַכט קיין סיביר. איך האָב ניט

געקענט בעטן וועגן באַגנעדיקונג פּשוט דערפֿאַר, וואָס איך האָב ניט געהאַט אויף מיין געוויסן קיין שולד פֿאַר דעם קייזער, אויף וועלכער איך וואָלט געקאָנט חרטה האָבן. און אויף וואָס האָב איך געדאַרפֿט חרטה האָבן, איך, אַ מענטש, וועלכער האָט ניט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים דערוויזן זיין איבערגעגעבנקייט דעם מאָנאַרך און דעם מאָנאַרכיזם, און אַפֿילו אין טורמע האָב איך געהאַלטן פֿאַר מיין חוב מיטצוווירקן זעענדיק צו מאַכן אָט די בלינדע, וועלכע זיינען (פֿאַר) זייער פֿאַרפֿירונג דורך דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע פֿאַרשיקט געוואָרן פֿאַר אַנטימלוכהשן פֿאַרברעך קיין סיביר. דער רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער טעטיקייט מיינער, דאָס חרטה האָבן פֿון אַ גאַנצער ריי פֿערזאָנען איז באַקאַנט דער אָרטיקער (קראַסנאָיאַרסקער) מאַכט.

זיך משתדל זין פֿאַר וו. ק. פּלעווען, ער זאָל מיר מוחל זיין, האָט געהייסן פּריוויליק אים מאַכן פֿאַר אַ ריכטער אין מיין ענין און אָנערקענען מיין ניט־עקסיסטירנדיקע שולד.

און אָט האָב איך אָנדערטהאַלבן יאָר פֿאַרבראַכט אין דער פֿאַרשיקונג, פֿון וועלכער איך בין זעקס חדשים אָפּגעזעסן אין טורמע, וואָס האָט אינגאַנצן צעבראָכן מיין געזונט.

איצט בין איך באַפֿרייט פֿון מיין פֿאַרשיקונג, נאָר מיר איז פֿאַרבאָטן צו וווינען אין אָדעס, ווו איך האָב אַ פֿאַמיליע, קרובים, ווו איך האָב מיין פּרנסה און אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרדינען אויפֿן לעבן.

מען האָט מיר פֿאַרבאָטן צו קומען אין די רעזידענץ־שטעט און איך האָב פּשוט געחלומט זיך צוריק אומקערן צו דער זעלבער טעטיקייט, צו שאַפֿן קאַדרען פֿון רוסישע אַרבעטער, וואָס זאָלן זיין טריי זייער קיסר, און וואָס זאָלן זען אין די עקסיסטירנדיקע פֿאָרמען פֿון פֿאַרוואַלטונג דעם אייינציקן יסוד פֿאַר דער ריכטיקער לייזונג פֿון זייערע נייטן און פֿראַגן; איך האָב געהאָפֿט צו קריגן אַ דערלויבעניש און אַן ערמוטיקונג מצד אייער דורכלויכט, און דאָס וואָלט געקאָנט דערגרייכט ווערן אַלס פּועל־יוצא פֿון אַ פּערזענלעכן געשפּרעך. ווען איר וואָלט מיך באַגליקט מיט אים, וואָס מען וואָלט זייער לייכט געקענט דערגרייכן דאָן, ווען מ'זאָל מיר ערלויבן צו קומען אין דער רעזידענץ.

איך בין דאָך ניט באַגאַנגען קיין שום מלוכה־פֿאַרברעך, ניט מיט וואָרט, ניט מיט טאַט האָב איך ניט געזינדיקט קעגן מיין קיסר, פֿאַרוואָסזשע דאַרף איך אָפּקומען אַזאַ שטראָף, וואָס עס קומט מיינע פּאָליטישע אַנטיפּאָדן — די רעוואָלוציאָנערן?

זאגט מיר, לכל־הפחות, ניט אפ אין דער דערלויבעניש זיך צוריק אומצוקערן צו מיין פאמיליע און מיין באשעפטיקונג, און באוויליקט כאטש אראפנעמען דעם פארבאט צו קומען קיין אדעס.

די הומאניטעט פון אייער דורכלויכט גיט מיר די האפענונג, אויב נאר דער דאזיקער בריוו וועט איבערגעלייענט ווערן, אז מיין ביטע וועט ווערן באפרידיקט.

ווען איך וואלט אפילו געווען שולדיק, וואלט דאך די שווערע, סיי גייסטיק סיי פיזיש, פארשיקונג לאנג מכפר געווען אט דעם חטא מיינעם.

נעמט זשע, אייער דורכלויכט, אראפ דעם שווערן פארבאט צו קומען קיין אדעס און גיט דערמיט די מעגלעכקייט צו פארריכטן מיין געזונט און מיין מאטעריעלע לאגע.

ח. שאיעוויטש.

ניקאלאיעוו, כערסאנער גוב.

מיט שאיעוויטשעס ארעסט האט די אדעסער ארגאניזאציע פון די „אומאפהענגיקע" אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

* * *

אחוץ מינסק, ווילנע און אדעס האבן די „אומאפהענגיקע" אויך געפרווט צו פירן זייער אגיטאציע אין באברויסק.

„אזוי ווי דער „בונד" אנטוויקלט זיין טעטיקייט אין דער שטאט באברויסק, — האט דער הויפטמאן פון מינסקער זשאנדארמעריע־אפ־טיילונג וואסיליעוו געשריבן דעם 8טן יאנואר 1903 אין פאליציי־דעפאר־טאמענט: — האב איך נאך פאראיארן מאי אהין געשיקט אייניקע פאר־שטייער פון דער אומאפהענגיקער פארטיי, וועמעס פראפאגאנדע עס האט געהאט אן ערפאלג, און די ארבעטער האבן ביסלעכווייז אנגעהויבן צו־צושטיין צו זייער ארגאניזאציע".

אין יאנואר 1903 האבן די „אומאפהענגקיע" געהאט אין זייער ארגאניזאציע 200 מאן.

דעם 4טן יאנואר האבן זיי מיט וואסיליעווס וויסן און מיט דער ער־לויבעניש פון דעם ארטיקן פאליצמייסטער איינגעארדנט אן ארבעטער־פארזאמלונג.

די בונדיסטן, וועלכע זיינען געקומען אין א גרויסער צאל, האבן ארונטערגעריסן די פארזאמלונג, וועלכע האט זיך געענדיקט מיט א געשלעג.

די אָרגאַניזאַציע פון די אומאָפּהענגיקע איז דאָ געשאַפן געוואָרן לויט וואַסיליעווס אַ פאָרשלאָג.

ווילבושעוויטש האָט געהאַט בדעה צו אָרגאַניזירן די „אומאָפּ־העגניקע" אויך אין דווינסק און האָט וועגן דעם געפירט אונטערהאַנד־לונגען מיט דעם אָרטיקן אַנגעזעענעם טוער, דעם ציוניסט־סאָציאַליסט (ס. ס.) ז. אַבראַמסאָן. זיין אָפּזאָג צו נעמען אויף זיך די אַרבעט, און די פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אַרויסגעלאָזט געוואָרן קעגן די „אומאָפּהענגיקע" דורך דעם דווינסקער קאָמיטעט פון „בונד" און פון די „אַרבעטער־ציוניסטן", האָבן זי געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון איר פּראָיעקט.

אַ צייט האָבן די „אומאָפּהענגיקע" בלי־ספק געהאַט אַ גרויסן דער־פּאָלג. דערהויפּט — אין אַזאַ צענטער פון דער יידישער אַרבעטער־באַ־וועגונג, ווי מינסק.

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס?

ראשית־כל, האָבן דעם שנעלן וווּקס פון דער ווירקונג פון די „אומ־אָפּהענגיקע" אַ סך מיטגעהאָלפן דער שרעקלעכער עקאָנאָמישער שטיל־שטאַנד און אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס האָבן דאַן געהערשט אין מינסק

„...די אַרבעטסלאָזיקייט ווילדעוועט ביי אונז אין איר גאַנצער קראַפט, — שרייבט מען אין די „פּאָסלעדניא איזוועסטיא" פון מינסק, — עס זיינען פאַראַן אַ מענגע אַרבעטסלאָזע, דער דלות איז אַ שרעקלעכער. זיי בלאָנקען אַרום גרופּעסווייז איבער די גאַסן און וואָרשטאַטן" [1].

דעריבער האָבן די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון „בונד" ביי זיי ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג.

צו די „אומאָפּהענגיקע" זיינען צוגעשטאַנען אָדער די, וואָס זיינען געווען מאַטעריעל פאַרזאָרגט, אָדער דערוואַקסענע, שוין באַיאָרטע מענטשן.

די דערשלאָגענע פון הונגער און נויט יידישע אַרבעטער האָבן די זובאַטאָווישע אידעען צוגעצויגן דערפאַר, וואָס זיי האָבן נאָך פאַר־שפּראָכן צו פאַרבעסערן זייער שווערע לאַגע אָן שום פּערספּעקטיוו אַריינ־צופאַלן אין טורמע אָדער פאַרשיקונג, מיט וואָס עס איז אומפאַרמיידלעך יעוועען פאַרבונדן די אומלעגאַלע אַרבעט.

צווישן דער מאַסע איז שטענדיק פאַראַן אַ גענוגנדע צאָל אינערטע, אומבאַהאָלפענע און קוווענקלענדיקע מענטשן, און אָט די לייט האָבן פאַרפולט די רייען פון די „אומאָפּהענגיקע".

---

1 „פּאָסל. איזוו.", נומ׳ 113.

זייער דערפאָלג האָט נאָך צוגעהאָלפן דאָס, וואָס דער „בונד" האָט אין יענער צייט איבערגעלעבט אַן איבערגאַנגס־מאָמענט, וועלכער האָט ארויסגערופן אומצופרידנהייט און ספיקות ביי די בונדיסטן.

„...דער „בונד" האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַן אינערלעכן קריזיס,— שרייבט ב. פרומקין אין זיין ארטיקל „די זובאַטאָווטשינע און די יידישע ארבעטער־באַוועגונג". — די יסודות פון דעם „בונד" — די עקאָנאָמישע מאַסן־קאַסעס און דער עקאָנאָמישער קאַמף — האָבן פארלוירן זייער פריערדיקע באַדייטונג; עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פּראָצעס פון שאַפן נייע אָרגאַניזאַציע־פּאָרמען און אויסגעפינען אַ נייעם אינהאַלט פאר דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן. די אַגיטאַציע פון די ערשטע יאָרן פון דער עק־סיסטענץ פון דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג האָט כמעט אויסשליסלעך באַרירט די אַלטעגלעכע נייטן פון דעם ארבעטער און איז אים געווען נאָענט, פאַרשטענדלעך; דער קאַמף, וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן דורך דער אַגיטאַציע, האָט געגעבן קאָנקרעטע רעזולטאַטן, וועלכע האָבן אינ־גאַנצן געשטימט מיט דעם אידעאַל פון פארבעסערן דעם ווילשטאַנד, וועגן וועלכן עס האָט דעמאָלט געקאָנט טרוימען דער דערדריקטער פון נויט און פון דעם באַלעבאָס אומבאַגרענעצטער מאַכט יידישער ארבע־טער. די אָרגאַניזאַציע האָט דעם ארבעטער געשטעלט דעם מינימום פאָדע־רונגען און אים געגעבן דעם מאַקסימום פון דעם, וואָס מען האָט געקענט געבן אין יענער צייט ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען. קיין אַבסטראַקטע אידעאַלן, קיין קאַמף פאר ווייטערדיקע צילן זיינען ניט געווען, דער רע־זולטאַט פון דעם היינטיקן שטרייק, — אָט דאָס איז פאר דער גרעסטער מערהייט פון די אָרגאַניזירטע ארבעטער דעמאָלט געווען דער ענדגילטי־קער ציל. נאָר טאַקע אַדאַנק די פאַראייִנפאַכטע לאָזונגען און טאַקטיק, האָט יעדער מאַסע־ארבעטער אינטערעסיוו געלעבט מיט די אָרגאַניזאַציע־אינטערעסן, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט מיט זיינע אייגענע, און יעדע־רער האָט זיך געפילט אין זיין אָרגאַניזאַציע־קאַסע אויף זיין אָרט.

אָט די אוראַלטע סטאַדיע פון דער באַוועגונג האָט זיך שנעל אויס־געלעבט. אין דעם מאָמענט, וואָס אינטערעסירט אונז איצט, האָט זיך פאַרענדיקט דער לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען דעם „בונד" פון אַן עלעמענטאַרער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון די ברייטע ארבע־טער־שיכטן אין אַ פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

דער מאַטעריאַל פאר דער עקאָנאָמישער אַגיטאַציע איז געווען אויס־געשעפּט; דער עקאָנאָמישער קאַמף, וועלכער האָט דערפירט צו באַשטימטע רעזולטאַטן, האָט ווייטער ניט געקאָנט געפירט ווערן מיט דעם זעלבן דערפאָלג, און אין אַ סך פאַלן, ווי די מעגלעכע מאַטעריעלע פאַרבעסע־

רונגען זיינען שוין דערגרייכט געוואָרן, האָט מען אים שוין ווייטער אינ־גאַנצן ניט געקענט פירן; די קאַסעס האָבן פאַרלאָרן זייער פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער, און ביי דעם פעלן פון אַ באַשטענדיק אויפוואַכנדיקן פאַק־טאָר, אין דער פאָרם פון שטרייקן, האָבן זיי עקסיסטירט בלויז פאָרמעל: די ברייטע מאַסע איז פון זיי אוועק און געבליבן זיינען בלויז די פּאָלי־טישע מיטגלידער".

„...ווען מען זאָל נאָך צו דעם צוגעבן, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די נייע אויפגאַבן, וואָס די באַוועגונג האָט אַרויסגערוקט, און מיט די נייע באַדינגונגען, ביי וועלכע עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן, האָבן זיך די פּאַרטיי־אינסטיטוציעס געמוזט נאָך מער פאַרקאָנספּירירן, די סיסטעם פון אויסוויילן האָט מען פון זיי געמוזט אינגאַנצן באַזייטיקן, און די גאַנצע פּאַרטיי־טעטיקייט האָט אָנגענומען אַ שטרענגן צענטראַליסטישן כאַראַקטער, וועט ווערן קלאָר, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט, לויט אירע אויפ־גאַבן, צוזאַמענשטעל און טאַקטיק, זיך דערווייטערט פון דער מאַסע, און יענע גוואַלטיקע צאָל פון די נעכטיקע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט ניט געקאָנט באַוויזן נאָכצוגיין נאָך דעם שנעלן טעמפּאָ פון איר אַנטוויקלונג — איז פאַקטיש געבליבן אינדרויסן פון דער אָרגאַני־זאַציע" [1].

די „יידישע אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי" האָט עקסיסטירט ביז יולי 1903.

צעפאַלן איז זי זיך אַדאַנק פאַרשיידענע סיבות: אַ באַדייטנדע ראָלע האָט אין דעם געשפּילט די אומדערמידלעכע אַגיטאַציע פון „בונד", אַדאַנק וועלכער די אַרבעטער־מאַסע איז אוועק פון די „אומאָפּהענגיקע". ניט קיין קליינע ראָלע האָט אויך געשפּילט דער קעשענעווער פּאָגראָם און, ענדלעך, פּלעווס דירעקטער באַפעל, וועלכער איז דורך זובאַטאָוון איבערגעגעבן געוואָרן די „אומאָפּהענגיקע", אינגאַנצן אָפּצושטעלן די לעגאַלע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג.

די מיטגלידער פון דער „אומאָפּהענגיקער" אָרגאַניזאַציע זיינען ווידער אַריינגעטראָטן טיילווייז אין „בונד", און טיילווייז אין דער „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי" און צו די „פּועלי־ציון".

די „אומאָפּהענגיקע" האָבן אַרויסגעלאָזט פאָלגנדיקע פּראָקלאַמאַציע וועגן דעם, אַז זיי שטעלן אָפּ זייער טעטיקייט:

---

1 „פּערעזשיטאָיע", ב' III.

יידישע אומאפהענגיקע ארבעטער־פארטיי

צו אלע יידישע ארבעטער [1]

פון דעם 3טן ביזן 6טן יוני היי־יאר איז פארגעקומען דער צוזאמענ־פאר פון דער יידישער אומאפהענגיקער ארבעטער־פארטיי, אויף וועלכן עס איז באשלאסן געווארן: אפשטעלן די טעטיקייט פון דער פארטיי, ווייל ביי די איצטיקע פארמען קאן זי ניט עקסיסטירן; און קיין אנדערע מער פאסיקע פארם איז ביי היינטיקן טאג ניטא.

די פארטיי קאן ווייטער ניט פירן איר טעטיקייט אין דער פריער־דיקער האלבלעגאלער פארם צוליב פאלגנדיקע טעמים:

די רעגירונג איז גרייט, נאך לאנגע וואקלענישן פון די טענדענצן, וואס האבן זיך קלאר אויסגעדריקט, צו דערלאזן א לעגאלע ארבעטער־באוועגונג לויט דעם מאסקווער מוסטער; חוצדעם, קאן מען דערווארטן באזונדערע מאסמיטלען בנוגע דער פאבריק־געזעצגעבונג, אין דער פארם פון די שוין באשטימטע פאבריק־עלטסטע אאז״וו.

אין באצוג ווידער צו יעדער באוועגונג, וואס טראגט א ק ל א ס ן־כ א ר א ק ט ע ר און וועלכע פאראלגעמיינערט ניט די אינטערעסן פון די ארבעטער און די אונטערנעמער — קאן מען קיין אנדערע מאסמיטלען אויסער פיינדלעכע מצד דער רעגירונג אין די נ א ע נ ט ס ט ע י א ר ן ניט דערווארטן.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז אזא באוועגונג ווי די מאסקווער קאן ביי די יידן ניט געמאלט זיין. ס׳איז גאר קיין ספק ניט, אז די פאליטיק פון די באזונדערע ערטער, אן דעם פאסיקן אויפהייבן דאס בירגערלעכע רעכט־באוווסטזיין און ארגאניזירטקייט פון די ארבעטער־מאסן קאן ניט ברענגען קיין שום נוצן. און ווייניקער פון אלץ קאן אויף אזא מין טעטיקייט איינ־גיין די יידישע אומאפהענגיקע ארבעטער־פארטיי.

דאס אפשטעלן פון דער האלב־לעגאלער טעטיקייט פון דער יידישער אומאפהענגיקער ארבעטער־פארטיי וואלט זיך נאך געקענט אפציען אויף א לענגערער צייט, נאר די עפנטלעכע טעטיקייט, דאס עקסיסטירן פון לעגאלע קווארטירן אויף פארזאמלונגען אד״גל איז ש ו י ן געווארן אוממעגלעך לויט פאלגנדע סיבות:

לויט א געהיימען צירקולאר פון דעם אינערן־מיניסטעריום, וואס איז שוין די טעג פונאנדערגעשיקט געווארן צו די גובערנאטארן, שטאט־

---

[1] 15 × 12 געדרוקט אין 2 שפאלטן אויף איין זייט.

הויפּטמענער אַזאַ״ו איז דער ציוניזם אין רוסלאַנד פּאַקטיש פאַרבאָטן. נאָך ראַדיקאַלערע רעפּרעסיעס, קען מען דענקען, וועלן אויף זיך לאַנג ניט אָנוואַרטן. דער דאָזיקער צירקולאַר באַווייזט, אַז אין דער רעגירונגס־פּאָליטיק איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין זין פון פאַרפאָלגן די יידישע געזעלשאַפטלעכע ניט־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, דאָס דערדריקן אַלץ, וואָס איז יידיש נאַציאָנאַל.

מ׳קאָן פאַרשטיין, ווי אַזוי די דאָזיקע רעפּרעסיע, וועלכע רירט אָן די גייסטיקע און אַלע אַנדערע אינטערעסן פון די פאַרשיידענע שיכטן פון דעם יידישן פאָלק, קאָן זיך אָפּרופן אויף דעם גאַנצן רוסישן יידנטום און אויף זיין געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

און אָט אויף דעם פאָן פון אַלגעמיינער אונטערדריקונג פון יעדן *לעבעדיקן אָטעם* אין דעם יידנטום וואָלטן די לעגאַלע פאָרמען (פאַרזאַמלונגען, לעגאַלע קוואַרטירן אד״גל) פון וועלכער ניט איז אַרבעטער־באַוועגונג געקאָנט זיין ניט מער ווי אַ שאַרפער, אומזיניקער און חוצפּה־דיקער דיסאָנאַנס.

ביי דער אוממעגלעכקייט צו פירן די באַוועגונג לעגאַל, בלייבט נאָך איין אַלטערנאַטיוו פון אַ קאָנספּיראַטיווער באַוועגונג, דער צוזאַמענפאָר האָט אָבער אין דעם איצטיקן מאָמענט אָנערקענט אויך דעם דאָזיקן אַלטערנאַטיוו פאַר אוממעגלעך.

די קאָנספּיראַטיווע באַוועגונג, וואָס שטעלט אַרויס אויף איר פאָן די פאָדערונג פון לעגאַליזאַציע, וועט, אויב זי וועט ניט באַזיצן אין דער ווירקלעכקייט קיין באַזונדערע פאַקטן פון לעגאַליזאַציע אין דער פאָרם פון וועלכער ניט איז דערלאָזבאַרקייט פון דער עקסיסטירנדיקער, נאָך ניט דערלויבטער באַוועגונג, אָדער פון וועלכע ניט איז באַזונדערע ערלויבענישן, סטאַטוטן אדג״ל, מוזן אָפּעדירן בלויז מיט איינע פראַזן, וועלכע וועלן ביי דער איצטיקער פיינדלעכער שטימונג פון דער געזעלשאַפט צוליב די אַלזייטיקע רעפּרעסיעס, אויף קיינעם קיין ווירקונג ניט האָבן, אָדער זי וועט זיך גאָר פאַרוואַנדלען אין אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

חוצדעם, וועט די עקסיסטענץ פון אַ יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס שטעלט אַרויס די פאָדערונג פון *קלאַסן־לעגאַליזאַציע*, זיין בלויז אַ שטער פאַר דעם ענין פון לעגאַליזירן די אַלרוסישע אַרבעטער־באַוועגונג, אין פאַל, ווען פּאַראַלעל מיט איר וועט ניט זיין פּונקט אַזאַ רוסישע, נאָר אַזעלכע, אַ הכנעהדיק־פּשוטע ווי די מאָסקווער.

פאַר דעם יידישן פאָלק ווידער וואָלט אַזאַ באַוועגונג, אָן דער אונטערשטיצונג פון דער רוסישער, געווען גאָר שעדלעך, ווייל זי וואָלט געדינט אַלס נייע אילוסטראַציע צו דעם אַלטן רעגירונגס־„אמת״, אַז יעדע

פרייהייטלעכע שלעכטס שטאַמט פון די יידן, און די רוסישע מאַסע איז נעבעך ריין, ווי א טייבעלע.

די עקסיסטענץ ווידער פון באזונדערע ריין־עקאָנאָמישע פאַראיינען, ווען אזעלכע וועלן זיך אפילו יאָ בילדן — אָן שום פּערספּעקטיוון אויף לעגאַליזירונג, — נייטיקט זיך בכלל ניט אין א פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

קאָמיטעט פון דער יאא"פ.

קאַפּיטל ניין

דער טעראָריזם אין „בונד". — דאָס פייערן דעם ערשטן מאַי 1902 אין ווילנע. — די עקזעקוציע איבער די דעמאָנסטראַנטן. — דער אַטענטאַט פון הירש לעקערט אויף דעם ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָן־וואַל. — לעקערטס טויט. — דער וווקס פון טעראָריסטישע שטימונגען צווישן די בונדיסטן. — די V קאָנפערענץ אין בערדיטשעוו. — די רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה". — דער V צוזאַמענפאָר פון „בונד" און דאָס אָפּשאַפן די דאָזיקע רעזאָלוציע. — די בונדישע „קאַמפס־אָרגאַניזאַציע" אין ריגע. — די סיבה פאַרוואָס די טעראָריסטישע שטימונגען צווישן די בונדיסטן האָבן נים געהאַט קיין ערפאָלג.

די דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מאַי 1902 אין ווילנע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַן אַכזריותדיקער עקזעקוציע איבער די אַרעסטירטע דעמאָנסטראַנטן: דאָס ערשטע מאָל האָט מען דאָ אָנגעווענדט די לייב־שטראָף איבער יידישע אַרבעטער.

איינער פון די געליטענע דערציילט וועגן אָט דער עקזעקוציע פאָלגנדעס: „...די אַרעסטירטע האָט מען אַרויסגעפירט אויפן הויף. פאָן־וואַל (דער גענעראַל־גובערנאַטאָר) האָט זיי געזידלט מיט די ערגסטע זידלערייען, נאָכדעם האָט דער פּראָקוראָר געהאַלטן פאַר זיי אַן אָפיציעלע רעדע. ער האָט זיי ערקלערט, אַז עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו שיסן, נאָר זיי האָבן מורא געהאַט צו טרעפן זייטיקע מענטשן און חוצדעם האָבן זיי ניט געוואָלט צוגעבן דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע אַ צו גרויסע באַדייטונג. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן אָנווענדן אַן אַנדער מיטל. זאָלן די דאָזיקע שנעקעס ניט מיינען, אַז עמעצער האָט פאַר זיי מורא. מען וועט זיי באַלד אַלעמען אַזוי אָנשמייסן, אַז דאָס אַנדערע מאָל וועלן זיי ניט קומען דעמאָנסטרירן. נאָך דער דאָזיקער רעדע האָט מען געבראַכט אַ ברעט, וועלכע איז ספּעציעל געמאַכט געוואָרן צו אָט דער עקזעקוציע: איין ברעטל האָט אונטערגעשפּאַרט די גאָמבע און דאָס צווייטע האָט זיך אַריינגעלייגט אין מויל, מען זאָל ניט קענען שרייען. איינציקווייז האָט מען אַלעמען גענומען און אַראָפּגעצויגן די קליידער; איין קאָזאַק האָט זיך געזעצט אויפן קאָפּ, דער צווייטער אויף די פיס, און

צוויי קאָזאַקן פון ביידע זייטן האָבן געשמיסן. מען האָט געגעבן צו 25 קלעפּ און איייניקע צו 50. בשעת דער עקזעקוציע זיינען געווען פאָן־וואַל, דער פּראָקוראָר, דער פּאָליציימייסטער נאַזימאָוו, דער דאָקטאָר מיכאַילאָוו. אייניקע זיינען געפאַלן אין חלשות, האָט מען זיי אָפּגעמינ־טערט און ווייטער געשמיסן. באַזונדערס מנובלדיק האָט זיך בשעת־מעשה געהאַלטן פאָן־וואַל. די עקזעקוציע האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג!"[1].

מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע ציטאַטן פון אַ בריוו פון אַ צווייטן אַרעסטירטן:

„...בשעת מען האָט אונז אַרויסגעפירט פון דער קאַמער און מיר האָבן דערזען די באַנק, האָבן מיר געמיינט, אַז אונז וועט די ערשטע אויסקומען צו טרינקען פון דעם ביטערן כוס. נאָר מיר האָבן אַ טעות געהאַט. מען האָט אונז אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט. „זיי שטעלט אַוועק אָן אַ זייט. זאָלן זיי זען, ווי מען שמייסט זייערע חברים, און נאָכדעם וועט וועגן זיי זיין אַ באַזונדערע פאַראָרדענונג!" — האָט פאָן־וואַל אַ קאָ־מאַנדעווע געטאָן. אַז מען האָט אונז אַוועקגעשטעלט צווישן די אָקאָלאָ־דאָטשנעס (דזעלניצאָוועס), האָב איך זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן. פּונקט קעגנאיבער אונז איז געשטאַנען אַ באַנק, און לעבן אים עטלעכע ריטער; זיי האָבן אויסגעזען, ווי אַ בעזעם, ד"ה פון אַ שטעקן פון וועלכן עס זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען ריטלעך. אַנטקעגן אונז, עטוואָס לינקס, איז פון דער אַנדערער זייט באַנק געשטאַנען דער גובערנאַטאָר מיט דעם פּאָ־ליצמייסטער; עטוואָס ווייטער אַלע פּריסטאַוועס פון דער שטאָט ווילנע און דער פּריסטאַוו פון זעקסטן סטאַן און צוויי געהילף־פּריסטאַוועס. ניט ווייט פון דער מיר זיינען געשטאַנען רייען מיט קאָזאַקן, וויפיל רייען האָב איך ניט געקענט באַמערקן; דאָ זיינען אויך געווען 8 פייערלעשער מיט דעם בראַנדמייסטער, אָנגעטאָן, אַזוי ווי בשעת אַ שריפה. ביי דער טיר איז געלעגן אַ קופּע ריטער. דער גובערנאַטאָר האָט געהייסן צוויי געזונטע, הויכע פייערלעשער זיך שטעלן פון ביידע זייטן באַנק — די דאָזיקע זיינען באַשטימט געוואָרן אַלס עקזעקוטאָרס. אַז אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט דער גובערנאַטאָר אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר און פון דאָרטן אַרויסגערופן איין נאָמען. דער פּריסטאַוו סניטקאָ האָט זיך גלייך אַ לאָז געטאָן נאָך דעם אומגליקלעכן. צוויי פייערלעשער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים און אים אויסגעטאָן, און די איבעריקע האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן און אים אויסגעצויגן אויף דער באַנק. דער גובערנאַטאָר האָט גע־הייסן שמייסן פּאַמעלעך און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „אָנהייבן",

---

[1] „פּאָסלעד. איזוו.", נומ' 70 פון 23 מאַי 1903.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן... די טרערן שטיקן מיך און איך מוז אָפּ־כאַפּן דעם אָטעם... דאָס זעלבע האָט מען אויך געטאָן מיטן צווייטן, מיטן דריטן אאז"וו. וויפיל מען האָט אין מיין אָנוועזנהייט געשמיסן, געדענק איך ניט, נאָר מיר דוכט מער פון צוואַנציק מאָן... מען האָט געגעבן צו 25 שמיץ, נאָר די, וואָס זיינען געפאַלן אין חלשות, האָט מען געגעבן ווי־ניקער. און דאָך האָט בלויז איינער באַקומען ווינציקער פון 20 שמיץ. דריי האָבן באַקומען צו דרייסיק: צוויי יידן און איין קריסט. דער לעצטער האָט אפילו קיין געשריי ניט געגעבן, ער איז בלויז צוויי מאָל געבליבן אין חלשות. נאָך דעם ערשטן מאָל האָט מען אים ארויסגעטראָגן אין דעם שכנותדיקן צימער, פון וואַנען עס איז באַלד ארויסגעגאַנגען דער דאָקטאָר מיכאַילאָוו און ערקלערט, אַז מען קען אים געבן די איבעריקע שמיץ, וואָס מע האָט טאַקע געטאָן. ווי שטאַרק מען האָט געשלאָגן, קאָן מען אורטיילן פון דעם, אַז נאָך צען קלעפּ איז פון דער רוט געבליבן בלויז דאָס שטעקל. אַז איין עקזעקוטאָר איז מיד געוואָרן, האָט אים פאַרביטן דער צווייטער"[1].

די באַרבאַרישע אָפּרעכענונג מיט די יידישע ארבעטער אין ווילנע האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די באַפעלקערונג. דאָס שמייסן די דעמאָנ־סטראַנטן האָט צווישן די ארבעטער ארויסגערופן אַ צאָרן און אַ האַס צו דער מאַכט. די ארבעטער האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז מען טאָר ניט אַזוי אָפּלאָזן אָט דאָס איזדיעקעוועץ זיך איבער זייערע חברים, אַז מען מוז זיך נוקם זיין. דער דאָזיקער געדאַנק איז אויך ארויסגעזאָגט געוואָרן אין דער פּראָקלאַמאַציע פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". „יידישע ארבע־טער! — ווערט אין איר געזאָגט: — ווי אַזוי וועט איר ענטפערן אויף אָט דער שענדלעכער באַליידיקונג? איר האָט שוין לאַנג דערוויזן, אַז איר האָט אויפגעהערט זיין די פריערדיקע הכנעהדיקע קנעכט; מיט אייער מוטיקן קאַמף פאַר דער פרייהייט האָט איר שוין דערוויזן דער גאַנצער וועלט, אַז איר האָט אויפגעוואַכט צו אַ ניי לעבן, צו אַ לעבן פון פרייע בירגער. דער־ווייזט זשע נאָך אַמאָל די צאַרישע תלינים, אַז איר וועט הכנעהדיק ניט אריבערטראָגן די שענדלעכע באַהאַנדלונג; דערווייזט, אַז איר זייט מענטשן, מיט אַ מענטשלעכן געפיל; דערווייזט, אַז איר זייט גרייט צו פאַרטיידיקן אייער מענטשלעכע ווערדע, אַז אויף אָט דעם גוואַלט פון די צאַרישע משרתים זייט איר גרייט צו ענטפערן מיט גוואַלט. ביז איצט איז אונזער פּאַרטיי געווען קעגן פּאָליטישן טעראָר, מיר זאָגן זיך איצט אויך אָפּ אָנצוווענדן טעראָר אַלס מיטל פון קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. נאָר דער ווילדער אויפטו פון פאָן־וואַלן רופט אַרויס אַ שרעקלעכע אויפ־

---

[1] דאָרט.

געבראכטקייט ביי אלע אונזערע חברים. מיר זיינען זיכער, אז פון צווישן די רייען פון דעם ידישן פראלעטאריאט וועט אויפשטיין איינער, וועלכער וועט זיך נוקם זיין פאר דעם איזדיעקעווען זיך איבער זיינע ברידער און אויב עס וועט פארגאסן ווערן מענטשלעך בלוט, וועט די גאנצע פאר־אנטוואָרטלעכקייט פאלן אויפן קיסר און אויף זיינע ווילדע משרתים"[1].

אונטער דעם איינדרוק פון די היהשע מעשים פון דער פאָליציי האָבן זיך צווישן די ווילנער יידישע ארבעטער אָנגעהויבן שטארקן די טעראָריסטישע שטימונגען. א באזונדער מיטגעפיל האָט ארויסגערופן דער געדאנק צו דערמאָרדן פאָן־וואַל. אָן דעם וויסן פון דעם בונדישן קאָמי־טעט האָט זיך געבילדעט א גרופע ארבעטער־בונדיסטן פון זעקס מאָן, וועלכע האָט זיך ענערגיש גענומען צוגרייטן אן אטענטאט אויף דעם ווילנער גענעראל־גובערנאטאָר פאָן־וואל. די דאָזיקע גרופע האָט געזאמלט געלט אויף צו קויפן געווער, און זיך געלערנט הינטער דער שטאָט, אין וואלד, שיסן. דער מיטגעפיל צו דעם איז געווען אזוי גרויס, אז די ארבע־טער האָבן מיט גרויס פארגעניגן געגעבן געלט. נאָכדעם האָט די דאָזיקע גרופע זיך געווענדט צום ווילנער קאָמיטעט פון „בונד" מיט א פאָרשלאָג, ער זאָל אויף זיך נעמען דאָס אָרגאניזירן דעם טעראָריסטישן אקט, נאָר דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז אָפגעוואָרפן געוואָרן. דעמאָלט האָט די גרופע באשלאָסן זעלבשטענדיק דורכצופירן דעם דאָזיקן באשלוס. די נעגאטיווע שטעלונג פון דעם ווילנער קאָמיטעט צו דעם אטענטאט האָט ביי די יידישע ארבעטער ארויסגערופן א גרויסע אומצופרידנקייט. נאָכדעם, נאָך לעקערטס ניט געלונגענעם אטענטאט, האָבן די ארבעטער באשולדיקט דעם קאָמיטעט, אז צוליב זיין שולד איז לעקערט ארעסטירט געוואָרן, מען האָט דערביי אָנגעוויזן, אז ווען דער קאָמיטעט זאָל געווען אָרגאניזירן דעם אטענטאט, וואָלט זיך לעקערט זיכער געראטעוועט[2].

דעם 5טן מאי 1902, בשעת דער ווילנער גענעראל־גובערנאטאָר איז ארויסגעגאנגען פון צירק, האָט אן ארבעטער־בונדיסט לעקערט צוויי מאָל אויסגעשאָסן, נאָר ער האָט אים ניט דערהרגעט, ער האָט אים בלויז פאר־וווּנדעט אין האנט און אין פוס.

הירש לעקערט איז גלייך אויפן אָרט ארעסטירט געוואָרן און מען האָט אים איבערגעגעבן דעם פעלד־געריכט. אין דער נאכט פון 27טן אויפן 28טן מאי אַלט. סט. האָט מען אים אויפגעהאנגען אויף דעם מיליטער־

---

1 „פאָסל. איזוו.", נומ' 74. דער קורסיוו איז אונזערער.

2 זאָמלבוך „הירש לעקערט", מאָסקווע 1922, זכרונות פון ר. מיצקין.

פעלד און דאָרטן אים באַגראָבן. לעקערט האָט באַגעגנט דעם טויט ווי א העלד, רויִק איז ער אַרויפגעגאַנגען אויף דעם עשאַפאָט. דעם רב, וואָס מען האָט צו אים געשיקט פאַר דעם טויט, האָט ער ניט אויפגענומען. וועגן הירש לעקערטס לעצטע שעהן ווערט דערציילט אין דער בראָשור, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די פאַראייניקטע קאָמיטעטן פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס: פון ווילנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָמיטעט פון „בונד", פון ווילנער קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין פוילן און אין ליטע, און פון ווילנער אַרבעטער־קאָמיטעט פון דער ליט־ווישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פאָלגנדעס: „...פון סאָלדאַטן האָט מען געמאַכט א לעבעדיקן צוים. די פּאָליציאַנטן, וועלכע זיינען געווען אָנגעטאָן ציוויל, האָבן ביינאַכט געבראַכט צו פירן די תּליה און פאַר די סאָלדאַטן אין די אויגן האָבן זיי זי אויפגעשטעלט; פאַר די אויגן פון די זעלבע סאָלדאַטן האָט מען אויך אָנגעהויבן גראָבן א גרוב. אין קאַרע פון די סאָלדאַטן זיינען אַריינגעגאַנגען די צאַרישע משרתים: דער סעקרעטאַר פון ווילנער קרייז־געריכט לוקאַס, דער געהילף־פּראָקוראָר פון דעם זעלבן געריכט ווענדלאַנד, דער באַאַמטער פון ספּעציעלע שליחותן סאַבוראָוו, דער דאָקטאָר יאַנאָווסקי, דער קהילה־ראַבינער געמזער און א גאַנצע ריי פּריסטאַווס. לעקערטן האָט מען געבראַכט אין א פאַרמאַכטער קאַרעטע. מיט לעקערטן אין קאַרעטע איז געפאָרן דער פּריסטאַוו סניטקאָ. לעקערט האָט געפרעגט, וווהין מען פירט אים. סניטקאָ האָט געענטפערט, אַז צום וואָקזאַל. לעקערט האָט דורך די גאַסן דערקענט, א מען פירט אים ניט אַהין. „איר פירט מיך אויף דעם מיליטער־פעלד", — האָט לעקערט געזאָגט. „צופיל כבוד", — האָט סניטקאָ געענטפערט מיט א ביטול. ערשט ווען זיי זיינען אַריבערגעפאָרן דעם גרינעם בריק פון שניפּישאָק, האָט לעקערט געזאָגט: „פאַרוואָס־זשע האָט איר מיך צוויי מאָל אָפּגענאַרט?" אויף וואָס סניטקאָ האָט געענטפערט: „נו, געווים וועלן מיר אייך אויפהענגען!"

די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א באַדייטנדן מרחק פון דעם אָרט, ווו עס איז געשטאַנען די תּליה, לעבן דעם שאָס־וואַל. מיט פאַרבונדענע הענט אויף הינטן איז לעקערט רויִק און געלאַסן צוגעגאַנגען צו דעם שרעקלעכן אָרט, מיט א פעסטן, ווערדיקן טריט איז לעקערט אַרויף אויף דעם עשאַפאָט און מיט א וווּנדערלעכער רויִקייט געוואַרט אויף דעם סוף. דער סעקרעטאַר האָט איבערגעלייענט דעם אורטייל פונם מיליטער־רישן געריכט. דער ראַבינער האָט געוואָלט האַלטן א דרשה. ער האָט געבעטן דער פאַרמשפּטן ער זאָל תּשובה טאָן און איידער ער גייט אויף יענער וועלט, זאָל ער אַרויסגעבן זיינע מיטהעלפער. ער האָט געזאָגט, אַז

לעקערט האָט עובר געווען אויפן „לא תרצח" און אים געבעטן ער זאָל תשובה טאָן, צוזאָגנדיק אים דערפאַר צו זאָגן מיט אים ווידוי, און אויף אַזאַ אופן אים עפענען די טויערן פון גן־עדן. לעקערט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם ווידוי, זאָגנדיק, אַז ער נייטיקט זיך ניט אין דעם; וואָס שייך דעם לאַוו, האָט ער באַמערקט, אַז מסתמא הענגען אים איצט אויף די, וואָס גלויבן אין דעם, אויפן יסוד פון דעם זעלבן לאַוו. נאָכדעם האָט ער געבעטן מען זאָל אים לאָזן צורו. דער תּלין האָט אַרויפגעוואָרפן דעם שטריק אויף לעקערטן. דער שטריק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף לעקערטס נאָז. לעקערט האָט אַליין מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג (די הענט זיינען ביי אים געווען שטאַרק פאַרבונדן; בשעת מען האָט אים געבונדן, האָט אים מסתּמא זייער וויי געטאָן, ווייל זיין געזיכט האָט דעמאָלט אויסגעדריקט שטאַרקע ליידן, נאָר ער האָט אפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן) אים אַראָפּגעוואָרפן אויפן האַלז. דער תּלין איז אַראָפּגעשפּרונגען און מיט אַ ווילדער רוגזה אים אַ שלעפּ געטאָן פאַר די פיס און אויסגעשריען: „פאַרטיק!" — און דער העלד איז אומגעקומען... זיין טויטן קערפּער האָט מען גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער גרוב, וואָס מען האָט נאָך פריער צוגעגרייט, אָן תּכריכים, וועלכע דער תּלין האָט זיך צוגענומען[1]. דאָס מיליטער איז לויט אַ קאָמאַנדע דורכגעגאַנגען איבער דעם קבר, כּדי אויף אַזאַ אופן אויסדריקן דעם אומגעקומענעם זייער האַס, און מיט לידער זיך אומגעקערט צוריק אין לאַגער. נאָר דאָס מיליטער איז געגאַנגען אומצופרידן און דערשלאָגן. עס האָט זיך ניט געמערקט אין זיי דער באַוווּסטזיין פון דעם, אַז זיי האָבן מקיים געווען אַ גרויסע מלוכהשע זאַך. דער אויסזען פון די סאָלדאַטן האָט ניט ווילנדיק אַרויפגעפירט אויף מחשבות, צי פירט מען דאָ ניט אין דעם לאַגער די צוקונפטיקע קברנים פון דער זעלבסט־הערשונג"[2].

---

[1] איינער פון די פריסטאַווס האָט געזאָגט דעם תּליז, אַז מען דאַרף לעקערטן באַערדיקן אין די תּכריכים, האָט דער תּלין געענטפערט: „עך, דער זשידיוגע וועט זיך באַגיין אָן דעם!"

[2] „הירש לעקערט און זיין פּראָצעס", פאַרלאַג פון „בונד" יולי 1902, ז"ז 6—7. הירש לעקערט איז געווען אַ שוסטער. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער בונדישער באַוועגונג אין ווילנע. לעקערט האָט גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל אין דער אַזוי־גערופענער „נאָוואָראָדער געשיכטע", אין דער דעמאָנסטראַציע און אין אָנפאַל אויף דער פּאָליציי אין יאָר 1900. ער האָט אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן פון איינעם פון די אָנטיילנעמער פון דער געשיכטע פון יידישן שפּיטאָל. נאָך איין יאָר פאַראַרעסט, האָט נאָך לעקערט פאַרבראַכט 6 חדשים אין „קרעסטי" (אַ טורמע אין פּעטערבורג) און איז נאָכדעם אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו אונטער פּאָליציייִשער אויפזיכט. ניט לאַנג פאַר דעם 18 אַפּריל 1902 איז ער דאָס צווייטע מאָל אַליין צוריקגעקומען קיין ווילנע.

דער איינדרוק פון לעקערטס אטענטאט איז געווען א גוואלטיקער.

די ארבעטער האבן מיט ענטוזיאזם אויפגענומען לעקערטס העלדישן טאט. אלע האבן פרייער אפגעאטעמט ביי דער ידיעה, אז די נקמה איז גענומען געווארן, און דאס איזדיעקעווען זיך איבער די יידישע ארבעטער איז ניט געבליבן אומבאשטראפט.

דער ווילנער קאמיטעט פון „בונד" האט אין צוזאמענהאנג מיט לעקערטס שאס ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע, אין וועלכער ער האט גע־שריבן: „...עס איז געשען!.. צווישן דעם אלגעמיינעם יובלען פון דער ווילנער באפעלקערונג האט מען א קלאפ געטאן איינעם פון די מנוולדיק־סטע צארישע משרתים; אומעטום האט מען נאר געהערט א באדויערן: „פארוואס איז ער געבליבן לעבן". „... מיר זיינען שטאלץ מיט דעם יידישן ארבעטער־קלאס דערפאר, וואס ער האט פון זיינע רייען געגעבן א מענטשן, וואס פילט לעבעדיק די באליידיקונג פון זיינע נאענטע, און לעבט זי איבער פונקט אזוי ווי אן אייגענע באליידיקונג; מיר זיינען פול מיט פרייד, וואס אין פאן־וואל האט געשאסן אן ארבעטער, א ייד, ווייל דאס דערוויזט, אז אין די טיפענישן פון דעם יידישן פראלעטאריאט זיינען פארגעקומען גרויסע ענדערונגען: ער איז שוין מער ניט קיין דערשלאגע־נער, א פאריאגטער, ער איז אויסגעוואקסן, ריזיק אויסגעוואקסן! ער איז געווארן א מעכטיקער און שטאלצער קעמפער, וועלכער קעמפט דרייסט פאר זיינע רעכט, וואס קעמפט פארצווייפלט פאר זיין פרייהייט, כבוד און אייגענער ווערדע.

מיר סאציאל־דעמאקראטן, וועלכע האלטן ניט פון טעראריסטישן אופן פון קאמף, פאראייניקן זיך צו דעם אלגעמיינעם יובל און באגריסן אט דעם נאטירלעכסטן און געזעצלעכסטן אקט פון נקמה פאר די אזוי בארבארישע פארשמיסענע מענטשלעכע רעכט.

א לויב צו דיר, דו באהארצטער און אומדערשראקענער קעמפער! כבוד און רום דיין העלדישקייט!"

פונקט אזא אפשאצונג האט לעקערטס טאט אויך געפונען אין די אויסלענדישע קרייזן פון „בונד": „יעדערער פון אונז גדענקט נאך גאנץ גוט אט דעם קאמפליצירטן געפיל, וואס מיר האבן איבערגעלעבט ביי דער ידיעה וועגן דער ווילדער, בארבארישער עקזעקוציע איבער די ווילנער דעמאנסטראנטן, — האט די „פאסלעדניא איזוועסטיא" געשריבן. — און אט דער געפיל איז געווען אלץ: האס, שנאה, צארן, צערייצטקייט, נאר איבער דעם אלעמען האט געהערשט עפעס א שווערס, א דריקנדיקס, אט אזוי ווי די גאנצע אימה פון דער רוסישערווירקלעכקייט וואלט זיך קאנ־צענטרירט אין איין פאקוס, וועלכער האט אונז א שוועק געטאן מיט

ענדלעכן ווארטן, אז אט־אט וועט געשען דאס, וואס דארף געשען, ווארעם עס זיינען פאראן אזעלכע פארברעכערייען, וועלכע מוזן נאך זיך פאטאל ארויסרופן א באלדיקע נקמה. — ענדלעך האט זיך דערהערט דער שאס, וואס איז געגעבן געווארן דורך דער האנט פון א יידישן ארבעטער, און מיר האבן פרייער אפגעאטעמט...

א גרויסן טעות האבן די־יעניקע, וואס זעען אין לעקערטס שאס אן איבערגאנג צו עפעס א נייער טאקטיק. דארט, ווו די ארבעטער־מאסן־באוועגונג איז ביז אזא שטופע דאמינירנד, אז זי רוקט אפ אויף דעם סאמע הינטערשטן פלאן די חלומות פון די אומגעדולדיקסטע אדער ראמאנטיש־געשטימטע נאטורן, דארט קאן דער טעראר, — וועלכער איז לויט זיין עצם מהות נאר א קאמפס־מיטל צוגעפאסט צו די באדינגונגען פון קרייזל־ אדער גרופע־טעטיקייט, ניט ווערן אין דעם באוווסטזיין פון דער ארגאניזאציע דער וועג צו פרייהייט. לעקערטס שאס איז ניט מער ווי א רעאקציע פון אויפגעבראכטן מענטשלעכן געוויסן איבער דער גוואלט, וועלכע איז אריבער די גרענעצן אפילו פון דעם, וואס מ׳קאן דערווארטן אין רוסלאנד.

לעקערט האט אנגעטאן אין הויט און פלייש דעם פארבארגענעם געדאנק פון יעדן ערלעכן מענטשן; דעריבער האט זיין טאט ארויסגערופן אזא איינשטימיקן, הייסן מיטגעפיל, דעריבער האלטן מיר, אז ביים פרישן קבר פון אט דעם נקמה־נעמער װעלן אלע מענטשן זיך צונויפגיסן אין איין געפיל פון פארערונג פון דעם מענטשן, וועלכער האט אונז באפרייט פון דעם שווערן קאשמאר, וואס האט אונז אין משך פון געציילטע, נאר לאנגע און שווערע טעג געדריקט אזוי ווי בליי.

לעקערט האט זיך נוקם געווען פאר דעם איזדיעקעוועז זיך איבער דער פערזאן פון די יידישע ארבעטער, ער האט נקמה גענומען פאר דעם פארשוועכן די מענטשלעכע ווערדע בכלל, און דער אנדענק וועגן אים וועט אויף אייביק פארבלייבן ניט בלויז אין דעם גרויסן הארץ פון דעם יידישן פראלעטאריאט, נאר אויך אין די הערצער פון אלע ערלעכע מענטשן, וועלכע האבן נאך ניט אנגעוואוירן די פעיקייט צו האסן דעם ווילקיר" [1].

דאס, וואס א טייל פון די יידישע ארבעטער זיינען פארכאפט געווארן מיט דעם טעראר, דערקלערט זיך מיט די מערדערייען פון דער פאליציי, פון איין זייט, און מיט פרעדיקן דעם טעראר, וואס האט זיך דעמאלט מיט גרויס ענערגיע געפירט אין רוסלאנד דורך די סאציאליסטן־

[1] „פאסל. איזוו.", נומ. 74.

רעוואָלוציאָנערן, פון דער אַנדערער זייט. די דאָזיקע טענדענצן האָבן זיך געשטאַרקט צדאַנק דעם ערפאָלג פון אייניקע טעראָריסטישע אַקטן.

אַלס אָפּקלאַנג פון דער טעראָריסטישער אויפלעבונג דינט די רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה", וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער פינפטער קאָנפערענץ פון „בונד" און דאָס בילדן זיך פון א טעראָריסטישער בונדישער גרופּע אין ריגע.

די קאָנפערענץ האָט מיט אַן איבערוויגנדיקער מערהייט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אײנשליסן אין דער טאַקטיק פון „בונד" די „אָרגאַניזירטע נקמה" אַלס ענטפער אויף דעם פּאָליציייִשן ווילקיר. אין דער אָפיציעלער מאָטיווירונג גרענעצט זיך די קאָנפערענץ אָפּ פון דער מעגלעכער באַשולדיקונג, אַז מען האָט זיך אַריינגעטאָן אין טעראָר. „עס וואָלט געווען א גרויסער טעות צו מיינען, אַז אַזאַ מין אַרט נקמה האָט עפּעס געמיינזאַמס מיט דעם טעראָר". „...אָרגאַניזירנדיק אַליין יעדעס מאָל די נקמה־אַקציעס, און ניט דערלאָזנדיק אַלץ צו גיין מיט זיין נאַטירלעכן גאַנג, וועט די פּאַרטיי קאָנען פאַרהיטן אירע מיטגלידער פון פאַלשע שריט, ווי אויך פון דעם סיסטעמאַטישן טעראָר".

צוליב דער גרויסער וויכטיקייט פון אָט דער רעזאָלוציע ברענגען מיר זי דאָ אינגאַנצן. פון דער אָפיציעלער מאָטיווירונג: „...ווי אַזוי דאַרפן מיר, רעוואָלוציאָנערן, ענטפערן אויף אָט דער נייער סיסטעם (די סיסטעם פון שענדן)?... עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קעגן אַזעלכע ווילדע מעשים דאַרפן מיר פּראָטעסטירן מיט אַלע אונזערע כּוחות, ווי אין רוסלאַנד, אַזוי אויך אין אויסלאַנד, ווי דורך דער פּרעסע, אַזוי אויך דורך דעמאָנסטראַציעס, פּאָליטישע שטרייקן אאז"וו. נאָר פאַר קיינעם פון די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ איז ניט געווען קיין ספק אין דעם, אַז די פּראָטעסטן, אין וועלכער פאָרם זיי זאָלן ניט קומען צום אויסדרוק, זיינען ניט קיין גענוגנדיקער מיטל קעגן די אַזיאַטישע מערדערייען. דער כּבוד פון א רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פאָדערט נקמה פאַר דער דערנידערונג פון אירע מיטגלידער.

עס וואָלט געווען א גרויסער טעות צו מיינען, אַז אַזאַ אַרט נקמה האָט עפּעס געמיינזאַמס מיטן טעראָר. אַז די פּאַרטיי באַשליסט צו באַשטראָפן דעם אָדער יענעם צאַרישן משרת, איז זי מיט דעם ניט אויסן צו באַזייטיקן די רעגירונג אָדער זיך בכלל מיט דעם באַנוצן אויף צו דערגרייכן אירע צילן. דער צוועק פון אַזעלכע אַקטן איז בלויז כּדי אָפּצוּוואַשן דעם פלעק פון דער פּאַרטיי, נקמה נעמען פאַר א שענדלעכער באַליידיקונג. און אַן אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וועלכע שטייט אויף א פעסטן פּרינציפּיעלן און טאַקטישן באָדן, וועט שטענדיק זיין אימ־

שטאנד ניט צו דערלאָזן, אַז איינצעלנע נקמה־אקטן זאָלן זיך פאַרוואַנד־לען אין אַ סיסטעמאַטישן טעראָר. און דערפאַר טאַקע דאַרפן אָט אַזעלכע אקטן אָרגאַניזירט ווערן דורך דער פאַרטיי גופא, וואָרעם, אָרגאַניזירנדיק אַליין יעדן נקמה־אַקט, און „ניט דערלאָזנדיק זיי צו זייער נאַטירלעכן גאַנג", וועט די פאַרטיי קאָנען פאַרהיטן אירע מיטגלידער פון פאַלשע שריט, ווי אויך פון דעם סיסטעמאַטישן טעראָר.

נאָר פריער פון אַלץ איז נייטיק, אַז די־יעניקע, קעגן וועמען די רע־גירונג ווענדט אָן די סיסטעם פון שענדן, זאָלן ניט וואַרטן ביז די פאַרטיי וועט זיך נוקם זיין. זיי דאַרפן אַליין, אויפן אָרט, אַרויסווייזן אַ שטאַרקן, ענערגישן ווידערשטאַנד. די נקמה פון דער פאַרטיי וועט ערשט דאַן האָבן אַ זין, ווען יעדער רעוואָלוציאָנער באַזונדער וועט אין יעדן געגעבענעם מאָמענט אַליין פאַרטיידיקן זיין ערע און די ערע פון זיין פאַרטיי, ווען יעדער איינציקער וועט ביז דער לעצטער מעגלעכקייט זיך פאַרטיידיקן קעגן דער באַליידיקונג מצד די צאַרישע משרתים.

אַרויסגייענדיק פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, האָט די קאָנפערענץ אָנ־גענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: די קאָנפערענץ אָנערקענט: א) אַז ס'איז נויטווענדיק צו פירן אַן אינטענסיווע מאַסן־אַגיטאַציע פאַר דער נייטיקייט פון סאַמע שטאַרקן און ענערגישן ווידערשטאַנד אין פאַל פון שענדן די פּערזאָן פון אַן אָנטיילנעמער אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף. ב) אַז אויף אַקטן פון שענדן דאַרף מען אַלעמאָל ענטפערן מיט אָרגאַניזירטער נקמה־אַקטן און מאַסן־פּראָטעסטן, דערביי שליסט איינס ניט אויס דאָס צווייטע" [1].

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" און די „איסקראַ" האָבן זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דער רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה". די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך געפרייט, זעענדיק אין „בונד" אַ נייעם פאַרבינדעטן.

דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד", וועלכער איז זיך צונויפ־געקומען אין אַ יאָר אַרום (אין יאָר 1903), האָט אַנולירט דעם באַשלוס פון דער פינפטער קאָנפערענץ וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה".

אונטער דעם איינפלוס פון די אויבנאָנגעוויזענע טעראָריסטישע טענדענצן אין „בונד" האָט זיך אין ריגע צווישן די בונדיסטן געבילדעט אַ „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע". דער אָנפירער פון ריגער זשאַנדאַרמעריע־פאַרוואַלטונג האָט, בייליינגנדיק דעם סטאַטוט, געמאָלדן דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט פאָלגנדעס:

---

[1] „פּאָסל. איזוו.", נומ' 88.

„...לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן, איז די לעצטע צייט צווישן די מיטגלידער פון דער ריגער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" אַנטשטאַנען דער געדאַנק אויסצוטיילן פון זייערע רייען אַ באַזונדערע „קאַמפּס־גרופּע", וועלכע וואָלט אויף זיך גענומען דאָס אויספירן, אין באַזונדערס וויכטיקע פאַלן פון גוואַלט, נקמה־אַקטן". צוליב דעם איז פאָרגעקומען אַ פאַר־זאַמלונג פון די קאָמיטעט־מיטגלידער, אויף וועלכער עס איז אויסגעאַר־בעט געוואָרן דער פּראָיעקט פון דער פּראָגראַם פון דער נייער גרופּע און עס זיינען שוין אָנגעמערקט געוואָרן אייניקע מיטגלידער פון איר.

בראש פון דער דאָזיקער גרופּע וועט זיך, וואַרשיינלעך, שטעלן דער מיטגליד פון ריגער אָרגאַניזאַציע פון „בונד", דער געוועזענער סטו־דענט פון ריגער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט אברהם ברוין, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג באַפרייט געוואָרן פון טורמע, און זיין נאָענטסטער מיט־אַרבעטער וועט זיין דער געוועזענער שילער פון 6טן קלאַס פון ריגער גימנאַזיע לאַזאַר אַרנשטאַם, וועלכער איז מיט ברוינען צוגעצויגן געוואָרן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און וועלכער איז ערשט ניט לאַנג באַפרייט געוואָרן פון טורמע. חוץ דעם איז אין דער גרופּע באַשטימט געוואָרן דער באַוווסטער, לויט די פריערדיקע ידיעות, „באַטשקי", וועל־כער האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי מען האָט משער געווען, אַלס זלמן זעליג־סאָן, און אַן אומבאַקאַנטער, וועלכער איז דעם 2טן יולי געקומען קיין ריגע, און, ענדלעך, איינער מיט דעם פאַמיליענאָמען ריוולין".[1]

מיר וועלן ברענגען די פּראָגראַם פון אָט דער דאָזיקער בונדישער „קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע".

פּראָגראַם פון ריגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון 1903

א ר יי נ פ י ר

היות די רעגירונג ווענדט אָן אין דעם איצטיקן מאָמענט אַזעלכע מיטלען, וועלכע זיינען אַפילו ביי אונזער זעלבסטהערשונג־רעזשים שוי־דערלעך, און רופן דערמיט אַרויס אין דער געזעלשאַפט אַן אויפרעגונג, וועלכע שטרעבט זיך אויסצוגיסן אין דער פאָרם פון איינצלנע נקמה־אַקטן, וואָס איז פאַרבונדן מיט דורכפאַלן, — אָנערקענען מיר פאַר מער צוועקמעסיק צו אָרגאַניזירן אָט די קרעפטן אין איין גאַנצער גרופּע, אַדאַנק וועלכער עס וועט זיך באַדייטנד פאַרלייכטערן דאָס דורכפירן פון אַזעלכע

---

1 ענינים פון אַרכיוו פון פּאָליצ.־דעפּ. נומ' 1700, טייל 4, ז' 70.

מיני אקטן, דערבײ געפינען מיר פאר נייטיק זיך צו באווארענען, אז מיר באציען זיך נעגאטיוו צום טעראר אלס מיטל פון באפרייאונג, און אנער־קענען בלויז די „ארגאניזירטע נקמה״ אין אויסערגעווײנלעכע פאלן פון געוואלט און ערקלערן, אז אן אקטיוון אנטייל אין אט דער גרופע וועלן נאר קענען נעמען באוווסטזיניקע סאציאל־דעמאקראטן, וועלכע זײנען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די דאזיקע גרופע שטייט ניט אין סתירה מיט די גרונט־פרינציפן פון דער סאציאל־דעמאקראטיע.

די ריגער סאציאל־דעמאקראטישע קאמפס־גרופע

§ I. די פונקציעס.

די קאמפס־גרופע נעמט אויף זיך פאלגנדיקע פונקציעס:

1) די גרופע פארפאלגט די פערזאנען, וועלכע גיבן באוווסטזיניק ארויס זייערע חברים און דעקן אויף די סודות פון די רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס.

2) די גרופע פארפאלגט די פערזאנען, וועלכע באגייען זיך פרעך אין גראב מיט די רעוואלוציאנערן און וועלכע פרעסן ארויס מיט געוואלט־מיטלען ערקלערונגען.

§ II. די קאמפעטענצן.

1) די ריגער קאמפס־גרופע ווארפט זיך אונטער אין די פראגן פון אלגעמיינעם כאראקטער די אנווייזונגען פון דער צענטראלער גרופע (צעגע), און אין די איבעריקע פראגן ווערט זי אנגעוויזן אויף אייגענער באטראכטונג, ד״ה אויף די באשלוסן דורך א מערהייט שטימען פון די, וואס גייען אריין אין איר ארטיקן צוזאמענשטעל.

2) די שטראף־מיטלען ווערן אויסגעארבעט דורך אלע מיטגלידער פון דער גרופע; אן אויסנאם זײנען בלויז די פאלן, ווען די „צעגע״ ווייזט אן אויף פערזאנען און מיטלען, דערבײ קאן זיך די ארטיקע גרופע אפ־זאגן אנטייל צו נעמען אין אזא אקט.

§ III. די מיטלען.

די מיטלען פון דער קאמפס־גרופע ווערן געשאפן פון די אפצא־לונגען פון אירע מיטגלידער, פון פערזאנען, וועלכע פילן מיט אירע שטרע־בונגען און פון אנדערע.

§ IV. די הוצאות.

אַלע סומען, וואָס פליסן אריין, ווערן פונאַנדערגעטיילט אויף אַזאַ אופן: א) 40 פּראָצ. פון די געוויינלעכע הכנסות און די העלפט פון די נדבות ווערט אָפּגערעכנט לטובת דער „צעגע", ב) די איבעריקע סומע ווערט אויסגעגעבן אויף די באַדערפענישן פון דער גרופּע, לויט דעם אַלגעמיינעם באַשלוס, דערביי קאָן דער קאַסירער אויסגעבן, לויט זיין אייגענעם איינזען, ניט מער פון דריי רובל, די הוצאה פון וועלכע. ער דאַרף אָנווייזן אויף דער נאָענטסטער פאַרזאַמלונג.

§ V. די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע.

1) די מיטגלידער פון דער גרופּע קלייבן פון צווישן זיך אויס פּער־זאָנען, אויף וועלכע זיי קאָנען אַרויפלייגן פאָלגנדע התחייבותן:

2) א) א קאַסירער, ב) א ביבליאָטעקער פון די לעגאַלע ביכער און ג) א ביבליאָטעקער פון אומלעגאַלע ביכער.

3) דערביי האָט די „צעגע" דאָס רעכט צו באַשטימען אירן א פאַר־שטייער צו האָבן מיט איר פאַרבינדונגען, און די אָרטיקע גרופּע קלייבט אויס זיינעם א געהילף.

די פליכטן פון די אויסגעוויילטע:

4) דער פאָרשטייער פון „צעגע" באַקומט פון דער לעצטער מיטלען און ידיעות, שיקט איר איבער געלט און באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פון דער אָרטיקער גרופּע.

5) א. אַלע ידיעות פון „צעגע" ווערן מיטגעטיילט אַלע מיטגלידער פון דער אָרטיקער גרופּע דורך דעם געהילף פון דעם פאָרשטייער.

5) ב. די באַריכטן פון דער אָרטיקער גרופּע ווערן געשיקט דורך דעם פאָרשטייער פון „צעגע" און דורך זיין געהילף, דערביי דאַרפן די באַריכטן זיין אונטערגעשריבן פון זיי ביידן.

5) ג. די גרופּע האָט דאָס רעכט צו בעטן מען זאָל פאַרבייטן דעם פאָרשטייער פון „צעגע", און די לעצטע איז מחוייב, נאָך דעם באַטראַכטן די ביטע, צו באַפרידיקן דעם ווונטש פון דער אָרטיקער גרופּע. אַלע אַזעלכע מעלדונגען מוזן געשיקט ווערן דורך דעם פאָרשטייער צוזאַמען מיט זיין געהילף.

6) דער קאַסירער באַקומט אַלע הכנסה־געלטער, האַלט זיי ביי זיך און גיט זיי אויס לויטן איינזען פון דער גרופּע. ער שטעלט צו א באַריכט דער גרופּע ניט זעלטענער ווי 2 מאָל אין יאָר.

7) דער ביבליאָטעקער פון די לעגאַלע ביכער האַלט ביי זיך די לעגאַלע ביבליאָטעק, גיט ארויס ביכער די מיטגלידער פון דער גרופּע און שטעלט צו א באַריכט וועגן צושטאַנד פון דער ביבליאָטעק ניט ווייניקער ווי איינמאָל אין יאָר.

8) דער ביבליאָטעקער פון די אומלעגאַלע ביכער האָט אויף זיך די זעלבע פליכטן, וואָס דער ביבליאָטעקער פון לעגאַלע ביכער.

§ VI. פאַרענדערונג פון דעם סטאַטוט און די איבערבאַלאָטירונג.

1) דער סטאַטוט קאָן ווערן געענדערט לויט דעם באַשלוס פון דער מערהייט מיטגלידער, אויסער דעם § I און § IV פּונקט 1.

2) יעדער מיטגליד האָט דאָס רעכט אויפצוהייבן די פראַגע וועגן ענדערן דעם סטאַטוט און איבערבאַלאָטירן די מיטגלידער.

ריגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאַמפּס־גרופּע

וועגן דער „ריגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאַמפּס־גרופּע" האָבן זיך אויפגעהיט זייער קורצע ידיעות, וועלכע מיר האָבן דאָ געבראַכט; זיי זיינען גענומען געוואָרן פון זשאַנדאַרמעריע־קוועלן, און, צום באַדויערן, בלייבט ניט פעסטגעשטעלט דער צוזאַמענשטעל און די טעטיקייט פון אָט דער גרופּע.

פאַרוואָס האָבן די טעראָריסטישע שטימונגען ניט געפונען קיין פּאַסיקן באָדן אין „בונד" און האָבן זיך אין אים ניט באַפעסטיקט? דאָס אָנכאַפּן זיך פון א טייל בונדיסטן אין דעם טעראָר האָט לאַנג ניט געדויערט. דאָס איז געווען ניט קיין לאַנגע ליניע, וועלכע האָט זיך שנעל אויסגעוועבט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע האָבן זיך שוין צווישן די יידישע ארבעטער געפירט אין משך פון איבער 10 יאָר און עס האָבן זיך געשאַפן פעסטע טראַדיציעס, עס איז שוין געווען א שיכט פון באַוווּסטזיניקע ארבעטער. אייניקע פון זיי האָבן נאָר צייטווייליק געקענט ארונטערפאַלן אונטער דער ווירקונג פון טעראָריזם, פון דעם אומדערוואַרט אויפגעכאַפּטן געפיל. דער „בונד", וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף דער פּאָליטישער מאַסן־באַוועגונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז מיט טויזנטער פעדים געווען צונויפגעבונדן מיט דער ארבעטער־מאַסע, האָט אריבערגעטראָגן אָט די טעראָר־מעשה, ווי א צייטווייליקע קרענק.

קאַפּיטל צען

די פּאָלעמיק פון „בונד" מיט דער „איסקראַ' נאָך דעם IV צוזאַמענפאָר פון „בונד". — די „איסקראַ" און די נאַציאָנאַלע פראַגע. — לעניגס אַרטיקל. — דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון רסדאַ"פּ. — דאָס אַרויסטרעטן פון „בונד" פון דער רסדאַ"פּ. — דער פּאָלעסיער און צפון-מערבדיקער קאָמיטעט פון דער רסדאַ"פּ. — קעשענעווער און האָמלער פּאָגראָמען. — די פאַרשטאַרקונג פון די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. — די רוסיש-יאַפּאַנישע מלחמה. — די יאַקוטסקער געשעענישן. — 1 מאַי. — די ביאַליסטאָקער שחיטה. — ערב 1905. —

נאָך דעם פערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", וועלכער האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער נייטיקייט פון פעדעראַטיווער בויונג פון דער רסדאַ"פּ און וועגן אַ נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע, איז אויכגעבראָכן אַ פּאָלעמיק צווישן „בונד" און דער „איסקראַ". ביידע זיינען זיי געשטאַנען אויף דיאַמעטראַל-קעגנזעצלעכע פּאָזיציעס. די „איסקראַ" האָט געזען דאָס לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין דער אַסימילאַציע און געהאַלטן פאַר נייטיק מיטצווירקן דאָס פאַרשנעלערן דעם דאָזיקן פּראָצעס. יידן זיינען ניט קיין נאַציע, דער געדאַנק וועגן אַ יידישער נאַציאָנאַליטעט איז אַן אידעע אַ ציוניסטישע, אַ רעאַקציאָנערע. עס קאָן זיין בלויז אַ רייד וועגן דעם צונויפגיסן זיך פון דער יידישער נאַציע מיט די איבעריקע. דעריבער זיינען די באַשלוסן פון „בונד" — רעאַקציאָנער און שעדלעך פאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. מיר וועלן וויטער ברענגען אייניקע ציטאַטן פון לעגינס אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „איסקראַ". עס איז נייטיק זיך צו באַקענען מיט די ציטאַטן, כּדי צו פאַרשטיין די פּאָזיציע פון דער „איסקראַ", אויף וועלכער עס איז אין יענעם פּעריאָד געשטאַנען דער גרעסטער טייל פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי.

„...דאָס ערקלערן דעם „בונד" אַלס זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי, — שרייבט לענין, — איז טאַקע דאָס דערפירן ביז צו אַן אַבסורד דעם הויפּט-טעות אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע וועט אומ-

באַדינגט און אופאַרמיידלעך דינען אַלס אויסגאַנגס־פּונקט אין ענדערן די אָנשווינגען פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן בכלל. די „אויטאָנאָמיע" פון סטאַטוט פון יאָר 1898 פאַרזיכערט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אַלץ, אין וואָס זי נייטיקט זיך: די פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אויף זשאַרגאָן, ליטעראַטור און צוזאַמענפאָרן, דאָס אַרויסשטעלן באַזונדערע פאָדערונגען בנוגע דער אַנטוויקלונג פון איין אַלגעמיינער סאָצ.־דעמ. פּראָגראַם און דאָס באַפרידיקן די לאָקאַלע באַדערפעניִשן און פאָדערונגען, וואָס נעמען זיך אַדאַנק די באַזונדערע אייגנאַרטיקייטן פון דעם יידישן שטייגער. אין אַלעם איבעריקן איז נויטווענדיק דער ענגסטער און פולסטער צוזאַמענגוס מיט דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז נויטווענדיק אין די אינטערעסן פון קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד, און ניט באַגרינדעט איז, לויטן עצם ענין, די שרעק פאַר יעטוועדער „מאַיאָריזירונג" ביי אַזאַ מין צונויפגיסן זיך, ווייל פון אָט דער מאַיאָריזירונג גאַראַנטירט בנוגע די באַזונדערע פראַגן פון דער י י ד י ש ע ר באַוועגונג די אויטאָנאָמיע, און אין די פראַגן וועגן קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג, פון קאַמף מיט דער בורזשואַזיע פון גאַנץ רוסלאַנד מוזן מיר אַרויסטרעטן אַלס איין און איינציקע, צענטראַליזירטע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, מיר מוזן זיך אָנשפּאַרן אויף דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, אָן אונטערשייד פון שפּראַך און נאַציאָנאַליטעט, פאַראייניקט דורך איינהייטלעכע באַשטענדיקע באַשלוסן וועגן טעאָרעטישע און פּראַקטישע, טאַקטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, און ניט בילדן קיין באַזונדער גייענדיקע, איטלעכע מיט איר וועג, אָרגאַניזאַציעס, ניט אָפּשוואַכן די קרעפטן פון דעם אָנגריף דורך צעדרויבלען זיך אויף פילצאָליקע, זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען, ניט אַריינפירן קיין אָפּגעזונדערטקייט און אָפּגעפרעמדטקייט, כדי נאָכדעם צו היילן די קינסטלעך איינגעאימפּטע חולאת מיט פלאַסטערס פון דער באַרימטער „פעדעראַציע"[1].

דער שוועה־פּונקט פון דער פראַגע וועגן דער לאַגע פון דעם „בונד" אין דער פּאַרטיי, — האָט לענין געשריבן אין דער „איסקרא", — באַשטייט אין דער דעקלאַראַציע פון אַ באַשטימטן פּרינציפּ פון דער אָרגאַניזאַציע און אין דעם אויסוואַל פון אַ וועג. „צי זאָל מען פעסטשטעלן די אייגנאַרטיקייט פון „בונד", וועלכע האָט זיך היסטאָריש צונויפגעשטעלט,

---

1 „איסקרא" נומ' 34 פון 15 פעברואַר 1903, אַרטיקל פון וו. אי. לענין „צי נייטיקט זיך דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין אַ זעלבשטענדיקער פּאַרטיי", געזאַמלטע ווערק, ב' IV, ז"ז 215–216.

אָדער זי אָפּלייקענען אין פּרינציפּ און זיך שטעלן אָפּן, באַשטימט, פעסט און ערלעך אויף דעם וועג פון אַלץ גרעסערער און גרעסערער, ענגערער און ענגערער דערנענטערונג און צונויפגיסונג מיט דער גאַנצער פּאַרטיי. צי זאָל מען אויפהיטן די אָפּגעזונדערטקייט אָדער זיך ווענדן צו דער צונויפגיסונג. אָט דאָס איז די פּראָבלעם.

דאָס לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם הענגט אינגאַנצן אָפּ פון דעם „בונדס" גוטן ווילן, וואָרעם „מיט גוואַלד וועט מען דיך ניט ליב האָבן", ווי מיר האָבן דאָס נאָך געזאָגט אין דעם נומ׳ 33. אויב איר ווילט זיך אומקערן צו דער צונויפגיסונג, וועט איר אוועקשטעלן די פעדעראַציע און אָננעמען די אווטאָנאָמיע. דעמאָלט וועט איר פאַרשטיין, אַז די אווטאָנאָמיע גאַראַנטירט אַזאַ בהדרגהדיקן פּראָצעס פון צונויפגיסונג, ביי וועלכע די איבעראָרגאַניזירונג וואָלט דורכגעגאַנגען מיט אַ מינימאַלן פּחת און אַזוי, אַז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג וואָלט דערביי גאָרניט אָנגעוואָרן און וואָלט נאָך געווונען אַדאַנק דער דאָזיקער איבעראָרגאַניזירונג און צונויפגיסונג.

איר ווילט זיך ניט אומקערן צו דער צונויפגיסונג, — דעמאָלט וועט איר זיין פאַר אַ פעדעראַציע (אין איר מאַקסימאַלער אָדער מינימאַלער פאָרם, מיט אַ דעקלאַראַציע אָדער אָן אַ דעקלאַראַציע), דעמאָלט וועט איר זיך שרעקן פאַר דער „מאַיאָריזירונג", דעמאָלט וועט איר פאַרוואַנדלען די טרויעריקע אָפּגעזונדערטקייט פון „בונד" אין אַ פעטיש און איר וועט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרניכטונג פון דער אָפּגעזונדערטקייט שרייען וועגן דער פאַרניכטונג פון „בונד", דעמאָלט וועט איר אָנהייבן זוכן אַ באַגרינדונג פון אייער אָפּגעזונדערטקייט און אין די זוכעניש זיך אָנכאַפּן אין דער ציוניסטישער אידעע פון דער יידישער „נ אַ צ י ע", אָדער גאָר אויף דעמאַגאָגיע און רכילות"[1].

„...די פאַרשאַלטענע געשיכטע פון דער זעלבסטהערשונג האָט אונז געלאָזן בירושה די גוואַלטיקע אָפּגעפרעמדטקייט פון די אַרבעטער־קלאַסן פון די פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן, וועלכע זיינען אונטערדריקט געוואָרן דורך דער זעלבסטהערשונג. אָט אַזאַ מין אָפּגעפרעמדטקייט איז די גרעסטע צרה, דער גרעסטער שטער אין דעם קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג, און מיר טאָרן ניט פאַרגעזעצלעכן אָט דאָס דאָזיקע שלעכטס, פאַרהייליקן אָט די צרה דורך קיין שום „פּרינציפּן" פון פּאַרטיי־אייגנאַרטיקייט אָדער פּאַרטיי־„פעדעראַציעס". פּשוטער און לייכטער איז צו

1 „איסקראַ", נומ׳ 45, 1 אָקטאָבער 1903, אַרטיקל פון וו. אי. לענין „מאַקסימום אומפאַרשעמטקייט און מינימום לאָגיק", געזאַמ. ווערק, ב׳ IV, ז״ז 262—263.

גיין דורך דער ליניע פון דער מינדסטער קעגנווירקונג און יעדערער זאָל זיך איינאָרדענען אין זיין ווינקעלע, ווי מען זאָגט: „מיין כאַטקע איז אין עק", ווי עס וויל זיך איצט אויך איינאָרדענען דער „בונד". וואָס מער מיר אָנערקענען די נויטווענדיקייט פון אחדות, וואָס פעסטער מיר זיינען איבערצייגט אין דער אוממעגלעכקייט פון אַלגעמיינעם אָנגריף אויף דער זעלבסטהערשונג אָן דער פולקומער אחדות, וואָס שאַרפער עס טרעט ארויס די נייטיקייט אין אַ צענטראַליסטישער קאַמפּף־אָרגאַניזאַציע, ביי אונזערע פּאָליטישע אָרדענונגען, — אַלץ וויניקער זיינען מיר געניגט זיך צו באַנוגענען מיט דער „פּשוטער", נאָר וואָס שיינט אויך צו זיין טיף פאַלש, לויט איר עצם נאָך, לייזונג פון דער פראַגע. אויב עס איז ניט פאַראַן קיין באַוווּסטזיין וועגן דער שעדלעכקייט פון דער אָפּגעזונדערט־קייט, אויב עס פעלט דער ווילן צו פאַרענדיקן דורכאויס און ראַדיקאַל מיט אָט דער אָפּגעפרעמדטקייט אין לאַגער פון דער פּראָלעטאַרישער פאַרטיי, — דאַן זיינען אויך ניט נייטיק די פייגנבלעטער פון דער „פעדעראַציע", דאַן איז איבעריק זיך צו נעמען לייזן די פראַגן, וועלכע איין „צד" וויל בעצם גאָרניט לייזן, דאַן איז שוין גלייכער צו לאָזן דעם לעבן און דער ווירקלעכער באַוועגונג צו איבערצייגן וועגן דער נויטווענדיקייט פון דעם צענטראַליזם פאַר דעם ערפאָלג פון דעם קאַמף פון די פּראָלעטאַריער פון יעדער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע איז דערדריקט דורך דער זעלבסטהערשונג, קעגן אָט דער זעלבסטהערשונג און קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער, קעגן דער אַלץ ענגער זיך פאַראייניקנדיקער בורזשואַזיע"[1].

אונטערשטרייכנדיק, אַז די אידעע וועגן אַ „יידישער נאַציע" איז אַ ציוניסטישע אידעע, וועלכע לויט לעגין אָן, אַז זי טראָגט אַ רעאַקציאָנערן כאַראַקטער, זי שטויסט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו דער שעדלעכער אָפּגעזונדערטקייט.

„די אָרעמע, אין וויסנשאַפטלעכן זין, אידעע וועגן אַ באַזונדער יידישן פאָלק איז רעאַקציאָנער לויט איר פּאָליטישער באַדייטונג. אַלס פעסטגעשטעלטער פּראַקטישער באַווייז וועגן דעם זיינען די אַלעמען באַקאַנטע פאַקטן פון דער געשיכטע און פון דער איצטיקער פּאָליטישער ווירקלעכקייט. אין גאַנץ אייראָפּע איז דאָס פאַלן פון דעם מיטלאַלטער און די אַנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער פרייהייט געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע פון די יידן, מיט דעם פאַרבייטן דעם זשאַרגאָן זייערן אויף דער שפּראַך פון דעם פאָלק, צווישן

[1] „איסקראַ", נומ' 44 פון 15 יולי 1903, אַרטיקל פון וו. אַז לענין „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין אונזער פּראָגראַם", געז. ווערק ב' VI, ז' 247.

וועלכן זיי לעבן און בכלל מיט דעם באַשיינפערלעכן פּראָגרעס פון דער אַסימילאַציע מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. צי דען דאַרפן מיר זיך ווידער אומקערן צו די פּרימיטיווע טעאָריעס און ערקלערן, אַז רוסלאַנד וועט טאַקע זיין אַן אויסנאַם, הגם די באַפרייונגס־באַוועגונג פון די יידן איז פיל טיפער און ברייטער אין רוסלאַנד, אַדאַנק דער אויפוואַכונג פון דעם העלדישן זעלבסטבאַוווסטזיין צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט? ניט שוין זשע קאָן מען ערקלערן אַלס צופעליקייט דעם פאַקט, וואָס די רעאַק־ציאָנערע קרעפטן פון גאַנץ אייראָפּע, און דערהויפּט פון רוסלאַנד, פאַר־אייניקן זיך קעגן דער אַסימילאַציע פון די יידן, און באַמיען זיך צו באַ־פעסטיקן זייער אייגנאַרטיקייט?

די יידישע פראַגע שטייט אַזוי: אַסימילאַציע אָדער אָפּגעזונ־דערטקייט? און די אידעע פון דער „יידישער נאַציאָנאַליטעט” טראָגט אַן אויסגעשפּראָכענעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער ניט נאָר ביי די קאָנ־סעקווענטע אָנהענגער פון אָט דער אידעע (די ציוניסטן), נאָר אויך ביי די, וועלכע ווילן זי פאַראייניקן מיט דער אידעע פון דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע (די בונדיסטן). די אידעע פון אַ יידישער נאַציע איז סותר די אינטערעסן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, שאַפנדיק אין אים דיר־רעקט און אומדירעקט אַ פיינדלעכע שטימונג בנוגע דער אַסימילאַציע, אַ „געטאָ”־שטימונג [1]

מיט וואָס האָט דער „בונד” מאָטיווירט די נויטווענדיקייט פון זיין אווטאָנאָמיע אין דער רסדאַ”פּ? באַהאַנדלענדיק די דאָזיקע פראַגע, האָט די „אַרבעטער שטימע” געשריבן: „...די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַד, די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג בנוגע זיי און אַנדערע אייגנאַרטי־קייטן (ווי, למשל, די באַזונדערע שפּראַך) האָבן ביי דעם יידישן פּראָלע־טאַריאַט געשאַפן באַזונדערע אינטערעסן, וועלכע פאָדערן אַ ספּעציעלע פאַרטיידיקונג. דאָס פאַרטיידיקן פון אָט די ספּעציעלע יידישע אינטע־רעסן קאָן אויף זיך נעמען אַ באַזונדער יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט די פולע רעכט זיי צו פאַרטיידיקן אַזוי, ווי זי געפינט דאָס פאַר נייטיק. דערביי מישט זיך די פּאַרטיי ניט אַריין אין דער טעטיקייט פון „בונד”. אין די פראַגן, וואָס האָבן ווידער אַ שייכות צו דעם גאַנצן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע, איז דער יידישער „בונד” מחוייב, אַלס טייל פון דער פּאַרטיי, זיך אונטערוואַרפן דעם „צענטראַל־קאָמיטעט”. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער יידישער „בונד”

1 „איסקראַ”, נומ' 51, 22 אָקט. 1903, ח. או. לענין, „די לאַגע פון „בונד” אין דער פּאַרטיי”, געז. ווערק ב' IV, ז' 72.

האָט ניט קיין באַזונדערע פּריווילעגיעס אין דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי באַציט זיך צו דעם יידישן „בונד" פּונקט אַזוי, ווי זי באַציט זיך צו יע־דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַרטיידיקט די ספּעציעלע אינטע־רעסן פון וועלכער ניט איז נאַציע. די דאָזיקע פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי איז קלוג און פּראַקטיש. די פּאַרטיי וויל ניט, אַז אַלע אַרבעטער־בונדן זאָלן טאַנצן אונטער איין זמרל. די ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו די באַזונדערע גרופּעס אַרבעטער, לאָזט זי פאַר יענע, וועלכע וועלן זיך גיכער קענען אַן עצה געבן מיט זיי; די אַלגעמיינע פראַגן ווידער ווערן באַשלאָסן דורך די פאָרשטייער פון אַלע גרופּעס לויט איין באַשטימטן פּלאַן..."

„דער פּאַרטיי שטייט פאַר אַ שווערע אויפגאַבע: איר הויפּט־פליכט באַשטייט אין דעם קאַמף פאַר די אַלגעמיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסן, וואָס באַרירן אַלצאיינס אַלע גרופּן פון דעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי און איז אַזוי אויך געווגונג ברייט און פאָדערט די אָנשטרענגונג פון אַלע אירע כוחות, אַזוי, אַז די פּאַרטיי וועט, ניט ווילנדיק, ניט זיין אימשטאַנד צו זאָרגן וועגן די ספּעציעלע אינטערעסן פון די פאַרשיידנפעלקערישע אַרבע־טער, און בפרט וועגן די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער. די פּאַרטיי קאָן זיי ניט צושטעלן צו דער צייט די נייטיקע אומלעגאַלע ליטעראַטור אויף זייער שפּראַך, נאָר זי קאָן זיי אין אַ גענוגנדער מאָס העלפן מיט געלט און מיט מענטשן; די פּאַרטיי איז ניט תמיד אימשטאַנד גענוי צו וויסן, ווי אַזוי עס ווערט געפירט דער קאַמף פון דעם יידישן פּראָלע־טאַריאַט, און אַדאַנק דעם קאָן זי גוט ניט וויסן זיינע באַדערפעניש־ן און פאָרמולירן זיינע פאָדערונגען. זי איז ניט אימשטאַנד צו באַנוצן זיך צוליב פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן מיט דער אידעע פון בירגערלעכער גלייכבאַ־רעכטיקונג צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַדאַנק די שענדלעכע פאַרפאָלגונגען פון די יידן דורך דער צאַרישער רעגירונג, און ענדלעך, — דאָס איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק, — ווען עס וועט קומען דער ענדגיל־טיקער און לאַנג־דערוואַרטער מאָמענט, וועט די פּאַרטיי ניט קענען מיט פּונקט אַזאַ ענערגיע און קראַפט פאַרטיידיקן די ספּעציעלע אינטערעסן פון דער יידישער מאַסע, מיט וועלכע זי וועט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד; דאָס לעצטע איז דאָך איר הויפּט־אויפגאַבע; אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וועמעס הויפּט־אויפגאַבע איז דאָס דערגרייכן די גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער נאַציע, וועלכע זי שטעלט פאָר, קאָן אָנווענדן איר גאַנצע ענערגיע אויף צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל אירן. אויף אַזאַ אופן זעען מיר, אַז נאָר אַ ספּעציעלע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע קאָן אויף זיך נעמען די אויפגאַבע פון צושטעלן די נייטיקע

מיטלען און קרעפטן אויף צו פירן דעם ערפאָלגרייכן קאמף פון דעם יידישן פראָלעטאריאט. נאָר זי איינע קאָן צו דער צייט געגוי זיך דער־ווסן וועגן די באדערפעגישן פון דעם יידישן פראָלעטאריאט. נאָר זי איינע קאָן באקענען די רוסישע ארבעטער מיט דעם פאָליטישן און עקאָ־נאָמישן קאמף פון דעם יידישן פראָלעטאריאט דורך ארטיקלען אין דעם הויפט־אָרגאן פון דער פארטיי און דורך דעם מיטהעלפן, אז ביי דעם רוסישן פראָלעטאריאט זאָל זיך אנטוויקלען דער באוווסטזיין פון דער סאָלידארישקייט פון זייערע אלגעמיינע אינטערעסן. אדאנק דעם ווערט ביי דער רעגירונג צוגענומען די מעגלעכקייט זיך צו באנוצן מיט דעם נאציאָנאלן אנטאָגאָניזם, לטובת דער זעלבסטהערשונג און צום שאָדן פון די עקספּלואטירטע מאסן. פון דעם אלעמען איז גערדונגען, אז די עקסיס־טענץ פון א באזונדערער אָרגאניזאציע פון דעם יידישן פראָלעטאריאט פארלייכטערט דער פארטיי אין איר שווערער ארבעט און פארהיט אירע כוחות אויף אויסצופילן די ערשטע און הויפט־אויפגאבע פון דער פארטיי" [1].

מיט פונקט אזא אויספּירלעכקייט איז דער שטאנדפונקט פון „בונד" ארויסגעזאָגט אין אן אנדער אָפיציעלער בונדישער אויסגאבע — אין דער בראָשור פון וול. קאָסאָווסקי „צו דער פראגע וועגן נאציאָנאלער אווטאָ־נאָמיע און דאָס איבערבויען די רסדא"פּ אויף פעדעראטיווע יסודות".

„מיט דעם פארניכטן פון דער זעלבסטהערשונג וועלן די הויפט־כוחות אין דער יידישער סביבה באקומען א ברייט פעלד. די יידן וועלן אָנווערן זייער אייגנארטיקייט, זיי וועלן אויפנעמען די פרעמדע קולטור, פרעמדע מידות און אז"וו און וועלן זיך אויסמישן צווישן דער מאסע פון די איבעריקע פעלקערשאפטן, וועלכע רינגלען זיי ארום; קיין נאציאָ־נאלע פראגע אין באצוג צו די יידן וועט אין קומענדיקן רוסלאנד ניט זיין. פון דאנען איז דער אויספיר: אז אחוץ דעם פארניכטן די זעלבסטהערשונג און דער פארניכטונג פון דעם קאפּיטאליזם קאָנען ביים יידישן פראָלע־טאריאט קיין אנדערע אויפגאבן גאָרניט זיין. דער דאָזיקער שטאנדפונקט איז ניט קיין נייער. אמאָל האָט ער געהאט זייער פיל אָנהענגער צווישן דער ראדיקאלער יידישער אינטעליגענץ. דאָס איז געווען אין דער עפּאָכע, וואָס איז גאָר ניט ווייט פון אונז, ווען די יידישע ארבעטער־מאסע איז נאָך געשלאָפן און די יידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אפילו ניט אָנגע־הויבן חושד צו זיין, אז אין דעם דערשלאָגענעם און פאריאָגטן פאָלק

[1] „ארבעטער־שטימע", נומ' 9—10, ארטיקל „אונזערע צילן". מיר ציטירן לויטן „ראָבאָטניק" נומ' 5—6, זשענעווע, 1899, ז"ז 96, 98—99.

וועט אויפשטיין א קראפט, וועלכע וועט אויפהייבן די פאן פון קאמף קעגן די קאפיטאליסטן און דער רעגירונג און מיט דעם אליין וועט ער זיך שטעלן בראש פון דער באפרייונגס־באוועגונג פון דער יידישער נאציע. די עמאנסיפאציע פון דער יידישער מאסע האבן זיי דערווארט פון דער רוסישער און פוילישער באוועגונג, און דעם בעסטן אויסוועג פאר די יידן האבן זיי געזען אין דעם, אז זיי זאלן זיך אסימילירן מיט דער ארומיקער באפעלקערונג, אפגעבנדיק זייערע בעסערע עלעמענטן צום דינסט פון דער רוסישער אדער פוילישער רעוואלוציאנערער באוועגונג. אבער ווען די יידישע ארבעטער־באוועגונג האט זיך אנגעהויבן שנעל אנטוויקלען, ווען זי האט זיך פארשטארקט, געלאזט טיפע ווארצלען און באקומען א באשטימטע פיזיאנאמיע, דעמאלט איז אלץ קלארער געווארן, אז זי אליין איז א מעכטיקער באפרייונגס־פאקטאר, און אז ווען די זעלבסטהערשונג וועט דורך די אלגעמיינע אנשטרענגונגען פון דעם אל־רוסלענדישן פראלעטאריאט פאלן, וועט די עמאנסיפאציע פון די יידן ווערן ניט קיין אקט פון רחמנות צו אונטערדריקטע און אפילו ניט קיין אקט פון גערעכטיקייט פון שטאנדפונקט פון די פרינציפן פון דער סאָציאל־דעמאקראטיע, נאר א פועל־יוצא פון דער ראלע, וואס עס שפילט און עס וועט שפילן דער יידישער פראלעטאריאט אין דער באפרייונגס־באוועגונג, וואס האט איר נאענטסטן ציל דאס אראפווארפן די זעלבסט־הערשונג. די זעלביקע יידישע ארבעטער־באוועגונג האט אבער, אויף וויפיל זי האט זיך פארברייטערט און איז געווארן א מ א ס ן ־ באוועגונג, געמוזט ווערן ניט נאר אן אינטערנאציאנאלע, נאר אויך א נאציאנאלע. דער אינטערנאציאנאליזם אירער באשטייט אין דעם, וואס די יידישע ארבעטער אנערקענען זיך אלס מיטגלידער פון איין אלוועלטלעכער סאָציאל־דעמאקראטישער משפחה, איר נאציאנאליזם באשטייט אין דעם, וואס זיי פילן זיך אלס יידישע ארבעטער, און ניט אלס רוסישע אדער פוילישע. אלס ארבעטער, טראגן זיי אויף זיך דעם צווייענדיקן יאך פון דער זעלבסטהערשנדיקער רעגירונג און פון די קאפיטאליסטן, אלס יידישע ארבעטער טראגן זיי נאך אלס צוגאב נאך א צווייענדיקן יאך פון אויס־נאם־געזעצן און אונטערדריקונג פון נאציאנאלער דערוואכונג. דער צוזאַמענפאר האט גאר ניט געדארפט בויען קיין היפאטעזן וועגן דעם, צי עס וועלן זיין וועלכע ניט איז נאציאנאלע דערוואכונגען און שטרעבונגען ביי די יידן אין דעם באפרייטן רוסלאנד. ער האט זיך גארניט געדארפט אַמפערן וועגן דעם, צי די יידן וועלן זיך אויסמישן צווישן די ארומיקע פעלקער, אדער זיי וועלן אויפהיטן זייער נאציאנאלן פרצוף; צי זיי וועלן איבערנעמען די קולטור פון די שכנים אדער זיי וועלן אנטוויקלען זייער

אייגענע; צי וועלן זיי אָנהייבן ריידן אויף רוסיש, פּויליש און אַנדערע שפּראַכן, צי זיי וועלן בלייבן ביי זייער אייגענעם זשאַרגאָן. פאַר אים איז געווען קלאָר: אין דער איצטיקער צייט איז דער יידישער פּראָלע־טאַריאַט לויט זיין פּסיכיק, לויט זיין שפּראַך אאַז״וו אַ פולקום אינדיווי־דואַליזירטע נאַציאָנאַלע גרופּע, און דעריבער איז דער נאַטירלעכער אויס־פיר געווען, אַז אויף אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אויב ער וועט זי פאַר־לאַנגען, האָט ער דאָס זעלבע רעכט, אַזוי ווי יעדע אַנדערע נ א צ י א ־ נ א ל י ט ע ט״ [1].

* * *

עס האָט זיך דערנענטערט דאָס צונויפרופן דעם צווייטן צוזאַמענ־פאָר פון דער רסדא״פּ. מען האָט געדאַרפט באַהאַנדלען דעם סטאַטוט און די פּראָגראַם פון דער פאַרטיי. שוין לאַנג פאַר דעם צוזאַמענפאָר האָט זיך אין דער פּרעסע געפירט אַ ליידנשאַפטלעכע פּאָלעמיק צווישן דער „איסקרא״ און דעם „בונד״. די „איסקרא״ האָט שאַרף קריטיקירט דעם באַשלוס פון פערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד״ וועגן דער פעדעראַטיווער בויונג פון דער פאַרטיי און די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע. לויט דער דאָזיקער פּאָלעמיק האָט מען געקאָנט פאָראויסזען, אַז אויך אויף דעם צוזאַמענפאָר וועלן געפירט ווערן שאַרפע דעבאַטן איבער דער פראַגע וועגן דער פּאָזיציע פון „בונד״ אין דער פאַרטיי. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

פרילינג 1903 האָט זיך אין לאָנדאָן פאַרזאַמלט דער צווייטער צו־זאַמענפאָר פון דער רסדא״פּ. אין דער דעלעגאַציע פון „בונד״ זיינען אַריין: מעדעם (גאָלדבלאַט), אייזנשטאַט („יודין״), לעווינסאָן (קאָסאָווּ־סקי״, „האָפמאַן״) און גאָלדמאַן („ליבער״).

די אַמפּערייען צווישן דער דעלעגאַציע פון „בונד״ מיט דעם איבע־ריקן טייל פון דעם צוזאַמענפאָר האָבן זיך אָנגעהויבן ביי דער סאַמע דערעפענונג פון דעם צוזאַמענפאָר. ניט קוקנדיק אויף דעם פּראָטעסט פון דער דעלעגאַציע פון „בונד״, האָט דער צוזאַמענפאָר באַשלאָסן אין דער ערשטער ריי זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע וועגן „בונד״, ניט אָפּ־לייגנדיק די פראַגע אויף נאָכדעם, ווען עס וועט באַהאַנדלט ווערן די אָר־גאַניזאַציאָנעלע פראַגע.

---

[1] צו דער פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און איבערבויען די רסדא״פּ אויף פעדעראַטיווע יסודות, ז״ז 13—14.

אויף דעם צוזאמענפאר האט מען אנגעהויבן צו באהאנדלען די פראגע, צי איז נייטיק אדער ניט נייטיק דער „בונד". דער קאווקאזער דעלעגאט האט זיך ארויסגעזאגט אין דעם זין, אז די רוסישע חברים זיינען באגאנגען א פעלער, וואס זיי האבן דערלאזט דעם „בונד" זיך אזוי פונאנדערוואקסן און אים געגעבן אויף דעם ערשטן צוזאמענפאר פון דער רסדא"פ א ברייטע אווטאנאמיע; די אנדערע האבן כאראקטעריזירט דעם פראיעקט פון דעם סטאטוט, וואס דער „בונד" האט פארגעלייגט, אלס ארגאניזאציאנעלן סעפעראטיזם, אלס שאוויניסטיש שפיצל אאז"וו, אלץ אין דעם זעלבן גייסט. אזוי האט, למשל, ח. רוסאוו (קיוניאנץ, פון באקו) געזאגט: „דער „בונד" ווייזט די לעצטע צייטן ארויס אן ארגאניזאציאנעלן סעפעראטיזם. דאס עקסיסטירן פון א באזונדער יידישער ארגאניזאציע, וועלכע איז על־פי טעות דערלאזט געווארן דורך דעם ערשטן צוזאמענפאר, וועלכע האט, קאן זיין, איר היסטארישע בארעכטיקונג, האט דערפירט צו זייער ניט געווונטשענע רעזולטאטן". דער חבר לוואוו (מאשינסקי, פאראיין פון בארג־אינדסטריע־ארבעטער) האט באמערקט: „אויף וויפיל דער „בונד" האט אין סוף פון די ניינציקער יארן געשפילט אין דער פארטיי די ראלע פון א פאראייניקער, אויף אזויפיל שפילט ער איצט די ראלע פון א צעשטערער. דער „בונד" פאראייניקט אונז ניט, נאר פונקט פארקערט ער צעשפליטערט אונז". דער חבר מארטאוו האט אפן אנגערופן די (דעמאלטיקע) פאזיציע פון „בונד" אלס „אזעלכע, וואס האט קיין זין ניט און וואס איז געשאפן געווארן אדאנק די אומנארמאלע באדינגונגען, אגב, אדאנק דעם קאמף פון „בונד" מיט די פפ"ס".

דער „בונד" האט אויף דעם צוזאמענפאר אריינגעטראגן א פראיעקט וועגן דעם נאציאנאלן פעדעראטיוון בוי פון דער פארטיי. דאס האט ארויסגערופן א גרויסע קעגנערשאפט פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט דעלעגאטן. פון דער אנדערער זייט, האט דער פראיעקט, וואס איז אויסגעארבעט געווארן דורך דער רעדאקציע פון דער „איסקרא", האט דעגראדירט די זעלבשטענדיקייט פון „בונד" ביז צו א טעכנישער אווטאנאמיע, וועלכע עס האט געהאט יעדער ארטיקער קאמיטעט, בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואס די טעכנישע אווטאנאמיע ווערט פארווירקלעכט אין דעם „בונד" אויף א גרעסערער טעריטאריע.

אונטער דעם דרוק פון דער קעגנערשאפט פון דעם צוזאמענפאר האט די בונדישע דעלעגאציע צוריקגעצויגן איר פראיעקט וועגן נאציאנאלפעדעראטיוון בוי פון דער פארטיי און צוגעשטעלט אן אנדערן, וועלכער האט פארזיכערט דעם „בונד" א ברייטע אווטאנאמיע.

נאָכדעם, ווי מען האָט אָפּגעוואָרפן דעם ערשטן פּונקט פון אָט דעם פּראָיעקט, האָט די דעלעגאַציע ערקלערט, אַז זי פאַרלאָזט דעם צוזאַמענפאָר און אַז דער „בונד" טרעט אַרויס פון דער רסדא"פּ.

מיר ברענגען ביידע פּראָיעקטן פון סטאַטוט, וועלכע די בונדישע דעלעגאַציע האָט אַריינגעטראָגן אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדא"פּ.

ערשטער פּראָיעקט

§ 1. דער „בונד" איז אַ פעדעראַטיווער טייל פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

§ 2. דער „בונד" איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, אומבאַגרענעצטע אין איר טעטיקייט דורך וועלכע ניט איז ראַיאָנען און ראַמען, אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און גייט אַריין אין דער פּאַרטיי אַלס זיין איינציקער פאָרשטייער; דערביי קאָן די אַרויסטרעטונג פון דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון אַ באַשטימטער טעריטאָריע, אויף וועלכער עס איז, צווישן די איבעריקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען אַריין אין דער פּאַרטיי, אויך טעטיק דער „בונד", דערלאָזט ווערן בלויז מיט דעם אָנטייל פון דעם לעצטן.

§ 3. אין צ"ק, אין אויסלענדישן קאָמיטעט און אויף די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן קלייבט דער „בונד" אויס זיין פאָרשטייערשאַפט, וועלכע טרעט אַלס אַזעלכע אַרויס אין די פראַגן, אויף וועלכע עס שפּרייט זיך אויס די קאָמפּעטענץ פון די צוזאַמענפאָרן פון „בונד". דער אופן פון דער פאָרשטייערשאַפט דאַרף געבויט ווערן אויף די פּרינציפּן, וואָס זאָלן זיין גלייך פאַר אַלע צדדים.

די קאָמפּעטענץ פון „בונד"

§ 4. די פּראָגראַם פון „בונד" איז די אַלפּאַרטייִשע פּראָגראַם, וועלכע ער קאָן אין די פראַגן, וואָס אַנטשטייען אַדאַנק דער באַזונדערער לאַגע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד און די קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות אין דער יידישער נאַציע, האָבן דאָס רעכט צו דערגאַנצן פאַר זיך מיט באַזונדערע פּונקטן, וועלכע זאָלן ניט ווידערשפּרעכן דער פּאַרטיי־פּראָגראַם.

§ 5. דער „בונד" האָט זיינע צוזאַמענפאָרן אויף צו לייזן די אַלע פראַגן, וואָס זיינען ספּעציעל נוגע דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, זיין צענטראַל־קאָמיטעט און אויסלענדישן קאָמיטעט.

§ 6. דער „בונד" האט, אין הסכם מיט דער פארטיי־פראגראם, דאס רעכט צו לייזן אזעלכע אלגעמיינע פראגן, איבער וועלכע די פארטיי־צוזאמענפארן האבן ניט אנגענומען קיין רעזאלוציעס. די דאזיקע באשלוסן האבן נאר א צייטווייליקע קראפט, ביז די אלגעמיינע צוזאמענפארן וועלן ניט אננעמען קיין באשלוס בנוגע אט די פראגן.

§ 7. דער „בונד" באקומט פולע פרייהייט ווי אזוי אנצופירן מיט זיין ארגאניזאציע.

§ 8. דער „בונד" האט דאס פולע רעכט ארויסצוגעבן ליטעראטור אחוץ אויף יידיש אויך אויף אנדערע שפראכן. דער „בונד" האט דאס רעכט זיך צו ווענדן מיט אויפרופן צו דעם פראלעטאריאט פון אן אנדער נאציאנאליטעט בלויז מיט דעם הסכם פון די ארגאנען פון דעם געגעבענעם טייל פון דער פארטיי; צו דעם פראלעטאריאט, ווידער, פון דעם גאנצן לאנד — בלויז מיטן הסכם פון דעם צ"ק פון דער פארטיי.

באמערקונג: אויב די איבעריקע טיילן פון דער פארטיי ווילן זיך ווענדן מיט אויפרופן צו דעם יידישן פראלעטאריאט, דארפן זיי דערויף האבן די הסכמה פון צ"ק פון „בונד".

§ 9. א) דער „בונד" האט דאס רעכט ארייינצוטרעטן אין צייטווייליקע פארשטענדיקונגען פאר פראקטישע אקציעס מיט די רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס, וואס גייען ניט אריין אין דעם באשטאנד פון דער פארטיי. און בנוגע די פארשטענדיקונגען מיט זיי איז ניט פאראן קיין ספעציעלער פארבאט ניט מצד דעם פארטיי־צוזאמענפאר און ניט מצד דעם צענטראל־קאמיטעט פון דער פארטיי. וועגן יעדער פארשטענדיקונג איז דער צ"ק פון „בונד" מודיע דעם צ"ק פון דער פארטיי. די געמיינזאמע ארויסטרעטונגען אין דער ליטעראטור מיט ניט סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציעס איז ניט דערלאזבאר.

ב) דער „בונד" האט דאס רעכט מיט א באזונדער דערלויבעניש פון דעם צ"ק פון דער פארטיי ארייינצוטרעטן אין באשטענדיקע פארשטענדיקונגען וועגן פירן געמיינזאם אייניקע טיילן פון דער רעוואלוציאנערער ארבעט מיט די אנדערע סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציעס, וועלכע גייען ניט אריין אין דעם באשטאנד פון דער פארטיי.

§ 10. דער צוזאמענפאר פון דער פארטיי האט דאס רעכט צו אנולירן אלע באשלוסן פון דעם צוזאמענפאר פון „בונד", אויסער די באשלוסן, וועלכע זיינען אנגענומען אויף דעם גענויעם יסוד פון דער דאזיקער קאנסטיטוציע.

ווען דער צ"ק פון דער פארטיי זעט אין וועלכע ניט איז אקציעס פון דעם צ"ק פון „בונד" א סתירה צו די באשלוסן פון די אלגעמיינע

פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, האָט ער (דער צ״ק פון דער פּאַרטיי) דאָס רעכט צו פאָדערן פון אים דערקלערונגען.

§ 11. אין פאַל, ווען דאָס איז נויטווענדיק, האָט דער צ״ק פון דער פּאַרטיי דאָס רעכט אַריינצוטרעטן אין פאַרבינדונגען מיט איינצעלנע אָרגאַניזאַציעס פון „בונד", אָבער בלויז מיט דעם הסכם פון דעם צ״ק פון „בונד".

ווי אַזוי אַט די פאַרבינדונגען דאַרפן אין יעדן באַזונדערן פאַל איינגעשטעלט ווערן, באַשליסט עם דער צ״ק פון „בונד".

§ 12. די אַלע אויסגערעכנטע פּונקטן ווערן באַטראַכט אַלס גרונטפּונקטן און קאָנען ווערן געענדערט, דערגאַנצט און אַנולירט בלויז ביי דעם קעגנזייטיקן הסכם פון די צדדים[1].

צווייטער פּראָיעקט

§ 1. די פּאָזיציע פון „בונד" אין דער פּאַרטיי ווערט באַשטימט דורך פאָלגנדע פּונקטן:

§ 2. דער „בונד" איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס ווערט ניט באַגרענעצט אין איר טעטיקייט דורך קיין שום ראַיאָן און ראַמען, און גייט אַריין אין דער פּאַרטיי אַלס זיין איינציקער פאָרשטייער.

§ 3. אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, אין דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אויף דעם צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי קלייבט דער „בונד" אויס זיינע פאָרשטייערשאַפטן.

§ 4. די פּראָגראַם פון „בונד" איז די אַל־פּאַרטייִשע פּראָגראַם.

§ 5. דער „בונד" האָט זיינע צוזאַמענפאָרן אויף צו לייזן די אַלע פראַגן, וואָס זיינען ספּעציעל נוגע דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, זיין צענטראַל־קאָמיטעט און אויסלענדישן קאָמיטעט.

§ 6. דעם „בונד" ווערט געגעבן די פרייהייט אָנצופירן מיט די ענינים פון זיין אָרגאַניזאַציע.

§ 7. דער „בונד" האָט די פולע רעכט אַרויסצוגעבן ליטעראַטור אַחוץ אויף יידיש אויך אויף אַנדערע שפּראַכן.

§ 8. דער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי האָט דאָס רעכט צו אַנולירן אַלע באַשלוסן פון די צוזאַמענפאָרן פון „בונד".

§ 9. אַלע אויסגערעכנטע פּונקטן ווערן גערעכנט אַלס גרונטפּונקטן און קאָנען ווערן געענדערט, דערגאַנצט און אַנולירט בלויז דורך

---

[1] „דער V צוזאַמענפאָר פון דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־„בונד" אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד", לאָנדאָן, 1903, ז״ז 6—7, פאַרלאַג פון „בונד".

א מערהייט פון צוויי דריטל שטימען פון די אנטיילנעמער פון דעם צו־זאמענפאר [1].

נאך דעם, ווי די בונדישע דעלעגאציע האט פארלאזן דעם צוזא־מענפאר, האט דער צווייטער צוזאמענפאר אנגענומען פאלגנדע רעזאלו־ציע וועגן דער ארבעט צווישן יידן: „נעמענדיק אין אכט: א) אז די ענגסטע פאראייניקונג פון דעם יידישן פראלעטאריאט מיט דעם פראלע־טאריאט פון יענע ראסן, צווישן וועלכע ער לעבט, איז דורכאוים נייטיק פאר זיין קאמף פאר זיין פאליטישער און עקאנאמישער באפרייונג; ב) אז בלויז אזא ענגסטע פאראייניקונג גאראנטירט דער סאציאל־דעמאקראטיע דעם דערפאלג אין איר קאמף מיט דעם שאוויניזם און אנטיסעמיטיזם; ג) אז אזא פאראייניקונג שליסט אינגאנצן ניט אויס די זעלבשטענדיקייט פון א יידישער ארבעטער־באוועגונג אין דעם אלעמען, וואס איז נוגע די אויפגאבן פון דער אגיטאציע צווישן דער יידישער באפעלקערונג, וועלכע ווערן געשאפן אדאנק דער אייגנארטיקייט פון דער שפראך און לעבנס־באדינגונגען, — זאגט דער צווייטער צוזאמענפאר פון דער רסדא״פ ארוים זיין טיפע איבערצייגונג, אז דער איבערבוי פון די ארגאניזאציא־נעלע פארהעלטנישן צווישן דעם יידישן און רוסלענדישן פראלעטאריאט אויף די יסודות פון פעדעראציע וואלט געווען א ווירקלעכער שטער פאר דער פולערער ארגאניזאציאנעלער דערנענטערונג פון די באוווסטזיניקע פראלעטאריער פון פארשיידענע ראסן און וואלט אומפארמיידלעך גע־בראכט גרויס שאדן די אינטערעסן פון דעם גאנצן פראלעטאריאט פון רוסלאנד בכלל און דעם יידישן בפרט, און דעריבער, אפווארפנדיק אלס ניט דערלאזבארן אין פרינציפ וועלכע ניט איז מעגלעכקייט פון פעדע־ראטיווע פארהעלטנישן צווישן דער רוסלענדישער סאציאל־דעמאקראטי־שער ארבעטער־פארטיי און דעם „בונד", אלס איר באשטאנד־טייל, בא־שליסט דער צוזאמענפאר, אז דער „בונד" פארנעמט אין דער איינהייט־לעכער רסדא״פ די פאזיציע פון א באזונדערן אווטאנאמען באשטאנד־טייל, און די גרענעצן פון דער דאזיקער אווטאנאמיע דארפן ווערן בא־שטימט ביים אויסארבעטן דעם אומפארטייאישן סטאטוט" [2].

---

1 „פראטאקאלן פון II צוזאמענפאר פון דער רסדא״פ", פארלאג פון „היספארט" אונטער דער רעדאקציע פון פ. נ. לעפעשינסקי, ז״ז 90—91, לענינגראד, 1924 „פריבאי".

2 פראטאקאלן פון צווייטן צוזאמענפאר פון דער רסדא״פ, פארלאג „פריבאי", זייט 11.

* * *

אין צוזאמענהאנג מיט דעם ארויסטרעטן פון דעם „בונד" פון דער רוסל. סאָצ.־דעמ. ארב.־פּארטיי האָט די לעצטע בערך פון 1903 יאָר אָן אָנגעהויבן צו ארבעטן אויך אין פּוילן און אין ליטע. כדי צו קעמפן מיט דעם „בונד" און ארײַנצוציען די רוסישע באַפעלקערונג, זײַנען געשאַפן געוואָרן די צפון־מערבדיקע און פּאָלעסיער קאָמיטעטן פון דער רסדא"פּ, וועלכע האָבן פאראייניקט די גרופּעס, וועלכע זײַנען געווען אין ווילנע, מינסק, דווינסק, וויטעבסק, קאָוונע, נאָוואָזיבקאָוו, קלינצי, טשעריקאָוו, מאָהילעוו און אין אנדערע פּונקטן. און אזוי ווי דער „בונד" האָט אין אָט די ראַיאָנען געאַרבעט שוין העכער פון צען יאָר און באַוויזן שוין צו לאָזן טיפע וואָרצלען, האָבן די „גרופּעס פון דער רסדא"פּ" קיין באַזונ־דערן ערפאָלג ניט געהאַט, דערהויפּט זײַנען זיי געווען זייער אָרעם אין אינטעליגענטע כּוחות, און עס האָט זיך זיי אפילו ניט אײַנגעגעבן צו שאַפן וועלכע ניט איז אגיטיר־ליטעראַטור אויף יידיש.

* * *

אין יאָר 1903 האָט פלעגט דעם 6טן און 7טן אַפּריל, אין פּסח, אָר־גאַניזירט אין קישענעוו אַ יידישן פּאָגראָם. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגע־קומען אין משך פון 29טן אווגוסט ביזן 1טן סעפּטעמבער — אין האָמעל. די דאָזיקע פּאָגראָמען, דערהויפּט דער קעשענעווער, האָבן זיך אויסגע־צייכנט מיט זייערע ווילדע אכזריותן און מעשים תעתועים בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג: מען האָט אפילו ניט געשוינט קיין קינדער און פרויען. דער האָמלער פּאָגראָם האָט ניט געטראָגן אזא גרויזאַמען כאַראַק־טער, אדאנק דעם, וואָס די בונדיסטן האָבן דאָ אָרגאַניזירט אַ יידישע זעלבסטשוץ.

דער קעשענעווער און דער האָמלער פּאָגראָם האָבן אויף דער יידי־שער באַפעלקערונג געמאַכט, פּונקט אזוי ווי די פּאָגראָמען פון די אַכצי־קער יאָרן, אַ גוואַלטיקן רושם: אַלס דירעקטער פּועל־יוצא פון דעם איז געווען די פאַרשטאַרקונג פון די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און דער אויפבריוז פון סימפּאַטיע צו דער ציוניסטישער באַוועגונג.

* * *

די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין יאַנואַר 1904, האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשטאַרקטע רעוואָלוציאָנערע אגיטאַציע צווישן דער באַפעלקערונג. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מלחמה האָט דער

צ״ק פון „בונד״ און די אָרטיקע קאָמיטעטן ארויסגעלאָזט א סך פּראָקלאַ־מאַציעס. דער צ״ק פון „בונד״ האָט פארנומען א „מפּלה״־פּאָזיציע און אין דער ארויסגעלאָזטער פּראָקלאַמאַציע האָט ער געשריבן וועגן דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה:

„...די מלחמה ווערט געפירט ניט אין נאָמען פון די אינטערעסן פון דעם פאָטערלאַנד, נאָר אין נאָמען פון א קליין הייפל קאַפּיטאַליסטן, וועמעס הויפּט־ציל ס'איז צו ראַטעווען די רוסישע זעלבסטהערשונגג. דעם לאַנד, ווידער, ברענגט זי נאָר אומגליק: דעם קריזיס אין דער אינדוסטריע, ארבעטסלאָזיקייט, טויט, אָרעמקייט און חורבן.

נאָר מיר זיינען איבערצייגט, אַז אָט די מלחמה איז אָט דער לעצטער טראָפּן, וועלכער וועט איבערפולן דעם בעכער פון ליידן, וואָס די זעלבסטהערשונג פארשאַפט דעם גאַנצן רוסישן פאָלק בכלל, און אונז פּראָלעטאַריער בפרט. די שעה פון צערעכענען זיך פון דער זעלבסטהערשונג פאַר אַלע אירע פארברעכנס, פאַר אַלע אירע נבלות דערנענטערט זיך. מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, דאַרפן אָנשטרענגען אַלע אונזערע כּוחות, אַז אָט די געגאַרטע שעה זאָל וואָס גיכער קומען. איצט, ווען די רעגירונג נוצט אוים אַלע אירע מעגלעכקייטן צו פארטונקלען דעם באַוווסטזיין פון פאָלק, אויפרייצן אין אים די נידעריקסטע בלוטדורשטיקע אינסטינקטן, איז אונזער חוב נאָך שטאַרקער צו אַנטוויקלען דעם קלאַסן־באַוווסטזיין פון די ארבעטער־מאַסן, אויפדעקן די באַהאַלטענע כּוונות פון דער רעגירונג, דערוויזן די גאַנצע פארברעכערישקייט פון דער מלחמה. מיר פילן ניט קיין שום שנאה צו דעם יאַפּאַנישן פאָלק, און מיט דעם יאַפּאַנישן ארבעטער פאַראייניקן אונז די ברידערלעכע געפילן פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט. מיר קאָנען אָן אַן אינעווייניקסטן שוידער ניט טראַכטן וועגן דעם, אַז עס קאָן זיין, אַז ס'וועט זיך אונז אויסקומען צו טרעפן אויפן שלאַכטפעלד מיט אונזערע ברידער, מיט די יאַפּאַנישע אַרבעטער און אָנשטאָט דעם, מיר זאָלן איינער דעם אַנדערן אויסשטרעקן די הענט, וועלן מיר טויטן איינער דעם אַנדערן. א קללה די בורזשואַזע רעגירונגען, דער בורזשואַזער אָרדענונג, וועלכע איז פארבונדן מיט אַזעלכע שרעקלעכע און שענדלעכע פארברעכנס!״

די מאָביליזאַציע איז אין א סך שטעט באַגלייט געוואָרן מיט א פּאָגראָם־אַגיטאַציע. עס האָבן זיך פארשפּרייט קלאַנגען וועגן יאַפּאַניש געלט, וועגן יידישן פארראַט, אין די טיי־הייזער, אין די רעסטאָראַנען און אויף די גאַסן האָבן זיך געהערט צורופן מ'זאָל אויסקוילען די יידן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אומרויִקע טעג. אין אייניקע שטעט האָט מען דער־

ווארט פאַגראָמען. די מאָביליזירטע סאָלדאַטן האָבן אין איניקע שטעט געראַבירט די יידישע באַפעלקערונג, צערויבט יידישע געוועלבער און אז"וו.

ביי אַזעלכע אומגינסטיקע באַדינגונגען האָט זיך אָנגעהויבן די אַגי־טאַציע צו פייערן דעם ערשטן מאַי. זי איז געפירט געוואָרן גאַנץ לעבעדיק. פאַרפאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט דערקלערט די באַדייטונג פון פייערן דעם ערשטן מאַי, זיינען פאָרגעקומען אין אַ די פונקטן: אין האָמעל (עס האָבן זיך באַטייליקט אויף איין פאַרזאַמלונג 900 מאַן, אין אויף דער צווייטער 250), אין ווילנע (20 פאַרזאַמלונגען, באַטייליקטע 592 מאַן), אין רעטשיצע, מאָזיר און באָריסאָוו (5 פאַרזאַמלונגען), אין באָברויסק (עטלעכע פאַרזאַמלונגען מיט 700—800 מאַן), אין וויטעבסק, ליאָזנע, רודניע, נעוועל, פּאָלאָצק (עטלעכע פאַרזאַמלונגען מיט העכער 400 מאַן), אין גראָדנע (15 פאַרזאַמלונגען מיט העכער 600 מאַן), אין סקידעל (בערך 100 מאַן), אין אָזערע (בערך 50), אין אינדור (בערך 40 מאַן), אין סלאָנים, יאַנאָוו (60), אין אָדעס (איין פאַרזאַמלונג מיט 130 מאַן און עטלעכע קליינע מיט 10—15 מאַן און 30—40 מאַן יעדערע), אין סמאָרגאָן (עטלעכע מאַסן־פאַרזאַמלונגען), אין ביאַליסטאָק (עטלעכע קליינע פרזאַמלונגען צו 50 און 100 אַרבעטער, אין קרינקי, סווִיסלאָ־וויטש, האָראָדאָק, וואָלקאָוויסק און אין אַנדערע.

דעם ערשטן מאַי האָט מען ניט געאַרבעט אין פאָלגנדיקע פונקטן: אין האָמעל (העכער 700 אַרבעטער), אין גראָדנע, קאָוונע (פון 150 ביז 200 אַרבעטער), אין לאָדז (בערך 500 אַרבעטער), אין וויטעבסק (300 אַרבעטער), אין ווילנע (2000), אין סמאָרגאָן (בערך 500), אין וואָלקאָ־וויסק (בערך 150), אין סלאָנים (בערך 1000), אין וועטקע, מאָזיר (בערך 80 אַרבעטער), אין באָברויסק, נעוועל (250), אין ליאָזנע (40), אין פּאָלאָצק (600 אַרבעטער פון דער אַלגעמיינער צאָל אַרבעטער, וואָס באַ־טרעפט 1000), אין אינדור, ווילקאָמיר, קאַלוואַריע, מאַריאַמפּאָל, ווישטי־נעץ, סוויסלאָוויטש (העכער פון 200 אַרבעטער)[1].

אין די איבעריקע שטעט, ווו עס האָט זיך ניט איינגעגעבן איינצו־אָרדענען מאַי־שטרייקן, זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען. מיר האָבן ידיעות וועגן אַזעלכע פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין האָראָדניע, סטאַראָדוב, פּעטריקאָוו און אין איניקע אַנדערע שטעטלעך.

אין דעם ראַיאָן פון „בונד" האָט מען דעם ערשטן מאַי פאַרשפּרייט: דעם מאַי־נומער פון דעם זשורנאַל „דער בונד", דעם אויפרוף פון צ"ק

---

[1] „פּאָסל. איזוו." פאַרן יאָר 1904.

פון „בונד" און קארטלעך מיט איינלאדונגען צו פייערן דעם ערשטן מאי, וועלכע זיינען ארויסגעלאזט געווארן דורך די ארטיקע קאמיטעטן.

* *
*

אין מעריץ איז אין יאקוטסק פארגעקומען די אזוי גערופענע „ראמאנאווישע געשיכטע". א גרופע פארשיקטע, צווישן זיי אויך עטלעכע בונדיסטן, האבן, אלס פראטעסט קעגן די רעפרעסיעס פון דער מאכט, זיך דעם 4טן מעריץ פארבאריקאדירט אין ראמאנאווס הויז. אלע זיינען געווען באוואפנט. די סאלדאטן האבן באלעגערט דאס הויז און עס אנגעהויבן צו באמבארדירן. עס זיינען געווען עטלעכע דערהרגעטע (דער פאליטישער — יורי מאטלאכאוו און צוויי סאלדאטן) און פארוואונדעטע. די פארשיקטע האט מען געמשפט און פארמשפט אויף 12 יאר קאטארגע.

אין צוזאמענהאנג מיט די יאקוטסקער געשעענישן איז אין ראיאן פון „בונד" פארגעקומען א גאנצע ריי מיטגעפיל־דעמאנסטראציעס און שטרייקן.

* *
*

אין סעפטעמבער איז פארגעקומען דער ערשטער אפענער ארויסטריט פון דעם יידישן פראלעטאריאט. דאס איז געשען אין צוזאמענהאנג מיט דעם ווילקיר פון דער ביאליסטאקער פאליציי.

אין יאר 1904 האט זיך אין ביאליסטאק, אין צוזאמענהאנג מיט דער רוסיש־יאפאנישער מלחמה, געמערקט אן אויפשטייג אין דער ארטיקער יידישער ארבעטער־באוועגונג. די בונדישע ארגאניזאציע האט געפירט אן אינטענסיווע ארבעט: זייער אפט זיינען אין די וועלדער און אין פארשיידענע ערטער הינטער דער שטאט איינגעארדנט געווארן גרויסע מיטינגען, און דעם 22טן פעברואר און 4טן אווגוסט האט זי ארגאניזירט צוויי גרויסע דעמאנסטראציעס. די פאליציי האט, געוויינלעך, באמערקט די דאזיקע אויפלעבונג. זי האט אויסגעוואוארט א גינסטיקן מאמענט, כדי זיך אפצורעכענען מיט די יידישע ארבעטער. די ביאליסטאקער פאליציי האט געהאט א שם מיט אירע אכזריות. זי האט פשוט געווילדעוועט. אירע מעשים האבן ניט געוווסט פון קיין גרענעצן. דער געהילף־אנפירער פון דער זשאנדארמעריע־אפטיילונג פון ביאליסטאקער פאוויאט איז דעמאלט געווען דער ראטמיסטער גריבאיעדאוו, וועלכן מען האט נאכדעם געהרגעט אין גראדנע. מען פלעגט כאפן ארבעטער אין די גאסן און אן שום סיבה זיי שלאגן מכות־רצח אין די צירקלען. די פאליציי האט זיך אויפגעפירט מיט די ארבעטער מערדערלעך. דאס, וואס מען האט זיך ניט

דערלויבט אין אנדערע שטעט, האָט זיך די ביאַליסטאָקער פּאָליציי דער־לויבט.

דעם 12טן סעפּטעמבער איז אין וואַלד פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּאָליציי־איבערפאַל. דער קאָרעספּאָנ־דענט פון די „פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ" (אָרגאַן פון אויסלענדישן קאָמי־טעט פון „בונד") גיט וועגן דעם איבער פאָלגנדיקע פּרטים:

„דעם 12טן סעפּטעמבער, דעם צווייטן טאָג סוכּות, איז אין אָוונט פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון בערך 300 אַרבעטער. נאָכדעם, ווי די פאַרזאַמלונג האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט און די אַרבעטער זיינען גרופּעסווייז געגאַנגען אין שטאָט אַריין, האָבן זיי זיך ביים ברעג וואַלד אָנגעשטויסן אויף דער פּאָליציי. די פּאָליציאַנטן זיינען אַלע געווען גע־קליידט שוואַרץ און אין דער פינסטער האָט מען זיי ניט געקענט באַ־מערקן. עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי: „שטיי!" און די אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אייניקע האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן, נאָר די חברים האָבן זיי אָפּגעהאַלטן. עטלעכע מינוט איז דער עולם געשטאַנען שטיל, פרידלעך, פּנים אל פּנים מיט דער פּאָליציי; פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ זאַלפּ און דער וואַלד האָט אָפּגעהילכט פון הארצרייסנדיקע קולות. די פּאָליציאַנטן האָבן געשאָסן אין דעם פרידלעכן עולם אַרבעטער ניט מיט פּוסטע, נאָר מיט אמתע קוילן. אויף דעם עולם איז אָנגעפאַלן אַן אימה, די רייען האָבן זיך אַ וויג געטאָן און די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן לויפן און גלייך נאָך זיי איז געלאָפן די פּאָליציי און עס האָבן געפייפט די קוילן. די פאַרוואונדעטע זיינען געפאַלן פון אָנמאַכט, און די פּאָליציי האָט ניט אויפגעהערט שיסן און שניידן מיט די שווערדן אויף רעכטס און אויף לינקס. באַזונדערע גרופּעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געפּרוּווט אַרויס־ווייזן אַ ווידערשטאַנד, זיי האָבן זיך אָבער געמוזט צעלויפן אונטער דעם האַגל פּאָליצייִשע קוילן. דערהויפּט איז שרעקלעך געווען די לאַגע פון די אַרבעטערינס, זייערע געשרייען האָט מען געהערט ווייט אין וואַלד. דאָס איז ווירקלעך געווען אַ שחיטה איבער שוצלאָזע, און זי האָט נאָר געקענט בלויז זיין ענלעך אויף די אַרמענישע שחיטות. קומענדיק צו זיך נאָך די ערשטע מינוטן פון איבערשרעק, האָבן די אַרבעטער געפּרוּווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד, נאָר זיי זיינען געצוווּנגען געווען אָפּצוטרעטן. כאַראַק־טעריסטיש איז, וואָס די קוילן האָבן געטראָפן אין רוקן, וואָס באַווייזט, אַז די פּאָליציי האָט געשאָסן ניט אין אַ קעגנשטעלנדיקן זיך עולם, נאָר אין אַן אַנטלויפנדיקן".

די ידיעה וועגן די ווילדע מעשׂים פון דער ביאַליסטאָקער פּאָליציי איבער די אומבאַשיצטע אַרבעטער האָט אין אַלע שטעט און שטעטלעך

פון דעם בונדישן ראַיאָן אַרויסגערופן אַ גאַנצן שטראָם פון פּאַרדרוס און פּראָטעסט. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט ביי זייערע אָרגאַניזאַציעס, מען זאָל דערויף ענטפערן מיט דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט וועגן דעם פונאַנדערגעשיקט פאָלגנדיקן צירקולאַר:

„דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט באַשלאָסן, אַז אַלע אונזערע אָרגאַניזאַציעס זאָלן ווי ווייט מעגלעך באַלד (בערך אין פאַרלויף פון 8—10 טעג נאָך דעם דערהאַלטן פון דעם דאָזיקן צירקולאַר) אַרויסווייזן אַ ן ע נ ע ר ג י ש ן פּ ר אָ ט ע ס ט ק ע ג ן ד ע ר ב י אַ ל י ס ט אָ ק ע ר ש ח י ט ה; די באַשרייבונג פון אָט דער שחיטה ווערט דאָ באַבייגעלייגט (עס איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אַ העקטאָגראַפירטע באַשרייבונג). דער אויסוואַל פון דער פאָרם פון פּראָטעסט הענגט אָפּ פון די אָרטיקע באַדינגונגען און די דאָזיקע פראַגע ווערט דורך אייך באַשלאָסן. מיר רעקאָמענדירן: דעמאָנסטראַציעס, איינטאָגיקע שטרייקן, פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען (מיט געהעריקע רעזאָלוציעס). היות ווי עס איז אין אַזאַ קורצער צייט אוממעגלעך צוצוגרייטן אַ גענוגנדיקע צאָל פּראָקלאַמאַציעס, לייגן מיר פאָר זיך צו באַנוצן מיט העקטאָגראַפירטע קאַרטלעך, אויף וועלכע עס זאָל ווערן אָנגעוויזן ד י ס י ב ו ת פ ו ן ד ע ם פּ ר אָ ט ע ס ט. דער דאָזיקער באַשלוס דאַרף תּיכּף געמאָלדן ווערן אין אייער גאַנצן ראַיאָן. וועגן אַלץ, וואָס עס וועט דורכגעפירט ווערן, בעטן מי־ ת י כּ ף מעלדן אונז און דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" („פּאָסל. איזוו." נומ' 189 פון 5טן אָקטאָבער נייעם סטיל. 1904).

נאָר איידער עס האָט זיך נאָך באַקומען דער צירקולאַר פון דעם צ"ק פון „בונד" האָבן די אָרגאַניזאַציעס פון איניקע שטעט, לויט דער אייגענער איניציאַטיוו, באַשלאָסן צו פּראָטעסטירן קעגן די באַרבאַרישע מעשים פון דער ביאַליסטאָקער פּאָליציי, און צוליב דעם אַרויספירן די אַרבעטער־מאַסע אויף די גאַסן.

אַלע בונדישע קאָמיטעטן האָבן זיך ווי איינער אָפּגערופן אויף דעם רוף פון זייער צ"ק.

אויף די ערטער האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע פּאַראַגיטאַציע, עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט דערקלערט די באַדייטונג פון דער פאָרשטייענדיקער אַרויסטרעטונג. זיי זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין באָברויסק (3 פאַרזאַמלונגען מיט 400 אַרבעטער), אין קאָוונע (4 — צו 128, 140, 160 און 63 מאַן), אין מינסק, אין פּינסק (עטלעכע פאַרזאַמל., 350 אַרב.), אין באָריסאָוו (2 פאַרזאַמלונגען), אין לאָדז (עטלעכע פאַרז.), אין ראָוונע (2 פאַרז., 100 מאַן),

אין סלאָנים (2 פאַרז., 700—800 אַרב.), אין קרעסלאַווקע, אין זשיטאָמיר און אין אַנדערע שטעט.

אין די נאָענטסטע פרייע טעג — שבת און זונטאָג — זיינען אין ראַיאָן פון „בונד" כמעט אומעטום, צווישן דעם 1טן און 10טן אָקטאָבער, פאָרגעקומען גרויסע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס, דהיינו: אין מאָהילעוו (400—500 אַרבעטער), אין באָברויסק (600 אַרב.), אין קאָוונע (500 אַרב.), אין פּאַריטש, אין דווינסק, אין ריגע (400 אַרב.), אין בערדיטשעוו, אין וואַרשע (500 אַרבעטער), אין פּינסק (80—100 אַרב.), אין ראָווגע, סלאָנים (300 אַרב.), אין שאַוועל, אין קרעסלאַווקע (200 אַרב.), אין מאָזיר (600 אַרב.), אין לאָדז (1200 אַרבעטער).

אין אייניקע שטעט און שטעטלעך, ווו עס איז צוליב די פּאָליציייִשע באַדינגונגען אוממעגלעך געווען אַרויסצופירן די אַרבעטער־מאַסע אויף דער גאַס, האָט מען אָרגאַניזירט אַלגעמיינע שטרייקן, למשל, אין מינסק (עס האָבן זיך באַטייליקט 2000 אַרבעטער), אין אָדעס (200 אַרב.), אין שקלאָוו, אין סלאָנים (700 אַרב.).

אין אַנדערע שטעט האָט מען אין דעם טאָג איינגעאָרדנט פּראָטעסט־מיטינגען: אין שטעטל שטשעדרין (70 אַרב.), אין לונינעץ (25 אַרב.), אין באַלטע (22 אַרב.), אין שקלאָוו (4 מיטינגען צו 25—50 אַרב.), אין זשיטאָמיר (3 מיטינגען צו 150 אַרב.), אין דיאַטלאָווא, אין האָראָדאָק (500 אַרב.), אין וואָלקאָוויסק (300 אַרב.), אין סווױסלאָוויטש, אין סעמיאַטיטש (3 פאַרז. צו 70, 70 און 150 אַרב.), אין גראָדנע (9 פאַרז. 460 אַרב. און 4 פון סאָלדאַטן צו 10 מאַן אויף יעדערער).

די דעמאָנסטראַציעס זיינען כמעט אומעטום אַדורך בשלום, פרידלעך און אָן קרבנות. די פּאָליציי האָט זיך וועגן זיי דערוווּסט שפּעט אויז, ווי געוויינלעך, געקומען ערשט דעמאָלט, ווען די אַרבעטער זיינען זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען. בלויז אין זשיטאָמיר און אין ווילנע איז זי דורך פּראָוואָקאַטאָרן געוואָר געוואָרן וועגן זיי, און מען האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן זיי דורכצופירן. צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי זיינען פאָרגעקומען אין מאָהילעוו, באָברויסק און בערדיטשעוו. אין באָברויסק האָט איין אַרבעטער בשעת דער דעמאָנסטראַציע א זעץ געטאָן א פּאָליציאַנט מיט א שטיין אין האַרצן אַריין; דער פּאָליצמייסטער, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט א געשריי געטאָן צו דעם פּאָליציאַנט: „שיס!" און האָט אַליין אויסגעשאָסן אין דעם עולם. די קאַמפּס־אָפּטיילונג („ב. אָ.") האָט געענטפערט מיט א שיסעריי: עס איז געוואָרן א פּאַניק. די פּאָליציי האָט ווייטער געשאָסן. דער „ב. אָ." האָט אָפּגעענטפערט. איינעם פון די פּריסטאַווס, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אויף די דעמאָנסטראַנטן, האָט מען

אַנגעבראַכן די ביינער. ביידע צדדים האָבן אויסגעשאָסן א סך קוילן (מצד די דעמאָנסטראַנטן פון 50 ביז 60 שטיק). די פּאָליציי האָט פאַרווונדעט עטלעכע מענטשן פון דעם זייטיקן עולם, מערסטנטייל די, וואָס זיינען גע־לאָפן זיך באַהאַלטן אין די הויפן.

די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" האָבן אין צוזאַמענהאַנג מיט די דעמאָנסטראַציעס פאַרשפּרייט העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציעס און קאַרטלעך [1].

אין וויטעבסק איז פאָרגעקומען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע אין דעם שטאָט־טעאַטער. דער קאָרעספּאָנדענט פון די „פּאָסל. איזוו." דער־ציילט וועגן דעם פאָלגנדע פּרטים:

„פרייטאָג אינאָוונט האָט מען אין טעאַטער געשטעלט די אָפּערע „האַלקאַ". מיט אַ טאָג פריער האָט מען שוין ניט געקענט קריגן קיין בילעטן, ווייל גראָד איז אין דעם פרייטאָג אויסגעפאַלן אַ קריסטלעכע הגאַ און דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט. די ערשטע צוויי אַקטן זיינען אַדורך שטיל. אויף דער גאַלעריע איז די אַטמאָספערע געווען אָן אָנגע־שטרענגטע. מען האָט ניט געמערקט קיין רוישנדע אַפּלאָדיסמענטן. ביי פילע זיינען די געזיכטער ערנסט, גלייך ווי זיי וואָלטן אויף עפּעס גע־וואַרט. דאָס איז, מן־הסתם, ניט אַדורך אומבאַמערקט, און צו דעם דריטן

[1] מיר האָבן ידיעות, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין פאָלגנדע שטעט: אין מאָ־הילעוו, אין אָדעס („צו די אָדעסער אַרבעטער און אַרבעטערינס". אָקטאָבער, אויף רוסיש), אין דווינסק (אויף רוסיש און אויף יידיש), אין ריגע (אויף רוסיש, אַרויסגעגעבן דורך דעם פעדעראַטיוון קאָמיטעט), אין מינסק („צו אַלע מינסקער אַרבעטער", אָקטאָבער, אויף יידיש, 4000 עקז.), אין וואַרשע (אויף יידיש און אויף פּויליש 700 עקז.), אין באָברויסק („צו אַלעמען" אויף רוסיש, 1000 עקז.), אין פּינסק (אויף רוסיש און אויף יידיש), אין באָריסאָוו („צו אַלע באָריסאָווער אַרבעטער", אָקט., אויף יידיש 400 עקז. און אויף רוסיש 350), אין לאָדז („וועגן די לעצטע געשעענישן", אָקט., אויף יידיש 400 עקז. און אויף פּויליש 3500), אין בערדיטשעוו („צו אַלע אַרבעטער און אַרבעטאָ־רינס", אויף יידיש 2000 עקז. אויף רוסיש 600 עקז.), אין סלאָנים („צו אַלע סלאָנימער אַרבעטער און אַרבעטאָרינס", אויף רוסיש 400 און אויף יידיש 200), אין סוויסלאָוויטש, אין רוזשאַנאָי, אין וויטעבסק, אין קאָוונע (800 עקז.), אין ראָוונע און אין אַנדערע. חוצדעם זיינען די ביאַליסטאָקער געשעענישן געווען געווידמעט אָט די פּראָקלאַמאַציעס: פון דער דערפטער גרופּע פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון „בונד" — „צו אַלע ביאַליסטאָקער אַרבעטער און אַרבעטאָרינס!" (די ביאַליסטאָקער שחיטה און די פּראָטעסטן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען קעגן איר אין פאַרשיידענע שטעט פון דעם בונדישן ראַיאָן, דער רוף צום ענערגישן קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג און פאַר דעם ענדגילטיקן פּראָלעטאַרישן אידעאַל, ניט מיט דער הילף פון אינדיווידועלן טעראָר, נאָר דורך דעם אַלגעמיינעם אָנגריף פון דעם אַרבעטער־קלאַס), נאָוועמבער, אויף יידיש 3000, אויף פּויליש 1500 עקז.

אקט איז די גאַלעריע, וועלכע איז שטענדיק איבערפולט מיט אַפיציעלע און ניט־אַפיציעלע „שומרים", קענטיק פארפולט געוואָרן מיט איבער־געטוענע פּאָליציאַנטן און שפּיאָנען. עס הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. אינמיטן אקט הייבט זיך אָן דער באַלעט, וועלכער שמידט צו די אויפ־מערקזאַמקייט פון די צושויער. די מוזיק הערט אויף שפּילן. פּלוצלונג דערהערט זיך פון דער גאַלעריע אַ הויכע שטימע: „מיר פּראָטעסטירן קעגן דער ביאַליסטאָקער שחיטה!" מען האָט נאָך ניט באַוויזן צו ענטפערן „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!", אַז דער טעאַטער האָט אַ הילך גע־געבן פון דעם אַלגעמיינעם „הורא!" און אין פּאַרטער האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ רעגן פון הונדערטער קאַרטלעך מיט דער ערקלערונג פון דער סיבה פון דער מאַניפעסטאַציע. עס איז געוואָרן אַן אומגעווייגלעכער טומל. אונטן וואַרפט זיך דער עולם אויפהייבן די קאַרטלעך, אויבן טוט זיך אַ לאָז די פּאָליציי. די טירן פון דער גאַלעריע ווערן געשלאָסן. אַלץ בלייבט שטיל. דער פּאָליצמייסטער שיקט אין פּאַרטער אַן אָפּטיילונג שפּיאָנען און פּאָליציאַנטן אויפצוהויבן די קאַרטלעך און זיי צוריקנעמען ביי דעם פּובליקום, נאָר זייער פיל גיבן ניט אָפּ די קאַרטלעך און ווייזן אָן ווייערע אדרעסן. דער סוף איז פאַרשטענדלעך. מען האָט ארעסטירט אַ מאַן 35 (אַ סך האָט מען שוין באַפרייט) קעגן וועלכע עס זיינען קיין שום באַווייזן ניטאָ, זיי זאָלן זיך האָבן באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע. דער איינדרוק פון דער מאַניפעסטאַציע איז סיי אין טעאַטער סיי אין שטאָט אַ גראַנדיעזער. אַלע ריידן און קאָמענטירן זי אויף פאַרשיידענע אופנים, די אַרבעטער און די יוגנט איז אויסער זיך פון פרייד. „די נידערטרעכטיקע שחיטה איז ניט געבליבן אָן אַן ענט־פער", — אָט וואָס עס שטייט אָנגעשריבן אויף אַלע געזיכטער.

פּאַראויסזעענדיק די מעגלעכקייט פון צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי, האָבן די בונדישע קאָמיטעטן אין אייניקע שטעט אָרגאַניזירט קאַמפּס־אָפּטיילונגען, וועלכע זיינען געווען באַוואָפנט מיט קינזשאַלן, ברוונינגס, נאַהייקעס אאַז"וו. אין דער צייט פון אַ דעמאָנסטראַציע האָט די קאַמפּס־אָפּטיילונג ווי אַ פעסטער רונג ארומגערינגלט די דעמאָנ־סטראַנטן. מיט אַזאַ אָפּטיילונג האָט מען זיך געמוזט באַנוצן אין מאָ־הילעוו, באָברויסק און אין לאָדז.

עס איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי די איבעריקע פּאַרטייען האָבן זיך באַצויגן צו די ביאַליסטאָקער געשעענישן. אין מינסק האָבן זיך די ציוניסטן באַטייליקט אין דעם שטרייק, אָבער אין שקלאָוו זיינען זיי גע־ווען קעגן אים, אין פּינסק זיינען די „פּ"צ" געווען קעגן דעם איינאָרדענען אַ דעמאָנסטראַציע, אין שקלאָוו און אין מינסק איז די גרופּע פון צפון־

מערבדיקן קאמיטעט פון דער רסדא״פ געווען קעגן דעם באטייליקן זיך אין דעם שטרייק. אין שקלאוו האבן זיי דאס מאטיווירט מיט דעם, אז א שטרייק איז ניט קיין פראטעסט, און אין מינסק מיט דעם, וואס די בונדיסטן האבן וועגן דעם מיט זיי פריער ניט אונטערהאנדלט. וועגן דעם ניט באטייליקן זיך פון דער דאזיקער גרופע אין דעם מינסקער שטרייק האט זיך אין דער אויסלענדישער סאציאל־דעמאקראטישער פרעסע גע־פירט א גרויסע פאלעמיק און דער בונדישער קאמיטעט האט, למשל, דער־קלערט, אז ער האט ניט געפונען פאר נייטיק צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט דער גרופע פון צפון־מערבדיקן קאמיטעט פון דער רסדא״פ, ווייל „זיי שטעלן דא מיט זיך פאר א מיקראסקאפישע גרייס, וועלכע איז ניט אימשטאנד אויף וויפיל ניט איז צו פארגרעסערן די קראפט אדער באדיי־טונג פון וועלכער ניט איז רעוואלוציאנערער אונטערנעמונג״.

דער ארויסטריט פון דעם יידישן פראלעטאריאט אויפן רוף פון צ״ק פון „בונד״ אין צוזאמענהאנג מיט די ביאליסטאקער געשעענישן איז פאר אלעמען געווען א סורפריז. צום באוואונדערן איז געווען די ארגא־ניזירטקייט, די קאמפס־שטימונג פון די דערשלאגענע פון נויט און רעכט־לאזיקייט יידישע ארבעטער, און, ענדלעך, דער עפעקט, וואס די דעמאנ־סטראציעס האבן געמאכט. אויף די ארבעטער האט דאס געמאכט א זעל־טענעם רושם, עס האט פארשטארקט זייער קאמפס־שטימונג, זיי גע‏מו־טיקט צום ווייטערדיקן קאמף מיט דער זעלבסטהערשונג און, בכלל, גע־שאפן פאר די בונדישע קאמיטעטן א גוטן באדן צו פארשטארקן זייער טעטיקייט. אלעמען האט הנאה געטאן, וואס די בארבארישע מעשים פון דער ביאליסטאקער פאליציי איז ניט געבליבן אן אן ענטפער. צווישן דער איבעריקער יידישער באפעלקערונג האט דאס ארויסגערופן א גרויסע אומרויִקייט, ווייל מען האט זיך געשראקן טאמער וועט די פאליציי דע־רויף ענטפערן מיט פאגראמען. אין מאהילעוו איז דעם 10טן אקטאבער טאקע אזא פאגראם געווען.

די ביאליסטאקער געשעענישן האבן ארויסגערופן א באאומרויִקונג און א טומל אין דעם פאליציי־דעפארטאמענט. מען האט אנגעפרעגט ביי גריבאיעדאוון וועגן די סיבות און אומשטענדן, ביי וועלכע עס איז פאר־געקומען די שיסעריי אויף דער ארבעטער־דעמאנסטראציע. ווי מען האט געקאנט דערווארטן, האט ער פארדרייט די פאקטן און האט דעם גאנצן ענין פארגעשטעלט אזוי, אז די ארבעטער האבן ביים באגעגענען זיך מיט דער פאליציי די ערשטע אנגעהויבן שיסן, די פאליציי האט געענטפערט, געפינענדיק זיך אין זעלבסטשוץ־צושטאנד. לויט זיינע ווערטער האבן

„די ארבעטער די ערשטע אָנגעהויבן צו שיסן, ווארפן שטיינער, וואָס האָט געצוויט די פּאָליציי אָנצווווענדן דאָס געווער".

נאָר אָט אין די מיטטײלונגען פון דעם אָנפירער פון גראָדנער גובער־ניאַלער זשאַנדאַרמעריע־פאַרוואַלטונג פּאַולסאָנען ווערן די דאָזיקע גע־שעענישן אַנדערש געשילדערט: ער האַלט, אַז די בלוט־פאַרגיסונג איז גע־ווען אַן איבעריקע און מיינט, אַז אַדאַנק דעם וועלן פאַרשטאַרקט ווערן די טעראָריסטישע שטימונגען. „...דאָס באַנוצן זיך מיט געווער, — שרייבט פּאַולסאָן, — ביים אָנטרעפן זיך דעם 12טן סעפּטעמבער מיט די דע־מאָנסטראַנטן אין ביאַליסטאָק איז, אַפּנים, ניט ארויסגערופן געוואָרן דורך דער אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט, אַדאַנק וואָס די אָרגאַניזאַציע פון „בונד" איז זייער אויפגערייצט אויף דער פּאָליציי, און אין דער יידישער מאַסע הערן זיך שטימען וועגן אָפּרעכענען זיך, וועלכע קאָן זיך אויס־דריקן אין דער פאָרם פון אָפענע דעמאָנסטראַציעס אָדער אין דער פאָרם פון אַן אַטענטאַט אויף וועלכן ניט איז פון די פּאָליציי־באַאַמטע. אַזאַ כּוונה ביי דער אָרטיקער פּאַרטיי פון „בונד" דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די פאַרזאַמלונג פון דעם 12טן סעפּטעמבער, וועלכע האָט גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט טעראָריסטישע כּוונות, איז צעטריבן געוואָרן דורך אַ שיסעריי, דערביי גיט די פּאַרטיי אָן די צאָל פון די פאַרוואונדעטע, אַחוץ די, וואָס זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי, ביז צוויי צענ־דליק מאַן" [1].

דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, וועלכער איז געווען באַאומרויִקט פון דער אָנגעשטרענגטער שטימונג פון „בונד", האָט פאָרגעלייגט דעם גראָדנער גובערנאַטאָר צו פאַרשטאַרקן די מיליטער־טיילן אין ביאַליסטאָק, ווייל מ'קאָן דערוואַרטן אומאָרדענונגען [2].

דער גראָדנער גובערנאַטאָר האָט פאַראָרדנט אַן אויספאָרשונג איבע־דעם געהילף־פּריסטאַוו גאַלקין, וועלכער האָט באַפוילן דעם 12טן סעפּ־טעמבער צו שיסן, נאָר אינגיכן, ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן, האָט אַסאַראָגין מודיע געווען דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, אַז עס איז ניט פעסטגעשטעלט, אַז גאַלקין זאָל אין דעם געגעבענעם פאַל האָבן גע־האַנדלט „אומטאַקטיש און אומפאָרזיכטיק" [3].

---

1 ענינים פון היסט.־רעוו. אַרכיוו, נומ' 5, טייל 46, באַז. אָפּט. 1904. מיטטיילונג פון 18 סעפּט. 1904, נומ' 6184.

2 דאָרט, טעלעגראַם פון פּאָליצ.־דעפּ. פון 24טן סעפּט. 1904, נומ' 11062, בויגן 82.

3 דאָרט, מיטטיילונג פון גראָדנער גובערנאַטאָר פון 27 סעפּט. 1904, נומ' 6719, בויגן 84.

די שולדיקע פון דער מערדערלעכער שחיטה איבער די ביאליסטאָקער ארבעטער זיינען, פונקט אזוי ווי אין 10 יאָר ארום אויף דער לענג, געבליבן אומבאשטראָפט[1].

---

1 אלס מאַטעריאַלן צו דעם קאַפּיטל וועגן דער ביאַליסטאָקער שחיטה האָבן אונז געדינט די קאָרעספּאָנדענצן, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן אין דעם אָרגאַן פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד“ „פּאָסל. איזוו.“, נומ׳ 197—210 פון 1904 און 1905 יאָר און דער ענין פון פּאָליצ.-דעפּ. נומ׳ 5, מייל 46, 1904, באַז. אָפּט.

קאַפּיטל עלף

דאָס יאָר 1905. — דער נײַנטער יאַנואַר. — דער ערשטער מײַ. — דער אויפשטאַנד אין לאָדז. — די געשעענישן אין אָדעס און אין דווינסק. — די אָקטאָבער־טעג. — דער אַלגעמײנער שטרײק. — די יידישע פּאָגראָמען. — די זעלבסטשוץ. — דער אַלגעמײנער שטרײק אין דעצעמבער.

די פּעטערבורגער געשעענישן פון דעם נײַנטן יאַנואַר האָבן געפונען א גרויסן אָפּקלאַנג אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; זײ האָבן נאָך זיך אַרויסגערופן כמעט אין דעם גאַנצן „תחום" מאַסן־אַרויסטרעטונגען פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

בראש פון אָט דער אַרויסטרעטונג איז געשטאַנען דער „בונד". ער איז געווען איר אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט גערופן אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס צו פאַראייניקן זיך מיט די פּעטערבורגער פּראָלעטאַריער און מיט שטרײקן און דעמאָנסטראַציעס אויסדריקן זײער סאָלידאַרישקייט מיט זײ.

אַדאַנק דעם, וואָס דער „בונד" האָט שוין דאָ געאַרבעט העכער 10 יאָר און שוין באַוויזן צו לאָזן טיפע וואָרצלען און זיך ענג פאַרבינדן מיט די מאַסן, איז די באַוועגונג, וואָס איז דורך אים אָרגאַניזירט געוואָרן, אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

די שטרײק־כוואַליע האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פון „בונד". די שטרײקן זײַנען פאָרגעקומען צווישן דעם 11 און 25 יאַנואַר אין פאָלגנדע פּונקטן: אין ווילנע (3 טעג, עס האָבן זיך באַטײליקט העכער 2.500 אַרבעטער), אין מינסק (3 טעג), אין האָמעל (א וואָך, עס האָבן זיך באַטײליקט העכער 2.000 אַרבעטער), אין דווינסק (3.000 אַרב.), אין מאָהילעוו 1.000 אַרב.), אין באָריסאָוו (1.200 אַרבעטער, געדויערט 2 טעג), אין סמאָרגאָן (2.000 אַרב.), אין וויטעבסק (1.200 אַרב., געדויערט 6 טעג), אין פּאָלאָצק (800 אַרב. געדויערט 7 טעג), עס האָבן זיך באַטײליקט 3.000 אַרבעטער), אין מעזריטש, אין שקלאָוו (200 אַרב.), אין פּאָנעוועזש (2 טעג), אין שטשעדרין, אין קרעסלאַווקע

(5 טעג), אין טשערקאַס, אין סמילע, אין זאָלאָטאָנאָש, אין באָבּרויסק (2 טעג), אין פּאַריטש (400 אַרבּ.), אין שאַוועל, אין בריסק (300 אַרבּ.), אין לידע, אין טולטשין, אין זשיטאָמיר (900 אַרבּ.), אין בערדיטשעוו (2000 אַרבּ., געדויערט 4 טעג), אין וועטקע, אין מאָזיר (2 טעג), אין סווואַלק, אין דובּראָוונע, אין ראָהאַטשאָוו (250 אַרבעטער), אין טשעריע מאָהיל. גוב. (30 אַרבּ.), אין גראָדנע (5 טעג), אין קרינקי, אין אָשמענע (600 אַרבעטער), אין האָראָדאָק, אין ראָוונע (300 אַרבּ.), אין בעלסק, אין נאָוואָווילייסק (198 אַרבּ.), אין רעזשיצע, אין לאָדז (70.000 אַרבּ.), אין וואַרשע, אין קאַליש, אין זדונסקאַ־וואָליאַ, אין זגערזש, אין ביאַליס־טאָק, אין נאָוואָראַדאָמסק, אין פּאַביאַניץ, אין טאָמאַשאָוו, אין טשענסטאָ־כאָוו, אין סאָסנאָוויץ, אין לובלין, אין קיעוו, אין אָדעס, אין יעקאַטערי־נאָסלאַוו, אין ריגע (8 טעג), אין מיטוי (א וואָך), אין רעוועל (10.000 אַרבּ.), אין ליבּוי (2 וואָכן).

* * *

באַקומענדיק דעם רוף פון צ"ק, האָבּן די אָרטיקע קאָמיטעטן צו־נויפגערופן פאַרזאַמלונגען פון די פאָרשטייער פון די פאַכן, אויף וועלכע מען האָט אַרומגערעדט דעם ציל און די באַדייטונג פון דעם פאָרשטייענ־דיקן שטרייק.

מען האָט אויסגעוויילט שטרייק־קאָמיסיעס אויף אָנצופירן מיט די שטרייקן. אין יענע שטעט, ווו דער „בונד" איז געקומען צו א הסכם מיט די איבעריקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, זיינען געשאַפן געוואָרן קאָמי־סיעס אויף קאָאַליציע־יסודות.

דער אָנהייב פון דעם שטרייק איז אומעטום איין און דער זעלבער: קליינע אָפּטיילונגען פון „בונד" זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די וואַר־שטאַטן, זאַוואָדן און פאַבריקן און גערופן די אַרבעטער אָוועקצולייגן די אַרבעט. על־פּי רוב האָט זיך איינגעגעבן צו האַלטן קורצע רעדעס, אין וועלכע מען האָט דערציילט וועגן די פּעטערבורגער געשעענישן און עס זיינען פאָרמולירט געוואָרן די פאָדערונגען.

די אַגיטאַטאָרן האָט מען כמעט אומעטום אויפגענומען מיט פרייד. אונטערן רושם פון די געשעענישן פון 9טן יאַנואַר איז די שטימונג ביי די אַרבעטער געווען אַן אָנגעשטרענגטע און אַן אומרויִקע, אין א סך שטעט האָבן זיי געפאָדערט ביי די אָרגאַניזאַציעס וואָס גיכער צו פּראָק־לאַמירן א שטרייק, כדי כאָטש אויף אַזא אופן אויסצודריקן זייער סאָלי־דאַרישקייט מיט דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבּן מיט אומ־געדולד געוואַרט אויף דעם סיגנאַל.

דער עולם ארבעטער, וועלכער איז שנעל געוואקסן, איז געגאנגען פון איין ווארשטאט צום צווייטן, פון פאבריק צו פאבריק און אומעטום אפגעשטעלט די ארבעט.

אין אייניקע פאלן, ווו מען האט אנגעטראפן אויף א ווידערשטאנד, האבן זיי מיט גוואלט ארויסגעלאזט דעם דאמף, ארויסגענומען די פאסן, און די פאבריק האט זיך אפגעשטעלט.

אין מינסק האבן אייניקע אנגעשטעלטע, וועלכע האבן זיך אפגע־זאגט צוצושטיין צום שטרייק, געכאפט קלעפ.

כמעט אומעטום האבן די שטרייקן, וועלכע האבן צום אנהייב געטראגן א טיילווייזן כאראקטער, זיך גיך פארוואנדלט אין אלגעמיינע.

פאלגנדיק דעם רוף פון דער ארגאניזאציע, האבן הונדערטער און טויזנטער פראלעטאריער אין פארלויף פון עטלעכע שעה געווארפן די ארבעט, און גלייך נאכדעם האט זיך דאס גאנצע אויפגעלעבטע שטאטישע לעבן אפגעשטעלט און אפגעשטארבן. עס האבן זיך אפגעשטעלט די פאב־ריקן, ווארשטאטן, קראמען, קאנטארן, עס האט זיך אפגעשטעלט דער טראמוואי, עס האבן אויפגעהערט צו דערשיינען די צייטונגען, און די שטאט האט באקומען אן אומרויקן און ניט געוויינלעכן אויסזען.

אין די שטרייקן האבן זיך כמעט אומעטום באטייליקט בלויז די יידישע ארבעטער. די רוסישע ארבעטער זיינען ניט אומעטום צוגעשטא־נען צו דעם שטרייק. אין די ווארשטאטן, ווו עס האבן געארבעט יידן מיט קריסטן, זיינען די קריסטן צוגעשטאנען צו דעם שטרייק. און אין די ווארשטאטן, ווו עס האבן געארבעט בלויז קריסטן, זיינען זיי אין א סך ערטער אינגאנצן ניט צוגעשטאנען צו דעם שטרייק. אין א גאנצער ריי שטעט, ווו מען האט געוואלט אפשטעלן די פאבריקן, האבן די רוסישע ארבעטער געשטעלט א שטארקן ווידערשטאנד. אזוי איז דאס, למשל, געווען אין מינסק, אין באברויסק, אין פינסק, אין דובראוונע, אין בער־דיטשעוו, אין בריסק.

די יידישע ארבעטער האבן אנגעהויבן דעם שטרייק און געווארט אויף די קריסטלעכע; דער אפזאג פון די לעצטע האט שטארק געווירקט אויף דער שטימונג פון די שטרייקנדע; אין אייניקע שטעט איז דאס גע־ווען די סיבה, פארוואס די שטרייקן זיינען פאר דער צייט איבערגעריסן געווארן.

די אגיטאציע צווישן דער רוסישער באפעלקערונג האט מען זייער שוואך אדער אינגאנצן ניט געפירט, דעריבער איז זי געבליבן אינדרויסן פון דער באוועגונג. דער „בונד" האט מיט איר כמעט ניט געהאט קיין פארבינדונגען. א געוויסע מעגלעכקייט ארייננצוציען איר אין דער באווע־

גונג איז געווען דעמאלט, ווען עס זיינען געשלאסן געווארן פארשטענדיקונגען מיט די אנדערע פארטייען, וועלכע האבן געפירט זייער טעטיקייט צווישן די רוסישע ארבעטער. אזעלכע פאראייניקונגען זיינען פארגעקומען מיט די גרופעס פון דער רסדא״פ אין בערדיטשעוו, ווילנע, מינסק, באברויסק, מאהילעוו, סמארגאן, וויטעבסק, נעוועל, האמעל און פאלאצק, מיט די פפס״ד און ליטווישער סאצ.־דעמ. אין ווילנע, ווארשע, לאדז, סוּוואלק, קרינקי, מיט דער לעטישער סאצ.־דעמ. פארטיי אין ליבוי און אין ריגע, מיט די ס״ר אין מינסק, באברויסק, ווילנע און שאוועל. אין קיעוו האט זיך ניט איינגעגעבן צו קומען צו א הסכם מיט דער גרופע פון רסדא״פ, ווייל די לעצטע האט באשלאסן ארויסצוטרעטן זעלבשטענדיק.

די דאזיקע פארשטענדיקונגען האבן אבער זיך זייער ווייניק אפגערופן אויף דעם גאנג פון דער באוועגונג, ווייל די גרופעס, דערהויפט פון דער רסדא״פ, האבן געפירט זייער א שוואכע ארבעט צווישן דער רוסישער באפעלקערונג און האבן געהאט ניט קיין גרויסע ווירקונג.

* *
*

אין ווילנע האט זיך דער שטרייק אנגעהויבן דעם 11טן יאנואר. די ארבעט האבן געווארפן די שוסטער, די שטעפער, די זאקנמאכערקעס, די בלומענמאכערקעס, אייניקע ליטאגראפיעס און אקסידענץ־דרוקערייען, א סך שניידער־ווארשטאטן און די גארבערייען. לויט דער לפי־ערכדיקער אויסרעכענונג האבן אין דעם טאג פארשטרייקט פון 1500 ביז 2500 מאן. אין עטלעכע טעג ארום איז דער שטרייק געווארן אן אלגעמיינער. דעם 12טן יאנואר זיינען צוגעשטאנען די טאבאק־פאבריקן, די טארטאקן, א מענגע קליינע ווארשטאטן, אייניקע קראמען און קאנטארן, א טייל בעקערס. אין דעם דאזיקן טאג איז די צאל שטרייקנדע באטראפן איבער 4000 מאן. אויף דעם דריטן טאג זיינען שוין אין שטאט געשטאנען אלע ווארשטאטן, פאבריקן, זאוואדן, דרוקערייען, בעקערייען או״וו. עס האט זיך בלויז ניט איינגעגעבן אפצושטעלן אייניקע גרויסע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען אפגעהיט געווארן דורך ער פאליציי. דעם 14טן יאנואר איז שוין אין דעם שטרייק פארגעקומען א ירידה. ביי די ארבעטער האט זיך אנגעהויבן מערקן א נייגונג צו באנייען די ארבעט און דער שטרייק האט זיך פארענדיקט.

אין מינסק האבן זיך דעם 13טן יאנואר אין אוונט אפגעשטעלט אלע דרוקערייען, טאבאק־פאבריקן און אייניקע ווארשטאטן. דעם 14טן יאנואר זיינען צוגעשטאנען צוויי בענק און איין קאנטאר. דעם 16טן יאנואר האט זיך אפגעשטעלט דער פערד־טראמוואי. אינאוונט האט זיך די שטי־

מונג ביי די יידישע ארבעטער שטארק געענדערט. די סיבה פון דעם איז געווען, וואס א המון סאָלדאטן האט אנגעהויבן פּלינדערן די יידישע קראמען פון דעם אונטערשטן מארק און אנגעהויבן שלאָגן די יידישע פארבייגייער. די ווילדע געשרייען „שלאָג די יידן!" האט אפּגעהילכט אין אלע גאסן. 4 געוועלבער זיינען געוואָרן צעפּלינדערט, די סחורה איז טיילווייז צעראבירט געוואָרן און טיילווייז אריינגעוואָרפן געוואָרן אין דערבייאיקן טייך. די ארבעטער זיינען געווען געדריקט פון דער מעגלעכקייט פון נייע יידישע פּאָגראָמען. די אָרגאניזאציע האט זיך, פון איין זייט, גערעכנט מיט די דאָזיקע עקסצעסן אלס א וואָרענונג מצד דער פּאָליציי, און, פון דער אנדערער זייט, מיט דעם, וואס די שטימונג פון די ארבעטער איז געפאלן, און האט דעריבער באשלאָסן צו ליקווידירן דעם שטרייק.

אין האָמעל האָבן פון דעם 16טן יאנואר אָן ניט געארבעט אלע יידישע ארבעטער, צו זיי איז צוגעשטאנען א טייל פון די רוסישע ארבעטער. עס זיינען אויך צוגעשטאנען די דראָגיסטן, די לערער, די לערערינס, די האנדלס- און ביוראָ-אנגעשטעלטע, 150 קעבינס און דינסטן, בסך־הכּל האָבן געשטרייקט 2500 מאן. די שטאָט איז געווען פארפלייצט מיט קאָזאקן און פּאָליציי. דאס מיליטער האט זיך געהאלטן זייער חוצפּהדיק בנוגע די פארבייגייענדע ארבעטער און האָבן זיך באמיט זיי צו פּראָוואָצירן אויף אן ארויסטריט. אין אייניקע ערטער זיינען אויף דעם באָדן פאָרגעקומען צוזאמענשטויסן צווישן די קאָזאקן און די ארבעטער. דעם 18טן יאנואר האט די פּאָליציי מיט די קאָזאקן ארומגערינגלט אן ארבעטער־פארזאמלונג, און אן א התראה אנגעהויבן צו שיסן. ס'זיינען געווען דערהרגעטע און פארוואונדעטע. דעם 19טן און 20טן יאנואר זיינען פאָרגעקומען די לוויות פון די געפאלענע חברים. זיי האָבן צוגעצויגן א גוואלטיקן עולם און זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין גראנדיעזע מאניפעסטאציעס קעגן דער אלטער אָרדענונג. ניט געקוקט אויף די גרויליקע געשעענישן, מיט וועלכע דער שטרייק איז באגלייט געוואָרן, איז די שטימונג ביי די ארבעטער געווען א מונטערע און א קאמפּפלוסטיקע. דער שטרייק האט אין האָמעל געדויערט א וואָך צייט. עס זיינען שטארק פארשפּרייט געוואָרן די פּראָקלאמאציעס פון „בונד", העקטאָגראפירטע בלעטלעך פון א גרופּע לערן־יוגנט, דראָגיסטן און לערער.

אין קרינקי (גראָדנער גוב.) האט מען אין שול איינגעאָרדנט א מאסן־פארזאמלונג פון אלע ארבעטער פון אלע פאכן. ביים סוף האט זיך דער גאנצער עולם (העכער 2000 מאן) געלאָזט איבער די גאסן פון דער שטאָט. עס איז צעפּלינדערט געוואָרן די פּאָסט־קאנטאָר, די פּאָליציי־

פּאַרוואַלטונג און די שטאָט־אופּראַווע. די פּאָליציי איז פון שרעק אַנט־לאָפן פון שטאָט. די שטאָט איז געבליבן ביי די אויפגעשטאַנענע ארבע־טער אין די הענט. די אָרגאַניזאַציע פון „בונד" האָט באַשטימט באַזונ־דערע פּאַטרולן צו היטן די אָרדענונג. דעם צווייטן טאָג איז פון די אָרו־מיקע שטעטלעך אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל פּאָליציי און מיליטער, די אַר־בעטער האָבן זיך באַוואָפנט מיט וואָס עס־איז געקומען אונטערן האַנט, די פרויען האָבן גענומען שטיינער און געשריען: „ברידער, מיר וועלן קעמפן אויף לעבן און אויף טויט — מיר וועלן ניט נאָכגעבן!" די אָפי־צירן האָבן אָנגעהויבן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די ארבעטער און זיי צוגעזאָגט ניט צו שיסן, אויב זיי וועלן זיך רויק פונאַנדערגיין. די ארבעטער זיינען דערויף איינגעגאַנגען.

דעם 17טן יאַנואַר האָבן אין שעדלעץ געוואָרפן די אַרבעט די שוס־טערס, סטאָלאַרעס, בעקערס, דער וואַרשטאַט פון קינדער־שפּילצייג, די פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס און די דאַמף־מיל.

דעם 18טן יאַנואַר האָבן אין האַראַדאָק (ביאַליסטאָקער פּאָוויאַט) פאַרשטרייקט די אַרבעטער פון זעקס טוך־פאַבריקן און פון עטלעכע וועבערייען.

אין גראָדנע האָט דער שטרייק ארומגענומען דעם אָרטיקן טשוהון־גיסעריי־זאַוואָד, די דאַמף־מיל, קליינע מעכאַנישע וואַרשטאַטן, שערע־שעווסקים טאַבאַק־פאַבריק, אַלע וואַרשטאַטן, די קאָרק־פאַבריק, די מאַשין־בוי־פאַבריק, די אַפּטייקן, בעקערייען, די דרוקערייען.

דעם 11טן יאַנואַר האָבן אין קאָוונע פאַרשטרייקט די אַרבעטער פון טילמאַנס טשוועקעס־פאַבריק, פון דער ביר־ברויעריי, פון דער טשוהון־גיסעריי, פון שמידס מעטאַל־פאַבריק און אַנדערע. עס האָבן זיך געשלאָסן די קראָמען, די דרוקערייען, עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער פערד־טראַמ־וואַי, עס זיינען צוגעשטאַנען די אַרבעטער פון די אייזנבאַן־וואַרשטאַטן. בסך־הכל האָבן געשטרייקט העכער 3000 מאַן.

אין דווינסק, אין לאָדז, אין ביאַליסטאָק, אין וואַרשע, אין ריגע, אין ליבוי, אין רעוועל און אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע שטעט איז דער שטרייק געווען אַן אַלגעמיינער, ער האָט ארומגעכאַפּט אַלע וואַרשטאַטן, פאַבריקן און זאַוואָדן.

אין אָט די טעג האָט דער פּאָליציייִשער טעראָר געווילדעוועט מיט דער שרעקלעכסטער גרויזאַמקייט. אין בערדיטשעוו האָט זיך די דעמאָנ־סטראַציע פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס די פּאָליציי האָט מערדערלעך גע־שלאָגן די אַרבעטער. מען האָט געכאַפּט אין גאַסן די ערשטע בעסטע אַר־בעטער און זיי אויפן אָרט געשלאָגן מכות־רצח, און נאָכדעם האָט מען

זיי אָפּגעפירט אין צירקל, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיטל־אַלטערלעכער אינקוויזיציע: די עינויים קשים און איזדעקערייען, וואָס די אַרבעטער, דערהויפּט די פרויען, איז דאָרט אויסגעקומען איבערצי־לעבן, לאָזט זיך גאָרניט באַשרייבן. די אַרעסטירטע האָט מען געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע, זיי איבערגעדעקט מיט אַ שינעל, און עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קלעפּ מיט שווערדן, מיט שטיקער האָלץ, מיט שטיוול; מען האָט געשלאָגן מיט ספּעציעלע גומענע שטעקנס, אָדער די פרויען האָט מען געשלאָגן איבערן הוילן לייב ביז דאָס גאַנצע לייב איז באַדעקט געוואָרן מיט געשווירן. נאָכדעם האָט מען זיי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער, כּדי מ׳זאָל ווייטער קענען שלאָגן.

אין מאָהילעוו האָט דער אַרעסטירטער געדאַרפט דורכגיין דעם קאָרידאָר און די טרעפּ דורך צוויי רייען פון פריער אויסגעשטעלטע פּאָליציאַנטן, פייערלעשער, הויזוועכטער און שפּיאָנען; עס האָט זיך אויף אים געשאָטן אַ האָגל קלעפּ פון אַלע זייטן. מען האָט געשלאָגן מיט שווערדן, מיט שטעקנס, געטראָטן מיט די פיס, געשלעפּט פאַר די האָר, איינעם האָט מען אויסגעזעצט אַן אויג, דעם צווייטן צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, דעם דריטן אויסגעדרייט אַ פינגער אאַז״וו. אַ סך זיינען געפאַלן אין חלשות. צעמזיקטע און צעבלוטיקטע האָט מען זיי נאָכדעם ווי גאַרבן געוואָרפן אין די קאַמערס. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דערלאַנגען וואַסער, כּדי אָפּצומינטערן אַ חבר, וואָס איז געפאַלן אין חלשות, און מען האָט אויף אים געמוזט שפּריצן מיט בלוט, וועלכעס האָט זיך געגאָסן פון דעם קאָפּ פון אַן אַנדער חבר. אין אַן אַנדער פאַל האָט אַ פּאָליציאַנט, בוכשטעבלעך, געטאַנצט אויף אַ ליגנדיקן חבר און זיך נאָך דערביי צוגעשפּילט אויף אַ האַרמאָניקע. עפּעס נאָך טאַקע דורך אַ נס איז דער דאָזיקער חבר געבליבן לעבן.

אין זשיטאָמיר האָט דער פּאָליצמייסטער יאַנאָוויצקי געהייסן שלאָגן איבער די פיס, כּדי צו מאַכן די אַרעסטירטע פאַר קאַליקעס. די דעמאָנסטראַנטן האָט מען געשלאָגן מיט שווערדן און מיט קאָלבעס, ניט אונטערשיידנדיק קיין מענער און קיין פרויען, די וואָס זיינען אומגעפאַלן האָט מען געטראָטן מיט די פיס. אין צירקל האָט מען ווידער געשלאָגן. דער פּאָליציי זיינען געקומען צוהילף אַזוינע „פאַרשוינען״ אין טולופּעס, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס „עכטע רוסישע פאָלק״, און וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס איבערגעטוענע פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרן. אין סוּוואַלק האָט מען איין אַרעסטירטן פאַרשטאָפּט דאָס מויל, אים אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע, און דער פּאָליציימייסטער האָט אים בוכשטעבלעך, געטראָטן מיט די פיס, געשלאָגן מיט דער שווערד, אַזוי

אז דער געשלאָגענער איז אינגאַנצן געשוואָלן געוואָרן. ענלעכע מעשים תעתועים האָט מען אויך אָפּגעטאָן אין בריסק, אין האָרי־האָרקי, אין פינסק און אין וועטקע.

אין אַ גאַנצער ריי שטעט האָט מען געשאָסן אויף דעם פרידלעכן עולם דעמאָנסטראַנטן (אין האָמעל, מאָהילעוו, לאָדז, וואַרשע, ריגע, קאָוונע, בערדיטשעוו, מאָזיר, האָרי־האָרקי, פּאָלאָצק, פינסק).

די לוויות פון די אומגעקומענע חברים זיינען אומעטום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציעס קעגן דער אַלטער אָרדענונג.

אין מינסק, בריסק, שאַוועל, קאָוונע האָט די פּאָליציי געפּרוּווט אַרויסרופן יידישע פּאָגראָמען; אין באָברויסק, קרעסלאָווקע און האָרי־האָרקי האָט זי זיך באַנוגנט מיט הוילע דראָונגען.

אין אַ גאַנצער ריי שטעט זיינען ביי די בונדישע אָרגאַניזאַציעס געשאַפן געוואָרן קאַמפס־אָפּטיילונגען אויף צו קעמפן מיט דעם פּאָליציישן טעראָר. זיי זיינען געווען באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן, קינזשאַלן און מיט טעמפן געווער און זיי פלעגן העלדיש קעמפן קעגן דער איבערוועגנדער קראַפט פון דעם מיליטער און פּאָגראָמשטשיקעס (האָמעל, לאָדז, ביאַליסטאָק, זשיטאָמיר, בערדיטשעוו).

* * *

אין דער צייט פון די שטרייקן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אַ סך פאַרזאַמלונגען: אין לאָדז, אין מינסק, אין האָמעל, אין ביאַליסטאָק, אין וואַרשע, אין מיטוי, אין ריגע; עס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט צענדליקער טויזנטער מענטשן. מען האָט געהאַלטן רעדעס וועגן די פּעטערבורגער געשעענישן און וועגן דער נויטווענדיקייט צו קעמפן מיט דער זעלבסטהערשונג. די אַרבעטער האָבן באַגריסט דעם דאָזיקן באַשלוס און זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט אויסרופן, מיט רעוואָלוציאָנערע לידער און רעוואָלווער־שאָסן. אומעטום זיינען אָנגענומען געוואָרן איינהייטלעכע רעזאָלוציעס. זיי האָבן געפאָדערט דאָס צונויפרופן פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די שולדיקע אין דער בלוט־באָד פון 9טן יאַנואַר אאז״וו. אין ריגע, מיטוי, קרעמענטשוג און אין אייניקע אַנדערע שטעט האָט מען אַרויסגעשטעלט אייניקע עקאָנאָמישע פאָדערונגען: העכערן דעם אַרבעטסלוין און אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג.

ווי אַזוי איז געווען די באַציִונג פון די איבעריקע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו די געשעענישן, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם 9טן יאַנואַר?

די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס „פּועלי־ציון” זיינען אין אַ ריי שטעט אַרויסגעטראָטן קעגן די שטרייקן. אַזוי איז דאָס געווען אין באָברויסק, לאָדז, באָריסאָוו, פּאָריטש, און מאָהילעוו. אין באָריסאָוו זיינען די „פּועלי ציון” געווען שטרייקבר'עכער. אין פּאָריטש האָבן זיי דעם ערשטן טאָג געשטיצט דעם־שטרייק, נאָר אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף קעגן אים. די צווייטע יידישע סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי „ציוניסטן־סאָציאַליסטן” (ס. ס.) איז נאָך דעמאָלט געווען שוואַך און האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן. אין באָברויסק האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ בלעטל, אין וועלכן זי האָט גערופן צו שטיצן דעם שטרייק.

די שטרייקן זיינען אין אייניקע שטעט באַגלייט געוואָרן מיט טעראָר מצד די אַרבעטער בנוגע די באַלעבאַטים. אין וויטעבסק איז דער מאַנו־פאַקטור־סוחר מ. אַפּגעגאָסן געוואָרן מיט שוועבלזויער דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שליסן דאָס געוועלב, אין ביאַליסטאָק איז בשעת די אונטערהאַנדלונגען פאַרוווּנדעט געוואָרן דער דרוקער וו., אין בעלסק (ביאַליסטאָקער פּאָוויאַט) האָט מען זיך אַריינגעריסן צו דעם סטאָלער און דעם שניידער ל. אין דער דירה און מען האָט זיי געדראָט מיט טויט, אין בריסק איז פאַרוווּנדעט געוואָרן דער פאַבריקאַנט פון בלעך־מכשירים פּ., אין ביאַליסטאָק האָט מען געשאָסן אויף די פאַבריקאַנטן ט. און י., אויף דעם שניידער ז. און אויף דעם דרוקער מ. דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

* * *

ווי אַזוי זשע זעט אויס דער סך־הכל פון דער באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם 9טן יאַנואַר? אין ראַיאָן פון „בונד” איז, להיפּוך פון די אַנדערע ערטער, פאָרגעקומען ניט קיין סטיכישער אַרויס־טריט פון די מאַסן, נאָר אַ זאָרגפעליק צוגעגרייטער און אָרגאַניזירטער אויף וויפל דאָס איז, געווינלעך, געווען מעגלעך ביי די באַדינגונגען פון דעם צאַרישן רעזשים.

אין אָט די דאָזיקע טעג האָבן די יידישע אַרבעטער אַרויסגעוויזן זייער פיל העלדישקייט, באַהאַרצטקייט און גרייטקייט צו שטאַרבן אין דעם קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג.

די געשעענישן האָבן מיטגעהאָלפן צו פאַרשפּרייטן און פאַרטיפן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידעען צווישן דער באַפעלקערונג; גלייך נאָך זיי האָט זיך אָנגעהויבן צו מערקן אַ גרויסער צופלוס פון נייע מיטגלידער, אַ גרויסע פאָדערונג אויף ליטעראַטור, די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געלאָזט טיפע וואָרצלען, די באַוועגונג האָט וואָס ווייטער אַרומגענומען אַלץ נייע קרייזן.

אין א גאנצער ריי שטעט, ווו מען האט אויך ארויסגעשטעלט עקא־נאמישע פאדערונגען, האבן זיך די ארבעטער צומאל דערשלאגן צו באַ־דייטנדע פארבעסערונגען.

די באדייטונג פון אט די געשעענישן ווערט נאך קלערער, ווען מען דערמאנט זיך אין די כסדרדיקע רעפרעסיעס, וואס זיינען אנגעווענדט גע־ווארן בנוגע דעם „בונד"; די באשטענדיקע פאליציייִשע איבערפאלן האבן אריינגעטראגן א דעזארגאניזאציע אין דער ארבעט, ארויסגעריסן די בעסטע טוער, שוואכער געמאכט אבער ניט אינגאנצן אומגעבראכט די ארגאניזאציעס, און זיי האבן זיך ארויסגעוויזן פאר גענוג שטארק און קרעפטיק אויף אנצופירן מיט דער באוועגונג.

די באוועגונג האט באוויזן די שטארק אנטוויקלטע סאלידארישקייט און די גוואלטיק פאטענציאנעלע רעוואלוציאנערע קראפט פון די מאסן. און ווירקלעך, דער רעוואלוציאנערער אויפברויז, וואס איז ארויסגערופן געווארן דורך די געשעענישן פון 9טן יאנואר, הגם ער האט זיך באלד איינגעשטילט, האט אינגיכן ווידער אויפגעפלאקערט מיט א נייער, נאך שטארקערער קראפט, און נאך מער פאראייניקט, נאך מער ארגאני־זירט, מיט נאך גרעסערע מאסן, און מיט נאך א גרעסערער באשלאסנקייט.

אונטערפירנדיק דעם סך־הכל פון די יאנואר־טעג, האט דער ארגאן פון אויסלענדישן קאמיטעט פון „בונד" געשריבן: „דא (אין דעם בונדישן ראיאן) זיינען בלויז פאראן אייניקע מער אדער ווייניקער באדייטנדע אינדוסטריע־צענטרען; אחוץ דעם קאנטינגענט ארבעטער, וועלכער איז קאנ־צענטרירט אין זיי, איז די איבעריקע ארבעטער־מאסע צעזייט און צע־שפרייט איבער א גאנצער ריי קליינע שטעט און שטעטלעך, וואס פילן מיט זיך אוים דעם גאנצן „תחום", און אט די צעזייטקייט האט שטענדיק געדינט אלס סיבה דערצו, אז א סך האבן זיך באצויגן צו איר מיט אט דעם ביטול, וואס עס הערשט בנוגע זיך ארום יעדע אומבאדייטנדע פאלי־טישע גרייס. און באמת, וואס פאר א באדייטונג קאן, דוכט זיך, האבן פאר דעם לעזער, וואס דערוויסט זיך פון דעם רעוואלוציאנערן קאמף פון די אויף שנעל איבערגעקוקטע טעלעגראפישע ידיעות אדער פון די אויף גיך איבערגעלייענטע קארעספאנדענצן, וועלכע קומען אים אין דער האנט אינאיינעם מיט די סענסאציאנעלע ידיעות פון פעטערבורג אדער מאסקווע, אט די אומבאקאנטע נעמען פון וועלכע ניט איז קרינקי אדער סמארגאן? איז דען א חידוש, וואס אפילו צווישן אונזער רעוואלוציאנערער חבריא, וועלכע לעבט אין אויסלאנד מיט די מער שארפערע טאג־סענסא־ציעס, און אין רוסלאנד, אויף די ערטער, זעט זי פאר זיך בלויז דעם שמאלן האריזאנט פון איר שטאט, ניט זייענדיק ביד אדאנק די אוממענ־

לעבע רוסישע באדינגונגען צו האבן פאר זיך דאס פולע בילד פון דער גאנצער באוועגונג, איז נאך געווען שטארק די אבסורדאלע פארשטעלונג וועגן דעם און די ניט־ריכטיקע באציונג צו דעם רעוואלוציאנערן לעבן פון די קליינע צענטערס.

מען מוז טאקע איינקוקן זיך אין אט דעם בילד אין דער גאנצער גריים און פארנעם פון דעם, זיך איינקוקן אין אזא מאמענט, ווי די יאנואר־טעג, כדי עס זאלן ווערן קלאר די באדייטונג און די ווערט פון דעם. ווארפט אן אלגעמיינעם בליק אין אזא מאמענט אויף אט דער גאנצער ריי שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע עס לעבט, ווי עס דוכט זיך, דער צוגעשלאגענער און אוממעכטיקער, אטאמיזירטער פראלעטאריאט, און קוקט זיך צו, ווי אונטער דעם איינפלוס פון איין אימפולס, פאלגנדיק איין רוף, הייבט זיך ווי איין מענטש אויף אט די פילטויזנטיקע מאסע, וועלכע איז געאגראפיש צעווארפן, און ניט קוקנדיק אויף דעם לעבט זי מיט איין איינהייטלעך לעבן; גיט א קוק אויף דעם, ווי אזוי זי האט, פאראייניקנדיק זיך ארום איין און איינהייטלעכער ארגאניזאציע, וועלכע האט אומעטום ווייט צעווארפן אירע צעצווייגטע צווייגן און ווארצלען, און וועלכע ארבעט אומעטום לויט איין און איינציקן אלגעמיינעם פלאן, אומעטום — ביז די ווייטסטע פארווארפענע ווינקעלעך, ליגט ארויף איר האנט אויף דעם גאנצן לעבן פון דער שטאט, שטעלט אפ אלץ און אלעמען, רופט ארויס אן אויסערגעוויינלעכע אויפרודערונג, טעראריזירט די אגענטן פון דער רעגירונגס־מאכט און צעטרייסלט אויף א גוואלטיקן שטח דעם מלוכה־אפאראט; גיט אזוי א קוק אויף דעם בילד, — און אט אזא איז עס ווירקלעך געווען אין די אקארשטיקע רעוואלוציאנערע טעג,— און אנשטאט די נישטיקע, אויפן ערשטן בליק, פרוון פון די מיזערע ארבעטער־גרופעס, וועט פאר אייך אויסוואקסן אין זיין גאנצער אימפאזאנטער גריים דאס גוואלטיקע בילד פון דער רעוואלוציאנערער וואנדעע".[1]

* *
*

די יאנואר־שטרייקן זיינען כמעט אומעטום געווען פאליטישע. עקאנאמישע פאדערונגען האט מען זעלטן ווו ארויסגעשטעלט. אין פעברואר אבער האבן זיך אנגעהויבן עקאנאמישע שטרייקן; די מאסע, וואס איז אויפגערודערט געווארן אדאנק די יאנואר־געשעענישן, האט זיך א ווארף געטאן אין קאמף פאר אויסבעסערן זייער עקאנאמישע לאגע. די

1 „פאסל. איזוו.", נומ' 226, ארטיקל „דער יידישער פראלעטאריאט און די רעוואלוציע". אלס מאטעריאל פאר דעם קאפיטל וועגן 9טן יאנואר האבן געדינט די „פאסל איזוו," פארן יאר 1905.

דאָזיקע שטרייס־כוואַליע האָט דערגרייכט די סאַמע פּאַרוואָרפנסטע שטעט און שטעטלעך פון דעם „תּחום".

אין פעברואַר זיינען אין דווינסק פאָרגעקומען בלוטיקע געשעענישן. דעם 17טן פעברואַר האָט דאָ אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער שטרייק, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם „בונד". מען האָט געפאָדערט אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, דאָס אָפּשטעלן די מלחמה, אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק אאַז"וו. דעם 18טן פעברואַר, בשעת אַ פילטויזנטיקער דעמאָנסטראַציע, האָט דאָס מיליטער אָנגעהויבן צו שיסן. עס זיינען געווען פאַרווונדעטע (העכער 30 מאַן) און געהרגעטע. דעם 21טן פעברואַר איז ביי דער לוויה פון די דערהרגעטע ווידער פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזע, אַריבער 20־טויזנטיקע דעמאָנסטראַציע. דער שטרייק האָט געדויערט פינף טעג. מען האָט אויסגעקעמפט אַ 9־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, אַ העכערונג פון דעם לוין, אַ פאַרבעסערונג פון די היגיענישע באַדינגונגען אין די וואַרשטאַטן און פאַבריקן אאַז"וו.[1]

אין מערץ האָט דער מינסקער קאָמיטעט פון „בונד" אָרגאַניזירט אין מינסק אַ גרויסן שטרייק פון די אָנגעשטעלטע, וועלכער האָט געדויערט 10 טעג. אַ וואָכן צוויי פאַר דעם שטרייק האָט מען געפירט אַ צוגרייטונגס־אַרבעט, איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען פון 100 ביז 300 מאַן. לויט די לפי־ערכדיקע אויסרעכענונגען זיינען אויף אַט די פאַרזאַמלונגען איבערגעווען העכער 1.200 מאַן. דער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן דעם 15טן מערץ; עס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאָלגנדיקע פאָדערונגען: 1) אַ 12־שעהדיקער אַרבעטסטאָג (פון 9 אינדערפרי ביז 9 אזייגער אינאָוונט), 2) אָנדערטהאַלבן שעה אויף מיטאָג און אַ האַלבע שעה אויף פרישטיק, 3) שבת־צונאַכטס דאַרפן די קראָמען זיין געשלאָסן, 4) אַלע וואָך אויסצאָלן די שכירות, 5) דאָפּלטע שכירות 4 מאָל אין יאָר פאַר די יום־טובים: פּסח, שבועות, ראש־השנה און סוכּות, 6) העפלעכע באַהאַנדלונג פון אַלע אָנגעשטעלטע, 7) ניט שיקן די אָנגעשטעלטע אויף אַזאַ אַרבעט, וואָס האָט ניט קיין שייכות מיט זייער שטעלע, 8) ניט צווינגען די יינגלעך צו טראָגן שווערע משׂאות, 9) באַצאָלן די שכירות פאַר דער גאַנצער צייט פון דעם שטרייק, 10) קיינער פון די שטרייקער טאָר ניט ליידן.

דער שטרייק האָט אַרומגענומען אַלע געוועלבער און צו זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער שטאָט. אין דער שול האָט

[1] „פּאָסל. איזוו.", נומ' 227.

מען איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען פון די אָנגעשטעלטע, אויף וועלכע עס פלעגן קומען צו צוויי, פיר, פינף טויזנט מאַן. דאָס זיינען געווען גראַנדיעזע פּאָליטישע מיטינגען, אויף וועלכע עס פלעגט פאַר דעם פילטויזנטקעפּיקן עולם גערעדט ווערן דאָס פרייע רעוואָלוציאָנערע וואָרט.

„ווער עס איז כאָטש איינמאָל געווען אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג, — שרייבט איינער, וואָס האָט דאָס בייגעוווינט, — דער וועט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דער גרויסער זאַל איז פול קעפּ אויף קעפּ. אַלע בענק זיינען פאַרנומען; מ'שטייט ניט בלויז אויף די בענק, נאָר אויך אויף די ווענטלעך. מ'שטייט אויף די טישן, אויף די פענסטער, אין די דורכגענג. דער רעדנער רעדט פון דעם אַלמימר. אויף דעם אַלמימר געפינט זיך אויך די ביוראָ, וואָס באַשטייט פון פאָרשטייער פון אונזער אָרגאַניזאַציע. ביים איין וואַנט שטייען די מאַרקזיצערינס מיט זייערע קוישן. בשעתן איבערייס כאַפּט זיך דער עולם און לענט אונטער דאָס האַרץ און שטילט דעם דורשט. די פאַרזאַמלונגען האָבן זיך געוויינלעך אָנגעהויבן ארום עלף אזייגער און זיך פאַרענדיקט דריי. די פאַרזאַמלונגען זיינען לפי־ערך דורכגעגאַנגען לויט פאָלגנדיקן סדר. צום אָנהייב די לויפנדיקע ענינים. די דעלעגאַציע פון די אָנגעשטעלטע, וועלכע האָט געפירט די אונטערהאַנדלונגען, האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם, ווי עס האַלט מיט די אונטערהאַנדלונגען. נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס. די דאָזיקע 9 פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דער שול, האָבן אונזערע חברים זייער צוועקמעסיק אויסגענוצט. מען האָט אויף זיי גערעדט וועגן דעם איצטיקן מאָמענט, וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט און נאָענטקייט פון פאַלן פון דער זעלבסטהערשונג, וועגן יענע פּאָליאַטיוון, וועלכע די זעלבסטהערשונג נוצט אויס, כדי אָפּצושלעפּן איר מפּלה. מען האָט גערעדט וועגן דער נייטיקייט צו קעמפן פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וועגן דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט; מען האָט גערעדט וועגן דעם אויפשטאַנד, וואָס האָט ארומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד, וועגן די שטרייקן, אומרוען, אומאָרדענונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין אַלע שטעט, אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, מען האָט גערעדט וועגן דער ראָלע, וואָס האָט געשפּילט און שפּילט איצט און וועט נאָך שפּילן דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין דעם לעבן פון דעם יידישן פאָלק; מען האָט דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל צווישן דעם אַלטן יידן, וועלכער האָט אויף זיך געטראָגן דעם חותם פון דער „געטאָ", און דעם נייעם יידן — דעם פּראָלעטאַריער, וועלכער קעמפט פאַר אַ ניי לעבן; מען האָט גערעדט וועגן דעם, אַז עס איז נויטווענדיק,

אַז דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן זאָל פאַראייניקט קעמפן אונטער איין פאָן קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, דעספּאָטיזם אאַז״וו.

אויף איין פאַרזאַמלונג — אויף דער דריטער — האָט מען פון אַלמימר געלייענט דאָס צעטל פון די שטרייקברעכער. און יעדער נאָמען, וואָס מען האָט איבערגעלייענט, האָט אַרויסגערופן אַ געשריי פון צאָרן און פּראָטעסט. נאָר אָט בעט עמעצער אַ וואָרט. אויף דעם אַלמימר באַווייזט זיך אַן עלטערער ייד און הייבט אָן זיך צו שווערן ביי גאָט און ביי דער הייליקער תורה, אַז ער איז על־פּי טעות אַריין אין צעטל פון די שטרייקברעכער און בעט פון אים אַראָפּנעמען דעם שאַנדפלעק פון אַ שטרייקברעכער.

איינע פון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע פאַרזאַמלונגען איז געווען די לעצטע, אויף וועלכע מען האָט אונטערגעפירט דעם סך־הכּל פון דעם, וואָס מען האָט אָפּגעטאָן אין דער צייט פון דעם שטרייק — און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו ליקווידירן דעם שטרייק. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט אונזער אָרגאַניזאַציע פאָרגעלייגט צוויי רעזאָלוציעס: איינע, וואָס האָט געפאָדערט באַלד צונויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אויף איינצופירן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, איינשטעלן אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, באַלד אָפּשטעלן די מלחמה און באַפרייען די אַלע, וואָס האָבן געליטן צוליב זייערע פּאָליטישע און רעליגיעזע איבערצייגונגען; די צווייטע — האָט באַגריסט דעם צ״ק פון „בונד״, אַלס פאָרשטייער פון דעם אָרגאַניזירטן יידישן פּראָלעטאַריאַט. די ביידע רעזאָלוציעס זיינען איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן דורך די פאַרזאַמלטע אין דער צאָל פון העכער 4000 מאַן. אויף דער זעלבער פאַרזאַמלונג האָבן איניקע אָנגעשטעלטע פאָרגעלייגט צו דאַנקען דעם מינסקער קאָמיטעט פון „בונד״ פאַר זיין ענערגישער און טיכטיקער אָנפירונג מיט דעם שטרייק. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. דער פאָרזיצער האָט ערקלערט דעם שטרייק פאַר געענדיקט און געשלאָסן די פאַרזאַמלונג. אַרויסגייענדיק פון דער שול האָט דער עולם איינגעאָרדנט אויף דער שול־גאַס און אויף דער נעמיגע אַן אימפּראָוויזירטע דעמאָנסטראַציע״ [1].

דעם שטרייק האָבן די אָנגעשטעלטע געוווּנען. די באַלעבאַטים האָבן נאָכגעגעבן כמעט אַלע פאָדערונגען פון די אָנגעשטעלטע; וועגן די שטרייט־פראַגן איז מען געקומען צו אַ הסכם.

---

1 „פּאָסל. איזוו.״, נומ׳ 229 און 233, אַרטיקל „דער אַלגעמיינער שטרייק פון די אָנגעשטעלטע אין מינסק״.

דעם 2טן אפריל האט זיך אין ווארשע פארזאמלט א 30.000 עולם צו באגלייטן דעם טויטן קערפער פון דעם חבר ישראל גראוער, וועלכער איז געשטארבן אין טורמע. דער געשטארבענער איז, אפשלאגנדיק א חבר בשעת דער דעמאנסטראציע וועגן די יאקוטסקער געשעענישן, ארייננעפאלן צו דער פאליציי אין די הענט. די אוממענטשלעכע באהאנדלונג אין דער טורמע, 7 טעג הונגער, 7 טעג און 7 נעכט אין א פינסטערן, קאלטן קארצער, האבן פריצייטיק געטריבן גראווערן אין קבר. די אדמיניסטראציע, האט, מורא האבנדיק פאר אומארדענונגען, פארבאטן ארויסצוגעבן דעם טויטן קערפער. דעמאלט האט א 30.000 עולם איינגעארדנט א ריזיקע דעמאנסטראציע און מיט רעוואלוציאנערע לידער איז ער געגאנגען איבער די הויפט־גאסן. בשעת דער עולם האט שוין געהאלטן ביים פונאנדערגיין זיך, האט די פאליציי, וועלכע האט זיך באהאלטן אין די טויערן, אנגעהויבן צו שיסן אויף די באזונדערע גרופעס ארבעטער. 20 מאן זיינען פארוואונדעט געווארן, עטלעכע דערהרגעט, צווישן זיי איינער פון די אנגעזעענסטע בונדישע טוער סאלאמאן מארגאלין און פראניע גראבעלסקא („ווערא"). דעם 5טן אפריל האט דער ווארשעווער קאמיטעט פון „בונד" אין א ספעציעלער פראקלאמאציע גערופן דעם ווארשעווער פראלעטאריאט צו בא'ערן דעם אנדענק פון די געפאלענע חברים דורך אן איינטאגיקן אלגעמיינעם שטרייק. און דער פראלעטאריאט האט זיך אפגערופן אויף אט דעם רוף. שוין פון אינדערפרי זיינען געשטאנען אלע יידישע ווארשטאטן און פאבריקן און צו מיטאגצייט זיינען צו דעם שטרייק אויך צוגעשטאנען די מערהייט פון די קריסטלעכע חברים.

* * *

דער ערשטער מאי 1905 איז אין ראיאן פון „בונד" געפייערט געווארן מיט אן אומגעוויינלעכן דערפאלג: אין קיין שום יאר האט זיך נאך ביז אהער ניט באטייליקט אזויפיל מענטשן, ניט געמערקט אזא ענטוזיאזם, ווי אין דעם יאר.

די אויסערלעכע באדינגונגען זיינען געווען זייער ניט קיין גינסטיקע. די פאליציי האט אין א סך שטעט פארשפרייט קלאנגען, אז די יידן וועלן דעם ערשטן מאי, וועלנדיק זיך אפרעכענען פאר קעשענעווער און האמלער פאגראמען, אויפרייסן די קלויסטערס און קאשצאלן, און אין אנדערע שטעט האט זי זיך באמיט צו פראוואצירן ריטואל־פראצעסן, און אין אייניקע האט זי געדראט מיט פאגראמען, אין פאל, אויב דער יידישער פראלעטאריאט וועט דעמאנסטרירן דעם ערשטן מאי. אזוי איז דאס גע־

ווען אין גראָדנע, אין לידע, אין מינסק, אין ריגע, אין מאָזיר, אין נעזשין, אין פּראָסקוראָוו, אין שקלאָוו, אין נאָוואָרעדאָק, אין מאָהילעוו, אין ביאַ־ליסטאָק, אין קיעוו, אין דווינסק, אין באָריסאָוו, אין בריסק, אין ראָהאַ־טשאָוו, אין ביכאָוו, אין קאָוונע, אין האָמעל, אין נעוועל, אין פּאָלאָצק, אין סמילע, אין טולטשין, אין סאָקאָלקע, אין אוווגוסטאָוו, אין טשודנעוו, אין פּלאָטניצע (פּינסקער פּאָוויאַט), אין טיראַספּאָל, אין מעליטאָפּאָל. אין דעם שטעטל טאָלאָטשין (מאָהילעווער גוב.) האָט די פּאָליציי פּאַרטיילט צווישן די פּויערים געווער, אין קלויסטער האָט מען פֿאַרשפּרייט אויפֿ־רופֿן, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער מאָהילעווער גלחים־קאָנסיסטאָריע. אין מינסק האָט מען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם אָרטיקן זשאַנדאַרמעריע־פּאָלקאָווניק כריפּאָוון און פּאָליציי־באַאַמטע אָרגאַניזירט אַ „שוואַרצע מאה".

ניט געקוקט אויף דעם איז די מאַי־אַגיטאַציע געפירט געוואָרן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אינטענסיווקייט און מיט אַ גוואַלטיקן פאַרנעם. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ צייט פאַר דעם ערשטן מאַי, אין אַפּריל, און אין אייניקע עדטער אפילו אין חודש מערץ. וועגן דער אינטענסיווי־קייט פון דער צוגרייטונגס־אַרבעט זאָגט עדות פאָלגנדעס. פאַר־מאַי־פאַרזאַמלונגען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן: אין קאָוונע (אַ מאַסעוווקע פון 1000 מאַן און אַ ריי קלענערע, דערהויפּט צווישן דער אינטעליגענץ, צוויי צו 50 מאַן), אין דווינסק (3500), אין לוצין, לידע (500—600), אין מינסק (העכער 2000), אין מאָזיר (600), אין קיעוו (20, 35, 40), אין טשעריקאָס, סמילע (עטלעכע צו 200), אין ניעזשין, לובני, קרעמענ־טשוג (50), אין קעשענעוו (400 און 500), אין שאַדאָווע (80), אין וואָל־קאָוויסק, אין טאָלאָטשין, שקלאָוו, פּאַריטש (עטלעכע פאַרזאַמלונגען און איינע אין וואַלד פון בערך 300 מאַן), אין אוגוסטאָוו (70), אין לוקי (80, אין סקידעל (90), אין ווישטינעץ (50), אין רודניע, סמאָר־גאָן (1000), אין מאָהילעוו (400), אין אָדעס (עטלעכע מאַסאָווע און קליינע פאַרזאַמלונגען צו 50, 60, באַזונדער די פאַרזאַמלונגען האָבן ביז 800 מאַן), אין טשודנאָוו (200), אין טשעריקאָוו (אַ מאַסעוווקע), אין קאָוונע (אין די פאַכן העכער 20 פאַרזאַמלונגען צו 40 מאַן אויף יעדע־רער, 2 פאַרזאַמלונגען פון דער לערן־יוגנט), אין נעוועל (7 פאַרזאַמלונ־גען צו 40—50 מאַן און 4 פלי־פאַרזאַמלונגען צו 20—30 מאַן, בסך־הכל זיינען אויף די פאַרזאַמלונגען געווען איבער 400 מאַן), אין פּאָ־לאָצק — 7 (העכער 700 מאַן), אין קרעסלאַווקע (פון 2000 ביז 2500 מאַן), אין באָברויסק (עטלעכע פאַרזאַמלונגען צו 150—200 אויף יעדערע און איין מאַסעוווקע אין דער שול פון אריבער 600 מאַן), אין ליבוי,

ווארשע (עס האָבן זיך באַטייליקט צו איין, צוויי און פינף טויזנט מאַן), אין לאָדז, אין ריגע (אין די קרייזלעך). די אַגיטאַציע האָט זיך געפירט אויף די גרויסע פאַרזאַמלונגען, אויף די „מאַסווקעס", אין די קרייזלעך, אויף דער „בערזע", אין די שולן, אין די ווארשטאַטן, אויף די פאַבריקן און זאַוואָדן.

אין ראַיאָן פון „בונד" איז ברייט פאַרשפרייט געוואָרן די פּראָקלאַמאַציע פון צ"ק פון „בונד" „דער ערשטער מאַי", זי איז צו דער צייט אַרויסגעשיקט געוואָרן און האָט דערגרייכט די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ערטער. אַזוי, למשל, זיינען די פּראָקלאַמאַציעס פון צ"ק פון „בונד", לויט די ידיעות פון די קאָרעספּאָנדענטן פון „פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ" און פון די אָרטיקע זשאַנדאַרמעריע-אָפּטײלונגען, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, פאַרשפרייט געוואָרן אין שעדלעץ (900 עקז. אויף יידיש און אויף פּויליש), אין מעזריטש, אין לוצין, אין לידע, אין זשיטאָמיר (1200 עקז), אין מינסק (5000), אין מאָזיר (800 אויף יידיש און 100 אויף רוסיש), אין קיעוו (1500 עקז. אויף רוסיש און אויף יידיש), אין ליבוי (500), אין ריגע, אין האָמעל (אויף רוסיש און אויף יידיש), אין טשערקאַס, אין לובען (אויף יידיש און אויף רוסיש), אין פּאָנעוועזש (600), אין פּאַריטש, אין יאַנאָוויטשי, אין סמאָרגאָן, אין ווארשע (אויף יידיש און אויף פּויליש 1000 און 6000 עקז.), אין קאַלוואַריע (200), אין ווילקאָמיר (300), אין מאָהילעוו, אין אָדעס (5000 אויף יידיש און 4000 אויף רוסיש), אין די דערפער קאַזשאָווקע און קאַרגאָווקע (טשערניגאָווער גוב.) אין טשודנאָוו, אין פּראָסקוראָוו (500), אין באָריסאָוו, אין בריסק (100 אויף יידיש און 150 אויף פּויליש), אין וואָלקאָוויסק, אין נעוועל (500 אויף יידיש און אויף רוסיש), אין סוואַלק (אויף יידיש), אין פּאָלאָצק (900 אויף יידיש און 150 אויף רוסיש), אין ביאַליסטאָק (אויף יידיש, רוסיש און פּויליש), אין באָברויסק, אין מאַריאַמפּאָל, אין פּינסק, אין לאָיעוו, אין קעשענעוו.

לאָקאַלע פּראָקלאַמאַציעס זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין ניט קיין סך שטעט, דהיינו: אין שעדלעץ (250), אין לידע (העקטאָגראַפירטע קאַרטלעך), אין ריגע (אויף יידיש), אין וולאָצלאַוועק (רויטע קאַרטלעך מיט רעוואָלוציאָנערע אויפשריפטן), אין האָמעל, אין פּאַריטש (העקטאָגראַפירט, אויף יידיש, 450 עקז.), אין ווישטינעץ (200), אין מאָהילעוו (העקטאָגראַפירטע קאַרטלעך), אין טאָלאָטשין, אין באָריסאָוו (קאַרטלעך), אין קיידאַן, אין נעוועל (400), אין פּאָלאָצק (אַ העקטאָגראַפירט בלעטל), אין באָברויסק (העקטאָגראַפירטע בלעטלעך), אין דווינסק, אין ליבוי (צוזאַמען מיט דער לעטישער סאָצ.-דעמ. אויף לעטיש 2500, אויף רוסיש

600, אויף יידיש 400), אין סוואלק (העקטאגראפירט אויף רוסיש און אויף פויליש), אין ווארשע (קארטלעך אויף יידיש און אויף פויליש — 20 טויזנט און 10 טויזנט).

אזוי ווי מען האט זיך גערעכט אויף פאגראמען, האט מען אויף די ערטער ביי די בונדישע קאמיטעטן ארגאניזירט א יידישע זעלבסטשוץ. זיי זיינען געווען אין פאלגנדע שטעט: אין גראדנע, אין מינסק, אין פראסקוראוו, אין שקלאוו, אין אווגוסטאוו, אין אדעס, אין באריסאוו, אין בריסק, אין ביאליסטאק, אין האמעל, אין ריגע און אין אייניקע אנדערע שטעט. די זעלבסטשוץ איז געווען באוואפנט מיט קאלט און מיט הייס געווער. די מיטלען אויף אויסצוהאלטן די זעלבסטשוץ האט מען גענומען פון זאמלונגען, נדבות, וועלכע מען האט געקליבן צווישן דער יידישער בורזשואזער באפעלקערונג. די איניציאטיוו אויף צו גרינדן א יידישע זעלבסטשוץ האט כמעט אומעטום געשטאמט פון די בונדישע ארגאניזאציעס. אריינגעטרעטן אין איר האבן געקענט אויך אזעלכע, וואס האבן ניט געהערט צום „בונד", נאר די ארגאניזאציע האט געשטעלט א באדינג, אז זיי מוזן פאלגן דעם קאמיטעט פון „בונד".

אין מינסק האט זיך, לויט דער איניציאטיוו פון דער בונדישער ארגאניזאציע, געגרינדעט א פאראייניקטער זעלבסטשוץ־קאמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אריין די פארשטייער פון „בונד", פון דער „גרופע רסדא״פ", פון דער גרופע ס״ר, פון די „פועלי־ציון" און פון די ס״ס. לויט דעם סטאטוט האבן אין דעם ארג.־קאמיטעט פון דער זעלבסטשוץ געקענט אריינטרעטן די גרופעס, וועלכע האבן געהאט באוואפנטע אפטיילונגען און פארשטייער פון אזעלכע אפטיילונגען, וועלכע זיינען ניט אונטערגעווארפן קיין שום ארגאניזאציע. דער ארגאניזיר־קאמיטעט האט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו קאארדינירן אלע קרעפטן אין מאמענט, ווען עס וועט אויסברעכן א פאגראם, דערביי האט יעדע ארגאניזאציע געהאט דאס רעכט פריי זיך צו באנוצן מיט אירע כוחות. צווישן דער בורזשואזער פינאנס־קאמיסיע און דעם ארג.־קאמ. איז צו א פארשטענדיקונג ניט געקומען, און גלייך נאכדעם איז אויך פארגעקומען א שפאלטונג אין דעם ארג.־קאמ. גופא. די פארשטייער פון דער „גרופע פון דער רסדא״פ" האט אריינגעטראגן פאלגנדיקן פארשלאג: אויב עס וועט זיך ביים סאמע אנהייב פאגראם איינגעבן דורך אגיטאציע אויף אזויפיל ווירקן אויף די פאגראמירער, אז עס וועט זיין מעגלעך צו פארוואנדלען דעם פאגראם אין א דעמאנסטראציע, דארף דאס איינארדענען די דעמאנסטראציע נעמען אויף זיך דער ארג.־קאמ. די בונדישע ארגאניזאציע האט ערקלערט, אז אויב אזוי האלט זי פאר אונמעגלעך ארויסצוטרעטן

צוזאמען מיט די ציוניסטן. דער פועל־יוצא פון דעם איז געווען, דאס די „פועלי־ציון" און די ס"ס זיינען ארויסגעטראטן פון דעם ארג.־קאמיטעט.

אין אייניקע שטעט האבן זיך אין דער זעלבסטשוץ אויך באטייליקט רוסישע ארבעטער.

און אויב דער ערשטער מאי 1905 איז ניט פארשטערט געווארן דורך יידישע פאגראמען איז דאס בלויז אדאנק די קאמפס־אפטיילונגען פון דער יידישער זעלבסטשוץ.

רעכענענדיק זיך מיט דער פאגראם־אגיטאציע פון דער פאליצי, פון איין זייט, און מיט דעם קאנצענטרירן מיליטער אין די שטעט, — פון דער אנדערער, — האט דער צ"ק פון „בונד" פארעפנטלעכט די ארטיקן ארגאניזאציעס צו פייערן דעם ערשטן מאי דורך אן אלגעמיינעם שטרייק און זיך אפהאלטן פון אפענע גאסן־דעמאנסטראציעס, אפלייגנדיק זיי אויף דעם קומענדיקן שבת אדער זונטאג, ווען די וואכזאמקייט פון דער פאליציי וועט זיך פארקלענערן.

אויפן רוף פון די ארגאניזאציעס איז דעם 18 אפריל (אלט. סט.) ווירקלעך דורכגעפירט געווארן אן „אלגעמיינער שטרייק". אין דעם טאג האט מען ניט געארבעט אין פינסק, אין גראדנע, אין פלאצק, אין קא־לושין, אין סאקאלאוו, אין ווענגראוו, אין לאשיץ, אין מעזריטש, אין ביאלע, אין דווינסק, אין באברויסק, אין ליוצין, אין לידע, אין זשיטא־מיר, אין מינסק (3500—4000), אין מאזיר (1000), אין טשערקאס, אין סמילע, אין לובען, אין פאנעוועזש, אין שאדאווא, אין וואלקאוויסק, אין סאקאלקע (250—300), אין פאריטש, אין אווגוסטאוו (העכער 150), אין לובני, אין סקידעל, אין יאנאווימש, אין סמארגאן, אין אריעוו (בערך 200 מאן), אין סטאראדוב (בערך 600 מאן), אין מאהילעוו, אין טשוד־נאוו, אין טאלאטשין (אריבער 200), אין טשעריקאוו, אין באריסאוו, אין קיידאן, אין ווילקאמיר, אין בריסק, אין ארשע, אין ליאדי, אין ביכאוו, אין ראהאטשאוו, אין סעני, אין טשאוס, אין דריבין, אין קאוונע (בערך 2000 ארבעטער), אין סלאנים, אין האמעל, אין נעוועל, אין באברויסק, אין מאריאמפאל, אין ווארשע, אין קאליש, אין ליבוי, אין ריגע, אין לאדז און אין אנד.

געוויינלעך האבן זיך די ארבעטער אין דעם טאג אנגעטאן יום־טובדיק און געשפאצירט איבער דער שטאט. מען האט זיך געזאמלט אין קליינע גרופעס און צומאל אין א גרויסן עולם. אין אוונט האבן די ארבעטער אין פארשיידענע טיילן שטאט געלאזט ראקעטן, פייערווערק אד"גל. אין דעם טאג האבן ניט געארבעט ניט בלויז די ארגאניזירטע ארבעטער, נאר אויך פיל אנדערע: פורמאנעס, דינסטן אאז"וו. אין דעם

דאזיקן יאר האבן דעם פראלעטארישן יום־טוב געפייערט די ברייטסטע שיכטן פון דעם יידישן פראלעטאריאט. די רוסישע ארבעטער האבן סיי ווי ניט געארבעט, ווייל דעם 18טן אפריל איז אויסגעפאלן דעם צווייטן טאג פאסכא. פון שקלאוו האט מען מיטגעטיילט די „פאסל. איזוו.": „די גאסן זיינען געווען איבערפולט מיט עולם ארבעטער, עס האבן זיך ארויס־געשיט אלע — יונג און אלט, אלע אויסגעפוצט מיט א זעלטן גוטער, דערהויבענער, יום־טובדיקער שטימונג". דאס איז ניט בלויז כאראק־טעריסטיש פאר שקלאוו, דאס זעלבע האט מען אויך געקאנט זאגן בנוגע די איבעריקע שטעט און שטעטלעך פון דעם בונדישן ראיאן.

די פאליציי און דאס מיליטער האט זיך אין א סך ערטער געהאלטן אין רעזערוו, זיך צוגעקוקט, ווי אזוי די ארבעטער פייערן זייער יום־טוב, אבער אין אנדערע שטעט — האבן זיי זיך געווארפן אויף דעם פרידלעך שפאצירנדיקן עולם, אים צעטריבן און דערביי מערדערלעך געשלאגן מיט די קאלבעס, שווערדן און נאהייקעס. די צוזאמענשטויסן מיט דער פא־ליציי אין ווארשע, אין לאדז און אין קאליש האבן געבראכט צו א גרוי־סער צאל קרבנות.

אין ווארשע איז בייטאג געווען א גרויסע דעמאנסטראציע פון דער פפ"ד. זי האט געדויערט ביי א צוויי שעה. צום אנהייב האט דאס מי־ליטער זיך רויק צוגעקוקט, נאר נאכדעם, ווען דער צענטויזנטקעפיקער עולם האט זיך פארקערעוועט פון פאנסקע גאס אויף דער אויאזדאוווער אלעע, האבן די מיליטער־טיילן אן א התראה אנגעהויבן צו שיסן. לויט די ידיעות פון דעם קארעספאנדענט פון „פאסל. איזוו." זיינען דערהרגעט געווארן 30 מאן און פארוונדעט אריבער 100. „דער עולם האט זיך גע־לאזט לויפן אין אלע זייטן, נאר די סאלדאטן האבן זיי נאכגעיאגט און טויטגעשלאגן די פארוונדעטע, זיך אריינגעריסן אין די טויערן, אפילו אין די דירות, און זיי דארט דערהרגעט. מען האט אפילו קינדער דער־הרגעט. ביי איין מיידל איז דער קאפ געווען כמעט אפגעהאקט: ער איז געבליבן הענגען אויף א שטיקל הויט. די הריגה איז געווען א שרעקלעכע, מען האט קיינעם ניט געשוינט..." („פאסל. איזוו.", נומ' 231).

איינער פון די צושויער באשרייבט אזוי דאס בילד פון דער הריגה איבער דער ארבעטער־דעמאנסטראציע אין ווארשע: „אין דעם מאמענט, בשעת דער ניט־באוואפנטער עולם האט אפגעטראטן צו דער זשעלאזנער גאס, האט דאס מיליטער אים באשאסן מיט א האגל קוילן. מען האט גע־שאסן אן א קאמאנדע, איינציקווייז. טויטע און פארוונדעטע זיינען געפאלן, פארצוימענדיק דעם וועג פאר די אנטלויפנדיקע. די פאניק איז וואס ווייטער, אלץ מער געוואקסן. די קאזאקן טרעטן די געפאלענע, מיט

שווערדן שניידן זיי אַלטע לייט, פרויען, קינדער און פאַרוווּנדעטע. איין אַרבעטער האָבן זיי אָפּגעהאַקט אַ האַלב געזיכט, ביי איין פרוי איז דאָס גאַנצע געזיכט איין וווּנד. אַ טייל דעמאָנסטראַנטן, וועלכע האָט זיך באַהאַלטן אין די טויערן, כּדי זיך צו ראַטעווען פון די קוילן, איז געפאַלן אַ קרבן פון דעם צעיושעטן המון סאָלדאַטן. די וואָס זיינען געלעגן אין די טויערן האָט מען צעשאָסן, געשטאָכן מיט באַיאָנעטן, געהאַקט מיט די שווערדן. געשרייען פון לויפנדע, זיפצן פון פאַרוווּנדעטע, קאָנוווּלסיעס פון שטאַרבנדיקע, אַ פייפעריי פון קוילן, ווילדע געשרייען האָבן אָנגעפולט די לופט. אייניקע זיינען געשפּרונגען איבער די פּאַרקאַנעס, האָט מען געשאָסן נאָך זיי אין די פּאַרקאַנעס, מען האָט אויך געשאָסן אין די הילצערנע ווענט אין די הייזער אריין. די סאָלדאַטן האָבן אויסגעבראָכן אַ פענסטער און דערשאָסן אַ קראַנקן אַלטן יידן, וואָס איז געלעגן אין בעט, דערשאָסן דעם הויזוועכטערס אַ טאָכטער אין שטוב. אין דער קאַנטאָר פון קאַלך־געשעפט אויף יערוזאַלימער אַלעע נומ׳ 101 איז געזעסן און געאַרבעט אַ בוכהאַלטערין. די סאָלדאַטן האָבן אָן אַ שום סיבה אריינגעשאָסן און זי געהרגעט אויפן אָרט. איינער האָט זיך קוים דערשלעפּט ביז צו אַ פּריוואַטן שפּיטאָל, דער שווייצאַר האָט פאַר זיין נאָז פאַרהאַקט די טיר, אָפּזאָגנדיק דעם פאַרוווּנדעטן צו געבן הילף, די סאָלדאַטן זיינען אָנגעקומען און דערהרגעט דעם פאַרוווּנדעטן. אַלע פאַרוווּנדעטע און געהרגעטע זיינען געשאָסן געוואָרן פון הינטן. אַזאַ ווילדע, גרויליקע רציחה איבער אומבאַוואָפנטע מענטשן איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. די שיסעריי האָט געדויערט 15 מינוט. מען האָט געצילט אין איינצעלנע מענטשן (פון „Czerw. Sztandar“, ציטירט לויט דער „איסקראַ“ נומ׳ 100). בסך־הכּל איז אין דעם טאָג, לויט די ידיעות פון דעם קאָרעספּאָנדענט פון דעם „פּראָלעטאַריער“, דערהרגעט געוואָרן 60 מאַן און פאַרוווּנדעט ביז צוויי הונדערט.

אין לאָדז זיינען בשעתן צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי דערהרגעט געוואָרן 7 מאַן און מצד דער פּאָליציי — 5 און עטלעכע שפּיאָנען („פּאָס. איזוו.“ נומ׳ 232).

די בונדישע אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט אומעטום אַרויסגעטראָטן זעלבשטענדיק, אין אייניקע ערטער זיינען זיי געגאַנגען צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַרטייען: אין קיעוו מיט דער אוקראַינישער אַרבעטער־פּאַרטיי (רפ״או), אין ריגע — מיט די „מענשעוויקעס“ און דער לעטישער סאָצ.־דעמ., אין ליבוי — מיט די לעטישע סאָצ., אין אָרשע און אין סמאָרגאָן — מיט דעם צפון־מערבדיקן קאָמיטעט פון דער רסדאַ״פּ, אין לאָדז און אין וואַרשע — מיט דער פּס״ד.

וועגן דעם, ווי אזוי די איבעריקע יידישע פארטייען האבן זיך באצויגן צו דעם ערשטן מאי, דערציילן אונז פאלגנדע ידיעות, וואס מיר פארמאגן: אין טשערקאס, קיעווער גוב., האבן די ציוניסטן, לויט די ווערטער פון דעם קארעספאנדענט פון „פאסל. איזוו.", „אנגעווענדט אלע מיטלען, כדי צו שטערן די דעמאנסטראציע", אין באברויסק האבן זיך די „פועלי־ציון" ניט פאראייניקט צום אלגעמיינעם שטרייק, און מען האט זיי מיט גוואלט געדארפט אראפנעמען פון דער ארבעט, אין יעקא־טערינאסלאוו און אין ניקאלאיעוו האבן זיי זיך באטייליקט אין דעם אלגעמיינעם שטרייק.

אין ראיאן פון „בונד" האט מען, אחוץ אין ריגע און ליבוי, אומע־טום געפייערט דעם ערשטן מאי לויטן נייעם סטיל — דעם 18טן אפריל אלט. סטיל. אין די צוויי שטעט — לויטן אלטן סטיל.

ניט געלונגען איז געווען דער פרווו אים דורכצופירן אין קיעוו און אין יעקאטערינאסלאוו.

הגם דער צ"ק האט פארגעלייגט די ארגאניזאציעס ניט צו מאכן קיין דעמאנסטראציעס דעם 18טן אפריל, זיינען זיי פונדעסטוועגן פארגעקומען אין אייניקע שטעט, ווי, למשל: אין פלאצק (אין איין דעמאנסטראציע האבן זיך באטייליקט 500 מאן, און אין דער אנדערער — 1000 יידן און פאליאקן צוזאמען), אין שעדלעץ (1000), אין לוצין (איינע פון 40—50 און די אנדערע פון 150—200), אין מאזיר, אין וולאצלאוועק, אין לאדז, אין קאליש, אין ווארשע, אין קאוונע, אין ארשע, אין ביכאוו, אין ראַ־האטשאוו, אין שאדאווא, אין קרעסלאווקע (300—400), אין טאלאטשין, אין שקלאוו, אין ווישטינעץ (50), אין יאנאוויטש, אין סמארגאן, אין מינסק, אין סלאנים, אין ריגע. כמעט אומעטום אן דעם וויסן און קעגן דעם ווילן פון די ארטיקע קאמיטעטן.

דאס פייערן דעם ערשטן מאי 1905 אין דעם בונדישן ראיאן איז באצייכנט מיט דער אייניקייט פון דער ארויסטרעטונג פון דעם יידישן פראלעטאריאט. דאס האט זיך איינגעגעבן דערפאר, וואס מען האט עס פון פריער צוגעגרייט און ארגאניזירט.

די פאליציי האט מיט אירע פראוואקאטארישע מעשים ניט דער־גרייכט איר הויפט־ציל: אראפרייסן די פייערונג פון דעם פראלעטארישן יום־טוב. די פייערונג האט זיך, בלי־ספק, פארקלענערט אין איר פארנעם, נאר דאך איז זי געווען זייער באדייטנד. דער יידישער פראלעטאריאט האט אין דעם טאג דעמאנסטרירט די קראפט פון זיינע ארגאניזאציעס, די באוווסטזיניקייט, די אקטיוויטעט, די גרייטקייט צום קאמף, וועלכע האט זיך אנגעקליבן אין דער יידישער מאסע, די טיפע ווארצלען, וואס די

באוועגונג האָט געלאָזט אין דער יידישער אַרבעטער־מאַסע, און, מיט דעם אַליין, מיטגעווירקט איר ווייטערדיקער פאַרשטאַרקונג.

און, ווירקלעך, נאָך דעם ערשטן מאַי איז דער איינפלוס פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער געוואַקסן: עס פאַרגרעסערט זיך די פאָדערונג אויף אומלעגאַלער ליטעראַטור, עס פאַרגרעסערט זיך די צאָל אַרבעטער, וואָס וויקלען אַריין אין דער פּאַרטיי, די בונדישע פאַרזאַמלונגען ווערן געזונטער באַזוכט, די פּראָפּאַגאַנדע נעמט אַרום אַלץ מער און מער די ברייטע מאַסן. און דאָס אַלץ ניט געקוקט אויף די רעפּרעסיעס, וועלכע האָבן זיך אומאויפהערלעך געשאָטן אויף די בונדישע אָרגאַניזאַציעס, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די, וואָס האָבן געהערט צו זיי, האָט דערוואַרט שווערע ליידן [1].

דעם 24, 25 און 26 מאַי האָב די אומבאַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער אָנגעהויבן צו שלאָגן די אַזויגערופענע „לאָבוזעס" (שלעפּערס און כוליגאַנעס) און פּלינדערן די שאַנד־הייזער. די אַרויסטרעטונג פון אַט דעם טייל יידישע אַרבעטער איז געווען אַן ענטפער אויף די אומאָרדענונגען פון די לאָבוזעס, וועלכע זיי האָבן געמאַכט בשעת די יאַנואַר־שטרייקן. די לאָבוזעס האָבן דעמאָלט אונטערן שוץ פון דער פּאָליציי און סאָלדאַטן, אונטערגעהעצט דורך פּראָוואָקאַטאָרן, געראַבעוועט די געוועלבער און געשלאָגן די באַפעלקערונג.

די דאָזיקע געשעענישן האָבן אין יענער צייט אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל. די פּאָליציי האָט זיי פאָרגעשטעלט אַלס אַקציע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם „בונד". אָבער אין אמתן איז דאָס ניט מער ווי אַן אויסגעטראַכטע מעשה — כדי צו קאָמפּראָמעטירן די אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. פאַרקערט, די מיטגלידער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געמיט, ווי ווייט מעגלעך, צו באַרויקן די מאַסע, עפענען פאַר איר די קאָרטן פון דער פּאָליציי און אויף אַזאַ אופן פאַרהיטן די ווייטערדיקע בלוט־פאַרגיסונג [2].

---

1 אַלס מאַטעריאַל פאַר דעם קאַפּיטל וועגן ערשטן מאַי האָבן אונז געדינט די מאַטעריאַלן פון די ענינים פון היסט.־רעוו. אַרכיוו פון פּאָליצ.־דעפּ.: VI ענינים 1905, נומ' 4, 7, 9, 11—13, 15, 17; באַנד II, III, IV, בויגן A, 23, 24, 28, 31—35, 39—42, 48, 49, 51, 56, 63, 66—69, 75, נומ' 5, באַז. אָפּט. ט. 3, בויגן A, Б, B, 4 בויגן, A—E, באַנד Ж, 6, בויגן A, טייל 2, 3, בויגן Б, 7, בויגן Б, 23, בויגן A, 30, בויגן A, 32, 32, באַנד II, III, בויגן A, 35—40, 46, 48, 56, בויגן Б 57, 62, בויגן A; „פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ", „איסקראַ", „וופּעריאָד", „פּראָלעטאַרי", „רעוו. ראָסיאַ", „אָסוואָבאָזשדעניע" און „דער פריינד".

2 „פּאָסל. איזוו.", נומ' 233, די קאָנטרעוואָלוציע אין וואַרשע".

דער ווארשעווער קאמיטעט פון „בונד" האט אין צוזאמענהאנג מיט די געשעענישן געשריבן אין זיין פראקלאמאציע: „דער פלאן פון דער ווארשעווער רעגירונג איז קלאר. זי האט געוואלט ארויסרופן א געשלעג צווישן די ארבעטער און די לאבוסעס, כדי נאכדעם ארויפצווארפן זיך אויף די ארבעטער, זיי איינשטילן און מאכן ארדענונג. אין שטאט וואלט געווארן א שחיטה, ווארשעווער גאסן וואלטן זיך געבאדן אין בלוט. דעמאלט וואלט די רעגירונג דערקלערט די שטאט אין קריגס־צושטאנד און געשריען פאר דער גאנצער וועלט, אז די יידן האבן אליין ארויסגערופן די שחיטה, אז דער יידישער פראלעטאריאט איז ווילד און חיהש, אז ער האט ראבירט, געשטערט די ארדענונג, און אז דאס מיליטער איז געווען געצוונגען, כדי איינצושטילן די אומארדענונגען, צו באנוצן זיך מיט די לעצטע מיטלען. אין דעם גייסט האבן שוין היינט די פוילישע צייטונגען געשריבן. אן אלטע מעשה!"[1].

אין דעם זעלבן זין האבן וועגן די ווארשעווער געשעענישן אויך געשריבן די „פאסל. איזוו.", דער ארגאן פון דעם אויסלענדישן קאמיטעט פון „בונד": „דער ציל פון דער רעגירונג, וועלכע האט ארויסגערופן דעם פאגראם אויף דעם ווארשעווער לומפן־פראלעטאריאט, איז קלאר: אויסלאדן די רעוואלוציאנערע ענערגיע פון דעם יידישן פראלעטאריאט, אנווענדנדיק זיי קעגן די סאמע אומגליקלעכסטע קרבנות פון דער קאפיטאליסטישער ארדענונג, און, אויף אזא אופן, איינהאמעווען דעם שנעלן וווקס פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג אין ווארשע; ווארפן א שאטן אויף דעם יידישן פראלעטאריאט און זיין ארגאניזאציע, שטעלנדיק אויף זיין חשבון די אלע ווילדקייטן און מערדערייען, וועלכע זיינען אפגעטאן געווארן דורך אומבאוווסטזיניקע עלעמענטן; אנווארפן א שרעק אויף דער בורזשואזיע פאר דער קומענדיקער רעוואלוציע, וועמעס טרעגער עס איז דער פראלעטאריאט, וועלכער איז פעיק צו אזעלכע עקסצעסן, און זי ווארפן אין די אָרעמס פון דער קאנטר־רעוואלוציע; צו זייען א טיפע שנאה צווישן דעם יידישן ארבעטער און די איינוווינער פון דער אונטערוועלט און מלינהס, כדי אויף אזא אופן נאך לייכטער צו עקספלואטירן די יידישע לומפן, אלס געווער אין קאמף קעגן דער רעוואלוציע; און ענדלעך, צו באווארענען זיך מיט אן אויסגעצייכנטן תירוץ אויף צו פארשטארקן דעם קאזאקישן רעזשים אין ווארשע און אויף אכזריותדיקע רעפרעסיעס קעגן דעם ווארשעווער פראלעטאריאט"[2].

---

1 דארט.

2 דארט.

אין מאַי איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינער שטרייק פון אַלע יידישע בערשטער אין דעם גאַנצן ראַיאָן פון דער בערשטער־פּראָדוקציע. דער שטרייק איז באַשלאָסן געוואָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די פאָרשטייער פון די אַרבעטער־בערשטער מיט דעם אָנטייל פון אַ פאָרשטייער פון צ"ק פון „בונד". די הויפּטפאָדערונג פון די בערשטער איז געווען דאָס איינפירן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, צו וועלכער עס איז נאָך צוגעגעבן געוואָרן פאָלגנדעס: איינפירן וואָך־שכירות אָדער העכערן דעם פּרייז פון שטיק־אַרבעט אין ערך מיט דער פאַרקירצטער אַרבעטס־צייט, אַ גאַראַנטיע אויף אַרבעט ניט ווייניקער ווי 40 וואָכן אין יאָר, די אינסטרומענטן ווערן געקויפט דורך די באַלעבאַטים [1].

אין יוני איז אין לאָדז פאָרגעקומען אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד, אין וועלכן עס האָבן אַ גרויסן אָנטייל גענומען אויך די יידישע אַרבעטער. דעם 18 יוני נ. סט. איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פון בערך 1000 אַרבעטער פון פּפּ"ס, פּס"ד און „בונד". די קאָזאַקן זיינען אָנגעפאַלן אויף דער דעמאָנסטראַציע און אַן אַ התראה אָנגעהויבן צו שיסן. מען האָט זיי געענטפערט מיט אַ האָגל שטיינער און מיט אַ שיסעריי פון די פענסטער; עס זיינען געווען פּרוּוון צו מאַכן באַריקאַדעס. עס זיינען געווען אַ סך געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. דעם 20טן יוני האָבן די פּס"ד און „בונד" איינגעאָרדנט בשעת דער לוויה פון די געפאַלענע אַ גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע. די פאַבריקן און וואַרשטאַטן זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין דער לוויה־דעמאָנסטראַציע האָבן זיך באַטייליקט ביז 50.000 מאַן. עס זיינען געווען אַ סך קרענץ, רויטע און שוואַרצע פאָנעס פון פּס"ד, פּפּ"ס און „בונד". די פּראָצעסיע איז געגאַנגען איבער די צענטראַלע גאַסן. דאָס זינגען פון רעוואָלוציאָנערע לידער האָט ניט אויפגעהערט. „די גראַנדיעזקייט פון דעם בילד, — דערציילט איין צושויער, — לאָזט זיך גאָרניט באַשרייבן. די סאָלידאַריטעט צווישן די יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער איז אַ וווּנדערלעכע. די אָרטיקע פּרעסע טענהט, אַז אַפילו אין די יאַנואַר־טעג איז אַזעלכעס אין לאָדז ניט געווען. דער געדראַנג פון דעם עולם אויף דעם בית־עולם איז געווען אַזאַ גרויסער, אַז מער פון אַ דריטל האָט ניט געקענט אַריין. די טרומנעס האָט מען אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד, דער קרייז אַרום זיי האָט זיך באַצייכנט מיט די הויך געהאַלטענע פאַראייניקטע שוואַרצע און רויטע פענער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רעדעס אויף פּויליש און אויף יידיש. בלויז דורך אונזערע רעדנערס זיינען געהאַלטן געוואָרן אַכט רעדעס. היות ווי די אוידיטאָריע

---

1 דאָרט.

איז געווען אן אומגעהייערע, האבן גערעדט מיט אמאל, אין פארשיידענע עקן, פינף רעדנער. די לופט האט געציטערט פון די מעכטיקע רעוואלו־ציאנערע אויסרופן און פון די „הורא"־געשרייען, וועלכע האבן זיך ארויסגעריסן פון די צענדליקער טויזנטער הערצער. ס'ארא פייערלעך גראנדיעז בילד! אזעלכע מינוטן לעבט מען איבער נאר איינמאל אין לעבן" [1].

דעם אנדערן טאג, דעם 21טן, איז ווידער פארגעקומען א גראנדיעזע דעמאנסטראציע, עס האבן זיך באטייליקט ביי 100.000 מאן. „דא זיינען געווען פרויען, קינדער, יונג און אלט. די פענסטער, די באלקאנען, די דעכער פון די הייזער, די זייטיקע גאסן האבן געווימלט מיט מענטשן. די אויפלעבונג, דאס געזאנג, די אויסגעשרייען „זאל לעבן די רעוואָ־לוציע!" האבן אויפגעטרייסלט די לופט, און אלע האבן געגלויבט, אז די קייטן פון שקלאפעריי האבן זיך איבערגעריסן אויף שטענדיק, אז די רעוואלוציע האט ענדגילטיק געזיגט: דאס איז געווען אנגעשריבן אויף אלע פנימער, וועלכע האבן געאטעמט מיט גרייטקייט זיך ווארפן אין דעם קאמף... ארום און ארום האבן מיר באגעגנט בלויז א באגריסונג און אל־געמיינעם מיטגעפיל; קיין פאליציי איז ניטא, — ווער זשע איז נאך געבליבן, וואס זאלן אונז ניט מיטפילן?.." [2].

די פאליציי און דאס מיליטער האט צוגעגרייט פאר די דעמאנ־סטראנטן א פאסטקע. אויף די צענטראלע, ברייטע גאסן האבן זיי די דעמאנסטראנטן ניט געטשעפעט, נאר ווי זיי האבן זיך פארקערעוועט צו די שמאלע און ענגע גאסן פון דער פארשטאט, האט זיך אנגעהויבן אן אומברחמנותדיק באשיסן דעם פרידלעכן עולם. עס זיינען געפאלן א סך פארוואונדעטע און געהרגעטע.

דעם צווייטן טאג האבן די פפ"ס, די פס"ד און דער „בונד" גער־רופן די ארבעטער צו א פאליטישן שטרייק. אין שטאט האט געדויערט די שיסעריי מיט דעם מיליטער. עס האבן זיך געבויט באריקאדן. „מא־טעריאל האט מען געקראגן פון אלע זייטן. די הויזוועכטער אליין האבן געהאלפן בויען. אין איין הויף זיינען געווען צוגעגרייט קאסטנס, פעסער; אויף פעטראקאווער גאס האט מען ארויסגעשלעפט די שטיינער פון ברוק; מען האט אראפגעריסן די שילדן. די לאמטערנס זיינען געווען צעבראכן; ארום האט געהערשט א חושך. דער רעגן, וואס האט דעמאלט געגאסן,

---

1 „פאסל. איזוו.", נומ' 283, „די בלוטיקע וואך אין לאדז".

2 דארט.

האָט קיינעם ניט אָפּגעשטעלט: אָט שלעפּט איינער אַ האַנט־וועגעלע, אַ צווייטער שלעפּט אַ טיש, אַ דריטער — שטיינער... פּלוצים איז די גאַס באַלויכטן געוואָרן: אויף וואָסקאַדניע האָט מען אונטערגעצונדן די „מאָנאָפּאָלקע". אַלע שרייען אין איין קול: „גיט אונז באָמבעס, באָמבעס, באָמבעס!" [1].

דעם 22 און 23 יוני איז אין לאָדז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד פון לאָדזער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז באַגלייט געוואָרן מיט בלוטיקע צוזאַמענשטויסן און שלאַכטן מיטן מיליטער און מיט דער פּאָליציי. דעם 22טן יוני האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער שטרייק, אַלע קאַפעס, רעסטאָראַנען, האָטעלן, שוין ניט רעדנדיק וועגן די געוועלבער, זיינען געשלאָסן; די באַוועגונג אין שטאָט האָט זיך אָפּגעשטעלט, אין די גאַסן זעט מען ניט קיין איין דראָזשקע. אין משך פון טאָג זיינען געמאַכט געוואָרן אַ סך אָנפאַלן אויף שפּיאָנען, פּאָליציאַנטן און קאָזאַקן. אָוונטצייט האָט מען אין די יידישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן אָנגעהויבן בויען באַריקאַדן, וועלכע האָבן דערגרייכט די צאָל פון 10 (אַנדערע ווילן האָבן, אַז 30). די שלאַכט אין משך פון דעם אָוונט און דער גאַנצער נאַכט צווישן די קאָזאַקן און סאָלדאַטן, פון איין זייט, און די אַרבעטער, דערהויפּט יידישע, פון דער אַנדערער — איז געווען זייער אַ פאַרביטערטע. די אַרבעטער האָבן געשאָסן פון די באַריקאַדן, פון די דעכער, פון די פענסטער; מען האָט געשאָסן פון רעוואָלווערן, פון ביקסן, וועלכע מען האָט צוגענומען ביי די סאָלדאַטן; געוואָרפן שטיינער, אָפּגעגאָסן די אָנפאַלער מיט נאַפט; אייניקע הייזער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אמתע פעסטונגען, פון וועלכע מען האָט אַ לענגערע צייט זיך איבערגעשאָסן מיט די באַלעגערער. אין איין קאַזאַרמע האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע. פון די קאָזאַקן און סאָלדאַטן זיינען געהרגעט געוואָרן עטלעכע צענדליק מאַן, צווישן זיי עטלעכע אָפיצירן; עס איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן דער זשאַנדאַרמעריע־פּאָלקאָווניק אַנדרייעוו. די צאָל פון די געפאַלענע אַרבעטער איז שווער פעסטצושטעלן אפילו לפי־ערך, אָבער אפילו לויט דער אָפיציעלער טעלעגראַם דערגרייכט זי 2000. די פאַרוואונדעטע זיינען שעהנווייז געבליבן ליגן אויף דער גאַס אָן שום מעדיצינישער הילף. פרייטאָג זיינען אונטערגעצונדן געוואָרן ביז 30 „מאָנאָפּאָלקעס" (בראָנפן־קראָמען). דער צופיר פון שפּייז־פּראָדוקטן האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. עס גרייטן זיך אייליק צו דירות פאַר 8000 סאָלדאַטן. פרייטאָג (דעם

1 דאָרט,

23טן) ביינאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן בויען באַריקאַדן אין די פּוילישע און דייטשע קוואַרטאַלן״ [1].

דער לאָדזשער אויפשטאַנד האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין וואַרשע. מאָנטאָג, דעם 13 (26) יוני האָבן דער „בונד״ און די פּ.פּ.ס״ד געפּרוּווט אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק און אַ דעמאָנסטראַציע. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע פאַבריקן, זאַוואָדן און וואַרשטאַטן. און דאָך איז דער שטרייק דורכגעפירט געוואָרן אין דער פולער מאָס בלויז אין די יידישע קוואַרטאַלן. אין די איבעריקע טיילן פון שטאָט איז ער ניט געלונגען. עס האָט זיך אויך ניט איינגעגעבן איינצואָרדענען אַ דעמאָנסטראַציע, ווייל די גאַנצע שטאָט איז געווען פאַרפלייצט מיט מיליטער. אין די יידישע קוואַרטאַלן האָט מען אָנגעהויבן בויען באַריקאַדן. אויף איין קליינער גאַס זיינען געווען פינף באַריקאַדן, אויף די אַנדערע — צו עטלעכע. די אַרבעטער האָבן אַרויסגעריסן די שטיינער פון ברוק, אַראָפּגעריסן די שילדן פון די קראָמען, געבראַכט צו שלעפּן פון די הויפן פּעסער, מיסטקאַסטנס און דאָס אַלץ צונויפגעלייגט און באַפעסטיקט מיט טעלעפאָן־דראָטן. נאָר אויך די דאָזיקע קליינע גרופּע אַרבעטער זיינען ניט געווען גענוג באַוואָפנט און לאַנג זיך האַלטן אויף די באַריקאַדן אונטער די ביקסן פון די סאָלדאַטן איז פשוט געווען אוממעגלעך. די סאָלדאַטן האָבן צעשאָסן די באַריקאַדן און זיי איינגענומען איינע נאָך דער אַנדערער. און אויפן אָרט האָט מען דורכגעפירט אַ מאַסע אַרעסטן [2].

אין די אָדעסער יוני־געשעענישן האָבן די בונדיסטן גענומען אַ גרויסן אָנטייל. דאָ איז פאָרגעקומען אַ שטרייק פון די פּערעסיפּער אַרבעטער, וועלכער האָט שוין געדויערט זעקס וואָכן, נאָר אַלץ אָן ערפאָלג, ווייל די באַלעבאַטים האָבן ניט געוואָלט נאָכגעבן. דעמאָלט איז ביי דער איבעריקער אַרבעטערשאַפט באַשלאָסן געוואָרן איינצואָרדענען אַן אַלגעמיינעם שטריק, כדי אונטערצוהאַלטן די פּערעסיפּער אַרבעטער. דעם 13טן יוני אַלט. סט. האָט דער קאָמיטעט פון „בונד״, אונטערגעשטיצט דורך די „מענשעוויקעס״, גערופן דעם אָדעסער פּראָלעטאַריאַט צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק. די אַרבעטער האָבן זייער גערן געוואָרפן די אַרבעט און אין איניקע ערטער איז געקומען צו אַ שיסעריי מיט דער

[1] דאָרט. לויט די צייטונגס־ידיעות, איז די פרידלעכע יידישע באַפעלקערונג פון שרעק מאַסנווייז אַנטלאָפן פון דער שטאָט. אַזוי זיינען אין משך פון 25טן יוני אַרויס־געפאָרן 20.000 יידן.

[2] „פּאָסל. איזוו.״, נום׳ 239, „דער אָפּקלאַנג פון דעם לאָדזשער אויפשטאַנד אין וואַרשע״.

פּאָליציי, וועלכע האָט געוואָלט ניט דערלאָזן דעם שטרייק. דעם 14טן יוני האָבן די אָפּטיילונגען ווייטער אָראָפּגענומען די אַרבעטער פון דער אַר־בעט. „דער המון אַרבעטער איז אויף די גאַסן אַלץ געוואַקסן. די קאָזאַקן, וואָס האָבן געוואָלט פונאַנדערטרייבן דעם עולם, האָט מען אַלע מאָל באַגעגנט מיט אַ האָגל שטיינער, וועלכע מען האָט דאָ אויפן אָרט אַרויס־געריסן פון דעם ברוק. אין דער באָמבאַרדירונג מיט די שטיינער האָבן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל די מיידלעך. די צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָ־ליציי און מיט דעם מיליטער זיינען פאָרגעקומען אויף אַלע גאַסן. פון אַלע זייטן האָבן אונזערע חברים (בונדיסטן) געבראַכט ידיעות וועגן צו־זאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און קאָזאַקן און וועגן פאַלן, ווען עס האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטוואָפענען אָדער צו דערהרגענען פּאָליציאַנטן. עס איז פשוט אוממעגלעך איבערצודערציילן די אַלע פאַקטן, ווי אַזוי די מאַסע האָט אַקטיוו אַרויסגעוויזן איר רעוואָלוציאָנערישקייט. אָוונטצייט זיינען אוספּענסקי־גאַס, צווישן פּרעאָבראַזשענסקי און מעשטשאַנסקע און אויף קליין אַרנאַוטסקע אויסגעוואַקסן באַריקאַדן פון עטלעכע אַרשין די הייך. די סאָלדאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איינצונעמען די ערשטע באַריקאַדע, נאָר עס האָט זיך אויף זיי אַ שאָט געטאָן אַ האָגל שטיינער און רעוואָלווער־קוילן. די באַריקאַדע האָט זיך געהאַלטן אַ האַלבע שעה. די געוועלבער האָבן זיך נאָך פאַר דעם געשלאָסן. דער פערד־טראַמוואַי איז אויף איניקע גאַסן אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך די אַרבעטער און די וואַגאָנעס האָבן זיי אומגעוואָרפן אינמיטן גאַס". „אונטערפירנדיק דעם סך־הכל פון דעם דאָזיקן טאָג, קאָנען מיר זאָגן, אַז כמעט אַלע אָדעסער יידישע אַרבעטער זיינען אין אָט דעם טאָג געווען אין גאַס. די שטימונג איז געווען אַזאַ, אַז די גאַנצע צייט זיינען די אָנפאַלער געווען ניט די קאָ־זאַקן, נאָר די אַרבעטער. די לעצטע האָבן מלחמה געהאַלטן קעגן דער זעלבסטהערשונג, הגם עס זיינען צווישן זיי געווען זייער ווייניק באַ־וואָפנטע". „...אונזער אָרגאַניזאַציע קאָן דעם דאָזיקן דינסטאָג רעכענען אַלס טאָג פון איר ניצחון. מערקווערדיק איז דאָס, וואָס ניט געקוקט אויף דער זעלבסטעטיקייט, וואָס איז אין דעם טאָג אַרויסגעוויזן געוואָרן, ניט בלויז דורך אונזערע אָרגאַניזירטע מיטגלידער, נאָר אויך דורך די ברייטע שיכטן פון דער יידישער מאַסע, האָט די לעצטע די גאַנצע צייט געווען אונטער אונזער השפעה און אַלץ זיך נאָכגעפרעגט: וואָס פאַר אַ באַשלוס די אָרגאַניזאַציע האָט אָנגענומען בנוגע דעם ווייטערדיקן גאַנג. רוסישע אַרבעטער זיינען אין דעם טאָג געווען זייער ווייניק, ווייל די פאָרשטעט זיינען געווען אָפּגעשניטן דורך מיליטער־קאָרדאָנען. אין די צוזאַמענ־שטויסן אין דעם דאָזיקן טאָג האָבן זיך אויסשליסלעך באַטייליקט די

יידישע ארבעטער, דערביי האָבן אומעטום זיך באַטייליקט אונזערע (בונ־דישע) מיטגלידער [1].

לויט די ווערטער פון אן אנדער אָנטיילנעמער פון די געשעענישן, א בונדיסט, „איז די רעוואָלוציאָנערע שטימונג ביי די מאַסן אַלץ געוואַקסן; די מיטגלידער פון אונזער (בונדישער) אָרגאַניזאַציע האָבן ארויסגעוויזן א גוואַלטיקע ענערגיע און אן אומגעהייערע קאַמפּסלוסטיקייט; אונזער קאַמפּס־אָפּטיילונג האָט אויסגעצייכנט געאַרבעט, זי איז אומעטום געקו־מען צו דער צייט און ארויסגעוויזן א העלדישן ווידערשטאַנד דער פּאָ־ליציי". „...די טעטיקייט פון די איבעריקע אָרגאַניזאַציעס האָט מען כמעט ניט באַמערקט" [2].

דעם צווייטן טאָג, דעם 15טן, איז צו אָדעס צוגעקומען די אויפ־געשטאַנענע פּאַנצערשיף „פּאָטיאָמקין־טאַווריטשעסקי". די בונדיסטן זיינען פון די ערשטע אריינגעדרונגען אויף דער שיף און זייערע רעדנערס האָבן דאָרט געהאַלטן פלאַמיקע רעדעס פאַר די מאַטראָסן. דעלעגאַציעס פון די באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס און בונדיסטן זיינען איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער קאָמאַנדע פון דער פּאַנצערשיף אויף א באַראַטונג וועגן דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַקציע. אין האַפן זיינען אָן אויפהער פאָרגעקומען אומגעהייערע פּאָליטישע מיטינגען... צווישן די רעדנערס האָט א גוואַלטיקן ערפאָלג געהאַט איינע א בונדיסטין, וועלכע מען האָט ממש געטראָגן אויף די הענט [3].

פון יוני אָן האָבן זיך באַזונדערס פארשטאַרקט די פּאָליציי־רעפּ־רעסיעס. מען פלעגט אָפּט שיסן אויף די ארבעטער־„בערזעס". די צאָל פון געהרגעטע און פארוווּנדעטע האָט ערטערווייז דערגרייכט אין די צענדליקער און אין די הונדערטער. אין בערדיטשעוו זיינען געווען ארי־בער 60 פארוווּנדעטע, אין האָמעל — ביז 30, אין פּינסק זיינען געווען דריי דערהרגעטע און א סך פארוווּנדעטע, אין מינסק זיינען ביי א צוזאַ־מענשטויס מיט די קאָזאַקן געווען 2 געהרגעטע און א מענגע פארוווּנ־דעטע. אין ריגע — א סך דערהרגעטע; אין וואַרשע זיינען צעשלאָגן און ארעסטירט געוואָרן העכער 350 מאַן, אין ווילנע ביי 100. דעם 30טן יולי איז אין ביאַליסטאָק פאָרגעקומען א שרעקלעכע הריגה. די אַנאַר־כיסטן האָבן געוואָרפן א באָמבע אין א פּאַטרול, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דער בונדישער „בערזע". דורך די שפּליטערס פון דער באָמבע איז

---

1 „פּאָסל. איזוו.", נומ' 241, „דער אָדעסער אויפשטאַנד".

2 „פּאָסל. איזוו.", נומ' 242, „די אָדעסער געשעענישן".

3 דאָרט.

געהרגעט געוואָרן די טיכטיקע טוערין פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אסתר ריסקינד. דאָס מיליטער האָט אָנגעהויבן שיסן. לויט די ווערטער פון דעם קאָרעספּאָנדענט, וועלכער איז דאָס בייגעווען, „האָט זיך פון אַלע זייטן אָנגעהויבן אַ שיסעריי. די שיסעריי האָט געדויערט עטלעכע שעה דורכאַנאַנד ביז שפּעט אינאָוונט. מען האָט געשאָסן אויף די פאַרבייגייער, אין די פענסטער, טירן און טויערן; די פאַרוואונדעטע האָט מען דערשאָסן און דערשטאָכן. מער פון אַלץ האָט מען געשאָסן אין די גאַסן, וואָס זיינען נאָענט פון דער סוראַזשער גאַס, אָבער מען האָט אויך ניט געשאַנעוועט די איבעריקע גאַסן. מען האָט געשאָסן קינדער, זקנים, פרויען און מענער. אַ ייד האָט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ אַ קוק צו טאָן, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס, האָט מען אים דערשאָסן. אַ זון לויפט צום פאָטער — מען האָט אים דערהרגעט. אַ פאָטער לויפט זוכן זיינע קינדער — האָט מען אים דערהרגעט. אין גאַס איז געגאַנגען אַ סטאָלער מיט זיין פרוי און קינדער. זיי האָבן דערהערט שיסן. די פרוי מיט די קינדער זיינע אריין אין אַ שטוב, דער סטאָלער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ טויער; עס איז צוגעגאַנגען אַ סאָלדאַט און אים דערשאָסן אויפן אָרט. אַ 65-יעריק ייד איז געגאַנגען פון דער שול. אַ סאָלדאַט האָט אים דערשאָסן אַ צוואַנציק שפּאַן פאַר זיין שטוב. זיין 24-יאָריקער זון, וועלכער איז ערשט מיט 2 וואָכן צוריק געקומען אויף דערהוילונג פון דער מלחמה, האָט דאָס דערזען דורך דעם פענסטער. ער לאָזט זיך לויפן צום פאָטער. דער זעלבער סאָלדאַט שיסט אין אים, און דער זון פאַלט אַ בלוטנדיקער אויפן טויטן קערפּער פון זיין דערהרגעטן פאָטער. די שרעקלעכע בילדער פון אָט דער רציחה איז מען גאָרניט אימשטאַנד צו באַשרייבן. די סאָלדאַטן זיינען געוואָרן צעווילדעוועט און געשאָסן ניט נאָר אויף יידן, אָבער געצילט האָבן זיי נאָר אין זיי. ניט קיין יידן האָט מען דערהרגעט כמעט צופעליק. און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט אַן אויסגערעכנטער, קאַלטבלוטיקער רציחה"[1].

די הריגה איז געווען פון פריער צוגעגרייט. די סאָלדאַטן זיינען טיילווייז געווען שיכור. דערהרגעטע זיינען געווען אריבער 50, און פאַרוואונדעטע העכער 150. די בונדישע אָרגאַניזאַציע און די פּס"ד האָבן אַלס צייכן פון טרויער ערקלערט אויף איינעם פון די נאָענטסטע טעג אַן אַלגעמיינעם שטרייק. אין ווארשע, אין ראַדאָם, אין פּינסק און אין אייניקע אַנדערע שטעט האָט מען אַלס פּראָטעסט קעגן דער ביאַליסטאָקער הריגה ערקלערט אַן אַלגעמיינעם שטרייק.

---

1 „פּאָסל. איזוו.", נומ' 247.

* * *

די ארויסטרעטונג פון דעם יידישן פראלעטאריאט אין די אקטאבער־ און נאוועמבער־טעג האט אויף דעם פאן פון די גראנדיעזע געשעענישן, אלגעמיינע שטרייקן, דעמאנסטראציעס און באריקאדן־שלאכטן, וועלכע האבן פארכאפט די אומגעהייערע רוסישע באפעלקערונג, פארנומען א באדייטנדיק קלענערן ארט אויף דעם בילד פון די אלגעמיינע געשעענישן אין דעם לאנד, איידער אין די יאנואר־ און מאי־טעג.

לויטן באשלוס פון „בונד" און דער „גרופע פון דער רסדא"פ" האט זיך דעם 17טן אקטאבער אין וויטעבסק אנגעהויבן אן אלגעמיינער שטרייק. דעם 16טן איז אין שול געווען א מיטינג, אויף וועלכן עס איז געקומען אן עולם פון 4000 ביז 5000 מאן. מען האט געהאלטן רעדעס מיט א רוף צו אן אלגעמיינעם שטרייק און מען האט פונאנדערגעווארפן בלעטלעך פון דעם קאאליציע־קאמיטעט: „ווארפט די ארבעט!" דעם 17טן האבן געווארפן די ארבעט אלע ארבעטער פון דער שטאט, אחוץ די ארבעטער פון דעם אייזנבאן־דעפא. דאס מיליטער און די פאליציי האט ארעסטירט ארבעטער און זיי מערדערלעך געשלאגן. אויף איין ארט זיינען די ארבעטער אנגעפאלן אויף א פאטרול, וועלכער האט ארעסטירט אן ארבעטער. נאכדעם האט זיך אנגעהויבן א ווילדע רציחה. די קאזאקן זייען ארויפגעריטן אויף די טראטוארן, געטריבן דעם עולם אין די שמאלע געסלעך און דארט זיך מיט זיי אפגערעכנט. די פאליציאנטן האבן געארבעט מיט די שווערדן. א סך האבן זיך געווארפן אין דער דווינע, כדי זיך אויף אזא אופן ראטעווען פון קלעפ. לעבן דעם פייערלעשער־דעפא האט מען די פארבייגייענדיקע יידן און לערן־יוגנט ארייגעשלעפט אין הויף אריין און דארט אומברחמנותדיק געשלאגן מכות־רצח. אין אוונט האט זיך אנגעהויבן א פאגראם. שיכורע רעקרוטן און רעזערוויסטן האבן אונטער דער אנפירונג פון פאליציאנטן און פריסטאוועס געשלאגן יידן און ראבירט יידישע קראמען. דער קאאליציע־קאמיטעט האט באשלאסן צו ארגאניזירן א יידישע זעלבסטשוץ.

דעם צווייטן טאג איז אין שטאט באוווסט געווארן, אז עס איז ארויס דער „מאניפעסט". און דאך האבן די קאזאקן אויך דעם 18טן אקטאבער געשאסן אויף די פארבייגייער. עס זיינען דערהרגעט געווארן 7 מאן, צווישן זיי 4 בונדיסטן. המונים ארבעטער האבן מאניפעסטירט איבער די גאסן. עס זיינען איינגעארדנט געווארן גרויסע מיטינגען צו 20 טויזנט מאן. אין איין ארט האבן די כוליגאנעס געפרווט אנפאלן אויף דעם עולם, עס איז געקומען צו א שיסעריי און געשלעג. די פארשטייער פון קאאליציע־קאמיטעט האבן געפאדערט פון גובערנאטאר ער

זאָל באַפרייען אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע און אַסיגנירן געלט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אויף צו אָרגאַניזירן אַ מיליץ. דעם 19טן אָקטאָבער איז פאָרגעקומען די לוויה פון די געפאַלענע חברים. עס האָבן זיך באַטיי־ליקט ביז 40 טויזנט מאַן. אַ מענגע פענער, קרענץ מיט רעוואָלוציאָנערע אויפשריפטן. שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג האָט די פּאָליציי ווידער אָנגעהויבן פירן אַ פּאָגראָם־אַגיטאַציע, זי האָט אָרגאַניזירט די כוליגאַנעס, פון 7 גמינעס אַרויסגערופן די אַלטגלויביקע („סטאַראָווערעס"), אייגגעאָרדנט אַ פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציע און אַ פּאָגראָם.

דעם 11טן אָקטאָבער האָט זיך אין האָמעל אָנגעהויבן דער שטרייק פון די אייזנבאַן־אַרבעטער, דעם 12טן זיינען צו אים צוגעשטאַנען די אַרבעטער פון די אייזנבאַן־וואַרשטאַטן. דעם 13טן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן אַלגעמיינער שטרייק. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע פאַב־ריקן, זאַוואָדן און וואַרשטאַטן. עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן גרויסע מיטינגען. דעם צווייטן טאָג זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי. בשעת דער דעמאָנסטראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי מיט דעם מיליטער און דער פּאָליציי. אין צוויי ערטער האָט מען גע־וואָרפן אַ באָמבע אויף די סאָלדאַטן און קאָזאַקן. דאָס מיליטער האָט דערויף געענטפערט מיט אַ שיסעריי אויף די הייזער. עטלעכע מענטשן זיינען געהרגעט געוואָרן. נאָכדעם ווילדעוועט שוין אין משך פון עטלעכע טעג דער פּאָליציייִשער טעראָר. די אָרגאַניזאַציע קאָן זיך אַפילו ניט באַ־שליסן איינצואָרדענען אַ פייערלעכע לוויה פון די געפאַלענע חברים, כדי ניט אַרויסצורופן נייע עקסצעסן מיט זייערע קרבנות. מען האָט געמוזט אָפּרופן דעם אַלגעמיינעם שטרייק, ווייל אָן מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס האָט ער קיין פּנים ניט געהאַט. שפּעטער מיט עטלעכע טעג, נאָכדעם, ווי עס האָט זיך באַקומען דער „מאַניפעסט", האָט מען איינגעאָרדנט גרויסע מיטינגען און מאַניפעסטאַציעס. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן די רע־אַקציע: פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס און פּאָגראָמען[1].

דער פאַרלויף פון די אָקטאָבער־געשעענישן אין די אַנדערע שטעט זיינען אַדורך פונקט אַזוי ווי אין וויטעבסק און אין האָמעל. אומעטום, אין זיעם גאַנצן „תחום" האָט דער רוף צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג: עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע אונטערנעמונגען און האַנדלס־געשעפטן, אַלע פאַבריקן, זאַוואָדן און וואַרשטאַטן. אַ פריידעוו־דיקער עולם האָט איבערפולט די גאַסן, עס זיינען פאָרגעקומען מאַניפעס־טאַציעס און גרויסע מיטינגען. די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע פאַכן זיינען

---

1 „דער בונד", נומ' 10.

אריינגעצויגן געווארן אין דער באוועגונג. כמעט אומעטום זיינען פאר־
געקומען בלוטיקע צוזאמענשטויסן מיט דער פאליציי און מיט דעם מי־
ליטער. גלייך נאכדעם זיינען פארגעקומען פייערלעכע לוויות פון די גע־
פאלענע חברים. די ידיעה וועגן דעם „מאניפעסט" האט די באפעלקערונג
אויפגענומען מיט גרויס באגייסטערונג. עס זיינען צוליב דעם פארגעקומען
מאניפעסטאציעס און מיטינגען. אבער גלייך נאכדעם האט די פאליציי,
לויט א באפעל פון פעטערבורג, איינגעארדנט פאטריאטישע מאניפעס־
טאציעס און יידישע פאגראמען, וועלכע זיינען פארגעקומען כמעט אין
דעם גאנצן „תחום" ניט ווייניקער פון 690, דערביי זיינען געווען 810
דערהרגעטע און 1770 פארוואונדעטע. די יידישע סאציאליסטישע פאר־
טייען (דער „בונד", די „ס"ס", די „פועלי־ציון" און „סיימאווצעס")
האבן אין אייניקע שטעט ארגאניזירט פון ארבעטער און סטודענטן
זעלבסטשוץ־אפטיילונגען, וועלכע האבן אומעטום געקעמפט מיט גרויס
העלדנמוט און געפאלן אלס קרבנות.

אין דעצעמבער, גלייך נאך מאסקווע און פעטערבורג, זיינען אין
א ריי שטעט פון „תחום" פארגעקומען אלגעמיינע שטרייקן, נאר זיי
זיינען לפי־ערך געווען אומבאדייטנדיק, ווייל דער יידישער פראלעטאריאט
איז געווען אנגעשראקן און אפגעשוואכט אדאנק די אקטאבער־פאגראמען.

קאַפּיטל צוועלף

דאָס אַרויסטרעטן פון דעם „בונד“ אויף דער לעגאַלער אַרענע. — די פאַראייניקונג פון „בונד“ מיט דער רסדאַ“פּ. — די רעאָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי אויף די יסודות פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם. — די צענ־טראַליזירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די בערשטער און גאַרבער. — די באַציִונג פון „בונד“ צו די „ראַטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן“. — די וואַלן אין דער ערשטער, צווייטער און דריטער גאָס. דומע.

מיט דעם וווקס און אַנטוויקלונג פון די רעוואָלוציאָנערע געשעע־נישן האָבן זיך אויפגעלעבט די חילוקי־דעות, וואָס זיינען פריער געווען צווישן דעם „בונד“ און דער רסדאַ“פּ, און עס איז אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן פאַראייניקונג. די איניציאַטיוו אין אַט דער פראַגע האָט אַרויסגע־וויזן די רסדאַ“פּ. אויף דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַ“פּ (באָל־שעוויקעס), וועלכער איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1905, איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע רעזאָלוציע „וועגן דער באַציִונג צו די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס“: „נעמענדיק אין אַכט: 1) אַז די אינטערעסן פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט פאָדערן דאָס פאַראייניקן די ס“ד־אָרגאַניזאַציעס פון גאַנץ רוסלאַנד, 2) אַז דער אָפענער קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן קעגן דער זעלבסט־הערשונג און די נאָענטקייט פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד מאַכן אַזאַ פאַראייניקונג פאַר באַזונדערס נויטווענדיק, — באַפולמעכטיקט דער דריטער צוזאַמענפאָר, באַשטעטיקנדיק די באַציִונג פון צווייטן צוזאַמענ־פאָר צו דער פראַגע וועגן פעדעראַליזם, דעם צ“ק ווי אויך די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אָנווענדן אַלע כּוחות כּדי צו קומען צו אַ פאַרשטענדי־קונג מיט די אָרטיקע נאַציאָנאַלע ס“ד־אָרגאַניזאַציעס אויף צו קאָנסאָלי־דירן די אָרטיקע אַרבעט און צוגרייטונגען, אויף אַזאַ אופן, עס זאָל מעגלעך זיין דאָס פאַראייניקן אַלע נאַציאָנאַלע ס“ד־פּאַרטייען אין איין איינהייטלעכער רסדאַ“פּ“.

די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ פאַראייניקונג פון „בונד“ מיט דער רסדאַ“פּ האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען אין דער

פרעסע און אויף די פארטיי־פארזאמלונגען. צווישן די בונדיסטן האט די פראגע ארויסגערופן א פארשיידענע באציִונג. אין דער צייט, ווען איין טייל האט שטארק פארטיידיקט די פאראייניקונג, האבן די אנדערע אויס־געדריקט זייער מורא, טאמער וועט דער „בונד" צונישט ווערן אין דער אומגעהייערער מאסע פון דער רסדא"פ. בראש פון די ערשטע איז גע־שטאנען וולאדימיר מעדעם, און בראש פון די צווייטע — זעלצער (גראָ־סער). דער קאמף ארום דער דאזיקער פראגע האט זיך פארשארפט אין יאר 1906. דערהויפט האט זיך די פאלעמיק שארף געפירט ארום דער פראגע וועגן אריינטרעטן אין דער רסדא"פ און וועגן אנערקענען פאר דעם „בונד" די איינציקע פארשטייערשאפט פון דעם יידישן פראלע־טאריאט, וועלכע איז אזוי שטארק פארטיידיקט געווארן דורך דער בונדישער דעלעגאציע אויף דעם צווייטן צוזאמענפאר פון דער רסדא"פ.

די אנהענגער פון דער פאראייניקונג זיינען געגאנגען אויף גרויסע הנחות און זיינען געווען גרייט זיך אפצוזאגן פון דער אולטימאטיווער פאדערונג פון אנערקענען דעם „בונד" אלס איינציקן פארשטייער פון דעם יידישן פראלעטאריאט.

„דער אידעאלער טיפ פון ארגאניזאציאנעלע פארהעלטענישן, — האט מעדעם געשריבן, — איז באגרינדעט אויף דער אפגרענעצונג לויט די נאציאנאליטעטן. אט די דאזיקע אפגרענעצונג האבן אויך געפאדערט די חברים, וועלכע האבן אויף דער זיבעטער קאנפערענץ און נאך איר פארטיידיקט די אולטימאטיווקייט פון דעם פונקט וועגן דער איינציקער פארשטייערשאפט. זיי האבן געפאדערט, אז די רוסלענדישע פארטיי זאל זיך אפזאגן פון פירן א מאסן־ארבעט צווישן די יידן. דאס איז געווען אזוי גוט, ווי מען זאל פאדערן, זי זאל זיך פארוואנדלען פון א טעריטאריאלער אין א נאציאנאל־רוסישער פארטיי. מיר אלע זיינען מסכים מיט אט דער פאדערונג. נאר מען דארף ניט פארמאכן די אויגן, אז גאר אין דער נאענטער צוקונפט איז דאס לגמרי ניט דורכפירבאר, און אז שטעלן זי אלס אולטימאטיוון באדינג פון דער פאראייניקונג, הייסט אזוי גוט ווי אפצולייגן די פאראייניקונג ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אויף א גאנצן היסטארישן פעריאד" 1.

די זיבעטע קאנפערענץ פון „בונד", וועלכע איז פארגעקומען אין אפריל 1906, האט מיט א מערהייט שטימען אנגענומען א רעזאלוציע וועגן דעם אריינטרעטן פון „בונד" אין דער רסדא"פ און זיך אפזאגן פון

1 זעל. מעדעם. „די פאראייניקונג פון „בונד" מיט דער רסדא"פ", „נאשע סלאָווא", נומ' 2, ז' 3.

דער אולטימאַטיווער פאָדערונג פון „בונד" מען זאָל אים אָנערקענען אַלס איינציקן פאָרשטייער פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן דורך דעם פינפטן צוזאַמענפאָר.

אין אַפּריל 1906 איז אין שטאָקהאָלם פאָרגעקומען דער פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר; אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז אויך געווען אַ בונדישע דעלעגאַציע. די מערהייט האָט אָנגעוויזן, אַז די פאַראייניקונג איז נויטווענדיק ביי דעם באַדינג, אַז ביידע צדדים זאָלן גיין אויף הנחות. קעגן דעם „בונד" האָבן זיך, אַזוי ווי אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר, אַרויסגעזאָגט די קאַווקאַזער דעלעגאַטן, וועלכע האָבן אָנגעוויזן, אַז אויב די דאָזיקע פראַגע וועט באַשלאָסן ווערן פּאָזיטיוו, קאָן עס צעשטערן די קאַווקאַזער אָרגאַניזאַציעס, ווייל דעמאָלט וועט מען אויך דאַרפן באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די אַרמענער און אַנדערע. דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן זיך צו פאַראייניקן מיט דעם „בונד" און דערביי איז די פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון דעם „בונד" געבליבן אָפן.

„דער פאַראייניקונגס"-צוזאַמענפאָר פון דער רסדא"פּ האָט אָנגענומען פאָלגנדיקן פּראָיעקט וועגן דער פאַראייניקונג פון דער רסדא"פּ מיט דעם „בונד":

I. דער „בונד" גייט אַריין אין דער רסדא"פּ, ווי אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, ניט ווערנדיק באַגרענעצט אין איר טעטיקייט דורך באַשטימטע ראַיאָנען.

II. דער „בונד" נעמט אָן די פּראָגראַם פון דער רסדא"פּ.

באַמערקונג. די פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע בלייבט אָפן, ווייל דער צוזאַמענפאָר האָט זי ניט באַהאַנדלט.

III. אַלע באַשלוסן פון די אַלפּאַרטייִשע צוזאַמענפאָרן זיינען אָבליגאַטאָריש פאַר דעם „בונד".

IV. אין די גרענעצן פון די אַלגעמיינע באַשלוסן פון די צוזאַמענפאָרן פון דער רסדא"פּ און די אַלגעמיינע דירעקטיוון פון צ"ק פון דער פּאַרטיי בלייבט דער „בונד" זעלבשטענדיק אין די פראַגן, וואָס זיינען נוגע דער אַגיטאַציע, אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

V. דער „בונד" האָט זיינע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, צענטראַלע אינסטיטוציעס און צוזאַמענפאָרן, און פירט זעלבשטענדיק אָן מיט די ענינים פון זיין אָרגאַניזאַציע.

VI. אַלע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גייען אַריין אין דעם באַשטאַנד פון דער רסדא"פּ, בילדן אויף די ערטער אויפן יסוד פון אַלגעמיינע וואַלן, אָן אונטערשייד פון דער נאַציאָנאַליטעט פון די פּאַרטיי-

מיטגלידער, איין איינהייטלעכן אָנפירנדיקן אַלשטאַטישן קאָמיטעט פון דער רסדא״פ.

באמערקונג. דער קאָמיטעט באַשליסט די פראגן, וואָס זיינען אַלגעמיין פאר דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער שטאָט, דערביי ווערן די באַשלוסן אָנגענומען דורך אַן איינפאַכער מערהייט פון שטימען. דער אופן פון אויסוויילן אַן אַלשטאָטישן קאָמיטעט ווערט באַשטימט דורך די הויפּט־יסודות, וועלכע זיינען אָנגענומען אין דער פּאַרטיי.

VII. די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" שיקן אויף די אַלפּאַרטייִשע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן זייערע פאָרשטייער אויף די זעלבע יסודות, ווי די איבעריקע אָרגאַניזאַציעס פון דער רסדא״פ.

באמערקונג. לויטן הסכם פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען דערלאָזבאַר וואַלן אויף דעם אַלפּאַרטייִשן צוזאַמענפאָר אויף אַלגעמיינע וואַל־פאַרזאַמלונגען.

VIII. דער „בונד" האָט זיין פאָרשטייערשאַפט אין דעם צ״ק פון דער רסדא״פ.

באמערקונג. דער אופן פון דער פאָרשטייערשאַפט פון דעם „בונד" אין דעם צ״ק פון דער פּאַרטיי ווערט פעסטגעשטעלט דורך דעם הסכם צווישן דעם צ״ק פון „בונד" און דעם צ״ק פון דער רסדא״פ.

אין דער דעלעגאַציע פון דער רסדא״פ אויף די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן שיקט דער „בונד" זיינע פאָרשטייער.

ביים סוף פון דעם צוזאַמענפאָר האָט מען אין נאָמען פון דער בונדישער דעלעגאַציע איבערגעלייענט פאָלגנדע ערקלערונג: „די דעלעגאַציע פון „בונד" אויף דעם פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר ערקלערט, אַז אויפן גרונט פון די רעזאָלוציעס פון פינפטן און זעקסטן צוזאַמענפאָר און דער זיבעטער קאָנפערענץ פון „בונד", אַז די פונקטן 1, 2, 4, 5, 7, 8 זיינען אַן אומבאַדינגטער באַדינג פאַר דער עקסיסטענץ פון „בונד" אין דער פּאַרטיי, און אַז דאָס ענדערן די דאָזיקע פונקטן אָן דעם הסכם פון „בונד" וועט ארויסרופן די נויטווענדיקייט, דער „בונד" זאָל ארויסטרעטן פון דער פּאַרטיי".

דער זיבעטער צוזאַמענפאָר פון „בונד", וועלכער איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער 1906, האָט באַשטעטיקט דעם דאָזיקן פּראָיעקט וועגן דער פאַראייניקונג פון „בונד" מיט דער רסדא״פ.

און ביז דער שפּאַלטונג פון „בונד", וועלכע איז פאָרגעקומען נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז די דאָזיקע פאַרשטענדיקונג געבליבן אין

קראפט און באשטימט די פאזיציע פון „בונד" אין דער רסדא"פ. דערביי איז דער פראיעקט וועגן דער נאציאנאלער פראגראם, וועלכער איז געלאזן געווארן אפן אויף דעם פאראייניקונגס־צוזאמענפאר פון 1906, דערפילט גע־ווארן אויף דער „אלרוסלענדישער קאנפערענץ פון די ס"ד־ארגאניזא־ציעס, וועלכע איז פארגעקומען אין אווגוסט 1912 מיט דער אנערקענונג פון דעם לאזונג פון „בונד" וועגן „א נאציאנאל־קולטורעלער אווטאנאמיע".

* * *

מיט דעם איבערגיין פון דעם „בונד" פון דער אונטערערדישקייט, איז פאר אים אנטשטאנען די פראגע וועגן ענדערן זיינע ארגאניזאציאנעלע פארמען. איצט, ווען אין דער פארטיי האבן א שטראם געטאן די ברייטע מאסן, האט מען ניט געקענט בלייבן ביי די אלטע ארגאניזאציע־פארמען, וועלכע האבן געפאסט צו די באדינגונגען פון דער אונטערערדישער טעטיקייט, און וועלכע האבן לחלוטין ניט געטויגט פאר א לעגאלער טע־טיקייט.

אין די ערשטע יארן פון דעם „בונדס" עקסיסטענץ, אין סוף פון די ניינציקער יארן, ווען זיין גאנצע טעטיקייט איז כמעט באשטאנען איז דעם עקאנאמישן קאמף, איז דער „בונד" געווען געבויט אויף דעמאקרא־טישע יסודות. אין די קאסעס און די קרייזן איז דורכגעפירט געווארן דער וואל־פרינציפ. שפעטער, ווען מען איז איבערגעגאנגען צו דעם פאליטישן קאמף, האט מען דעם וואל־פרינציפ אינגאנצן אוועקגעשטעלט, די אנפירונג מיט דער באוועגונג איז איבערגעגאנגען צו די שטרענג פארקאנספירירטע קאמיטעטן.

כאראקטעריזירנדיק די פארטיי־בויונג פון די דעמאלטיקע בונדישע ארגאניזאציעס, שרייבט מ. ראפעס: „די ארגאניזאציע פון „בונד" איז געווען געבויט אויף דעם יסוד פון דעם שטרענגסטן צענטראליזם, וועלכער איז געווען פארבונדן מיט דעם פלאנמעסיקן און קאנסעקווענטן אפקלייב און ארויסרוקן פון אונטן, פון דער ארבעטער־מאסע, די פירער. די אונ־טערערדישקייט האט כמעט אינגאנצן ניט געוווסט פון קיין וואל־פרינציפ אין דער פארטיי־ארגאניזאציע. אלץ איז באשטימט געווארן פון אויבן. און בלויז דער ענגער קאנטאקט צווישן די אייבערשטע און אונטערשטע האט געקאנט פארמיידן די מעגלעכקייט פון שארפע רייבונגען.

אין פארלויף פון 1905, נאך לאנג פאר דעם „אקטאבער", האבן זיך דאך אנגעהויבן ביסלעכווייז ארויסצוווייזן די ווידערשפרוכן פון דעם צענטראליזם און זיין סיסטעם פון „באשטימען" און דעם מאסן־כאראקטער פון דער ארגאניזאציע. די באוועגונג האט ארויסגערוקט

א קאדר פון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן", פון מיטגלידער פון אָרטיקע קאָמיטעטן און אַגיטאַטאָרן־קרייזן, וועלכע דער צ"ק פלעגט איבערוואַרפן פון איין אָרט אויפן צווייטן. דער צ"ק פון „בונד" האָט ווירקלעך געקענט „צוקומען צום לעצטן מענטשן". קאָנענדיק אויסגעצייכנט גוט דעם פּערזענלעכן צוזאַמענשטעל פון די אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט דער צענטראַל־קמיטעט פּאַקטיש דורך די איבערגרופּירונגען געבילדעט די אָרטיקע קאָמיטעטן. דאָס, וואָס עס זיינען ניט געווען קיין שום ערנסטע פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות און פּראַקטיאָנעלע גרופּירונגען, האָט באַזייטיקט די מעגלעכקייט פון וועלכן ניט איז קאַמף קעגן אָט דער „דיקטאַטאָרישקייט" פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז נאָך דערצו אַרויסגערופן געוואָרן דורך די באַדינגונגען פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיט זיינע מאַסן־דורכפאַלן. די דיסציפּלין איז געווען אַ שטרענגע, דער אַפּאַראַט האָט געאַרבעט אָן דעם מינדסטן פּגם. אויב עס זיינען אַמאָל געווען קאָנפליקטן און מ'פלעגט זיי צוריקשיקן אין רשות פון דעם צ"ק די צוגעשיקטע טוער, איז דאָס בלויז געווען אויסנאַמס־פאַלן, וואָס האָבן זיך גענומען אַדאַנק די פּערזענלעכע איינגעשאַפטן פון דעם אָדער יענעם טוער. אַגב האָט דער צ"ק אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, און אויב עס איז נאָר ניט געווען אַזוי דרינגלעך, פלעגט ער לכתחילה אָנפרעגן די אָרטיקע קאָמיטעטן, צי זיי ווינטשן זיך דעם אָדער יענעם טוער.

דער קאָמיטעט פלעגט אויסטיילן גרופּעס פון די פּאַרטיי־מיטגלידער און איבער זיי אַוועקשטעלן די אַגיטאַטאָרן־קרייזן. אָפּקלייבנדיק דעם מענטשן־מאַטעריאַל, האָבן זיך פון די קרייזן מיט דער צייט אַרויסגערוקט אָנפירער פון די קרייזן, וועלכע פלעגן אַריינגיין אין דעם „צענטער" (צענטראַלער אַגיטאַטאָרן־קרייז); ערטערווייז פלעגן די פאָרשטייער לכתחילה אָנגעמערקט ווערן אָפיציעל אָדער האַלב־אָפיציעל דורך דעם קאָמיטעט מיטן הסכם פון די „קרייזן". פריער אָדער שפּעטער, נאָר די פראַגע וועגן „וואַלן" און „רעכט" האָט געמוזט אַוועקגעשטעלט ווערן אויף דעם סדר־היום. און אין משך פון 1905 זיינען די ריבונגען און „אָפּאָזיציעס" איז די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס געוואָרן אַן אָפטע ערשיינונג; עס זיינען פאָרגעקומען — הגם זעלטן — אמתע „בונטן", בשעת מען פלעגט דורכטרייבן פון די „בערזעס" די צו פיל איינגעגעסענע קאָמיטעט־מיטגלידער.

אין די „פרייהייטס־טעג" זיינען די אָרגאַניזאַציעס אין די שטעט, ווו עס איז נאָך ניט געווען איינגעפירט קיין באַלאַגערונגס־צושטאַנד, דערהויפּט אין ווילנע, איבערגעגאַנגען צו אַ האַלב־לעגאַלער עקסיסטענץ. אויסגעוויילטע נ י ד ע ר י ק ע ר ע קאָמיטעטן זיינען געוואָרן אַ פאַקט,

איידער נאָך די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט באַוויזן אָט די פראַגע צו באַ־וואָרענען. נאָכדעם איז אויך געקומען די ריי צו די אַלשטאַטישע קאָ־מיטעטן גופא"[1].

ווערנדיק פון אַ קרייזל אַ מאַסן־פּאַרטיי, האָט דער „בונד" גע־דאַרפט זיך אָרגאַניזאַציאָנעל איבערבויען, כדי צו פאַראייניקן אַרום זיך די עלעמענטן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו אים אדאנק די געשאַפענע לעגאַלע מעגלעכקייטן.

אַלס רעזולטאַט האָבן די אָרטיקע בונדישע אָרגאַניזאַציעס אָנגע־הויבן איבערצוגיין צו דער סיסטעם פון וואַלן, איבערבויענדיק זיך אויף די יסודות פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם. די רעאַקציע, וועלכע האָט זיך אײַנגיכן אָנגעהויבן, האָט אָבער געשטערט אָט די התחלה. זי האָט דערוויזן אויף וויפיל ס'זיינען פאַלש געווען די אילוזיעס וועגן די לעגאַלע מעגלעכקייטן. מען האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דער וואַל־סיסטעם און זיך אומקערן צו דער אַלטער פאָרם פון דער פּאַרטיי־בויונג.

* * *

נאָך די יאַנואַר־געשעענישן איז אין „תחום", פונקט אַזוי ווי אין גאַנצן לאַנד, שנעל געוואַקסן די פּראָפעסיאָנעלע בויונג: די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען האָבן זיך כמעט אומעטום געעפנט אויפן לעגאַלן אופן. באַזונדערס האָט זיך די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג שטאַרק אַנטוויקלט נאָך די אָקטאָבער־טעג. די רעאַקציע, וואָס האָט זיך גלייך נאָכדעם אָנגעהויבן, האָט אײַנגאַנצן חרוב געמאַכט די באַוועגונג. דאָס גענעץ פון 4טן מערץ 1906 האָט בלויז אין אַ קלענער מאָס פאַרבעסערט די לאַגע פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען: די פּאָליציי האָט ווייטער געווילדעוועט ווי פריער. זי פלעגט זיך אַריינרייסן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַרעסטירן די מער אַקטיווע טוער, פאַרניכטן די בוכפירונג, צעבּרעכן דאָס מעבל, אַראָפּרייסן די שילדן וכדומה.

אין דער פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז צווישן די פאַרשיידענע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ניט געווען קיין איינשטימיקייט. דער „בונד" האָט געפאָדערט, זיי זאָלן טראָגן אַ פּאַרטייִישן כאַראַקטער, ד"ה זיי זאָלן זיך אידעיִש געפינען אונ־טער דעם איינפלוס פון דער פּאַרטיי, און זיי זאָלן דירעקט און אָרגאַני־זאַציאָנעל זיין אָפּהענגיק פון דער פּאַרטיי. אין קעגנזאַץ, האָבן אַלע אי־

1 מ. ראַפעס. „שריפטן וועגן דער געשיכטע פון „בונד". מאָסקווע 1923, ז"ז 158—159.

בעריקע יידישע סאציאליסטישע פארטייען: די „פועלי־ציון", „ס"ס", „סיימאָווצעס", סאָלידאַריזירנדיק זיך מיט די מענשעוויקעס און סאָציאַ־ליסטן־רעוואָלוציאָנערן, פאַרטיידיקט די נייטראַלקייט פון די פאַראיינען, אָנווייזנדיק, אַז כּדי אַריינצוציען די ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג דאַרף מען עפענען אַ צוטריט פאַר אַלע אַרבעטער פון דעם פאַך. מען דאַרף, פונדעסטוועגן, באַמערקן, אַז הינטער דער נייטראַלקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע זיינען געווען מיזערע, מיט אַ קליינעם איינפלוס און האָבן לאַנג ניט געדויערט, האָט זיך אין דער ווירקלעכקייט באַהאַלטן די פאַקטישע השפעה אויף דעם אָדער יענעם פאַראיין פון דער אָדער יענער פאַרטיי — פון „ס"ס", „סיימאָווצעס", „פועלי־ציון" און אַנדערע.

דער שטאַנדפּונקט פון דעם „בונד" אויף דער פּראָפעסיאָנעלער באַ־וועגונג איז געווען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער פאָלגנדער רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער 7טער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין 1906: „נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אויף וויפיל זיי שליסן זיך איין אין די ענגע ראַמען פון שמאָלן פּראָפעסיאָנאַליזם, אָדער זיי ווערן פאַרכאַפּט דורך דעם רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם, קאָנען זיי ניט אויספילן זייערע אויפגאַבן אַלס קלאַסן־גע־ווער אין דעם קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט; אַז די געפאַר פון אַריינטאָן זיך אין דער זייט פון ענגן פּראָפעסיאָנאַליזם אָדער רעוואָלוציאָנערן סינ־דיקאַליזם ווערט פאַרגרעסערט אין דעם פאַל, ווען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען אָפּגעריסן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע פירט אָן מיט דעם קלאַסן־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין זיין גאַנצן פאַרנעם; אַרויסגייענדיק ווייטער פון דעם, אַז די אַזוי־גערופענע נייטראַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע שטרעבן צו פאַראייניקן אַלע אַרבע־טער פון דעם פאַך, אומאָפּהענגיק פון זייער באַציִונג צו דעם קלאַסן־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט, זיינען אָדער פאַרמשפּט אויף אַ שפּאַלטונג אַדאַנק די פּרינציפּיעלע קעגנזאַצן, וואָס אַנטשטייען אין דעם פאַראיין, אָדער זיי באַמיען זיך צו פאַרווישן אָט די ווידערשפּרוכן צוליב די אינטערעסן פון דער גאַנצקייט פון דעם פאַראיין, טאָרמאָזירן זיי אויף אַזאַ אופן די אַנט־וויקלונג פון דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון דעם פּראָלעטאַריאַט; נעמענדיק אין באַטראַכט, — פון דער אַנדערער זייט, — אַז די פּאָליטישע פאַרטיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָט ניט די ענגע פאַרבינדונג מיט זיין עקאָנאָמישן קאַמף, דראָט די סכּנה פון אַן איינזייטיקן אַריינטאָן זיך אין פּאַרלאַמענטאַרישער (פּאָליטישער) טעטיקייט און די איבערשאַצונג פון איר באַדייטונג אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט, —

אָנערקענט די קאָנפערענץ, אַז נאָר דער ענגער קאָנטאַקט צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קאָן פאַרזיכערן די ריכטיקע און אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פון דעם קלאַסן־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

די פאַרבינדונג צווישן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי דאַרף זיך אויסדריקן אין פאָלגנדן:

1) די מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען מוזן אָנערקענען די פּרינציפּן פון דעם קלאַסן־קאַמף און זייער צופּאַסונג צו דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און דער אָנפירערשאַפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דעם געביט;

2) די פּאַרטיי שיקט אויף די צוזאַמענפאָרן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אין די אָרטיקע און צענטראַלע ביוראָען, ווי אויך אין זייערע צענטר. אָרג. אירע פאָרשטייער מיט באַשליסנדיקער שטימרעכט".

די קאָנפערענץ האָט אויך רעקאָמענדירט „אין די ערטער, וווּ די איבעריקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס שטייען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, איינצואָרדענען אַלגעמיינע פאַראיינען מיט אַ פאָרשטייערשאַפט פון יעדערער פון אָט די אָרגאַניזאַציעס".

אין דעם זעלבן גייסט איז אויך צונויפגעשטעלט די רעזאָלוציע וועגן די נאַציאָנאַלע סעקציעס אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען: „נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען קאָנען נאָר דעמאָלט מיט ערפאָלג פירן זייער עקאָנאָמישן קאַמף, ווען זיי פאַראייניקן אַלע אַרבעטער פון דעם פאַך, אָן אונטערשייד פון געשלעכט, רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט, אַז די אויפגאַבע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען איז אַחוץ דעם דירעקטן קאַמף פאַר דעם פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער אויך די קולטור־אַרבעט צווישן די מיטגלידער פון די פאַראיינען, און אַז אין אָט דער טעטיקייט דאַרף מען זיך רעכענען מיט די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן פון די פאַרשיידענע טיילן פון דעם פּראָלעטאַריאַט, — אָנערקענט די קאָנפערענץ פאַר נייטיק צו בילדן צוליב דעם נאַציאָנאַלע סעקציעס אין די אַלגעמיינע פאַראיינען"[1].

אין אייניקע שטעט, ווי, למשל, אין אָדעס, אין קיעוו, אין סימפעראָפּאָל, אין מיליטאָפּאָל, אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין לאָדז, אין וואַרשע, אין ווילנע, אין דווינסק און אין אייניקע אַנדערע, האָבן זיך די פּראָפע־

---

1 ו. ו. סוויאַטלאָווסקי, „די געשיכטע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין רוסלאַנד", 1924, לענינגראָד, ז"ז 202—203.

סיאָנעלע פאַראייניגונגען אין אַלשטאַטישע צענטראַל־ביוראָען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע האָבן קאָאָרדינירט די טעטיקייט פון די באַזונדערע פאַראיינען [1].

זייענדיק אַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָבן די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען אַלס איינע פון זייערע הויפּט־אויפגאַבן געזען אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף פאַר דעם אויסבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען. און אין יענע יאָרן האָבן זיי, ווירקלעך, דעם דאָזיקן קאַמף געשענקט זייער פיל קרעפטן און אויפמערקזאַמקייט. ווייטער האָט זיך זייער טעטיקייט אויסגעדריקט אין דעם אויפהייבן דעם גייסטיקן, מאָראַלישן און קולטורעלן ניוואָ פון די אַרבעטער דורך איינאָרדענען לעקציעס, ביבליאָטעקן; און, ענדלעך, אין דער צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט האָבן זיי רעגולירט די אַרבעט, אויסגע־גלייכט די קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטער און די באַלעבאַטים אאַז״וו.

אַ גרינטלעכע באַשרייבונג פון דעם כאַראַקטער פון דער טעטיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין יענע יאָרן געפינען מיר אין די באַריכטן פון די ווילנער דעלעגאַטן אויף דעם II אַלרוסלענדישן צוזאַמענ־פאָר מון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. הגם זיי האָבן אין זינען געהאַט בלויז ווילנע, אָבער זיי כאַראַקטעריזירן אויסגעצייכנט די טעטיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אויך אין אַנדערע שטעט, ווו די אַרבעט איז, קאָן זיין, ניט געווען אַזאַ אינטענסיווע, אָבער אין די הויפּט־שטריכן איז זי דאָך געווען אַן ענלעכע.

„געגרינדעט זיינען זיי (די פּראָפּ. פאַר.) געוואָרן לויט דער איני־ציאַטיוו פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס: אונזערע פּאָליטישע קרייזן האָבן איינגעלאַדן באַקאַנטע אַרבעטער פון וועלכן ניט איז פאַך אויף אַ גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג; די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט אויסגעוויילט אַן אָרגאַ־ניזיר־קאָמיסיע אויף אויסצואַרבעטן דעם סטאַטוט, וועלכער איז נאָכדעם באַהאַנדלט און באַשטעטיקט געוואָרן אוף דער צווייטער גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג. אין אייניקע פאַכן האָט דער פּאָליטישער קרייז אַליין אויסגע־אַרבעט דעם סטאַטוט און אים פאָרגעלייגט דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג... אין סטאַטוט איז געווען אָנגעמערקט, אַז זיי שטייען אויפן באָדן פון קלאַסן־קאַמף און אָנערקענען די אָנפירערשאַפט פון דעם „בונד״ אין זייער פּראָפעסיאָנעלן קאַמף; לויטן סטאַטוט פון אייניקע פאַראיינען האָט זיך נאָך געפאָדערט, אַז די מיטגלידער זאָלן אָנערקענען דעם פּאָליטישן קאַמף אין דער פאָרם פון פאַרלאַמענטאַריזם. די דאָזיקע פאָדערונג איז דורך אונז אַרויסגעשטעלט געוואָרן, ווייל צווישן אונז זיינען פאַראַן אַנאַר־

[1] וו. וו. סוויאַטלאָווסקי, די געשיכטע פון דער פּראָפּ. באַוו. אאַז״וו, ז׳ 136.

כיסטן, וועלכע אגיטירן קעגן דעם פּאָליטישן קאמף. די פאראיינען זיינען אויטאָנאָם און זעלבשטענדיק אין זייער ארבעט. אין דער ביוראָ פון יעדן פאראיין גייט אריין א פארשטייער פון דער אָרטיקער בונדישער אָר־גאַניזאַציע, וועלכער האָט דאָס רעכט ארויפצולייגן א וועטאָ (דאָס וועטאָ־רעכט ווערט ניט אָנגעווענדט בנוגע דעם פּערזאָנען־באַשטאַנד פון דעם ביוראָ און ווערט בלויז אָנגעווענדט אין דעם פאַל, ווען די פאראיינען נייגן זיך אָפּ פון די פּרינציפּן פון קלאַסן־קאַמף אין דער זייט פון פאכן־פּראָ־פעסיאָנאַליזם); חוצדעם, גיבן די פאראיינען אָפּ 25 פּראָצ. פון זייערע הכנסות (און אנדערע 30 פּראָצ.) לטובת דער אָרגאַניזאַציע פון דעם „בונד" [1].

פאַר די לעצטע יאָרן האָבן די יידישע ארבעטער אַלע זייערע פּרע־טענזיעס צו די באַלעבאַטים אויפגעמאָנט ניט דורך דעם געריכט, נאָר דורך דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וועמעס באַשלוסן די אונטערנעמער האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפן, ווען ניט, האָט זיי געדראָט א שטרייק אָדער א באָיקאָט. אָפטמאָל פלעגן זיך אויך די באַלעבאַטים ווענדן צו דער אָרגאַניזאַציע מיט זייערע פּרעטענזיעס צו די ארבעטער. איצט פירט די דאָזיקע ראָלע אויס די ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען. די ביוראָ גלייכט אויס די קאָנפליקטן צווישן די ארבעטער און די אונטערנעמער, צווינגט די באַלעבאַטים צוצונעמען די ארבעטער, וועלכע זי רעקאָמענדירט זיי, פאַרטיילט די ארבעט, לאָזט ניט אָפּזאָגן קיין ארבעטער אָדער אָנגע־שטעלטן אָן דעם הסכם פון די איבעריקע חברים פון דעם ווארשטאַט, פאַבריק און קראָם, צווינגט צו באַצאָלן פאַר דער צייט פון א קרענק. די ביוראָ שמעלט פעסט די צייט, אין משך פון וועלכער דער ארבעטער האָט רעכט אויף דעם פּלאַץ אין פאַל פון אַן ארעסט, קראַנקהייט אָדער ביים פּרי־זיוו; נאָכזען, אַז עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן די ארבעטס־באַדינגונגען. בכלל פאַרווירקלעכט די ביוראָ די אינדוסטריעלע קאָנסטיטוציע, וואָס די ארבע־טער האָבן ביי אונז אויסגעקעמפט אונטער דער אָנפירונג פון „בונד". אין אָט די אַלע געביטן גיט די ביוראָ הילף די ארבעטער פון דעם גאַנצן פאַך, מיטגלידער און ניט־מיטגלידער פון דעם פאראיין. קיין מעדיצינישע הילף גיבן אונזערע פאראיינען ניט, מחמת מאַנגל אין געלט־מיטלען. הילף פאַר ארבעטסלאָזע גיט מען פון די באַזונדערע אָפּצאָלן און פון א טייל פון די הכנסות פון רעפעראַטן און קאָנצערטן. מען טיילט זיך אויך מיט דער אר־בעט: מ'גיט אָפּ אָדער צו צוויי טעג אין דער וואָך, אָדער, אַזוי ווי ביי די־

---

1 „די צווייטע קאָנפערענץ פון די פּראָפ. פאראיינען", די באַריכטן פון די ח"ח ליטוואַק און סאָלאָמאָנאָוו, ז' 109.

שטעפּער, די שטענדיקע אַרבעטער בלויז אַ האַלבן טאָג, און דעם אַנדערן האַלבן טאָג טרעטן זיי אָפּ די אַרבעטסלאָזע. די באַלעבאַטים זיינען דער־מיט זייער ניט צופרידן, נאָר זיי קאָנען דערצו גאָרניט טאָן. די פאַראיינען האָבן פאַר דער לעצטער צייט אַרויסגעלאָזט צוויי אויפרופן: איינעם צו דער הויז־דינערשאַפט (אַגיטאַציע זיי זאָלן אַריינטרעטן אין דעם פאַראיין) און איינעם צו די אָנגעשטעלטע און צו דער געזעלשאַפט (וועגן באָיקאָטירן דעם עלטסטן אָנגעשטעלטן און דעם זון פון דעם סוחר זאַלקינד). די פאַר־איינען האָבן געהאָלפן דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" דורכצו־פירן דעם שטרייק פון דעם 9 יאַנואַר. דער פאַראיין פון די דרוקער־אַרבע־טער האָט געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון דער פרעסע, און ביז דער לעצטער צייט האָבן זיי, ניט געקוקט אויף דער אַרבעטסלאָזיקייט און הונ־גער, זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן ביכער, וועלכע זיינען דורכגעלאָזט געוואָרן דורך דער צענזור. כמעט אַלע פאַראיינען האָב זייערע ביבליאָטעקן, וועל־כע באַשטייען (אַחוץ ביי די דרוקער און די האַנדלס־אָנגעשטעלטע) אויס־שליסלעך פון יידישע ביכער; איצט האָבן זיך די פאַראיינען פאַראייניקט אויף דעם געביט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון פאָרשטייער פון אַלע ביוראָען כדי גרינדן אַן אַלגעמיינע ביבליאָטעק פאַר אַלע פאַראיינען אין שטאָט. אין די פאַראיינען פון די זאָקנמאַכערקעס, קאָנווערטניצעס, שוסטערס, בוי־אַרבעטער און אַנד. זיינען איינגעפירט אָוונט־קורסן, ווו מען לערנט רוסיש און יידיש, דערביי ווערן אָט די קורסן מערסטנטייל געפירט, צוליב די פּאָליציייִשע באַדינגונגען, אומלעגאַל. ביז סוף דעצעמ־בער האָבן די פאַראיינען אָרגאַניזירט פאַר זייערע מיטגלידער לעקציעס, רעפעראַטן, דיסקוסיעס; איצט איז דאָס צוליב פּאָליציייִשע באַדינגונגען כמעט אוממעגלעך. די דיסקוסיעס קומען פאָר ווייטער, נאָר זעלטן, בלויז אין צוויי פאַרבליבענע קלובן און ביי די זאָקנמאַכערקעס אין אַ פּריוואַטער דירה. צוליב די זעלביקע באַדינגונגען קאָן מען איצט ניט צונויפרופן קיין אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די פאַראיינס־מיטגלידער; עס קומט אויס זיך צו באַנוצן מיט פאַך־בערזעס אויף דער גאַס, נאָר איצט איז דאָס שוין אויך אוממעגלעך: די פּאָליציי צעטרייבט זיי, די מאַסן־אַרבעטער באַזוכן זיי ניט גערן. פונדעסטוועגן קומען ביי אונז דאָך פאָר פאַרזאַמלונגען: קיין דערלויבענישן נעמען מיר ניט, די פּאָליציי ווייסט פון זיי ניט" [1]

פון די פילצאָליקע יידישע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע האָבן זיך דערהויפּט ברייט פאַרשפּרייט אין די יאָרן 1905—1907, זיינען די

---

[1] די צווייטע קאָנפערענץ פון די פּראָפ. פאַראיינען. פּעטערבורג 1906, ז' 111—113, באַריכט וועגן ווילנע פון די ח"ח ליטוואַק און סאָלאָמאָנאָוו.

מער באדייטנדיקע געווען די צענטראליזירטע פאראיינען פון די בערשטער און גארבער.

די שטרייק־באוועגונג צווישן די יידישע בערשטער האט זיך אנגעהויבן אין אנהייב פון די ניינציקער יארן. אין א קורצער צייט כאפט ארום די באוועגונג דעם גאנצן ראיאן פון דער בערשטער פראדוקציע. עס העלפן דערצו שטארק צו די „פלי־אפטיילונגען" פון די אגיטאטארן. פארנדיק פון איין שטאט אין דער צווייטער, ארגאניזירן זיי אומעטום דעם קאמף פון די ארבעטער פאר בעסערע ארבעטס־באדינגונגען. אין יאר 1895 קומט פאר דער ערשטער צוזאמענפאר פון די בערשטער־ארבעטער, און אין אנהייב 1898 — דער זעקסטער צוזאמענפאר, וועלכער האט געלייגט דעם גרונדשטיין פון דער ארגאניזאציע פון „ייד. בערשטער־ארב.־פארבאנד אין פוילן און אין ליטע". דעמאלט האט דער צענטראל־קאמיטעט אויך ארויסגעלאזט די פראקלאמאציעס „צו אלע יידישע בערשטער־ארבעטער", אין וועלכע ער גיט איבער די אויפגאבן און די פראגראם פון דעם „פארבאנד". פון די באריכטן זעט מען, אז צו דער צייט פון דעם זעקסטן צוזאמענפאר דערגרייכט די צאל פון די ארגאניזירטע ארבעטער אין די שטעט, ווו עס זיינען פאראן ארגאניזאציעס, ביז 60%. אין אייניקע שטעט זיינען ארגאניזירט אלע בערשטער, און אין אנדערע בערך 33% פון דער גאנצער צאל בערשטער־ארבעטער [1].

דער „בערשטער־פארבאנד" האט זיך ערקלערט אלס טייל פון „בונד", בלייבנדיק אויטאנאם אין די פראגן פון זיין פראפעסיע. אויף דעם צענטראל־קאמיטעט פון בערשטער־פארבאנד איז ארויפגעלייגט געווארן די פארבינדונג מיט דעם „בונד", די אנפירונג מיט דער פראפעסיאנעלער באוועגונג און דאס פארשפרייטן צווישן די בערשטער לעגאלע און אומלעגאלע ליטעראטור.

דער זיבעטער צוזאמענפאר, וועלכער איז פארגעקומען אין יאר 1898, האט באשלאסן ארויסצוגעבן א פראפעסיאנעלן ארגאן „דער וועקער". דער ערשטער נומער האט דערשיינט אין דעצעמבער 1898. בסך־הכל האבן דערשיינט 12 נומערן; פון זיי האבן זיך די ערשטע זעקס געדרוקט אין אויסלאנד, און די איבעריקע אין רוסלאנד. דאס איז געווען דער ערשטער פראפעסיאנעלער ארגאן, וועלכער האט אוועקגעלייגט דעם יסוד פון דער פראפעסיאנעלער פרעסע אין רוסלאנד. ער איז באזונדערס רייך געווען מיט מאטעריאל, וועלכער האט באלויכטן דאס לעבן אויף די ערטער.

---

1 נ. י. „דער „בונד", אין זשורנאל „זשיזן", נומ' 2—3.

דער „בערשטער־פארבאנד" האט, דערהויפט, געפירט א עקאנא־מישן קאמף. פאר דעם ערפאלג פון דעם דאזיקן קאמף האבן א גרויסע ראל די רעזאלוציעס, וואס זיינען אנגענומען געווארן אויף דעם אכטן צו־זאמענפאר, וועלכער איז פארגעקומען אין סוף פון 1899. דער דאזיקער צוזאמענפאר האט, צווישן אנדערע, אנגענומען פאלגנדע באשלוסן: „1) אלע שטעט פון ליטע און פון פוילן, אין וועלכע עס איז נאר פאראן א בערשטער־אינדוסטריע, טיילן זיך אויף עטלעכע ראיאנען, מיט א באזונ־דערן צענטער אין יעדן ראיאן; 2) די שטרייקן אין יעדן ראיאן דארפן ארגאניזירט ווערן אזוי, אז יעדער ראיאן זאל קענען זעלבשטענדיק אויס־האלטן די שטרייקער מיט געלט־שטיצע, און דעריבער 3) איז איידער מען הייבט אן דעם שטרייק אין וועלכן ניט־איז ראיאן, דארף מען זיך פריער בעראטן מיט דעם קאמיטעט פון דעם ראיאן; 4) יעדער ראיאן דארף האבן א צענטראלע שטרייק־קאסע. די אלע מיטלען זיינען אנגענו־מען געווארן, כדי צו פארלייכטערן דעם שטרייק־קאמף" [1].

דער וווקס פון דער בערשטער־באוועגונג, דאס ערשיינען פון דעם אומלעגאלן „וועקער", האט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון דער מאכט. די רעגירונג האט זיך א ווארף געטאן מיט א האגל הארבע רעפרע־סיעס: די בערשטער זיינען געשטעלט געווארן אונטער פאליציייִשער אויפ־זיכט, זיי האבן ניט געטארט אן אן ערלויבעניש איבערפארן אין אן אנדער שטאט. עס קומען פאר מאסן־ארעסטן און פארשיקונגען קיין סיביר. זובא־טאוו האט געפרווט מאכן די ארעסטירטע בערשטער פאר זיינע אנהענגער; ער האט זיי צוגעזאגט צו לעגאליזירן זייער פאראיין און זיי שטיצן מיט 20.000 רובל. נאר זיין מי איז געווען ארויסגעווארפן, און זיין פלאן האט געהאט א פולקומען דורכפאל.

אין 1905, ווי נאר עס האבן זיך געשאפן מער אדער ווייניקער גינסטיקע באדינגונגען, זיינען די ארטיקע בערשטער־ארגאניזאציעס ארויס פון דער אונטערערדישקייט און האבן גענומען אן אקטיוון אנטייל אין די באוווסטע געשעענישן פון אט דעם מערקווערדיקן יאר. לויט דער איניציא־טיוו פון צ"ק פון „בונד" איז אויף סעפט. 1906 צונויפגערופן געווארן דער גרינדונגס־צוזאמענפאר פון דעם „בערשטער־פארבאנד". ס'זיינען געקומען דעלעגאטן פון 14 פונקטן, בסך־הכל 17 מאן, וועלכע האבן מיט זיך פאר־געשטעלט 1530 מיטגלידער, און פארשטייער פון צ"ק פון „בונד", פון אויסלענדישן קאמיטעט, און צוויי איינגעלאדענע געסט מיט בעראטונגס־רעכט.

---

[1] דארט.

לויט דעם סטאטוט, וואס דער צוזאמענפאר האט אנגענומען, איז דער בערשטער־פארבאנד געווען א צענטראליזירטער פאראיין, וועלכער האט געהאט זיינע אפטיילונגען אויף די ערטער. בראש פון דער ארטיקער אפטיילונג איז געשטאנען אן ארטיקע פארוואלטונג (ביורא), וועלכע ווערט געקליבן דורך די מיטגלידער פון דער ארטיקער אפטיילונג; אויף די זיצונגען פון דער ביורא פלעגט קומען א פארשטייער פון דער ארטיקער ארגאניזאציע פון „בונד" מיט באראטונגס־רעכט. בראש פון דעם גאנצן פאראיין איז געשטאנען א צענטראל־ביורא, ניט ווייניקער פון 3 מאן, אין וועלכן עס פלעגט אריינגיין א פארשטייער פון „בונד" מיט באשליסנדיק שטים־רעכט. די העכסטע אינסטאנץ פון גאנצן פארבאנד איז דער צוזא־מענפאר פון פארבאנד, וועלכער ווערט גערופן ניט זעלטענער ווי איין מאל אין זעקס חדשים [1].

ווייטער האט דער צוזאמענפאר אין זיינע רעזאלוציעס אנגעוויזן, אז די בערשטער דארפן קעמפן פאר: 1) אן אכט שעהדיקן ארבעטסטאג, 2) פאר פארבאטן קינדער יינגער פון 16 יאר צו ארבעטן, 3) פאדערן פון די באלעבאטים, זיי זאלן באצאלן די גאנצע סומע פאר דער מעדיצינישער הילף, 4) העכערן דעם ארבעטסלוין און 5) אפשאפן דעם לוין פון פוד און איינפירן „יאר־שכירות".

נאכדעם האט דער צוזאמענפאר באשלאסן צו פארשטארקן די אגי־טאציע צווישן די קריסטלעכע ארבעטער־בערשטער; אנהייבן באצייטנס די קאמפאניע פאר דעם פייערן דעם ערשטן מאי; ארויסגעבן א חודשדיקן פרעסע־ארגאן; ער האט אנערקענט, אז אין איניקע פאלן קאן מען קומען צו א פארשטענדיקונג מיט די אומפארטייאישע בערשטער־פאראיינען, ארייג־נעמען אין דעם פארבאנד די האר־ארבעטער און אנרופן דעם פארבאנד „צענטראלער פארבאנד פון יידישע האר־ארבעטער און בערשטער", און, ענדלעך, אויסגעוויילט א צענטראל־ביורא פון פארבאנד.

מען דארף נאך באמערקן דעם באשלוס פון דעם צוזאמענפאר זיך ניט צו לעגאליזירן אויפן גרונט פון דעם געזעץ פון 4טן מערץ 1906. צוליב דעם זיינען אויף דעם צוזאמענפאר פארגעקומען הייסע דעבאטן. לויט די ידיעות פון דער „פאלקסצייטונג", האבן זיך די קעגנער פון דער לעגאליזאציע פארופן אויף דעם, אז ביי דער פאליטישער סיטואציע, וואס האט זיך געשאפן, קאן דאס געזעץ פון 4טן מערץ ניט ווערן אויסגע־נוצט, אז די לעגאליזאציע קאן שטעלן אין סכנה די ווייטערדיקע עקסיס־

---

[1] ס. איינזאפט: „דער ערשטער עטאפ פון דער פראפ. באוועגונג אין רוסלאנד", העפט ו, ז"ז 222—223.

טענץ פון די פאראיינען, ווייל די פאליציי האט שוין אין פיל ערטער פאר־
מאכט די פאראיינען, די מיטגלידער פון ביורא פארשיקט קיין סיביר
און אינגאנצן חרוב געמאכט די פראפעסיאנעלע פאראיינען, וועלכע זיינען
אנטשטאנען אויפן לעגאלן אופן און האבן געארבעט אין די באדינגונגען
פון לעגאלער עקסיסטענץ. „עס וואלט געווען א גרויסער פארזען, — האבן
געטענהט אייניקע קענער, — אוועקצושטעלן די ארגאניזאציע, וועלכע
האט געלאזט אזעלכע טיפע ווארצלען אין דער ארבעטער־מאסע און
ארויסגעוויזן אזא פראדוקטיווע טעטיקייט, אונטערן קאנטראל פון דער
פאליציי, וועלכע רעכנט זיך ניט מיט קיין שום געזעץ און קאן ביי דעם
מינדסטן קאפריז חרוב מאכן דאס, וואס האט זיך איינגעגעבן מיט אזוי־
פיל מי צו שאפן" [1].

„דער באשלוס צו בלייבן אומלעגאל, — שרייבט דער היסטאריקער
פון דער פראפעסיאנעלער באוועגונג ס. איינזאפט, — דערקלערט זיך
דורך א גאנצער ריי סיבות. פון די ציפערן וועגן דער צאל מיטגלידער,
וואס זיינען צוגעשטעלט געווארן אויפן צוזאמענפאר, קאן מען זען, אז
דאס זיינען געווען קליינע פאראיינען מיט א קליינער צאל מיטגלידער
אין יעדערן (צו 15—30 מיטגלידער אויף 14 פונקטן — בערך אריבער
100 מאן אויף א פאראיין). אזעלכע קליינע פאראיינען איז געווען לייכ־
טער צו עקסיסטירן אומלעגאל, איידער די פאראיינען מיט א גרויסער
צאל מיטגלידער. פון דער אנדערער זייט איז דער ווילקיר פון דער אדמי־
ניסטראטיווער מאכט אין די פארווארפנסטע שטעטלעך געווען גרעסער,
ווי אין די גרעסערע שטעט. לעגאליזירן צענטראליזירטע פאראיינען איז
געווען כמעט אוממעגלעך. די אלע סיבות האבן אויפן צוזאמענפאר גע־
שאפן א שטימונג קעגן דער לעגאליזאציע" [2].

נאך דעם צוזאמענפאר איז אין דער בערשטער־פראדוקציע דורכגע־
גאנגען א גאנצע כוואליע פון פארטיידיקונגס־שטרייקן און לאקאוטן. די
צענטראל־ביורא האט מיט גרויס ערפאלג אנגעפירט מיט דער אקציע פון
די ארבעטער. גענוי וועגן די דאזיקע לאקאוטן וועלן מיר זיך אפשטעלן
אין איינעם פון די ווייטערדיקע קאפיטלען.

גלייך נאך די בערשטער גייען, לויט דער באדייטונג פון זייער טע־
טיקייט, די גארבער.

---

1 „פאלקסצייטונג", נומ' 167, 1906 יאר.

2 ס. איינזאפט. „דער ערשטער עטאפ פון דער פראפעסיאנעלער באוועגונג אין רוסלאנד", העפט 1, ז' 224.

די ערשטע פרווון צו פאראייניקן די יידישע גארבער זיינען געמאכט געוואָרן אין יאָר 1898. נאָך פאר דעם האָבן שוין די גארבער געפירט אַן עקאָנאָמישן קאמף. מיט דער הילף פון צ"ק פון „בונד" האָבן זיי צונויפגערופן דעם ערשטן צוזאמענפאָר, ריכטיקער באראטונג פון קיינעם ניט באפולמעכטיקטע פאָרשריטלעכע גארבער. דער צוזאמענפאָר האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאט די אויפגאַבע צו שאַפן די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. דער דאָזיקער באַשלוס איז אָבער ניט געוואָרן פאַרווירקלעכט. אין 7 חדשים אַרום איז צונויפגערופן געוואָרן דער צווייטער צוזאמענפאָר, אויף וועלכן עס זיינען געווען פאָרשטייער פון כמעט דעם גאַנצן צפון־מערב־קאַנט. דער צוזאמענפאָר האָט באַטראַכט דעם קורצן אָרגאַניזאַציאָנעלן סטאַטוט, די פראַגע וועגן לערניינגלעך, וועגן שטיק־לוין וכדומה. נאָכדעם האָבן די גארבער־אָרגאַניזאַציעס געפירט אַן אַרבעטער אויך צווישן די קריסטלעכע אַרבעטער. לויט זייער איניציאַטיוו האָבן זיך אין סמאָרגאָן, אין ווילנע, אין קרינקי אאַז"וו געבילדעט קריסטלעכע גארבער־אָרגאַניזאַציעס. דער פינפטער צוזאמענפאָר פון די גארבער האָט באַשלאָסן צו פרווון פאַראייניקן די פּוילישע, רוסישע און יידישע גארבער־פאַראיינען. אינגיכן האָט זיך זיי דאָס איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן: אין 1903 איז געשאַפן געוואָרן דער „אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַטיווער גארבער־פאַרבאַנד". עס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף רוסיש, פּויליש און יידיש אַ ספּעציעלער „מאַניפעסט", וועלכער איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך דעם ד"ר פּ. ראָזנטאַל. די פּאָליציייִשע רעפּרעסיעס האָבן צעשטערט דעם „פעדעראַטיוון גארבער־פאַרבאַנד", וועלכער האָט געהאַלטן ביים אָרגאַניזירן זיך, — דורך די ערעסטן זיינען „באַזייטיקט" געוואָרן זייער פיל אַקטיווע טוער און עס איז פאַרכאַפּט געוואָרן דער גאַנצער ליטעראַרישער מאַטעריאַל, וועלכער איז געווען צוגעגרייט פאַר דעם נומ' 1 פון „קאַמף", וועלכער האָט לויטן באַשלוס פון V צוזאמענפאָר פון די גארבער געדאַרפט ערשיינען, אַלס אָפיציעלער אָרגאַן פון פאַרבאַנד, אויף רוסיש, פּויליש און יידיש.

נאָכדעם זיינען עטלעכע מאָל געמאַכט געוואָרן פרווון צוריק אויפצושטעלן די אָרגאַניזאַציע פון די גארבער — אָבער אָן ערפאָלג. ערשט אין יאָר 1906 איז לויט דער איניציאַטיוו פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיסיע, וועלכער עס האָט זיך סוף־כל־סוף איינגעגעבן צונויפצורופן אין גראָדנע דעם גרינדונגס־צוזאמענפאָר פון דעם „אַלגעמיינעם גארבער־פאַרבאַנד". דער צוזאמענפאָר האָט געדויערט פינף טעג. עס האָבן זיך באַטייליקט 26 דעלעגאַטן מיט שטימרעכט, פאָרשטייער פון 17 פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין

16 שטעט און שטעטלעך. אחוץ די 26 דעלעגאַטן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, זיינען נאָך אויף דעם צוזאַמענפאָר געווען אַ פאָרשטייער פון צ״ק פון „בונד“ און איין איינגעלאַדענער חבר, וועלכער האָט געי־לייענט אַ פאָרטראָג וועגן פּאַרטייישע און נייטראַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען 1. אין די דאָזיקע פאַראיינען זיינען געווען פון 4000 ביז 4500 אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אין דעם גרעסטן — 1000 מיטגלידער, אין דעם קלענסטן — 40. די אָנגעמערקטע שטעט און שטעטלעך געהערן צו דעם צפון־מערב־קאַנט, צו אַ טייל פּוילן און דרום. עס זיינען ניט גע־ווען פאַרטראָטן די צענטראַלע גובערניעס און דער צפון־קאַנט. לויט דער ערקלערונג, וואָס די אָרגאַניזיר־קאָמיסיע האָט געגעבן, איז די סיבה, פאַרוואָס עס פעלן ידיעות וועגן דעם, ווי עס גייט די אַרבעט אין אָט די גובערניעס, די אוממעגלעכקייט זיך מיט זיי שנעל צו פאַרבינדן און די נויטווענדיקייט וואָס גיכער צונויפצורופן דעם צוזאַמענפאָר און דע־ריבער האָט זיך די אָרגאַניזיר־קאָמיסיע דאָס מאָל געמוזט באַגרענעצן מיט דעם אָנגעוויזענעם גרויסן ראַיאָן.

די צענטראַלע פראַגע אויף דעם צוזאַמענפאָר איז געווען די פראַגע וועגן דער נייטראַלקייט אָדער פּאַרטייישקייט פון דעם „גאַרבער־פאַר־באַנד“. מיט 18 שטימען קעגן 5 ביי דריי אָפּגעהאַלטענע איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע וועגן דער פּאַרטייישקייט, דערביי האָבן פאַר דעם ערשטן טייל אירן, וועלכער זאָגט זיך פּרינציפּיעל אַרויס פאַר דער נויט־ווענדיקייט צו בילדן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, האָבן געשטימט 22 דעלעגאַטן און 4 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. אויף אַזאַ אופן האָבן אפילו די נייטראַליסטן זיך ניט באַשלאָסן צו שטימען קעגן דעם נייטראַלן טייל.

אָט איז די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דעם צוזאַמענפאָר:

„נעמענדיק אין באַטראַכט: 1) אַז די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג קאָן בלויז, שטייענדיק אויף דעם באָדן פון קלאַסן־קאַמף, ווערן איינע פון די וויכטיקסטע פאָרמען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־באַוועג־גונג; 2) אַז די אויפגאַבן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט, קאָנען אין זייער עצם זיין געווענדט: א) אין קאַמף פאַר דער דירעקטער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַרבעטער אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און ב) אין

1 „נאַשאַ טריבונאַ“, נומ׳ 12, י. א. „דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון אַלגע־מיינעם גאַרבער־פאַרבאַנד“.

דעם אנטוויקלען דעם קלאסן־באוווסטזיין פון דעם פראלעטאריאט און אים צוגרייטן צום אויפנעמען דעם סאציאליסטישן אידעאל, אזוי אויך צום קאמף פאר זיין פארווירקלעכונג; 3) אז דאס פעסטע פארווירקלעכן פון אט די ביידע גרונט־צילן פאדערט א באשטענדיקע און ריכטיקע קאנסאלידירונג פון עקאנאמישן קאמף מיט דעם פאליטישן, און דעריבער הייסט דאס, א ענגן קאנטאקט צווישן די פראפעסיאנעלע פאראיינען מיט דער פאליטישער פארטיי פון דעם פראלעטאריאט — מיט דער סאציאל־דעמאקראטיע; 4) אז דער דאזיקער קאנטאקט ליגט אלצאיינס אין די אינטערעסן פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען און דער פאליטישער פארטיי. אין די אינטערעסן פון די ערשטע דערפאר, וואס די פראפעסיאנעלע באוועגונג קאן אן דעם דאזיקן קאנטאקט געלאזט ווערן אויף אייגענער, אומאפהענגיקער אנטוויקלונג און דערפירן די דאזיקע פאראיינען צו איינע פון די צוויי פארמען, וועלכע זיינען שעדלעך פאר דעם גאנצן פראלעטאריאט: אדער צו דעם שמאלן פאכן־פראפעסיאנאליזם, אדער צו דעם איינזייטיקן אנטיפאליטישן סינדיקאליזם; אין די אינטערעסן ווידער פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי גופא — דערפאר, וואס אין קעגנפאל דראט איר די געפאר פון איבערשאצן די באדייטונג פון דעם פאליטישן פארלאמענטארישן קאמף, א געפאר אריינצופאלן אין פארלאמענטארישן קרעטיניזם.

דער גרינדונגס־צוזאמענפאר פון דעם אלגעמיינעם גארבער־פאַ־באנד זאגט זיך פרינציפיעל ארויס פאר איינארדענען סאציאל־דעמאקראטישע פראפעסיאנעלע פאראיינען, ד"ה אזעלכע, ווו די ארבעט זאל געפירט ווערן אין סאציאל־דעמאקראטישן גייסט און אונטער דער אנפירונג פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי.

קאנסטאטירנדיק ווייטער, אויפן גרונט פון די באריכטן פון די דעלעגאטן אויפן צוזאמענפאר, דעם אומגעהייערן דאמינירנדיקן איינפלוס פון דער סאציאל־דעמאקראטיע צווישן די גארבער, געפינט דער גרינדונגס־צוזאמענפאר, אז די פראפעסיאנעלע פאראיינען פון די לעצטע קאנען און דארפן זיין סאציאל־דעמאקראטישע.

נאר רעכענענדיק זיך מיט איניקע קאנקרעטע באדינגונגען, ביי וועלכע עס קומט אויס צו ארבעטן די פראפעסיאנעלע פאראיינען פון די גארבער און מיט דער אומבאוווסטזייניקייט און אפגעשטאנענע עלעמענטן צווישן זיי, באשליסט דער גרינדונגס־צוזאמענפאר:

אין די פאלן, ווען דער באדייטנדיקער טייל פון די גארבער באצים זיך, אדאנק דער ניט גענוגנדיקער אנטוויקלונג פון זייער קלאסן־באוווסטזיין און ניט פארשטיין דעם אמתן זין פון דער פראפעסיאנעלער

באוועגונג, נעגאטיוו צו דער ארגאניזירונג פון פראפעסיאנעלע פאראיינען, קאן מען גרינדן נייטראלע פאראיינען. נאר דערביי מוזן די סאציאל־דע־מאקראטן, וואס גייען אריין אין די פאראיינען, שטרעבן דערצו, אז די דאזיקע פאראיינען זאלן ביי דער ערשטער מעגלעכקייט פארוואנדלט ווערן פון נייטראלע אין סאציאל־דעמאקראטישע.

ווייטער האט דער גרינדונגס־צוזאמענפאר באשלאסן: די צענטראל־ביורא פון דעם אלגעמיינעם גארבער־פארבאנד דארף פירן איר ארבעט אונטער דער אנפירונג פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי און פון איר זייט — ווייזט זי ארויס, דורך דער באשטימטער פארשטייער־שאפט אויף די פארטיי־צוזאמענפארן, איר איינפלוס אויף דער פארטיי־ארבעט" [1].

דער צוזאמענפאר האט אנגענומען פאלגנדע באשלוסן: 1) דעם ערשטן מאי פייערן דורך אן אלגעמיינעם שטרייק; 2) ארויסגעבן א צענ־טראל־ארגאן — „די גארבער־שטימע"; 3) זיך לעגאליזירן אויפן גרונט פון דעם געזעץ פון 4טן מערץ 1906; 4) אננעמען דעם „סטאטוט" פון גארבער־פארבאנד און 5) שיקן א באגריסונגס־טעלעגראם דער סאציאל־דעמאקראטישער פראקציע פון דער מלוכה־דומע.

ווייטער האט זיך די טעטיקייט פון צענטראל־ביורא פון דעם גאר־בער־פארבאנד, וועלכער איז אויסגעקליבן געווארן אויף דעם גרינדונגס־צוזאמענפאר פון 1906 יאר, הויפטזעכלעך אייסגעדריקט אין אנפירן דעם עקאנאמישן קאמף פון די גארבער־ארבעטער. אין דער צייט פון די לאקאוטן, וועלכע האבן זיך פארשפרייט אין די יארן פון דער רעאקציע, האט די ביורא מיט ערפאלג זיי באקעמפט. כדי צו קאארדינירן אין דער צייט פון א לאקאוט די טעטיקייט פון די ארטיקע ארגאניזאציעס, האט די צענטראל־ביורא צונויפגערופן עטלעכע קאנפערענצן. די צענטראל־ביורא האט עקסיסטירט ביזן יאר 1908, ווען מען האט אויף דער קאנ־פערענץ, וועלכע איז פארגעקומען אין סמארגאן, באשלאסן: „היות ווי עס איז אוממעגלעך ביי דער איצטיקער רעאקציע צו פירן אן ארבעט, פונאנ־דערלאזן די צענטראל־ביורא און איבערגעבן דעם צענטראל־קאמיטעט פון „בונד" דעם גאנצן ארכיוו פון צ"ב און די איבעריקע מאטעריאלן און דאקומענטן" [2].

---

1 דארט.

2 ס. איינזאפט. „דער ערשטער עטאפ פון דער פראפ. באוועגונג אין רוס־לאנד", ז"ז 234—236.

* * *

אין פארלויף פון די געשעעגישן אין די יאָרן 1905—1907 איז דעם „בונד" אויסגעקומען זיך אָנטרעפן אויף דער פראגע וועגן זיין באַציִונג צו די „ראטן פון ארבעטער־דעפוטאטן". צום אָנהייב אין פעטערבורג און נאָכדעם אין דער פראָווינץ האָבן זיך געשאפן אזעלכע „אומבארופענע" ארבעטער־אינסטיטוציעס. די בונדיסטן האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו די „ראטן", האלטנדיק, אז זייענדיק אומפּאַרטייִיש און געפינענדיק זיך אונטער דער השפּעה פון וויניק באַוווסטזיניקע אַרבעטער־עלעמענטן, שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ געוויסע סכּנה פאַר דעם וווּקס פון דעם איינפלוס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער אָפיציעלער אָרגאַן פון „בונד" — די „פאָלקסצייטונג" האָט וועגן די „ראטן" געשריבן פאָלגנדעס:

„...אונז שיינט, אז די ראטן פון ארבעטער־דעפּוטאַטן זיינען שוין אַן איבערגעגאַנגענע פאַזע אויך פאַר דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט. פון די אָקטאָבער־טעג אָן האָט זיך די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויף אַזויפיל פארשטאַרקט, אַז זי נייטיקט זיך גאָרניט אין דעם, עס זאָל זיך איבערחזרן די אַלטע געשיכטע, דער אַלטער פּרווו, וועלכער האָט אין זיין צייט געבראַכט גרויס נוצן דער באַוועגונג און וועלכע וואָלט איצט געבראַכט מער שאָדן ווי נוצן.

אין די מערב־ראַיאָנען, אין פּוילן, אין באַלטישן קאַנט זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין ראטן פון ארבעטער־דעפּוטאַטן. אויף וויפיל אונז איז באַקאַנט, האָט מען בלויז אין איין שטאָט, אין ביאַליסטאָק, געפּרוווט גרינדן אַ „ראַט", נאָר דאָס האָט געשטאַמט פון די אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, און זיין טעטיקייט האָט געהאַט אַ טרויעריקן סוף. דאָס, וואָס עס איז דאָ ניטאָ קיין באַדן פאַר אַזעלכע „ראטן", נעמט זיך דערפון, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען דאָ שטאַרק און זיינען ענג פאַרבונדן מיט די מאַסן. דער „בונד", די לאַטווישע סאָצ.־דעמ. און די פּפּ"ד זיינען שטענדיק געווען קעגן די ארבעטער־ראטן.

מיר האַלטן, אַז אויך פאַר דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געקומען די צייט זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ אומנוציקן און געפערלעכן פאַר אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע מיטל, פון אַרויפלייגן אַט די אויפגאַבע אויף איר פּאַרטיי־אַפּאַראַט און ניט לאָזן זיך אויף די וועגן פון קלענסטער קעגנווירקונג, וועלכע קאָנען ביי די איצטיקע באַדינגונגען ווערן זייער קאָמפּליצירט און פאַרפּלאָנטערט" [1].

---

[1] „ראַט פון ארבעטער־דעפּוטאַטן" (לייטאַרטיקל), „פאָלקסצייטונג" נומ' 93, 1906

די באראטונג פון די דרומדיקע בונדישע ארגאניזאציעס, וועלכע איז פארגעקומען אין נאוועמבער 1905, האט פארמולירט איר נעגאטיווע שטעלונג בנוגע די „ראטן" דורך פאלגנדער רעזאלוציע: „ארויסגייענדיק פון דעם, אז די אזוי־גערופענע ראטן פון ארבעטער־דעפוטאטן שטרעבן און קאנען זיך ניט אפזאגן פון דער שטרעבונג צו נעמען אין זייערע הענט די אנפירונג מיט דעם גאנצן עקאנאמישן און פאליטישן קאמף פון דעם ארבעטער־קלאס, אז דער ראט פון די ארבעטער־דעפוטאטן באשטייט פון פארשטייער, וועלכע ווערן געקליבן דורך די פארשיידענע שיכטן פון די ארבעטער, וועלכע זיינען נאך ניט דורכגעדרונגען מיט דעם קלאסן־באוווסטזיין, און דעריבער מוז דער ראט צופאסן זיין פראגראם און טאקטיק צו די פאליטישע סימפאטיעס און שטרעבונגען פון אט די מאסן; אז אויף אזא אופן, ניט זייענדיק אליין קיין סאציאל־דעמאקראטישע אנפירער פון דעם קלאסן־קאמף פון דעם פראלעטאריאט — פארמינערט דער ראט פון די ארבעטער־דעפוטאטן דעם איינפלוס פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, אלס איינציקע פארשטייערין פון דעם פראלעטאריאט, אין קאמף פאר זיין פאליטישער און סאציאלער באפרייונג; נעמענדיק ווייטער אין באטראכט, אז די איצטיקע רעוואלוציאנערע צייט, אלס פעריאד, וואס רעגט אן די מאסן צום פאליטישן לעבן, וואס ערקלערט זיי זייער לאגע, שאפט אויסגעצייכנטע באדינגונגען אויף צו פארשטארקן די עקסיסטירנדיקע סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען, אז די סאציאל־דעמאקראטיע קאן ברענגען א סך שאדן פאר איר אנטוויקלונג, ווען זי וועט זיך אפזאגן פון איר אנפירנדיקער ראלע אין דעם ארבעטער־קלאס און וועט העלפן דער אנטוויקלונג ניט פון די סאציאל־דעמאקראטישע, הגם אויך פראלעטארישע, ארגאניזאציעס, — האלט די באראטונג, אז דער פראלעטאריאט דארף פירן זיין קאמף אונטער דער אנפירונג פון דער סאציאל־דעמאקראטיע און זאגט זיך קאטעגאריש ארויס קעגן דעם אז די סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען זאלן גרינדן אומפארטייאישע ארבעטער־ראטן.

נאר אין די ערטער, ווי, למשל, אין אייניקע שטעט פון אונזער דרום־ראיאן, ווו, אונטער דער ווירקונג פון פארשיידענע סיבות, עס בילדן זיך אדער עס האבן זיך שוין געבילדעט אזעלכע ראטן, אן דעם וויסן פון אונזערע ארגאניזאציעס, און ווו אונזערע ארגאניזאציעס קאנען ניט שטערן זייער אנטשטיין אדער קעמפן קעגן זייער איינפלוס אויף די מאסן, געפינט די באראטונג, אז מען דארף פירן א פארשטארקטע אגיטאציע, אז די ראטן זאלן זיך פארוואנדלען אין פארטייאישע סאציאל־

דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס אָדער פאַר זייער פולקומער פאַרניכטונג.
דערביי אויב עס וועט צוליב אָט דער אַגיטאַציע זיין נייטיק, קאָנען אונ־
זערע מיטגלידער צייטווייליק נעמען אַן אָנטייל אין די ראַטן פון די
אַרבעטער־דעפּוטאַטן" [1].

די בונדיסטן האָבן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער טעטיקייט
פון די „ראַטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן" אין פּעטערבורג, אין ביאַליס־
טאָק, אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין אָדעס, אין סמאָלענסק און אין אייניקע
אַנדערע ערטער.

* *
*

בשעת די וואַלן אין דער ערשטער מלוכה־דומע, האָבן די מענשע־
וויקעס פאַרגעלייגט, אַז צוזאַמען מיט די וואַלן אין אָט דער לעגאַלער
אינסטיטוציע זאָל מען אויך דורכפירן וואַלן אין דער אומלעגאַלער —
אין דער „פאָלקס־דומע". אָט די דאָזיקע אומפּאַרטייִשע אינסטיטוציע,
וועלכע וועט פאַרטרעטן די גאַנצע אָפּאָזיציאָנעלע באַפעלקערונג, האָט,
לויט זייער מיינונג, געדאַרפט „ווירקן", „אונטערשטופן" די מלוכה־דומע
און סוף־כל־סוף צונויפרופן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אין קעגנזאַץ צו
די מענשעוויקעס, האָבן די באָלשעוויקעס פאַרגעלייגט צו באָיקאָטירן די
מלוכה־דומע און זיך גרייטן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דער „בונד"
איז געווען קעגן די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס. דער פּראָיעקט
פון די מענשעוויקעס וועגן אַ „רעוואָלוציאָנערער זעלבסט־פאַרוואַלטונג"
האָט די „פאָלק. איזוו." אָנגערופן אַלס „קאָשמאַר". דעם טעות פון די
מענשעוויקעס האָבן די בונדיסטן איינגעזען אין דעם, אַז זיי האָבן פאַר־
געסן, אַז ביים פאַרווירקלעכן זייער פּראָיעקט וועט זיי אויסקומען צו
האָבן צו טאָן ניט מיט די אינטעליגענטישע קרייזלעך, נאָר מיט די
פאָלקס־מאַסן. „די פאָלקס־מאַסן קאָן מען ברענגען אין באַוועגונג נאָר
אין נאָמען פון אַ רעאַלער זאַך, אין דעם פאַל, וואָס אינטערעסירט אונז
איצט, — נאָר דעמאָלט, ווען עס שטייען פאַר ווירקלעכע וואַלן, וועלכע
קענען פאַראינטערעסירן מיט זייערע דירעקטע, באַשיינפּערלעכע רעזולטאַטן;
צוליב עפּעס אויסגעטראַכטע מוסטער־וואַלן, צוליב שפּילן זיך אין וואַלן, כּדי
צו שיקן דעפּוטאַטן ניט וויסנדיק וווּהין און צוליב וואָס, אין אַ ניט־עק־
סיסטירנדיקער, דורך קיינעם ניט צונויפגערופענער גרינדונגס־פאַרזאַמ־
לונג — וועט איר ניט אויפהייבן די פאָלקס־מאַסן" [2].

---

[1] מ. ראַפעס, ז' 172—178.

[2] „די דומע פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע", „פאָלק. איזוו.", נומ' 247.

„דעם ארבעטער וועט שווער זיין צו פארשטיין, ווי אזוי מען קאָן זיך באטייליקן אין די וואלן פון אזא אינסטיטוציע, וועלכע מען דארף פארניכטן, וועלכע איז אפריער פארמשפט אויף אונטערגאנג, וועלכע דארף גיכער „גיין אויף ברעך" און דארף פארביטן ווערן מיט א גאָר אנדער אינסטיטוציע — מיט דער אלפאָלקישער גרינדונגס־פארזאמלונג".

„דעם מאסן־ארבעטער, וועלכער איז ניט אויסגעאיבט אויף די אינ־טעלעקטועלע ספעקולאציעס, איז די דאָזיקע פילאָסאָפיע פסיכאָלאָגיש לחלוטין ניט צוטריטלעך. אין באוווסטזיין פון די ארבעטער־מאסן וועט דער דרוק אויף די פריווילעגירטע וויילער, איבערגעבן זיי זייערע מיינונ־גען און פאָדערונגען און ענלעכע מאניפולאציעס, אין וועלכע עס דארפן זיך אויסדריקן דער אומדירעקטער אָנטייל אין די וואלן, אויפגענומען גאנץ אנדערש, ווי אין דעם באוווסטזיין פון דער אינטעליגענץ; אין קאָפּ פון דעם מאסן־ארבעטער וועט דער דאָזיקער אָנטייל זיין פארבונדן מיט באשטימטע, באשיינפערלעכע רעזולטאטן, וועלכע ער קען דערווארטן און פאָדערן פון דער דומע; עס קאָן אין אים שטארקן די האָפענונג, אז די דומע וועט אָנהייבן פארבעסערן זיין עקאָנאָמישע און פאָליטישע לאגע, אז זי וועט דורכפירן די רעפאָרם אין דער סיסטעם פון די וואלן אאז"וו. פאר די ארבעטער וועט דער אָנטייל אין די וואלן באדייטן דאָס שלום ווערן מיט דער דומע, דאָס אָפּשוואכן דעם אינטערעס צו דער אידעע פון א גרינ־דונגס־פארזאמלונג און רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש, דאָס דעגראַ־דירן זייער רעוואָלוציאָנערישקייט" [1].

ווייטער ווארפט דער „בונד" אָפּ אויך די באָלשעוויסטישע רופן צו א באוואָפנטן אויפשטאנד, ניט גלויבנדיק אין זיין מעגלעכקייט.

„אויפהייבן אן אגיטאציע קעגן דער דומע אין נאָמען פון א „באַ־וואָפנטן אויפשטאנד" קאָן מען בכלל ניט, ווייל א באוואָפנטער אויפ־שטאנד, זייענדיק א מיטל אויף דורכפירן א פאָליטישע איבערקערעניש, קאָן אין דעם געגעבענעם פאל ניט דינען אלס אגיטיר־לאָזונג. ענטפערן אויף דער דומע דארף מען און מען מוז מיט דער פארטיפונג פון דער פאָליטישער אגיטאציע פאר א גרינדונגס־פארזאמלונג אויפן יסוד פון אלגעמיינער, דירעקטער, גלייכער און געהיימער שטימרעכט. אָט די דאָ־זיקע אידעע מוזן מיר דורכפירן אין דעם באוווסטזיין פון די סאמע ברייטסטע פאָלקס־מאסן (אויף דעם געביט איז נאָך ווייט ניט אלץ גע־טאָן געוואָרן, וואָס מען האָט געקענט טאָן), דיסקרעדיטירן אין די אויגן פון די פאָלקס־מאסן די אידעע פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג און זיי

[1] „באָיקאָטירן אָדער ניט באָיקאָטירן די מלוכה־דומע", „פאָסל. איזוו.", 249.

דערפירן צו די ברייטע פראָטעסטן קעגן אָט דעם נייעם קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנערן פרווו פון דער זעלבסטהערשונג.

„דער אַקט פון 6טן אווגוסט" קאָן, ניט קוקנדיק אויף זיין באַ־שיינפערלעך פּאָליציייִשן כאַראַקטער, בלויז דערפירן צו דער פאַרברייטע־רונג פון דעם פעלד פון אונזער פּאָליטישער אַגיטאַציע; די וואַלן אין דער דומע, אויב זיי וועלן נאָר פאָרקומען, וועלן זיי אויפוועקן פון שלאָף די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, און זיי אַריינ־וואַרפן אין דעם קעסלגרוב פון דעם פּאָליטישן לעבן. די דומע גופא, אויב זי וועט זיך נאָרווירקלעך צונויפקומען, וועט, אומאָפּהענגיק פון איר באַשטאַנד און כאַראַקטער פון דער טעטיקייט, זיין דער פּאָליטישער צענטער, וועלכער וועט געבן נייע שטויסן דעם פּאָליטישן באַוווסטזיין פון דער באַפעלקערונג. דער דומע וועט אויסקומען צו אַרבעטן אין אַן אַטמאָספער פון העכסטער פּאָליטישער אָנשטרענגונג, און פאַר איר וועלן שטיין נאָר צוויי וועגן: אָדער גאָר איינגיכן איינגאַנצן אַראָפּ פון דער סצענע, אָדער אַרויף אויפן וועג פון דער רעוואָלוציע, ד"ה ענדערן איר אַנטיפּאָלקישן און אַנטידעמאָקראַטישן כאַראַקטער. און סיי דאָס, סיי דאָס אַנדערע וועט באַדייטן דעם קראַך פון דער דומע־אידעע און באַרעכ־טיקן אונזער לאָזונג: נידער מיט דער מלוכה־דומע, מיט דער פּאָליטישער פאָרם פון דער קאָאַליציע פון דער זעלבסטהערשונג און הערשנדע קלאַסן קעגן די פאָלקסמאַסן!"

„...דער אַקטיווער באָיקאָט — אַ דירעקטער און אַן אומדירעקטער, אַ דירעקטער פאַר די, וואָס האָבן רעכט זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן, אַן אומדירעקטער פאַר די, וועלכע האָבן ניט די רעכט — אָט דאָס איז אונזער ענטפער אויף דער דומע. מיט אַלע מיטלען, וועלכע קאָנען נאָר זיין צוועקמעסיק ביי אָט די באַדינגונגען, דאַרפן מיר זען שטערן דאָס פאַרווירקלעכן דאָס געזעץ וועגן דער מלוכה־דומע" [1].

די ערשטע מלוכה־דומע האָט דער „בונד" באָיקאָטירט; אָבער אין דער צווייטער און דער דריטער האָט ער זיך באַטייליקט, אַנטוויקלענדיק דערביי אַ גוואַלטיקע אַגיטאַציע־טעטיקייט. באַמיענדיק זיך ווי ווייט מעגלעך צו פירן אַ זעלבשטענדיקע וואַל־קאַמפּאַניע, איז דער „בונד" בלויז אין זייער זעלטענע פאַלן אַריינגעטראָטן אין אַ בלאָק. קעמפנדיק אומעטום קעגן די קאַנדידאַטורן פון די יידישע בורזשואַזע פּאַרטייען האָט דער „בונד" דורכגעפירט אַן אומגעהייערע אַרבעט אין דער אַנטוויקלונג

1 „די דומע און די קאָנטר־רעוואָלוציע", „פּאָסל. איזוו.", נומ' 247.

פון דעם קלאסן־באוווסטזיין פון דעם יידישן פראלעטאריאט. עס האט זיך אים איינגעגעבן אריינצוציען אין דעם וואל־קאמף די סאמע אפגעשטא־נענסטע שיכטן. פונדעסטוועגן האט זיך דער „בונד“, אדאנק די פאלי־צייִשע רעפרעסיעס, ניט איינגעגעבן דורכצופירן קיין איין דעפוטאט ניט אין דער צווייטער, ניט אין דער דריטער דומע.

קאַפּיטל דרייצן

דער ציוניזם. — די „חובבי ציון". — ד"ר ט. הערצלס פּאָליטישער ציוניזם. — דאָס אויסטיילן זיך פון סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. — „חרות". — די קרייזלעך „פּועלי ציון". — די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. — די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון". — יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי („סערפּ"). — זייער טעאָריע און פּראַקטיק. — זייער אָנטייל אין די געשעענישן פון די יאָרן 1905—1907 — אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אין ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן, בעת די וואַלן אין דער ערשטער, צווייטער און דריטער מלוכה־דומעס. — די יידישע בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען: „פּאַראיין צו דערגרייכן פולבאַרעכטיקונג פאַר די יידן אין רוסלאַנד", „די יידישע פאָלקס־גרופּע", „די רוסלענדישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע". — זייער פּראָגראַם און אָנטייל אין די געשעענישן פון די יאָרן 1905—1907.

אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן האָט זיך אין רוסלאַנד אונטער דער ווירקונג פון די יידישע פּאָגראָמען, פון דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן און דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער רוסישער געזעלשאַפט, צווישן די יידן פאַרשפּרייט אַ פּאַלעסטינאָפילישע באַוועגונג „חובבי ציון", וועלכע האָט געשטרעבט צו גרינדן אין פּאַלעסטינע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס און אויפהייבן דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין פון די יידן דורך שטודירן די יידישע ליטעראַטור און געשיכטע און פאַרוואַנדלען די העברעיִשע שפּראַך אין אַ לעבעדיקער פאָלקס־שפּראַך.

אין יאָר 1884 איז אין קאַטאָוויץ פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר פון די קרייזלעך „חובבי ציון", אויף וועלכע עס איז געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט „חובבי ציון" אויפן נאָמען פון משה מאָנטעפיאָרע, מיט אַ צייטווייליקן קאָמיטעט אין אָדעס. דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג אין דער פאַראייניקונג פון די אָפּגעזונדערטע קרייזלעך.

שפּעטער האָט זיך די דאָזיקע באַוועגונג ווייניק פאַרשפּרייט. זי האָט געהאַט ניט קיין גרויסע ווירקונג און האָט בלויז געשאַפן נאָך עט־

לעבע קרייזלעך, וועלכע פלעגן העלפן מאַטעריעל די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין פּאַלעסטינע.

א נייע עפּאָכע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט געעפנט מיט זיין אַרויסטריט דער דאָקטאָר ט. הערצל. אין מיטן פון די ניינציקער יאָרן האָט דער ווינער זשורנאַליסט דאָקטאָר ט. הערצל אַרויסגעלאָזט אויף דייטש א בוך „די יודענשטאַט" (די יידישע מלוכה), אין וועלכן ער האָט גערופן דאָס צעזייטע יידישע פאָלק צו פּאָליטישער און נאַציאָ־נאַלער ווידעראויפלעבונג און אָרגאַניזאַציע פון א יידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע. אין זיין בוך ווייזט דאָקטאָר הערצל אָן, אז די גרינדונג פון א יידישער מלוכה איז ניט בלויז א לעבנס־באַדערפעניש פון די יידן, נאָר פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. דעם צוועק צו בילדן א זעלב־שטענדיקע יידישע מלוכה אין דעם היסטאָרישן לאַנד האָט ד"ר הערצל געזען אין דער אַלוועלטלעכער פאַראייניקונג פון דעם יידנטום און אין דעם דערגרייכן, דורך אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַרשטענדיקונג, אז טערקיי זאָל אָפּטרעטן די טעריטאָריע אין פּאַלעסטינע אויף צו בילדן די יידישע מלוכה.

דער אַרויסטריט פון דאָקטאָר הערצל האָט געהאַט א גוואַלטיקן ערפאָלג. עס האָט זיך אים איינגעגעבן צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמ־קייט פון דעם אַלוועלטלעכן יידנטום.

אין 1897 האָט דאָקטאָר הערצל צונויפגערופן קיין באַזעל דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער האָט אָנגענומען פאָלגנדע פּראָ־גראַם: „דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפן פאַר דעם יידישן פאָלק א געזי־כערטע היים אין פּאַלעסטינע. אויף צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל זעט דער קאָנגרעס פאַר פאָלגנדע מיטלען: 1) דאָס צוועקמעסיקע מיטהעלפן צו באַזעצן פּאַלעסטינע מיט יידישע ערד־ארבעטער און באַלמעלאָכעס; 2) דאָס אָרגאַניזירן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק דורך פּאַסיקע אָרטיקע און אַלגעמיינע פאַרבאַנדן, צוגעפּאַסט צו די געזעצן פון די פאַרשיידענע לענדער; 3) דאָס פאַרשטאַרקן דעם יידישן זעלבסטגעפיל און זעלבסט־באַוווסטזיין; 4) צוגרייטונג־שריט אויף צו באַקומען די הסכמה פון פאַר־שיידענע מלוכות אויף צו דערגרייכן די צילן פון דעם ציוניזם".

נאָך דעם ערשטן קאָנגרעס האָט זיך די ציוניסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד אָנגעהויבן שנעל צו פאַרשטאַרקן. דערהויפּט האָבן דאָס מיט־געהאָלפן די פּאָגראָמען אין קעשענעוו און אין האָמעל.

אין זיין פּרעסע און אויף די פאַרזאַמלונגען האָט דער „בונד" גע־פירט א שטאַרקן קאַמף מיט דעם ציוניזם. די בונדיסטן האָבן דערוויזן, אַז די באַוועגונג איז א קליינבירגערלעכע און א רעאַקציאָנערע, אַז

פרעדיקנדיק די אפאליטישקייט און כלל־ישראלדיקע אינטערעסן פון אלע קלאסן, איז דער ציוניזם, אפציענדיק די יידישע ארבעטער פון דעם קאמף מיט דעם אבסאלוטיזם און איינפלאנצנדיק דעם כימערישן אידעאל וועגן שאפן א יידישע מלוכה אין פאלעסטינע, זייער שעדלעך.

נאכדעם האבן זיך, אונטער דער ווירקונג פון דעם וווקס פון דער רעוואלוציאנערער שטימונג אין לאנד און דער אגיטאציע פון דעם „בונד", פון דער ציוניסטישער באוועגונג אנגעהויבן אויסטיילן דעמאקראטישע, פראלעטארישע און סאציאליסטישע עלעמענטן. אזוי האבן זיך געבילדעט: די „ציוניסטישע אחדות", „יונג ישראל", „חרות", „פועלי־ציון", „ס"ס", „וואזראזשדעניע" („ווידעראויפלעבונג") און אנד.

אין יאר 1905 איז אויף דעם VII ציוניסטישן קאנגרעס צוליבן פארשלאג פון דער ענגלישער רעגירונג צו באזעצן די יידן אין אוגאנדע (מזרח־אפריקע) פארגעקומען א שפאלטונג צווישן די ציוניסטן. די „פאלעסטינצעס" זיינען געווען קעגן דעם דאזיקן פראיעקט, האלטנדיק פאר מעגלעך בלויז צו שטיצן דאס באזעצן זיך פון די יידן אין פאלעסטינע, די טעריטאריאליסטן, ווידער, האבן געשטיצט דעם דאזיקן פראיעקט, ארויסזאגנדיק זיך פאר דעם קאלאניזירן די יידן אויף וועלכער ניט איז אוטאנאמער טעריטאריע. צו די טעריטאריאליסטן זיינען צוגעשטאנען אלע סאציאליסטישע עלעמענטן אין דעם ציוניזם.

בערך פון 1905 האבן זיך אנגעהויבן צו בילדן קרייזלעך פון יידישע ארבעטער־ציוניסטן „פועלי־ציון". זיי האבן ניט געהאט קיין באשטימטע פראגראם און האבן געפירט אן אפגעזונדערט לעבן. אין טעארעטישער הינזיכט האט זיך צווישן זיי געמערקט א פולקומער כאאס. וועגן דעם אידעישן פלאנטער, וועלכער האט געהערשט אין די רייען פון די „פועלי־ציון", לייענען מיר אין איין אפיציעלן דאקומענט פאלגנדעס: „יעדע ארטיקע ארגאניזאציע האט געפירט איר אפגעזונדערט לעבן, אנגעפילט איר טעטיקייט מיט אירן א באזונדערן אינהאלט, זיך באנוצט מיט איר אייגענער פראגראם, אייגענער טאקטיק: איין גרופע, למשל, האט אנערקענט די נויטווענדיקייט בלויז פון דעם עקאנאמישן קאמף, די אנדערע ווידער האט אנערקענט אויך די נויטווענדיקייט פון פאליטישן קאמף. נאר אפילו די־יעניקע ארגאניזאציעס, וועלכע האבן אנערקענט די נויטווענדיקייט פון פאליטישן קאמף, האבן פארשיידן אפגעשאצט דעם ווערט און די באדייטונג פון דער פאליטישער פרייהייט אין גלות פאר אונזער ענדגילטיקן ציל. און אפהענגיק דערפון האבן זיי פארשיידן פארמולירט דעם אינהאלט און די פארם פון דעם דאזיקן קאמף. די קרייזלעך פון די „פועלי־ציון" האט מיט זיך פארגעשטעלט א בילד פון פולער אנארכיע

הן אין הינזיכט פון דער טעאָריע הן אין הינזיכט פון זייער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט"[1].

די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן „פּועלי־ציון" איז געשאַפן געוואָרן אַדאַנק דער אַגיטאַציע פון בער באָראָכאָוו און שמעון דאָבין („שמעוני"). אין יעקאַטערינאָסלאַוו זיינען אין ווינטער 1900—1901 אין איר באַלד אריינגעטראָטן אַריבער 100 אַרבעטער, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און עקסטערנעס. אין אַ יאָר אַרום זיינען אַנטשטאַנען אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס אין אָדעס, אין וואַרשע, אין דווינסק, אין ווילנע, אין וויטעבסק און אין אייניקע אַנדערע שטעט[2].

זיי זיינען צווישן זיך ניט געווען פאַראייניקט, זייער פּראָגראַם און טעטיקייט זיינען געווען אָפּגעזונדערט. שפּעטער האָבן זיך געשאַפן ראַיאָן־צענטרען. אין דרום זיינען די צענטרען געווען אין יעקאַטערינאָסלאַוו און שפּעטער אין אָדעס; אין דרום־מערב — קיעוו, אין ליטע — מינסק, דווינסק, ווילנע און וויטעבסק; אין פּוילן — וואַרשע און שפּעטער לאָדז[3].

אין מינסקער „פּועלי־ציוניסטישן" צענטער זיינען אריינגעגאַנגען: י. בערגער, א. רובינטשיק, אַ לאַפּידוס, א. גרינהויז, ג. גאָלדבערג און חיה קאַן. דער „פּועלי־ציוניסטישער" צענטער האָט ארויסגעגעבן צוויי נומערן פון אַ ליטאָגראַפירטן זשורנאַל, געהאַט פאַרבינדונגען מיט באָברויסק, מיט גראָדנע, מיט ביאַליסטאָק, מיט באָריסאָוו און מיט ווילנע[4].

די ראַיאָן־צענטרען האָבן איינגעאָרדנט עטלעכע באַראַטונגען. אַ וויכטיקע באַדייטונג האָט געהאַט די באַראַטונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין ווילנע אין יאָר 1903 און די אַזוינערופענע קאָנפערענץ „וואָזראָזשדעניע". אין דער ווילנער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט: פון ווילנע — א. קונין, ב. טאָנטאַק, מאַרק אַראָנאָוויטש, חיים מערקין, מענדל קאַנטאָר און גוטמאַן; פון מינסק — רובינטשיק, בערגער, לאַפּידוס; פון דווינסק — אַלטער יאָפע, זלמן אבראַמסאָן; פון וואַרשע — יעקב לעשצינסקי און זוסמאַן; פון באָברויסק — דאַווידזאָן; פון האָמעל — אַלטער מאַכנאָוויטש; פון מאָהילעוו — סלאַווין און יודע פינעס; פון קרעמענטשוק — ס. גאָלדבערג; פון קאָוונע — לאה זאַק; פון גראָדנע — נח

---

[1] „דעקלאַראַציאָן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי", ז' 3.

[2] „פון דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי", פאַרלאַג פון צ"ק פון דער יידישער קאָמ. פּאַרטיי „פּועלי ציון", מאָסקווע 1923.

[3] זאַמלבוך „סערפּ", ב. 1, „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג".

[4] זאַמלבוך „רויטער פּנקס", וואַרשע, א. גוטמאַנס אַרטיקל.

באַם; פון לידע — פאַניע גינזבורג; פון יעקאַטערינאָסלאַוו און וויטעבסק זיינען קיין דעלעגאַטן ניט געווען [1].

אויף דער באַראַטונג האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער קאַמף בנוגע דער פראַגע וועגן דער באַציִונג צו דעם סאָציאַליזם און דעם פּאָליטישן קאַמף אין דער דיאַספּאָרע. עס האָבן זיך באַמערקט דריי ריכטונגען: די מינסקער (די רעכטע), די דווינסקער (צענטער און לינקע). די „מינסקער", וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך י. בערגער, איז געווען קעגן דעם אַריינגעמען אין דער פּראָגראַם דעם סאָציאַליזם און דעם פּאָליטישן קאַמף. צו אים זיינען צוגעשטאַנען די דעלעגאַטן פון מינסק (ניט אַלע), פון ווילנע (די מינדערהייט), פון מאָהילעוו, פון באָברויסק, פון גראָדנע און פון ליאַדי. די „דווינסקער ריכטונג" (די דעלעגאַטן פון דווינסק, אייניקע פון ווילנע, קאָוונע, קרעסלאַווקע און האָמעל) האָט אָנערקענט דעם קלאַסן־קאַמף ביי די יידן און איז געווען פאַר דעם אַריינגעמען אין דער פּראָגראַם דעם סאָציאַליזם. אין דער פראַגע וועגן דעם אָנטייל אין דעם פּאָליטישן קאַמף אין רוסלאַנד האָט זי פאַרנומען אַ וואַקלענדיקע פּאָזיציע. סימפּאַטיזירנדיק שטאַרק דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט זי געהאַלטן, אַז די נוצן, וואָס די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט ברענגען דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, זיינען ניט אַזוי גרויס, אַז עס זאָל זיך לוינען אינגאַנצן זיך אָפּגעבן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אַז מען זאָל אים אָוועקשטעלן אַלס די וויכטיקסטע און גרונט־אויפגאַבע. די גרייס פון דער רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויקייט פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט מוז אין יעדער באַזונדערן פאַל זיין אָפּהענגיק פון די נוצן, וואָס דער אָדער יענער רעוואָלוציאָנערער אַקט קאָן ברענגען דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. די דריטע ריכטונג האָט פאַרטיידיקט דאָס אָנער־קענען דעם סאָציאַליזם אַלס הויפּט־אויפגאַבע און דעם אַקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויף דער באַראַטונג האָט מען אויסגעקליבן אַ צענטער פון דער מערהייט פון דער „דווינסקער ריכטונג" (טאָלק), וועלכער האָט זיך געדאַרפט געפינען אין מינסק [2].

אין פּעריאָד 1903—1905 האָבן זיך די „פּועלי־ציוניסטישע" קרייז־לעך פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן יידישן תחום.

אין דעם פּעריאָד 1905—1907 האָבן זיך פון די אָפּגעזונדערטע „פּועלי־ציוניסטישע" קרייזלעך געשאַפן דריי באַזונדערע יידישע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען: די „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי

---

1 לויט די זיכרונות פון ז. אַבראַמסאָן איז פון וויטעבסק געווען — באַסקין.

2 ציטירט פון א. גוטמאַנס אַרטיקל אין דעם „רויטן פּנקס".

(ס״ם), די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון״ (פּ״צ) און די יידישע סאָציאַליסטישע ארבעטער־פּאַרטיי (סיימאָווצעס אָדער „י״ס״).

* * *

אין יאַנואַר 1905 איז זיך אין אָדעס צונויפגעקומען אַ קאָנפערענץ פון עטלעכע גרופּעס „פּועלי־ציון״. גלייך אויף דער ערשטער זיצונג איז די קאָנפערענץ דורכגעפאַלן. אַלע אָנטיילנעמער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. זיי זיינען אינגיכן באַפרייט געוואָרן און האָבן צונויפגערופן אַ צווייטע קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּאַרטיי״.

אין וואָס איז באַשטאַנען די טעאָריע און די פּראַקטיק פון אָט דער פּאַרטיי? לויט דער מיינונג פון די „ציוניסטן־סאָציאַליסטן״ ווערט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס לעבט אין ניט נאָרמאַלע באַדינגונגען, ניט גרעסער, די יידישע באַפעלקערונג פּראָלעטאַריזירט זיך ניט[1], ד״ה זיי זיינען ניט פעיִק צו ווערן פּראָלעטאַריער און פילן אָן די רייען פון די לומפּן־פּראָלעטאַריער. די יידן ווערן אַרויסגעשטויסן פון דער גרויס־אינדוסטריע, די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג טרייבט זיי אַרויס פון דעם לאַנד און שאַפט אַ גוואַלדיקע עמיגראַציע. פונדעסטוועגן קאָן דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס עמיגרירט קיין אַמעריקע אָדער ענגלאַנד, ניט אָנקומען אין דער גרויס־אינדוסטריע און פילט אָן די רייען פון די קליינהענדלער און פעדלערס. די איינציקע ריכטיקע לייזונג פון דער „יידישער פראַגע״ האָבן זיי געזען אין דעם שאַפן, ביי גינסטיקע באַדינגונגען, אַ יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע, אָדער צייטווייליק אויף וועלכער ניט איז טעריטאָריע, וווּ יידן וועלן זיין די מערהייט, וועלן לעבן אין קאָמפּאַקטע מאַסן און שאַפן אַ נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט און באַדינגונגען, וועלכע זאָלן זיכערן די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

אין דער „דעקלאַראַציאָן״, וועלכע האָט געגעבן צו וויסן, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַ נייע פּאַרטיי „ס״ס״, ווערט די טעאָריע אַזוי באַגרינדעט:

1 שפּעטער האָבן זיי די „ניט־פּראָלעטאַריזאַציע״ פאַרביטן מיט דער „ניט־אינדוסטריאַליזאַציע״. דער אויטאָר פון דער טעאָריע פון „ניט־פּראָלעטאַריזאַציע״ איז געווען דער דאָקטאָר ח. ד. הורוויטש. אַ גענויע דערקלערונג פון דער דאָזיקער טעאָריע האָט יעקב לעשצינסקי געפּרווט געבן אין זיין בוך „דער יידישער ארבעטער אין רוסלאַנד״. שפּעטער האָבן זיי ביידע דערקלערט, אַז די דאָזיקע טעאָריע איז ניט קיין ריכטיקע און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון איר.

„ביי די הערשנדע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מוז די יידישע נאַציאָנאַלע גרופּע, אַלס פאָלק אָן א נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, שטענדיק פילן א שטאַרקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן און סאָציאַל־פּאָליטישן דרוק, וועלכער ווערט פאַרשאַרפט דורך דעם אַלץ מער וואַקסנדן פּאַופּעריזם און דער קולטורעלער פּרוכטלאָזיקייט פון די בּרייטע יידישע מאַסן. די עמיגראַציע, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אָט דער לאַגע און וועלכע שטראָמט אין די קאַפּיטאַליסטיש־אַנטוויקלטע לענדער, ווי די לאַגע פון די יידישע מאַסן קאָן זיך ראַדיקאַל ניט ענדערן, מוז, אין פּראָצעס פון איר וואַקסן, זיך אָנשטויסן אויף איר וועג אויף פאַרשיידענע באַגרענעצונגען און אויף אומבּאַזיגבּאַרע שטערענישן. כּדי צו שאַפן די נויטווענדיקע באַדינגונגען פאַר א פרייען סאָציאַל־עקאָנאָמישן און נאַציאָנאַל־פּאָליטישן לעבּן, מוזן די יידישע מאַסן האָבּן א טעריטאָריע, אויף וועלכער זיי וואָלטן זיך געקאָנט קאָנצענטרירן און לעבּן אויף נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע יסודות" [1].

„...די יידישע אַרבּעטער־פראַגע ווערט ניט געלייזט דורך דער אַלגעמיינער אַרבּעטער־פראַגע פון די לענדער, ווו די יידן וואוינען; זי קען ערשט דעמאָלט געלייזט ווערן, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט בּילדן א זעלבּשטענדיקע געזעלשאַפט אויף אַן אייגענער טעריטאָריע" [2].

די ציוניסטן־סאָציאַליסטן האָבּן געהאַט זייערע אָרגאַניזאַציעס אין פאָלגנדע שטעט און שטעטלעך: אין לאָדז, אין ווילנע, אין וואַרשע, אין קאָוונע, אין מאָהילעוו, אין פּעטריקאָוו, אין מאָזיר, אין שאַוועל, אין וויטעבּסק, לובּלין, קאָבּרין, פּינסק, וואָלקאָווישקי, מינסק, קרעמענטשוג, בּאָריסאָוו, כאַרקאָוו, האָרקי, האָראָדישטש, טשענסטאָכאָוו, קאָפּוסט, לובּני, נאָוואָראָדאָמסק, טשערקאַס, דווינסק, ראָוונע, לאָמזשע, סמאָרגאָן, לאָוויטש, זשיטאָמיר, בּאַקו, זשאַגאָר, וואָלאָזשין, אַנטאָפּאָל, כּאַראָל, קופּישאָק, טשערניגאָוו, זאַסלאַוו, פּאָלאָנע, רעטשיצע, דובּנע, וולאַדימיר־וואָלינסק, קאָוועל, סלאַוווטע, שעפּעטאָווקע, לוצין, קאָרעץ, פּלאָצק, כעלם, לובּאַטאָוו, זאַמאָשטש, יאַרצאָוו, סמילע, סווענציאַן, שקלאָוו, קוידאַנאָוו, סלוצק, מסטיסלאַוול, בּאַלטע, בּערדיטשעוו, וועטקע, סלאָנים, קיעוו, אָריאָל, פּאָנעוועזש, קראַקינאָווא, לעזריג, וועליזש, בּענדין, מאַליאַט, מאַלין, זלאַטאָפּאָל, ניקאָלאַיעוו, בּיכאָוו, פרידריכשטאַט, דראָגיטשין,

---

1 „דעקלאַראַציאָן" אַפּז"ח, ציטירט לויט דעם „קליינבּירגערלעכן סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס".

2 דאָרט.

ווערכנעדנעפראָווסק, אניקשט, נאָוואָדוואָר, ראָסלאוול, קאָסאָווע, סאָס־נאָוויץ, לובארטאָוו, זאמבראָוו, מינע, סאמארע, באָברויסק, מיטאווע, בוטעק, לעפעל, פערעיאסלאוו, סומיאטש, האָמעל, אין טוקום, אין מאר־יאמפאָל, קלעוואן, קישינעוו, קוזשאני, דיסנע, יעקאטערינאָסלאוו, ליא־כאָוויטש, רעזשיצע, סוואלק, יורבורג, סרעדניק, פאָטשעפ, ראָמני, טאָמאשאָוו, נאָוואָזיבקאָוו, יעליסאוועטגראד, זשאלודאָק, אָרלאָווא, קא־מען, וויניצע און אין אנד. [1].

אין אויסלאנד האָבן די „ס"ס" געהאט גרופעס אין פאריז, לייפציג, אין גאליציע: אין פשעמישל, גאָרליץ, קראָקע א"א; אין בערלין, לאָנ־דאָן, מאנטשעסטער, קאנאדע און אנד.

אין פיל ערטער האָבן זיך די „ס"ס" אקטיוו באטייליקט אין דער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג. אין קעגנזאץ פון „בונד" האָבן די „ס"ס" פארטיידיקט די אומפארטייישקייט פון די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען. פון די קאָרעספאָנדענציעס, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן אין דער ס"סישער פארטיי־פרעסע, זעט מען, אז די ס"ס האָבן אין אָט די פונקטן טיילווייז געגרינדעט און טיילווייז געהאט א שטארקן איינפלוס אויף די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען: אין מאָזיר (האנדלס־אָנגעשטעלטע, אריבער 150 מיטגלידער), אין מאָהילעוו (וועשנייטאָרינס, ביוראַאליסטן און האנדלס־אָנגעשטעלטע), אין פעטריקאָוו (דרוקער, שניידער, האנדלס־אָנגעשטעלטע, פליישערס, ביוראליסטן), אין טשערקאס (שוסטער), אין סמאָרגאָן (שניידער, האנדלס־אָנגעשטעלטע, וואלקערס א"א), אין טשער־ניגאָוו (האנדלס־אָנגעשטעלטע, שטעפער), אין ווארשע (הענטשקעמאכער. בלומענמאכער א"א), אין זשיטאָמיר, אין קאָוונע (מילארבעטער, זייגער־מאכערס. האנדלס־אנגעשטעלטע א"א), אין לאָדז (מאָדיסטינס, טרעגער. האנדלס־אָנגעשטעלטע, שניידערינס), אין נאָוואָזיבקאָוו (שניידער), אין בענדין (האנדלס־אָנגעשטעלטע, מאלערס, פורמאנעס), אין כערסאָן (טאנדעטניקעס), אין מאליאט (זאָקנמאכערקעס), אין ניקאָלאיעוו (קירזשנער, זייגערמאכער, קארטאָנאזשניקעס, מאלערס, שלאָסער), אין לידע, אין ווערכנעדנעפראָווסק, אין פרילוק (האנדלס־אנגעשטעלטע). אין נאָ־וואראדאָמסק (זאקנמאכערקעס), אין קאָוונע (האנדלס־אנגעשטעלטע, מיל־ארבעטער, ביוראליסטן א"א), אין קאָוועל (האנדלס־אנגעשטעלטע, שוס־טערס). אין וויניצע (די ארבעטער פון די מאכאָרקע־פאבריקן), אין סאָס־נאָוויץ (פליישער, דרוקער, איינבינדער, טינטנמאכער, האנדלס־אָנגע־שטעלטע, שניידער, קירזשנער, שוכטער און וועבער), אין לובארטאָוו.

---

[1] קאָרעספאָנדענצן פון די ערטער אין דעם „נייעם וועג" און „דאָס וואָרט".

אין מינא (שניידערינס), אין זלאטאָפּאָל (האנדלס-אָנגעשטעלטע), אין מינסק (האנדלס-אָנגעשטעלטע, שניידער און אנד.), אין לובלין און אין אנדערע [1].

די באַציִונגען צווישן די בונדיסטן און די ס"סאָוועס זיינען געווען זייער פיינדלעכע. מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע פאַקטן. אזוי האָבן, למשל, די בונדיסטן אין פּינסק געריסן די ס"סישע פּראָקלאַמאַציעס צום ערשטן מאַי, אין טשענסטאָכאָוו האָט אַ בונדיסט דערהרגעט אַ ס"סאָוועץ בוסעל, אין טאָמאַשאָוו האָבן די בונדיסטן אריינגעשאָסן אין פענסטער פון דער דירה, וווּ עס איז פאָרגעקומען אַ ס"סישע פאַרזאַמלונג, אין שאָוועל האָבן די בונדישע ארבעטער געפאָדערט פון דעם באַלעבאָס ער זאָל אָפּזאָגן דעם ס"סישן ארבעטער, און דער באַלעבאָס האָט געמוזט נאָכגעבן אָט דער פאָדערונג. זייער אָפט פלעגט אויף דער „בערזע" אויס-ברעכן וויסטע געשלעגן צווישן די בונדיסטן און די ס"ס.

די ס"ס האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין די געשעענישן פון 1905. זיי האָבן געפירט אַ שטאַרקע אַנטיפּאָגראָם-טעטיקייט. זיי האָבן אָרגאַניזירט זעלבשטענדיק און אָפּטמאָל צוזאַמען מיט די פעדעראַטיווע קאָמיטעטן פון די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, זעלבסטשוצן. דער איינפלוס פון די ס"ס איז אין אַ גאַנצער ריי שטעט געווען אַ באַ-דייטנדער. אזוי, למשל, האָבן זיי אין ראָוונע (וואָלין) בעת דעם אַלגעמיי-נעם שטרייק געשפּילט די דאָמינירנדיקע ראָלע; אין קאָברין איז אין אָקטאָבער, נאָוועמבער און דעצעמבער „די דיקטאַטור געווען אין די הענט פון אונזער אָרגאַניזאַציע", ווערט דערציילט אין דער קאָרעספּאָנ-דענץ פון אָט דער שטאָט: „אַ מענגע מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס. אין דער צייט פון דעם צווייטן אייזנבאַן-שטרייק זיינען מיר אריינגע-טראָטן אין אָפיציעלע באַציִונגען מיט די אייזנבאַנער און האָבן ארויס-געלאָזט אַ בלעטל צו דער באַפעלקערונג, אין וועלכער מיר האָבן ער-קלערט די סיבה פון דעם שטרייק און פאַרבאָטן די סוחרים צו הייבן די פּרייזן פון די פּראָדוקטן. פון דעם וואָקזאַל האָט מען ניט ארויסגעגעבן קיין שום סחורות אָן דער ערלויבעניש פון דער אָרגאַניזאַציע; אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז די גאַנצע מאַכט איז ביי די ס"ס און מען דאַרף זיך צו זיי ווענדן. און מען האָט זיך טאַקע געווענדט צו אונזער אָרגאַ-ניזאַציע".

אין אייניקע ערטער האָבן זיך די ס"ס באַנוצט מיט טעראָר: אזוי האָבן אין טשענסטאָכאָוו די ס"ס דערהרגעט עטלעכע שפּיאָנען, זשאַנ-דאַרן און פּאָליציאַנטן.

[1] דאָרט.

להיפוך דעם „בונד" האָבן זיך די ס"ס באַצויגן פּאָזיטיוו צו די „ראַטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן". אַרויסזאָגנדיק זיך פאַר שאַפן „ראַטן" אין די ערטער, ווו די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז שוואַך, האָבן די ס"ס זיי געהאַלטן פאַר איבעריק אין דעם „תחום", ווו עס קאָנען זיי זייער לייכט פאַרבייטן די פעדעראַציעס אָדער די קאָאַליציעס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. „...אין דעם מאָמענט פון דער העכסטער אָנשטרענגונג, ווען די רעוואָלוציאָנערע לופט ווערט געדיכט, ווען דער אַלגעמיינער אַרויסטריט איז אומפאַרמיידלעך, דעמאָלט מוז געשאַפן ווערן אַ ברייטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל קענען אַרומנעמען די אַוואַנגאַרדטיילן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קאָנען אָנפירן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די ברייטע פאָלקסמאַסן, קאָן בלויז זיין אַן אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, דער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן. פּונקט אַזוי ווי דער אָקטאָבער־שטרייק איז אויך דער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן אַ שעפערישער פּראָדוקט *ניט פון אַ באַזונדער פּאַרטיי, נאָר פון דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס*. אָט דאָס איז די סיבה פון זיין אויטאָריטעט. דער אויפשטייענדיקער קלאַס פון דער צוקונפט שאַפט אין דעם פּאָליצייִשן רוסלאַנד אין געשטאַלט פון דעם ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן אַ פּאַרלאַמענט, אין וועלכן זיי דריקן אויס זייער ווילן. אויף די חורבות פון דער אַלטער זעלבסטהערשנדיקער מאַכט וועט אויסוואַקסן אַ נייע מאַכט, וועלכע שטיצט זיך אויף די סאַנקציעס פון דער גאַנצער געזעלשאַפט". אָנווייזנדיק ווייטער, אַז דער פּעטערבורגער ראַט איז די רעגירונג פון דעם באַנייטן רוסלאַנד, אַז דאָס איז דער קאַמפּס־אָרגאַן, וועלכער האַלט זיך אויף דעם קעגנזייטיקן צוטרוי פון דעם אַרבעטער־קלאַס, פּויערטום און דער אַרמיי, קומט דער חבר פּייגענזאָן צום אויספיר, אַז ביי אַ באַשטימטער פּאָליטישער קאָניונקטור אַנטשטייט דער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן אומפאַרמיידלעך, סטיכיש און זייער געוווּנטשן. בשעת אַן עפנטלעכער פּאָליטישער באַוועגונג, ווען קיין שום פּאָליטישע פּאַרטיי קאָן ניט פאַראייניקן אונטער אירע פאָנעם די ברייטע מאַסן, קאָן בלויז דער „ראַט" זיין דער רעגולאַטאָר פון דער באַוועגונג. איבערגייענדיק צו דער פראַגע וועגן די ראַטן אין דעם יידישן „תחום", שרייבט חבר פּייגענזאָן: „די יידישע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אונטער זייערע פאָנעם כמעט דעם גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט, און האָבן צו זיך דעם צוטרוי פון די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. די ראַטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן קאָנען ניט אַריינטראָגן קיין שום נייס אין דער יידישער אַרבעטער־סביבה אין פאַר־

גלייך מיט דער קאָאַליציע אָדער דער פעדעראַציע פון די קאָמיטעטן פון די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס..." „...דאָרט, ווו דער איינפלוס פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס גייט ניט אַרויס פון די נאַציאָנאַלע גרענעצן, ווו די אַרבעטער־מאַסן און די אַרומיקע באַפעלקערונג האָבן נאָך ניט דערגרייכט די מדרגה פון קולטורעלער אַנטוויקלונג, זיי זאָלן זיין מאָראַליש פעיִק זיך שטעלן אונטער דער אָנפירונג פון אַ פעדעראַטיוון קאָאַליציע־קאָמיטעט, — דאָרט שטעלן מיר אַרויס דעם לאָזונג — „אַ ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן..." „...אַלזאָ, אין ראַיאָן פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג, ד"ה אין די מערב־שטעט און אין אַ סך שטעט פון ליטע דאַרפן מיר העלפן שאַפן ראַטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן. אין פוילן, ווו די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס שטעלן מיט זיך פאָר אַ קאָאַליציע און נעמען אַרום די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג, האַלטן מיר די ראַטן פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן פאַר איבעריק" [1].

אין משך פון 1905—1907 האָבן די ס"ס אַרויסגעלאָזט אין אַ גאַנצער ריי שטעט אַ גרויסע צאָל פּראָקלאַמאַציעס און בלעטלעך. דער צ"ק האָט אַרויסגעלאָזט בלעטלעך צו דעם 9טן יאַנואַר און 1טן מאַי 1906, וועלכע זיינען זייער שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן. דעם 15טן מאַי 1906 איז אין אַ סך שטעט און שטעטלעך געפּייערט געוואָרן דער ערשטער יאָרטאָג זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן די פּאַרטיי. אין קאָוונער גובערניע (אין 3 פּונקטן) האָבן די ס"ס געפירט מיט ערפאָלג די אַרבעט צווישן די סאָלדאַטן.

אין משך פון 1905—1907 זיינען צונויפגערופן געוואָרן עטלעכע ראַיאָן־ און געגנט־קאָנפערענצן.

די ערשטע מלוכה־דומע האָבן די ס"ס, פּונקט אַזוי ווי די איבעריקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, באָיקאָטירט. בשעת די וואַלן אין דער צווייטער דומע האָבן זיי, ניט געקוקט אויף דער אינטענסיווער פּראָוואַל־אַגיטאַציע, וואָס זיי האָבן אַנטוויקלט, קיין איין דעפּוטאַט ניט דורכגעפירט.

* *
*

אין פעברואַר 1906 איז אין פּאָלטאַווע פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר פון די „פּועלי־ציוניסטישע" קרייזלעך, וועלכע האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־

---

1 „דער נייער וועג", נומ' 16, א. זייגענזאָן, „וועגן די ראַטן און אַרבעטער־דעפּוטאַטן".

פּאַרטיי „פּועלי־ציון״. אין דעם צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט אַרי־בער 20 מאַן: בער באָרוכאָוו, באָרוכסאָן (כאַשין), מאַטעס, בן־צבי, וולאַ־דימיר לוריע, „גאָלדע״, „פּאַוועל״ (קיעוו), „נאַטאַן״ (אַ סטודענט פון כאַרקאָוו), „גרשון״ (אַ שוסטער), „ניסן״, ברוך טשיזיק (אַן אַרבעטער פון סאָראָקאָ), ל. כאַיט (ווילנע), משה בעסעראַבער (אַן אָדעסער סטו־דענט), „שמעון״, „פּייגעלע״, פּנחס און שלמה שולמאַן (לאָדז), פעליקס מענטשיקאָווסקי („וולאַדימיר אדים״), „אַדאָלף״ (א. אַראָנאָוו), קיווין (ס. קאַפּעלוש), י. יאַנאָווסקי און „זרובבל״.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעאַרבעט די יסודות פון דער פּראָ־גראַם פון דער נייער פּאַרטיי, האָט אויסגעקליבן אַ צענטראַל־קאָמיטעט (ער האָט זיך געדאַרפט געפינען אין ווילנע) און באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ צענטראַל־אָרגאַן אויף רוסיש און אויף יידיש[1].

אינגיכן האָט דער צ״ק אַרויסגעלאָזט אַ בלעטל וועגן דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי און אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן ערשטן מאַי, וועלכע איז פאַר־שפּרייט געוואָרן אין עטלעכע טויזנט עקזעמפּלאַרן.

ווייטער האָבן די „פּועלי־ציון״ אין דעם פּעריאָד פון 1905—1907 אַרויסגעגעבן פאָלגנדע אָרגאַנען: אויף רוסיש „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ״ („יידישע אַרבעטער־כראָניק״), אין פּאָלטאַווע און „מאָלאָט״ („האַמער״) אין סימפעראָפּאָל; אויף יידיש: דעם „פּראָלעטאַרישן גע־דאַנק״ און „פאָרווערטס״.

אין די געשעענישן פון 1905 האָבן די פּ״צ אין אַ סך ערטער גע־נומען אַ טיכטיקן אָנטייל: אין דער זעלבסטשוץ, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן בשעת די יידישע פּאָגראָמען, האָבן זיי געהאַט בערך 8000 מאַן (עם זייער דערהרגעט געוואָרן ביי 100), בשעת דעם דעצעמבער־שטרייק זיינען זיי צוזאַמען מיט די ס״ד. און ס״ר. אַריין אין די קאָ־אַליציע־קאָמיטעטן אין פאַרשיידענע שטעט. די ערשטע מלוכה־דומע האָבן די פּ״צ באָיקאָטירט, נאָר אין דער צייט פון די וואַלן אין דער צווייטער האָבן זיי אַנטוויקלט אַ שטאַרקע וואַל־אַגיטאַציע און האָבן אין אייניקע שטעט פון פּאָלטאַווער גוב. דורכגעפירט זייערע וואַלמענער, דאָס זעלבע אויך אין לאָדז, אין ניזשני־נאָווגאָראָד און אויך אין פּאָלטאַווע, סימפע־ראָפּאָל און כאַרקאָוו. אין אַ גאַנצער ריי שטעט, דערהויפּט אין פּוילן, האָבן זיך אונטער דעם איינפלוס פון די „פּועלי־ציון״ געפונען אַ גאַנצע ריי פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, הויפּטזעכלעך פון האַנטווערקער־אַרבע־טער און האַנדלס־אָנגעשטעלטע. די „פּועלי־ציון״ האָבן פּונקט אַזוי ווי

1 זאַמלבוך „רויטער פּנקס״, וואַרשע, זרובבלס אַרטיקל.

די ס"ם פּאַרטיידיקט די אומפּאַרטייאישקייט און נייטראַלקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. בשעת די וואַלן אין די מלוכה־דומעס זיינען די „פּועלי־ציון" געווען קעגן א פאַרשטענדיקונג מיט די בורזשואַזע פּאַרטייען.

אין די ערשטע יאָרן פון זייער עקסיסטענץ האָבן זיך די „פּועלי־ציון" ווייטער באַטייליקט אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן, און ערשט אויף דער קאָנפערענץ פון 1909 האָבן די פּ"צ באַשלאָסן זיך ניט צו באַטייליקן אין די קאָנגרעסן.

צו דער צייט פון די וואַלן אין דער צווייטער מלוכה־דומע האָבן די פּ"צ געהאַט אָרגאַניזאַציעס אין פאָלגנדע שטעט: אין וואַרשע, אין לאָדז, אין טשענסטאָכאָוו, אין קעלץ, אין בענדין, אין וולאָצלאַוועק, אין קוטנע, אין פּלאָנסק, אין ווילנע, אין בריסק, אין גראָדנע, אין קיעוו, אין מיר־גאָראָד, אין פּאָלטאַווע, אין סימפעראָפּאָל, אין טשערניגאָוו, אין כאַרקאָוו און אין אנד.

לויט דעם אָפיציעלן באַריכט האָבן די פּ"צ אין מיטן 1906 געהאַט 16000 מיטגלידער.

* *
*

די „יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי" („סערפּ") האָט געהאַט איר אָפּשטאַמונג פון דער קאָנפערענץ פון דער „וואָזראָזשדעניע" (ווידערגעבורט).

אין האַרבסט 1903 איז אין קיעוו פאָרגעקומען א באַראַטונג פון פאָרשטייער פון פאַרשיידענע ריכטונגען אין די פּועלי־ציוניסטישע קרייזן; צווישן זיי זיינען געווען ציוניסטן־סאָציאַליסטן, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנדערע. עס האָבן זיך באַטייליקט: 1) ז. אַבראַמסאָן, 2) ש. דאַבין, 3) ש. וויינצווייג, 4) מ. זילבערפאַרב, 5) א. יאַפע, 6) וו. וואָלף, 7) ל. מאַנדעלבערג, 8) וו. פאַבריקאַנט, 9) ב. פרידלאַנד, 10) מ. ראַטנער, 11) א. ראָזין, 12) נ. שטיף, 13) „זלמן" (אַן אַרבעטער פון דווינסק) [1].

די קאָנפערענץ האָט באַשטימט די נעגאַטיווע שטעלונג צו דעם ציוניזם און צום „בונד".

קאָנסטאַטירנדיק דעם גרויסן וווקס פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע שטימונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, האָט זי דאָך אָנערקענט פאַר פּריצייטיק צו שאַפן א נייע יידישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע

---

1 „רויטער פּנקס", וואַרשע, ציטירטער אַרטיקל.

פּאַרטיי. די קאָנפערענץ האָט בלויז באַשטימט פאָלגנדע פּרינציפּן פאַר דער קומענדיקער פּאַרטיי: 1) דער סאָציאַליזם אַלס ענדציל, 2) דעם רע־וואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם זעלבסטהערשנדיקן און ביוראָקראַטישן רעזשים און 3) דער טעריטאָריאַליזם, ד״ה דאָס שטרעבן צו שאַפן אַן אייגענע טעריטאָריע פאַר דעם יידישן פאָלק, אַלס ראַדיקאַלע און פולע לייזונג פון דער יידישער פראַגע [1].

ווייטער האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אָרגאַן אויף רוסיש אונטערן נאָמען „וואָזראָזשדעניע" [2] און אויף יידיש „דאָס נייע לעבן" און גרינדן אַ פאַרלאַג פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער ליטע־ראַטור.

אין אויסלאַנד זיינען אין אַ גאַנצער ריי אוניווערסיטעט־שטעט גע־ווען גרופּעס מיטצוהעלפן דער „וואָזראָזשדעניע" ווי, למשל, אין מינכען, אין בערן, אין דאַרמשטאַט און אין היידלבורג.

אין אַפּריל 1905 איז אויף דער קאָנפערענץ פון „וואָזראָזשדעניע" פון עטלעכע „פּועלי־ציוניסטישע" קרייזלעך און אַקטיווע טוער ציוניסטן־סאָציאַליסטן געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אויף צונויפצו־רופן דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער „יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (י״ס). דער צוזאַמענפאָר גופא איז פאָרגעקומען אין קיעוו אין אַפּריל 1906.

די י״ס („סיימיסטן") האָבן להיפוך פון די ס״ס און „פּועלי־ציון" זיך ניט געהאַלטן פאַר קיין מאַרקסיסטן. לויט זייער אידעאָלאָגיע זיינען זיי געשטאַנען נאָענט צו די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (ס״ר), מיט וועלכע זיי האָבן זיך נאָכדעם פאַראייניקט אויף פעדעראַטיווע יסודות [3].

---

[1] „דער באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ פון „וואָזראָזשדעניע", לאָנדאָן, 1904.

[2] עס האָבן בסך־הכל דערשיינט פיר נומערן פון „וואָזראָזשדעניע". אין דער רעדאַקציע האָבן זיך באַטייליקט מ. ראַטנער, בן־אַדיר און פאַבריקאַנט. נאָכדעם איז די רעדאַקציע פון „וואָזראָזשדעניע" אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין אויסלאַנד און אָנשטאָט ראַטנערן איז אין דער רעד.־קאָלעגיע אַריין מ. באַזין.

[3] אַ דעלעגאַט פון די י״ס האָט זיך באַטייליקט מיט באַראַטונגס־רעכט אויף דעם אויסעראָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר פון די סאָצ.־רעוו. אַגב, האָט ער אויף דעם צוזאַמענפאָר אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג צונויפצורופן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע נאַציאָנאַל סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען נאָענט צווישן זיך אין דעם פאַרשטיין די נאַציאָנאַלע פראַגע. דער צוזאַמענפאָר דאַרף באַטראַכטן די פראַגן וועגן נאַציאָנאַל־פּאָליטישער און געגנט־אַווטאָנאָמיע, דאָס אויסאַרבעטן די פּראָגראַם וועגן אָט די פראַגן און שאַפן אַ פעסטע פאַראייניקונג. דער צוזאַמענפאָר פון די סאָצ.־רעוו. האָט אָנגענומען דעם פאָר־שלאָג פון די י״ס. די פאָרשטייער פון די ס״ר און י״ס האָבן װירקלעך צונויפגערופן אַזאַ צוזאַמענפאָר, וועגן אים ווייטער.

האַלטנדיק אַלס ענדגילטיקע און אידעאַלע לייזונג פון דער יידישער פראַגע — דאָס שאַפן אַ יידישע מלוכה אויף אַ פרייער טעריטאָריע, באַטראַכטן דאָס די י"ס אַלס אַ ענין פון דער ווייטער צוקונפט; אויפן וועג צו דעם קאָן זיך דאָס יידישע לעבן רעוואָלוציאָניזירן, דורכגייענדיק דורך אַ גאַנצער ריי הפסקה־סטאַדיעס. איינע פון די סטאַדיעס איז דאָס דערגרייכן פאַר דעם יידישן פאָלק אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אווטאָנאָמיע, וועלכע דאַרף אין זיך כולל זיין ניט בלויז די פראַגן פון קולטור, נאָר אויך פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, פאָלקס־געזונט, קעגנזייטיקער און אַרבעטס־הילף, פאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפטלעכע ידיעות, סטאַטיסטיק און, ענדלעך, אָנפירונג מיט דער עמיגראַציע און מיט דער איבערוואַנדערונג [1]. זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די י"ס איז די פאָדערונג צונויפצורופן עקס־טעריטאָריאַלע נאַציאָנאַלע פאַרלאַמענטן („סיימען", פון דאַנען נעמט זיך, וואָס די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי האָט מען גערופן „סיימיסטן". „סיימאָווצעס"). לויט דער מיינונג פון דער פאַרטיי, דרינגט אָט די רעכטלעכע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אַרויס פון גרונט־טענדענצן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון אַ מלוכה מיט אַ פאַרשיידנפעלקערישן באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג.

אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דעם יאָר 1905 האָט די „ייד. סאָצ. אַרב.־פּאַרטיי" גענומען אַ גרויסן אָנטייל. אויף דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון 1906 זיינען געקומען דעלעגאַטן פון 12500 ביז 13000 אָרגאַניזירטע מיטגלידער: 5000 פון ליטע, 5000 פון דרום און פון 2500 ביז 3000 פון דרום־מערב־קאַנט. דער הויפּט־ראַיאָן פון דער טעטיקייט פון די י"ס איז געווען דער דרום־ און דרום־מערב־קאַנט, שוואַכער אין דער ליטע, ווו דער „בונד" האָט שוין לאַנג געאַרבעט. לויט דער איניציאַטיוו און אָנפירונג פון די י"סישע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַרגעקומען שטרייקן אין העכער 20 שטעט, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט: אין ליטע ניט ווינציקער פון 10.000 אַרבעטער, אין דרום און דרום־מערב — 50.000; 90 פראָצ. פון די שטרייקן האָבן זיך געענדיקט מיט אַ ניצחון. ווייטער האָבן די י"ס אָרגאַניזירט אין אַ גאַנצער ריי שטעט זעלבסטשוץ־אָפּטיילונגען בסך־הכל פון אַריבער 8000 מאַן (פון זיי י"סאָווצעס 3000), זיינען אַריינגעגאַנגען אין די קאָאַליציע־קאָמיטעטן פון פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פאַרטייען: אין כאַרקאָוו, אין פּאָוולאָגראַד, אין מאַריאַמפּאָל, אין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, אין וויטעבסק, אין

1 „פּראָטאָקאָלן פון דער קאָנפערענץ פון די רוסלענד. נאַציאָנאַס־סאָציאַל. פּאַרטייען", פּעטערבורג 1908. באַריכטן פון די י"ס־דעלעגאַטן מ. ראַטנער און סאָטאָילאָוו.

טשערקאס, אין וועליזש, אין ווילקאמיר און אין אנד., וועלכע האבן זיך געשאפן כדי צו קעמפן קעגן די פאגראמען, האבן זיך באטייליקט אין סמאָלענסקער ראט פון ארב.־דעפוטאטן; אין יעקאטערינאסלאוו האבן די י״ס, וועלכע דער „בונד" האט ניט צוגעלאזט אין דעם קאאליציע־קאמיטעט, געגרינדעט א יידישן ראט פון ארבעטער־דעפוטאטן, וועלכער האט פארגעשטעלט עטלעכע טויזנט יידישע ארבעטער. באטייליקנדיק זיך אין דער פראפעסיאנעלער באוועגונג, האבן די י״ס פארטיידיקט די „אינטערפארטיייִשקייט" פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען, ארויסטרעטנדיק סיי קעגן דער פארטיייִשקייט, סיי קעגן דער אומפארטיייִשקייט. אונטער דער ווירקונג פון דער י״ס האבן זיך געפונען 75 פראפעסיאנעלע פאראיינען; 25—30 פראפעסיאנעלע פאראיינען האבן זיך געפונען אויסשליסלעך אונטער דער אויסשליסלעכער אנפירונג פון די י״ס. אין די מאסקווער און כארקאווער אוניווערסיטעטן זיינען געווען סטודענטישע גרופעס פון די י״ס. די וואלן אין דער ערשטער מלוכה־דומע האבן די י״ס באיקאָטירט, בשעת די וואלן אין דער צווייטער מלוכה־דומע האבן זיי איי אייניקע ערטער ארויסגעשטעלט זייערע קאנדידאטן [1]. וועלכע זיינען טיילווייז געווארן „דערקלערט" דורך דער אדמיניסטראציע, און טיילווייז, ווידער, גלייך מיט די איבעריקע פראפעסיאנעלע פארטייען, פארבאלאטירט געווארן. בשעת די וואלן זיינען די י״ס, ווו זיי האבן געהאט שאנסן דורכצופירן זייער קאנדידאט, ארויסגעטראטן זעלבשטענדיק, נאר דארט, ווו זיי האבן דאס ניט געקענט טאן, האבן זיי אין דער ערשטער ריי געשטיצט די ס״ר פאר די ס״ד, דעם „בונד" — פאר די ס״ס. מיט די בורזשואזע פארטייען זיינען זיי אריין אין א בלאק בלויז אין דעם פאל פון א שווארץ־מאהדיקער סכנה. וועגן דער צאל פון די י״ס האבן מיר שוין אויבן אנגעוויזן, אז אויף דעם גרינדונגס־צוזאמענפאר זיינען געווען פארטראטן פון 12.500 ביז 13.000 ארגאניזירטע מיטגלידער, נאכדעם, אין פעריאד פון זייער העכסטער טעטיקייט, האט די פארטיי געציילט 15.000 מיטגלידער.

לויט דער איניציאטיוו פון די י״ס איז אין פרילינג 1907 פארגעקומען א קאנפערענץ פון די „רוסל. נאצ־סאצ. פארט." מיטן אנטייל פון דעלעגאטן פון דער פארטיי סאצ.־רעוו., פון פפ״ס, פון דער ארמענישער פארטיי „דאשנאקצוטיון", פון דער גרוזינישער פארטיי סאציאליסטן־פעדעראליסטן, פון דער ווייסרוסישער „הראמאדע" און פון לעטישן סאציא־

---

1 אין מאהילעווער, אין וויטערבסקער (דעם ד״ר חיים זשיטלאווסקי), אין וואָלינער (מ. ראטנער), פאדאליער, קיעווער, יעקאטערינאסלאווער,

ליסטישן פארבאנד. די קאנפערענץ האט אויסגעקליבן א באשטענדיקן סעקרעטאריאט, וועמען מען האט איבערגעגעבן צונויפצורופן א צוזאמענפאר פון די נאציאנאלע סאציאליסטישע פארטייען, נאר ס׳איז פון דעם גארנישט ניט ארויסגעקומען, דער סעקרעטאריאט איז זיך צעפאלן, און דער פראיעקטירטער צוזאמענפאר איז ניט צושטאנד געקומען.

* * *

אין דעם פעריאד פון דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע האבן אין דער עפנטלעכער פאליטישער באוועגונג, אחוץ די יידישע סאציאליסטישע פארטייען, זיך אויך טיכטיק באטייליקט די יידישע בורזשואזע פארטייען און ארגאניזאציעס: „פאראיין צו דערגרייכן פולבארעכטיקונג פאר די יידן אין רוסלאנד", „די רוסלענדישע ציוניסטישע ארגאניזאציע". „די יידישע פאלקס־גרופע" און די „יידישע פאלקס־פארטיי".

אונטער דער ווירקונג פון דעם געזעלשאפטלעכן אויפברויז, וואס איז פארגעקומען נאך די געשעענישן פון 9טן יאנואר, זיינען אויף דער פאליטישער ארענע ארויסגעטראטן קליינבירגערלעכע עלעמענטן פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט. די יידישע בורזשואזיע און די דיפלאמירטע אינטעליגענץ האבן זיך פאראייניקט אין ווילנע אין (פעברואר) 1905 אין א „פאראיין צו דערגרייכן פולבארעכטיקונג פאר די יידן אין רוסלאנד". דאס איז געווען א פאראייניקונג פון די פארשיידנארטיקסטע געזעלשאפטלעכע עלעמענטן: צוזאמען מיט די אסימילאטארן זיינען אין אים אריין ציוניסטן און אפילו די, וואס זיינען געשטאנען נאענט צו „וואזראזשדעניע" (מ. ב. ראטנער). דער „פאראיין" האט זיך געשטעלט אלס ציל צו דערגרייכן פולבארעכטיקונג פאר די יידן אין רוסלאנד; אין די פראגן פון דעם אלגעמיינעם פאליטישן לעבן האט ער זיך אריענטירט אויף די קאדעטן (קאנסטיטוציאנעלע דעמאקראטן). דער „פאראיין" האט ארגאניזירט עפנטלעכע פראטעסטן קעגן דעם, וואס מען האט ניט געגעבן די יידן קיין וואלרעכט, לויטן פראיעקט פון בוליגין־דומע; לויט זיין פארשלאג זיינען די יידישע ראטמענער („גלאסנע"), וועלכע זיינען ניט געווילט געווארן דורך דער יידישער באפעלקערונג, נאר זיינען באשטימט געווארן דורך דער אדמיניסטראציע, ארויסגעטראטן פון די שטאט־דומעס. בשעת די אקטאבער־געשעענישן האבן זיך די מיטגלידער פון דעם „פאראיין" באטייליקט אין דער ארגאניזאציע פון די שטרייקן און דער זעלבסטשוץ. נאך די יידישע פאגראמען האט דער „פאראיין" צונויפגעזאמלט אן אומגעהייערן מאטעריאל וועגן די סיבות, וועגן די ארגאניזאטארן און אנטיילנעמער אין די פאגראמען און האט פארזיכערט די געלי־

טענע מיט יורידישער הילף. נאר די הויפט־טעטיקייט פון דעם פאראיין האט זיך אנטוויקלט אין דער צייט פון די וואלן אין דער ערשטער מלוכה־דומע. דער באיקאט, וואס די יידישע סאציאליסטישע פארטייען האבן דער־קלערט דער דומע, האט געשאפן גינסטיקע באדינגונגען פאר דעם „פאראיין": ניט האבנדיק קעגן זיך קיין קאנקורירנדע יידישע פארטייען, האט זיך די „דערגרייכער" איינגעגעבן דורכצופירן אין דער ערשטער 12 יידן־דעפוטאטן. זיי אלע, אחוץ צוויי, זיינען אריינגעטראטן אין דער קאדעטישער פארטיי. די יידן־דעפוטאטן האבן אין דער מלוכה־דומע געשאפן א גרופע, וועלכע האט כמעט אינגאנצן דורכגעפירט די טאקטיק פון די קאדעטן. אין 1907 האט זיך דער „פאראיין" געשפאלטן; עס זיי־נען פון אים ארויסגעטראטן די ציוניסטן, וועלכע האבן באשלאסן צו פירן א זעלבשטענדיקע וואל־קאמפאניע, און די נאציאנאל־געשטימטע, נאר פיינדלעך געשטימטע צו די ציוניסטן, יידישע דיפלאמירטע בורזשואזע אינטעליגענץ, וועלכע האט געשאפן די „יידישע פאלקס־גרופע".

די ציוניסטן, ווי מיר האבן אויבן אנגעוויזן, האבן זייער גאנצע אויפמערקזאמקייט געשענקט דער פראפאגאנדע וועגן איבערוואנדער'ן קיין פאלעסטינע. דעם אנטייל אין דעם פאליטישן לעבן אין דער דיאס־פארע, בפרט אין רוסלאנד, האבן זיי געהאלטן פאר שעדלעך. פונדעסט־וועגן האבן זיי אין 1906, אין פעריאד פון פאליטישער אויפלעבונג, גע־ענדערט זייער פראגראם אין דער דאזיקער פראגע. אויף דעם אלרוס־לענדישן צוזאמענפאר אין העלסינגפארס האבן זיך די ציוניסטן אפגע־זאגט פון ניט אריינמישן זיך אין דעם פאליטישן לעבן פון רוסלאנד און האבן אנערקענט, אז די ציוניסטן, שטרעבנדיק צו דעמאקראטיזירונג פון רוסלאנד, דארפן זיי זיך אקטיוו באטייליקן אין דער באפרייונגס־באוועגונג. אט וואס עס ווערט געזאגט אין דער רעזאלוציע פון דעם העלסינג־פארסער ציוניסטישן צוזאמענפאר: „נעמענדיק אין באטראכט, אז אין די גלות־לענדער קענען די נאציאנאלע ארגאניזאציעס זיך אנטוויקלען בלויז אין די באדינגונגען, ווען זיי ווערן אנערקענט דורך דער מלוכה, וואס איז מעגלעך בלויז ביי דער דעמאקראטישער ארדענונג פון אט די לענדער, סאנקציאנירט דער דריטער צוזאמענפאר פאר נאטירלעך דאס פאראייניקן זיך פון די ציוניסטישע מאסן צו דער באפרייונגס־באוועגונג פון די טעריטאריאלע פעלקער פון רוסלאנד און האלט פאר נייטיק, אויפן באדן פון דער געשעענער איבערבויונג פון דער מלוכה־ארדענונג אין רוסלאנד, די פאראייניקונג פון דעם רוסלענדישן יידנטום, כדי אויסצו־קעמפן די אנערקענונג פון דער יידישער נאציע און א געזעצלעך באשטימ־טע זעלבסטפארוואלטונג אין אלע ענינים פון יידישן נאציאנאלן לעבן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיקן באַשלוס וועט די ציוניסטישע אָר-
גאַניזאַציע אין רוסלאַנד פאַרטיידיקן פאָלגנדע פּלאַטפאָרם: „די דעמאָקראַ-
טיזירונג פון דעם פּאַרלאַמענטאַריזם, א ברייטע פּאָליטישע פרייהייט, די
אווטאָנאָמיע פון די נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס און די גאַראַנטיע פאַר די
נאַציאָנאַלע מינדערהייטן". אַלס נויטווענדיקן באַדינג פאַר דער פעסטער
אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג און פרייער אַנטוויקלונג
פון זיינע נאַציאָנאַלע קרעפטן און נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט,
פאַראייניקט זיך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד צו דער פאָ-
דערונג פון אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון אַלע טעריטאָריאַלע פעלקער
אין רוסלאַנד צו דעמאָקראַטיזירן די מלוכה, אַן אַלגעמיינע גלייכבארעכ-
טיקונג אָן אונטערשייד פון אָפּשטאַם, גלויבן און געשלעכט, פרייהייט
פון געוויסן, פון וואָרט, פון פאַראיינען און פאַרזאַמלונגען, פרייהייט פון
שטרייקן וכדומה. כדי צו פאַרווירקלעכן אָט די אַלע אויפגאַבן, פירט די
ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד א זעלבשטענדיקע פּאָ-
ליטישע טעטיקייט, דערביי קאָן זי צוליב די קאָנקרעטע צילן פון
דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיך פאַרשטענדיקן מיט אַנ-
דערע פּאַרטייען און פאַראיינען, אויף וויפיל זייער פּראָגראַם
איז ניט סותר די אויפגאַבן פון דעם ציוניזם אין רוסלאַנד".

„די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע" איז אריין אין דעם באַשטאַנד פון
דעם „פאַראיין פון פולבארעכטיקונג". בשעת די וואַלן צו דער ערשטער
מלוכה-דומע האָבן די ציוניסטן ניט געפירט קיין זעלבשטענדיקע וואַל-
קאַמפּאַניע, זייערע קאַנדידאַטן זיינען געגאַנגען אונטער דער פאָן פון דעם
„פאַראיין". פון די 12 דעפּוטאַטן — זיינען 5 געווען ציוניסטן. בשעת
די וואַלן אין דער צווייטער מלוכה-דומע איז אויסגעקליבן געוואָרן 1 ציו-
ניסטישער דעפּוטאַט.

„די יידישע נאַציאָנאַלע גרופּע" האָט זיך געשטעלט אַלס איר נאָענטסטע
אויפגאַבע צו באַקעמפן דעם ציוניזם. אויף דעם פּאָליטישן געביט האָט
איר פּראָגראַם געפאָדערט די פולסטע גלייכבארעכטיקונג פון די יידן מיט
דער איבעריקער רוסלענדישער באַפעלקערונג און שאַפן אַזעלכע באַדינ-
גונגען, וועלכע זאָלן פאַרזיכערן דעם קולטורעלן און עקאָנאָמישן וווּקס
פון די יידישע כוחות.

אַן אַנדער יידיש-בורזשואַזע פּאַרטיי, די „פאָלקס-פּאַרטיי", איז גע-
שאַפן געוואָרן דורך דעם באַוווּסטן יידישן היסטאָריקער ש. דובנאָוו. זי
האָט זיך געבילדעט פון די נאַציאָנאַל-געשטימטע עלעמענטן פון דעם
„פאַראיין פון פולבארעכטיקונג". אַרויסשטעלנדיק גלייך מיט די איבעריקע
פּאַרטייען אַלגעמיינע פאָדערונגען צו דעמאָקראַטיזירן רוסלאַנד, שטעלט

נאך די „יידישע פאלקס־פארטיי" ארויס נאך באזונדערע פאדערונגען פאר דער יידישער נאציע, נעמלעך, א יידישע נאציאנאלע זעלבסטפארוואלטונג, וועמעס ארגאנען עס זיינען די ארטיקע יידישע קהילות, וועלכע ווערן פאראייניקט דורך א פארבאנד און צוזאמענפארן, וואס ווערן פעריאדיש צונויפגערופן. אין דער כפערע פון דער יידישער זעלבסטפארוואלטונג (קהילה) גייען אריין: די פראגן וועגן פאלקס־בילדונג, ארבעטס־הילף, אנפירונג מיט דער איבערוואנדערונג, פירן די ענינים פון וווילטעטיקייט אאז"וו. די מיטלען ווערן געשאפן א טייל פון דעם מלוכה־ביודזשעט אויף אויסצוהאלטן די יידישע שולן און פון א ספעציעלן שטייער אויף דער יידישער באפעלקערונג.

די טעטיקייט פון דער „יידישער פאלקס־פארטיי" האט זיך באגרעניצט מיט דעם ארויסלאזן אן אויפרוף און די פראגראם. דער גרינדונגס־צוזאמענפאר, וואס מען האט געהאט בדעה צו אויפצורופן, איז צוליב דער געפערלעכער רעאקציע אין לאנד ניט צושטאנד געקומען.

קאַפּיטל פערצן

די יאָרן פון רעאַקציע. — דער חורבן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. — די רעגירונגס-רעפּרעסיעס. — די עמיגראַציע. — לאַקאַוטן. — באַלעבאַטים-פּאַראייניקונגען. — דאָס אַנטלויפן פון דער אינטעליגענץ פון דער באַוועגונג. — די פאַרשטאַרקונג פון נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. — יידישיזם. — די פאַרכאַפּונג דורך דער לעגאַלער קולטוריסטישער אַרבעט. — די „ליקווידאַציע" און איר אָפּשפּיגלונג אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. — אַ געוויסע אויפלעבונג זינט 1909. — די VIII קאָנפערענץ פון „בונד". — די דערנענטערונג צווישן „בונד" און די „מענשעוויקעס". — דער אויגוסט-בלאָק. — די לענער געשעענישן. — די אויפלעבונג אין דער באַוועגונג נאָך די לענער געשעענישן. — די באַנייונג פון דער אַרבעטער-פּרעסע.

נאָך די שטורמישע אָקטאָבער־געשעענישן איז די רעגירונג, וועלכע איז געקומען צו זיך נאָך די קלעפּ, וואָס זי האָט געכאַפּט, אריבער אין אַן אָפענסיווע און האָט זיך ארויפגעוואָרפן מיט די מאַוויימדיקסטע רעפּרעסיעס אויף די אָנטיילנעמער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון ארעסטן, פייניקונגען, פארשיקונגען, אכזריותדיקע שטראָף־עקספּעדיציעס, עס האָט זיך צעיושעט אַ שרעקלעכע כוואַליע פון יידישע פּאָגראָמען איבערן גאַנצן „תחום המושב".

מיט דער פּאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע האָט זיך גוואַלדיק פאַרגרעסערט די עמיגראַציע. אַלץ וואָס איז געווען יונג, געזונט און ענערגיש אין דעם יידישן פאָלק, האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, ענגלאַנד, אויסטראַליע, קאַנאַדע, אַרגענטינע, דרום־אַפריקע. עס זיינען געלאָפן די אַלע, וועלכע זיינען מער אָדער ווייניקער געווען פאַרמישט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָבן מורא געהאַט פאַר רעפּרעסיעס. די עמיגראַציע־כוואַליע האָט פאַרכאַפּט אַ גוואַלטיקע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין אַלגעמיין האָבן פאַר 27 יאָר, אָנהייבנדיק פון 1881 ביז 1907, פון רוסלאַנד עמיגרירט קיין אַמעריקע 1.120.669 מאַן. ווען מען זאָל נאָך צו דער צאָל מוסיף זיין די, וואָס האָבן עמיגרירט קיין בראַזיליע, קאַנאַדע, אַרגענטינע, אַוסטראַליע, דרום־אַפריקע און אַנדערע לענדער, וועט געוויס

זיך באקומען די צאָל פון ניט ווייניקער פון אָנדערטהאלבן מיליאָן מאַן, ד"ה מער פון אַ פערטל פון דער גאַנצער יידישער באפעלקערונג אין רוס־לאַנד.

אַ באַשיינפערלעכע פאָרשטעלונג וועגן דער יידישער עמיגראַציע אין יענע יאָרן קאָן מען האָבן פון אָט דער דיאַגראַמע:



די עמיגראַציע איז ניט געגאַנגען גלייכמעסיק: עס האָבן זיך באַ־מערקט צופלוסן און אָפּפלוסן. דאָס איז געווען אָפּהענגיק פון דער רעכט־לעכער און עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד: מיט דער פאַר־שטאַרקונג פון דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג איז געוויינלעך אויך געשטיגן די עמיגראַציע־כוואַליע. אזוי, למשל, האָבן זיך די שטאַרקע אויפשטייגן אין דער עמיגראַציע געמערקט אין יאָר 1882, נאָך דעם „גירוש מאָסקווע" און נאָך דעם אַרויסטרייבן די יידן פון די דערפער (76.417 מאַן), אין 1904 נאָך די פּאָגראָמען אין קעשענעוו און אין האָמעל (77.544), און אין 1906 (125.234 מאַן).

וואָס שייך דער עלטער פון די עמיגראַנטן האָבן מיר פאָלגנדע דאַטן: אין די יאָרן 1899—1910 איז צווישן דער עמיגרירנדער באַפעלקערונג געווען 25 פּראָצ. יינגער פון 14 יאָר, פון 14 ביז 45 — 70 פּראָצ.

און עלטער פון 45 יאר — 5 פראצ. [1]. אויף אזא אופן האט עמיגרירט כמעט אויסשליסלעך די מער ארבעטספעיקע באפעלקערונג.

די עמיגראציע האט ערטערווייז אוועקגעטראגן גאנצע פארטיי־אָר־גאניזאציעס. מורא האבנדיק פאר רעפרעסיעס, זיינען די מער אקטיווערע טוער אוועקגעפארן.

די יידישע עמיגראציע קיין אמעריקע [2].

יאר	פון רוסלאנד	יאר	פון רוסלאנד	יאר	פון רוסלאנד
1881	8.193	1891	42.145	1901	37.660
1882	17.497	1892	76.417	1902	37.846
1883	6.907	1893	36.626	1903	47.689
1884	15.122	1894	36.725	1904	77.544
1885	16.603	1895	33.232	1905	92.388
1886	17.309	1896	45.137	906	125.234
1887	28.944	1897	22.750	1907	114.932
1888	31.256	1898	27.221	1908	71.978
1889	31.889	1899	24.275	1909	39.150
1890	33.147	1900	37.011	1910	59.824

נאך דעם קראך פון דער רעוואלוציע פון יאר 1905, האבן די יידישע סאציאל. פארטייען, אדאנק די פאליציייִשע רעפרעסיעס, דער עמיגראציע און דעם דערווייטערן זיך פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האט גענומען פריער אין פעריאד פון רעוואלוציאנערן אויפברויז א שטארקן אנטייל אין דער באוועגונג, איבערגעלעבט א שטארקן קריזיס. זיי זיינען זיך נאכדעם כמעט אינגאנצן פונאנדערגעפאלן, און בלויז דער „בונד", ווי א מער באַ־דייטנדע ארגאניזאציע, איז געבליבן און די גאנצע צייט פון דער אקציע האט ער ארויסגעוויזן שוואכע סימנים פון לעבן.

* * *

אין די יארן פון דער רעאקציע זיינען די לאקאוטן געווארן אן אפטע ערשיינונג. די אונטערנעמער, וועלכע זיינען געווען געצוווּנגען אין די יארן פון רעוואלוציאנערן אויפשטייג צו גיין אויף גרויסע הנחות בנוגע זייערע ארבעטער, האבן איצט זיך געפרוווט זיי צוריק אפנעמען.

1 פראפעסאר ל. הערש. די יידישע עמיגראציע, ז' 130.

2 ד"ר ק. פארנבערג, די יידישע עמיגראציע, א פרווו פון א סטאטיסטישער אויספארשונג. קיעוו 1908, ז' 19. זע פראצ. ל. הערש, די יידישע עמיגראציע, ווילנע, 194, ז' 5, 10 און די ווייטערדיקע.

זיי האבן געפאדערט פון די ארבעטער, זיי זאלן זיך אפזאגן פון די אויס־בעסערונגען, וואס זיי האבן פאר זיך אויסגעקעמפט, ווי די העכערונג פון דעם ארבעטסלוין, דאס פארקירצן דעם ארבעטסטאג אאז״וו, דראענדיק אין קעגנפאל צו שליסן פאר זיי זייערע אונטערנעמונגען. אין די יארן 1906—1907 זיינען אין מערב־קאנט און אין דרום פארגעקומען ניט ווייניקער פון 40 לאקאוטן [1].

מיר וועלן זיך א ביסל גענויער אפשטעלן אויף איייניקע מער באַ־דייטנדע לאקאוטן, וועלכע האבן ארומגעכאפט די גרויסע יידישע ארבע־טער־באפעלקערונג. אין לאדז איז אין נאוועמבער־דעצעמבער 1907 אין י. ק. פאזנאנסקים פאבריק אויסגעבראכן א קליינער קאנפליקט צווישן אן ארבעטער און דעם אינזשענער. דער פאבריקאנט פאזנאנסקי האט אויסגענוצט אט דעם אינצידענט, כדי צו פארערגערן די ארבעטס־באדינ־גונגען. די ארבעטער האט מען דערקלערט, אז די פאבריק ווערט געשלאסן אויף צוויי וואכן. נאך דעם דאזיקן טערמין האט מען זיי פארגעלייגט נייע באדינגונגען, לויט וועלכע עס ווערן, דרך־אגב, פאר דעם, וואס אן ארבעטער האט באליידיקט דעם אינזשינער, אפגעזאגט צו איין מענטש אויף יעדע פינף ארבעטער. אויף אזא אופן זיינען געשטאנען אויפן צעטל אפגעזאגט צו ווערן 98 מאן. די ארבעטער האבן זיך אפגעזאגט צו גיין צו דער ארבעט. אינגיכן האבן נאך זעקס לאדזער פאבריקאנטן אפגעשטעלט זייערע אונ־טערנעמונגען, ביז פאזנאנסקים ארבעטער וועלן ניט אננעמען די באדינ־גונגען, וואס מען האט זיי פארגעלייגט. אדאנק דעם דאזיקן לאקאוט זיינען 30.000 ארבעטער געבליבן אן ארבעט און האבן זיך געפונען אין דער שרעקלעכסטער נויט. קיין לעגאלע פראפעסיאנעלע פאראיינען זיינען ניט געווען. דערצו נאך האט דער גענעראל־גובערנאטאר ארויסגעגעבן א באַ־פעל ארויסצושיקן אלע שטרייקער, וועלכע זיינען ניט קיין לאדזער תושבים. עס האבן געהונגערט העכער 150.000 מאן. „די ליידן פון דער לאדזער ארבעטער־באפעלקערונג, — האט געשריבן דער לאדזער קארעס־פאנדענט פון דער „פאלקס־צייטונג״, — זיינען שרעקלעך. צענדליקער מענטשן פאלן אין די גאסן פון הונגער. די ארבעטער האבן פון זיך פאר־קויפט אלץ, וואס זיי האבן פארמאגט, כדי כאטש א טאג־צוויי האבן וואס צו געבן זייער פאמיליע, און איצט זיינען זיי געבליבן אן שום מיט־לען צום לעבן. עס איז ניטא קיין שום האפענונג אויף הילף... די פאר־צווייפלונג אין שטאט איז זייער גרויס. איבער די גאסן גייען ארום הונ־

[1] ס. איינזאפט. „צו דער געשיכטע פון די לאקאוטן אין רוסלאנד", „וועסטניק טרודא", נומ׳ 4, 1924.

דערטער אַרבעטסלאָזע, וועלכע זיינען ענלעך ניט אויף מענטשן, נאָר אויף שאָטנס, אויסגעדייוועטע, אויסגעהונגערטע... מען גנבעט... קרויט, קאַרטאָפל, קוילן, אַ סקאָרינקע ברויט, אַ סך פאַלן אין חלשות... דער הונ־גער און די נויט איז געפערלעך גרויס".

די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען, פון געפיל פון ברידערלעכער סאָלידאַרישקייט, געקומען צוהילף דעם לאָדזער פּראָלעטאַריאַט: גרויסע סכומען האָט געשיקט די פּעטערבורגער צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען, די מאָסקווער צענטראַל־ביוראָ, די געגנט־ביוראָ פון די טעקסטיל־אַרבעטער פון צענטראַלן אינדוסטריע־ראַיאָן און אנד. פון דער דייטשישער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפ. פאַראיינען איז אָנגעקומען 12.000 רובל. פונדעסטוועגן איז אָט די גאַנצע הילף געווען ניט מער, ווי אַ טראָפּן אין ים, און די לאַגע פון די לאָדזער אַרבעטער איז געוואָרן אַלץ ערגער. און דאָך האָבן זיי זיך געהאַלטן פעסט און אויף קיין שום הנחות ניט איינגעגאַנגען.

אינגיכן איז די לאַגע געוואָרן נאָך ערגער אדאנק דעם, וואָס צווישן די לאָדזער אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברידער־מערדערלעכע מלחמה: פינסטערע, אומבאַוווּסטזיניקע אַרבעטער־נאַציאָנאַליסטן „נאַראָדאָווצעס", וועלכע זיינען אונטערגעקויפט געוואָרן דורך די פאַבריקאַנטן, האָבן אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף די באַוווּסטזיניקע אַרבעטער־שטרייקער. אַלס פועל־יוצא פון די געשלעגן האָבן געליטן העכער הונדערט מאַן, דערביי זיינען עטלעכע צענדליק אַרבעטער דערהרגעט געוואָרן און אַ סך פאַרוווּנדעט געוואָרן.

דער לאָדזער לאָקאַוט האָט געדויערט 18 וואָכן און האָט זיך פאַר־ענדיקט מיט אַ מפּלה פון די אַרבעטער [1].

סוף 1906 איז פאָרגעקומען אַ גרויסער לאָקאַוט אין די בערשטער־אונטערנעמונגען פון פוילן, ליטע און צפון־מערב־קאַנט, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט העכער 3000 אַרבעטער. אָנגעהויבן האָט ער זיך אין מעזריטש. צו אים זיינען אויך צוגעשטאַנען די פאַבריקאַנטן פון די אַנדערע שטעט. זיי האָבן צונויפגערופן קיין ווויטעבסק אַ קאָנפערענץ, וועלכע האָט אָנגענומען פאָלגנדע כאַראַקטעריסטישע באַשלוסן: 1) אונ־טערשטיצן איינער דעם אַנדערן אין פאַל, ווען עס ברעכט אויס אַ קאָנ־פליקט צווישן פאַבריקאַנט און אַרבעטער; 2) ניט צונעמען איינער ביים אַנדערן קיין אַרבעטער, בלויז אין די אויסנאַם־פאַלן, ווען דער אַרבעטער וועט צושטעלן אַ בריוו פון דעם פאַבריקאַנט, ביי וועמען ער האָט פריער

1 „פאָלקסצייטונג", נום' 242, 364—365.

געאַרבעט; 3) די פאַבריקאַנטן, ביי וועלכע עס אַרבעטן בערשטער פון פוילן (וועלכע זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די פאַבריקן דורך דעם לאָקאַוט), מוזן גלייך אָפּזאָגן די פוילישע אַרבעטער; 4) אַזוי ווי אין פוילן האָבן די פאַבריקאַנטן אָפּגעשטעלט די אַרבעט און אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען די אַרבעטער, מוזן אַלע אייגנטימער פון די פאַבריקן, וווּ עס ווערט באַאַרבעט די חזיר־האָר, וועלכע גייען אַריין אין „פאַראיין פון די פאַבריקאַנטן", שליסן די פאַבריקן, ביז די אַרבעטער וועלן ניט גיין אויף הנחות; 5) דער פאַבריקאַנט, וועלכער וויל ניט צושטיין צום „פאַראיין", פאַרלירט דאָס רעכט אויף דעם לייפּציגער יאַריד; 6) די פאַבריקאַנטן באַקומען שטיצע פון דעם פאַראיין; די אַלע באַשלוסן דאַרף פאַרגעשטעלט ווערן דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר פון די פאַבריקאַנטן, וועלכער וועט פאָרקומען בשעת דעם לייפּציגער יאַריד.

די פאָדערונגען פון די פאַבריקאַנטן זיינען געווען פאָלגנדע: 1) ניט האָבן קיין שום באַציִונגען מיט דער ביוראָ פון די בערשטער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; 2) אָנשטאָט וועכנטלעכע שכירות איינפירן אַ לוין פונם פוד, און דאָרט, ווו לוין עקסיסטירט, אים פאַרקלענערן, ד"ה אַז אָנשטאָט טערמין־לוין איז איינגעפירט שטיק־אַרבעט [1].

דער לאָקאַוט האָט געדויערט איבער צוויי חדשים און זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולן זיג פון די אַרבעטער.

אין 1909 האָט דער לאָקאַוט אַרומגעכאַפּט אַלע בערשטער־אונטערנעמונגען פון צפון־מערב־קאַנט. די באַלעבאַטים האָבן געפאָדערט פון די אַרבעטער זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דעם 8־שעהדיקן אַרבעטסטאָג און אים פאַרבייטן אויף אַ 10־שעהדיקן. די אַרבעטער זיינען דערויף ניט איינגעגאַנגען. דער לאָקאַוט האָט זיך אָנגעהויבן אין וואָלקאָווישקי, נאָכדעם זיינען צו אים צוגעשטאַנען די פאַבריקאַנטן פון אָרשע, וויטעבסק, נעוועל, קרעסלאַווקע, ווערזשבאָלאָווע, ניישטאָט, וויסטינעץ, קאַלוואַריע, פּאָנעוועזש און שקלאָוו. אין אייניקע שטעט האָבן די באַלעבאַטים געפּרווט צונעמען קריסטלעכע שטרייקברעכער. פונדעסטוועגן האָבן די פאַבריקאַנטן זיך, סוף־כל־סוף, געמוזט אונטערגעבן. דעם ניצחון פון די אַרבעטער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן די אינטערווענץ פון צענטראַל־ביוראָ פון בערשטער־פאַרבאַנד (דאָס צענטראַל־ביוראָ האָט צונויפגערופן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ, וועלכע האָט אָנגענומען אַ ריי מיטלען אויף צו שטאַרקן די אייניקייט פון די אַרבעטער) און די באַדייטנדע הילף

---

[1] ח. וו. סוויאַטלאָווסקי. די געשיכטע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין רוסלאַנד. לענינגראַד, 1924. ז' 171.

מצד דעם צענטראַל־קאָמיטעט, דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דומע־פֿראַקציע און די אַרבעטער פֿון די איבעריקע ראַיאָנען, וועלכע זיינען ניט פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם לאָקאַוט [1].

אַחוץ אין דער בערשטער־פּראָדוקציע זיינען גרויסע לאָקאַוטן אויך פֿאָרגעקומען אין דער גאַרבער־פּראָדוקציע. אין סוף דעצעמבער 1907 האָבן די סווינסלאָוויטשער לעדער־פֿאַבריקאַנטן ערקלערט די אַרבעטער, אַז זיי קאָנען ווייטער לאָזן זייערע אונטערנעמונגען בלויז אין דעם פֿאַל, אויב זיי וועלן איינגיין אויף אַ רעדוקציע פֿון די לוינען אויף 30 פּראָצ. די אַרבעטער זיינען געווען גרייט איינצוגיין אויף אַ געוויסער רעדוקציע, נאָר די פֿאַבריקאַנטן האָבן אולטימאַטיוו געפֿאָדערט די 30 פּראָצ. דעמאָלט האָבן די אַרבעטער געוואָרפֿן די אַרבעט. ביים סאַמע אָנהייב פֿון דעם לאָקאַוט זיינען די סווינסלאָוויטשער אַרבעטער באַגאַנגען אַ פֿעלער, וועלכער האָט זיי נאָכדעם זייער טייער געקאָסט — זיי האָבן ניט אַראָפּגענומען די רוישטאָף, די „נאַסע" אַרבעטער. ווען זיי וואָלטן דאָס געטאָן, וואָלט די סחורה אָנגעהויבן קאַליע צו ווערן („ברענען", זשאַווערן) אין די קעסלען און די פֿאַבריקאַנטן וואָלטן, מעגלעך, נאָכגעגעבן. די באַלעבאַטים האָבן אָנגעהויבן אַרויסצופֿירן האַלב־אויסגעאַרבעטע סחורה. די אַרבעטער האָבן דאָס ניט פֿאַראויסגעזען און זיי האָבן אָנגעהויבן ווערן אומרויק: אייניקע זיינען געווען גרייט נאָכצוגעבן די פֿאָדערונגען פֿון די באַלעבאַטים, אַנדערע ווידער האָבן פֿאָרגעלייגט מ'זאָל זיך מיט זיי אָפּרעכענען אויף „זייער" אופֿן. די פֿאַבריקאַנטן האָבן זיך דעמאָלט געווענדט צו דער פּאָליציי נאָך הילף. די סחורה איז איינגעפּאַקט געוואָרן און אונטער דער וואַך פֿון דער פּאָליציי אָפּגעשיקט געוואָרן צום וואָקזאַל. אַז די אויפֿגעבראַכטע אַרבעטער האָבן זיי אַרומגערינגלט, האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן שיסן, נאָר קיינער איז ניט פֿאַרווונדעט געוואָרן. דאָס האָט שרעקלעך געווירקט אויף די אַרבעטער. זיי זיינען אַריין אין אַ שרעקלעכן יאוש און שוין געווען גרייט צו גיין צו דער אַרבעט אויף די באַדינגונגען, וואָס די באַלעבאַטים האָבן זיי געשטעלט, נאָר אין דער צייט איז זיי געקומען צוהילף דאָס צענטראַל־ביוראָ פֿון דעם גאַרבער־פֿאַרבאַנד, וועלכער האָט צונויפֿגערופֿן אַן עקסטרע באַראַטונג פֿון די גאַרבער פֿון גראָדנער און אַ טייל פֿון ווילנער ראַיאָנען. די באַראַטונג האָט באַשלאָסן, אַז די סווינסלאָוויטשער גאַרבער טאָרן ניט נאָכגעבן, ווייל דאָס קאָן גורם זיין אַ לאָקאַוט אין דער גאַנצער גאַרבער־אינדוסטריע. די סווינסלאָוויטשער אַרבעטער האָבן אין הסכּם מיט

---

1 „אָפּקליקי בונדאַ", נומ' 2.

דעם באַשלוס פון דער באַראַטונג זיך ווייטער מוטיק געהאַלטן, און אין צוויי וואָכן ארום האָט זיך דער לאָקאַוט געענדיקט מיט א טיילווייזן ניצחון פון די ארבעטער[1].

אין נאָוועמבער 1908 האָבן די סמאָרגאָנער און ווילנער גאַרבער־פאַבריקאַנטן ערקלערט א לאָקאַוט, וועלכער האָט ארומגענומען העכער 2000 ארבעטער. די אונטערנעמער האָבן פאָרגעלייגט די ארבעטער פאָלגנדע נייע באַדינגונגען: 1) דער ארבעטסלוין אין אַלע אָפּטיילונגען ווערט רעדוצירט אויף 20—23 פראָצ.; 2) דער ארבעטסטאָג ווערט פאַרגרע־סערט פון 8 אויף א 10־שעהדיקן; 3) דאָס רעכט צוצונעמען און אָפּצו־זאָגן ארבעטער ווערט אָפּגענומען ביי די ארבעטער און געהערט ווידער צו דער אדמיניסטראַציע; 4) די עלטסטע ווערן באַשטימט דורך דער אדמיניסטראַציע; 5) עס ווערט איינגעשטעלט א באַשטימטע צאָל ארבע־טער אין יעדער פאַבריק, ד״ה עס הערט אויף די סיסטעם פון פאַרטיילן די ארבעט צווישן אַלע ארבעטער[2]. אין ווילנע האָט דער לאָקאַוט גע־דויערט גאַנצע 22 וואָכן און האָט זיך פונקט אַזוי ווי אין סמאָרגאָן פאַר־ענדיקט מיט א פולער מפּלה פון די ארבעטער.

כדי צו קעמפן מיט די ארבעטער האָבן זיך די אונטערנעמער פאַראייניקט אין א פאַרבאַנד און פלעגן אָפּט צונויפרופן באַראַטונגען. אויבן האָבן מיר שוין געבראַכט די זייער כאַראַקטעריסטישע באַשלוסן פון די בערשטער־פאַבריקאַנטן. אין אַלגעמיין זיינען אַזעלכע אונטער־נעמער־פאַראיינען פאַר די יאָרן פון דער רעאַקציע געשאַפן געוואָרן, פאַרהעלטענישמעסיק, זייער פיל. אין נומער 283 פון „האַנדל־ און אינ־דוסטריע־צייטונג" פון 1907 זיינען געבראַכט ידיעות פון 120 אונטער־נעמער־פאַראיינען, וועלכע זיינען פאַררעגיסטרירט געוואָרן אויפן סמך פון געזעץ פון 4טן מערץ 1906. טעריטאָריאַל ווערן די דאָזיקע פאַראיינען פונאַנדערגעטיילט אויף אַזא אופן: אין דרום־ראַיאָן — 39 פאַראיינען, אין באַלטישן קאַנט — 19, אין פוילן — 15, אין צענטראַלן אינדוסטריע־ראַיאָן — 14, אין צפון־מערב־קאַנט — 11, אין צפון־געגנט — 10, אין דרום־מערב־ראַיאָן — 9. לויט די פּראָפעסיעס ווערן אָט די פאַראיינען גרופּירט אויף אַזא אופן: באַלעבאַטים פון האַנדל־אינדוסטריע־אונטער־נעמונגען — 43; פאַבריקאַנטן — 18; באַלעבאַטים פון שניידער־וואַר־שטאַטן — 11; באַלעבאַטים פון דרוקערייען — 9; באַלעבאַטים פון

---

1 „די גאַרבער־שטימע", נומ' 1.

2 „דער פעטערבורגער גאַרבער" (רוסיש), נומ' 2, פון 28 יאַנואַר 1909.

בעקערייען און קאנדיטערייען — 9; טראנספארט־אונטערנעמער — 3; און פון די איבעריקע פראפעסיעס — 23 פאראיינען [1].

* * *

אין דעם יידישן לעבן איז אין די יארן פון דער רעאקציע שטארק פאפולער געווארן די קולטוריסטישע באוועגונג, דער אזוי־גערופענער „יידישיזם", וועלכער האט געפונען א סך אנהענגער, הויפטזעכלעך צווישן דער דעמאקראטישער אינטעליגענץ. אנטוויקלענדיק זיך אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, האט זיך די אינטעליגענץ אווארף געטאן צו קולטיווירן די יידישע פאלקס־שפראך, פראפאגאנדירן מ'זאל זיך מיט איר באנוצן אין טאגטעגלעכן לעבן, שאפן אין איר א ליטעראטור, שולן און טעאטערס. די פריערדיקע טוער פון פארשיידענע פארטייען באטייליקן זיך איצט אין דער „יידיש־ליטעראַרישער געזעלשאפט" און אין דער „חברה מפיצי־השכלה", וועלכע האבן געהאט זייערע אפטיילונגען אין א סך שטעט. דערהויפט האט דער יידישיזם געהאט זייער פיל אנהענגער צווישן די בונדיסטן.

* * *

די צווייטע פראגע, וועלכע האט ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס צווישן די בונדיסטן, איז געווען די פראגע וועגן דער יידישער קהילה. פריער האבן זיך די בונדיסטן נעגאטיוו באצויגן צו אט דער רעליגיעזער אינסטיטוציע, וועלכע האט זיך געפונען אין די הענט פון דעם קלער, און געפאדערט מען זאל זי אינגאנצן פארניכטן. איצט ווידער אין דער צייט פון דער רעאקציע האבן זיך געפונען א סך פארטיידיקער און אנהענגער פון דער קהילה, וועלכע האבן געפאדערט מען זאל זי דעמאקראטיזירן. אגב איז אויף דעם שטאנדפונקט אויך געשטאנען וולאדימיר מעדעם, וועלכער האט געזען אין די יידישע קהילות דעם אנהייב פון דער נאציאנאל־קולטורעלער אוטאנאמיע.

„ווי פארקריפלט די דאזיקע אינסטיטוציעס זאלן ניט זיין, — האט מעדעם געשריבן, — זיינען זיי פארט ארגאנען פון דער יידישער זעלבסט־פארוואלטונג, און דער וועג צו דער אוטאנאמיע ליגט צו זיי, ווארעם אין אלגעמיין איז די אוטאנאמיע די זעלביקע קהילה, אמת מער איינגעארדנט, דעמאקראטיזירט, באריייכערט מיט וועלכער ניט איז נייע פונקציעס און אן די אלטע, אבער דאך א קהילה. און פון איר דארף זיך אנהייבן די בריק;

---

[1] זע איינזאפסס בוך.

און דורכפירן זי — אַט דאָס איז די אויפגאַבע פון דער פּאָליטישער שאַ־פונג פון די קומענדיקע יאָרן" [1].

„מיט יאָרן צוריק, — שרייבט ווייטער מעדעם, — איז די פראַגע וועגן דער קהילה פאַר אונז איינגאַנצן אָדער כמעט גאָרנישט געשטאַנען. פאַרוואָס? ערשטנס, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, איז אין יענע יאָרן אַפילו קיין ברעקל מעגלעכקייט ניט געווען אויף פּאָליטישער שאַ־פונג. וואָס פאַר אַ שעפערישע ארבעט האָט געקאָנט געמאָלט זיין אין פלעוועס צייטן! ס'איז אַפילו נאַריש וועגן דעם צו ריידן. אַלץ, וואָס מען האָט געקאָנט און מען האָט געדאַרפט דעמאָלט טאָן, איז זיך גרייטן צום שטורעם און דעריבער (און עס קאָן זיין, אַז דאָס איז נאָך וויכטיקער) איז ניט געווען קיין פּסיכאָלאָגישער באָדן אויף וועלכן עס וואָלט געקאָנט אויסוואַקסן דער אינטערעס צו אַזעלכע מינים ענינים. עס איז דעמאָלט קיינעם ניט געלעגן אין קאָפּ אַזעלכע זאַכן.

איצט — איז ווידער גאָר עפּעס אַנדערש. עס איז אַ פראַגע צי ס'זיינען פאַראַן געגזגבדע פּאָליטישע און פּאָליציייִשע באַוואָרעניש, כדי צו פירן אַ ברייטע ארבעט אויף צו רעפאָרמירן די קהילה. נאָר עפּעס וואָס, אַפילו אין דער באַשיידנסטער פאָרם, קאָן מען פאָרט טאָן. און פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך אויך געענדערט די פּאָליטישע באַוואָרע־נישן, און פאַר אונז עפנט זיך איצט אַ מעגלעכקייט פון זייער אַן איג־טערעסאַנטער ארבעט, הן אַ טעאָרעטישע, הן אַ פראַקטישע. אַן ארבעט צו רייניקן אָט די פאַרמיסטיקטע אָרגאַנען פון דער יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, אויסצוקערן די אַלטע און בהדרגה דורכפירן נייע פאָרמען, אין וועלכע עס זאָלן זיך קאָנען אָפּשפּיגלען דאָס צייטיק וועדנדיקע יידישע נאַציאָנאַלע לעבן" [2].

די VIII קאָנפערענץ פון „בונד", וועלכע איז פאָרגעקומען אין 1910, האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער קהילה אין דעם זעלבן גייסט. פונדעסטוועגן איז עס אַחוץ דער ליטעראַרישער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע און דאָס באַטייליקן זיך אין דעם קאָוונער צוזאַמענפאָר פון געזעלשאַפטלעכע טוער, ווייטער ניט געגאַנגען: אויף די ערטער האָבן די בונדיסטן אין ערגעץ ניט געאַרבעט אין די קהילות, וועלכע זיינען, ווי ביז אַהער, געווען אין די הענט פון דעם יידישן קליינבירגערטום.

---

1 „אַסקליקי בונדאַ", נומ' 1, וו, מעדעם, „אַמאָל און איצט".

2 דאָרט.

* *
*

אין די יאָרן פון דער רעאַקציע האָט די רוסלענדישע סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע שטאַרק געליטן פון דעם קאַמף צווישן די אָנהענגער פון דער אַלטער פאָרם פון אומלעגאַלער אַרבעט מיט די „ליקווידאַטאָרן". דאָס האָט אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. צו די „ליקווידאַטאָרן" האָבן געהערט: ליבער, אַבראַמאָוויטש, פּ. ראָזנ־טאַל און אַנדערע. צו זייערע קעגנער: יודין (אייזנשטאַט), ב. מיכאַלע־וויטש (איזביצקי), קאָיגען („יונה") און אַנדערע. ביידע צדדים האָבן אין זייער קאַמף געבראַכט די זעלבע ראיות, וואָס די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. קיין שום נייס איז אין זייער פּאָלעמיק ניט געווען. אַרויס־רוקנדיק אויף דער פאָדערשטער ליניע דאָס אויסנוצן די לעגאַלע מעגלעכ־קייטן — די אָרגאַניזאַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, די ביל־דונגס־, ליטעראַריש־מוזיקאַלישע געזעלשאַפטן, די אָוונט־קורסן, די קאָאָפּעראַטיוון אאַז"וו, האָבן די „ליקווידאַטאָרן" אַוועקגעשטעלט אויף דער צווייטער ליניע די אונטערערדישע אַרבעט. „דאָס אויסנוצן די לע־גאַלע מעגלעכקייטן, — האָבן זיי געטענהט, — איז דער י ס ו ד, און די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע איז אַ ה י ל פ ס - מ י ט ל".

די גאַנצע פּאָזיציע פון די „ליקווידאַטאָרן" און זייערע קעגנער איז אין דער פולסטער מאָס איבערגעגעבן געוואָרן אין דער אינטערעסאַנטער פּאָלעמיק צווישן אַבראַמאָוויטשן און קאָיגענען אויף די שפּאַלטן פון דער „שטימע פון בונד".

„צו אונזער גרויסער חרפּה האָבן מיר גאָרניט געטאָן, — האָט געשריבן דער „ליקווידאַטאָר" אַבראַמאָוויטש, — כּדי דורכצופירן אין לעבן דעם פּלאַן פון לעגאַלער אַרבעט, וואָס מיר האָבן געהאַט אָנגע־מערקט. אָ, יאָ! מיר האָבן פיל, זייער פיל, גערעדט וועגן לעגאַלע מעג־לעכקייטן, נאָר מיר האָבן ניט אָנגעהויבן צו טאָן אַ צענט־חלק, אפילו אַ הונדערט־חלק, אפילו פון די קליינע לעגאַלע מעגלעכקייטן, וועלכע זיינען געווען אין אונזער רשות און מיר האָבן זיי דאָך, ניט קוקנדיק אויף אַלץ, פאַרט געהאַט. די סיבות זיינען קלאָר: עס זיינען ניט געווען קיין מענטשן, עס איז ניט געווען קיין געלט, עס האָט ניט געקלעקט קיין כּוחות גובר צו זיין, דורכצולעבערן די טעמפּע אַטמאָספער פון פאַרשלאָפנ־קייט און אַלגעמיינער אַפּאַטיע, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט די ברייטע קרייזן פון אונזערע אַרבעטער און אינטעליגענץ. נאָר מען מוז דאָס אָפן זאָגן! מען טאָר פון דער נויט ניט מאַכן קיין טוגנט און די גאַנצע שולד אַרויפוואַרפן אויף די אויסערלעכע באַדינגונגען. מען טאָר ניט מאַכן קיין גדלותדיקע פּאָזע פון אַ ראַדיקאַלן באַיקאָטירער,

וועלכער וויל „אלץ אדער גארנישט!" מען טענהט, אז די לעגאלע ארבעט איז אוממעגלעך און אומנוציק. ביי די איצטיקע באדינגונגען איז אזא אגיטאציע ניט נאר א פעלער, נאר אין דער העכסטער מאס שעדלעך, ווייל אזא אגיטאציע איז גורם א טעארעטישן באזיס צו פאסיוויקייט, ווייל זי גיט א ראדיקאלע בארעכטיקונג פון דער פארברעכערישער אומטעטיקייט, ווייל זי פאראליזירט די לעצטע רעשטלעך פון דעם געזעלשאפטלעכן לעבן! נאך מער, די דאזיקע אגיטאציע איז רעאקציאנער, ווייל זי איז געווענדט קעגן דער ליניע פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג.

קוקט זיך ארום. פארגלייכט דעם געזעלשאפטלעכן צושטאנד פון די מיטעלע שיכטן פון דער רוסישער געזעלשאפט איצט און מיט עטלעכע יאר צוריק. פירט אונטער דעם סך־הכל פון דער צאל צייטונגען און זשורנאלן, ציילט איבער וויפיל געזעלשאפטן, פאראיינען, פאליטישע קלובן און קולטור־ און בילדונגס־געזעלשאפטן זיינען פאראן, באטראכט די צאל מיטגלידער, וויפיל זיי פארמאגן; גיט א קוק אויף די אפישן, וועלכע שניידן אין די אויגן אויף אלע ראגן, אויף דער גוואלטיקער צאל אנאנסן וועגן לעקציעס, פארלעזונגען, רעפעראטן און קורסן, — און איר וועט זען, וואס פאר א גוואלטיקע ענדערונג עס איז פארגעקומען, איר וועט זען, וואס פאר א קאלאסאלער פראצעס פון ארגאניזאציע און קאנ־צענטראציע עס קומט פאר אונזערע אויגן פאר אין די מיטעלע שיכטן פון דער געזעלשאפט!..

און דאס קומט דאך פאר אין א מאמענט פון דער געפערלעכסטער רעגירונגס־רעאקציע. דאס אלץ ווערט דורכגעפירט אויפן סמך פון די זעלבע ווערטלאזע כללים פון 4טן מערץ, אויפן סמך פון די צייטווייליקע תקנות וועגן פרעסע אאז"וו..."

„...איז דען ניט קלאר, אז אנווייזן אויף שווועריקייטן האט נאר דאן א זינען, ווען מען רופט צו א מער ענערגישער ארבעט? נאר ווען מ'זאגט „לאזט צורו, עס לוינט ניט צו פטרן קיין כוחות, לאמיר בעסער צוריקגיין אין דער אונטערערדישקייט", מוזן מיר אנערקענען, אז די, וואס טענהן דאס, טוען דערמיט דעם פראלעטאריאט א בערישע טובה! ווייל זיי ראטן אים אפצוגעבן אן א שלאכט אט די פאזיציעס, וועלכע מיר האבן אויס־געקעמפט אין אונזער קאמף, ווייל זיי רעקאמענדירן אים, ער זאל זיך אפזאגן פון די רעשטלעך פון זיין ניצחון! ווייל דאס באדייט אפשטיין, אפזאגן זיך, אין פארגלייך מיט די בורזשואזע שיכטן, אין דעם פראצעס פון ארגאניזירן די קרעפטן, אין דעם קאמף פאר דער השפעה אויף די ברייטע שיכטן פון דער באפעלקערונג! דאס באדייט אוועקווארפן דאס,

וואָס עס איז פאַראַן, און דאָס פאַרבייטן אויף אַ פוסט וואָרט! יאָ, אויף אַ פוסט וואָרט!

ווייל עס איז שוין צייט זיך צו באַפרייען פון דעם פעטישיזם פון וואָרט און אָנרופן אַלץ מיט דעם אייגענעם נאָמען.

עס איז נאַיִוו צו פאַרווייגן זיך מיט דער האָפענונג, אַז אין 1909 וועט מען קענען צוציען גרויסע מאַסן אַרבעטער דורך אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. עס איז לעכערלעך צו מיינען, אַז אין די אומלעגאַלע קרייזלעך, דורך אַן אומלעגאַלער פּראָפּאַגאַנדע וועט זיך אונז איינגעבן צו ערציען אַ באַדייטנדן שיכט פון אַרבעטער־אינטעליגענץ, אין דער צייט, וואָס ביז אָקטאָבער האָט זיך דאָס אונז ניט איינגעגעבן. פּונקט אַזוי איז אוטאָפּיש אויך די שטרעבונג מיט דער הילף פון אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס פירן אַן אָרגאַניזירטן, און פּלאַנמעסיקן קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס קעגן דער רעגירונג און קעגן די לעגאַל־אָרגאַניזירטע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און גייסטיקע קרעפטן פון דער בורזשואַזיע. דאָס הייסט, אַרויסטרעטן מיט אַ שטיק האָלץ קעגן אַ קוילנוואַרפער, מיט אַן אומלעגאַלער דרוקעריי קעגן אַ ראָטאַציע־מאַשין, מיט אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג קעגן דער אַלרוסלענדישער טריבונע, דאָס הייסט, אַז אין דער צייט, וואָס די בוחות, וואָס זיינען פיינדלעך דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלן אין דער פולער מאָס זיך באַנוצן מיט די פּרוכטן פון זיין ניצחון, מיט די אָקטאָבער־דעראָבערונגען, וועט דער פּראָלעטאַריאַט גופא פריי־ווויליק זיך באַגרענעצן אין דעם אויסוואַל פון געווער, פריייוויליק זיך אויסקערן מיט רוקן צו די גאַנצע געביטן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

דער פּראָלעטאַריאַט טאָר ניט ניט אויסנוצן אַלע לעגאַלע מעגלעכ־קייטן און דאַרף דאָס טאָן אין דער פולער מאָס! „דער טייך פליסט ניט צוריק"... און דאָס וואָס געשעט איין מאָל אין דער געשיכטע אַלס גרויסע טראַגעדיע, חזרט זיך איבער אין דער פאָרם פון אַ באַנאַלן פאַרס, האָט מאַרקס געזאָגט.

דער פרילינג פון אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס איז אַוועק און וועט זיך שוין מער ניט אומקערן. דאָס, וואָס אין 1904 און 1905, אין קאַיאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען זי האָט געשטעלט אירע ערשטע, שרעקיקע שריט, איז געווען גראַנדיעז—איז איצט, אין 1909, ביי דער דיפער־רענצירטער געזעלשאַפט, ביי דער לעגאַל אָרגאַניזירטער בורזשואַזיע און ביי דער אויף דעם אייראָפּעיִשן מאַניר באַוואָפנטער רעאַקציע, וועט עס זיין ניט מער ווי אַ לעכערלעכע פּאַראָדיע.

עס איז שוין צייט אויפהערן זיך צו בוקן צו ווערטער, עס איז שוין צייט צו אנערקענען, אז דער רוף, וועלכער איז אמאל געווען אזוי רעוואלוציאנער, דער רוף: אין דער אונטערערדישקייט, האט שוין אפ־געלעבט זיין צייט, איז געווארן אביעקטיוו רעאקציאנער. אמאל האט ער פאר דער סאציאל־דעמאקראטיע געקלונגען: אויף די באריקאדן, איצט באדייט ער: „גייט אראפ פון דער ארענע פון דעם געזעלשאפטלעכן לעבן! באזייטיקט אייך פון ווירקן אויף די ברייטע מאסן. קעמפט קעגן דעם שונא מיט דעם שוואכסטן געווער!" [1].

אים האט געענטפערט י—און, וועלכער האט אנגעוויזן, אז מ. אבר. לייגט פאר צו פארוואנדלען די פארטיי אין א גרופע פון מיטווירקן ביי לעגאלע באדינגונגען. אין גרופעס פון סאציאל־דעמאקראטן, וועלכע וועלן זיך פארנעמען מיט דער ארגאניזאציע פון לעגאלע מעגלעכקייטן און וועלן מיט זיך פארשטעלן אן „ארגאניזאציע" און פאראייניקן זיי וועט די אומלעגאלע פארטיי. „אט דאס איז דאס בעסטע געווער, מיט דער הילף פון וועלכן דער חבר מ. אבר. וועט פירן „דעם קאמף פון דעם אר־בעטער־קלאס פאר זיין רעכט זיך צו ארגאניזירן". אנדערש גערעדט, רא רייסט זיך איבער דער פאדעם, וואס האט אונז פארבונדן מיט דער גאנ־צער פריערדיקער אנטוויקלונג פון אונזער פארטיי, דא ווערן ארויסגע־ווארפן אלע רעזולטאטן פון אונזער פופצניעריקער ארגאניזאציאנעלער ארבעט, דא ווערט די פארטיי פשוט פארניכטעט. די ארבעטער־ארגאני־זאציע, וועלכע דארף ווערן דער עמבריאן פון דער צוקונפטיקער אר־בעטער־פארטיי, די איצטיקע ארגאניזאציע, וועלכע קאן זיך נאר אנט־וויקלען אין דעם פראצעס פון מאסן־ארבעט, ווערט פארמשפט אויף פאר־ניכטונג. מיר מוזן דאס ערקלערן אפן, ניט שרעקנדיק זיך פאר די בייזע אויסגעשרייען פון דעם חבר מ. אבר. קעגן די, וועלכע טענהן, אז דא האנדלט זיך וועגן דער עקסיסטענץ פון דער פארטיי גופא. און אין דעם געגעבענעם פאל ווערט אין חבר מ. אבר. ארטיקל גערעדט וועגן לעבן און טויט פון דער פארטיי. עס פארשטייט זיך, צייטווייליקן, ווייל אלע סברות וועגן דער באדייטונג פון צייטווייליקן טויט פאר דעם קומענדיקן לעבן זיינען אזעלכע, אז עס לוינט זיי גארניט צו נעמען ערנסט.

דערצו נאך ווילן מיר אפילו צייטווייליק ניט שטארבן. פונקט אזוי איז דאס ניט ריכטיק, אז דא האנדלט זיך וועגן עפעס א לאזונג: אין דער אונטערערדישקייט. קיינמאל זיינען גאר אזעלכע לאזונגען בכלל ניט גע־ווען. רופן אין דער אונטערערדישקייט דארף מען גארניט. מיר זיינען

---

1) זע מ. אבר. ארטיקל אין „יער שטימע פון בונד".

דאָרט געבוירן געוואָרן און ביז אויף היינטיקן טאָג זיינען מיר פון דאָרטן, צום באַדויערן, נאָך ניט אַרויס. און ניט שווימען קעגן שטראָם ווילן מיר, פונקט אַזוי ווי מיר קלייבן זיך ניט איבערצוחזרן די געשיכטע. מיר וועלן זי נאָר ווייטער פירן, אָבער ניט איבערחזרן. איר, אָבער, ווילט אַרויפצווינגען אַ טויטע, צוגעטראַכטע סכעמע" [1].

אין סוף פון 1908 איז פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, וועלכע האָט אין 1905 און 1907 אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן ראַיאָן פון דעם „בונדס" טעטיקייט, כמעט גאָרניט געבליבן. „פון דער מעכטיקער באַוועגונג זיינען געבליבן בלויז חורבות", באַמערקט די „שטימע פון בונד" (נומ' 1). די פאַראיינען זיינען טיילווייז ליקווידירט געוואָרן דורך דער רעגירונג און טיילווייז זיינען זיי זיך צעפאַלן צוליב דער אַפּאַטיע פון די אַרבעטער. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען מיט די פאַרשיידענע קולטור- און בילדונגס-געזעלשאַפטן. די ברייטע אַרבעטער-מאַסן האָבן זיך ניט אינטערעסירט מיט זיי. אין אַזעלכע גרויסע יידישע צענטרען ווי ביאַליסטאָק און לאָדז האָבן זיי קוים געזשיפּעט. אין אַנדערע שטעט האָבן זיי אַפילו ניט אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון לעבן און האָבן גע־ליטן פון די גרויסע נגישות (אין אויסוואַל פון טעמעס, לעקטאָרן און דער פאַרבאָט צו ריידן אויף יידיש).

אין 1909 איז אין דער באַוועגונג פאָרגעקומען אַן איבערברוך. זי האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך פון די רעגירונגס-רעפּרעסיעס. עס זיינען צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן די פריער צעפלינדערטע אָרגאַני־זאַציעס. אין יענער צייט זיינען געווען בונדישע קאָלעקטיוון אין וואַרשע, אין ריגע, אין ווילנע, אין קיעוו, אין ביאַליסטאָק, אין וויטעבסק, אין דווינסק, אין מאָהילעוו, אין באָברויסק, אין האָמעל, אין אָדעס, אין פּינסק, אין גראָדנע, אין קאָוונע, אין בריסק, אין פּאָנעוועזש, אין לאָדז, אין קעשענעוו און אין אַנדערע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויפלעבונג, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" געשטעלט אויף דער טאָג-אָרדענונג די פראַגע וועגן צונויפרופן די VIII קאָנפערענץ. און נאָך אַ פיר-יאָריקער הפסקה ווערט זי אין יאָר 1910 צונויפגערופן קיין לעמבערג. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט 12 פאָרשטייער פון אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס (צו צוויי פון וואַרשע און ווילנע, און צו איינעם פון לאָדז, גראָדנע, ביאַליסטאָק, דווינסק, פּינסק, ריגע, האָמעל און באָברויסק), 4 מיטגלידער פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט, 2 פון דער רעדאַקציע פון צענטראַל-אָרגאַן, 3 מיט־

---

1 דאָרט. אַרטיקל „די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּאָליטיק".

גלידער פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט, 1 אגענט פון צענטראַל־קאָ־מיטעט און דריי איינגעלאַדענע מיט בעראַטונג־שטימען. — בסך־הכּל 25 מאַן 1.

די וויכטיקסטע פונקטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דעם סדר־היום פון דער קאָנפערענץ, זיינען געווען: 1) שבת און זונטאָג־רו. די מלוכה־דומע האָט אָנגענומען אַ געזעץ־פּראָיעקט, לויט וועלכן דער אָפּרו־טאָג פאַר גאַנץ רוסלאַנד איז זונטאָג; די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע האָט פאַרטיידיקט איין אָפּרו־טאָג אין דער וואָך לויט דעם אויסוואַל פון דער באַפעלקערונג. די VIII קאָנפערענץ פון „בונד" האָט ווידער באַשלאָסן אויסצוקעמפן די אָנערקענונג פרייטאָג, שבת און זונ־טאָג אַלס אָפּרו־טעג און דערביי ניט צווינגען צו רוען נאָך אַ טאָג. 2) די קהילה. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קהילה מיטן צוועק זי צו דעמאָקראַטיזירן. כּדי דאָס צו דערגרייכן זאָל מען „אָרגאַניזירן אַ ברייטע מאַסן־באַוועגונג אַרום דער קהילה, שטרעבן אַריינצודרינגען אין אירע אָנפירנדיקע אינסטיטוציעס און דאָרטן פירן דעם קאַמף קעגן דער אָליגאַרכיע און דעם רבנישן קלעריקאַליזם". 3) די פראַגע וועגן אויסנוצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן, אַז די יידישע אַרבעטער דאַרפן זיך אַקטיוו באַטייליקן אין די שוין עקסיסטירנדיקע לעגאַלע קולטור־ און בילדונגס־געזעלשאַפטן און שאַפן נייע (קלובן, בילדונגס־געזעלשאַפטן, ליטעראַרישע פאַראיינען). „דערביי מוז די גאַנצע אַרבעט אין די אַלע געביטן פאַראייניקט און אָנגעפירט ווערן דורך דער אָרגאַ־ניזירטער פּאַרטיי־אָרגאַניז." 4) וועגן דער שפּראַך. די קאָנפערענץ האַלט, אַז: 1) „עס איז ניט דערלאָזבאַר צו צעטיילן די שפּראַך אויף הערשנדיקע און טאָלערירטע; 2) די רעגירונגס־אינסטיטוציעס און די אָרגאַנען פון דער אָרטיקער און געגנט־זעלבסטפאַרוואַלטונגען דאַרפן באַ־האַנדלען די באַפעלקערונג אויף דער אָרטיקער שפּראַך; 3) דאָס אויספילן די דאָזיקע פאָדערונג דאַרף ווערן פאַרזיכערט מיט ספּעציעלע געזעצגע־בערישע נאָרמען; 4) ביז עס וועט ווערן פאַרווירקלעכט די קולטור־נאַציאָ־נאַלע אווטאָנאָמיע, וועלכע גיט איבער די פירונג פון די שול־ און קול־טור־ענינים די נאַציעס גופא, מוז מען זען קעמפן, אַז די מלוכה־שול זאָל פאַר יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע פון דער באַפעלקערונג געשאַפן ווערן אויף דער מוטער־שפּראַך; עס מוזן אָפּגעשאַפט ווערן אַלע הגבלות בנוגע דעם באַנוצן זיך מיט דער מוטערשפּראַך אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן,

1 „די VIII קאָנפערענץ פון „בונד", זשענעווע, נאָוועמבער 1910, ז' 1.

אויף די פאַרזאַמלונגען, אין דער פרעסע, אין די געזעלשאַפטן, פריוואַטע שולן וכדומה. — די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאַרף קעמפן דער־פאַר, אַז אין אַלע געביטן פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און, אין דער ערשטער ריי, — אין דער שול און אין קולטורעלע אַנשטאַלטן זאָל די יידישע שפּראַך פאַרנעמען דאָס אָרט, וועלכע זי דאַרף פאַרנעמען, אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דער יידישער באַפעלקערונג".

אויבן האָבן מיר גערעדט וועגן דעם, אַז די יידישע אינטעליגענץ און די אַרבעטער זיינען, אונטער דער ווירקונג פון דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער רעאַקציע, פאַרכאַפּט געוואָרן מיט נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. פאַר דער VIII קאָנפערענץ פון „בונד" איז זייער כאַראַקטע־ריסטיש דאָס אָנערקענען די נויטווענדיקייט אָנצוהויבן אַ קאַמף מיט אָט דעם קורס און דאָס פאַרלייגן דעם צ"ק אויף ווייטער „אַרויסצורוקן אויף דעם ערשטן אָרט די פראַגן וועגן סאָציאַלער געזעצגעבונג און פון אַרבע־טער־לעבן".

* *
*

דער „בונד" האָט גענומען אַ טיכטיקן אַנטייל אין די אַלע פּרוּוון, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין אויסלאַנד ווידער אויפצושטעלן די צעפלינדערטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אין 1912 באַטייליקט זיך דער „בונד" אין ווין אין דער קאָנפערענץ, וועלכע האָט געשאַפן דעם אַזויגערופענעם „אווגוסטבלאָק". אויף דער דאָזיקער מענשעוויסטישער קאָנפערענץ האָבן, ווי עס איז באַוווּסט, זיך באַטייליקט אַלע סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, חוץ די „באָלשעוויקעס", וועלכע האָבן געשטעלט אַלס באַדינג, פאַר זייער אַנטייל, דאָס אויסשליסן די „ליקווידאַטאָרן". די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן אַ פּאַרטיי־צענטער — דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט („אָ"ק"), אין וועלכן עס איז אויך אַריין אַ פאָרשטייער פון „בונד". פון יענער צייט אָן איז דער „בונד", וועלכער איז פריער געווען אויסער דער פראַקציע, געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט די מענשעוויקעס, סאָלידאַריזירנדיק זיך מיט זיי אין אַלע פּאָליטישע פראַגן.

* *
*

די לענער געשעענישן האָבן נאָך זיך געבראַכט אַן אויפלעבונג סיי אין דער יידישער, סיי אין דער רוסישער באַוועגונג. די שטימונג פון דערדריקטקייט איז פאַרביי. די בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן ווידער באַקומען די אַרבעטער־מאַסע. עס האָט זיך באַנייט די אַרבעטער־פּרעסע.

פון 1912 הייבט אין פעטערבורג אן צו ערשיינען א וועכנטלעכער בונ־דישער ארגאן „די צייט", ביי דער נאָנטסטער מיטארבעטערשאפט פון מ. ראבינאָוויטש (רייִן), אָלגין, פרומקינא (אסתר), ד. א. זאסלאַווסקי, א. ד. קירזשניץ און ב. אָרשאַנסקי. דאָס ערשיינען פון דער „צייט" האָט ביי די ארבעטער ארויסגערופן אן אמתע פרייד. די צייטונג האָט פון א סך שטעט און שטעטלעך באקומען באגריסונגען, וועלכע זיינען געווען געשריבן מיט גרויס ווארעמקייט. מיר וועלן אלס ביישפיל ברענגען די באגריסונגען פון לאָדזער און וויטעבסקער ארבעטער־גרופעס. „ווי־טעבסק. מיט גרויס פרייד האָבן אונזערע באוווּסטזיניקע חברים באַ־געגנט דעם ערשטן נומער פון דער יידישער ארבעטער־צייטונג. יעדער האָט, דערזעענדיק די צייטונג, איבערגעלעבט אַ אינערלעכע הארציקע פרייד, יעדער האָט געמיינט, אז עס וועט נאָך אוועק פיל צייט, ביז מען וועט זען אַ יידישע ארבעטער־צייטונג, אונז האָט זיך געדוכט, אז א יידישע ארבעטער־צייטונג איז ביי די איצטיקע באדינגונגען א הוילע פאנטאזיע, א חלום, וועלכער קאָן בשום אופן ניט פארווירקלעכט ווערן. נאָר צו אונזער איבערראשונג האָבן מיר אין די איצטיקע פינסטערע צייטן א ליכט, וואָס לייכט אונז הויך אין אונזער חושך. מיר ווינטשן פון גאנצן הארצן, אז דאָס ליכט, וואָס איר האָט אונז אָנגעצונדן, זאָל לייכטן ניט איינמאָל אין וואָך, נאָר אַלע טאָג..." פון לאָדז: „דאָס ערשיינען פון דער צייטונג „די צייט" איז אַ יום־טוב אויף דער יידישער ארבעטער־גאס. מיר גלויבן, אז ניט געקוקט אויף די שווערע באדינגונגען, וועט די באוווּסטזיניקע יידישע ארבעטערשאפט אונטערשטיצן איר צייטונג. מיר באגריסן די רעדאקציע פון דער „צייט" און ווינטשן איר דערפאָלג און פראָדוקטיווע ארבעט אויף איר דערנער־וועג..."

אינגיכן האָט נאָך דער „צייט" אָנגעהויבן צו ערשיינען א בונדי־שער פּראָפעסיאָנעלער זשורנאל „דער שניידער" (אין ווילנע).

* * *

א גרויסע ערשיינונג אויף דער פאָן פון אלגעמיינער געדריקטקייט איז געווען דער ארויסטריט פון דעם יידישן פראָלעטאריאט מיט א פּראָ־טעסט קעגן דעם בייליס־פּראָצעס. אין דער צייט, ווען דאָס יידישע קליינ־בירגערטום האָט רעאגירט אויף דער באשולדיקונג פון די יידן אין ריטואל־מאָרד מיט תפילות, תעניתים וכדומה, האָבן די יידישע ארבעטער געענטפערט מיט א גרויסן איינטאָגיקן שטרייק, דעם 25טן סעפטעמבער 1913, און אין אייניקע ערטער אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג, האָט זיך לויט דער איניציאטיוו פון די בונדישע אָרגאניזאציעס אין 17 שטעט

אנגעהויבן א שטרייק, אין וועלכן עס האָבן זיך באטייליקט 50.000 אר־בעטער, נעמלעך: אין ווארשע, אין ווילנע, אין ביאַליסטאָק, אין מינסק, אין ריגע, אין האָמעל, אין באָברויסק, אין פינסק, אין גראָדנע, אין בריסק, אין וויטעבסק, אין בערדיטשעוו, אין דווינסק, אין סמאָרגאָן, אין סלאָנים, אין באָריסאָוו און אין לאָדי. כמעט אומעטום זיינען ארויסגע־טראָטן אויסשליסלעך יידישע ארבעטער, בלויז אין אייניקע שטעט זיינען אויך צוגעשטאַנען די רוסישע און פוילישע ארבעטער. די פעטערבורגער ארבעטער האָבן זיך אויך אָפּגערופן אויף דעם ביילים־פּראָצעס מיט א שטרייק. אין ווארשע האָבן די פוילישע און יידישע ארבעטער ארויס־געלאָזט אַן אַלגעמיינעם אויפרוף. דער שטרייק פון 25טן סעפּטעמבער איז געוועזן דער ערשטער ארויסטריט פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין די יאָרן פון דער רעאַקציע [1].

* * *

אין 1913—1914, אין דער צייט פון דעם אויפשטייג פון דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג, האָט ווידער אויפגעלעבט אויך די פּאַרטיי „פּועלי־ציון". פון דעם 14טן מאַי 1914 הייבט אין פעטערבורג אָן צו דערשיינען דער זשורנאַל „דאָס וואָרט". אין די נאָענטסטע נומערן באַ־גענענען מיר באַגריסונגען פון ארבעטער־גרופּעס און איינצעלנע פּערזאָ־נען „פּועלי־ציוניסטן" פון ווארשע, פינסק, נעסוויזש, מיר, טשענסטאָ־כאָוו, סלאָנים, באַראַנאָוויטש, האָראָדאָק, ריגע, אָדעס, מינסק אאַז"וו. פון די ארטיקלען און קאָרעספּאָנדענציעס אין דעם זשורנאַל „דאָס וואָרט" זעט מען, אַז די גאַנץ געבליבענע פּועלי־ציוניסטישע קרעפטן האָבן גע־פירט זייער מעטיקייט בלויז אין די לעגאַלע אינסטיטוציעס: אין די קולטור־ און בילדונגס־געזעלשאַפטן און אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דער לעצטער, פינפטער, נומער „דאָס וואָרט" איז דערשינען ערב דער מלחמה — דעם 11טן יולי 1914.

---

1 „די צייט", נומ' 32, „סך־הכּלען".

קאַפּיטל פֿופֿצן

די יאָרן פֿון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. — דער אָראָפּריים פֿון דער אויפֿלעבונג, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן צו מערקן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. — דער חורבן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מלחמה. — די הילפֿס־אַרבעט. — די געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס צו העלפֿן די היימלאָזע. — דער אָנטייל פֿון די בונדיסטן אין זיי. די אויפֿגעלעבטע פּאַרטיי־באַוועגונג אין די אָקופּירטע געביטן. — די אויפֿשטעלונג פֿון דער בונדישער פּאַרטיי־אַרבעט אין רוסלאַנד. — די באַציִונג פֿון די בונדיסטן צו דער מלחמה אין רוסלאַנד און אין דער עמיגראַציע. — די לעגאַלע פּרעסע. — „פּאַרטיידיקונגס"־שטימונגען צווישן די בונדיסטן. — דער אָנטייל אין די מיליטער־אינדוסטריעלע קאָמיטעטן. — די קאָנגרעס־באַוועגונג אין אַמעריקע און די באַציִונג צו איר אין רוסלאַנד. — די פּאַרטיי „פּועלי־ציון" און די מלחמה.

די אימפּעריאַליסטישע מלחמה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין יולי 1914, האָט אַראָפּגעריסן די אויפֿלעבונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו מערקן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ טייל אַרבעטער איז מאָביליזירט געוואָרן און אַוועק אין דער מלחמה. די אַרבעטער־פּרעסע איז דורך דער רעגירונג פֿאַרמאַכט געוואָרן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רעפּרעסיעס קעגן די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. די פּאַרטיי־אַרבעט איז אין רוסלאַנד כּמעט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. אין די באַריכטן פֿון די אָנפֿירער פֿון די גובערניאַלע זשאַנדאַרמעריע־פֿאַרוואַלטונגען צו דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט געפֿינט זיך כּמעט פֿון אומעטום די סטערעאָטיפּע פֿראַזע: „די טעטיקייט פֿון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך אין גאָרנישט ניט אַרויסגעוויזן".

די מלחמה האָט חרוב געמאַכט און פֿאַראָרעמט די יידישע באַפֿעלקערונג. זי האָט געליטן ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס די מלחמה איז פֿאָרגעקומען אויף דער טעריטאָריע, אויף וועלכער זיי האָבן געלעבט, נאָר הויפּטזעכלעך דערפֿאַר, וואָס די רעגירונג, אויסנוצנדיק די באַדינגונגען פֿון מלחמה־צייט, האָט אָנגעווענדט אַ גאַנצע ריי נייע שווערע רעפּרעסיעס קעגן די יידן. די יידישע באַפֿעלקערונג איז דערקלערט געוואָרן אַלס „אינערלעכער שונא", די יידן האָט מען באַשולדיקט אין דעם, אַז זיי

זיינען, כלומרשט, דייטשע שפּיאָנען, מען האָט ביי זיי גענומען ערבות־לייט און אַרויפגעלייגט אויף זיי גוואַלטיקע קאָנטריבוציעס. צענדליקער טויזנטער יידן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען, וועלכע האָבן זיך געפונען נאָענט צו דער פראָנט־ליניע, מען האָט זיי געטריבן פון די אַלטגעזעסענע ערטער און אינגאַנצן אַ תל געמאַכט פון זייער גאַנצן האָב און גוטס.

כדי צו העלפן די געליטענע יידישע באַפעלקערונג האָבן זיך געבילדעט נייע און עס האָבן ווידער אויפגעלעבט אַלטע יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס: „געזעלשאַפט צו שיצן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג" („אָזע"), „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן האַנט־ווערק" („אָרט") אאַז"וו. מען האָט געעפנט שולן און קינדערהיימען מיט דער יידישער אונטערריכט־שפּראַך, מען האָט געזוכט אַרבעט און באַשעפטיקונג פאַר די יידישע היימלאָזע, מען האָט געעפנט שפּייז־פּונקטן וכדומה. צוזאַמען מיט די ספּעציעלע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָט נאָך מיטגעהאָלפן די געליטענע יידן אין זייער נויט די „פרייע עקאָנאָמישע געזעלשאַפט". פאַר די בונדיסטן איז געשטאַנען די פראַגע וועגן דער באַציונג צו אָט די אַלע אָרגאַניזאַציעס. עס איז אויסגעבראָכן אַ חילוקי־דעות, צי ס'זיינען נויטווענדיק נאַציאָנאַלע אָדער אַלגעמיינע קאָמיטעטן אויף העלפן די געליטענע. די מערהייט איז געווען דערפאַר, אַז עס זיינען נייטיק ספּעציעלע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפטן. דער מיטגליד פון בונדישן צ"ק מ. ליבער האָט געאַרבעט אין דער „פרייער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט", איז געווען איר באַפולמעכטיקטער און אַלס זעלנער איז ער אין יאַנואַר 1916 אַרעסטירט געוואָרן אין אָדעס.

אין יענע טעג האָט זיך געמערקט עפּעס אַ מין נאַציאָנאַלער אויפשטייג: די יידישע אינטעליגענץ און דערהויפּט די יוגנט האָט זיך בלב־ונפש אָפּגעגעבן דער אַרבעט צו העלפן דער געליטענער יידישער באַפעלקערונג. די בונדיסטן האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער דאָזיקער אַרבעט, באַמיענדיק אַריינצוציען אין איר די אַרבעטער־מאַסן און ווי ווייט מעגלעך זי צו אָרגאַניזירן. די דרום־מערבדיקע בונדישע קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין 1915, האָט באַגריסט דעם אָנטייל פון באַזונדערע פּערזאָנען און גאַנצע אָרגאַניזאַציעס און די יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, זי האָט אָבער רעקאָמענדירט זיך באַגרענעצן מיט דער טעטיקייט אין די סעקציעס, וועלכע קאָנען העלפן דער פאַראייניקונג פון די אַרבעטער, ד"ה הויפּטזעכלעך אין די אַרבעטס־ביוראָען. דאָס באַטייליקן זיך אין די אָנפירנדיקע אינסטיטוציעס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט די באַראַטונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד"

מיט די דעלעגאטן פון אייניקע ראיאנען, וועלכע איז פארגעקומען א ביסל שפעטער, האט אנערקענט, אז אזא אנטייל איז דערלאזבאר[1].

אין אנהייב 1915 האט די בונדישע פארטיי־ארבעט ווידער אנגעהויבן צו קומען צו זיך. אין אייניקע ערטער האט ווידער אויפגעלעבט דאס פארטיי־לעבן. אין קיעוו האט דער קאמיטעט פון „בונד" דעם 9טן יאנואר 1915 ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע אויף יידיש מיט א פראטעסט קעגן דער מלחמה און דעם ארעסט פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פראקציע. דא האט זיך אויך געפירט אן ארבעט ביי די פראפעסיאנעלע פאראיינען, עס זיינען אויך געווען עטלעכע ארבעטער־קרייזלעך[2]. אין זשיטאמיר און אין כעלם זיינען דעם 1טן מאי 1915 פארשפרייט געווארן פראקלאמאציעס פון צענטראל־קאמיטעט פון „בונד" מיט א רוף ארויסצוטרעטן קעגן דער מלחמה[3]. אין דווינסק איז דעם 4טן אפריל 1915 ארעסטירט געווארן א פארזאמלונג[4]. אין ווילנע איז געווען טעטיק א קאלעקטיוו. עס פלעגן פארקומען פארטיי־פארזאמלונגען און עס איז געפירט געווארן אן ארבעט אין די קרייזלעך. אז אין דער נאכט פון 17טן אויפן 18טן פעברואר 1915 איז ארעסטירט געווארן דער בונדישער קאלעקטיוו, איז באלד געשאפן געווארן אן אנדערער[5]. אין ריגע זיינען די בונדיסטן אויך געווען טעטיק און האבן געהאט אן איינפלוס אויף דער „פראפעסיאנעלער געזעלשאפט פון די ארבעטער אויף אויסצוארבעטן שיך"[6]. אין האמעל איז דעם 18טן אפריל 1915 פארשפרייט געווארן די פראקלאמאציע פון צ"ק פון „בונד", וועלכע איז געווען געווענדט קעגן דער מלחמה און האט דערציילט וועגן דער שווערער לאגע פון די יידן, וואס ווערן פארפאלגט אין פוילן[7]. בונדישע קעמערלעך זיינען געווען אין אדעס, אין קרעמענטשוג, אין כארקאוו, אין יעקאטערינאסלאוו און אין אנדערע ערטער. אין פעטערבורג איז געפירט געווארן

---

1 „נאשע סלאווא", פאריז, נומ' 196.

2 ענינים פון היסט.־רעוו. ארכיוו, ענין נומ' 6, טייל 32, בויגן B, 1915, אגענטור־ידיעות.

3 דארט. ענין נומ' 6, טייל 15, בויגן B, 1915, אגענטור־ידיעות. און ענין נומ' 6, טייל 73, בויגן A.

4 דארט, ענין נומ' 6, טייל 12.

5 דארט, ענין נומ' 6, טייל 11, בויגן B, 1915, באריכט פון אנפירער פון ווילנער גובערנ זשאנד.־פארוו.

6 דארט, ענין נומ' 6, טייל 40, בויגן Б, 1915, מיטטיילונג פון אנפירער פון ליפלענדער גוב. זשאנד.־פארוו.

7 דארט, ענין נומ' 6, טייל 45, בויגן Б, 1915, אגענטור־ידיעות.

אַן ערפאָלגרייכע אַרבעט צווישן דער יידישער סטודענטנשאַפט; ביים פּסיכאָ־נעוראָלאָגישן אינסטיטוט און אין אוניווערסיטעט האָבן זיך גע־בילדעט בונדישע קרייזלעך (די אַקטיווע טוער זיינען געווען: וויינרייך, כאַריט, כאַצקעלעס און אַנדערע), וועלכע פלעגן איינאָרדענען לעקציעס, רעפעראַטן, פאַרזאַמלונגען און אין 1916 האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ זאַמל־בוך „נאַש פּוט" (אונזער וועג).

אין פּוילן, וועלכע איז אָקופּירט געוואָרן, האָבן די בונדיסטן גע־פירט אַ לעבעדיקע פּאַרטיי־טעטיקייט. אין וואַרשע האָבן זיך אונטער דער השפּעה פון „בונד" געפונען 12 יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען מיט בערך 10.000 מיטגלידער און אייניקע בילדונגס־קורסן פאַר דערוואַק־סענע. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן איינגעאָרדנט פאַר די אַר־בעטסלאָזע אַרבעטער־קיכן, אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון, צונויפגערופן פאַר־זאַמלונגען אויף צו באַהאַנדלען פאַרשיידענע פראַגן, אויף וועלכע עס פלעגן קומען טויזנטער אַרבעטער. 16 פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — יידישע, פּוילישע און געמישטע — האָבן זיך פאַראייניקט אין איין צענטראַל־ביוראָ, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די פּאַרטייען. אין דעם סעקרעטאַריאַט פון דעם ביוראָ זיינען אַריין פאָר־שטייער פון „בונד", פּס"ד און פּפּ"ס. דאָס „צענטראַל־ביוראָ" האָט אין אַ קורצער צייט אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט: געעפנט קיכן (צו יאַנואַר 1916 זיינען געווען 16 קיכן), טייהייזער, קאָאָפּעראַטיוון און סקלאַד פון פּראָדוקטן אויף צו באַזאָרגן די אַרבעטער־קיכן, אַ בעקעריי, אָרגאַניזירט די מעדיצינישע הילף, איינגעאָרדנט אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויפקלער־געזעלשאַפט „שוויאַט" (ליכט), וועלכע האָט געהאַט אַ ביבליאָטעק, אַ לייען־זאַל און בילדונגס־קרייזלעך. די פאַרוואַלטונג פון „שוויאַט" איז באַשטאַנען פון יידישע און פּוילישע אַרבעטער.

אחוץ וואַרשע, האָט דער „בונד" נאָך געפירט אַ גרויסע אַרבעט אין לאָדז, אין ווילנע, אין טשענסטאָכאָוו און אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע שטעט.

אין לאָדז האָבן די בונדיסטן איינגעאָרדנט גרויסע מאַסן־פאַרזאַמ־לונגען, למשל, אין דעצעמבער 1914 (עס האָבן זיך באַטייליקט 500 אַר־בעטער) וועגן דער טעטיקייט פון „בונד", אין יאַנואַר 1915 צום אָנדענק פון 9—22 יאַנואַר 1905 (150 אָנטיילנעמער), אין מערץ 1915 וועגן די אויפגאַבן פון דעם פּראָלעטאַריאַט (מיט 2000 מאַן). די קולטור־ און בילדונגס־געזעלשאַפט „האַרפע", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך די בונדיסטן, האָט געעפנט אַרבעטער־טייהייזער, לייענזאַלן, אַ ביבליאָטעק, אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע, איינגעאָרדנט רעפעראַטן, דיסקוסיע־

אָונטן אַאז״ו. די פאַרלאַגס־טעטיקייט פון לאָדזער קאָמיטעט פון „בונד״ האָט זיך אויסגעדריקט מיט דעם אַרויסלאָזן פּראָקלאַמאַציעס און בלעטלעך, דער ערשטער נומער פון „לאָדזער אַרבעטער״ איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין דער צאָל פון 3500 עקזעמפּלאַרן. אין וואַרשע און אין לאָדז האָבן די בונדיסטן געפירט אַ גרויסע קאַמפּאַניע פאַר דער יידישער פאָלקסשול אויף דער מוטערשפּראַך פון די יידישע פאָלקסמאַסן, אין וועלכער עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן די ברייטע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין ווילנע האָבן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע עקסיסטירט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אַרבעטער־קיכן און בילדונגס־געזעלשאַפטן. די יידישע סעקציעס ביים ווילנער פאָלקס־אוניווערסיטעט האָט איינגעאָרדנט לעקציעס אויף יידיש וועגן נאַטור־וויסנשאַפט און געזעלשאַפטלעכע טעמעס [1].

אין אויסלאַנד איז צווישן די בונדיסטן ניט געווען קיין איינשטימיקייט בנוגע דער פראַגע וועגן דער באַציונג צו דער מלחמה. אייניקע (וול. קאָסאָווסקי־לעווינסאָן) זיינען צוגעשטאַנען צו דער גערמאַנאָפילישער אָריענטאַציע, אַנדערע (מ. ראַפעס) צו דער „פאַרטיידיקונג״, די דריטע (קאָיגען־„יונה״) צום רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַליזם. אַ פאָרשטייער פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד״ האָט זיך באַטייליקט מיט באַראַטונגס־רעכט אין דער צימערוואַלדער באַראַטונג און האָט אונטערגעשריבן דעם אויפרוף פון דער צימערוואַלדער פאַראייניקונג. אין וואַרשע האָט דער „בונד״ צוזאַמען מיט די פּפּ״ס און פּס״ד אַרויסגעלאָזט אין אָנהייב פון דער מלחמה אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער די מלחמה איז טראַקטירט געוואָרן לויטן שטאַנדפּונקט פון דעם רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַליזם. אין רוסלאַנד גופא איז ביים אָנהייב מלחמה די שטימונג ביי די גאַנץ געבליבענע בונדיסטן אויך געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע. אַזוי, למשל, איז אויף דער קאָנפערענץ פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון דרום־מערבדיקן ראַיאָן, וועלכע איז פאָרגעקומען אין קיעוו סוף יוני 1915 און אויף וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון זשיטאָמיר (2), קרעמענטשוג (1), מאָזיר (1), קיעוו (2) און בערדיטשעוו (2), איז ביים באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דער באַציונג פון „בונד״ צו דער מלחמה, אָפּגעוואָרפן געוואָרן די רעזאָלוציע פון פאַרטיידיקונגס־

---

1 קורצער באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דעם „בונד״ צו דער צווייטער קאָנפערענץ, וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע אין בערן, אַפּריל 1916.

כאראקטער, וועלכע איז פארגעלייגט געווארן דורך דעם פארשטייער פון צענטראל־קאמיטעט, דעם חבר מ. ראפעס.

שפעטער, אין 1916, האבן גובר געווען די פארטיידיקונג־שטימונגען. די אלפארטייאישע בונדישע בעראטונג, וועלכע איז פארגעקומען אין כארקאוו אין מאי 1916, האט אנגענומען א רעזאלוציע אין אט דעם גייסט. אונטער דער ווירקונג פון אט דער רעזאלוציע האבן די בונדיסטן זיך באטייליקט אין די מיליטער־אינדוסטריעלע קאמיטעטן אין פעטראגראד און אייניקע אנדערע שטעט.

מיט דעם אנהייב פון דער אויפלעבונג אין דעם פארטיי־לעבן האט ווידער אויפגעלעבט די בונדישע פרעסע. פון הארבסט 1916 ביז מאי 1917 האט אין פעטראגראד לעגאל ערשיינט א בונדישער ארגאן „יעווריסקיע וועסטי" (יידישע ידיעות) אונטער דער רעדאקציע פון ד. א. זאסלאווסקי, וו. קאנטאראוויטש, מ. ראפעס און ה. ערליך. ביי די ארבעטער האט גרויס אנזען ארויסגערופן דער פראיעקט צו באנייען די בונדישע פרעסע אויף יידיש, און די זאמלונגען אויף דעם, וועלכע זיינען ארגאניזירט געווארן לויט זייער אייגענער איניציאטיוו, האבן געהאט גרויס ערפאלג.

פון די פראגן, וועלכע האבן באאומרויקט די בונדישע קעמערלעך אין רוסלאנד ערב דער פעברואר־רעוואלוציע, דארף מען באמערקן די פראגע וועגן דער קאנגרעס־באוועגונג אין אמעריקע. אין יענער צייט האט זיך אין אמעריקע אין די פארשיידנסטע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאפט געפירט א פראפאגאנדע וועגן צונויפרופן אן אלוועלטלעכן יידישן קאנגרעס, וועלכער האט געדארפט נאך דער מלחמה פארטיידיקן אין דער פעלקער־ליגע, זי זאל אנערקענען די בירגערלעכע, פאליטישע און נאציאנאלע גלייכבארעכטיקונג פון די יידן אין אלע לענדער. אין רוסלאנד האבן זיך די בונדיסטן, פונקט אזוי ווי זייערע חברים אין אמעריקע, באצויגן פאזיטיוו צו דער דאזיקער אידעע און זי פראפאגאנדירט אויף עטלעכע לעגאלע פארזאמלונגען, וועלכע זיינען איינגעארדנט געווארן אין פעטראגראד אונטער דער פאן פון דער „געזעלשאפט צו שטודירן די פאלקס־ליטעראטור".

אין די יארן פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה האט זיך געמערקט א געוויסע אויפלעבונג אויך ביי די „פועלי־ציון". עס האבן זיך באנייט זייערע ארגאניזאציעס אין פעטראגראד (אויסשליסלעך פון סטודענטן: צבי פרידלאנד, ז. ברייטער, שיידלין, פאטשיוועו, מענדעלעוו, ס. דאלגאפעלסקי, סטערלין און אנד.), מיט וועלכע עס האט אנגעפירט ט. ניר (ראפאלקעס), אין מאסקווע (י. טענענבוים, בערלינרויט און אנד.), אין

נישזני־נאָווגאָראָד. די „פועלי־ציון" האָבן אין אייניקע ערטער זיך באַטייליקט אין דעם אָרגאַניזירן די הילף פאַר די היימלאָזע. אין מאָסקווע האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ פאַרטיי־פאַרלאַג „פערעוואַל". בנוגע דער מלחמה זיינען די „פועלי־ציון" ס׳רוב געשטאַנען אויף דעם אינטער־נאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפונקט.

וואָס שייך די איבעריקע יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען ס"ס און י"ס זיינען אין רוסלאַנד, לויט די ידיעות, וואָס מיר פאַרמאָגן, אין דער צייט פון דער מלחמה קיין באַשטימטע אָרגאַניזאַציעס ניט געווען; בלויז איינצעלנע פערזאָנען, געוועזענע מיטגלידער פון אָט די פאַרטייען, האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון די לעגאַלע געזעלשאַפטן צו העלפן די היימלאָזע: אין מאָסקווע — יעקב לעשצינסקי, ראַסקין, מאָטילעוו, סאָקאָלאָווסקי, דאַבאָווסקי. אין פעטראָגראַד — יוסף בערסאָנסקי, י. כורגין און אַנדערע.

זוכצעטל

א.

אָלגין 423
אַמולעווסקי 67
צַסאָראָגין 324
אָסטראָגאָווין 116
אָפּנער 161, 162
צַרשאַנסקי ב. 423
אַבוגאָוו 55
אַבעזגוז 100
אַבערסאָן (זע גרינבלאַט, „אַדאָלף")
„אַבראַם" 79, 95, 100, 102, 158
אַבראַמאָוויטש ק. 25, 28
אַבּר (אַמאָוויטש)—ריין מ. 157, 416, 419, 423
אַבראַמאַוויטש ע. 51, 52, 54, 56
אַבראַמזאָן ז. 280, 389, 390, 398
אַדאָלף 397
אַהראָנאָוו 156
אוושדאַנסקי 124, 126, 127
אוסיסקין ח. 74
אוסישקין ח. 159
אופלאַנד מ. 86, 92
אחד־העם 261, 262, 263
אַטקאַץ וו. 161
אידאַ 161
איוואַנאָוו 267
איזביצקאַ ל. 158
איזביצקי יוסף 158, 159, 416
איטשע מאיר 132
איידלשטיין ה. 161
איינזנבערג פּ. 157, 158
איינשטאַט י. 74, 113, 308, 416
אייינשטאַט ל. 54, 74, 113, 157, 158
איינשטאַט ש. 54
איינזאַפּט ס. 374, 375, 379, 409, 414
אַלעקסאַנדר I 10
אַלעקסאַנדר II 7, 50, 120, 128
אַלעקסאַנדר III 9, 136, 186
אַלטער דער בערשטער 79, 100, 115
אַלפּערט י. 157
אַמסטערדאַם א. 159
אַמסטערדאַם י. 74
אַנדרייעוו פּולק. 352
אַנדערס ש. 26, 29
אסתּר (זע פרומקינאַ)
אערָאָוו 156
אַפּט י. 161
אַפּטעקמאַן א. וו. 21
אַקים (זע גאָלדמאַן ל.)
אַקימאָוו — מאַכנאָוועץ ל. 53, 54, 78, 81
אַקסעלראָד פּ. 67
אַראָן 132
אַראָנאָוו (זע אַדאָלף)
אַראַנאָוויטש מ. 389
אַראָנסאָן ד. 156
אַראָנשטאַם ב. 25
אַראָנשטאַם ל. 296
אַשפּיז ש. 142, 156

ב.

באָגאָוואַר י. 160
באָגאָראָד ד. 142, 156
באָגאָראָד מ. 156
באָגדאַנאָווא מ. 129, 130
באָגדאַנאָוויטש 51
באָגוסלאַווסקאַ ט. 156
באָטווינִיק 100
באָקל 139
באָרוכין 174
באָרוכאָוו ב. 389, 397
באָרוכסאָן 397
באָריסאָוויטש ל. (זע בערנשטיין)
באַזין מ. (זע זילבערפאַרב מ.)
„באַטשקי" (זע זעליקסאָן)
באַלעבאַנאָוו מ. 18
באַמבאַם ב. 128, 129, 130
באַמבאַם פּ. 130
באַנעווור 84, 85, 88, 89, 90, 92
באַם נ. 389
באַסקין י. 390
באַראַן 159
באַרבאַנעל פּ. 156
באַרלאַם 159
באַרלאַם ש. 159
באַרעל מ. 25, 29
באַרקאַן ש. 161
באַקשט מ. 85, 92
בודנשטיין י. 157
בוכבינדער נ. 5, 54, 118, 122, 128, 151, 208, 266
בוליגין 402

בונגע א. פ. 129
בורגין-גאָרדאָן 162
בורצעוו וו. 113
בורשטין י. 159
בורשטין נ. 159
בורשטיין ק. 161, 162
בים מ. 160
בייגער ח. 116
ביילים מ. 422, 424
בייראַק א. 157
בליאַכערמאַן ז. 161
בליאַכערמאַן ל. 160
בלאָושטיין מ. 161
בלומענפעלד ש. 86, 92
בן-אַדיר (זע ראָזין א.)
בן-צבי 397
בעלענקאַ ס. 160
בעלאַך א. 53
בעליאַיעוו ד. 25, 26, 28
בעלינסקי 46
בעלסקי ס. 26, 29
בעלסקי ק. 26, 29
בענדין נ. 25, 29
בענצעל א. 25
בענענזאָן א. 129, 130
בעסאָנאָוו 262, 264
בעסעראַבער משה 397
בעסקין ז. 160
בערבער מ. 86, 92
בערגער י. 389, 390
בערטע 132
בערלינרויט 430
בערמאַן מ. 128
בערמאַן פּ. 79, 116
בערנע ל. 46
בערנשטיין ב. 125, 127
בערנשטיין ליובאָוו 25, 128, 130
בערנשטיין לעאָן 113, 124, 127
בערנשטיין ש. 50, 116
בערקאָוויטש א. 129
בראָדסקי ד. 55, 56
בראַון א. 296
בראַווי א. 161
ברוידע נ. 25, 29
ברוסילאָווסקי ס. 55
ברוסער מ. 160
ברייטער ז. 430

ג.

גאָדלעווסקי 114
גאָזשאַנסקי ש. 54, 113, 157, 158
גאָלאַנדסקי ה. 85, 92
גאָלאַנדסקי י. 161, 162
גאָלדבלאַט (זע מעדעם)
גאָלדאַצקי י. 159
גאָלדבערג 208, 249, 256
גאָלדבערג נ. 389
גאָלדבערג ס. 156, 389
גאָלדינאַ נ. 156
גאָלדינאַ צ. ב. 142, 155, 151
גאָלדמאַן ל. 79, 115
גאָלדמאַן מ. 79, 100, 308, 416, 426
גאָלדע 397
גאָלדענבערג י. 156
גאָלדפאַרב ש. 159
גאָלדשטיין ד. מ. 157
גאָרבונאָוו מ. 160
גאָרדאָן אברהם 69, 70
גאָרדאָן מ. 25
גאָרדאָן פּ. 86, 92, 113, 114, 121
גאָרדאָן ש. 85, 92
גאָרדאָן ה. 161
גאָרדאָן י. 85
גאָרעוו-גאָלדמאַן ב. 113
גאָרפיין ש. 85, 92
גאַטושקין א. 160
גאַלאַצקי ס. 55
גאַלקין 224
גוטמאַן א. 389, 390
גולניק ל. 159
גוסטע 115
גורעוויטש מ. 142, 156
גורעוויטש ר. 142
גורעוויטש א. 160
גינזבורג א. 160
גינזבורג פּ. 160
גינזבורג ס. 142
גינזבורג פ. 390
גינזבורג ש. 152, 160
גינזבורג ל. 161
גלאָבום א. 156
גלאָבום מ. 28
גלאָבום ר. 142, 156
גלאַס אָ. 50
„גלעב" זע מוטניק
גענענצוויי נ. ס. 156
גענענצוויי פּ. 142, 156
געלצער י. 161, 162
געטע 46
געראַרדי 232, 233, 234
גערבערג 161, 162
גערציק אַננאַ 129
גערציק ב. 128, 130
גערשוני גריגאָרי 130
גראָסמאַן פּ. 55, 56
גראָסער בראָניסלאַוו 361
גראַבעלסקאַ פּ. 340
גראָווער י. 340
גראַץ ח. 53
גריבאָיעדאָוו 317, 323
גרינבערג י. 159
גרינבלאַט פּ. 160
גרינבלאַט ר. 79
גרינהויז א. 389
גרינפעלד מ. 158
גרינפעלד ש. 158
גרשון 397

ד.

דאָבין ל. 129, 130
דאָבין ש. 389, 398
דאָבראָליובאָוו 46, 67
דאָברין ב. 161

דאָברין ש. 161
דאָלגאָפּאָלסקאַ ס. 430
דאַגאַן מ. 15, 17
דאַווידאָוויטש ל. 22, 25, 26, 17, 28, 41, 42
דאַווידזאָן 389
דאַנישעווסקי ש. 157
דאַרווין 139
דובנאָוו ש. 261, 262, 263, 404
דושקאַן 115
דוואָרעצקי א. 161, 162
דושאָן זע מיל
דימענט העניע 86
דימענט מ. 85, 92
דימשיץ א. 28
דימשיץ ז. 157
דיסלער 28
דיקשטיין 56, 67
דייכאָווסקי 431
דראַגאָמאַנאָוו מ. נ. 19, 47, 48, 49
דראַנונסקי ל. 142
דראַפּקין א. 142, 252
דראַפּקין ל. 156
דראַפּקין ש. 156
דריבינאַ 156

ה.

האָפּמאַן זע לעווינסאָן
האָרנשטיין וול. 50, 56
האַלפּערין יעפים 233
האַרטמאַן לעוו 50
הורוויטש יעווגעניע 53, 85, 86, 92, 116, 124
הורוויטש העלענע 53, 85, 92.
הורוויטש י. א. 51, 52, 53, 56, 57
הורוויטש י. 79, 95, 115
הורוויץ ח. ד. 391
הירשפעלד ח. 162
הייליקמאַן ט. 142
היינע ה. 46
העלער מ. 229
העלער א. זע ראָזנטאַל א
העלפּגאָט נ. 156
הערמעלין מ. 157
הערצעל ט. ד"ר 386, 387
הערץ מ. 156
הערץ נ. 156
הערץ א. 156
הערש ל. 408

וו.

וואָלמאַן א. 129, 130
וואָלמשינער 157
וואָלין י. 116, 124, 132
וואָלין יולי 208, 253, 259, 262, 263, 265, 267
וואָלפין א. 55, 56
וואָלף וו. 398
וואָלפסאָן מ. 25, 26, 27, 29
וואָלפסאָן ש. 142, 155, 156
וואָלק מ. 13
וואָלק ד. 115
וואָראָווסקי 259
וואַלק ס. 72
וואַסיליעוו (אָנפ. פון אָדעסער זיכעראָפּט.) 211, 212, 213, 214, 215, 216, 217, 218, 219, 220, 222, 223, 225, 226, 279, 280
וויטענזאָן א. 160
וויטקינד י. 114
ווילבושעוויטש מאַשע 125, 127, 129, 130, 208, 214, 223, 229, 232, 233, 234, 235, 248, 254, 265, 266, 267, 280
ווילטער ש. 85, 92
וויליאַטשער נ. 156
ווילענקין י. 129, 130
ווינאָגראַדסקי פּ. 157
ווינטשעווסקי מ. 41, 45, 46, 47
ווישטינסקי מ. 128
וויינבערג י. 157
וויינעל נ. 25, 29
וויינער ל. 22, 23, 24, 29
וויינער י. 25
וויינצוויג ש. 397
וויינרייך מ. 428
וויינשטיין 100, 102
וויינשטיין י. 25, 29
ווייסבערם 162
ווייסער סטאָלער (זע אַבראַ-מאָוויטש)
וולאַסאָוו 153
וועגדלאַנד 290
ווערא 132
וראַנגעל 113

ז.

זאָבאָוו 56
זאַכאַראָוו 142
זאַלצמאַן חעניע 85, 92
זאַלקינד א. 95, 114, 121, 125, 127, 157, 158, 133
זאַלקינד ב. 157, 158
זאַלקינד סוחר 371
זאַסטענקער י. 126
זאַסטענקער מ. 162
זאַסלאַווסקי ד. 47, 49, 234, 235, 423, 430
זאַק א. 25, 29
זאַק ל. 53, 116, 389
זאַקאַן חיים 100, 102, 157
זאַקס ל. 14, 85, 92
זארכין א. 157
זובאַטאָוו ס. 51, 52, 83, 84, 85, 90, 91, 93, 122, 151, 154, 155, 203, 205, 206, 207, 208, 211, 213, 218, 219, 221, 222, 223, 224, 225, 226, 232, 233, 234, 236, 249, 255, 262, 263, 266, 267, 268, 269, 270, 273, 282, 383
זונדעלעוויטש אהרון 22, 23, 24, 25, 27

זונדעלעוויטש מ 29, 25
זוסמאַן ש. 339
זוסמאַן ר. 159
זוואָליאַנסקי 218
זוועריז י. 53, 124
זילבערפאַרב מ. 398, 399
זילבערשטיין ר. 157
זינע 132
זיסבלאַט י. 161, 162
זיסערמאַן ב. 161
זיסקע 260
זיידלער א. 26, 29
זיידעלמאַן י. 161
זלמן (זינגער) 95, 100
„זלמן" 398
זעווין ר. 160
זעלדאָוו ס. 75, 100, 114
זעלדאָוויטש ר. 129
זעליקסאָן ז. 296
זעליקסאָן מ 160
זעלצער (זע גראָסער)
זרובבל 397
זשוזלין מ. 85, 92
זשיטלאָווסקי ח. ד"ר 401
זשעלודסקאַ 115, 157
זשעליאַבאָוו 49
זשעליעזניאַק ר. 160

ח.

„חיים" „חיימאָווצעס" (זע האַלפּערין)
חנציע 130
חפץ 53, 116

ט.

טאַביאַס (מאַקס) 113
טאָלסטאָי ל. נ 139, 262
טאָנטאַק ב. 389
טאַבאַקסאָן 161
טאַטאַרטשיק 159
טאַראַס (זע קאַץ ד.)
טילמאַנס 831
טימאָפּיי (זע קאָפּעלזאָן)
טירקלטויב 159
טייץ צ. 159
טעלמין י. 86, 92, 116, 129, 130
טענענבוים י. 430
טערמאַן ר. 160
טערעזע די שניידערין 115
טראָפּאָווסקי א. 113, 159
טראַכטענבערג ש. 86, 92
טרובעצקאָי (פירשט) 214, 215
טרוכנאָווסקי וו. 129, 130
טריוויש י. 25, 29
טרייביטש פ. 159
טרעפּאָוו 86, 203
טשאַפּלעווסקי 26
טשיזשיק ב. 397
טשעמעריסקי י. מ. 124, 132, 208, 216, 222, 236, 243, 247, 248, 249, 250, 252, 254, 255, 256, 258, 269
טשערניאַווסקאַ ל. 86, 92
טשערניאַיעוו גענעראַל 41
טשערניאַקאָוו 116
טשערניכאָוו 85, 92
טשערקאַסאָוו 266
טשערקעזאָוו וו. 43

י.

יאָגיכעס ל. 53
יאָכעלסאָן וו. 22, 23
יאָנאָוו (זע קאָיגען)
יאָסיפּאָוויטש ד. 25
יאַפּינאָוו י. 162
יאָפּע אַלטער 389, 398
יאָפּע ר. 142, 152, 156
יאַלאָוו ב. 161
יאַנאָוויצקי 332
יאַנאָווסקי ד"ר 290
יאַנאָווסקי פאַבריק, 194
יאַנאָווסקי י. 397
יאַנטשעווסקי מ. 26, 27, 28
יאַנקאָווסקי מ. 142, 156
יאַנקעלעוויטש ב. 157
„יאַקאָוו" י. 129, 132
יאַראָסלאַווסקי מ. 55
י. א. זע אייזנשטאַט
יודין (זע אייזנשטאַט)
יווילער מ. 115
יעזערסקי מ. 142
יעקאַטערינאַ II 116

כ.

כהן מרדכי 41
כאַבזיי ל. 160
כאַטישליאַנסקי א. 157
כאַרזען ל. 130
כאַמענטאָווסקי ש. 157
כאַווקין ב. 160
כאַחקינאַ ז. 86, 92
כאַזאַנאָוויטש ל. 53
כאַים ל. 297
כאַיוטין 128
כאַן וו. 86, 92
כאַנין מ. 160
„כאַציע" 132
כאַצקאָוויטש ש. 161
כאַצקעלעס 428
כאַרים 428
כאַשין (זע באָרוכסאָן)
כורגין 431
כורגין ח. 50, 51, 56
כורין ח. 206
כייקין ז 156
כייקין ח. 142, 156
כייקינאַ ח. 160
כערסאָנסקי י. 431
כריפּאָוו 236, 241

ל.

לאָסיעוו 27, 29
לאָפּוכין 243, 266, 267, 268, 270, 272, 273
לאַרים-מעליקאָוו 29
לאַבוס 160
לאַווראָוו 43, 44

לאַנדאַו ס. 160
לאַנדע ש. 56, 180, 184
לאַסאַל 339
לאַפּידוס א. 290
לוקאַס 128
לוריע ס. 114
לוריע א. פּ. 397
לוריע וולאַד 160
לוריע ב 113
לוריע מ. 309
לוואָח 114
ליאַכאָווסקי 86, 113
ליאָס ר. 156
לאַבין ש.
ליבער מ. (זע גאָלדמאַן מ.)
ליבערמאַן א. 19, 22, 23, 24,
25, 27, 43, 44, 45
ליבערמאַן ח. 157
ליוורגאַנט ז. 160
ליזע 79
ליטוואַק א. 74, 75, 370, 371
ליטוואַק נ. 159
ליכטערמאַן ח. 53
ליליענבלום משה לייב 45
לינעוו א. 44
ליפשיץ נ. 115, 158, 161
ליקסמאַן י. 267
ליאָווקע (זע יאָגיכעס).
לעאָנטיעוו (זע גאָלדמאַן ל).
לעדער ד. 129, 130
לעדער ל. 129, 130
לעווי א. 161
לעווי ר. 85, 92
לעוויאַש פּ. 50
לעוויטאַס י. 129
לעווין מ. ח. 114, 129, 130
לעווין מ. 160
לעווין ח. 55, 56, 95, 100,
102
לעווין א. 85
לעווינסאָן ב. 74, 159
לעווינסאָן ל. (זע אייזנשטאַט).
לעווינסאָן מ. 72, 82, 85,
92, 113, 121, 306, 308,
429
לענין 300, 301, 302, 303,
304
לעסינג 46
לעסניק ח. 156
לעפּושינסקי פּ. נ. 313.
לעקערט ח. 193, 197, 226,
236, 237, 253, 254, 286,
288, 290, 291, 292, 293
לעשטשינסקי יעקב 17, 389,
391, 431

מ.

מאיר (זע קאַגאַן)
„מאיר" 129
מאָוושאָוויטש י. 26
מאָטיליעוו 431
מאַרכאָיו 156
מאָנטעפּיאָרע מ. 386
מאָשקאָ 128
מאָשעוויצקי 130, 160
מאַטאָסעוויטש 26
מאַטוסעוויטש פּ. 127
מאַטלאַראָוו י. 317
מאַטעס 396
מאַרנאָוויטש א. 389
האַלקין אבר. 55, 56
מאַנדעלבערג ל. 398
מאַנדלבוים מ. 157
מאַנדלבוים ח. 157
מאַנדלבוים ה. 157
„מאַקס" (זע דושקאַן)
מאַרגאָלין א. י. 55, 56
מאַרגאָלין סאַל. 340
מאַרגאָלים ח. 161
מאַרקס קאַרל 180, 184
מאַרשאַוו ל. 57, 59, 60,
66, 69, 77, 113, 115, 309
מאַרטאָוו מ. ל. 142, 156
מאַשקעלייסן ס. 128, 129
מוד. אַרק. 129
מוטניק א. 54, 78, 82, 83,
85, 92, 113
מוטערמילך וו. 156
מוטערמילך מ 156
מונוועס 158
מיכאַאיל דער איינבינדער 75
מיכאַאיל (זע יובוועליר מ.).
מיכאַאילאָוו ד"ר 287, 288
מיכאַלעוויטש (זע איזביצקי י.)
מ. ל. דושאַן 54, 79, 84,
95, 96, 97, 113
מינדעל י. ש. 124
מיסליצקאַ 85, 92
מיסלאָווסקי 20
מיצקון י. 100
מיצקון ר. 289
מירקין א. י. 85, 92
מייטין מש. 160
מייטשיק ד. 129
מייער ש. ש. 20
מייער ל. 161
מעדעם וו. 129, 130, 131,
132, 135, 308, 361, 414,
415
מעטעליצקי ח. ש. 129, 130
מענדעלעוו 430
מענדעלעוו ז. 162
מענטשיקאָווסקי פּ. 397
מערזאָן 124
מערלינסקי ס. 51
מערקין חיים 389
מערקע 132

נ.

נאָהאָנגרודסקי ל. 157
נאָטעק 29
נאַגאָרסקי 26
נאַדעל 115
נאַזימאָוו 287
נח (זע פּאָרטנאָי).
נאַטאַן 397
נאַטאַנסאָן 21
נאַכמאַנסאָן 160
ניקאָלאַי I 29

ניקאָלאַי !!
ניר (זע ראַפּאַלקעס)
ניסן 397
ניידלין מ. 160
ניידיאָננאַרע 132
ניימאַן 132
נעווסקי 83
ניעמשאַיעוו 30
נעכאַמקין י. 152
נעמאַנסקי (זע זעלדראָוו)
נעמזער, ראַבינער 290
נעמעשאַיעוו 230

ס.

סאָלאָוויי אבר. 161, 162
סאָלאָמאָן 115, 161
כאָלאָמאָנאָוו 370, 371
סאָלאָן נ. ב. 156
סאָסין 55
סאָסקין 160
סאָקאָלאָווסקי א. 431
סאָקטלאָווסקי פאַבר. 269
סאָראָקאָ ג. וו. 75, 84, 85, 92
סאָראָקאָ ח. (געבוירן וועוויאָר) 86, 92
סאָרקין ב. 161
סאָרשער ר. 126, 127, 129
סאַבוראָוו 290
סאַיעט ג. 25, 29
סאַכאָילאָוו 28, 400
סאַפּירסאָן 161
סאַרנאַי י. 159
כולסקי ס. 86
סוויאַטלאָווסקי וו. וו. 368, 369, 411
סווידערסקי 154
כטאָן ב. 74
סטאָקלישסקי 159
סטאַרקאָוו 262, 264
סטוקמאַן י. 160
סטענצעל ב. 156
סטערינאַ ח. 160
סטערלין 430
סטריזש ר. י. 86, 92
סטושאָלקאָווסקי קל. 87, 88
סימאַ 132
סינעלניקאָוו אבר. 161
סלאַווין 389
סלאַווין אבר. 156
סלאָבאָדאָוו מ. 153
סלוצקאַ ב. 86, 92
סלוצקי מ. 26, 28, 29
סלוצקי ש. 86, 92
סלעפּיאַן 51, 116, 229
סמאָלענסקי פּ. 46
סנאָפּ ע. 25
סניטקאָ (אַ פּריסטאַוו) 287, 290
סעגאַל ר. 78, 115
סעגאַל ש. ר. 86, 92
סעליבער 113
כעלצאָווסקאַ 124
סעלצאָווסקי ב. ח. 129, 130
סעמעטלעוו 22
סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש, גרויספירשט 203
ספּענסער ה. 42
ספּיוואַקאָווסקי ה. ד. 55
ספּירידאָוויטש 207, 203
סקאַנאַווער ד. 159
סרעדניצקאַ מ. 54, 113

ע.

עווענטשיק 26, 28
עלטערמאַן ב. 127
עליאַסבערג ח. 233
עליאַשבערג ח. 26, 113, 127, 130
עליאַסאָן מ. 156
ענגעלס פּ. 180, 184
ענטין ה 161, 162
עפּשטיין א. 22
עפּשטיין ל. צ. 129, 130
עפּשטיין מ. 25
עפּשטיין י. 160, 161
עפּשטיין ש 160
עפּון מישע 161
ערליך ה. 430

פּ.

פּאָנאָרעלסקי 160
פּאָדאָלסקי 229
פּאָראָלעווסקאַ י. 159
פּאָז ס. 161, 162
פּאָזין מ. 156
פּאָזנאַנסקי י. ק. 409
פּאָטשטיוואַיאַ 430
פּאַלייעוואַ 142, 155
פּאָק ל. 161
פּאָליאַק מ. 53, 85, 92
פּאָמיאַלאָווסקי 67
פּאָפּאָוו (פּאַבר.) 259
פּאָרטנאָי א. 100, 102, 114
פּאַוועל 397
פּאַוולאָווסקי א. 53
פּאַולסאָן 324
פּוילישער א. 267
פּושעמאָווסקי פּ. 1 6
פּינסקי ד. 74
פּינעס יודע 389
פּיסאַרעוו 46, 67
פּיראַטינסקאַ פּ. 160
פּייסאַכזאָן א. 85, 92, 157
פּייקעס 114
פּלודערמאַכער ג. 162
פּלעווע 235, 272, 274, 276, 278, 282, 314
פּלעכאַנאָוו 67
פּעסקין ש. 113
פּעקלער ג. 161, 162
פּערטשיק 128
פּע־עלמאַן מ. י. 86, 92
פּערעלמאַן מ. 156
פּערלשטיין ח. 161
פּראָטאַס 156
פּרוזשינינאַ 156
פּריוו 268
פּרץ י. ל. 74

פֿ.

פאן - וואל 226, 236, 237, 253, 286, 287, 288, 289, 292
פארנבערג ק. 408
פאבריקאנט וו. 398, 399
פוטער א. 126, 127, 128
פוטער א. 132
פין א. 86, 92, 114
פין ר. 86, 92
פינקעל ב. 128
פינקלשטיין מ. 161
פינקלשטיין י. 19, 20
פישמאן ש. 159
פייגעלע 397
פייגנזאן 395, 396
פייגלשטיין מ. 157
פיינבערג ל. 114
פיינשטיין ח. 142, 152, 153, 156
פיינשטיין א. פ. 156
פעלמאן ר. 161
פראנק ב. 161
פראנקפורט מ. 115
פראקטאווניקאוו ח. 157
פרומקין א. ב. 86, 92, 129, 130
פרומקין ב. 21, 22, 23, 27, 44, 47, 61, 69, 70, 86, 92, 116, 119, 120, 129, 130, 281
פרומקין ס. 129, 130
פרומקין ח. י. (אסתר) 423
פרומקינא פ. 86, 92
פריד ח. 130
פרידלאנד ב. 398
פרידלאנד צ. 430
פרידמאן א. 84, 86, 92
פרידמאן י. 160
פרידמאן ר. 87, 115
פרענקעל 116
פרענקעל ז. 267
פרענקין א. 86, 92

צ.

צונזער 23, 24
ציטראן ב. 86, 92
צינבערג ס. ל. (ישראל) 44, 46
צייטלין אל. 161
צייטלין ב. 159
צייטלין ס. ל. 142, 152, 155, 156
צייטלין י. 154
צעמאכאוויטש 114
צעפרינסקא-צעקאווא א. 86, 92

ק.

קאבעלניצקא פ. 160
קאגאן מ. 258, 259, 260
קאגאן נ. 55
קאוואליק ס. 129, 130
קאוואלזאן ל. 160
קאוואל א. 158
קאטשאנאוויטש וו. 86, 92
קאטשאנאוויטש נ. 85, 92
קאיגען (יונה) 416, 429
קאליא 132
קאן פ. 20
קאניוקאוו וו. 160
קאסאווסקי זע לעווינסאן מ
קאסטיטשענקא - קאוואלטשיק 267
קאסטאליאנעץ א. 162
קאפעלזאן ז. 53, 54, 74, 113
קאראבאטשקין 156
קאראבאטשקינא ב. 142, 156
קארנילאווא ל. 21
קאנאן י. 156
קאגאן מ. 160
קאנאן יא. 156
קאווסקי ק. 192
קאזאנאווסקא פ. 160
קאזארנאווסקי נ. 129
קאיראווסקי ד. 85, 92
קאמינער ד"ר 45, 46
קאמערמאכער מ. 35, 92
קאנטאר 240
קאנטאר מ. ח. 142, 156, 389
קאנטאר ר. מ. 49
קאנטאראוויטש וו. 430
קאנטאראוויטש 116
קאפלאן א. 124
קאפלאן ד. 85, 92
קאפלאן ר. 85, 160
קאפלאן ח. 92
קאפלאן י. 128, 131
קאפלינסקי י. מ. 75, 85, 86, 92, 100, 115
קאפעליוש זע קיווין
קאץ א. 159
קאץ 113
קאץ ד. 79, 94, 95, 115
קאץ י. 157
קאץ ש. 83
קאצענעלסאן י. 86, 92, 128
קאראקאזאוו 9
קארטון ש. 161
קארפאוויטש פ. וו. 152
קארפעלעס א. 161, 162
קוטאס א. 157
קויראנסקי 157
קונין 237, 238, 239
קונין א. 389
קוקוי 142
קוקליע ד. 161, 162
קושליאן י. 157
קושעלעווסקא ה. זע גורוויטש העלענע
קוויאטעק י. 156
קיבריק 41, 42
קיווין ס. 397
קיטאיעוויטש ג. 123, 125, 127
קיל א. 262

קיסעל ח. 127, 128
קירושניץ א. ד. 49, 423
קייזער ש. 85, 92
קלאָפּאָוך ש. 158
קליאַטשקאָ א. 21, 25, 27, 28
קליוואַנסקי 132
קליס ד. (גאָזשאַנסקאַ) 74, 114
קליימאַן ח. 161
קליינערמאַן 85
קלעמבאָצקאַ 25
קעסעל ח. 129, 130
קראַוועצקי י. 159
קראַפּיוונער 74
קראָל ג. 157
קריגעל מערע 85, 86, 92
קריטסקי 266
קרעלמאַן מ. 157
קרעמער א. 54, 74, 78, 79, 82, 83, 85, 90, 91, 92, 113, 115, 121
קרעמער מ. 25, 26, 29

ר.

ראָמאַלער ל. 53, 86, 92
ראָדקין פּ. 129
ראָדקינסאָן ה. 45
ראָזאָווסקי ר. 159
ראָזין א. 398, 399
ראָזין י. 162
ראָזענבאַום ה. 160
ראָזענבאַום מ. 157
ראָזענבלום ב. 130
ראָזענבערג א. 74, 114
ראָזענהויז א. 129, 130
ראָזענטאַל א. 74, 100, 102,
ראָזענטאַל פּ. 74, 95, 97, 100, 102, 158, 376, 416
ראָזענפעלד ה. 160
ראָטשטאַט י. 156
ראָכלין ח. 161
ראָלניק 121
ראָם י. 27, 28, 29
ראָמאַנאָוו 317
ראָסמאָווסקי י. נ. 157
ראָקשאָן ל. 159
ראַבינקאָוואַ ר. 142, 156
ראַבינאָוויטש א. 45
ראַבינאַוויטש—טשערנע מ. 25, 26, 29
ראַבינאָוויטש נ. 23, 24
ראַבינאָוויטש ס. 124, 127, 132
ראַוויטש אַ. 25, 29
ראַוויטש ס. 25, 29
ראַטאַיעוו 203, 235, 262
ראַטנער ד. 129, 130
ראַטנער מ. ב. 398, 399, 400, 401, 402
ראַכלין ד. 161
ראַסקין 431
ראַפּאַפּאָרט ר. 161
ראָפּאַלקעס 430
ראַפּעס מ. 364, 366, 382, 429, 430
רובין א. 51
רובינשטיין י. 129, 130
רובענטשיק א. 129, 389
רודערמאַן 129
רוטמאַן וו. 157
רוטמאַן ל. 162
רוטשטיין י. 26
רוטשטיין ד. 26
רומיאַנצעוו פּ. 86, 92, 128
רוסאָוו 309
רוסאָניק ב. 162
ריוולין 296
ריזשוי ל. 267
רימאַן א. 25, 29
רימערמאַן י. 156
ריסקינד ק. 86, 92
ריסקינד א. 356
ריק ל. 161
רייך א. 157
רייסקי ה. 157
רייסקי ד. 156
רעגענווער איציק 86, 92
רעזניק י. 53
רענזין ל. 160
רעסעל 269

ש.

שאָכעט י. 161 162
שאָסטאַק א. 129, 130
שאָסטאַק ב. 86, 92
שאַראָווסקי י. 142, 152, 153, 154, 156
שאַיעוויטש ח. 263, 265, 266, 267, 268, 269, 270, 271, 273, 274, 275, 276, 279
שאַכנאָוויטש ה. 127, 128, 130, 206, 208
שאַכנאָוויטש פּ, 128, 130
שאַליט וו. 160
שאַנטיר 26
שאַפּיראָ י. 85, 160
שאַפּיראָ ש. 157
שוואַלאָוו 259, 264, 266
שולמאַן פּ. 397
שולמאַן ש. 397
שוואַרץ א. 157
שוואַרץ ב. 86, 92
שטיף נ. 398
שטיינבערג יהושע 23
שטיינגלאַס י. 50
שטעסעל א. 113
שטשעדרין 56
שילער 46
שימשעלעוויטש ר. 157
שיינע חיה 262
שיינדלין 430
שלאום 157
שלמה 191
שמואל ד. שוואַרצער ז. קאַץ ש.
שמואַלעוויטש 51
שמואלזאָן ב. 86, 92
שמידט פּ. 331.
שמעון 397
שמעוני (זע ראָבין ש,)

שעוועלעווא ז. 159
שעוועלעווא א. 159
שעלער-מיכאַילאָוו 67
שעקספּיר 46
שערעשעווסקי (פאַבריקאַנט) 181, 183, 133
שערעשעווסקי 45
שערמאַן 85, 86, 92, 128, 130
שפּור 162, 261
שקאָלניקאָוו 154, 156
שקאָלניקאָווא ז. 156
סקלאָווסקא 129, 130
שקלאָווסקי א. 129, 130
שראַם 234
שרייבמאַן ש. 158